STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05896

DI MARANEN-MISHPOHEH DA SILVA

S. Apter

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמשון אַפּטער

די מאַראַנען־משפחה דאַ סילוואַ

וועלט
ראַט
פֿאַר ייִדיש
און ייִדישער
קולטור

ביכער־סעריע
פֿון וועלטראַט
פֿאַר ייִדיש
און ייִדישער
קולטור

SERIES OF BOOKS
PUBLISHED BY THE
WORLD COUNCIL FOR
YIDDISH
AND JEWISH CULTURE
Israel ישראל

לזכרון

גיטעלע פיזעל־קאַנער ע״ה,
וואָס איר ליבשאַפט איז געווען
ייִדיש לשון און ייִדישער חינוך פאַר
וועלכע זי האָט געווידמעט איר לעבן

שמשון אַפּטער

די מאַראַנען־משפחה דאַ סילוואַ

היסטאָרישער ראָמאַן פון די אנוסים אין
בראַזיל און פּאָרטוגאַל אין אָנהייב 18טן י״ה

אַרויסגעגעבן דורכן
וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור

פאַרלאַג י.ל. פּרץ ישראל

תל־אביב, תשמ״ב — 1982

Copyright 1982
by SAMSON APTER
66-66 Thornton Place
Rego Park, N.Y., 11374

I.L. Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel-Aviv, ISRAEL
פאַרלאַג י.ל. פּרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14

Printed in Israel 1981

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א



ערשטער קאַפּיטל

עס איז געווען אַ זונטיק אין דער פרי. די קלויסטער־גלאָקן האָבן גע־קלונגען שטיל און פייערלעך. די קלאַנגען האָבן אָפּגעהילכט אין דער פרי־מאָרגנדיקער שטילקייט מיט אַ פאַרכטיקן ציטער, אַריינגעדרונגען אין די הייזער, גערופן די איינוווינער פון דער שטאָט ריאָ דע זשאַנייראָ צו דער זונטיק־מעסע.

אויף דער ליידיקער גאַס, וואָס האָט געפירט צום באַרג פון הייליקן אַנטאָני האָבן זיך שוין געגומען ציִען מיט פּאַמעלעכדיקע טריט די פאַר־נעמסטע משפחות פון שטאָט, אָנגעטאָן אין קליידער פון סאָמעט און זייד.

פון די אַרומיקע נאָענטע און וויַיטע קלויסטערס מיט די שטיינערנע פאַרקאַנעס אַרום, האָבן זיך געצויגן רייען מיט מאָנאַכן: יעזויִטן מיט שאַרף פאַרשפּיצטע פּנימער, באַרוועסע קאַרמעליטן, פראַנציסקאַנער אין לאַנגע באַגאַרטלטע כאַלאַטן מיט קאַפּטיכער אויף די קעפּ און מיט לעדערנע סאַנ־דאַלן אויף די פיס.

עס האָבן זיך אויך געצויגן מאָנאַשקעס אין שוואַרצע און ברוינע כאַלאַטן מיט שטייפע ווייסע קאַפּטיכער אויף די קעפּ, וואָס האָבן פאַרהילט זייערע בלאַסע, אויסגעצערטע פּנימער. גרויסע שוואַרצע צלמים מיט דעם געשטאַלט פון דעם געקרייציקטן זענען געהאָנגען איבער זייערע ברוסטן.

די משפּחה פון זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך אויך געגרייט צו גיין אין קירך, נישט בלויז בייצווזיין דאָס אויפנעמען פון דעם נייעם בישאָף, נאָר אויך ווייל זיי האָבן געדאַרפט טויפן און געבן אַ נאָמען זייער ניי־געבוירענעם זון.

דאָנאַ לאַורענסיאַ דאַ סילוואַ, די קימפּעטאָרין, איז געלעגן אויף הויכע קישנס אין איר הימלבעט, וואָס איז געווען פאַרצויגן אויף די פיר בעטזיילן מיט האַלבע פאַרהענגלעך. זי האָט געאָטעמט שווער. די מראה פון איר לענג־לעך פּנים איז געווען קרענקלעך בלאַס, בלויז די פאַרשפּיצטע קינבאַקן האָבן געגליט מיט אַ לעבעדיקער קאָליר. זי האָט זיך געפּרוּווט אויפהויבן

פון איר געלעגער און נישט געקאָנט, ווי דער חשק צום לעבן וואָלט זיך אויסגעשעפּט אין איר.

די הייבאַם, אַן עלטערע פרוי אין אַ ווייסער קופקע מיט אַ שוואַרצן צלם אויף דער ווייסער שירץ, האָט געוויקלט דאָס קינד אין אַ קישן מיט טייערע בלויע שפּיצן באַזוימט.

— אַזאַ מזל זאָל ער האָבן דאָס גאַנצע לעבן, ווי זיין שטערן וואָס שיינט אין הימל, דאָס ערשטע קינד געטויפט צו ווערן אין קעגנוואַרט פון אונדזער נייעם בישאָף, — האָט די הייבאַם גערעדט צו דער קימפּעטאָרין, איר צו געבן אַ ביסל קוראַזש זי זאָל זיך קענען אויפהייבן פון געלעגער.

דאָנאַ לאַורענסיאַ האָט אויף דער הייבאַמס רייד גאָרנישט געענטפערט. אירע אויגן זענען געווען געווענדט צו די לאַנגע שמאָלע פענצטער פון דעם רחבותדיקן צימער. די לאַנגע פענצטער פאַררונדיקט פון אויבן, זענען געווען אַ ביסל געעפנט. די טיולענע דורכזיכטיקע גאַרדינען האָבן זיך לייכט געוויגט פון דעם לינדן, שפּעט-זומערדיקן ווינטל און אָנגעפילט דאָס צימער מיט די ריחות פון די צייטיקע פרוכטן פון די אַרומיקע גערטנער און סעדער.

— זעט נאָר ווי ער האַלט דאָס הענטעלע ביי דער גאָמבע מיט אַ פויסטל ווי אַן אמתער ריז. ער וועט שוין איין מאָל זיין אַ פּאָרטוגעזישער ריטער, וואָס די וועלט וועט זיך רימען מיט אים... — האָט די הייבאַם געזאָגט און צוגעטראָגן דאָס קינד צו דער מוטער.

דאָנאַ לאַורענסיאַ האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ פון פענצטער אַוועק, געכאַפּט אַ קוק אויף דעם שלאָפנדיקן קינד. דאָס הענטל איז טאַקע געלעגן מיט אַ פויסטל ביים קינדס מויל. לאַורענסיאַ האָט פּאַמעלעך אַוועקגענומען דאָס הענטעלע און עס צאַרט אַוועקגעלייגט אין אַ זייט. דאָס נפשל האָט אומרויִק אַ קוועטש געטאָן מיט זיינע פאַרקנייטשטע שלאָפנדיקע ברעמען.

— זייט אַזוי גוט, פאַרמאַכט דאָס פענצטער. די דרויסנדיקע לופט מאַכט מיך פיבערן, — האָט די קימפּעטאָרין געזאָגט און מיט אַ טיכל אָפּגעווישט דעם קאַלטן שוויס פון איר שטערן.

די הייבאַם האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד אין וויגל און איז אַוועק צומאַכן דאָס פענצטער.

די גלאָקן-קלאַנגען פון די קלויסטערס זענען מיט אַ מאָל איינגעשטילט

געוואָרן. עס האָט זיך בלויז געהערט אַ ווייטלעכער אָפּקלאַנג, וואָס האָט ווי דורכגעלעכערט די דיקע ווענט.

— אפשר זאָל איך אַריינרופן סענהאָר מענדעס דאַ סילוואַ, אייער מאַן?

— האָט די הייבאַם געפרעגט אַ פאַרזאָרגטע.

דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט געעפנט דאָס מויל. אַ קרענקלעכער שמייכל האָט זיך צעלייגט אַרום אירע מויל־ווינקלען. אירע אויסגעלאָשענע אויגן זענען אָנגעצונדן געוואָרן מיט אַ לעבעדיקער ליכטיקייט.

— יאָ, זייט אַזוי גוט, רופט אים אַריין.

די הייבאַם האָט זיך געלאָזט צו דער אָפענער טיר.

אויף דער שוועל איז שוין פון פריער געשטאַנען מענדעס דאַ סילוואַ און אַלץ געהערט.

די הייבאַם האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק און זיך פאַרנייגט.

— סענהאָר דאַ סילוואַ, איך האָב געטאָן אַלץ זי אַרויסצונעמען פון בעט, זי זאָל זיין ביים טויפן פון איר קינד. איך ווייס שוין אַליין נישט וואָס ווייטער צו טאָן זי צו שטעלן אויף די פיס, — האָט די הייבאַם זיך באַקלאָגט.

זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ, דער בעסטער אַדוואָקאַט פון ריאָ דע זשאַניי־ראָ, איז איצט געשטאַנען ווי אַ הילפלאָז ייִנגל, פאַרלוירן, און זיך צוגעהאַלטן ביי דער ראַם פון טיר.

ער איז געווען אַ הויכער מאַן מיט אַ שאַרף, לענגלעך, אַליוו פּנים. דאָס צוגעשוירענע גאָמבע־בערדעלע, מיט די פאַרשפּיצטע וואָנסעס האָט אים געגעבן דעם אויסזען פון אַן עכטן, פּאָרטוגעזישן אַדלמאַן.

ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט טיפער אַריין אין צימער. ער האָט געעפנט זיין פאַרקנעפּלטן טוניק, לויז געמאַכט זיין געפאַלדעוועטן שטייף־ווייסן קאָלנער, וואָס איז געלעגן ווי אַ רינג אַרום זיין האַלדז.

— זי וועט זיך דאַרפן אָנטאָן און גיין מיט אונדז, זי וועט מוזן, — האָט ער שטיל צו זיך געמורמלט. ער האָט זיך אומגעקערט און צוגעמאַכט די טיר. ער האָט זיך אומרויִק אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין זיכער, אַז ער איז אַליין מיט זיין ווייב אין צימער.

ער איז צוגעגאַנגען צום בעט, זיך אָנגעזעצט צופוסנס, זיך איינגע־בויגן און אָנגענומען איר בלאַסע, קאַלטע האַנט.

— לאָורענסיאַ טייערע, דו מוזסט זיך שטאַרקן, דו ווילסט דאָך נישט ברענגען קיין אומגליק אויף זיך און אויף דער גאַנצער משפחה... — האָט מענדעס דאַ סילוואַ גערעדט צו איר מיט אַ געבעט און צוגעפּרעסט זיין מויל צו אירע לאַנגע פינגער.

זי האָט גענומען גלעטן מיט דער צווייטער האַנט די האָר פון זיין קאָפּ.

— איך קען זיך נישט שטעלן אויף די פיס. איך וועל חלשן אין קירך און דיך פאַרשעמען, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט מיט אַ וויינענדיקער שטימע.

— זיי וועלן דאָס אויסטייטשן, אַז דו האָסט זיך געמאַכט קראַנק, אַז דו ווילסט נישט זיין ביים טויפן פון דיין אייגן קינד, ווייל דו ביסט געבליבן אַ יידישע און דו ווייכסט פון דעם נייעם בישאָף.

— יאָ, איך בין געבליבן אַ יידישע פרוי. עס וויינט אין מיר דאָס האַרץ, וואָס איך קען נישט יידישן מיין קינד איידער דו פירסט עס טויפן אין קירך. ווי לאַנג וועל איך אַזוי קענען פירן אַ פאַלש, טאָפּלט לעבן און דערציען קינדער אויך אַזוי, — האָט זי געביטערט און פון אירע אויגן האָבן גערונען טרערן.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט אָפּגעווישט אירע טרערן מיט אַ טיכל און געקושט אירע פייכטע, פיבערדיקע באַקן.

וואָס קענען מיר טאָן? אונדזערע עלטערן זענען נישט אַוועק, ווען אַלע יידן האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד בראַזיל מיט יאָרן צוריק. נאָר זיך געשמדט. מיר זענען דאַ געבוירן געוואָרן ווי פאָרטוגעזער. דאָס איז אונדזער היים. פאַר וואָס זאָלן מיר זיך אַליין אומברענגען?

— איך קען נישט, איך קען נישט, מיינע פיס ברעכן זיך פון דער פאַלשער לאַסט. פאַר וואָס האָבן זיי מיך באַרויבט פון מיין גלויבן, — האָט לאָורענסיאַ אַריינגעהעשעט אין איר קישן.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען שפּרייזן איבערן צימער, זיך ווידער אָפּגעשטעלט ביים בעט, אָנגענומען איינעם פון די אויס־געטאָקטע זיילן פון הימלבעט. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, ווי ער וואָלט געשטאַנען אין אַ טריבונאַל ווי דער גרויסער אַדוואָקאַט. דער גאָלדענער רינג מיט דעם רובינשטיין אויף זיין האַנט האָט אַ פינקל געטאָן.

— דאָס זענען אַלץ רייד, רייד. וואָס וועלן מיר האָבן, אַז מיר וועלן

שוין פאַרברענט ווערן אויפן שייטער־הויפן, דאָס גן־עדן? עס איז דאָך אַן אומזין. אפשר וועלן אונדזערע קינדער, קינדס־קינדער דערלעבן אַ בע־סערע צייט, — האָט דאַ סילוואַ שווער אָפּגעזיפצט.

— ביז דעמאָלט וועט שוין נישט זיין קיין זכר פון אונדז, און די אָפּ־שטאַמיקע פון אונדז וועלן העלפן פאַרברענען די, וואָס האָבן זיך איינגע־שפּאַרט און געבליבן ייִדן, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט און געקילט מיט די קאַלטע הענט אירע גליִענדיקע באַקן.

מענדעס דאַ סילוואַ איז האַסטיק צוגעגאַנגען צום זייט פון איר בעט, זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני און אָנגעכאַפּט אירע הענט.

— באַרויִק זיך, טייערע! דאָס איז איצט דיר אַזוי ביטער אויף דער נשמה, ווייל דו האָסט געהאַט אַ שווער האָבן, אַז דו וועסט דיך באַרויִקן, וועסטו ווייטער אַזוי גרינג לעבן ווי עס לעבן די מיינסטע פון אונדזערע ניי־קריסטן און נישט צעשטערן אונדזער לעבן.

לאָורענסיאַ האָט שווער און טיף אָפּגעזיפצט און זיך אַ דערשראָקענע געטוליעט אין איר מאַנס אָרעמס.

— ווי קענען מיר אַזוי ווייטער לעבן, זיין כסדר אין פאַרדאַכט, נאָר מורא האָבן פאַר מסירות, פאַר אַ בלבול, — האָט זי שטיל געפּליסטערט.

— טאָקע דערפאַר דאַרפן מיר זיין פרימער ווי אַנדערע. מיינסט, אַז דער בישאָף איז געקומען אַהער קיין ריִאָ בלויז פריידיקן. ער איז געקומען אַרויס־צורייסן די בעסטע פון אונדז און זיי שיקן קיין ליסאַבאָן צו דער אינקוויזיציע.

ער איז געבליבן שטיל, געקוקט מיט אַרויסגעשטאַרטע דערשראָקענע אויגן אין דער ווייטקייט אַריין.

— וועסט זען וואָס דאַ וועט זיך אָפּטאָן אין אונדזער שטילער שטאָט. איך וועל עס נישט איבערלעבן, אויב עפּעס וועט פּאַסירן מיט דיר, — האָט מענדעס דאַ סילוואַ געזאָגט און צאַרט געדריקט זיין פרוי צו זיך, ווי זי צו באַשיצן פון אַל דאָס שלעכטס.

— באַמי זיך, מיין טייערע, שטרענג זיך אָן, אפשר וועסטו זיך פאַרט קענען שטעלן אויף די פיס.

ער האָט אויפגעהויבן דאָס איבערבעט, אָנגענומען אירע פיס און זיי אַרונטערגעלאָזט פון בעט. אירע פיס האָבן אָנגערירט דעם טעפּעך, וואָס איז

געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן דיל. ער האָט אָנגעטאָן די שטעקשיך אויף אירע בלייכע פיס.

— קום צום פענצטער, וועסטו זען ווי די זון שיינט און וואַרעמט מחיה־דיק. דיינע קינדער שטייען שוין ביי דער קאַרעטע און וואַרטן אויף דיר.

ער האָט זי אויפגעשטעלט. דאָס לאַנגע, ווייסע נאַכטהעמד, באַזוימט מיט שפּיצעלעך, איז געפאַלן אַרונטער ביז צו אירע קנעכלעך. די פעך־שוואַרצע האָר האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אירע אַקסלען. זי האָט צוגעטאָן איר האַנט צום קאָפּ. עס האָט איר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. ער האָט זי צאַרט אָנגענומען ביים אָרעם און אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל.

— וועסט זען, טייערע, ווי אַלע וועלן אונדז היינט באַוווּנדערן. איך האָב צו דער געלעגנהייט פאַרפאַסט אַ הימנע, וואָס דער כאָר וועט היינט זינגען אין קירך.

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט און אַרויפגעקוקט צו אים מיט אירע טרויע־ריקע אויגן.

— דו שפּילסט זיך מיט פאַרפאַסונגען צו פאַרבלענדן מענטשן די אויגן. זיי גלויבן דיר סיי ווי נישט. די אַלע וואָס לויבן דיך, וועלן די ערשטע אונטערוואַרפן אַ קינדל אונדז צו פאַרבערענען...

— ניין, טייערע, איך האָב עס אויפּריכטיק געפילט. עס איז אַ געזאַנג צום באַשאַפער און זיין זון יעזוס, דעם דערלייזער, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גענאָד צו אונדז — האָט איר מאַן געזאָגט מיט אַ שטילער ציטערנ־דיקער שטימע.

— אַך, וואָס דיר פעלט אין צו טאָן, — האָט זי געשאָקלט אומצופרידן מיטן קאָפּ.

ער האָט זי צוגעפירט צום פענצטער. אונטן ביים טויערדיקן אַריינפאַר צום הויז איז געשטאַנען זייער טונקעלע קאַרעטע איינגעשפּאַנט מיט צוויי פאַר פערד. דער קוטשער מיטן בייטשל אין האַנט האָט געשטיפּט מיט דער דינסט. זייערע צוויי טעכטערלעך, איינס מיט אַ קאָפּ העכער ווי דאָס אַנדערע, האָבן געוואַרט לעבן דער קאַטש אומגעדולדיק. זיי האָבן יעדע ווײַלע אַרויפ־געקוקט צו די פענצטער צו זען צי זייערע עלטערן קומען שוין אַרונטער.

זיי זענען געווען אויסגעפּוצט אין ווייסע זיידענע קליידלעך מיט שפּיצעלעך און פאַלדן, זייערע קעפּעלעך פאַרשלייערט מיט בלומען־קרוינען און נאָכ־הענגענדיקע שלעפּעס, ווי ביי יונגע כּלות.

די קלויסטער־גלאָקן האָבן מיט אַ מאָל אויפגעהערט קלינגען. עס איז פּלוצעם געוואָרן אַזוי שטיל ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט פאַרטייעט געוואָרן פון אַן אומגעריכטער אימה. באַלד האָט זיך גענומען הערן דאָס פלינקע קלאַפּן פון פערדישע קאָפּעטעס און דאָס רעדלען פון אַ קאַרעטע אויפן שטיי־נערנעם ברוק.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט געעפנט דאָס פענצטער. פּונקט דעמאָלט האָט אויף דער גאַס פאַרבייגעשוועבט אַ שוואַרץ־באַגילדטע קאַרעטע מיט פיר פּאָר פערד נאָשפּיץ. דער רויטער שאַרף פון בישאָפס מאַנטל האָט אַ בלענד געטאָן פאַר זייערע אויגן.

די פאַרזאַמלטע מענטשן ביי די טראָטואַרן האָבן אַנידערגעקניט. אויך זיין קוטשער און דינסט. זיינע טעכטערלעך האָבן אויסגעשפּרייט זייערע געפאַלדעוועטע קליידלעך און זיך פרום אַרונטערגעלאָזט אויף די קני.

— איצט מוזן מיר זיך שוין איילן, — האָט מענדעס דאַ סילוואַ געזאָגט.

דאָנאַ לאַורענסיאַ האָט שווער אָפּגעאָטעמט. אירע שוואַכע פיס האָבן זיך ווידער גענומען ברעכן אונטער איר. זי איז געבליבן הענגען שווער און שלאַבעריק אויף איר מאַנס אָרעם. ער האָט זיך פלינק איינגעבויגן, זי אויפ־געהויבן אויף זיינע הענט און זי צוגעטראָגן צום בעט.

— נו, באַרויִק זיך, טייערע. איך וועל שוין צופאָרן אַליין אָן דיר, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט צו זיין ווייב און מיט אַ געזונקענעם קאָפּ זיך געלאָזט צו דער טיר. ער האָט זי לייכט געעפנט, די הייבאַם האָט געמאַכט עטלעכע פלינקע טריט אויף צוריק. זי האָט זיך פאַררויטלט, וואָס מען האָט זי געכאַפּט ביי דער שוועל זיך איינצוהערן אין דעם אינטימען געשפּרעך פון מאַן און ווייב.

— קומט אַהער, זייט אַזוי גוט. מאַכט גרייט דאָס קינד, מיר וועלן מוזן גיין אין קירך אָן איר. די געווינערין איז זייער קראַנק, — האָט מענדעס דאַ סילוואַ געזאָגט זייער שטיל.

די הייבאַם האָט זיך אויף גיך איבערגעצלמט, טיף און שווער אָפּגעזיפצט.

— דאָס קינד איז גרייט. איך וועל בלויז אַריינשיקן מיין טעכטערל זי זאָל בלייבן מיט דער קימפּעטאָרין, — האָט די הייבאַם געזאָגט און זיך געלאָזט צו דער קוואַרטיר פון דער דינערשאַפט.

מענדעס דאַ סילוואַ איז געשטאַנען אַ ווײַלע צעטומלט, נאָכגעקוקט די שווער־לייביקע דינסט. האָט זי עפּעס געהערט פון דעם געשפּרעך, וואָס ער האָט פאַרפירט מיט זיין פרוי? פאַרדעכטיקט זי די סיבה פון זיין ווייבס קראַנקייט? ער איז געווען זיכער, אַז זי, די הייבאַם האָט זיך אונטערגעהערט די גאַנצע צייט פון זייער געשפּרעך. איז דאָס געווען בלויז פון ווייבערישער נייגעריקייט? אָדער איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן פון זיינע שׂונאים, אים נאָכצושפּירן און אַלץ איבערגעבן דער אינקוויזיציע? סיי ווי וועט ער דאַרפן וואָרענען זיין פרוי צו זיין פאָרזיכטיקער.

ער האָט נאָך שווערער און פאַרזאָרגטער געזונקען זיין קאָפּ און זיך פּאַמעלעך געלאָזט צום קליינעם אַלטאַר, וואָס איז געווען איינגעריכט נישט ווייט פון שלאָפצימער.

אין דעם טונקעלן קאָרידאָר וואָס האָט געפירט צו דעם אַלטאַר האָט זיך שוין געזען דער צאַפּלענדיקער שיין פון דעם שאָטנדיקן אייללעמפּל, וואָס האָט באַלויכטן דעם באַגילדטן באַלדאַכין. די פון האַלץ געשניצטע מאַדאָנע, מיט דעם פּעטלעכן יעזוס־קינד, וואָס זי האָט געהאַלטן צוגעדריקט צו איר בוזעם, האָט אַרויסגעשיינט מיט פאַרביקע קאָלירן. די מאַדאָנע האָט געהאַלטן פאַרלייגט איר קאָפּ צום קינדס קעפּל, וואָס האָט אַרויפגעשטראַלט און באַהעלט איר פּנים.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך הכנעהדיק אַרונטערגעלאָזט ווי זיינע פיס וואָלטן זיך איינגעבראָכן פון אַ קרענקלעכער שלאַבעריקייט, ווי ער וואָלט געזונקען מיט זיין שווערן גוף. וועט ער האָבן כּוח דורכצופירן דאָס טויפן פון זיין קינד מען זאָל נישט באַמערקן, אַז ער טוט עס אָן פרייד? ווי אַזוי וועט ער אַרויפּצי:ען אויף זיין פּנים די גליקלעכע פרייד פון אַ קריסטלעכן פאָטער, וואָס ברענגט זיין קינד דאָס ערשטע מאָל צום גלח. ער ווייסט, אַז ער וועט שוין קומען שפּעט און דאָס אַליין איז נישט איבעריק גוט פאַר זיין שטאַנד. אַלע וועלן זיך שטילערהייט שושקען אַז ער, דאַ סילוואַ, איז שוין אַזוי גרויס ביי זיך, אַז ער וואָגט צו קומען שפּעטער ווי דער בישאָף

אַליין. זיי וועלן דאָס באַטראַכטן ווי אַ פּרעכע באַליידיקונג און טרייבן אינ־טריגעס קעגן אים. וואָס קען ער אָבער טאָן? זיין פּנים איז פאַרשוואַרצט פון צער, וואָס זיין ווייב איז קראַנק און וויל זיך נישט איבערקערן מיטן גאַנצן האַרץ צו דער אמונה וואָס זייערע עלטערן האָבן אָנגענומען. זי וויל אַפילו נישט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי איז אַ פרום־גלויביקע. וואָס וועט ווערן פון זיין זון, פון זייערע קינדער, אַז די אינקוויזיציע וועט פאַרנעמען זייער מוטער און זי פאַרפייניקן צום טויט אָדער זי פאַרברענען אויפן שייטער?

— מעניגאַ! מעניגאַ! — (קינד מיינס!) האָט ער שטיל תּפילהדיק גענומען פּרעפּלען צום יעזוס־קינד, ווי ער וואָלט געזוכט אין אַלטאַר אַ באַ־שיצונג פאַר זיין ווייב און קינדער.

ער האָט געהערט הינטער זיך אַ שאַרף פון שטילע טריט. ער האָט זיך ראַפּטעם אויסגעדרייט. די הייבאַם איז געשטאַנען אין קאָרידאָר מיט זיין קינד אין אירע אָרעמס און געוואַרט אויף אים. זי האָט אויך געהאַלטן פרום פאַרלייגט איר קאָפּ צום קינדס פּנימל ווי די מאַדאָנע אין אַלטאַר.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט אויפגעציטערט פון דער זעונג. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געפּרוווט אַראָפּשאָקלען פון זיך זיינע שווערע רעיונות.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט שטילע, שלאַבעריקע טריט צוגע־גאַנגען צו דער הייבאַם.

— איך האָב זיך פאַרזאַמט אין אַלטאַר. מיר איז אַזוי שווער צו גיין אין קירך אָן מיין פרוי. וואָס וועלן מענטשן זאָגן? — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַר זיין דערשלאָגנקייט. ער האָט געקוקט אויף איר מיט דורכדרינגלעכע אויגן: איז זי אַ פריינד, אָדער אַ שונא פון הויז?

— די קימפּעטאָרין קען אָבער נישט גיין מיט אייך. איר האָט געטאָן דאָס בעסטע איר צו העלפן, אַלע וועלן דאָס פאַרשטיין, — האָט די הייבאַם געזאָגט מיט אַ משפּחהדיקער איבערגעגעבנקייט.

— איך האָף אַז זיי וועלן דאָס פאַרשטיין, — האָט מענדעס דאַ סילוואַ געזאָגט און זיי האָבן זיך מיט איילנדיקע טריט אַרויסגעלאָזט פון הויז.

צווייטער קאַפּיטל

נאָך דער זונטיק־מעסע האָט מענדעס דאָ סילוואַ זיך געגרייט אויפצו־נעמען די פאַרבעטענע געסט, פריינד און קרובים.

ער האָט געשפּאַנט אומרויִק אין זיין גרויסן אויפנעם־צימער. וועלן זיי קומען, די אַלע פאַרבעטענע געסט צו אים אין הויז אַריין? זיי האָבן שוין דאָ געדאַרפט זיין און קיינער באַוויזט זיך נישט. אויב זיי וועלן אים אויס־מיידן און נישט קומען, וועט ער וויסן, אַז זיין מערכה איז געפאַלן. דאָס וואָס ער האָט אויפגעבויט דורך די אַלע יאָרן צו האָבן פריינד צווישן די אָנגע־זעענסטע משפחות פון זיין שטאַנד, האָט זיין פרוי היינט צעבראָכן מיט איר נישט קומען אין קירך בעתן טויפן זייער זון.

דאָס גרויסע אויפנעם־צימער איז געווען באַלויכטן מיט אַ טריבער שיין. די שווערע גאַרדינען האָבן פאַרשטעלט דאָס טאָגליכט, וואָס האָט זיך גע־שפּאַרט דורך די פאַררונדיקטע, לאַנגע פענצטער. די אָנגעצונדענע וואַקסענע ליכט אין דער גרויסער מעשענער קאַנדעלאַברע, וואָס האָט אַרונטערגע־האַנגען פון דעם געוועלבטן סופיט, האָבן געטריפט מיט אַ האָניקדיקן טשאַד.

דאָס לאַנגע עסצימער מיט צווי רייען טישן, באַדעקט מיט ווייסע טיש־טעכער, איז שוין געווען באַלייגט מיט טייערן זילבער־געשיר. די לייכטער האָבן געפינקלט פון דעם פלעמענדיקן אָפּשיין פון די אָנגעצונדענע ליכט. אויף דעם געשניצטן דעמבענעם קאָמאָד איז געשטאַנען אַ גרויסע מנורה מיט געריננגלטע קנעפּ. די מנורה איז געווען אַ ירושה פון זיין טאַטן, וואָס האָט נאָך געלעבט בעת די ייִדן זענען דאָ געווען פריי אין דער צייט פון דער האָלענדישער הערשאַפט אין רעציפע.

ער האָט זיך מיט אַ מאָל געכאַפּט, אַז זיין הויז זעט טאַקע אויס אַנדערש ווי אַלע הייזער פון זיינע קריסטלעכע פריינד. אַלץ איז געבליבן ווי אַ מאָל אַזוי ווי ביי זיינע עלטערן, ווען זיי האָבן געוווינט אין רעציפע. שולדיק איז בלויז זיין ווייב וואָס דאָ אין הויז האָט זיך אַלץ אַזוי ווינציק געביטן. בלויז די קליינע קאַפּליצע מיט דער מאַדאָנע און קינד, וואָס ער האָט אַריינ־

געשטעלט, ווי עס איז דער שטייגער ביי אַלע זיינע רייכע פריינד דאָס צו האָבן אין זייערע הייזער. פאַר וואָס האָט ער ביז איצט נישט באַמערקט דעם יידישן אויסזען פון זיין הויז?

די מנורה מוז ער שוין אַרויסנעמען פון דאַנען. ביי די איינגעלאַדענע געסט וועט זיך גלייך פאַרשטאַרקן דער חשד, אַז באַהאַלטענערהייט איז ער נאָך אַלץ געבליבן אַ ייד. איז ער געווען בלינד דאָס נישט צו זען פריער? ווי האָט ער געקענט דערלאָזן אַזאַ חפץ זאָל שטיין ביי אים אין אויפנעם־צימער?

ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דעם קאָמאָד. ער האָט מיט די פינגער אויסגעלאָשן די ליכט. ער האָט דערפילט דעם ברי פון די פלעמלעך, וואָס ער האָט פאַרלאָשן. עס האָט אים אָבער נישט געאַרט. ער האָט שוין אַפילו נישט קיין מורא פאַר זיין ווייב, וואָס וועט אים דאָס נישט מוחל זיין.

ער האָט אַ נעם געטאָן די מנורה, זי פאַרדעקט מיט זיין ברייטן כאַלאַט און זיך איילנדיק געלאָזט צו די ברייטע טרעפּ אַרויף צו די אויבערשטע חדרים. ער איז געלאָפן גיך, די דינערשאַפט זאָל אים נישט באַמערקן.

אין דעם קאָרידאָר וואָס האָט געפירט צו די שלאָפצימערן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אין זיין פּרויס צימער איז געווען שטיל. ער האָט בלויז געהערט איר אומרויִק שווער אָטעמען. ער האָט דערפאַר גענומען שפּאַנען אויף די שפּיץ פינגער נישט צו שטערן זיין פרויס קרענקלעכן שלאָף.

ער איז אַוועק צו דעם טונקעלן ווינקל פון דער קאַפּליצע. ער האָט פאַמעלעך געעפנט אַ זייטיקע קאַמער, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט אַלטע אומנויטיקע הויז־חפצים. זיין פרוי האָט די זאַכן נישט געוואָלט אַרויסוואַרפן. ער האָט גענומען אַרויסשלעפּן פּעק מיט אַלטע ברוכוואַרג: פאַרשוואַרצטע שטיקער זילבער, בשׂמים־ביקסלעך, שימל־פאַרגרינטע מעשענע פלאַטעס, קופער־שטיכן מיט העברעיִשע אותיות. אויך ספרים מיט לעדערנע צעריסענע איינבאַנדן, פּרוכתן, מענטעלעך פון ספר־תורות מיט גאָלד־געשטיקטע לייבן, וואָס האַלטן די עשׂרת־הדברות, צווישן זיי אויך אַ סאַמעטענעם זעקל מיט טלית און תּפילין.

צו וואָס האַלט מען די אַלע זאַכן ביי אים אין הויז? ער וועט דאָס אַלץ פאַרניכטן און אָפּווישן יעדן חשד, וואָס קען ברענגען אומגליק אויף זיין

הויזגעזינד. זיין פרוי וועט מוזן פאַרשטיין, אַז זיי וועלן זיך מוזן שיידן מיט די אַלע חפצים, אומגויטיקע ירושה־זאַכן.

עס האָט מיט אַ מאָל אַ שיין געטאָן פאַר די אויגן אַ ספר מיט אָפּגעריבענע גאָלדענע אותיות אויפן לעדערנעם רוקן. ער האָט דאָס ספר אויפגעהויבן. עס איז געווען אַ תּנ״ך געשריבן מיט קאַליגראַפישע כּתב־אותיות. ער האָט זיך דערמאָנט אַז זיין פאָטער האָט דעם ספר געהאַלטן זייער טייער. ער האָט גענומען מישן די געל־געקנייטשטע בלעטער. די לויכטנדיקע ווערטער האָבן אַרויסגעהעלט מיט אַ שריפט, וואָס ער האָט שוין מער נישט געקענט לייענען.

אויף דער לעצטער זייט איז געווען פאַרשריבן מיט זיין פאָטערס האַנטשריפט אין פּאָרטוגעזיש דער טאָג פון זיין, מענדעס דאַ סילוואַס, געבוירן, אויך די נעמען און די טעג פון זייערע שׂמחות פון זיין גאַנצער משפּחה.

זיינע הענט האָבן גענומען ציטערן. זיין האַרץ האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן. ער האָט געפילט, אַז זיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדן מיט פיבער.

ער האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס ברוכוואַרג און פאַרשלאָסן די קאַמער. ער האָט זיך געלאָזט צו זיין קליינעם קאַבינעטל, וואָס ער האָט גענוצט פאַר זיין אַדוואָקאַטישער אַרבעט ביי זיך אין הויז.

אין דעם פאַרמאַכטן צימערל, פול מיט ביכער אין די שענק, האָט זיך מענדעס דאַ סילוואַ אָוועקגעזעצט. ער האָט אַרויפגעלייגט דאָס אָפּענע ספר אויף זיין שרייבטיש און מיט זיין גענדזענער פעדער אַריינגעשריבן דעם נאָמען פון זיין זון. ער האָט געצירקלט די אותיות: אַנטאָניאָ זשאָזע דאַ סילוואַ, געבוירן דעם אַכטן מאַי 1705.

ער האָט אָוועקגעלייגט די פעדער און געבליבן זיצן אַן אויסגעשעפּטער מיט פאַרמאַכטע מידע אויגן. ער האָט אין גאַנצן געהאַט פאַרגעסן וועגן די איינגעלאַדענע געסט, די זאָרג, וואָס זיי זענען נישט געקומען צו דער צייט, וואָס ער האָט פאַרבעטן...

עס איז אָבער באַלד צו אים דערגאַנגען אַ גערויש פון אויפנעם־צימער. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און מיט אַן אויפגעוואַכטער פרייד געגאַנגען אויפנעמען זיינע געסט.

ער האָט זיך געלאָזט מיט די ברייטע טרעפּ אַרונטער צום אויפנעם־

צימער. עס זענען אָנגעקומען די ערשטע געסט. זיי האָבן זיך אומגעקוקט, זיך ווי געחידושט, וואָס זיי זענען די ערשטע געסט. זיי האָבן אַריינגעקוקט אין עסצימער, ניין, קיינער איז נאָך דאָרטן נישט געווען.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך צוריקגערוקט. אים איז נישט ניחא געווען זיי צו באַגעגענען. די ערשטע געסט זענען געווען אַן עלטער פּאָרפֿאָלק. חנה רויז און איר מאַן העיטאָר אַנטואַנעס. זיי זענען געווען צוריקגעצויגענע אייגנטימער פֿון אַ צוקער־פּלאַנטאַציע, וואָס זיי האָבן אַ מאָל געהאַט נישט ווייט פֿון רעציפֿע. זיי האָבן נאָך געדענקט די גוטע צייטן, ווען הרב אבואב דע פֿאָנעסקאַ פֿון אַמסטערדאַם האָט אָנגעפֿירט מיט דער ייִדישער קהילה אין רעציפֿע. זייער פֿאַרמעגן און זייער ליבשאַפֿט צום לאַנד האָט זיי צוגעבונדן דאַ צו פֿאַרבלייבן און ווערן ניי־קריסטן.

מענדעס דאַ סילוואַ וואָלט זיי זיכער נישט פֿאַרבעטן, וואָרעם זיי האָבן זיך נישט איבעריק געהיט צו פֿאַרבאַהאַלטן זייער ייִדישקייט. זיי זענען אָבער געווען זיינע בעסטע קליִענטן און דורך אים, מענדעס דאַ סילוואַ, אַריינגע־בראַקט זייער פֿאַרמעגן אין אַקציעס פֿון די גאָלדמינעס, וואָס מען האָט אַנטדעקט אין דרום־מזרח פֿון לאַנד.

די געסט האָבן אים שוין דערזען און מיט גרויס פֿרייד אים אַנטקעגן געגאַנגען. דאַ סילוואַ האָט אָנגענומען אַ פֿריילעך פּנים און איז אַרונטער פֿון די טרעפּ זיי אויפֿצונעמען.

— אָ, מיינע טייערע פֿריינד. אין אַ נויט און אין צייט פֿון אַ שׂמחה דערקענט מען ווער עס איז אַ פֿריינד.

— מזל־טוב, מזל־טוב — האָבן זיי שטיל ייִדישלעך געזאָגט, ווי זיי וואָלטן אים איינגערוימט אַ סוד און אים געדריקט די הענט.

— ער זאָל זוכה זיין דערצויגן צו ווערן לחופּה ולמעשׂים טובים כּדת משה וישׂראל, — האָט חנה רויז אַ ביסל העכער צוגעגעבן.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך נישט געמאַכט הערן זייערע רייד. ער האָט אָבער באַמערקט ווי איר מאַן, העיטאָר, האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט ביסטרע, בייזע אויגן. ער האָט זיך געשטעלט צווישן זיי, ווי צו פֿאַרצוימען זיין ווייב זי זאָל מער נישט רעדן.

— מיר האָבן נישט געקענט קומען אין קלויסטער אַריין ביים געבן

אַ גאַמען אייער זון. אויף דער עלטער טוען שוין ווי די ביינער און אויפ־צוהייבן זיך פרי צו דער מעסע איז שוין שווער... איר ווערט אונדז מוחל זיין סענהאָר דאַ סילוואַ, — האָט דער אַלטער זיך פאַרענטפערט און געווישט מיט אַ טיכל זיינע פאַררויטלטע, טרערנדיקע אויגן.

— געוויס, געוויס, קיינער קען דאָס נישט פאַרלאַנגען פון אייך... — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט מיט אַן אָנשטעל ווי ער וואָלט זיי געגלויבט יעדעס וואָרט.

— יאָ, עס רעדט זיך נאָך אַזוי. איר וואָלט געדאַרפט זען ווי די ערלים קוקן אויף אונדז ווי מען וואָלט זיי געוואָלט אַרויסגנבענען די דימענטענע אויגן פון דער הייליקער מוטער, — האָט זיך חנה רויז ווידער צערעדט.

— נו, הער שוין אויף, דו ביסט דאָך געקומען צו אַ שׂמחה, — האָט דער אַלטער אַנטואַנעס געזאָגט מיט כּעס.

פון אַ זייטיקן צימער איז אַרויסגעקומען אַ שיין אָנגעטוענער שוואַרצער באַדינער. ער האָט געהאַט אַ דעליקאַט פּנים פון די אויסגעאיידלטע סודאַנער נעגערס. ער האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר די געסט און זיי געהאָלפן אויסטאָן זייערע אויבער־מאַנטלען.

דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק איז געווען רייך אָנגעטאָן אין טונקעלע זיידענע קליידער. אויף איר אַש־גרויען קאָפּ האָר האָט חנה רויז געטראָגן אַ סאַמעטן שטערנטיכל מיט דימענטענע ציטער־שפּילקעס. אַ קייט מיט אויפגעבלאָזענע גאָלדענע רינגען האָט געהאָנגען פון האַלדז אַרונטער איבער איר איינגע־פאַלענער ברוסט. פון די אויערן האָבן אַרונטערגעהאָנגען לאַנגע אוירינגלעך פון טונקל גאָלד איינגעפאַסט מיט רובין־שטיינדלעך, וואָס האָבן מיט זייער מיניענדיקן קאָליר צוגעגעבן איר פּנים אַ יוגנטלעכן רייץ. איר שאַרפע נאָז און שפּיציקע גאָמבע האָבן געוויזן, אַז זי האָט נאָך אַ סך לעבן און פיל עקשנות אין זיך.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט אַ טראַכט געטאָן פון זיין ווייב לאָורענסיאַ: עס זעט אויס אַז אויך ער, דער אַלטער אַנטואַנעס האָט אויסצושטיין צרות פון זיין ווייבס ייִדישקייט. נאָך מער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן, וואָס אין איר צירונג האָט זיך נישט געפונען קיין שום צייכן פון אַ צלם, וואָס אַ סך פון די געוועזענע ייִדן האָבן געטראָגן שוין אַ ביסל צו פיל אַרויס־געשטעלט מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי זענען באַהאַלטענע ייִדן.

דאָס פּאַרפאָלק האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינער פון די סאַמעטענע בענק, וואָס זענען געווען צוגעפּעסטיקט אַרום די ווענט, באַקלאַפּט מיט טייערן, געשניצטן האָלץ.

עס זענען אָנגעקומען נאָך געסט, אָבער אַלץ יידן, געוועזענע יידן, אָדער אָפּשטאַמיקע פון יידן ווי ער, מענדעס דאַ סילוואַ.

עס איז אָנגעקומען דער לעביונג פּיליפּע מיט זיין יונג פּאָרטוגעזיש ווייב גלאָריאַ. זי האָט געהאַט אַ לענגלעך אַליוו פּנים און פלאַכע שוואַרצע קראָען־האָר אויפן קאָפּ. זי האָט געטראָגן אַ פאַרביקן שפּאַנישן שאַל אויף אירע פעסטע האַלב־נאַקעטע אַקסלען. זי האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען מיט איר רייצנדיק אַ ביסל פאַרשייט פּנים.

ער, פּיליפּע מיט זיין ווייב, זענען אויך נישט געווען פון די וואָזשנע לייט, וואָס ער, מענדעס דאַ סילוואַ האָט געשטרעבט צו האָבן ביי זיך אין הויז. פּיליפּעס פאָטער איז געווען דער אויפמאַנער פון שלאַגבאַנד־אָפּצאָל ביים אַריבערפאָרן די בריק קיין מאַריצשטאָט אין רעציפע. פּיליפּע האָט שוין געלעבט פון לייכטע פאַרדינסטן און ווי פיל אַנדערע, געקומען צו לויפן קיין ריאָ דע זשאַניירא צו זיין נאָענט צו די גאָלדמינעס וואָס מען האָט דאָ אַנטדעקט.

עס איז אָנגעקומען דער פלאַנטאַטאָר פערנאַן דע וואַללע מיט זיין פרוי. פערנאַנס ווייב האָט שוין געטראָגן אַ שוואַרצן צלם און אַ קרענצל קרעלן מיט פאַטשערקעס אויפן דיקלעכן האַלדז, וואָס איז געווען פאַרהילט מיט אַ דורכזיכטיקן שוואַרץ־זיידענעם שאַל.

דאָס אויפנעם־צימער האָט אָנגעהויבן צו ווערן פול. עס זענען אָנגעקומען עטלעכע יונגע גלחים־יעזויִטן מיט זייער פריינד פּעדראָ אַנטאָניאָ, לאָורענסיאָס קוזין.

ער האָט טאַקע אויסגעזען אַ ביסל ענלעך צו דאַ סילוואָס פרוי, לאָורענסיאַ. ער האָט געהאַט אַ לענגלעך איידל פּנים מיט טרויעריקע, יידישע ווייכע מאַנדלאויגן. אויפן גלחישן, לאַנגן מאַנטל מיטן גאַרטל אַרום די לענדן, האָט ער געטראָגן אַ גרויסן צלם.

פּעדראָ האָט זיך דערנענטערט צו מענדעס דאַ סילוואַ און אים געדריקט די האַנט.

— וואָס מאַכט אונדזער לאָורענסיאַ, די געווינערין? — האָט ער געפרעגט און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן ווי ער וואָלט זי געזוכט.

— זי וועט נישט קענען אַרונטערקומען באַגעגענען מיינע פריינד? איך וויל זיי באַקענען מיט מיין משפחה, — האָט ער אָנגעוויזן אויף די טונקל־פּנימדיקע יונגעלייט, וואָס טייל פון זיי האָבן געהאַט דיקלעכע נעגער־רישע ליפּן און דינע אינדיאַנישע נעז מיט פאַרשפּיצטע הויכע קינבאַקן. אין זייערע גרויסע ברוינע אויגן האָבן זיך געזען רויטע פעדעמלעך אין די אַרויס־געסטאַרטשעטע ווייסאַפּלען. טייל האָבן געהאַט פלאַכע קראַען־האָר, אַנדערע העל־געקרייזלטע. זייער אויסזען האָט עדות געזאָגט אויף דעם גרויסן געמיש פון פעלקער אין דעם לאַנד.

— דו וועסט נאָך האָבן די געלעגנהייט צו באַקענען דיינע פריינד מיט אונדזער משפחה. דו דאַרפסט אָבער נישט זיין בלויז אַ גאַסט וואָס קומט נאָר צו אַ שׂמחה. בין איך גערעכט? — האָט זיך דאַ סילוואַ געווענדט צו די יונגע גלחים.

— גערעכט סענהאָר, צו אַ משפחה דאַרף מען קומען אַלע מאָל, — האָבן די גלחים פריינדלעך געשמייכלט.

— און דער טאַטע מיינער איז נישט געקומען? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, דער אַלטער איז נישט געקומען, ער האָלט זיך צוריקגעצויגן פון אונדז, — האָט דאַ סילוואַ געענטפערט געלאַסן, מיט אַן אָנשטעל ווי עס וואָלט אים וויניק געאַרט וואָס זיין פאָטער איז נישט געקומען צו זיין שׂמחה.

דאָס דערמאָנען דעם אַלטן יוחנן, האָט אויף ס׳ניי אַרויסגערופן אין אים אַן אומרו. דאַ סילוואַ האָט געוווּסט, אַז קיינער האָט נישט אַזאַ ווירקונג אויף זיין ווייב לאָורענסיאַ ווי איר פעטער, דער אַלטער יוחנן. עס איז בעסער וואָס ער איז נישט געקומען צו דער שׂמחה. זינט זיין זון איז געוואָרן אַ גלח און לעבט אין אַ דאָמיניקאַנישן קלויסטער, איז דער אַלטער געוואָרן סכּנותדיק יידיש־פרום. ער פירט זיך שוין כּמעט אָפן אויפן יידישן שטייגער. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שאָדן ער וועט ברענגען אויף דער גאַנצער משפחה? איבערהויפּט איצט, ווען עס איז אָנגעקומען דער נייער בישאָף, וואָס מען זאָגט, אַז געקומען איז ער אויסצופאָרשן די ניי־קריסטן צי זיי פירן נישט אין געהיים אַ יידיש לעבן. דער נייער בישאָף וועט זיי אַלעמען אָוועקשיקן

קיין ליסאַבאָן צו דער שווידערלעכער אינקוויזיציע... יאָ, עס איז בעסער און געזינטער וואָס ער איז נישט געקומען, דער אַלטער יוחנן.

די געסט האָבן זיך געלאָזט צום עסצימער. די דינערשאַפט, מיינסטנס סודאַנער, שוואַרצע, האָבן גענומען אַריינברענגען די מאכלים. זיי האָבן געבראַכט פעסלעך מיט ווײַן און אויך זילבער געלײשטע פלעשער מיט מאַדעיראַ־וויינען, געמישט מיט אַלערליי היימישע פּאָרטאָ־וויינען פון פּאָרטוגאַל, וואָס זענען געווען פאַרטריפט מיט רויטן וואַקס אויף די פּימסענע קאָרקן.

די לופט איז געווען פול מיט שאַרף געווירצטע פיש און אַלערליי פליישן. די אָנגעצויגענע שטילקייט צווישן די געסט איז איבערגעריסן געוואָרן, גלייך נאָך די ערשטע גלעזלעך ווײַן האָט מען פאַרגעסן, אַז דאָנאַ לאָורענסיאַ, די באַלעבאָסטע פון הויז, ליגט נישט געזונט אין אויבערשטן שלאָף־חדר.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט אונטערגעהאַלטן די יונגע גלחים, וואָס זענען געזעסן ביי איין טיש מיט זיין ווייבס קוזין, אָבי נישט צו זיין צו נאָענט מיט די אַנדערע געסט. מיינסטנס נייע קריסטן. ער האָט נישט אַרונטער־גענומען די אויגן פון דער גלעזערנער שויבנטיר צום אויפנעם־צימער און מיט פאַרשפּיצטע אויערן זיך איינגעהערט צי עס קומט נישט עמעצער פון זיינע איינגעלאַדענע פּאָרטוגעזישע פריינד.

ער האָט געהאַט פאַרבעטן עטלעכע אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער אַדוואָקאַטן־קאַמער, דעם הויפּט־פּריסט פון זיין פּאַראַפיע, אויך עטלעכע דאָמיניקאַנישע מאָנאַכן מיט דעם פאָטער לואיס דע סאָן וויצענטי. קיינער פון זיי איז אָבער נישט געקומען. דערצו האָט שוין איינער פון די יונגע גלחים, זשאָזע דע קאַמאַרע באַמערקט, אַז ער געפינט זיך הויפּטזעכלעך צווישן יידן. ער איז געוואָרן שאַרפער מיט דער צונג.

— איר, די קריסטאַס נאָוואַס, האַלטן זיך אַ ביסל אָפּגעזונדערט. עס איז שווער צו באַנעמען אייערע פירונגען. עפּעס זענט איר יאָ און נישט קיין קריסטן. איר זוכט מער ערדישע רייכטימער איידער גייסטיקע, ספּיריטועלע פאַרמעגנס.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט פריינדלעך געשמייכלט צו דעם טונקל פּנימדיקן גלח מיט די טונקל רויטלעכע געקרייזלטע האָר. ער האָט דערפילט דאָס שטעכיקייט פון דעם יונגן גלח, וואָס האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ ווייטיק

אין האָרץ. ער האָט אין אַ האַלב־שפּאַסיקן טאָן געפּרוווט אָפּקילן די רייד פֿון דעם יונגן מאָנאַך.

— אין קעגנטייל, דאָס קען שוין עדות זאָגן אונדזער קוזין, פּעדראָ. ער האָט איבערגעלאָזט די רייכקייט פֿון זיין טאַטנס פּלאַנטאַציע און איז אַוועק אין אייער קלויסטער.

— אָ! פּעדראָ אַנטאָניאָס איז אַנדערש. ער איז אַן אונדזעריקער; זיין וועג איז אַ ריינער און אַ ריכטיקער, — האָבן די אַנדערע גלחים זיך אויך אַריינגעמישט אין די רייד.

— איך ווייס, אַז איך טו אַ גרויסן שאָדן מיין טאַטן. ער איז אַלט און שוואַך, מיט מיין אַוועקגייך פֿון דער היים איז מיין טאַטנס צוקער־פּלאַנטאַציע געוואָרן רויִנירט. די שקלאַפֿן זענען זיך צעלאָפֿן. איך וועל נישט זיין איבערראַשט, אַז ער וועט מיר גאָרנישט איבערלאָזן... — האָט פּעדראָ אַנטאָניאָס געזאָגט און געקוקט ערגעץ ווייט אַוועק מיט זיינע פֿאַרנעפּלטע, טרויעריקע אויגן.

— ער וועט צעטרענצלען דאָס פֿאַרמעגן, ווייל ער וועט אפשר וועלן די קירך זאָל דורך דיר אים נישט ירשענען... — האָט דער יונגער מאָנאַך נאָך אַלץ גערעדט שאַרף און געבליצט מיט זיינע ברוין־קאָכעדיקע אויגן, וואָס זענען געווען באַצויגן מיט רויטע אָדערלעך.

מענדעס דאַ סילוואַ איז געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע, פֿאַרשמאַכטע הענט. ער האָט נישט געקענט זאָגן, אַז דער גלח זשאָזע דע קאַמאַרע רעדט פּוסטע רייד, וואָרעם דער אַלטער פֿעטער יוחנן האָט שוין מיט אים עטלעכע מאָל איבערגערעדט וועגן איבערגעבן זיין פֿאַרמעגן צו דאָנאַ לאָורענסיִאַ, זיין ווייב, אָבער ער, מענדעס דאַ סילוואַ, האָט אים שאַרף אָפּגערעדט דערפֿון.

דער שמועס וואָלט זיך שוין דערמיט געווען געענדיקט, ווייל דאַ סילוואַ האָט וועגן די בייזע רייד פֿון דעם פּריסטער מער נישט געוואָלט רעדן, נאָר דער לעביונג פּיליפּע איז שוין מער נישט געזעסן לעבן זיין שיין פּאָרטוגעזיש ווייב. ער איז געלאָפֿן אַ צעפּלאָמטער צום אויבערשטן טייל פֿון טיש, וווּ עס זענען געזעסן די יונגע גלחים. זיין ליכטיק, בלאָנד פּנים איז געווען צעפּאָרעט פֿון טרינקען צו פֿיל ווייִן. זיינע רויטלעכע האָר זענען געווען פֿייכט צעפּלאָמט, ווי ער וואָלט זיי געהאַט באַנעצט מיט וואַסער אָפּצוקילן זיין קאָפּ.

— איך וואָלט געוואָלט וויסן צי די יעזוּיטישע און דאָמיניקאַנישע מאָנאַכן, וואָס זענען אַוועק צו די גאָלדמינעס אין דרום־מזרח פון לאַנד, זענען געגאַנגען בלויז צו פאַרשפּרייטן די גרויסע, הייליקע לערע פון קריס־טוסן, אָדער זיי ווילן אויך רייך ווערן ווי אַלע זינדיקע מענטשן?

מענדעס דאַ סילוואַ האָט געוואָלט איבערהאַקן דעם שמועס, אָבער עס איז שוין נישט געווען מעגלעך דאָס צו טאָן. די אַנדערע געסט האָבן זיך שוין אַרומגעשטעלט ביים טיש מיט גרויס נייגעריקייט צו הערן דעם וויכוח.

— זינדיקע מענטשן זענען דאָ אומעטום, אַפילו צווישן הייליקע. די וואָס קענען נישטביישטיין דעם נסיון, דעם גלאַנץ פון גאָלד, ווערן תּמיד געשטרויכלט, — האָט דער יונגער גלח געזאָגט, אויפהויבנדיק די האַנט ווי ער וואָלט גערעדט פון אַ פּולפּיט אַרונטער.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט שוין געזען, אַז זיין שׂמחה האָט זיך נישט איינגעגעבן. אַלץ האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט. אַפילו דער שטילער גוטבאַזיצער פערנאַן דע וואַלע, וואָס זיין פרוי האָט זיך אומעטום באַוויזן מיט אַ שוואַרצן צלם אויף דער ברוסט, האָט אויך באַקומען לשון.

— אויב אַזוי, אויב מען האָט נישט אין זינען דאָס געלט, פאַר וואָס נעמט די קירך אַוועק די „ענדזשעניאָס"* אויף דעם מינדסטן בלבול, אַז מען פירט אין געהיים יידישקייט? מען שיקט אומשולדיקע מענטשן קיין ליסאַבאָן צו דער אינקוויזיציע, צום אויטאָ־דאַ־פע, כדי צוצונעמען זייער פאַרמעגן.

— מיך קען מען נישט נאַרן, זיי מיינען טאַקע ס'פאַרמעגן, די „ענ־דזשעניעס", נאָר פאַר אַ צולאָג שיקן זיי אויך דעם אייגנטימער אויף דעם אויטאָ־דאַ־פע, ער זאָל זיך אַ ביסל אָפּפרעגלען און קומען ריין, אויסגעליי־טערט אין הימל אַריין, — האָט שוין דער לעביונג פיליפע געפלאַפּלט מיט אַ לויזער צונג.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך ראַפּטעם אויפגעשטעלט, אָנגענומען די צוויי באַרעדעוודיקע געסט אונטער די אָרעמס.

— לאָמיר בעסער טרינקען אַ גוט ביסל אַלטן מאַדעיראַ־וויין, נאָר וואָס פון קעלטער אַרויס, — האָט ער געזאָגט און זיך מיט זיי אַדורכגעשפּאַרט צווישן די פאַרזאַמלטע געסט אַרום אים.

* ענדזשעניאָס — צוקער־מילן.

— דו ביסט דאָך אַ יוריסט, מענדעס דאַ סילוואַ, אפשר וואָלט מען פּאָרט געקענט אָפּטיילן דעם מענטש פון זיין פאַרמעגן, דעמאָלט וועט אויפהערן דער אומגליק מיט שלעפּן צו דער אינקוויזיציע אומשולדיקע מענטשן.

— האָט פערנאַן דע וואַללע נישט אויפגעהערט ווייטער צו רעדן.

— איך וועל מיך לאָזן קאָסטן אַ פאַרמעגן, אַזוי אויך אַלע קריסטאָס־נאָוואָס. דו ביסט דער בעסטער אַדוואָקאָט דאָס דורכצופירן, — האָט פערנאַן דע וואַללע נישט אָפּגעלאָזט.

— יורידיש זענט איר גערעכט מיינע פריינד. עס וועט אָבער נעמען זייער לאַנג דאָס צו געווינען. גאָט ווייסט, אפשר צענדליקער יאָרן. ווער ווייסט? מיר וועלן שוין אפשר דעמאָלט נישט זיין מער אויף דער זינדיקער וועלט... — האָט דאַ סילוואַ מיט אַ טרויעריקער שטימע געזאָגט.

די נייע קריסטן, פיליפּע און פערנאַן דע וואַללע, האָבן אַרונטערגעלאָזט די קעפּ. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז מיטן אָנקומען פון דעם נייעם בישאָף האָט זיך זייער מערכה פאַרערגערט.

פערנאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיין פעטלעך ווייב מיטן גרויסן צלם אויף דער ברוסט. אויך פיליפּע איז אַ האַלב שיכּורער שווער אַריינגעפאַלן אין זיין שטול. זיין שיין פאָרטוגעזיש ווייב האָט מיט אַ טיכל געגומען ווישן זיין פאַרשוויצטן שטערן.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט שוין ווידער געוואָלט צוגיין צו די יונגע גלחים, נאָר ער האָט מיט אַ מאָל אויפגעכאַפּט דעם גערויש פון אַ קאַרעטע, וואָס איז צוגעפאָרן צום הויז. ער האָט זיך געלאָזט צום פענצטער, אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג און אַרויסגעקוקט.

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַריינגאַנג פון הויז. ער האָט די קאַרעטע גלייך דערקענט. דאָס איז אָנגעקומען זיין ווייבס פעטער יוחנן גאָמעז מיטן קריסטלעכן נאָמען קאָוטיניאָ.

דער אַלטער איז אַרויס פון דער קאָטש און זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי ער וואָלט מער נישט געקענט אָנהאַלטן זיין גלייכגעוויכט. דער קוטשער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַנט. דער אַלטער האָט זיך בייזלעך געוועדט ווי צו ווייזן, אַז ער נויטיקט זיך נישט אין קיינעמס הילף.

יוחנן גאָמעז האָט זיך אויסגעגלייכט און זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט. זיין

הויכע, אַ ביסל געבויגענע פיגור, איז געווען שטאַרק אויסגעמאַגערט פון עפּעס אַ פאַרהוילענער קראַנקייט. זיין טונקל, לענגלעך פּנים איז געווען געל און איינגעפאַלן. דאָס קורצע צוגעשוירענע בערדל מיט די פאַרשאַרטע וואָנצעס זענען געווען אַשיק גרוי. ער האָט גענומען גיין פאַמעלעך, זיך געוואַקלט אין זיין ברייט צעפאַלדעוועטן כאַלאַט און געסטאַמפּעט עקשנותדיק מיט זיין דיקן שטעקן אין האַנט.

מענדעס דאַ סילוואַ איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער טיר, זי ברייט געעפנט. דער אַלטער יוחנן איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל. ער האָט אַנגעקוקט דאַ סילוואַן שאַרף און אומפריינדלעך ווי ער וואָלט אים פיינט געהאַט. איין אויג האָט אויף אים געקוקט ברייט צעעפנט מיט אַ גלאַזיקער טויטער קאַלטקייט און דאָס צווייטע — אַ רויט פאַרטרערט אייגל — האָט אַן אויפהער אונטערגעציטערט. די ליפּן, דאָס גאַנצע איינגעפאַלענע מויל האָבן זיך געטרייסלט, ווי ער וואָלט געגריזשעט די יאַסלעס. ענדלעך האָט זיך דאָס מויל איינגעשטילט. ער האָט אים לאַנג און שווייגנדיק באַטראַכט מיט אַ ביטול, ווי ער, מענדעס דאַ סילוואַ, וואָלט געווען באַגאַנגען דעם גרעסטן פאַרברעך.

— האָסט נאָך נישט מַל געווען דיין זון און דו מאַכסט שוין שׂמחות. פאַר וועמענס וועגן ? — האָט דער אַלטער אויסגעשריגן מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך אַ ווילע פאַרלוירן פון דעם פּלוצעמדיקן אַנפאַל אויף אים. ער האָט זיך פלינק אומגעקוקט. נאָך גוט וואָס קיינער האָט עס נישט געהערט. ער האָט זיך באַרוּיקט און מיט זיין געוויינטלעכער פריינדלעכקייט האָט ער אָנגענומען דעם אַלטנס קאַלטע, ציטערנדיקע האַנט.

— אַ וואָסערער גאַסט !! קומט אַריין, פעטער. דער זון אייערער האָט זיך נאָר וואָס געפרעגט אויף אייך, — האָט מענדעס דאַ סילוואַ געזאָגט הויך.

— דער זון, דער זון, איך האָב נישט קיין זון... דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז זי איז קראַנק, בין איך געקומען... — האָט דער אַלטער געזאָגט און פלינק, רירעוודיק, ווי ער וואָלט געקראָגן נייע כּוחות, איז ער אַריין אין צימער.

— פיר מיך נישט אַריין צו באַגעגענען דעם בן סורר ומורה. די אַלע וואָס

זויפן ייִן־נסך. פיר מיך גלייך צו לאַורענסיאַן, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— פּעטער האַרציקער, טוט מיר די געפעליקייט. אַז איר זענט שוין געקומען צו באַשיינען מיין הויז, מיין שׂמחה, בעט איך אייך איר זאָלט באַגריסן די געסט. איך בין שוין היינט געגוג פאַרשעמט געוואָרן, — האָט מענדעס דאַ סילוואַ געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטים.

דעם אַלטנס צאַפּלענדיק אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיין פּנים איז געוואָרן רויִק אויסגעלייטערט. זיינע ציטערנדיקע ליפּן האָבן גענומען שמייכ־לען מיט אַ ייִדישער גוטסקייט.

— נו, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין שוין אַ זקן, מיט יונגוואַרג זיך אַוועקצוזעצן טרינקען וויין קאָן איך שוין נישט. איך האַלט זיך קוים אויף די פיס. ווען נישט אונדזער לאַורענסיאַ, קום איך נישט דאָ אַהער, — האָט דער אַלטער גערעדט מיט אַ שטילער, וואַרעמער שטימע און געקוקט צו די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אויבערשטן גאָרן, ווו דאָנאַ לאַורענסיאַ האָט גערוט אין שלאָפצימער.

אינעווייניק אין אויפנעם־צימער איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל, מען האָט זיך געשושקעט אין די אויערן אַריין. איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן ווער עס איז געקומען. עס איז דערגאַנגען צום יונגן גלח, דעם אַלטנס זון.

דער יונגער גלח, פּעדראָ אַנטאָניאָס, האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט און מיטגעבעטן זיינע פריינד צו באַגעגענען זיין פאָטער. דער אַלטער יוחנן האָט שוין דערזען דאָס אָנקומען פון זיין זון מיט זיינע פריינד. זיין פּנים איז ווידער געוואָרן פאַרכמורעט, דער הויכער גוף איינגעבויגן מיט אַ געהויקערטער פּלייצע.

— פאָטער! מיר האָבן דאָ געמיינט, אַז דיר וועט שווער זיין צו קומען אין שטאָט אַריין. איך האָב אָבער נישט אויפגעגעבן די האָפענונג, דיך צו זען, פאָטער, — האָט דער זון געזאָגט און אים אַ דריק געטאָן צו זיך.

— באַקענט זיך מיט מיין פאָטער, סענהאָר זשואַן גאָמעס, — האָט ער געזאָגט צו זיינע פריינד.

די יונגע גלחים האָבן מיט גרויס העפלעכקייט געדריקט דעם אַלטנס האַנט. ער האָט זיי באַטראַכט מיט אַ רויִק קאַלט פּנים.

— אַזוי, איר זענט מיין זונס פריינד? — האָט דער אַלטער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט מיט אַ מאָל מורא געקראָגן, אַז אַ ווייטערדיקער געשפּרעך זאָל נישט דערפירן, אַז דער אַלטער זאָל ווידער מאַכן אַזאַ בייזן אָנפאַל אויף עמעצן, ווי פריִער אויף אים.

— סענהאָר זשואַן גאַמעס איז מיד פון לאַנגן וועג. איר וועט נאָך האָבן די געלעגנהייט מיט אים צו פאַרברענגען, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט צו די יונגע גלחים.

מיר פאַרשטייען, סענהאָר דאַ סילוואַ.

— מיר וועלן וואַרטן אויף דער זעלטענער געלעגנהייט, — האָבן די גלחים געזאָגט.

יוחנן גאַמעסעס ליפּן און דאָס אָנצייכנערדיק מויל האָבן ווידער געוומען ציטערן מיט אויפרעגונג ווי פריִער בעת ער איז אַריין אין הויז. מענדעס דאַ סילוואַ האָט אים ראַפּטעם אָנגענומען ביים אָרעם אוןביידע האָבן זיך פּאַמעלעך געלאָזט צו די ברייטע טרעפּ אַרויף צו דאָנאַ לאַורענסיאַס שלאָפצימער.

דאַ סילוואַ האָט פּאַמעלעך געעפנט די טיר. לאַורענסיאַ איז נאָך אַלץ געשלאָפן ווי אין אַ הינערפלעט. איר פּנים איז געווען בלאַס, אָן אַ טראָפּן בלוט. דורך די שפּעלטלעך פון די אויגן־לעפּלעך האָבן זיך געזען אירע פאַרגלייזטע אויגן. זי האָט שווער געאָטעמט.

לעבן דעם הימלבעט איז געשטאַנען דאָס וויגעלע מיטן קינד. עס איז געשלאָפן רויִק און געזונט. דאָס צעפּאַרעטע רויטע פּנימל איז נאָך אַלץ געווען צעקנייטשט ווי אין דעם טאָג ווען ער איז געבוירן געוואָרן. דאָס הויכע שטערנדל האָט זיך ביי אים גערונצלט ווי ער וואָלט שוין געווען פאַרטראַכט אין שווערע דמיונות.

ביידע מענער זענען געשטאַנען שטיל, ווי פאַרגליווערט. די קימפּעטאָרין האָט געעפנט די אויגן, וואָס אַ מאָל אַלץ ברייטער און ברייטער. איר פּנים האָט זיך מיט אַ מאָל פריידיק צעשמייכלט. זי האָט זיך גרינג אַ הויב געטאָן פון געלעגער.

— פּעטער יוחנן! איך האָב געוווּסט אַז דו וועסט קומען צו מיר, — האָט זי געזאָגט און אויסגעשטרעקט צו אים אירע הענט.

דער אַלטער איז רירעוודיק צוגעגאַנגען צו איר בעט און זיך אַנידערגעזעצט. זי האָט אים אַרומגענומען מיט אירע הענט און איינגענורעט איר פּנים אין זיין גרוי בערדל.

— פּעטער טייערער, נעם מיך אַוועק פון דאַנען, דאָ, אין דעם הויז וועל איך קיין מאָל נישט קומען צו זיך, — האָט זי געזאָגט מיט אַ וויינענדיקער שטימע.

— טאַקע דערפאַר בין איך געקומען צו דיר. איך וויל דיך אַרויסנעמען צו מיר אויף דער פּלאַנטאַציע און איך וועל דיך נישט לאָזן אַהיימפאָרן ביז דו וועסט זיין אין גאַנצן געזונט, — האָט דער אַלטער געזאָגט און געגלעט די שוואַרצע האָר פון איר קאָפּ.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט שווער און טיף אָפּגעזיפצט. איצט זעט ער, אַז דער אַלטער האָט שוין די גאַנצע השפּעה אויף איר. ער ווייסט אָבער, אַז דעם אַלטנס ווירקונג אויף איר וועט ברענגען אויף זיין משפּחה כּלערליי אומגליקן, ער קען אָבער גאָרנישט טאָן צו דעם.

ער איז געשטאַנען פון דער וויטנס ווי פאַרגולמט, מיט שלאַבעריקע אַרונטערגעלאָזטע הענט ווי אַ פרעמדער אין זיין אייגן הויז.

דער טומל פון אונטן האָט אים אַרויסגענומען פון זיין פאַרגליווערטקייט.

— איך מוז אַרונטערגיין צו די געסט. זיי וועלן דאַרטן ווערן אומרויִק אָן מיר. — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט.

— גיי טאַקע אַרונטער און פאַרצי נישט די שׂמחה צו לאַנג, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט מיט אַ טאָן, ווי די גאַנצע שׂמחה וואָלט געווען אַ פרעמדע, איבעריקע זאַך, וואָס געהערט נישט צו איר. אין איר רעדן האָט זיך אָבער געפילט איר אַמאָליקע זיכערקייט ווי זי וואָלט ווידער געקראָגן חשק צו זיין די באַלעבאָסטע פון הויז.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט אַרויפגעצויגן אַ שמייכל אויף זיין פאַרזאָרגט פּנים און זיך פאַמעלעך אַרויסגעלאָזט פון זיין ווייבס שלאָפצימער.

דריטער קאַפּיטל

צו מאָרגנס פאַר טאָג האָט מענדעס דאַ סילוואַ אַרויסבאַגלייט זיין פרוי און איר רייכן פעטער דעם צוקער־פּלאַנטאַטאָר יוחנן גאָמעס צו זיין פּלאַנ־טאַציע.

מענדעס דאַ סילוואַ איז נישט מיטגעפאָרן, ער האָט בלויז אַרויסגעפירט אונטערן אָרעם זיין שוואַכע פרוי פון הויז צו דער איינגעשפּאַנטער קאַרעטע. עס איז אויך קיינער נישט מיטגעפאָרן פון דער דינערשאַפט, אַפילו נישט די פּאָרטוגעזישע שווערלייביקע הייבאַם, וואָס איז געווען אַ געטרייע דער־ציערין פון אַלע זייערע קינדער.

דאָנאַ לאַורענסיאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אינעווייניק אין דער קאַרעטע לעבן איר פעטער. די אַם האָט צוגעטראָגן דאָס קינד און די מוטער האָט עס גענומען אויף איר שויס. דאָס קינד איז געווען איינגעוויקלט אין אַ קישן, עס האָט זיך בלויז אַרויסגעזען זיין ליכטיק אויסגעשלאָפן פּנימל. ער האָט געקוקט רויִק מיט זיינע אויסגעוואַשענע, גלאַנציקע קאַרשן־אייגעלעך.

— דאָס קינד איז אויך צופרידן. עס פילט, אַז עס פאָרט אין אַ גוטער היים אַריין, — האָט דער פעטער געזאָגט און אונטערגעשטעלט זיינע ציי־טערנדיקע קניִען, אַז דאָס קינד זאָל אויך רוען אויף אים.

לאַורענסיאַ האָט געקוקט מיט אירע טרויעריקע אויגן אויף אירע פאַר־ווייִנטע טעכטערלעך, וואָס זענען געשטאַנען צוגעטוליעט לעבן איר מאַן.

— די מאַמע פאָרט נישט אַוועק אויף אַ לאַנגער צייט. זי וועט אין גיכן צוריקקומען אַ געזונטע. נו, געזעגנט זיך מיט דער מאַמען, קינדערלעך, — האָט דער פאָטער צו זיי געזאָגט.

די מוטער האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ פון דער קאַרעטע און די טעכטערלעך האָבן באַדעקט איר פּנים מיט הייסע, נאַסע קושן, וואָס זענען געווען זיס געזאַלצן פון אירע טרערן.

— נו, שוין גענוג געקושט זיך, די קאַרעטע איז שוין גרייט צו פאָרן, האָט דאַ סילוואַ געזאָגט צו די קינדער. זיי זענען אַרונטער פון דעם קאַרעטע־טרעפּל.

איצט האָט זיך מענדעס צוגעבויגן צו זיין פרוי.

— זיי פאַרזיכטיק, טייערע. מוסרים זענען דאָ אומעטום, — האָט ער שטיל געשעפּטשעט צו איר.

— זיי רויִק, מיין טייערער, אין גאָטס הענט איז איבערגעגעבן אונדזער גורל. קיין שום בייז וועט מיר נישט געשען אויב גאָטס ווילן איז, אַז איך זאָל זיין אַ מאַמע צו מיינע קינדער, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט און צוגע־פּרעסט אירע ליפּן צו זיין פּנים.

ער האָט אַרויסגענומען דעם קאָפּ פון דער קאַרעטע און צוגעמאַכט דאָס טירל.

— פאָרט געזונט. איך בעט אייך, פּעטער, גיט אַכטונג אויף איר! — האָט מענדעס אויסגערופן מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע.

— זיי געזונט און זאָרג זיך אַ ביסל ווייניקער, — האָט דער אַלטער געזאָגט און אַ צופרידן שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיין אויסגע־צערט פּנים.

די קאַרעטע איז געפאָרן פּאַמעלעך מיט דער שווערער אָנגעלאָדענער גאַרדעראָבע און שפּייזוואַרג, וואָס לאָורענסיאַ האָט מיטגענומען. זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטערל. די פּנימער פון אירע באַנטסטע, וואָס זענען געשטאַנען לעבן איר הויז, זענען געוואָרן קלענער. אירע טעכ־טערלעך זענען ווי פריִער נאָך אַלץ געווען צוגעטוליעט צו איר מאַן. באַגענט לעבן זיי זענען געשטאַנען די אַם, די באַדינערס, די קעכין, דער גערטנער.

די קאַרעטע האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ זייט און איר הויז איז פאַר־שוואונדן פון אירע אויגן. עס האָבן פאַרבייגעשוועבט הויכע שטאַמען פון פּאַלמען־ביימער, מאַכיקע־שטיינערנע פאַרקאַנעס, מאַסיווע קלויסטערס מיט אויסגעשטרעקטע באַגילדטע צלמים.

פון דער וויטנס האָבן זיך שוין געזען די איינגוסן פון ים. די הויכע קרישטאָלענע בערג זענען געווען איינגעהילט אין אַ בלוילעכן נעפּל. די קאַרעטע האָט זיך פאַרקערעוועט צום אַרויספאָר פון שטאָט.

אין דער לופט האָט זיך געשפּירט דאָס אָנקומען פון פריִען האַרבסט. פון ים האָט געיאָגט אַ פייכטע געזאַלצענע קילקייט, וואָס האָט זיך דורכ־געריסן פון צווישן די קרישטאָלענע גראַניט־פעלדזן.

דאָנאַ לאַורענסיאַ האָט אַריינגעאָטעמט די קילע לופט און אַ באַרויִקטע זיך אָוועקגעלייגט אויף דעם ווייכן אָנלען פון דער קאַרעטע. זי האָט צוגע־מאַכט די אויגן און מיט גרויס פאַרגעניגן זיך צוגעהערט צום לייכטן רעדלען אויף דעם קרישלדיקן גרויקריידיקן וועג. דער ווינט האָט לייכט געפּלאַטערט אויף איר פּנים. אין דעם געפּלאַטער האָט זי געהערט דאָס פּלאַפּלען, די זיסע רייד פון אירע קינדער, די אומרויִקע דערשראָקענע רייד פון איר מאַן. זי האָט אָבער נישט געשפּירט קיין שום שרעק. זי האָט געפילט לעבן זיך איר פעטער יוחנן גאַמעס, נישט דעם אויסגעדאַרטן אַלטן מאַן מיט די ציטערדיקע קניִען, נאָר דעם אַמאָליקן זשואַן, וואָס זי האָט געדענקט פון די קינדער־יאָרן, דעם צוקער־פּלאַנטאַטאָר אין פּריציִשן הויף, זיין „קאַסאַ־גראַנדאַ".

זי האָט אים געזען אַרומפאָרן אויף זיין געפלעגטן אַראַבישן פערד איבער זיינע צוקעררער־פעלדער. דער ברייטער הוט האָט פאַרשאָטנט זיין טונקל, שטאַרק מענעריש פּנים. אַלע זיינע מענטשן זענען איבערגעגעבן צו אים, די נעגערישע שקלאַפן, די מולאַטאָס, די אינדיאַנער. ער האָט קיין מאָל נישט באַנוצט דאָס בייטשל, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרשטעקט אין דעם זאָטל פון זיין אויסגעצירט פערד.

די קאַרעטע האָט זיך אומגעלומפּערט אַ וואָקל געטאָן אויף די קרישל־דיקע שטיינדלעך פון וועג. לאַורענסיאַ האָט אַ צאַפּל געטאָן, שטייפער צוגע־צויגן צו זיך דאָס קישן מיטן קינד. זי האָט זיך אַרומגעקוקט ווי זי וואָלט אויפגעכאַפּט זיך פון אַ חלום.

דער אַלטער יוחנן האָט געשמייכלט צו איר מיט זיין איינגעפאַלן, אָנ־ציינִיק מויל. די אָנגעשוואָלענע בייטעלעך אונטער זיינע אויגן זענען געווען פאַרטרערט.

— קענסט ווייטער דרימלען. איך וועל וואַכן איבער דיין קינד, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— איך האָב נישט געדרימלט, פעטער. איך האָב געטראַכט פון אַמאָליקע יאָרן... — האָט זי געזאָגט און לייכט אַ זיפץ געטאָן.

— יאָ, אַ מאָל, אַ מאָל, ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז מען וועט נישט לאָזן לעבן אַפילו דאָס געדעכעניש פון אַ ייִד — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ שטיל, פאַרקלעמט קול.

— אָבער וואָס האָסטו צו טראַכטן פון אַמאָל, דו ביסט נאָך יונג, דיין לעבן הויבט זיך ערשט אָן — האָט דער אַלטער געגומען רעדן פריילעכער ווי זי אויפצוהייטערן.

לאָורענסיאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון איר אָנלען און געקוקט גלייך דעם פּעטער אין פּנים.

— זאָג מיר, פּעטער יוחנן, פאַר וואָס ביסטו דעמאָלט נישט אַוועק מיט דער גאַנצער משפּחה, ווען אַלע ייִדן האָבן מיט יאָרן צוריק פאַרלאָזט ס׳לאַנד ?

— עס קען זיין, אַז איך בין נישט געווען גענוג ייִד. איך האָב געטראַכט און געמיינט ווי דיין מאַן, אַז מיט פאַרגעסן און פאַרלייקענען דעם אָפּשטאַם אונדזערן, וועט עס אונדז ראַטעווען... — האָט דער אַלטער גערעדט שטיל און געהאַלטן געזונקען זיין מידן קאָפּ.

— איצט זאָגן זיי, אַז נאָר צוליב געלט האָבן מיר אויסגעטוישט אונדזער אמונה און מען האָט אונדז פיינט... — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע.

— יאָ, איך קען נישט לייקענען, אַז מיר זענען געווען מיד פון וואַנדערן, עפּעס אַ קלייניקייט וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, ווו אונדזער משפּחה האָט אַלץ אַרומגעוואַנדערט. פרי׳ער שפּאַניע, פּאָרטוגאַל. עס איז געווען שווער אַוועקצוּוואַרפן די גוטע היים, דאָס גרויסע פאַרמעגן, די פעלדער, די צוקער־מיל, וואָס מיר האָבן מיט אַזוי פיל מי געהאַט אויפגעבויט — האָט דער אַלטער לאַנג גערעדט ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר לאָורענסיאַ.

זי האָט געהאַלטן טיף געזונקען איר קאָפּ. איר איז שווער געווען צו זען דעם צער אויף דעם אַלטנס פּנים.

— און איצט וואָס איז מיר פאַרבליבן ? די צוקערמיל איז אויסגעשפּילט. אַלע צעלויפן זיך צו די גאָלדמינעס קיין „מינאַס געריאַס״, יאָ, איך האָב זיך אָפּגעשפּאָרט אַ זון, אַ מאַנאַך, וואָס וועט מיר מאַכן אַ גרויסע און פּאַרכטיקע לוויה מיט צלמים און פּענער... — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ גאַליק געלעכטערל.

דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט געשוויגן און געקוקט אויף איר ניי־געטויפטן זון, וועלכער האָט געדרימלט. ער האָט געזויגן די לופט מיט זיינע ליפּעלעך ווי

ער וואָלט געחלומט, אַז ער זויגט די זאַפטיקע ברוסט פון דער אַם.

— דאָס קינד איז הונגעריק. עס חלומט פון אַ גוט ביסל מילך, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט און צוגעדריקט איר האַנט צו דער איינגעפאַלענער ברוסט.

— פון האַרצווייטיק זענען מיינע בריסט לער. איך קען נישט שפּייזן מיין זון, — האָט זי געזאָגט, און אַ טרויעריק שעמעוודיקער שמייכל האָט זיך אויסגעלייגט אַרום איר מויל.

— עס וועט נישט לאַנג נעמען און מיר וועלן זיין אין דער היים. מיין שוועסטער מרים האָט שוין אַלץ צוגעגרייט פאַר אייךביידן, — האָט דער אַלטער געזאָגט. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין דערשלאָגענער שוועסטער מרים, וועלכע איז אין די לעצטע טעג ווי געוואָרן אַ נייער מענטש. דאָס גרייטן זיך אויפצונעמען לאָורענסיאַ מיטן קינד איז פאַר איר אַ גרויסע איבערלעבונג. זיין שוועסטער מרים האָט נישט באַוויזן חתונה צו מאַכן איר איינציקע טאָכטער, גראַסיאַ. זי לייגט איצט איר גאַנצע האָפענונג אויף לאָורענסיאָס זון, ווי ער וואָלט געווען איר אייגן קינד. ער, יוחנן, קען נישט לייקענען, אַז אויך ער פילט דאָס זעלבע, אפשר וועלן זיי דורך איר קינד אויפשטעלן זייער שטאַם, וואָס ער האָט פאַרלוירן מיט זיין זונס אַוועקגיין פון אים...

— איך וויל, אַז דו זאָלסט וויסן, אַז מיינע טעג זענען געציילטע און דו מיט דיין זון זענען די איינציקע וואָס זענען מיר פאַרבליבן.

דאַנאַ לאָורענסיאַ האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד.

— וואָס רעדסטו פעטער? ביסט נאָך נישט אַזוי אַלט, וועסט ערשט איצט האָבן פאַר וואָס צו לעבן.

— ניין, טייערע. איך פיל, אַז מיינע כוחות גייען מיר אויס. איך בין קראַנק, מסוכן קראַנק. איך בין היינט געווען ביי מיין אַדוואָקאַט און איבער־געשריבן מיין צוואה, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— האָט זיך דער פעטער באַראַטן מיט מיין מאַן? ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. ער וואָלט פיל געקענט אַרויסהעלפן.

— ניין, איך האָב אַלץ אַליין באַשטימט. ער וואָלט מיר זיכער נישט געלאָזט טאָן, וואָס איך האָב געטאָן, — האָט דער פעטער געזאָגט און גע־שמייכלט מיט עפּעס אַ מאָדנעם סודותדיקן שמייכעלע.

לאָורענסיאַ האָט אים לאַנג און דורכדרינגלעך אָנגעקוקט.

— איך וועל נישט מאַכן קיין סוד דערפון. איך האָב אָפּגעשריבן אַ גרויסן טייל פון מיין פאַרמעגן פאַר דיר און דיין זון...

דער אַלטער האָט אָפּגעאָטעמט מיט גרויס דערלייכטערונג. ער האָט אָבער דערזען אַז לאָורענסיאַס פּנים איז געוואָרן פאַרכמורעט. די ליפּן אירע בלאַס, ווי דאָס בלוט וואָלט אָפּגעלאָפן פון זיי. זי האָט אין גאַנצן געציטערט.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? ס׳איז מיין געלט. ווי לאַנג איך לעב, בין איך דער האַר פון מיין פאַרמעגן.

— האָסט דאָס נישט געדאַרפט טאָן. דיין זון און די קירך וועלן אונדז חושד זיין, אַז מיר האָבן דעם פעטער איבערגערעדט כּדי דער זון און די קירך זאָלן דיך נישט ירשענען, — האָט זי געזאָגט און שווער אָפּגעזיפצט.

— איך וויל טאָקע נישט, איך אַליין בין זיך מודה, אַז איך וויל נישט, אַז מיין פאַרמעגן זאָל דורך מיין זון איבערגעגעבן ווערן צו די יעזויִטן און דאָמיניקאָנער. זאָרג זיך נישט, איך האָב אים איבערגעלאָזט גענוג. ער איז מיין זון, קומט אים לויטן געזעץ די צוקערמיל, די פעלדער. זאָל ער זיך נאָר וועלן אָפּגעבן דערמיט, וועט ער האָבן פון וואָנען צו לעבן, — האָט דער אַלטער געזאָגט און מיט צאַרטקייט גענומען גלעטן איר האַנט.

— עס קען זיין, אַז ווען גראַסיאַ מיין שוועסטערן־קינד וואָלט מיט אים געווען חתונה געהאַט, איידער ער איז אַוועק אין דעם דאָמיניקאַנישן קלויס־טער, וואָלט עס נישט געווען געקומען צו דעם, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע.

— זי האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו אים, זי האָט אים נישט ליב געהאַט. וואָס האָבן מיר געקענט טאָן, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט.

— יאָ, זי האָט אים פיינט געהאַט, אַזוי פיינט געהאַט, אַז זי האָט געדראָט איר מוטער, אַז אויב מען וועט זי צווינגען מיט אים חתונה צו האָבן, וועט זי אַנטלויפן און ווערן אַ נאָנע אין אַ מאָנאַסטיר, — האָט דער אַלטער געזאָגט און שווער אָפּגעזיפצט.

— וואָס האָט זי אויפגעטאָן מיט איר איינגעשפּאַרטקייט. זי וועט בלייבן אַן אַלטע מויד, — האָט לאָורענסיאַ שטיל געזאָגט.

— עס איז אפשר געווען מיין שולד. איך בין געווען צו שטרענג צו אים. ער האָט מיר געטאָן אַלץ אויף צו להכעיס. זיין אַוועקגיין אין קלויסטער איז אויך געווען מיינסטס מיר ווי צו טאָן, — האָט דער אַלטער שטאַרק געקרעכצט.

— ווער קען וויסן, וואָס עס האָט אים געפירט צו דעם, דער פעטער עסט זיך אומזיסט דאָס האַרץ, — האָט לאַורענסיאַ אים געפּרווּט באַרויִקן.

— יאָ, עס קען זיין. עס איז שוין צו שפּעט דאָס אַלץ צוריק אויסצוגלייכן. דאָס איינציקע, וואָס מיר איז געבליבן צו טאָן, איז ווי ווייט מעגלעך, אַז מיין פאַרמעגן זאָל נישט אַריינפאַלן צו די יעזויִטן און דאָמיניקאַנער — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— מיין מאַן וועט נישט זיין צופרידן, וואָס איר האָט געטאָן. איר האָט אים געדאַרפט פרעגן איידער דער פעטער האָט אויסגעמאַכט די צוואה.

— דיין מאַן איז נישט צופרידן פון אַ סך זאַכן, וואָס איך טו. ער ציטערט פאַר דער קירך, פאַר זיין אייגענעם שאָטן ציטערט ער.

— ער ציטערט צו באַשיצן זיין פאַמיליע, — האָט זי אים איבער־געהאַקט די רייד.

— יאָ, עס איז אמת, די צייט ווערט ערגער, — האָט דער אַלטער צוגעג־געבן. ער האָט זיך אַ מיד־אויסגעשעפּטער אָנגעשפּאַרט אין דעם אָנלען פון דער קאַרעטע און צוגעמאַכט די אויגן.

דאָנאַ לאַורענסיאַ האָט אים איצט געקענט פריי באַטראַכטן. זיין צע־קנייטשט פּנים האָט אויסגעזען פיל עלטער, ווען זיינע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. דאָס אָנצייניקע מויל מיט די פאַרשרומפּענע ליפּן זענען געווען ווי טויט פאַרגליווערט. די געשוואָלענע בייטעלעך אונטער די אויגן בלוי. דאָס גאַנצע פּנים — אַ פאַרגליווערטע מאַסקע, בלויז די איינגעפאַלענע ברוסטן האָבן זיך געהויבן קוים, קוים מיט אַ לעבעדיקן אָטעם.

לאַורענסיאַ האָט שווער אָפּגעזיפצט, יאָ, זיינע טעג זענען געציילטע. זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַזאַ עלנטקייט, ווי קיין מאָל נישט פריִער אין איר לעבן.

זי האָט אַוועקגעדרייט איר פּנים פון אים און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל פון דער קאַרעטע.

זיי זענען געפאָרן דורך אַ שמאָלן וועג. פון איין זייט האָט זיך געצויגן אַ טיף געדיכטער וואַלד און פון דער אַנדערער זייט נאַקעטע פעלדער מיט פאַרטריקנטע שטענגלעך פון אָפּגעשניטענעם צוקעררױר.

באַלד איז דער וואַלד געוואָרן שיטערער. עס האָבן זיך געעפנט ברייטע שטחים מיט נאַקעטע פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף בערגלעך און טאָלן. פון ערגעץ נאָענט האָט זיך געשפּירט דער שאַרפער גערוך פון ים־געוויקסן, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם טרוקענעם גערוך פון דעם אָפּגעשניטענעם זיסן צוקעררױר.

עס האָבן זיך גענומען אויסשיילן די קרישטאָלענע פעלדזן ביים ים־ברעג, אָפּגעריסענע פעלדז־שפּאַלטן ווו די כוואַליעס פון גרינלעכן ים האָבן זיך שוימיק מיט אַ גערויש געוואָרפן צום ים־ברעג.

דער אַלטער יוחנן האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער פון זיין דרימל, אויסגעדרייט דאָס פּנים צו די פעלדזיקע שפּאַלטן. זיינע אויגן זענען געוואָרן גרעסער. ער האָט געקוקט מיט אַ מאָדנעם בליק צו דער ווייטקייט, וואָס האָט זיך געעפנט אַלץ ברייטער און ברייטער פאַר זיי.

דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם אַלטנס אויסטערלישן בליק. זי האָט ווי מיטגעבלאָנדזשעט מיט זיין זעונג, וואָס זי האָט נישט געקענט אויפכאַפּן און מורא געהאַט אים צו פרעגן וועגן דעם...

דער אַלטער האָט אָפּגעקערט זיין בליק פון ים און אויסגעדרייט זיין פּנים צו דער אַנדערער זייט. זיינע אויגן זענען געוואָרן מילדער.

— נו, באַלד וועלן מיר זיין אין דער היים. זעסטו? — האָט ער אָנגעוויזן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

פון דער ווייטנס האָט זיך טאַקע געזען אַ הויכער שטיינערנער פּאַרקאַן, באַוואַקסן מיט גרינגעם מאָך און בלעטער־געוויקסן. אינעווייניק אין הויף איבערן פּאַרקאַן האָבן זיך געהויבן עטלעכע הייזער, צווישן זיי איינע אַ הויכע שטיינערנע געביידע ברייט אויפגעטורעמט. דערנעבן איז געשטאַנען אַ נאָך העכערע קאַפּליצע מיט אַן אַרויסגעשטאַרטשעטן צלם. ביים פּאַרקאַן האָט זיך שוין געזען עטלעכע רייען מיט ליימיקע כאַטעס מיט שטרויענע דעכער, די קוואַרטאַלן פון די נעגערשע שקלאַפן. צווישן די כאַטעס האָט זיך אַרויס־געהויבן אַ הויכער הילצערנער צלם מיט דעם געקרייציקטן צוגענאָגלט. אַרום

די „סענזאַלעס"* האָבן זיך געשפּילט האַלב־נאַקעטע נעגערישע און מולאַטישע קינדער. זיי זענען געקראָכן און געשפּרונגען אויף דעם הילצערנעם געשטעל וווּ מען טריקנט דעם צוקער און זיי האָבן געפּילדערט מיט ליאַרעמדיקע קולות. די פרויען מיט פאַרבונדענע פאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ, זענען געשטאַנען ביי די שטיינערנע קאַמינען און געקאָכט. אַ שיטערער רויך האָט זיך געהויבן פון די פלאַמען און פון די טעפּ מיט געקעכטס. טייל פרויען האָבן געוואַשן גרעט ביים טייכל לעבן דער צוקערמיל, אַנדערע האָבן אויפגעהאַנגען וועש אויף די האַלב־איינגעפאַלענע פּלויטן פון הילצערנע דרענגלעך.

דאָס גרויסע שטיינערנע הויז, די „קאַסאַ גראַנדאַ" איז געשטאַנען אין מיטן הויף ווי אַ שטאַרקע פעסטונג. אַרום די הויכע אויסגערונדיקטע אַריינגאַנגען צום הויז איז קיינער נישט געווען, בלויז אויף איינעם פון די באַלקאָנען האָט זיך געזען דאָס געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס האָט אַהערגעקוקט צו זיי, ווי זי וואָלט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף זיי.

— דאָס מוז אַוודאי זיין מרים?! — האָט לאָורענסיאַ אַ דערפרייטע אויסגערופן.

— יאָ, דאָס איז מרים.

— און וווּ איז גראַסיאַ? — האָט לאָורענסיאַ געפרעגט.

— זי קומט לעצטנס זעלטן אַרויס פון איר קוואַרטיר, ווען איך בין דאָ, — האָט דער אַלטער שטיל געזאָגט.

די קאַרעטע איז צוגעפאָרן צום הויף. אַ מולאַטישער באַדינער האָט געעפנט דעם טויער און זיי זענען אַריינגעפאָרן אין הויף.

פון איינעם פון די אויסגערונדיקטע טירן איז אַרויסגעקומען מרים און אַ שמייכלענדיקע מיט אָפענע אָרעמס זיי אַנטקעגן געגאַנגען.

מרים איז שוין נישט געווען קיין יונגע פרוי, דאָך איז זי געווען רירעוודיק. אויף איר געפאַלדעוועט קלייד האָבן נאָכגעהאַנגען אַ בינטל מיט שליסלען, וואָס האָבן געוויזן, אַז זי פירט די באַלעבאַטישקייט פון דעם גרויסן הויז. זי האָט זיך באַוועגט גראַציעז מיט איר נאָך פלינקן קערפּער. איר לענגלעך, איידל פּנים האָט נאָך געהאַט סימנים פון אַמאָליקער שיינקייט.

---

* סענזאַלעס — אָרעמע, נידעריקע שטיבלעך.

בעת איר שמייכלען, האָבן זיך נאָך באַוויזן חן־גריבלעך, וואָס זענען אויסגע־צויגן געוואָרן אין די שאַרפע פּנים־קנייטשן. אירע טיפע, איינגעפאַלענע, שוואַרצע אויגן, זענען געווען פאַרצויגן ווי מיט אַ נעפּל. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ שוואַרצן, זיידענעם שאַל, וואָס האָט פאַרדעקט אירע אַשיק גרוילעכע האָר.

פון הויז איז אויך אַרויסגעקומען אַ דיקלעכע טונקל־הויטיקע מולאַטקע מיט אַ געקרויזטן שוואַרצן קאָפּ האָר. זי האָט געהאַט אַ פולן נאָכהענגענדיקן בוזעם, וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פון איר ענגן, לייוונטענעם קלייד.

דאָנאַ לאָורענסיאַ איז אַרויס פון דער קאַרעטע און געהאַלטן צוגעטוליעט דאָס קינד צו איר דאַרער ברוסט. מרים האָט איר אַ קוש געטאָן אין מויל און צוגענומען דאָס קינד פון אירע הענט.

דאָס נפשל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך ליאַרעמדיק צע־שריגן מיט אָפּגעהאַקטע קולות. ער האָט דערביי געצויגן די לופט מיט אויסגעשטרעקטע, הונגעריקע ליפּעלעך.

— אוי, ווי הונגעריק ער איז. נאַ, נעם אים און גיב אים שוין צו זייגן, — האָט מרים געזאָגט און דערלאַנגט דאָס קינד דער מולאַטקע.

די אַם האָט געהאַלטן דאָס קינד מיט אירע שטאַרקע הענט און עס לייכט צוגעטוליעט צו זיך. זי האָט געעפנט דעם בוזעם, אַרויסגענומען אַ פולע ברוסט מיט אַ רויטן ניפּל, פון וועלכן עס האָט געטריפט מילך. זי האָט אַריינ־געשטופּט דעם ניפּל אין דעם קינדס מויל.

דאָס קינד האָט זיך האַסטיק איינגעפּרעסט מיטן מויל אין דער ברוסט און מיט קראַפט געזויגן.

— אום, ווי שטאַרק ער איז, — האָט די מולאַטקע געזאָגט און גע־שמייכלט מיט צופרידנקייט צו דער מוטער.

מרים האָט גענומען לאָורענסיאַ ביים אָרעם און זיי האָבן זיך געלאָזט צום גרויסן שטיינערנעם הויז.

זיי האָבן זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט. פון קאָרידאָר איז אַרויסגעקומען גראַסיאַ, מרימס טאָכטער. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל פון דעם אויסגערונדיקטן אַריינגאַנג און האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט איבער די אויגן דעם העלן שיין פון טאָגליכט, ווי זי וואָלט שוין נישט געווען

געוווינט צו דער ליכט. זי האָט גענומען גיין זיי אַנטקעגן. איר דינער, שלאַנ־קער קערפּער האָט זיך באַוועגט פּאַמעלעך אין איר טונקל געפאַלדעוועט קלייד, וואָס איז געפאַלן ביז צו דער ערד. איר קליינער קאָפּ מיט די האַניק־דיקע זיידענע האָר הויך אויפגעהויבן מיט אַ קעסטל אין מיטן קאָפּ, איז געווען פאַרהילט מיט אַ טונקעלן, דורכזיכטיקן שאַל. איר אויסגעאיידלט פּנים איז געווען בלאַס. אירע גרויסע בלויע אויגן זענען געווען פאַרצויגן מיט אַ פאַרנעפּלטקייט. זי האָט געשמייכלט מיט איר קליינעם מויל, אין די רונדיקע באַקן האָבן זיך באַוויזן טיפע חן־גריבעלעך.

לאַורענסיאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון מרימען און זיך געלאָזט צו גראַסיאַן. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט און זי אַרומגענומען.

— גראַסיאַ טייערע, איך בין אַזוי גליקלעך דיך צו זען. דו ביסט דאָך אַזוי שיין. די גאַנצע וועלט חן האָט דיר גאָט געגעבן.

גראַסיאַ האָט געטוליעט איר פּנים צו איר און, פון גרויס תענוג, אַזש צוגעמאַכט די אויגן.

— וואָס טויג מיר מיין שיינקייט, אַז איך בין דאָ אַזוי עלנט ווי אַ שטיין, האָט גראַסיאַ שטיל געזאָגט מיט אַ טרויעריק־געבראָכענער שטים.

— איך וועל דיך אַריבערנעמען קיין ריאָ. אַ נייע וועלט וועט זיך פאַר דיר עפענען. עס קומען אָן אַזוי פיל מענטשן פון ליסאַבאָן און פון גאַנץ פּאָרטוגאַל. עס קומען אויך פון אונדזערע, וואָס האָבן נישט פאַרגעסן, אַז זיי שטאַמען פון ייִדן, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און זי געטוליעט צו זיך.

— קום אַריין אין הויז. איך האָב פיל צו רעדן מיט דיר, — האָט גראַסיאַ שטיל געשעפּטשעט און געקוקט מיט אויפגעלויכטענע, פאַרטרערטע אויגן.

זיי זענען אַלע אַריין אין הויז. ערשט אינעווייניק האָט דער אַלטער יוחנן דערפילט אַ שווערע מידקייט אין קערפּער, וואָס האָט אים געצויגן צו דער ערד. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן, ער האָט געפילט, אַז ער פאַלט, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט דער האַנט זיך אָנגעכאַפּט ביים ווענטל פון קאָרידאָר.

מרים האָט דאָס דערזען. זי האָט איינגעצאַמט אירע טריט.

— גייט, פירט אַרויף די מוטער מיטן קינד אין אויבערשטן שלאָפצימער. איך וועל באַלד אַרויסקומען צו אייך.

מרים איז אַ ווײַלע געשטאַנען, נאָכגעקוקט ווי זיי גייען פּאַמעלעך אַרויף מיט די ברייטע טרעפּ צו די אויבערשטע חדרים. נאָך דעם ווי זיי זענען פאַרשוווּנדן, האָט זיך מרים אָפּגעריסן פון אָרט, צוגעגאַנגען צו איר ברודער און אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

— עס איז דיר שוין ווידער נישט גוט? ביסטו כאָטש געווען ביים רופא? — האָט מרים געפרעגט אַ פאַרזאָרגטע.

— איך בין געווען, אָבער וואָס קען שוין מיר העלפן אַ רופא? בידו אפקיד רוחי, אין זיינע הענט וועל איך אָפּגעבן מיין נשמה, — האָט יוחנן געזאָגט מיט אַ טרויעריק רויִקער שטימע און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל.

— רעד נישט אַזוי, יוחנן, עס איז אַ זינד קעגן גאָט אַזוי צו רעדן. ווי לאַנג מען לעבט דאַרף מען האָבן בטחון, אַז דער באַשעפער וועט העלפן.

— איך האָב בטחון, אָבער גאָט האָט מיר נישט געגעבן מיין לעבן אויף אייביק... איך פיל, אַז מיין צייט קומט, — האָט דער אַלטער רויִק געזאָגט און נאָך באַוויזן אַ שמייכל צו טאָן.

— שטאַרק זיך, איך בעט דיך יוחנן, ווי לאַנג לאָורענסיאַ איז ביי אונדז אין הויז, — האָט מרים שטיל געזאָגט. זי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און אים אַריינגעפירט אין זיין אָפּרו־צימער.

— איך מוז זיך איילן, מרים. רעד מיט לאָורענסיאַ און זאָג איר, אַז מאָרגן פאַר טאָג וועל איך יידישן דאָס קינד און נאָך דעם וועל איך קענען רויִק אָפּגעבן מיין נשמה דעם באַשעפער.

מרים האָט פאַרשלונגען אַ זיפץ און איינגעהאַלטן דעם אָטעם דער ברודער זאָל נישט באַמערקן איר ווייטיק.

— וואָס שוויגסטו? ביסט נישט גרייט צו דעם, צו יידישן דאָס קינד? האָסט אפשר אויך מורא? — האָט זיך יוחנן אויפגעשטעלט מיט אַן אימפּעט ווי אַ געזונטער מענטש.

— איך בין גרייט. איך וויל דו זאָלסט אָבער וויסן, אַז אויך דאָ אין דער „קאַסאַ־גראַנדאַ" קען מען שוין נישט אַלץ טאָן פריי ווי דו מיינסט, — האָט מרים געזאָגט.

— איך פֿאַרשטיי נישט, ווער וועט מיך נישט לאָזן?! — האָט יוחנן געפֿרעגט אַן אויפֿגערעגטער.

— נעכטן, נאָך דיין אַוועקפֿאָרן, זענען דאָ אָנגעקומען צוויי יעזויִטישע מאָנאַכן. זיי האָבן זיך אויסגעפֿרעגט וועגן אונדזער פֿירונג. זיי זענען אַרומ־געקראָכן אין די „סענזאַלעס" צווישן די נעגער־שטיבלעך. אומעטום זענען זיי געווען. דאָ אין הויז האָבן זיי נישט אַריינגעשמעקט, — האָט מרים שטיל דערציילט, ווי זי וואָלט אים איינגערוימט אַ סוד.

— איך האָב זיך געריכט אויף דעם. מיך קענען זיי שוין גאַרנישט טאָן, שיקן מיך קיין ליסאַבאָן צו דער אינקוויזיציע איז שוין נישטאָ ווען, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ מאָדנער פֿריילעכער שטימע, ווי עס וואָלט אים הנאה געטאָן, וואָס זיי, די אינקוויזיטאָרן, קענען נישט האָבן דעם פֿאַר־געניגן.

— דאָס איינציקע וואָס מיך שרעקט, איז וואָס מיין זון וועט מיר מאַכן אַ גרויסע לוויה מיט אַלע גלחים, פֿינצטערע יעזויִטן און דאָמיניקאַנער מיט אַלע הייליקע, מיט אַלע געטשקעס ווי די געצנדינערס, וואָס זיי וועלן טראָגן מיר פֿאַרויס...

ער האָט שווער און טיף אָפּגעזיפֿצט.

— אויך דאָס צו פֿאַרמיידן וועל איך זיך באַוואָרענען, — האָט יוחנן געזאָגט און אַ סודותדיק שמייכעלע האָט זיך באַהאַלטן אין די קנייטשן אַרום זיינע טרויעריקע אויגן.

מרים האָט לייכט אויפֿגעציטערט. איר פּנים איז בלאַס געוואָרן. זי האָט אַוועקגעדרייט איר קאָפּ אין אַ זייט, ער זאָל נישט באַמערקן איר אויפֿרעגונג.

זיי זענען אַריין אין זיין אָפּרו־צימער. מרים האָט אים צוגעפֿירט צו זיין ווייך־אויסגעבעטער שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער שלאָפֿבאַנק.

ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט, צוגעמאַכט די אויגן און טיף אָפּגע־אָטעמט, ווי ער וואָלט דערפֿילט אַ דערלייכטערונג אין זיין קראַנקן קערפּער.

די שוועסטער האָט אים מיט מאָמעשער געטריישאַפֿט אַרומגעוויקלט זיינע ציטערדיקע קני מיט אַ וואָלענער קאָלדרע. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אין אַ זייט ווי צו כאַפּן אַ דרימל. די שוועסטער איז פּאַמעלעך אַרויס פֿון צימער.

פערטער קאַפּיטל

פאַר נאַכט, צום אָונטערבראַיט, האָט זיך די גאַנצע משפּחה פאַרזאַמלט אין עסצימער. זיי האָבן זיך באַזעצט אַרום דעם דעמבענעם טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייס טישטעך מיט נאָכהענגענדיקע פראַנדזן ביי די ברעגן.

זיי זענען געזעסן שווייגנדיק און זיך דערמאָנט, אַז שוין אַ לאַנגע צייט האָט די קליינע משפּחה נישט געגעסן צוזאַמען ביי איין טיש. געקומען איז עס נאָך דעם, ווי יוחנס איינציקער זון איז אַוועק קיין באַהיאַ און זיך אָנגעשלאָסן אין אַ מאָנאַכישן קלויסטער.

די שוועסטער מרים האָט באַפוילן די שוואַרצע דינערס און זיי האָבן געבראַכט צום טיש טעלערס מיט רייז, שוואַרצע אַרבעס, אַוואָקאַדאָס, פּאַ־פּאַיאַס און מעלאָנען, אויך אַלערליי סאָרטן מאַנגאָס, ראָזעווע און קליינע, גרינלעכע.

דער אַלטער קראַנקער יוחנן, ווען די שוואַרצע באַדינערס האָבן פּרי׳ער מיט גרויס אָנשטרענגונג געבראַכט צום טיש, האָט איצט געשמייכלט צו זיינע קרובים און זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות צו זיין פריילעך.

— עסט, עסט, וואַרט נישט אויף מיר. אייער אַפּעטיט וועט אפשר אויך מיר געבן חשק צום עסן — האָט דער אַלטער געשפּאַסט.

אַלע האָבן צוריקגעשמייכלט און גענומען עסן.

מרים האָט זייטיק באַטראַכט דעם ברודער אירן. זיין פּנים איז געווען מיד און אויסגעלאָשן. די ביַיטעלעך אונטער די אויגן — שוואַרצער און אָנגעשוואָלענער, די ליפּן אויסגעקרימט און איינגעפאַלן, אַז אַ טראָפּן בלוט אין זיי. נייִן, ער האָט קיין ליגן נישט געזאָגט. זיין צייט איז געקומען...

נאָך דעם היינטיקן שמועס מיט איר ברודער, ווען ער איז געקומען צו פאָרן מיט לאורענסיאַ פון שטאָט, איז מרים געווען אומרו׳יק אַ גאַנצן טאָג. זי האָט זיך דערמאָנט אין איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. אויך ער, איר מאַן, האָט געוואָלט אויסמיידן אַ לוויה מיט אַ צערעמאָניע פון דער קירך. ער האָט געגעבן אָנצוהערן די לעצטע טעג איידער ער איז געשטאָרבן, אַז ער וועט זיך פאַרברענען אָדער דערטרינקען איידער ער וועט אויסהויכן זיין נשמה, עס זאָל פון זיין קערפּער גאָרנישט בלייבן. צום סוף איז ער רו׳יק געשטאָרבן

אין זיין אייגן בעט און מען האָט אים מקבר געווען אויף דעם קליינעם פֿאַמיליע־צווינטער צווישן די פּאַלמע־ביימער לעבן די צוקעררער־פֿעלדער. איצט ליגט ער אונטער אַ גרויסן שטיין מיט אַ צלם צוקאָפּנס ווי אַ לייטישער איינוווינער פון דער פּלאַנטאַציע. אויך איר ברודער וועט לאַנג נישט אויס־האַלטן, דאָס קאָן זי שוין זען פון זיינע כּסדרדיקע בויכקראַמפּן, וואָס ווערן וואָס אַ מאָל ערגער ווי ער וואָלט געהאַט אַ פֿאַרצערנדיקן ווּוקס אין זיינע געדערעם. ער וועט אין גיכן אויסגיין און מען וועט אים אַוועקלייגן לעבן איר מאַן און נאָך דעם וועלן זיי בלייבן עלנט צווישן אַזוי פיל פרעמדע מענטשן, וואָס האָסן זיי. כאָטש זיי זענען געוואָרן קריסטן, זענען זיי אַרומ־גערינגלט מיט אַזוי פיל שונאים, וואָס ווילן נאָר זען זייער אומגליק...

די איינציקע האָפענונג איז איצט נאָר לאַורענסיאַ און איר מאַן זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ. נאָר דורך זיי קען איר טאָכטער אויפגעריכט ווערן צו קריגן אַ מאַן פון זייער שטאַם, פון זייערס גלייכן.

דער אַלטער האָט זיך צעהוסט, זיין פּנים האָט געקראָגן אַ בלוי־מילציקן אויסזען. ער האָט אויפגעהויבן זיין סערוועטקע און זיך אויסגעווישט זיינע פֿאַרטרערטע אויגן.

— נו, וואָס שווייגט איר אַלע. איך האָף, אַז איך בין נישט דער גורם, וואָס איר שווייגט. אפשר ווען איך גיב אייך פלייש און וויין וואָלט איר געוואָרן פריילעכער, אָבער מיר עסן נישט קיין פלייש... האָט דער אַלטער געזאָגט צו לאַורענסיאַ.

— אויך איך מייד אויס ווי ווייט מעגלעך צו עסן דאָס אומריינע טריפה פלייש, האָט לאַורענסיאַ געזאָגט שטיל, די דינערס זאָלן נישט דערהערן.

זייער גערייד האָט זיך איבערגעריסן. פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס אָנקומען פון עטלעכע רייטערס. אַלע האָבן זיך אַ ווײלע איינגעהערט צום טופּען פון די פערדישע טריט. מרים האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פענצטער.

פון טויער האָבן אַהערגעריטן צוויי רייטערס אויף אויסגעצירטע הויכע, פלינקע פערד. זיי זענען געריטן ווי אויף אַ פּאַראַד און געקוקט אַרויף צו די אויבערשטע פענצטער פון גרויסן הויז ווי זיי וואָלטן געלאָזט וויסן, אַז געקומען זענען זיי דורכויס צו זען דאָנאַ גראַסיאַ.

מרים איז בלאַס געוואָרן. יעדער פרעמדער מאַן, וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג אויף איר טאָכטער, האָט זי אומרויק געמאַכט. די רייטערס זענען נישט געווען ענלעך איינער צום אַנדערן, אַזוי אויך נישט זייערע פערד. אויף דעם אַשיק גרויען פערד, איז געזעסן אַ פעסט־געבויטער מאַן פון פּאָרטוגעזיש־אינדיאַנישן אָפּשטאַם. זיין שאַרף רירעוודיק קופּער־רויטלעך פּנים מיט הויכע קינבאַקן איז געווען אַרומגעקרייזלט מיט אַ שוואַרץ־בערדלדיקן אָנוווקס אַרום דער גאָמבע נענטער צום האַלדז. ער האָט געטראָגן אַנגעהאָנגען אַ לאַנגע ביקס אויף דער פּלייצע מיט אַ פּאַס קוילן אויף די לענדן הינטערן מאַנטל. אויפן זאָטל איז געווען צוגעפעסטיקט אַ גיטאַרע.

אויפן צווייטן פערד, וואָס האָט געהאַט אַ ברוין־רויטלעכע גלאַנציקע פעל, איז געזעסן אַ הויכער, שלאַנקער שפּאַניער מיט אַ גלאַט, אויסגעאיידלט, טונקל פּנים. ער איז געווען איינגעהילט אין אַ ברייטן מאַנטל, וואָס האָט פאַרדעקט דעם ברייטן הינטן פון פערד. זיין טוכענער באַצירטער הוט איז פאַרקנייטשט אויף אַרויף אין איין זייט ווי עס טראָגן די נאַבללייט.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם קליינעם אָפּגעזונדערטן הויז פון דעם אויפזעער, וואָס איז געשטאַנען ביים זייטיקן וועג, וואָס האָט געפירט צו די ליימיקע כאַטעס פון די שקלאַפן.

זיי זענען אַרונטער פון די פערד, זיך אָפּגעשטויבט פון וועג, צוגעבונדן די פערד צום פּלויט און זענען אַריין צום אויפזעער פערנאַנדאָ ראָדריגאָס.

— נו, וואָס איז דער טומל ? ווער איז געקומען ? וואָס פאַר אַ ניי אָנשי־קעניש ? — האָט יוחנן נייגעריק געפרעגט.

— מיר דאַכט זיך אַז דער „מאַמעלוקאָ״ (געמישטער פּאָרטוגעזער מיט אינדיאַנער) פון סאַן פּאַולאָ און דער שפּאַנישער נאָבלמאַן זענען שוין ווידער געקומען צו גאַסט צו פערנאַנדאָ ראָדריגאָס, — האָט מרים געזאָגט.

דער אַלטער יוחנן האָט שווער אָפּגעאָטעמט.

— עפּעס געפעלט מיר נישט זייער צו אָפט קומען דאָ אַהער, — האָט יוחנן שטיל געזאָגט.

מרים האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט צום טיש און געכאַפּט אַ קוק אויף איר טאָכטער. גראַסיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן. איר בלאַס פּנים האָט זיך פאַררויטלט. אירע באַקן האָבן גענומען פלאַמען. זי האָט מיט דער

סערוועטקע פארשטעלט איר פּנים און גענומען ווישן דעם שוויס פון איר שטערן.

— זיי האָבן דאָך עפּעס געוואָלט דו זאָלסט זיי לייען געלט פאַר זייער עקספּעדיציע צו געפינען גאָלד און דימענטן אין די בערג? — האָט מרים געפרעגט.

— וואָס בין איך אַ יונגערמאַן זיך צוצוהערן צו אַלע אַוואַנטורעס? איך האָב שוין מיין גאָלד און דימענטן געפונען. ביי מיר איז עס, זאָלסטו וויסן, אייטל נאַרישקייטן. רייכקייט וועט אונדז נישט מאַכן גליקלעך, — האָט דער אַלטער געענטפערט און אַ קרומע גרימאַסע האָט זיך געלייגט איבער זיין פּנים.

— אָבער נישט צוליב דעם אַליין זענען זיי געקומען, האָב איך מורא, — האָט ער סודותדיק צוגעגעבן.

קיינער האָט אים נישט איבערגעפרעגט. ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן און נישט געוואָלט הערן דעם ענטפער. זיי זענען געזעסן שטיל, יעדער פאַרטראַכט אין זיך. מרים האָט זיך רערמאָנט, אַז דאָס לעצטע מאָל, ווען די צוויי יונגע־לייט זענען דאָ געווען זונטיק אין דער פרי בעת דער מעסע אין קלויסטער. האָבן זיי נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון איר טאָכטער. זיי האָבן נאָך דעם געזוכט אַ געלעגנהייט צו זען גראַסיאַ, נאָר זי, מרים, האָט זי געהיט און נישט אַרונטערגענומען אויף קיין איין רגע דאָס אויג פון איר. איצט זענען זיי ווידער געקומען. זי האָט אַלץ געהאָפט, אַז איר טאָכטער גראַסיאַ וועט חתונה האָבן מיט אַ נאָענטן פון אייגענעם שטאַם, אפשר וועט פאַרט קומען אַ צייט און זיי וועלן קענען לעבן פריי ווי זייערע עלטערן האָבן געלעבט אַ מאָל אין רעציפע, ווען די האָלענדער האָבן גע־הערשט.

איר פאַרשטאָרבענער מאַן מענועל האָט זיין גאַנץ לעבן נאָר געוואָלט אַנטלויפן ווי פון אַ שרעקלעכער תּפיסה. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן און געלערנט אויף אַדוואָקאַטור אין קאָימבראַ־אוניווערסיטעט. ער איז דעמאָלט נישט אַוועק בלויז צוליב איר, מרים, און זייער איין־יאָריק טעכטערל גראַסיאַ, וואָס ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיי אויף אייביק פאַרלירן. זיין גרויסע ליבשאַפט צו זיי האָט אים געבונדן הענט און פיס.

ער האָט פאַרענדיקט זיין שטודירן און געקומען אַהיים קיין בראַזיל.

מרים האָט אויפגעהויבן די אויגן. איר טאָכטערס פּנים איז שוין ווידער געווען בלאַס, אַ סך בלאַסער ווי געוויינלעך. זי האָט אָן אויפהער געווישט מיט אַ סערוועטקע דעם שווייס פון איר שטערן.

— וואָס איז דיר מיין קינד? — האָט מרים צאַרט געפרעגט.

— איך האָב קאָפּווייטיק. איך וויל אַרויפגיין צו זיך אין צימער זיך אָפּרוען, — האָט גראַסיאַ שטיל געזאָגט.

— איך וועל מיט דיר אַרויפגיין, — האָט לאָורענסיאַ זיך אַריינגעמישט און אָנגענומען גראַסיאַ ביים אָרעם.

— גיי טאָקע מיט איר אַרויף, — האָט מרים באַגיטיקנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זיי זענען ביידע אַרויס געאָרעמט ווי צוויי צווילינג־שוועסטער, אַזוי ענלעך האָבן זיי הינטערווייליכץ אויסגעזען מיט זייערע שלאַנקע, דינע פיגורן.

פון דעם אויפזועערס הייזל האָט זיך אַהערגעטראָגן דאָס גרימפּלען פון אַ גיטאַרע און דאָס הייזעריקע צוזינגען פון די מענער.

— זיי הוליען שוין דאָרטן. איך וועל נישט זיין איבערראַשט, אַז פּער־נאַנדאָ ראָדריגאָס, אונדזער פּרנסה־געבער, וועט מיט זיי אַוועק קיין „מינאַס־געריאַס" צו זוכן גאָלד און דימענטן. — האָט יוחנן געזאָגט און געקוקט מיט פאַרטראַכטע אויגן צום פענצטער. — ער טוט שוין סיי ווי גאָרנישט. אַלע צעלויפן זיך צו זוכן גאָלד. טויזנטער ווילדע געשיכטעס גייען אום צווישן די נעגער־שקלאַפן. מען דערציילט זיי, אַז די ווייבער דאָרטן באַשפּרינקלען זיך די האָר זייערע מיטן גאָלדשטויב אויסצוזען בלאָנד. קיין שום כּוח וועט זיי נישט איינהאַלטן... — האָט מרים דערציילט.

— אָט דאָס איז עס, צו אַלץ קומט אַ סוף. אַז איך וועל אָפּגעבן מיין נשמה דעם באַשעפער, זאָלסטו גלייך אַלץ וואָס דו קענסט איינפּאַקן, און פאָרן מיט דיין טאָכטער צו לאָורענסיאַ קיין ריאָ. איך פאַרהאָף, אַז דאָרטן וועט איר געפינען מנוחה. איך האָב איבערגעלאָזט גענוג פאַר אייך צו לעבן שיין — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ וויכער, ציטערדיקער שטימע און געקוקט אויף איר מיט ליבשאַפט.

— און וואָס וועט זיין מיט דער פּלאַנטאַציע? מיר האָבן דאָך אַריינ־געלייגט אַזוי פיל אַרבעט, — האָט מרים אים אָנגעקוקט אַ דערשראָקענע.

— דאָס זאָל זיך שוין זאָרגן מיין זון און די יעזויִטישע און דאָמיניקאַנישע מאָנאַכן, זיינע פריינד, וואָס וואַרטן מיך צו ירשענען.

זיי זענען געזעסן אַ לאַנגע ווייל שטיל. מרים האָט זיך דערמאָנט ווי איר ברודער האָט פריִער געגעבן ווי אָנצוהערן, אַז ער ווייסט צוליב וואָס די יונגעלייט זענען געקומען. זי איז זיך משער, אַז געקומען זענען זיי צוליב איר טאָכטער, אָבער אפשר מאַכט זי אַ טעות. — זיי זענען דאָך נישט געקומען בלויז צו פאַרברענגען מיט פערנאַנדאָ, אפשר קענסטו מיר דאָס אויפקלערן? — האָט זיך מרים געפרעגט מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט.

— פאַר וואָס פאַרשטייסטו נישט? ביסט דאָך אַ מאַמע? דער שפּאַנישער נאָבלמאַן שדכנט זיך צו דיין טאָכטער און דער צווייטער דער „מאַמעלוקאָ" איז אויך נישט גלייכגילטיק צו איר. ער האַלט זיך אויך, און אפשר מיט רעכט, פאַר אַ שטיקל מיוחס. זיין עלטער־זיידע איז געווען פון די ערשטע פאָרטוגעזישע איינוואַנדערער. ער האָט זיך גענומען אַ סך אינדיאַנישע ווייבער. ער שטאַמט דאָך פון זיי, — האָט דער אַלטער איר אויפגעקלערט.

— אַ שיינער יִחוס. גראַסיאַ האָט נאָך גענוג שׂכל נישט אַריינצוקריכן אין דעם ערב־רב, און דעם שפּאַניער האָט זי זיכער פיינט. זי ווייסט וואָס זיי האָבן געטאָן צו אונדזערע געפּייניקטע, אָרעמע ברידער. איך האָב איר אַ מאָל פאַרגעלייענט פון דעם ספר פון ר' שמואל אושקי, וואָס מיין מאַן האָט געהאַט אַהיים געבראַכט פון פאָרטוגאַל, האָט זי דעמאָלט געוויינט מיט ביי־טערע טרערן, — האָט מרים אים איבערגעגעבן.

— יאָ, דאָס ספר מיט די דיאַלאָגן „אַ טרייסט צו דיליידן פון ישׂראל" קען רירן ביז טרערן יעדן מענטש, אָבער ווער קען פאַרשטיין אַ מיידלש האַרץ? — האָט דער אַלטער געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געוועזן אומזיכער צו פאַרלאָזן זיך אויף גראַסיאַ.

מרים האָט מיט אויפרעגונג אָוועקגעוואָרפן די סערוועטקע אויפן טיש.

— שוין, דו אויכעט, דו טראָגסט אויך אַ בייז האַרץ אויף איר. זייט זי האָט נישט געוואָלט נעמען דיין בן־יחיד, קענסטו עס איר נישט מוחל זיין, — האָט מרים גערעדט מיט אַ צעבראָכענער וויינענדיקער שטימע.

— הער אויף, מרים. איך האָב עס גאָרנישט געמיינט. אפשר האָט ער נישט די ווערט געהאַט, אַז דיין גראַסיאַ זאָל אים נעמען פאַר אַ מאַן. עס איז שוין אָבער צו שפּעט צו האָבן טענות, — האָט יוחנן צו איר גערעדט מיט אַ ווייכער, וואַרעמער שטים פון וועלכער זי, מרים, איז אַזוי גערירט געוואָרן אַזש עס האָבן זיך געשטעלט טרערן אין אירע אויגן.

— זיי מיר מוחל, איך ווייס שוין אַליין נישט וואָס איך רעד. עס ווייגט אין מיר דאָס האַרץ. איך קוק זיך צו צום צער פון מיין קינד, — האָט מרים געביטערט.

פון דרויסן האָבן זיך מיט אַ מאָל געהערט טריט. אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן דער אויפזעער פון הויף פערנאַנדאָ ראָדריגאָס. ער האָט געהאַלטן זיין ברייטן הוט אין האַנט און זיך געבויגן מיטן קערפּער צו באַגריסן זיין האַר.

— וואָס ווילסטו זאָגן עפּעס גוטס, פערנאַנדאָ? — האָט יוחנן געפרעגט.

דער אויפזעער האָט מיט דער האַנט פונאַנדערגעשאַרט זיינע שוואַרצע וואָנצעלעך אויף זיין דיקלעכער ליפּ. ער האָט געמאַכט אַ טריט נענטער אַריין אין צימער.

— סענהאָר מאַרטעם בלאַנקאָ וויל האָבן דאָס פאַרגעניגן מיט איך צו רעדן וועגן אַ זייער וויכטיקער זאַך, — האָט ראָדריגאָס געזאָגט.

— איך בין גראָד נישט ביים בעסטן געזונט און איך בין אויך זייער מיד פון וועג. אָבער אַז עס איז זייער וויכטיק, זאָל ער אַריינקומען, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ מידער, געבראָכענער שטימע.

פערנאַנדאָ איז גיך אַרויס פון שטוב און באַלד האָט זיך באַוויזן דער שפּאַנישער אַדלמאַן מאַרטעם בלאַנקאָ, ווי ער וואָלט שוין פון פריער געוואַרט אין דרויסן. ער האָט אַרונטערגעצויגן זיין הויכן טוכענעם הוט פון קאָפּ און זיך טיף פאַרנייגט.

— סענהאָר זשואַן גאָמעס, איר האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן וואָס איר האָט מיר באַוויליקט איך צו באַזוכן, — האָט ער געזאָגט און געמאַכט עטלעכע דרייסטע טריט טיפער אַריין אין צימער. ער האָט זיך פלינק אַ דריי געטאָן מיטן קערפּער, זיך אַרומגעקוקט צו די אָפענע זייטיקע טירן, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף מרימען. עד האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר איר.

— דאָס איז מיין שוועסטער מרים, — האָט יוחנן זי פאָרגעשטעלט.

— אָ, דאָס איז אייער שוועסטער, עס פרייט מיך זייער. איך האָב אייך שוין פריִער געזען צוזאַמען מיט אייער שיינער. נאָבעלער טאָכטער אין קירך ביי דער זונטיק־מעסע — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילער, ווייכער שטימע און זיך ווידער פאַרנייגט.

— קומט נעענטער, זעצט זיך ביי אונדזער טיש, סענהאָר בלאַנקאָ און עסט אונדזערע פרוכטן, — האָט מרים צו אים געזאָגט מיט אַ גאַסטפריינד־לעכער העפלעכקייט.

מאַרטעס בלאַנקאָ האָט אַרונטערגענומען פון אַקסל זיין אַנגעהאָנגענעם מאַנטל און אים דערלאַנגט דעם שוואַרצן באַדינער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר. ער איז געבליבן אין זיין לויזער זיידענער בלוזע מיט אַן אָפענעם קראַגן און ברייטע געפאַלדעוועטע אַרבל פאַרשלייפט ביי די הענט.

ערשט איצט, אָן דעם מאַנטל, האָט מען געקאָנט זען זיין הויכע, שיינע פיגור מיט די פלינקע פיס, וואָס האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון זיינע איינגע־פאַסטע הויזן מיט שלייפלעך ביי די זייטן פון די קני איבער זיינע זאָקן. ער האָט צוגעשפּאַנט צום טיש און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער אַנווייזונג פון יוחנן ביי דער זייט לעבן אים.

ער איז אַ ווײַלע געזעסן שטיל, דאָ געקוקט אויף מרימען און דאָ אויף דעם אַלטן יוחנן. זיין קורצער שטערן מיט דעם אַראָפּגעלאָזטן טונקעלן לאָק האָר, האָט זיך געקנייטשט, ווי ער וואָלט נאָכגעטראַכט ווי אַזוי אָנצו־פאַנגען רעדן. ער האָט ווידער אָנגעשטעלט זיינע ברוינע, פיבערדיקע אויגן אויף מרימען, וואָס האָט געהאַט פיל ענלעכקייטן צו איר טאָכטער גראַסיאַ. זיין גלאַט אויסגעאיידלט פנים איז געווען צעטומלט.

— סענהאָראַ! איך מוז אייך זאָגן, אַז זייט איך האָב געזען אייער איי־דעלע טאָכטער אין קירך, קען איך נישט געפינען קיין רו, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילער, ווי פאַרשטיקטער שטימע.

— אָ, דאָס וועט אַריבערגיין. עס איז שוין אַזוי די געוווינהייט פון אַלע יונגעלייט אין אייערע יאָרן, — האָט מרים געזאָגט און אַ שמייכעלע האָט זיך צעלייגט אַרום אירע צעקנייטשטע מוילווינקלען.

— אָ ניין! דאָס איז ביי מיר אַ זיכערע זאַך. איך קום איצט פון

„מינאַס־גערײַאַס״. פון אומעטום שײַנט אַרויס דאָס גאָלד, וואָס געפינט זיך דאָרט, אָבער איך האָב נאָר געזען דאָס אײדעלע פּנים פון אײַער גערעטענער טאָכטער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפּצנדיקער שטימע.

מרים האָט דערפילט אַ מישעניש אין קאָפּ. זי האָט אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן, זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט בײַם שטול־אָנלען, כּדי נישט אומצופאַלן.

— און איך האָב געמיינט, אַז די הײַנטיקע יונגעלײַט לויפן זוכן גאָלד און טראַכטן גאַרנישט וועגן נעמען אויף זיך אַ פליכט פון חתונה האָבן, — האָט יוחנן געזאָגט און אים דורכדרינגלעך באַטראַכט, ווי ער וואָלט אים נישט געגלויבט קיין איין וואָרט, וואָס ער, בלאַנקאָ, האָט דאָ געזאָגט.

— ניין, סענהאָר, דאָס וועט נישט זײַן קיין לאַסט פאַר מיר. ערשט דעמאָלט ווען אין מײַן הויז וועט זיך געפינען די פרוי, וואָס איך באַגער, וועל איך זיך אַרויסלאָזן מיט אַן עקספּעדיציע אין די בערג. אוצרות ליגן דאָרטן באַהאַלטן און וואַרטן אויף אונדז! גאָלד, דימענטן ווי די פויסט גרויס. זיי זענען פאַרשטיינערט מיט אַ געטלעכן סוד, וואָס נאָר אַ שטאַרקע האַנט קען זיך צו דעם דערגראָבן — האָט ער מיט באַגײַסטערונג אויפגעהויבן אַ פאַרשטײַפטע פויסט און זי געוויגט אין דער לופטן ווי צו שילדערן זײַער געוויכט.

יוחנן האָט פאַרביסן די ליפּן. די וויִעס פון זײַנע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, בלויז קלײנע שפּעלטעלעך פון זײַנע אויגן האָבן זיך אַרויסגעזען. ער קען נישט קריגן געבאַרגט קיין געלט, מיינט ער אַז דורך אַרײַנקריגן זיך אין זײַן משפּחה וועט ער קריגן געלט, זיך אַרויסצולאָזן אויף זײַנע אַוואַנטורעס, האָט יוחנן געטראַכט.

— און געלט? ווו וועט איר נעמען געלט אויף צו מאַכן אײַערע עקספּעדיציעס? אײַער משפּחה איז ווײַליק אײַך אַרויסצוהעלפן? איר דאַרפט וויסן, אַז מײַן שוועסטער און איר טאָכטער גראַסיאַ זענען נישט רײַך. זיי לעבן פון דעם, וואָס איך האַלט זיי אויס אויף דער פּלאַנטאַציע, — האָט יוחנן געזאָגט און אַ חוזק־שמייכעלע האָט זיך באַהאַלטן אין זײַנע צעקנייטשטע, פּייכטע וואַנצעס.

מאַרטעם בלאַנקאָ איז פון יוחננס רייד צעטומלט געוואָרן. זײַנע אויגן

האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ צאָרנדיקן האַס צום אַלטן קאַרגן ייִד, וואָס ליגט אויף זיין זאַק מיט געלט, כאָטש ער האָלט שוין ביים אויסציִען די פיס. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צום טיש מען זאָל נישט באַמערקן זיין צאָרן. ער האָט געקוקט אויף די טעלערס מיט פרוכט און איז באַלד געקומען צו זיך. זיין פּנים האָט אויפגעשטראַלט.

— גראַסיאַ, וואָס פאַר אַ שיינער נאָבעלער נאָמען. איך בין אויסן זי רייך צו מאַכן, אייך אַלעמען רייך צו מאַכן, — וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס געלט, וואָס איך האָב זיך געוואָלט לייען ביי אייך, קעגן דעם וואָס איך האָב אויסזיכטן אַרויסצוקריגן. איך האָב שוין גערעדט מיט מיין משפּחה. זיי דערלויבן מיר צו בעטן ביי אייך די האַנט פון אייער טאָכטער. זיי האָבן מיר צוגעזאָגט צו העלפן, — האָט בלאַנקאַ גערעדט צו מרימען און זיך אָזש פון גרויס אויפרודערונג אונטערגעהויבן פון שטול.

— זיי דערלויבן אייך צו נעמען אַ טאָכטער פון אַ „קריסטאַן־נאָוואָ״? מיט אַ געזונטן קאָפּ זיך לייגן אין אַ קראַנק בעט אַריין? עפּעס פאַרשטיי איך נישט! — האָט יוחנן געדרייט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט נישט געקענט באַנעמען, ווי אַזוי דאָס איז גאָר מעגלעך.

— איר דאַרפט פאַרגעסן אייער אָפּשטאַם און זיך פאַרמישן אין דעם לאַנד ווי עס טוען עס דאַ אַלע פעלקער, וועלן אייך אַלע דעמאָלט מוחל זיין די אַמאָליקע זינד אייערע... — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ פרומער ערנסטקייט.

— די אַמאָליקע זינד? איר מיינט די זינד וואָס אונדזערע עלטערן זענען געווען ייִדן? וועלן עס אויך די יעזויִטן מוחל זיין? ווייסט איר כאָטש נאָך וואָס דער נייער בישאָף דע סאַן זשעראָנימאָ איז דאַ אָהערגעקומען פון ליססאַ־באָן. ער וויל אויסראָמען די ניי־קריסטן זיי זאָלן נישט געניסן פון דעם גאָלד, וואָס איר ווילט זיי מיט דעם רייך מאַכן, — האָט יוחנן געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטער שטים.

— די ניי־קריסטן פון ריאָ טראַכטן נישט אַזוי. נעמט פיליפּע. צי פערנאַן דע וואַללע און אַנדערע. יאָ, פרעגט אייער קרוב דעם אַדוואָקאַט דאַ סילוואַ. זיי האָבן אַריינגעלייגט אַ סך געלט אין די גאָלדגרובנס! — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט דרייסט מיט אַ טאָן פון גרויס געניטשאַפט.

— די נייע קריסטן פון ריאָ? זאָלן זיי זוכן געשעפטן צו מאַכן געלט. עס וועט זיי שפּעטער באַנג טאָן. זייער פעיִקייט וועט זיין אַן אומגליק פאַר זיי, — האָט יוחנן געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמט קול.

— אַ, איר טרייבט איבער. דער נייער בישאָף מיינט נישט איך. אייער פאַמיליע איז זייער אָנגענומען. אייער זון דער מאַנאַך האָט צוטריט צו די שענסטע הייזער אין ריאָ. מיין פעטער קאַסטעל בלאַנקאָ, דער קעניגלעכער אויפזעער פון די גאָלדגרובנס, האַלט פון אים זייער הויך, — האָט מאַרטעם בלאַנקאָ געזאָגט מיט אַ זיסער שטימע, ווי צו באַרויִקן דעם אַלטן יוחנן, וואָס שרעקט זיך, זעט אויס, פאַר זיין אייגענעם שאָטן.

יוחנן איז פון די אַלע רייד געבליבן זיצן מיט אַ דערשלאָגענעם, מידן קאָפּ. קיין זאַך האָט אים שוין נישט געקענט אויפהייטערן. מאַרטעם איז אויך געבליבן זיצן שטיל. ער האָט געזוכט ווערטער, עפּעס אַ נייעם געדאַנק צו באַלעבן די מענטשן, מיט וועלכע ער וויל זיך משדך זיין. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו מרימען.

— איך בעט אייך צו רעדן מיט אייער נאָבעלער טאָכטער גראַסיאַ, אָדער לאָזט מיך רעדן מיט איר איידער איך פאָר אַוועק, — האָט בלאַנקאָ צו איר גערעדט מיט אַ ווייכער, בעטנדיקער שטימע.

— איך ווייס נישט וואָס מיט איר צו רעדן. איך ווייס, אַז זי האָט נישט קיים שום באַגער צו מענער. איך זע, אַז זי שטרעבט זיך אָנצושליסן אין אַ מאָנאַסטיר. זי וויל פאָרן קיין באַהיִאַ, אין דעם סאַנטאָ־קלאַראַ מאָנאַסטיר, — האָט מרים גערעדט געלאַסן און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין.

מאַרטעם בלאַנקאָ האָט אַ ציטער געטאָן. זיין פּנים איז געוואָרן בלייך. ער איז געבליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. אויך יוחנן האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און ברייט אויפגעריסן זיינע ווי פאַרקלעפּטע אויגן.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן, סענהאָר בלאַנקאָ? שטרעבט דען נישט יעדע פרומע קריסטלעכע משפּחה צו האָבן כאָטש איין קינד אין אַ מאָנאַסטיר? — האָט מרים געפרעגט, און אירע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרומט מיט ווייטיק.

— יאָ, עס איז אמת, אָבער אויף גראַסיאַ איז עס אַזוי אוממעגלעך, אַזוי אומגלויבלעך. זי האָט דאָך צו מיר גינציק צוריקגעשמייכלט אין קירך, ווען

איך האָב זי צום ערשטן מאָל געזען. איך זע נאָך איצט איר שמייכל, — האָט בלאַנקאַ געריידט אַ פאַרחלומטער.

— עס האָט זיך איך אויסגעדאַכט, יונגערמאַן, — האָט מרים געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע.

זיי זענען אַלע געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן שוין מער נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן.

פון דרויסן האָט זיך מיט אַ מאָל גענומען הערן דאָס גרימפּלען פון אַ גיטאַר און אַ שטיל בענקענדיק ברומען פון אַ מענערישער שטימע. די קלאַנגען זענען געווען אַזוי נאָענט ווי גלייך דאָ הינטערן פענצטער.

מרים האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום פענצטער. ביים ברעג פון גרויסן הויז, וווּ עס האָט זיך געפונען דער באַלקאָן פון גראַסיאַס שלאָף־צימער, איז געשטאַנען דער באַגלייטער פון מאַרטעם בלאַנקאַ מיט אַ גיטאַר אין האַנט און געטרילעט אַ סערענאַדע. זיין ברייטער הוט איז געווען אָנגעהאָנגען אויף זיין פּלייצע. זיינע הויכע קינבאַקן זענען געווען צעפּלאַמט און די קראַענהאָר צעשויבערט.

מרים האָט זייטיק אויסגעדרייט איר פּנים צום טיש. זי האָט געזען ווי מאַרטעם בלאַנקאַ האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן פון שטול, זיך גיך פאַרנייגט פאַר איר, גענומען דעם הוט און מאַנטל פון באַדינער און איז איילנדיק אַרויס פון שטוב.

מרים איז געבליבן ביים פענצטער, זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. זי האָט געזען ווי מאַרטעם בלאַנקאַ איז גיך אַריין אין דעם הויז פון דעם אויפזעער פערנאַנדאַ ראָדריגאַס.

עס האָט נישט לאַנג גענומען און ער איז צוריק אַרויסגעקומען אָנגעטאָן אין זיינע וועג־מלבושים. אַ שוואַרצער באַדינער האָט געבראַכט זיין פערד אָנגעזאָטלט מיט זיין געפּעק. ער האָט זיך פלינק אַרויפגעזעצט אויפן פערד, אַ שאָקל געטאָן מיט זיין הוט אין דער לופטן צו אַלע, וואָס זענען געשטאַנען ביים הויז פון אויפזעער ראָדריגאַס. ער האָט אַ שמיץ געטאָן מיטן בייטש דאָס פערד אין געזעס מיט אַזאַ האַסטיקייט ווי ער וואָלט אויסגעלאָזט זיין צאָרן צום באַשעפעניש. דאָס פערד האָט אַ הויב געטאָן די הינטערשטע פיס און צעטראָגן אַ הירזשע געטאָן. ער האָט גיך אַרויסגאַלאָפּירט פון הויף.

זיין באַגלייטער, דער סאַן־פּאולער, האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטועגעם שפּילן די סערענאַדע צו גראַסיאַ. ער האָט מיט דער גיטאַר אין האַנט געגומען גאַכלויפן און רופן זיין פריינד. ביים טויער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט אַ דערשלאָגענער געגומען צוריקגיין צום הויז פון דעם אויפזעער פערנאַנדאָ ראָדריגאָס.

פינפטער קאַפּיטל

דער אַלטער יוחנן גאָמעס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אומרויִקן שלאָף. ער האָט האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום שמאָלן פענצטער. פון דרויסן האָט אַריינגעשאַרײַט אַ גרויע פרימאָרגן־ליכט. ער האָט אַרונטערגענומען פון זיך דאָס איבערבעט און זיך געשטעלט אויף די פיס.

ער האָט איינגעטונקען די הענט אין דעם ווייסן בעקן מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער קאָמאָד לעבן זיין בעט.

— דאַנקען גאָט וואָס איך קען זיך היינט שטעלן אויף די פיס, — האָט ער שטיל אַ פליסטער געטאָן.

ער האָט זיך גיך גענומען אָנטאָן זיינע מלבושים און פון אונטער דער שלאָפּבאַנק אַרויסגענומען אַן איינגעפּאַקט פּעקל מיט ווייסע לייוונטענע בגדים, וואָס ער האָט געהאַלטן בסוד צוגעגרייט פאַר זיך.

ער איז אַרויס אין דרויסן. די פרימאָרגנדיקע טראָפּישע לופט האָט אים אַרומגענומען מיט אַ שטיקנדיקער וואַרעמקייט. דער הימל איז געווען פאַר־כמאַרעט, גרויע וואָלקנס האָבן געאיילט צו דער זייט פון ים. דער אַלטער האָט לויז געמאַכט זיין ברייטן כאַלאַט און זיך געלאָזט צום באָדהויז.

דאָס באָדהויז איז געשטאַנען לעבן דער וואַסער־שלוזע, וואָס איז אַרונ־טערגעפאַלן אונטער די רעדער פון דער צוקערמיל. די מיל האָט מער נישט געאַרבעט. דאָס גרויסע הילצערנע הויז מיט אָפענע אַריבערגעהאַנגענע דע־כער האָט שוין אויסגעזען ווי אַ פאַרלאָזענע חורבה. טייל זייטן פונעם דאַך האָבן געזונקען צו דער ערד.

דאָס וואַסער אין דעם שמאָלן, לויפנדיקן טייכל, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם הויף צו דער מיל האָט געשאַרגעט, באַשפּריצט די רעדער פון דער צוקערמיל אָבער די רעדער האָבן זיך נישט געדרייט. דאָס וואַסער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט דורך דער מיל ווי פון אַ הויכן וואַסערפאַל. אונטן האָט דאָס וואַסער געררישט מיט אַן אויפגעכוואַליעטן שוים און פאַרשווונדן הינטער דער מויער אַרויס צו די אָפענע צוקער־פעלדער.

פון דער ווייטנס, לעבן די הייזער מיט די שטרויענע דעכער, די „סענ־זאַלעס" * פאַר די נעגערישע שקלאַפן, האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ טומל. די ווייבער האָבן שוין געקאָכט טעפּ מיט שוואַרצע אַרבעס אויף די שטיינערנע קאַמינען.

יוחנן גאַמעס איז אַריין אין דעם האַלב אָפענעם הילצערנעם באָדהויז, וואָס איז געשטאַנען איבער דעם טייכל. ער האָט זיך אויסגעטאָן, אַוועקגע־לייגט די מלבושים אויף דער באַנק און זיך האַסטיק אַרונטערגעלאָזט אין טייכל אַריין. דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים אַרומגענומען ווי מיט קאַלטע שאַרפע רייפן. ער האָט זיך אונטערגעטוקט עטלעכע מאָל און איז גיך אַרויס.

די וואַרעמע לופט האָט אים גלעטנדיק אַרומגענומען. ער האָט זיך אַרומגעווישט, אויסגעטריקנט דאָס לייב און זיך גענומען אָנטאָן די בגדים. ער האָט נישט געפילט קיין שום שרעק כאָטש די בגדים האָבן אים דערמאָנט אין טויט. אויף זיי האָט ער אָנגעטאָן דעם ווייסן קיטל, וואָס זיין פאָטער האָט אים געגעבן צו זיין חתונה מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק אין דער שטאָט רעציפע, ווען ער איז קוים אַכצן יאָר אַלט געווען. ער האָט דעם קיטל געטראָגן בלויז עטלעכע מאָל די לעצטע יאָרן, ווען אַ מנין ייִדן זענען זיך צונויפגעקומען אין געהיים אויף יום־כּיפּור ביי אים אין הויז אָפּצוריכטן די תּפילות.

ער האָט צונויפגעלייגט זיין פּעקל אָנטועכץ און איז אַרויס פון באָדהויז. די מענטשן אין הויף זענען נאָך געשלאָפן. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף די אויבערשטע פענצטער פון דעם גרויסן שטיינערנעם הויז צום חדר ווו לאַורענסיאַ איז שוין אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

---

* סענזאַלעס: אָרעמע ליימענע כאַטעס.

ער האָט דערפילט אַ צאַפּלענדיקע פריידן ביים האַרצגריבל. ער האָט זיך מיט דערפרישטע כּוחות געלאָזט צום הויז. ער איז אַריין אין זיין אָפּרו־צימער. אינעווייניק האָבן שוין אויף אים געוואַרט לאַורענסיאַ מיטן קינד און זיין שוועסטער מרים.

— גוט מאָרגן, פעטער יוחנן.

— גוט מאָרגן אייך. ווי איר זעט בין איך אויך גרייט. מען טאָר נישט פאַרלירן קיין צו פיל צייט. אַ שאָד וואָס צוליב אונדזער ביטערער מערכה האָב איך נישט געקענט צונויפרופן אַ מנין יידן פון מיינע פריינד בייצווזיין דעם ברית. — האָט דער אַלטער געזאָגט און געכאַפּט אַ קוק אויף דעם קינד, וואָס איז געלעגן רויִק איינגעוויקלט אין קישן און געקוקט אויף אים מיט אָפענע, אויסגעשלאָפענע, ברוינע קאַרשן־אייגעלעך.

דאָנאַ לאַורענסיאַ, די מוטער, איז געשטאַנען לעבן קינד מיט צונויפגע־פּרעסטע ליפּן און לייכט געציטערט ווי עס וואָלט איר געווען קאַלט, כאָטש איר פּנים, די באַקן זענען געווען פיבערדיק צעפלאַמט.

דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אַ דריק געטאָן אַ ברעטל און געעפנט אַ טירל. ער האָט אַרויסגענומען אַ פאַרפאַקט קעסטעלע. ער האָט עס געעפנט און אַרויסגענומען איינעם פון די חלפים, וואָס זענען געלעגן אינעווייניק.

— איך באַוווּנדער אייך, פעטער, וואָס איר זענט אַזוי רויִק און אייערע הענט אַזוי פעסט, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט.

— איך בין שוין ווי אַ שאַרבן, נאָר גאָט גיט מיר כּוחות אים צו דינען בלב ונפש.

לאַורענסיאַ האָט טיף אָפּגעאָטעמט און זיך גענומען איינהערן מיט די אויערן געוועגדט צום קאָרידאָר. עס האָט זיך איר געדוכט, אַז זי הערט עמעצן זיך דערנענטערן צו דער טיר.

יוחנן איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע פאַרטראַכט, נאָך דעם איז ער צוגע־גאַנגען צו לאַורענסיאַ, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל.

— איך ווייס ווי גרויס עס איז די מצווה צו זיין ביים יידישן דיין קינד, אָבער איך וויל דו זאָלסט אַרויסגיין. די דינסט וואָס שטייט פאַרן הויז וועט דיך נעמען אויף אַ שפּאַציר, — האָט יוחנן גערעדט צו איר מיט אַ געבעט.

— איך קען נישט, פעטער. איך האָב געוואָרט אויף דעם טאָג מיין גאַנץ לעבן און גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַ זון... — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט און טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן.

— פאָלג מיך און גיי אַרויס. אויב מען וועט מסרן, וועסטו קענען באַווייזן, אַז דו ביסט נישט געווען אין הויז. אַלץ וועט פאַלן אויף מיר, דאָס האָט דער פעטער דיר אָפּגעטאָן און איך וועל שוין ביז דעמאָלט מער דאָ נישט זיין...
— האָט דער אַלטער געזאָגט.

דאָנאַ לאָורענסיאַ איז געשטאַנען אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט, געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע דערשראָקענע אויגן אויפן קינד. זי איז אָבער באַלד געקומען צו זיך, אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ הילפלאָז שמייכעלע. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און איז אַרויס פון צימער. מרים איז איר נאָכגעגאַנגען.

ביים אַרויסגאַנג פון קאָרידאָר לעבן דער הויכער פאַררונדיקטער טיר איז געשטאַנען דאָס דינסטמיידל און געקעמט אירע צעשויבערטע שוואַרץ־געקרויזטע האָר.

— גיי באַגלייט אונדזער גאַסט אויף אַ שפּאַציר — האָט מרים געזאָגט.

דאָס מולאַטישע דינסטמיידל האָט זיך קינדיש צעשמייכלט און געוויזן אַ פול מויל מיט גרויסע, ווייסע ציין. זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ קאָלירטן שאַל אויף די אַקסלען און גענומען נאָכגיין לאָורענסיאַ.

דאָנאַ לאָורענסיאַ איז דאָ נישט געווען קיין פרעמדע. זי איז אָפט געקומען פון ריאָ דע זשאַנייראָ דאָ אַהער צו איר פעטער אויף דער צוקער־פּלאַנטאַציע. זי האָט געקענט יעדעס ווינקעלע פון דעם גרויסן הויף: די צוקערמיל, די שטאַלן, די קאַמערן וווּ מען האָט געהאַלטן דעם אָפּגעשניטענעם צוקעררױר, דאָס באַדשטיבל ביים טייכל. זי איז געווען צופרידן וואָס דאָס דינסטמיידל באַגלייט זי, איבערהויפּט וואָס מען האָט זי אַוועקגענומען פון הויז...

דאָנאַ לאָורענסיאַ איז געגאַנגען פּאַמעלעך און זיך איינגעהערט צי פון דעם הויז קומט נישט אַהער דאָס געוויין פון קינד. אפשר איז טאַקע בעסער פאַר איר געמיט זי זאָל נישט זיין דערביי, נישט הערן דעם קינדס געוויין ביז אַלץ וועט זיין פאַרביי. איר וואָלט זיך נאָר געדוכט, אַז עמעצער קומט; עמעצער שפּירט זיי נאָך און זי וואָלט געשטערט איר פעטער יוחנן, האָט לאָורענסיאַ געטראַכט.

זי האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פון הויף. ביים טויער האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. פון הויז האָט זיך דייטלעך דערטראָגן צו איר אַן אָפּגעהאַקט צאַפּלענדיק געוויין פון איר קינד. זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט ביים טויער. דאָס מולאַטישע מיידל, איר באַגלייטערין, האָט זיך דערשראָקן, זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— די אַם וועט אים באַלד געבן צו זייגן און דאָס קינד וועט זיך איינשטילן. דאָס וויינט ער אַזוי ווייל ער איז הונגעריק.

— יאָ, ער איז הונגעריק און מיינע בריסט זענען לער, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע.

— אפשר רופן דעם קוטשער איך צו פירן אויף אַ שפּאַציר ? — האָט דאָס מיידל געפרעגט.

— ניין, ניין, איך וועל בעסער גיין, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט. זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און איז אַרויס פון טויער.

אויף דעם ברייטן וועג האָט זיך געהויבן אַ ווייסלעכער שטויב פון דער קריידיקער ערד. עטלעכע פויערים האָבן געפירט אייזעלעך באַלאָדנט מיט האָלץ־קוילן אין גרויסע זעק. אַנדערע האָבן געפירט שווערע בינטלעך מיט קינהאָלץ, בינטלעך מיט רויטע פאַרבהאָלץ פון דעם שכנותדיקן וואַלד.

פון אַ זייטיק וועגל, וואָס האָט געפירט צו די ליימיקע כאַטעס מיט די שטרויענע דעכער פון די נעגער־שקלאַפן, זענען אָנגעקומען צוויי יעזויטישע מאָנאַכן אין לאַנגע באַגאַרטלטע כאַלאַטן, ווו עס האָבן נאָכגעהאַנגען גרויסע צלמים. פון זייערע קאַפּטיכער האָבן זיך אַרויסגעזען זייערע אָפּגעגאָלטע דאַרע פּנימער מיט הויכע קנאָכן און פאַרשפּיצטע נעזער.

ביים שיידוועג לעבן דעם גרויסן הילצערנעם צלם, ווו עס זענען געלעגן אַרומגעלייגט קרענצלעך בלומען, האָבן זיך די מאָנאַכן אָפּגעשטעלט, אַנידערגעקניט.

דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט דערפילט ווי אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער איר לייב. זי האָט פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט איר טונקעלן שאַל און פרום אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן צו דער ערד. זי האָט זיך געשטאַרקט און זיך אַוועקגעלאָזט צו דער זייט, ווו דאָס אָפענע, בערגלדיקע פעלד האָט געפירט צום ים.

זי האָט זיך בלויז איין מאָל זייטיק אויסגעדרייט און געזען ווי די

צוויי מאַנאַכן זענען אַריין אין הויף און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום קלויסטערל.

לאַורענסיאַ איז געגאַנגען פּאַמעלעך. זי האָט שוין מער נישט געהערט דאָס געוויין פון איר קינד: אַלץ איז פאַרטויבט געוואָרן פון דעם גערויש פון ים, וואָס האָט אונטן אין טאָל געקלאַפּט מיט זיינע כוואַליעס אין די שטיינערנע פעלדזן ביים ים־ברעג.

זי האָט זיך דערמאָנט ווי נעכטן בעת זיי זענען דאָ דורכגעפאָרן איז איר פעטער יוחנן שטאַרק בלאַס געוואָרן און געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין, ווי ער וואָלט אין גאַנצן געהאַט פאַרגעסן, אַז זי מיטן קינד זענען געזעסן לעבן אים...

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט און ווייטער נישט געקענט גיין, ווי עמעץ וואָלט אַרויסגענומען די כוחות פון אירע פיס. זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ גרויסן קרישטאַלענעם שטיין, וואָס האָט אַרויסגעשטייגט פון צווישן די פאַרוויאַנעטע קוסטעס. זי האָט געקוקט מיט אַרויסגעשטאַרטע אויגן צום ים, וואָס איז געווען איינגעהילט אין אַ בלויען נעפּל און זיך ווי צונויפגעגאָסן מיט דעם כמאַרנעם הימל, וואָס האָט שווער און נידעריק געהויערט איבער דעם וואַסער.

עטלעכע פישערלייט, וואָס זענען געשטאַנען האַלב נאַקעטע מיט זייערע נעצן און קויבערס לעבן די ברעגפעלדזן, האָבן יעדער ווילע געהויבן די אויגן דאָ צום הימל, און באַלד צו זייערע שיפלעך וואָס האָבן זיך אומרויִק געטרייסלט אויף די כוואַליעס.

— עס וועט באַלד זיין אַ רעגן, די פישערלייט האָבן מורא זיך אַרויסצולאָזן, — האָט דאָס מולאַטע מיידל געזאָגט.

— יאָ, מיר וועלן שוין גיין צוריק, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

זי איז געגאַנגען גיך און געוואָלט זיין וואָס שנעלער ביי איר קינד. אומעטום איז געווען שטיל. פון הויף האָט זיך מער נישט געהערט דאָס געוויין פון איר זון. וואָס קען דאָס זיין? אפשר האָט זיך דער אַלטער דערשראָקן פאַר די מאַנאַכן, וואָס זענען פריִער אַריין אין הויף און ער האָט אָפּגעלייגט דאָס מל־זיין פון איר קינד?

זי איז אַריין אין הויף און זיך איילנדיק געלאָזט צום גרויסן הויז. זי האָט געכאַפּט אַ זייטיקן קוק צום קלויסטערל. די גרויסע דעמבענע טיר איז געשטאַנען אָפן. פון אינעווייניק האָבן אַרויסגעהעלט פלעמעלעך פון אָנגעצונדענע ליכט, וואָס האָבן געברענט ביים אַלטאַר. שטראַלנדיקע קרוינען איבער דער מוטער מיטן פּעטלעכן יעזוס־קינד האָבן אַרויסגעבלישטשעט מיט אַ גאָלדענעם גלאַנץ.

דאָנאַ לאָורענסיאַ איז אַריין אין הויז. אין דער אָפענער טיר פון גרויסן אויפנעם־צימער האָט זי גלייך דערזען מרימען און די אַם, וועלכע איז געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל און געהאַלטן דאָס קינד אויף זיך. דאָס קינד איז געלעגן מיטן פּנימל צוגעדריקט צו דער ברוסט וואָס די מולאַטין, די אַם, האָט געהאַלטן אַרויסגעשפּאַרט פון איר צעעפנטן קלייד. דאָס קינד האָט האַסטיק געזויגן מיט די צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּעלעך און יעדע ווײַלע זיפצנדיק אויפגעציטערט.

— אוי, ווי ער איז נעבעך הונגעריק, אַז ער איז אַזש קראַנק געוואָרן. איך האָב אים קוים איינגעשטילט, — האָט די מולאַטין געזאָגט. איר ברייט צעשמייכלט פּנים מיט די הויכע קינבאַקן האָט געשטראַלט מיט אַ גליקלעכער פרייד, וואָס זי האָט באַוויזן איינצושטילן דאָס קינד.

לעבן דער אַם איז געשטאַנען מרים ווי זי וואָלט געהיט די מולאַטין זאָל נישט פונאַנדערוויקלען דאָס קינד...

לאָורענסיאַ האָט אַרומגעבלאָנדזשעט מיט די אויגן.

— ווו איז ערגעץ דער פּעטער יוחנן?

— ער איז ביי זיך אין צימער, ער פילט זיך זייער שוואַך, — האָט מרים געענטפערט.

לאָורענסיאַ איז אַרויס פון שטוב און דורכן קאָרידאָר צוגעגאַנגען צו דער טיר פון איר פּעטערס אָפּרו־צימער. זי האָט שטיל געעפנט די טיר. דער פעטער יוחנן האָט נישט געהערט איר אַריינקומען. ער איז געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנט אָנגעטאָן אין זיין געשטרייפטן, פאַרגעלטן טלית מיט דער עטרה פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ. ער האָט זיך לייכט געוויגט, פאַרטאָן אין תפילות.

זי האָט געוואָלט אַרויס פון שטוב און זיך גענומען רוקן הינטערוויילעכץ

צו דער טיר. פון דרויסן האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט אַ ברומענדיקער קלאַנג פון קלויסטערגלאָק און באַלד נאָך דעם אַן אומאויפהערלעך קלינגען.

דער פעטער יוחנן האָט זיך אַ מבולבלדיקער אויפגעכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט און דערזען לאַורענסיאַ. ער האָט אַ שמייכל געטאָן און גיך פאַרענדיקט דאָס דאַווענען.

— מזל־טוב, לאַורענסיאַ! דיין זון איז איצט אַ ייִד אַזוי ווי איך, ווי מיר אַלע. — גאָט זאָל אים באַשירעמען און באַשיצן פון אַל דאָס שלעכטס, — האָט ער שטיל און פרום געזאָגט.

— וואָס וואָלט איך געטאָן אָן אייך, פעטער, — מיין מאַן, איר ווייסט דאָך... אים אַרט עס נישט, — האָט זי מיט אַ זיפץ אָפּגעהאַקט די רייד.

— איצט, מיין טייערע, קען איך רויִק שטאַרבן. איך האָב געטאָן מיין לעצטן חוב, דעם רעשט לאָז איך איבער צו דיר, נישט צו דיין מאַן. לאַורענסיאַ, היט אָפּ עס זאָל נישט איבערגעריסן ווערן דער לעצטער פאָדעם פון אונדזער שטאַם...

דער אַלטער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אין דער ווייכער שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים. ער האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט זיינע הענט אים אונטערגעשפּאַרט אָנגעלענט אויף די קני. ער האָט יעדע ווילע זיך אַ טרייסל געטאָן ווי די דרויסנדיקע קלאַנגען פון די קלויסטער־גלאָקן וואָלטן אים אויפגעשווידערט.

— די צוויי יעזויִטישע מאָנאַכן רופן שוין אַלעמען אין קלויסטער אַריין. דאָס האַרץ זאָגט מיר נישט קיין גוטס, אָבער מורא האָבן דאַרפן מיר נישט, — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— זיי האָבן מיך פריִער געזען אויפן וועג, — האָט אים לאַורענסיאַ איבערגעגעבן.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זי אָנגעקוקט מיט זיינע מידע, אויסגעלאָשענע אויגן.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן מרים מיט איר טאָכטער גראַסיאַ. מרים האָט זיי ביידע באַטראַכט ווי זי וואָלט זיך משער געווען וועגן דעם טרויעריקן שמועס, וואָס צווישן זיי, לאַורענסיאַ און דעם אַלטן, איז אָנגעגאַנגען.

— מיר האָבן געלייגט דאָס קינד שלאָפֿן. דו וואָלסט זיך אפשר אויך געדאַרפֿט צולייגן, זיך אָפּצורוען, דו ביסט נישט געשלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט, — האָט מרים געזאָגט.

— איך בין נישט מיד, מיין האַרץ איז אומרויִק און איבערגעפילט מיט פרייד, — האָט לאָורענסיאַ ליבלעך געשמייכלט.

— דאָס איז גוט. מיר דאַרפֿן צוגיין הערן, וואָס די מאַנאַכן האָבן צו זאָגן אין קלויסטער, — האָט מרים געזאָגט און זיך פאַרהילט אין איר גרויסן שוואַרצן שאַל, וואָס האָט צוגעדעקט אירע אַש־גרוילעכע האָר. זי האָט אַרויס־גענומען פֿון איר געפֿאַלדעוועט קליד אַ קרענצל מיט שוואַרצע און רויט־קאָלירטע קרעלן, ווו עס האָט נאָכגעהאַנגען אַ זילבערן צלמל. זי האָט עס אַרומגעוויקלט אין איר האַנט, ווו זי האָט געהאַלטן איר באַגילדט געבעט־ביכל.

דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט טיף און שווער אָפּגעאָטעמט. זי האָט געקוקט אויף איר פעטער, ווי זי וואָלט געוואָלט הערן פֿון אים צי זי מוז טאַקע גיין איצט אין קלויסטער אַריין.

— גיי, איך נעם אויף זיך די זינד, — האָט דער אַלטער געזאָגט באַ־פעלעריש.

די פרויען, פאַרהילטע אין זייערע שאַלן איבער די קעפּ, זענען פּאַמעלעך אַרויס פֿון הויז.

דער אַלטער יוחנן האָט זיך אונטערגעהויבן פֿון שטול און צוגעשפּאַנט צום פענצטער. פֿון אַלע זייטן זענען שוין איצט געגאַנגען די איינוווינער פֿון הויף צום קלויסטערל: די שמייסערס פֿון שטאַל, די דינסטן, די קעכינס, אַ געמיש פֿון מולאַטישע, נעגערישע און אינדיאַנישע פרויען. אויך די נעגער־שקלאַפֿן פֿון דער צוקערמיל, האָבן זיך געצויגן פֿון זייערע ליימיקע כאַטעס מיט די שטרויענע און פּאַלמען־צווייגן־דעכער. אַלע זענען אַריין אין קלויסטערל.

דער הויף איז געבליבן לער. בלויז אַ קודלאַטער הונט האָט זיך אַרומגע־דרייט לעבן דעם פאַרמאַכטן שעכטהויז און געשמעקט מיט די נאָזלעכער. אַ טשאַטע פייגל האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט לעבן דער שטאַל און געפּיקט מיט די שנאָבלען צווישן די פאַרטריקנטע בהמישע צואה און אַראָפּגעפֿאַלענע קערנער.

ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ ווייטיק אין דעם אונטערשטן טייל בויך. ער איז נישט געוואָרן איבערראַשט, מחמת דער רופא אין שטאָט האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז זיינע ווייטיקן וועלן זיך שוין כסדר איבערחזרן. דער ווייטיק איז געשטיגן און האָט אים צענומען דעם גאַנצן קערפּער. ער האָט זיך געקורטשעט אין דרייען און געדריקט מיט זיינע הענט אויפן בויך ווי איינצוהאַמעווען זיינע יסורים. ער האָט דערפילט אַ שווינדלעניש אין קאָפּ און זיך אָנגעכאַפּט ביים ביישטידל פון פענצטער נישט אומצופאַלן.

ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פון דער פּלוצעמדיקער קאָפּ־שווינד־לעניש. זאָל דאָס שוין זיין דער סוף, אויף וועלכן ער ריכט זיך שוין אַ צייט לאַנג? ער האָט זיך נישט געשראָקן פון דעם, וואָס ער וועט אין גיכן אַוועק פון דער וועלט; ער האָט זיך געשראָקן, וואָס נאָך זיין טויט וועט קומען דער זון זיינער און אים מאַכן אַ פּאַראַדנע לוויה, מיט אַלע צלמים, אויך מיט אַלע געטשקעס און פענער, וואָס געפינען זיך אין קלויסטערל. דער גלח וועט פּראַווען צערעמאָניעס און אים נאָכזאָגן פאַלשע שבחים.

ער האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ציין און זיך געפּרוווט שטאַרקן. איצט איז געקומען די צייט ער זאָל זיך איבערגעבן אין גאָטס השגחה און אַליין מאַכן אַ סוף צו דעם אומגליקלעכן, פאַלשן לעבן, וואָס ער האָט מיט צוואַנג געמוזט פירן אַזוי פיל יאָרן.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם ברייטן, שוואַרצן מאַנטל, וואָס האָט פאַרדעקט זיין טלית און קיטל. ער איז אַרויס פון הויז.

אויפן הויף איז געווען שטיל. די רייען פּאַלמע־ביימער פאַרן הויז זענען געשטאַנען אויסגעשטרעקט רויק, בלויז פון די אָפענע טירן פון קלויסטערל האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטויבטער אָפּקלאַנג פון אַן אומבאַקאַנטער שטים. דאָס מוז אַוודאי זיין איינער פון די מאָנאַכן, וואָס רעדט צו די מענטשן אין קלויסטערל, האָט יוחנן געטראַכט.

ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום שטאַל. די סטאַיע פייגל האָבן זיך אָפּגע־ריסן פון דער ערד און אַרויף אויפן דאַך פון שטאַל. ער האָט אָפּגערוקט דעם האַלב־געעפנטן טויער. עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַ גערוך פון פאַר־טריקנטן היי און פון קימיסט. די אייזעלעך, די אָקסן און די פערד האָבן

איצט געדוט נאָך דעם שניט און נאָכן אַראָפּנעמען פֿון די פֿעלדער דעם צוקעררויר. די בעלי־חיים זענען רויִק געשטאַנען ביי די קאַרעטעס און פֿויל געקייעט.

יוחנן האָט אָפּגעבונדן אַן אייזעלע און עס אַרויסגעפֿירט. ער האָט זיך אויף דעם אייזעלע אַרויפֿגעזעצט, געוומען די לייצעס און פּאַמעלעך אַרויס־געפֿאָרן פֿון הויף. קיינער האָט אים נישט נאָכגעקוקט. אַפֿילו דער טויער־וועכטער איז אויך געווען אין קלויסטערל.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געכאַפּט אַ לעצטן קוק הינטער זיך. די גרויסע דעמבענע טיר פֿון קלויסטערל איז געשטאַנען אָפֿן. פֿון דער טיפֿקייט האָט אַרויסגעהילט אַ בלענדנדיקע ליכטיקייט פֿון פֿיל אָנגעצונדענע ליכט, וואָס האָבן געברענטביים אַלטאַר. לעבן פּולפּיט איז געשטאַנען דער נידעריקער, דיקלעכער גלח פֿון הויף אָנגעטאָן אין זיין ווייסן אויבערקלייד מיט גאָלד־געשטיקטן שאַל אַרום די אַקסלען ביז אַרונטער צו די קני. ער האָט געמאַכט אַ שתי־וערב מיט צוויי פֿינגער פֿון זיין אויסגעשטרעקטער האַנט. ער האָט געשפּריצט טויפֿוואַסער מיט אַ בעזעמל איבער די געזונקענע קעפּ פֿון די קניִענדיקע מענטשן.

יוחנן האָט שווער אָפּגעאָטעמט און איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון הויף. ער איז געפֿאָרן פּאַמעלעך. די שניידנדיקע ווייטיקן אין די געדערעם זענען געוואָרן שאַרפֿער. ער האָט זיך ווידער איינגעקורטשעט און איינגעבויגן זיין קערפּער צום קאַרק פֿון אייזעלע. עס האָט אים געשווינדלט אין קאָפּ. ער האָט אָבער אָן אויפֿהער אין זינען געהאַט נישט אָפּצולאָזן די לייצעס.

ער איז געפֿאָרן מיט דעם קריידיק־שטויביקן וועג צום ים. דער וועג איז איצט געווען לער: בלויז דאָרט ביים זייטיקן וועגל, וואָס האָט געפֿירט אַרונטער צום ים־ברעג, זענען געשטאַנען עטלעכע אינדיאַנישע פֿישערלייט מיט זייערע איינגעפּאַקטע פֿישערנעצן. זיי זענען געווען האַלב־נאַקעט, זייערע גלאַנציקע קופּער־רויטלעכע קערפּערס זענען געווען פֿאַרהילט מיט פֿאַר־טעכלעך אַרום די לענדן. אַנדערע האָבן געטראָגן שטיקער לייוונט אויף די אַקסלען. זיי האָבן זיך געלאָזט אים אַנטקעגן.

יוחנן האָט זיך אויסגעגלייכט, פֿאַרשטשעמעט די ציין איינצוהאַלטן זיינע יסורים, כדי די מענטשן זאָלן נישט זען זיין ביטערן צושטאַנד.

די פישערלייט האָבן זיך דערנענטערט, זיי האָבן זיך פאַרנייגט מיט גרויס דרך־ארץ פאַר דעם האַר פון דער צוקער־פּלאַנטאַציע.

— גוט־מאָרגן, סענהאָר.

— גוט־מאָרגן איך, פישערלייט.

— עס גייט באַלד רעגענען, סענהאָר, — האָט איינער פון די אינדיאַנער זיך אָפּגערופן נישט דרייסט ווי ער וואָלט אים געוואָלט וואָרענען זיך נישט צו לאָזן צו ווייט אין וועג אַריין.

— אַ גרויסן דאַנק איך, איך פאָר באַלד צוריק, — האָט יוחנן געענטפערט און זיך אָנגעשטרענגט צו שמייכלען.

די אינדיאַנער פישערלייט זענען ווייטער געגאַנגען אויף זייער וועג אַהיים. זיי האָבן זיך כּסדר אומגעקוקט ווי זיי וואָלטן זיך געוווּנדערט, וואָס אין אַזאַ וועטער פאָרט ער אַליין אויפן וועג צום ים.

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט מיטן וועגל פול מיט קרישטאָלענע שטיינדלעך צווישן די אָפּגעהאַקטע פעלדער. צו פיל וועלן זיך די פישערלייט נישט זאָרגן, האָט יוחנן געטראַכט, ווייל זיי זענען געוווינט אים צו זען פאָרן צום ים אין אַלערליי וועטערן.

דער הימל איז טאַקע געוואָרן וואָס אַ מאָל מער פאַרכמאַרעט און פאַרדעקט מיט אָנגעלאָדענע שווערע וואָלקנס ביים ים. ער האָט בלויז געזען די שוימיקע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געוואָרפן און זיך צעשפּריצט אַריבערן ברעג.

יוחנן איז אַרונטער פון אייזעלע און פון גרויס שוואַכקייט אומגעפאַלן אויף דער ערד. ער האָט געפילט, אַז זיין חלשותדיקע קאָפּ־שווינדלעניש וועט מער נישט איבערגיין, ווייל די שניידנדיקע יסורים זענען אים אַרויף ביז צום האַלדז און געשטיקט אים אין קעל, ווי מען וואָלט אים געוואָרגן. ער האָט געשלונגען האַסטיק און געזוכט צו כאַפּן דעם אָטעם. דאָס אייזעלע איז געשטאַנען לעבן אים און געקוקט אויף אים מיט זיינע דערשראָקענע, אויסגעשטאַרטשעטע, ברוינע אויגן, ווי דאָס שטומע באַשעפעניש וואָלט געאַנט וועגן זיין אומגליק און האָט מיטלייד מיט אים, נאָר ווייסט נישט ווי אַזוי אים צו העלפן.

— גיי אַהיים, אין שטאַל איז איצט וואַרעם. איך קען דיך מער נישט

פירן אַהיים, — האָט ער געזאָגט צום אייזעלע, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ מענטש, אַזוי נאָענט איז דאָס באַשעפעניש אים איצט געוואָרן.

דאָס אייזעלע האָט געהאַלטן טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך נישט גערירט פון אָרט, ווי עס וואָלט דערשפּירט די עלנטקייט פון זיין האַר.

נאָך אַ ווײַלע רוען האָט יוחנן זיך ווידער דערפילט געקרעפטיקט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַלע כּוחות זיך צוגעשלעפּט צו איינעם פון זיינע שיפלעך, וואָס זענען געשטאַנען געאַנקערט מיט אַ שטריק צוגעבונדן צו אַ פעלדזיקן שטיין. דאָס אייזעלע איז געטריי מיטגעגאַנגען לעבן אים.

ער האָט עס אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ מיט אַזאַ צאַרטקייט, אַז דאָס אייזעלע האָט פון גרויס דאַנקשאַפט אים באַלעקט מיט זיין אַרויסגעשטעקטער צונג און צוגעפּרעסט זיין פייכטע נאָז צו יוחננס פּנים.

יוחנן האָט אויסגעטאָן זיין אויבערמאַנטל, אים אַרויפגעלייגט אויפן אייזעלע און צוגעדעקט זיין רוקן. ער האָט דעם מאַנטל פאַרבונדן מיט די רימעטן און אָפּגעשטופּט דאָס אייזעלע פון זיך.

ער איז אַריין אין שיפל און מיט דער וועסלע עס אָפּגעשטופּט פון ברעג. דאָס שיפל האָט זיך אַריבערגעקאָטשעט איבער די אויפגעהויבענע כוואַליעס און געשוווּמען טיפער אין ים אַריין. דאָס שיפל האָט זיך נאָך דעם שוין לייכט געטראָגן אויף די כוואַליעס. ער האָט געפילט, אַז כּל זמן ער האָט נאָך די כּוחות מוז ער וואָס ווייטער אַוועק פון ברעג. ער האָט מיט אַ געניטשאַפט פון איינעם, וואָס ווייסט ווי צו טרייבן אַ שיפל, געקערעוועט מיט די וועסלעס אַלץ ווייטער און ווייטער אין ים אַריין.

דער שווערער נעפּל האָט אַלץ געדיכטער איינגעהילט דעם אַרום. ער האָט מער גאָרנישט געזען פאַרויס און נישט הינטער זיך. ער האָט בלויז געזען די ווילדע כוואַליעס ביי די ברעגן פון זיין שיפל.

ער האָט ווידער דערפילט די שניידנדיקע יסורים אין זיין איינגעווייד. די חלשותדיקע שוואַכקייט האָט אויף ס׳ניי איבערגעוועלטיקט זיין אויסגעפייניקטן גוף. ער האָט אָפּגעלאָזט די וועסלעס און איז געפאַלן אין אָנמאַכט.

ער איז לאַנג אַזוי געלעגן אין חלשות ביז די שטאַרקע קלעפּ פון אַ שטורעמדיקן שלאַקס־רעגן האָט אים אויפגעמונטערט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער שווימט אין די נעפּלען צום הימל אַרויף. ער האָט זיך אָבער

באַלד געכאַפּט, אַז דאָס געפינט ער זיך אין שיפל, וואָס ער אַליין האָט אַרויס־געפירט אין ים אַריין. ער האָט אויפגעהויבן מיט אָנשטרענגונג זיין שווערע, געליימטע האַנט און זי צוגעלייגט צו דער ברוסט. ער האָט זיך גענומען קלאַפּן אין ברוסטקאַסטן אַזוי ווי ער האָט עס געטאָן אום יום־כּיפּור, בעת ער האָט זיך פאַרזאַמלט אין געהיים מיט אַ מנין ייִדן.

ער וועט אויסהאַלטן ביז די לעצטע כּוחות נישט צו באַגיין די זינד זיך אַליין אומצוברענגען, האָט יוחנן געטראַכט.

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין קערפּער און צוגעמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך שוין אין גאַנצן איבערגעגעבן דעם ים. ער איז באַלד אַריינגעפאַלן אין אַ חלשותדיקער אָנמאַכט און אַלץ האָט זיך אויסגעלאָשן פאַר אים. דער שלאַקסרעגן האָט זיך געשטאַרקט, אים געשמיסן איבערן קערפּער ווי מיט פרירנדיקע בייטשן, אים געמונטערט און אויפגעוועקט פון זיין גסיסהדיקן געראַנגל צוריק צום לעבן. ער האָט זיך מיט גרויס שרעק אָנגעכאַפּט מיט די פאַרשטיינטע הענט ביי די ברעגן פון שיפל, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָנהאַלטן ביים לעבן. זיין לייב איז געוואָרן דורכגעווייקט אין וואַסער ווי ער וואָלט זיך געוויגט פון אַן אומגעזעענעם כּוח אויף דער אויבערפלאַך פון די כוואַליעס.

ער האָט געעפנט די אויגן און אים האָט זיך געדוכט, אַז ער שווימט פון די כוואַליעס אַרויס אין נעפּל אַריין, אַרויף צום הימל. ער האָט אַ באַגליקטער צוגעמאַכט זיינע אויגן...

זעקסטער קאַפּיטל

די טרויעריקע שטילקייט, וואָס האָט עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד געהערשט אין דעם הויז פון זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ, האָט זיך אין יענעם טאָג איבער־געריסן.

דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט מער נישט אָנגעטאָן איר שוואַרץ טרויערקלייד, וואָס זי האָט געטראָגן פון דער צייט אָן, וואָס איר פעטער יוחנן איז פאַר־שוווּנדן געוואָרן אויף אייביק אין די תּהומען פון ים.

גליַיך אין דער פרי איז צוגעפאָרן צום הויז אַ קאַרעטע און די פאַרטור־געזישע קליידער־מייסטערין גלאָריאַ פּרעירי, וואָס האָט געהאַט איר סאַלאָן אין שניַידער־וואַרשטאַט אויף דער פּראַסאַ נישט וויַיט פון פאָרט, האָט געבראַכט אַ קופערט מיט נײַע קליידער. די אויסגעפּוצטע פאַסאָן־מייסטערין האָט מיטגעבראַכט עטלעכע מיידלעך, שניַידערקעס, כּדי אויפן אָרט צו פאַר־ענדיקן די קליידער.

די צוויי שוואַרצע באַדינערס פון הויז האָבן אַרויפגעבראַכט דעם קופערט, אים אַוועקגעשטעלט אין דעם גרויסן אויפנעם־צימער. גלאָריאַ פּרעירי האָט אַרויסגענומען די קליידער און זיי צעלייגט אויף די סאָפעס, אויף די געבעטע שטולן. די פאַרביקע, זיַידענע קליידער האָבן מיט זייערע רייכע קאָלירן אויפגעלעבט דאָס סומנע צימער מיט די פאַרטונקלטע פענצטער, וואָס זענען תּמיד געווען פאַרהאַנגען מיט שווערע גאַרדינען. די קליידער זענען נישט געווען בלויז פאַר דאָנאַ לאַורענסיאַ נאָר אויך פאַר איר קרובה דאָנאַ גראַסיאַ און פאַר איר מוטער מרים, וואָס האָבן נאָך יוחנס אַוועקגיין פון דער וועלט געוווינט אין דעם הויז פון מענדעס דאַ סילוואַ.

די ערשטע זענען זיך צונויפגעקומען די קינדער פון הויז, די טעכטערלעך און דאָס מיזיניקל זשאָזע. נאָך זיי איז אַרויסגעקומען פון איר שלאָפצימער די מוטער דאָנאַ לאַורענסיאַ און מיט אַ ליבלעכן שמייכל באַגריסט די מענטשן. דאָס ייִנגסטע קינד פון הויז, דאָס ייִנגעלע זשאָזע, איז צוגעלאָפן צו דער מוטער, זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און זיך פּיעשטשענדיק גענומען טוליען צו איר. די מוטער האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל, אויסגעגלייכט זיינע געקרייזלטע האָניק־ברוינלעכע האָר און געזאָגט:

— גיי, מיין קינד, אַריין צום טאַטן אין ביבליאָטעק־צימער. די קליידער זענען בלויז פאַר פרויען.

זשאָזע האָט אַרונטערגעלאָזט אַ באַליידיקנדיק ליפּעלע. זיין פּנימל האָט זיך אויסגעקרימט, ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן ביים צעוויינען. די מוטער האָט זיך איינגעבויגן און צוגעפּרעסט אַ קוש צו זיינע ליפּן.

— גיי, זשאָזע, פאַר דיר האָט דער טאַטע עפּעס בעסערס ווי פאַרביקע וויַיבערישע קליידער, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און אים לייכט געשטופּט צו דער טיר פון ביבליאָטעק־צימער.

— און איר, טעכטערלעך, גייט רופט גראַסיאַ און די מומע מרים, אַז זיי זאָלט איר נישט צוריקקומען, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט.

דער קליינער זשאָזע האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיצן פון זיינע שיכעלעך צו דערגרייכן די קליאַמקע און געעפנט פּאַמעלעך די טיר. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און געקוקט הינטערווײַלעכץ. ער האָט געזען ווי די מוטער נעמט אַרונטער פון זיך דאָס אויבערקלייד. ער האָט געקוקט מיט פאַרליבטע, פאַרבענקטע אויגן אויף דעם שיינעם געשטאַלט פון זיין מוטער. אויף די טונקעלע, נאַקעטע הענט, אויף דער אויסגערונדיקטער ברוסט, אויף דעם הויכן האַלדז, וואָס ער האָט פריער קיין מאָל אַזוי קלאָר נישט געזען. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט, עס האָט אים געאַרט, וואָס זיין מוטער לאָזט אים נישט איצט זיין דאָרטן לעבן איר. ער האָט זיך געוואָלט אומקערן, נאָר פּלוצעם האָט אים עמעץ אָנגענומען ביים אָרעם. ער האָט אויסגעדרייט זיין פּנים, עס איז געווען זיין פאָטער זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ.

— קום אַריין, זונעלע. איך וועל דיר געבן צו לייענען דאָס ביכל מיט די שיינע פּאָעמעס, וואָס דו האָסט ליב, — האָט דער פאָטער געזאָגט און צוגעמאַכט די טיר.

זיי האָבן זיך געלאָזט צו די הויכע שענק מיט די געשליפענע שויבן־טירן, וואָס זענען געווען פול מיט ביכער. דער פאָטער האָט געעפנט די שויבנשאַנק. עס האָבן אַ פינקל געטאָן די באַגילדטע אותיות אויף די רוקנס פון די לעדערנע איינבונדן. טייל ביכער זענען געווען ניי, אָבער מייסטנס זענען עס געווען אַלטע ביכער. ער האָט אַרויסגענומען אַ דין ביכעלע מיט קינדערשע ריימען, מיט קאָלירטע בילדער פון ריטערלעכע העלדן מיט געפּאַנצערטע קליידער.

זשאָזע האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער וויכער, געבעטער שטול פאַר־צויגן מיט ברוינעם לעדער. ער האָט געקוקט אויף דעם ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן זיינע פיסלעך. ער האָט נישט געלייענט, נאָר זיך צוגעהערט צום פריילעכן טומל, וואָס איז געקומען פון שכנותדיקן צימער. ער האָט אַפילו געהערט ווי זיין מוטער לאַכט, וואָס ער האָט ביז איצט קיין מאָל נישט געהערט. עס איז אים געפעלן געוואָרן זיין מוטערס געלעכטער. ער האָט געהערט מענטשן לאַכן פאַר אַ יאָרן ביים קאַרנאַוואַל, ווו זייער קוטשער און

די דינסטן האָבן אים געפּירט, אָבער דאָס לאָכן פון זיין מוטער האָט אָנגעפּילט זיין הערצל מיט אַ מאָדנער פרייד. זיין הערצל האָט געצאַפּלט און אים אומרו‏ִיק געמאַכט. ער האָט געוואָלט אַריינלויפן צו דער מוטער, זי אַרומנעמען און זיך צודריקן צו איר. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געקוקט אויף זיין פאָטער וועלכער איז געשטאַנעןביים שויבנשאַנק און געבלעטערט אַ בוך. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער פאָטער פונקט ווי ער, לייענט נישט דאָס בוך, נאָר הערט זיך איין צו זיין מוטערס געלעכטער.

— איז שוין ווידער קאַרנאַוואַל? — האָט זשאָזע פלוצעם געפרעגט.

דער פאָטער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און אַ שמייכל געטאָן.

— ניין, מיין זונעלע. צום קאַרנאַוואַל איז נאָך ווייט.

— און איך האָב געמיינט, אַז עס איז שוין קאַרנאַוואַל, — האָט זשאָזע שטיל געזאָגט אַן אַנטוישטער און אַ פאַרכמורעטער אַריינגעטאָן זיין פּנימל אין צעעפנטן ביכל.

— דאָס פרייט זיך דיין מאַמע, ווייל עס קומט צו פאָרן אַ גאַסט פון אונדזער משפּחה פון פּאָרטוגאַל צו אונדז.

— ער וועט דאָ וווינען און עסן מיט אונדז צוזאַמען ביים טיש? — האָט זשאָזע געפרעגט מיט אויפגעריסענע, נייגעריקע אויגן.

— אויב ער וועט וועלן, וועט ער וווינען ביי אונדז, — האָט דער פאָטער געענטפערט און זיך ווייטער פאַרטאָן אין לייענען זיין בוך.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט אָבער נישט געלייענט. ער האָט נאָכגעטראַכט וועגן דעם, וואָס זיין פרוי איז פלוצעם אַזוי אויפגעהייטערט געוואָרן און גרייט זיך מיט אַזוי פיל פרייד אויפצונעמען דעם קרוב, וואָס איז היינט אָנגעקומען מיט דער שיף.

ער, מענדעס דאַ סילוואַ, האָט גאָרנישט קיין סיבה זיך צו פרייען. זיין קאַלטקייט איז נישט וואָס זיין קרוב דוארטע דאַ סילוואַ איז אים נישט ליב. וואָלט ער געקומען בלויז צוליב געשעפטן, וואָלט ער, מענדעס, געווען זייער צופרידן. ער ווייסט אָבער, אַז דאָס וואָס זיין פרוי לאַורענסיאַ האָט באַווירקט זייער קרוב דוארטע דורך בריוו און דורך נאָענטע מענטשן, וואָס זענען געפאָרן קיין ליסאַבאָן און אים צוגערעדט צו קומען קיין בראַזיל, איז צוליב

אַן אַנדער צוועק. זיין יונגער קרוב דואַרטע איז אַן אַלמן. עטלעכע יאָר נאָך זיין חתונה איז זיין ווייב געשטאָרבן פון עפּעס אַן אומשולדיקן בויכקראַמף, צו דעם האָט זי געקראָגן אַ לונגען־אָנצינדונג און איז גיך אויסגעגאַנגען. נאָך איר אַוועקגיין פון דער וועלט, האָט ער זיך איינגערעדט, אַז דאָס איז געווען אַ שטראָף פון גאָט פאַר וועלן פאַרלייקענען זיין יידישקייט. זיין ווייב איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אַדעליקער קריסטלעכער משפּחה. מיט זיין חתונה האָבן מיט איר האָט ער אויך געמיינט זיך צו באַוואָרענען, אַז מען וועט אים נישט פאַרפאָלגן, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער ייד.

איצט איז ער געוואָרן זייער יידיש־פרום און די משפּחה דאַ סילוואַ אין ליסאַבאָן האָט מורא פאַר זיין לעבן, — די אינקוויזיציע זאָל אים נישט כאַפּן ביי עפּעס אַ זינד, אַז ער פירט זיך נישט ווי אַ קריסט.

זיין פרוי, לאָורענסיאַ, איז איינגעפאַלן אים צו ברענגען קיין בראַזיל, דאָ וועט ער קענען לעבן פריי און טאָן וואָס ער וויל, ווי אַלע ניי־קריסטן. ער וועט אויך קענען זיין ניצלעך און מאַכן געשעפטן פאַר די גרויסע אונטער־נעמונגען פון דער דאַ סילוואַ־משפּחה, וואָס וווינט אין פּאָרטוגאַל. ער וועט שיקן סחורה פון בראַזיל, ווי צוקער, קינהאָלץ, פאַרבהאָלץ און גאָלד. ער וועט אויך ברענגען סחורה פון פּאָרטוגאַל דאָ אַהער. ער, מענדעס דאַ סילוואַ, ווייסט אַז דאָס אַליין בלויז איז נישט געווען דער גאַנצער ציל פון זיין ווייב. זי האָט נאָך אַנדערע פּלענער. זי וויל אים פאַרקנסן מיט גראַסיאַ. זי מיינט אַז ביידע וועלן דורך דעם שידוך אויפגעריכט ווערן. זי וועט מער נישט פאַרפאָלגט ווערן פון איר קוזין, דעם מאַנאָך מיט וועמען זי האָט אַ מאָל נישט געוואָלט חתונה האָבן און אויך נישט מיט זיין פריינד, מאַרטעם בלאַנקאָ פון דער אַדעליקער שפּאַנישער בלאַנקאָ־משפּחה, וואָס וויל מיט איר חתונה האָבן.

ער, מענדעס דאַ סילוואַ, האָט גראָד געהאָט אַנדערע פּלענער פאַר גראַסיאַ. ער האָט געוואָלט זי זאָל דווקא יאָ חתונה האָבן מיט מאַרטעם בלאַנקאָ, דורך זיין פעטער קאַסטעל בלאַנקאָ, וועלכער איז דער הויפּט פון דעם גאַנצן ראַיאָן פון די גאָלדמינען, קען די גאַנצע דאַ סילוואַ־משפּחה אויפ־געריכט ווערן. זיין מערכה, צוליב דעם חשד, אַז זיין ווייב לאָורענסיאַ פירט זיך יידיש וואָלט גלייך פאַרבעסערט געוואָרן. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז

זיין ווייב האָט אַנדערע געדאַנקען און אַנדערע פּלענער. דאָס האַרץ זאָגט אים פאָרויס, אַז זיין ווייבס פּלענער וועלן קיין גוטס נישט ברענגען פאַר זיין משפחה: וואָס קען ער אָבער העלפן, אַז ער קען זיין קאָפּ אויף איר נישט אַרויפשטעלן.

זיינע געדאַנקען זענען איבערגעריסן געוואָרן פון אַ גערויש, וואָס איז געקומען פון אויפנעם־צימער. עס האָבן זיך געהערט טריט פון זיין פרוי. די טיר האָט זיך געעפנט. דאָנאַ לאָורענסיאַ איז אַריינגעקומען. זי האָט געטראָגן אַ פאַרביק בראָקאַט־קלייד פון אַ טונקל אויסגעלאָשן גאָלדקאָליר; פון איר שיין פאַרקעמטן קאָפּ מיט שוואַרצע האָר האָט אַרונטערגעהאָנגען אַ טיולענער שאַל, וואָס האָט פאַרדעקט איר קאָפּ אַריבער די אַקסלען. עס האָט אים, מענדעס דאַ סילוואַ, פאַרכאַפּט דער אָטעם. זי איז נאָך אַלץ געווען יונג, זיין ווייב, און דאָס נייע קלייד האָט איר געמאַכט אויסזען רייצנדיק, שיין, איבערהויפּט נאָך דעם ווי זי האָט זיך שוין אַזוי לאַנג נישט פאַרפּוצט.

— אָ, לאָורענסיאַ, איך בין אַזוי גליקלעך דיך צו זען אַזוי שיין אָנגעטאָן, האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און אַוועקגעשטעלט זיין בוך אין ביכערשאַנק. ער האָט געמאַכט עטלעכע שפּאַן צו איר. ער האָט אויפגעהויבן אירע הענט, זיך איינגעבויגן און זיי צוגעפּרעסט צו זיינע ליפּן.

— קום, ווּעסטו זען ווי אונדזערע פרויען האָבן זיך אויסגעפּוצט, — האָט זי געזאָגט און אירע אויגן האָבן געשיינט.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אים אַרויסגעפירט פון ביבליאָטעק־צימער.

אין אויפנעם־צימער זענען געווען די אַנדערע צוויי פרויען פון הויז, גראַסיאַ און איר מוטער מרים. זיי האָבן אויך געטראָגן טייערע קליידער פון שוואַרצן קרעפּ באַזוימט מיט ווייסע שפּיצעלעך מיט אַלערליי אויסגעשטיקטע קווייטן. גראַסיאַ האָט אויך אויסגעזען מונטער. פון איר קאָפּ מיט האַניקדיקע גלאַנציקע האָר האָט אַרונטערגעהאָנגען אַ דורכזיכטיקער טיולענער שאַל, וואָס האָט זיך געפאַלדעוועט אויף אירע שיינע רונדיקע אַקסלען. איר פּנים איז געווען כּלהדיק בלאַס ווי נאָך אַ תּענית אין טאָג פון איר גיין צו דער חופּה. אירע גרינלעכע אויגן האָבן געפיבערט מיט אַ בריענדיקן גלי,

וואָס ער האָט פּריִער ביי דעם מיידל נישט געזען. זי דערוואַרט, זעט אויס, זייער פיל פון דעם, וואָס עס קומט אַהער זייער קרוב. אויך אין איר געדאַנק, זעט אויס, איז דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן. זי זאָל זיך גאָר נישט אַנטוישן, דאָס אָרעמע קינד, האָט מענדעס דאַ סילוואַ געטראַכט. אים וואָלט עס ווינציק געאַרט. עס איז אים אָבער אַ רחמנות אויף איר: אויב עס זאָל גאָרנישט ווערן פון זיין ווייבס פּלענער, וואָלט עס דעם מיידל געקאָסט אַ סך געזונט. זיין ווייב לאָורענסיאַ האָט איר גוט פאַרדרייט דעם קאָפּ.

די אַלטע מרים איז אויך געווען אויסגעפּוצט אין אַ קרעפּטעשין־קלייד, לאַנג און ברייט ביז צום דיל. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ שטערנטיכל מיט נאָכהענגענדיקע שפּיצלעך, איינגעהילט אין אַ דורכזיכטיקן שוואַרצן שאַל; אויפן האַלדז אַ קייט מיט אויפגעבלאָזענע גאָלדענע רינגלעך.

— נו, מעגסט דיך שוין אויך אָנטאָן, מיר וועלן צופאָרן צום פּאָרט אויפצונעמען אונדזער גאַסט. די שיף שטייט שוין אין פּאָרט, האָט מען מיר געזאָגט, — האָט לאָורענסיאַ זיך געווענדט צו איר מאַן.

— איך גיי שוין. איך בין כמעט גרייט, כ׳דאַרף בלויז נעמען עטלעכע פּאַפּירן, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט און איז צוריק אַריין אין זיין ביבליאָטעק־צימער.

זשאָזע איז שוין דאָ מער נישט געווען; ער איז שוין געשטאַנען מיט די אַנדערע קינדער אין אויפנעם־צימער און געקוקט מיט פאַרגאַפטע, נייגע־ריקע אויגן אויף די אויסגעפּוצטע פרויען. מענדעס דאַ סילוואַ האָט אָנגעטאָן זיין טונקעלן, ברייטן כאַלאַט, אַרויפגעלייגט זיין רונדיק־געפאַלדעוועטן, ווייסן קראַגן אַרום דעם האַלדז און איז צוריק אַרויסגעקומען צו די פרויען.

— מיר, איך און מרים וועלן מיט דיר מיטפאָרן און גראַסיאַ וועט בלייבן מיט די קינדער אין הויז, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט. זי האָט געקוקט מיט אירע קלוגע, שמייכלענדיקע אויגן אויף איר מאַן ווי זי וואָלט געגעבן אָנצו־הערן, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ כלה־מיידל, וועמען זי שדכנט, זי זאָל איצט מיטפאָרן צום פּאָרט.

— איך לאָז דאָס אַלץ איבער צו דיר, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט.

גראַסיאַ איז געשטאַנען לעבן די קינדער, וואָס האָבן זיך געטוליעט צו איר. זי האָט געהאַלטן זשאָזען צוגעדריקט לעבן זיך. גראַסיאַ האָט שעמעוו־

דיק געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען וועגן וואָס אַלע טראַכטן איצט, אַז דער גאַנצער טומל, דאָס פאָרן מיט אַזאַ ברייטקייט אויפנעמען זייער קרוב איז בלויז צוליב איר. זי האָט פון אויפרעגונג געקראָגן רויטע, פיבערדיקע פלעקן אויפן פנים.

זיי זענען אַרויס פון הויז און זיך געלאָזט צו דער קאַרעטע, וואָס איז שוין געשטאַנען איינגעשפּאַנט און געוואַרט אויף זיי.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער אָפענער קאַרעטע צווישן די צוויי פרויען און באַפוילן דעם קוטשער צו פאָרן צום פּאָרט. ער האָט אָנגענומען זיין פרויס האַנט אין זיינער און זי שטאַרק געדריקט. אויף איר פנים האָט זיך באַוויזן אַ תענוגדיקער שמייכל, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געזען ביי איר. זי האָט געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט די וויִעס מיט אַ צניעותדיקער שעמעוודיקייט. ער האָט דערפילט אין זיין האַרץ אַ גרויסע ליבשאַפט צו איר. אפשר וועט שוין פון היינט אָן קומען אַ סוף צו זייער טרויעריק פאַמיליע־לעבן. לאָורענסיִאַ וועט ווידער אויפוואַכן מיט באַנייטן חשק צו לעבן. די טרויעריקע גלייכגילטיקייט, וואָס האָט אויסגעליידיקט אין איר יעדן געפיל צו אים, וואָס איז געקומען נאָך איר פעטערס טויט, האָט פאַרפינצטערט זייער לעבן. ער געדענקט נאָך ווי איצט, ווי מען האָט נאָך אים געשיקט, ער זאָל קומען העלפן געפינען דעם פאַרשוווּנדענעם פעטער. זיי האָבן געפונען דאָס אייזעלע דורכגעווייקט און פיבערדיק קראַנק אין אַ באַרגשפּאַלט־הייל לעבן דעם ים. דאָס אייזעלע איז געווען איינגעהילט אין פעטערס מאַנטל, וואָס איז געווען פאַרקנופּט מיט די אַרבל ביים אייזעלעס בויך. זיי האָבן שוין דעמאָלט אַלץ פאַרשטאַנען...

זי האָט זיך פון דעמאָלט אָן אָפּגעשלאָסן און זיך דערווייטערט פון אים, ווי ער וואָלט געווען איר ערגסטער שונא און ווי ער וואָלט געווען שולדיק אין זייער אומגליק. אפשר וועט שוין פון היינט אָן זיין אַנדערש; מיטן קומען פון זייער קרוב פון ליסאַבאָן וועט זיך אַלץ מוזן ענדערן, זיי וועלן מוזן איינלאַדן געסט אין הויז און לאָורענסיִאַ וועט מוזן אויסבאַהאַלטן איר יידישע פרומקייט.

די קאַרעטע איז געלאָפן איבער דער ברייטער הויפּטגאַס פון שטאָט, וווּ עס האָבן געוווינט די רייכסטע משפחות. די זון האָט געשיינט העל מיט

פרי זומערדיקע, הייסע שטראַלן, וואָס זענען אויסגעקילט געוואָרן פון אַ רויען ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ים. די ברייט צעפעכעטע פּאַלמעס לעבן די הייזער האָבן זיך לייכט געוויגט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געצויגן שטיינערנע פּאַרקאַנעס, באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך און געפלאָכטענע, זיך ציִענדיקע, גרינע בלעטער. צווישן די געדיכטעביימער האָבן זיך אַרויס־געזען שפּיצדעכער פון די רייכע הייזער. באַלד האָבן זיך געזען די הויכע טורעמס מיט די אַרויסשטייגנדיקע, באַגילדטע צלמים פון דער קאַרמעליטן־קירך און פון אַנדערע קלויסטערס, וואָס זענען געשטאַנען אויף די באַרג־הויכקייטן. זיי זענען פאַרבייגעפאָרן די מאַסיווע געביידעס פון דער קאַטע־דראַלע. ביי יעדער קירך האָט מענדעס דאַ סילוואַ פרום אַרונטערגענומען זיין הוט און זיך איבערגעצלמט. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן מיט פרומקייט דער קוטשער אויף דער קעלניע.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט באַמערקט ווי זיין ווייבס פּנים האָט זיך אויס־געלאָשן. אויף אירע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריקער שמייכל. ער האָט זיך נישט געמאַכט זען. עס וועט אַריבערגיין, האָט ער געטראַכט. זי דאַרף פאַרשטיין, אַז ער טאָר זיך נישט אַנדערש פירן. ער קען נישט זיין אַנדערש ווי אַלע איינוווינערס פון שטאָט, וואָס ווייזן אַרויס זייער דרך־ארץ פאַר די הייליקע פּלעצער. ער וואָלט שטאַרק געוואָלט זי צופרידנשטעלן, דאָס אָבער וואָלט געקאָנט פירן צו אַן אומגליק, מען זאָל אים פאַרמסרן פאַר זיינע זינד, אַז ער לאַכט אָפּ פון די הייליקטימער. דער קוטשער אַליין, וואָס צלמט זיך יעדעס מאָל ווען ער פאָרט פאַרביי אַ קירך, קען אים פאַרמסרן, אַז ער ווייזט נישט אַרויס זיין אונטערטעניקייט צו דער קירך. קיינער וועט דאָס אים נישט מוחל זיין.

די קאַרעטע האָט זיך פאַרקערעוועט נעענטער צום ים־ברעג. דאָ האָבן זיך געצויגן קרומע, שמוציקע געסלעך. לעבן די אַלטע שטיינערנע הייזער האָבן זיך געבערגלט הויפנס מיט אַנגעוואָרפן מיסט און שטינקנדיקן אָפּפאַל. דאָ און דאָרט האָבן פאַסטעכער געפירט בהמות און שעפסן צו די שלאַכט־הייזער. סטאַיעס פעטע, ברודיקע חזירים האָבן זיך געריִעט לעבן די ריננ־שטאָקן, לעבן די שמוציקע לוזשעס מיט פוילנדיקן אָפּפאַל. זיי האָבן פאַר־שטופּט זייערע שנוקעס מיט אַ כרוקעריי, און עס האָט זיי נישט געאַרט וואָס

די אַנטרייבערס האָבן זיי געשלאָגן מיט זייערע שטעקענעס, זיי געטריבן צום פּאַרטמאַרק.

די קאַרעטע האָט זיך דערנענטערט צום פּאָרט. אין די אַלטע שטיינערנע הייזער האָבן זיך געזען אַלערליי וואַרשטאַטן ווי איינגעגראָבן אין הייל־לעכער: גאָלד, קופּער־ און זילבער־שמידערייען. אין טייל געוועלבן האָט מען פאַרקויפט קרייטעכצער, כּלערליי רפואות פון געטריקנטע גראָזן און בלעטער־געוויקסן. ביי די געוועלב־לעכער זענען געשטאַנען פעטע, צעגאָסענע פּאָרטוגעזער מיט צעווירענע שמייכעלעך אויף זייערע שווייסיקע, טונקעלע פּנימער. זיי האָבן מיט ליאַרעמדיקע געשרייען אויסגערופן זייער סחורה און גערופן קונים.

די „פּראַסאַ"* לעבן פּאָרט איז געווען טומלדיק. עס זענען דאָ געשטאַנען אַ סך אָנגעפּאַרענע קאַרעטעס מיט מענטשן. טייל זענען געקומען אויפנעמען זייערע פריינד, וואָס זענען אָנגעקומען מיט דער שיף פון היימלאַנד, פּאָרטוגאַל; אַנדערע זענען געקומען איינקויפן פון די זאַכן, אויסלענדישע און היימישע, וואָס מען האָט דאָ ביים פּאָרט געקראָגן צו קויפן. עס זענען דאָ געשטאַנען אויף שטעלן לעבן די הייזער, קויבערס מיט פרוכט, פעסער מיט פיש, אַלערליי שלאַנגענפיש, קרעבסן און בערג מיט זילבער־גלאַנציקע פישלעך. ביים באָרטן פון פּאָרט האָבן זיך שוין געזען די פאַראַנקערטע שיפן. פון טייל האָט מען אַרונטערגעטראָגן סחורות, געבראַכט פון פאַרשידענע לענדער, מיינסטנס פון פּאָרטוגאַל. אויף אַנדערע שיפן האָט מען געלאָדנט סחורה. גרויסע, מחבלדיקע שוואַרצע מענער, האַלב־נאַקעטע, בלויז אָנגעטאָן אין פאַרטעכלעך ביי די לענדן, האָבן אַרויפגעטראָגן אויף די שיפן זעק מיט צוקער, קינהאָלץ, רויטהאָלץ, געדרויכערטע פיש און פליישן און פאַרזיגלטע קעסטלעך מיט דעם גאָלדשטויב, וואָס מען האָט געהאַט אַנטדעקט אין דעם נייעם לאַנד.

די געשרייען האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן. דאָ און דאָרטן האָבן שוואַרצע, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן צו באַפרייען זיך פון זייערע האַרן פון שקלאַפעריי, האָבן אַליין געהאַנדלט, געטראָגן קויבערס מיט סחורה אויף

---

* פּלאַץ.

זייערע קעפּ און מיט פריידיקע געזאַנגען אויסגערופן די מציאות, וואָס מען קען ביי זיי קריגן.

אין מיטן סקווער, לעבן פאָנטאַן האָט מען אָנגעטרונקען די פערד, אייזלען מיט דעם קוואַליקן וואַסער, וואָס איז געקומען פון אַן אָפענעם ברונעם. וואַסער־טרעגערס האָבן אָנגעגאָסן עמערס וואַסער מיט די שעפּקענדלעך, וואָס זיי האָבן אַרויפגעצויגן מיט שטריק און זיי צעטראָגן איבער די הייזער.

מענדעס דאַ סילוואַס קוטשער האָט אָפּגעשטעלט די קאַרעטע אין מיטן סקווער. זיי זענען אַרויס און זיך געלאָזט צו דער שיף.

פון דער ווייטנס האָבן זיי שוין געזען זייער פריינד דעם סוחר פיליפּע. ער איז אַרומגעלאָפן אַ דערשוויצטער מיט אַ פּאַק פּאַפּירן אין האַנט לעבן אַ הויפן אָנגעלייגטע פּעק, קאַסטנס, קופערטן באַקלאַפּט מיט בראַנדזענע רייפן און באַהאַנגען מיט שווערע שלעסער. האַלב־נאַקעטע שוואַרצע שיפטרעגערס האָבן כסדר אַרונטערגעטראָגן אויף דעם שיפבריקל נאָך מער פּעק און שווערע מעבל־שטיקער, זיי אָוועקגעלייגט לעבן די אַנדערע זאַכן, וואָס זייער קרוב האָט געבראַכט.

פיליפּע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער האַנדלס־פירמע דאַ סילוואַ, האָט באַטראַכט יעדעס פּעקל, עס פאַרצייכנט און געשריגן אויף די שיפּ־טרעגערס זיי זאָלן געלאַסן אָוועקשטעלן די זאַכן כדי זיי זאָלן נישט באַשעדיקט ווערן.

— נו, אַז פיליפּע איז דאָ, וועט שוין אונדזער גאַסט נישט פאַרלוירן ווערן, — האָט מענדעס דאַ סילוואַ געזאָגט.

— אַ „דאַ סילוואַ״ וועט אין ערגעץ נישט פאַרלוירן ווערן, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און אויף איר פּנים האָט זיך צעלייגט אַ צופרידענער שמייכל.

— ער האָט, זעט אויס, געבראַכט אַ סך זאַכן, אַ גאַנץ פאַרמעגן, — האָט מענדעס דאַ סילוואַ פלינק אָפּגעשאַצט דעם הויפן מיט זאַכן, מיט סחורות, וואָס זענען געלעגן אָנגעוואַלגערט.

— עס זעט אויס, אַז ער איז זיך טאַקע געקומען באַזעצן אין לאַנד. זע נאָר די מעבל־שטיקער. מען זעט דאָס גאַרנישט אין ריאָ, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און געשמייכלט צו איר מאַן, וואָס איז געגאַנגען אַ

פאַרכמורעטער מיט שלאַבעריקע פּיס, — ער האָט דיך געפּאָלגט און געטאָן, וואָס דו האָסט אים געהייסן טאָן, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע.

— איך בין גליקלעך, וואָס ער האָט מיך געפאָלגט, אונדזער משפחה וועט פאַרגרעסערט ווערן און מיר וועלן נישט זיין אַזוי איינזאַם, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט.

— איינזאַם? ווער איז שולדיק, וואָס דו באַמיסט זיך נישט צו שאַפן קיין פריינד? אַט וויל אונדזער פּעדראָ, דעם פּעטער יוחננס זון ברענגען אין הויז אַריין זיינע פריינד, ווי אַ שטייגער, דעם אַדעליקן שפּאַניער בלאַנקאַ און דו ווילסט זיי נישט אויפנעמען. פּעדראָ שעמט זיך שוין פאַר זיינע פריינד, — האָט מענדעס געזאָגט און זיין גאַנצע איינגעהאַלטענע אומצופרידנקייט האָט זיך איצט געהערט אין די טענות צו זיין ווייב.

— מיין טייערער מאַן, פאַרגעס וועגן דיינע פּלענער. גראַסיאַ וועט קיין מאָל נישט חתונה האָבן מיט אַ בלאַנקאַ, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט שטיל, מרים זאָל נישט דערהערן.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט אויף זיין ווייבס שאַרפע רייד מער נישט געענטפערט, ווייל מרים האָט זיך שוין גענומען איינהערן אין זייער געשפּרעך. איר פּנים איז געוואָרן ווי פאַרגליווערט און זי האָט געמאַכט ווי זי וואָלט גאָרנישט געהערט. ער, מענדעס, האָט זיי געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן, אַז זייער משפחה דאַרף זיך אויסברייטערן, די צייט פאָדערט עס; און זיך נישט משדך זיין אַזוי נאָענט מיט משפחה־מענטשן; זיי דאַרפן צוקריגן ניי בלוט, נייע פאַרבינדונגען, ווייל אויב נישט, וועלן זיי צעריבן ווערן, אויסגעראָטן ווערן פון דער גרויסער שנאה, וואָס איז געווענדט קעגן די ניי־קריסטן.

פיליפּע האָט זיי שוין דערזען. ער האָט אָפּגעווישט דעם שוויס פון זיין פּנים מיט אַ טיכל, זיך גלייך געמאַכט זיין טוניק, פאַרקנעפּלט דעם אָפענעם קאָלנער פון זיין העמד, כדי לייטיש צו באַגעגענען די געהויבענע דאַ־סילוואַ־משפחה, דער עיקר די פרויען. ער האָט זיך דערנענטערט צו זיי און זיך פאַרנייגט.

— ליב אייך אייער גאַסט, ער איז געזונט און פריש, סענהאָר דואַרטע

דאַ סילוואַ. ער וואַרט שוין מיט גרויס נייגעריקייט אייך צו באַגעגענען, — האָט פיליפּע געזאָגט.

— אַ דאַנק אייך, פיליפּע, פאַר זיין באַהילפיק צו אים, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און געזוכט מיט די אויגן אין אַלע זייטן, אפשר וועט ער צווישן די מענטשן דערקענען זיין קרוב דוואַרטע דאַ סילוואַ. אויך די פרויען האָבן מיט גרויס נייגעריקייט אָפּגעשטעלט זייערע בליקן אויף די מענער, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון דעם באָרטן ביי דער אָנגעקומענער שיף.

— אונדזער גאַסט איז איצט אין צאָלקאַמער, זיך אָפּצורעכענען מיט די קעניגלעכע אָפּצאָלונגען. ער קומט גלייך אַרויס, — האָט פיליפּע זיי פאַר־זיכערט און אָנגעוויזן אויף דעם מאַסיוון, שטיינערנעם הויז ביים ים־ברעג. דאָס איז געווען אַן אומגעלומפּערטע געביידע מיט גרויסע טויערדיקע אַריינ־גאַנגען, ווו עס האָבן זיך געפונען די קעניגלעכע באַאַמטע, וואָס האָבן נאָכ־קאָנטראָלירט יעדן אַריינגעקומענעם, איבערהויפּט צו קריגן די צאָלונגען פאַר די אַריינגעבראַכטע סחורות.

פון דעם סקוועיר, ווו עס זענען געשטאַנען די קאַרעטעס, האָט זיך גענומען דערנענטערן אַ הויכער טונקל־פּנימדיקער מאַנאַך, באַגלייט פון אַ רייך גע־קליידטן שפּאַניער. זיי זענען געגאַנגען גלייך דאַ אַהער צו זיי.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט פריילעך אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— אָ, אָט איז אונדזער פּעדראָ מיט זיין פריינד מאַרטעם בלאַנקאַ.

די פרויען זענען בלאַס געוואָרן. לאַורענסיאַ האָט טרויעריק אַרונטער־געלאָזט דעם קאָפּ און זיך געמאַכט ווי נישט זעענדיק די אָנגעקומענע. מרימס פּנים איז נאָך מער פאַרגליווערט געוואָרן. אירע איינגעשרומפּענע ליפּן האָבן גענומען ציטערן. אויך איר קאָפּ האָט זיך גענומען שאָקלען אומרויִק ווי פון עפּעס אַ שטאַרקער אינערלעכער אויפטרייסלונג.

לאַורענסיאַ איז צוגעגאַנגען צו איר, זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— קומט, מרים, צו דער קאַרעטע, איר וועט זיך אפשר אָפּרוען. עס וועט אונדז אויסקומען צו לאַנג צו וואַרטן, — האָט לאַורענסיאַ שטיל געזאָגט.

— ניין, מיר וועלן דאַ וואַרטן, — האָט מרים געזאָגט מיט אַ טרוקענער, אַנטשלאָסענער שטימע און זיך באַמיט צו שמייכלען, נאָר עס איז אַרויסגע־

קומען עפּעס אַזאַ גרימאַסע, ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן ביים צעוויינען. לאָר־רענסיאַ האָט זי אַ טוליע געטאָן צו זיך.

— יאָ, מיר וועלן וואַרטן.

די צוויי מענער זענען צוגעקומען, דער שפּאַניער מאַרטעם בלאַנקאָ האָט אַרונטערגענומען זיין הוט פון קאָפּ, זיך טיף פאַרנייגט פאַר די פרויען.

— דאָנאַ לאָורענסיאַ, דאָנאַ מאַריאַ, מיין פאַרגעניגן איך צו באַגעגענען, האָט ער שטיל אויסגערופן און געבלאַנדזשעט מיט די אויגן אַרום, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. די פרויען האָבן פאַרשטאַנען וועמען ער זוכט, ער האָט געוויס געמיינט, אַז אויך גראַסיאַ וועט קומען אויפנעמען איר קרוב און ער וועט האָבן אַ מעגלעכקייט זי דאָ צו טרעפן.

— איר זוכט געוויס אונדזער גאַסט פון ליסאַבאָן, — מיר האָבן אים נאָך נישט באַוויזן צו זען. ער איז נאָך אַלץ אין דער צאָלקאַמער, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט.

דער שפּאַניער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין צעטומלעניש.

— אָ, אונדזער גאַסט דואַרטע דאַ סילוואַ, מיר זענען אַלע נייגעריק אים צו באַגעגענען. אונדזער פּעדראָ איז געווען אַזוי גוט און מיך דאָ אַהער געבראַכט.

ערשט איצט האָט זיך אויך דערנענטערט צו זיי זייער פּלימעניק, דער מאַנאָך. זיין פּנים איז דורך דער צייט וואָס זיי האָבן אים נישט געזען, געוואָרן דיקלעך. אַ גוידערל האָט זיך געפּעכלט ביי זיין האַלדז אונטער דער גאָמבע. זיינע פּולכנע פינגער האָבן זיך אומרויִק באַוועגט. ער האָט געשמייכלט מיט זיינע פּולע, דיקלעכע ליפּן. דאָס שמייכעלע איז אַרויסגעקומען ביי אים ווי ער וואָלט פון זיי עפּעס ווי אָפּגעלאַכט.

— ווי איך זע, גרייט זיך טאַקע גראַסיאַ צו ווערן אַ נאָנע און מיר וועלן אַלע אפשר נאָך ווען עס איז זען זי אין אַ מאָנאַסטיר, — האָט פּעדראָ געזאָגט און דאָס אָפּלאַכערישע שמייכעלע איז געווען געווענדט צו דער זייט, ווו די אַלטע מרים, גראַסיאַס מוטער איז געשטאַנען. מרים איז בלאַס געוואָרן. זי האָט אַ ווילע מיט שרעק, ווי אַ פאַרלוירענע, געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זי איז אָבער באַלד געקומען צו זיך. איר פּנים האָט אָנגענומען צוריק די פריִערדיקע פאַרגליווערטקייט.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן, טייערער פּעדראָ? גראַסיאַ קען טאָן וואָס זי וויל. אפשר איז איר האַרץ נישט גענוג גערייניקט פאַר אַזאַ טווּנג און זי באַרעכנט זיך וואָס צו טאָן, — האָט מרים געזאָגט מיט אַ טאָן ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט אויף דעם, וואָס זי פאַרטרייבט אַלע מענער, וואָס שדכנען זיך צו גראַסיאַן מיטן אויסרייד אַז איר טאָכטער שטרעבט צו ווערן אַ נאָנע.

אויך מאַרטעם בלאַנקאַ האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מרימען און געקוקט אויף איר מיט צעטומלטע אויגן. אויף זיינע ליפּן האָט זיך געזען אַ הילפלאָז שמייכעלע, ווי ער וואָלט זייער געוואָלט דערהערן פון איר, אַז אפשר איז נאָך דאָ אַ האָפענונג, אַז גראַסיאַ וועט דאָך נישט אַוועקגיין אין אַ מאָנאַסטיר און ער קען נאָך האָבן אַ צוטריט צו איר.

— איך, איך ווייס נאָר, וואָס דו, מיין טייערע מומע, האָסט מיר געזאָגט. איך האָב גראַסיאַן שוין לאַנג נישט באַגעגנט. אַפילו איצט איז זי אויך נישטאָ.

— נישט אַלע טאָג קומט אַזאַ גאַסט... — האָט דער מאַנאַך פּעדראָ געזאָגט און געשמייכלט שטיפעריש, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען די פּלענער פון זיין משפּחה.

— אָ, דאָנאַ גראַסיאַ איז געבליבן מיט די קינדער אין הויז, — האָט לאָורענסיאַ זיך אַריינגעמישט.

— אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס דאָנאַ גראַסיאַ איז נישט געקומען צום פּאָרט. עס איז אַזאַ שיינער טאָג, אַזאַ זעלטענער טאָג, — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע.

דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט זיך געמאַכט ווי זי וואָלט נישט דערהערט די לעצטע ווערטער. איצט האָט זי שוין פאַרשטאַנען, אַז דער שפּאַניער איז געקומען צום פּאָרט נישט אַזוי ווייט צו באַגעגענען דואַרטע דאַ סילוואַ, וועמען ער האָט נאָך געקענט פון ליסאַבאָן, נאָר הויפּטזעכלעך צוליב גראַסיאַן. עס זענען שוין אַדורך אַ פּאָר יאָר זינט ער האָט זיך גענומען שדכנען צו גראַסיאַן און ער קען זי גאָרנישט פאַרגעסן.

— אָט קומט דאָך אונדזער גאַסט, — האָט מיט אַ מאָל פיליפּע אויסגעראָפן.

אַלע האָבן זיך אויסגעדרייט צום שטיינערנעם הויז, ווו עס איז געווען

די אַפּצאַל־קאַמער. פון דאָרט האָט פאַמעלעך אַהערגעשפּאַנט אַ מיטל־וווּקסיקער יונגערמאַן מיט אַ טונקל אַליוו פּנים. זיינע ברוינע אויגן זענען געווען טיף געזונקען אין זיינע אויגן־לעכער, איבער וועלכע געדיכטע ברעמען האָבן אַרונטערגעהאַנגען. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג צו שמייכלען. דאָס שמייכלען האָט אַ ביסל אויסגעצויגן די ליפּן פון זיין צוזאַמענגעפּרעסט מויל. ער האָט אויסגעזען פאַרזאָרגט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט שוין אַ סך געליטן אין זיין יונג לעבן.

מענדעס דאַ סילוואַ איז דער ערשטער צו אים צוגעלאָפן, אים אַרומגעכאַפּט און געדריקט צו זיך.

— ווען פיליפּע ווייזט מיר נישט אָן, אַז דאָס איז אונדזער דואַרטע, וואָלט איך דיך נישט דערקענט; דו ביסט אָבער אַזוי ענלעך צו דיין גאָט־זעליקן טאַטן, רו צו זיין נשמה, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און אים צוגעפירט צו די פרויען. — דאָס איז דאָנאַ לאָורענסיאַ, דיין געטרייסטער פריינד.

דואַרטע דאַ סילוואַ האָט זיך איינגעבויגן, אָנגענומען איר אויסגעשטרעקטע האַנט און זי לייכט צוגעפּרעסט צו זיינע ליפּן. דאָנאַ לאָורענסיאַ איז געווען אַזוי גערירט פון דער באַגעגעניש, אַז טרערן האָבן גענומען פינקלען אין אירע אויגן־ווינקלען.

— דאָס איז געוויס דאָנאַ מאַריאַ. איך האָב אַזוי פיל זיך אָנגעהערט וועגן איך, — האָט דואַרטע געזאָגט און זיך ווידער איינגעבויגן אָנצונעמען די האַנט פון דער אַלטער מרים. זיינע ברוינע אויגן האָבן דערביי אויפגעלויכטן, זיין צוזאַמענגעפּרעסט מויל האָט זיך וואַרעם צעשמייכלט און געוויזן זיינע ווייסע ציין, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען אַ סך, אַ סך ייִנגער ווי פריִער, בעת זיי האָבן אים דערזען.

— מיר זענען זייער גליקלעך דיך צו האָבן ביי אונדז, — האָט מרים געזאָגט.

עס האָט זיך צוגערוקט מאַרטעם בלאַנקאָ. ער האָט געקוקט מיט אַ זייטיקן בליק און געמאַכט אַן אָנשטעל ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער און געוואַרט מען זאָל אים פריִער דערקענען.

— סענהאָר בלאַנקאָ, אויף דעם האָב איך זיך נישט געריכט, אַז איר,

נאָבעלער מאַרטעם בלאַנקאַ זאָל קומען מיד באַגעגענען, — האָט דואַרטע זיך צוגערוקט צו אים און געדריקט זיין האַנט.

— אַן אַלטע פריינדשאַפט פאַרגעסט מען נישט, — האָט בלאַנקאַ געזאָגט הויך מיט אַ ברייטהאַרציקייט, אַלע זאָלן אים הערן.

— איך דאַנק אייך זייער, איך וועל שוין נישט זיין עלנט אין בראַזיל, — האָט דואַרטע געזאָגט און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל.

— עלנט? ביי אונדז וועסטו שוין פאַרגעסן אַלע דיינע שווערע טעג, דיינע פאַמיליע־צרות. מיר האָבן דאָ אַ קרייז יונגע פריינד און מיר לעבן אַ גוטן טאָג, — האָט ער אים געזאָגט אַ ביסל שטילער די פרויען זאָלן נישט דערהערן.

— אָ, איך בין שוין ווייט פון דעם אַוועק, סעניאָר בלאַנקאַ, די סטו־דענטישע יאָרן אין קאָימבראַ־אוניווערסיטעט זענען שוין ווייט אַוועק, — האָט דואַרטע געזאָגט צו זיין אַמאָליקן שולפריינד.

— אָ, לאָז אים אָפּ מיט זיינע פאַרשייטע דערמאָנונגען, — האָט זיך אַריינגעמישט דער מאַנאַך.

דואַרטע האָט זיי אָנגעקוקט מיט זיינע צעטומלטע אויגן. ער האָט געהאַט אַ פאַרבאַהאַלטענע שרעק פאַר מאַנאַכן.

— דאָס איז דיין קרוב, דער מאַנאַך פּעדראָ קאַוטיניאָ. ער גיט דאָס אַכטונג מיר זאָלן זיך נישט צו פיל פאַרזינדיקן אויף גאָטס ערד, — האָט בלאַנקאַ געלאַכט און געלאָזט דעם מאַנאַך זיך דערנענטערן צו זיין קרוב.

דואַרטע האָט זיך איינגעבויגן מיט גרויס פאַרכטיקייט, אָנגענומען זיין האַנט און ווי צו אַ הייליקן צוגעפּרעסט צו איר די ליפּן. דער מאַנאַך האָט מיט צוויי אויסגעשטרעקטע פינגער פון זיין צווייטער האַנט אים איבערגע־צלמט. ווען דואַרטע האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט מען געזען, אַז אַ שוויס האָט זיך אים אַרויסגעזעצט אויף זיין אָנגעשטרענגטן שטערן.

— ביי אונדז אין בראַזיל וועסטו זיין אַ שטיקל העלד. מיר געדענקען גוט ווי דיין עלטער־זיידע האָט געבאַרגט געלט אונדזער הייליקן פאַטער אַנטאָניאָ וויעראַ אויפצובויען אַן אַרמיי, מיט וועלכער מען האָט שפּעטער אַרויסגעטריבן די האָלענדער פון לאַנד, — האָט דער מאַנאַך געזאָגט.

איך פֿיל זיך גאַרנישט אַזוי העלדיש, — און איך ווייס גאָרנישט, צי דאָס איז טאַקע געווען מיין עלטער־זיידע, — האָט דוואָרטע דאָס ערשטע מאָל גערעדט מיט אַ שטיפֿערישן טאָן און געשמייכלט צו בלאַנקאַ ווי צו ווייזן, אַז אים קומט גאָרנישט קיין באַזונדערער אויפֿמערק דערפֿאַר וואָס זיינס אַן עלטער־זיידע זאָל האָבן געטאָן פֿאַר דעם לאַנד.

— אָ, לאָז אים איצט אָפּ מיט דיין געלערנטקייט. זיין זיידע האָט געטאָן ווי יעדער פֿרומער בירגער וואָלט געטאָן ווען ער האָט דאָס געלט פֿאַר דעם, — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ חניפֿהדיקן טאָן ווי צו געפֿעלן דער משפּחה.

דאָנאַ לאַורענסיאַ און מרים האָבן אומישנע געהאַלטן אַוועקגעדרייט אין אַ זייט זייערע פּנימער מיט אַן אָנשטעל ווי זיי וואָלטן זיך נישט צוגע־הערט צום געשפּרעך. דאָס גערעדעריי איז זיי נישט געפֿעלן געוואָרן.

— לאָמיר בעסער פֿאָרן אַהיים, אונדזער גאַסט איז דאַכט זיך מיד, — האָט דאָנאַ לאַורענסיאַ געזאָגט הויך צו איר מאַן, וועלכער איז געשטאַנען מיט פֿיליפּע פֿאַרטאָן אין אַ געשפּרעך.

— איך בין נישט מיד, מיינע דאַמען, אָבער עס וועט מיר זיין זייער אָנגענעם מיט אייך צו פֿאָרן אַהיים, — האָט דוואָרטע געזאָגט.

— און איר וועט מסתּמא קומען מיך זען אין גיכן, — האָט דוואָרטע זיך אָפּגעקערט פֿון די פֿרויען און גערעדט צו בלאַנקאַ און צום מאַנאַך.

— מיר וועלן גלייך מיטפֿאָרן מיט אייך, עפּעס בין איך דאָך אויך אַ טייל פֿון דער משפּחה, — האָט דער מאַנאַך זיך אַליין פֿאַרבעטן.

לאַורענסיאַ און מרים האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. מענדעס דאַ סילוואַ האָט באַמערקט ווי זיין פֿרוי האָט פֿאַרביסן אירע ליפּן. אַן אַנגסטיקער שווייס האָט אַרויסגעזעצט אויף איר פּנים. אירע באַזפּליגלען האָבן געציטערט. ער האָט פֿאַרשטאַנען אַז זיין פֿרוי האָט גרויס פֿאַרדרוס, וואָס דער מאַנאַך האָט זיך אַליין פֿאַרבעטן. ער האָט גוט געקענט זיין פֿרוי, אַז זי קען נאָך אויסברעכן אין צאָרן, אים באַליידיקט, און ס'וועט נישט זיין גוט פֿאַר זיי. ער האָט דערפֿאַר גיך זיך אַ לאָז געטאָן צו זיין פֿרוי, זי אָנגענומען ביים אָרעם און זי אַוועק־געפֿירט אין אַ זייט.

— מיר פֿאָרן אַלע גלייך צו אונדז אין הויז אַריין, — האָט ער אויסגערופֿן

צו אַלעמען. ער האָט שוין געהאַט אַרויפגעצויגן אַ העפלעך, צופרידן שמייכעלע אויף זיין פּנים. זיי האָבן זיך אַלע געלאָזט צו די קאַרעטעס, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטן סקווער נישט ווייט פון וואַסער־פאָנטאַן.

זיבנטער קאַפּיטל

דאָנאַ גראַסיאַ איז געווען זייער אומרויִק די גאַנצע צייט, וואָס אירע קרובים זענען געווען ביים פּאַרט. דאָס האַרץ האָט אין איר געצאַפּלט, געפּלאַטערט מיט עפּעס אַ מאָדנער נאַגנדיקער בענקשאַפט, וואָס זי האָט קיין מאָל פריִער נישט געפילט. זי האָט געוווּסט, אַז איר קרוב דוּאַרטע דאַ סילוואַ, וואָס איז אָנגעקומען פון פּאָרטוגאַל, איז שוין פון פריִער באַשטימט געוואָרן דורך איר מוטער און לאַורענסיאַ, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. וועט זי אים קענען ליב האָבן? אָדער גאָר פיינט האָבן, ווי זי האָט פיינט געהאַט איר קוזין, דעם איצטיקן דאָמיניקאַנישן מאָנאַך, מיט וועמען זי האָט נישט געוואָלט חתונה האָבן.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן די שווערע גאַרדינען, וואָס האָבן אַרונטערגעהאַנגען ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס מיט גרויס דערוואַרטונג אויף זייער אָנקומען. איר גאַנצער קערפּער האָט געפיבערט, אירע באַקן האָבן געגליט. זי האָט מיט אירע קאַלטע, בלייכע הענט געפּרוווט אויסלעשן אירע פלאַמענדיקע באַקן. זי האָט געהאַט געהערט פון די געשפּרעכן צווישן איר מוטער און לאַורענסיאַ אַז די מענער פון דער דאַ־סילוואַ־משפּחה פון פּאָרטוגאַל זענען אַלע שיין געבויטע און איידעלע מענטשן.

זי האָט זיך געפּרוווט פאָרשטעלן ווי ער זעט אויס, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט אויסמאָלן פון אים קיין קלאָר געשטאַלט. אַנשטאָט זי זאָל זיך פאָרשטעלן אַ ניי פּנים, וואָס זאָל איר געפעלן ווערן, האָט זי געזען פאַר זיך דאָס דיקלעכע פּנים פון איר קוזין, דעם מאָנאַך מיט דעם צעיוירענעם גוידערל. ער האָט געשמייכלט צו איר מיט רויט־פאַרגאָסענע אויגן ווי ביי אַ דערשראָקענעם קאַלב.

זי האָט פון דער זעונג אויפגעשווידערט און צוזאַמענגעדריקט אירע

הענט אַרום אירע בריסט. זי האָט זיך באַלד געכומען באַרויקן, וואָס האָט זי זיך צו זאָרגן וועגן איר קוזין, ער איז שוין לאַנג אַ מאַנאַך, ער קען שוין נישט קומען צו איר ווי אַ מאָל מיט אַ געבעט, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן. דאָס איז געווען נאָך איידער ער איז אַוועק אין דעם דאָמיניקאַנער מאַנאַכן־קלויסטער קיין באַהאַיאַ. באַלד ווערט איר האַרץ ווידער באַשווערט, פאַר אירע אויגן שוועבן פאַרביי די אַנדערע צוויי מענער, וואָס האָבן זיך צו איר געשדכנט. זי זעט פאַר זיך דעם סאַן פאַולער מישלינג מיט די הויכע ביינער־קנאָכן ביי די אויגן־זייטן מיט דער נאָכהענגענדיקער גיטאַרע, לעבן אים דער שפּאַניער, דער נאָבלמאַן מאַרטעם בלאַנקאַ. ער בויגט זיך פאַר איר מיט אַ העפלעכקייט ווי אַ טרובאַדור, וואָס האַלט אַ שפּיז הינטער זיין פאַרביקן טוך, זי אומצוברענגען.

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט. דאַנקען גאָט, וואָס עס קומט איר קרוב דואַרטע פון פּאָרטוגאַל. זי וועט מיט אים חתונה האָבן ווי אַזוי ער זאָל נישט אויסזען, אַפילו, ער זאָל זיין אַ בעל־מום, וועט זי מיט אים חתונה האָבן. אפשר וועט ער גאָר זי נישט וועלן נעמען? עס קען זיין אַז ער טראַכט נאָך אַלץ פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, וואָס ער האָט געוויס ליב געהאַט און זי, גראַסיאַ, וועט נישט קענען פאַרנעמען אין זיין האַרץ קיין שום אָרט? אפשר איז זי נישט אַזוי שיין ווי זיין פרוי, וואָס איז פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט? ער וועט איצט מיט איר חתונה האָבן בלויז אויס רחמנות, ווייל די משפחה וויל אַזוי. זי וועט בלויז זיין ביי אים ווי אַ הויזשקלאַף. ווער ווייסט וואָס פון איר לעבן וועט ווערן, האָט גראַסיאַ געטראַכט און איר האַרץ איז אויפסניי פאַרקלעמט געוואָרן פון ווייטיק.

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון פענצטער ווי זי וואָלט זיך ווי תמיד געוואָלט באַהאַלטן אין איר איינזאַמקייט, אפשר וועט נאָך עמעצער פון דער דינער־שאַפט באַמערקן איר אומרויקייט און זי הינטער די אויגן באַרעדן און אָפּ־שפּעטן פון איר...

זי איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער קאָמאָד, ווו עס זענען געשטאַנען די זילבערנע אויסגעפּוצטע כלים. זי האָט אַריינגעקוקט אין דער זילבערנער שפּיגלטאַץ און זיך דערזען. אירע נאָזפליגלען האָבן געפלאַטערט, זי האָט זיך צעשמייכלט, איר פּנים איז געווען שיין ווי נאָך קיין מאָל נישט פריער.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט, געגומען לענגערן איר קערפּער און מיט די הענט גענומען גלעטן איר רונדיק לייב. זי איז ביי זיך מיט אַ מאָל געוואָרן זיכער, אַז אויך אים, דעם קרוב דואַרטע דאַ סילוואַ, וועט זי געפעלן ווערן, כאָטש ער האָט שוין אַזוי פיל מיטגעמאַכט, דאָך וועט זי אים געפעלן ווערן. עס וועט זיך אָנפאַנגען פאַר איר אַ ניי לעבן. זי וועט זיך נישט דאַרפן מער שרעקן חתונה צו האָבן מיט אַ מאַן וועמען זי וועט נישט ליב האָבן און זיין פרעמד צום גלויבן פון אירע עלטערן.

זי האָט מיט אַ מאָל געהערט אַ גערויש פון דרויסן, ווי עס וואָלטן אָנגעקומען עטלעכע קאַרעטקעס צום הויז צו. זי איז צוגעלאָפן צום פענצטער, זיך אויפסניי געשטעלט לעבן די גאַרדינען און זייטיק אַרויסגעקוקט. צום הויז זענען צוגעפאָרן צוויי קאַרעטעס און זיך אָפּגעשטעלט. די ערשטע איז געווען זייער משפּחה־קאַרעטע און אין דער צווייטער מוז זיך געפינען איר קרוב דואַרטע, וואָס איז שוין געוויס געקומען פון פּאָרטוגאַל. זי האָט דערפאַר געקוקט דאָרט אַהין. זי האָט אָבער גלייך אויפגעציטערט, וואָרעם פון דער אָפענער קאַרעטע־טיר זענען אַרויס איר קוזין דער מאַנאַך און זיין פריינד, מאַרטעם בלאַנקאַ.

זי האָט זיך געריבן די אויגן צי זי זעט טאַקע ריכטיק, וואָס איז דאָ געשען? ווי קומען זיי דאַ אַהער פּלוצעם אַזוי אומגעריכט? האָט עמעץ דאָס געטאָן כדי אָפּצושפּעטן פון איר? אָנשטאָט דואַרטע, קומען זיי, וועמען זי האָט פיינט און שרעקט זיך פאַר זיי. זי האָט זיך באַלד געגומען באַרויקן. פון דער ערשטער קאַרעטע, ווו עס האָבן זיך געפונען אירע קרובים, איז אַרויסגעקומען דער גאַסט דואַרטע. זיי האָבן זיך אַלע געלאָזט צום הויז. דואַרטע איז געגאַנגען מיט די צוויי פרויען, איר מוטער מרים און לאַורענסיאַ. גראַסיאַ האָט איצט געהאַט אַ מעגלעכקייט אים אויף גיך צו באַטראַכטן. קיין צו הויכער, ווי זי האָט זיך אין געדאַנק אים פאָרגעשטעלט, איז ער נישט געווען. בלויז אַ ביסל העכער פון לאַורענסיאַ. ער איז אָבער געווען גוט געבויט מיט פעסטע אויפגעהויבענע גלייכע אַקסלען. ער איז גלייך געפעלן געוואָרן, איבערהויפּט האָט איר פאַרכאַפּט זיין טונקל אָליוו־פּנים מיט די שטאַרק פאַרטונקלטע שאָטנס אונטער די אויגן, ווי ביי אייגעם, וואָס האָט אַ סך דורכגעליטן. ער האָט ליבלעך געשמייכלט צו די פרויען, אַזוי ווי עס

שמייכלען קינדער, ווען זיי דערפילן זיך גליקלעך. זיין פּנים האָט געשיינט מיט אַ גליקזעליקייט, אַ דערפרייטער, וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן צו קומען צו זיינע קרובֿים.

גראַסיאַ האָט אָפּגעאָטעמט מיט גרויס דערלייכטערונג, לאָורענסיאַ איז געווען גערעכט. די דאָ סילוואָס זענען שיינע, חנעוודיקע מענער און זי וועט געוויס זיין גליקלעך מיט אים ווי עס איז לאָורענסיאַ מיט איר מאַן זשואַן מענדעס.

זי האָט זיך גענומען באַרויקן. זי טאָר פֿאַר קיינעם נישט אַרויסווייזן איר נייעם געפֿיל, דערצו איצט, ווען עס זענען מיטגעקומען די צוויי פֿריינד, איר קוזין דער מאַנאַך און דער נאָבלמאַן, מאַרטעם בלאַנקאַ. איר קוזין רעדט זיך איין, אַז ער איז דערהויבן געוואָרן און די אַדללייט פֿריינדלען זיך מיט אים. זי ווייסט אָבער, אַז בלאַנקאַ האָט זיך דערנעענטערט צו אים נאָר צוליב איר און היינט האָט ער געקראָגן דורך איר קוזין אַ געלעגנהייט צו קומען צו זיי אין הויז אַריין. עס זעט אויס, אַז איר פֿרייד מוז אויך דאָס מאָל פֿאַרשטערט ווערן מיט נישט קיין פֿריילעכע דערמאָנונגען, וואָס די צוויי פֿריינד, איר קוזין און בלאַנקאַ, האָבן אין איר איבערגעלאָזט.

זי וועט בעסער אַריינגיין אין איר שלאָפֿצימער און זיין דאָרטן אַזוי לאַנג ביז זיי וועלן אַוועק פֿון הויז. קיינער קען נישט באַשטימען מיט וועמען זי זאָל זיך טרעפֿן. זי האָט זיך געלאָזט צו איר צימער דורך דעם לאַנגן קאָרידאָר.

ביים אַריינגיין אין צימער האָט זי שוין דייטלעך געהערט דעם טומל פֿון אַלע, וואָס זענען אַריין אין הויז. זי האָט פֿאַרמאַכט די טיר און מיט איר גאַנצן קערפּער צוריקגעפֿאַלן מיט אונטערגעבראָכענע פֿיס צו דער טיר מיט אַ פֿאַרגליווערטקייט, ווי זי וואָלט זיך מער נישט געקאָנט רירן פֿון אָרט. זי איז אַזוי געשטאַנען אַ לענגערע צייט, זיך צוגעהערט צום טומל פֿון די מענער, וואָס האָט זיך דאָ אַהערגעטראָגן. צו די אַלע שטימען, וואָס זענען איר געווען באַקאַנט פֿון פֿריִער איז צוגעקומען דאָס נייע קול פֿון דואַרטע. ער האָט גערעדט געלאַסן מיט אַ ברוסטיקער שטימע. יעדעס וואָרט איז ביי אים אַרויסגעקומען רונדיק, נישט פֿאַרשלונגען, נישט געקינצלט.

— איך פֿיל זיך ווי איך וואָלט געקומען אַהיים, — האָט דואַרטעס קול אָפּגעקלונגען אַהער דורכן קאָרידאָר.

— דו ביסט אין דער היים — האָט מענדעס דאַ סילוואַ אים פאַרזיכערט.

— מיר האָבן אַלץ צוגעגרייט און דו וועסט וווינען מיט אונדז, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט מיט אַ צופרידענער שטימע.

— איך דאַנק אייך זייער. עס איז גוט צו האָבן משפּחה. וואָס וואָלט איך דאָ געטאָן אין אַזאַ אומבאַקאַנטער שטאָט. אַלץ איז דאָ ניי און אַנדערש ווי ביי אונדז אין פּאָרטוגאַל, — האָט דואַרטע געזאָגט מיט זיין ברוסטיק־גלעטנדיקער שטימע.

— אַ, דו וואָלסט נישט פאַרלוירן געוואָרן. מיר וואָלטן דיך גלייך אַוועקגעפירט קיין „מינאַס געריאַס" צו די גאָלדגרובנס. דאָס גאָלד וואָס דו וואָלסט דאָרט געזען, וואָלט דיך געמאַכט אין אַלץ פאַרגעסן... ס'איז אַ גרויסע אונטערנעמונג, — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט, הויך, אַז אַלע זאָלן הערן מיט וואָס פאַר אַ וויכטיקער באַשעפטיקונג ער איז פאַרנומען.

— נישט אַלץ וואָס שיינט איז גאָלד, נישט נאָך גאָלד־געשעפטן בין איך דאָ אַהערגעקומען, אַלץ וואָס איך זוך איז אַ ביסל מנוחה, צו פאַרגעסן מיין פריערדיק לעבן, מיין פאַרגאַנגענהייט. דאָ איז אַ נייע וועלט, אפשר וועט זיך עס מיר איינגעבן.

— אַ, דו וועסט זיך נישט אָפּזאָגן פון גוטע געשעפטן. איך קען דאָך דיך נאָך פון קאָימבראַ־אוניווערזיטעט. דו ביסט אַ מאָל געווען זייער אַמביציעז. דער בעסטער אין מאַטעמאַטיק, — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ גערעדט מיט אַ שטיפערישן טאָן.

— געוויס וועל איך זיך נישט אָפּזאָגן פון גוטע געשעפטן. דאָס איז אַ טייל מיט וועלכן אונדזער משפּחה פאַרנעמט זיך — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ מידער אומצופרידענער שטימע.

— וועגן געשעפטן וועט איר נאָך צייט האָבן צו רעדן — האָט זיך לאָורענסיאַ אַריינגעמישט.

— יאָ, איצט וועלן מיר טרינקען וויין צו באַגריסן אונדזער ליבן גאַסט, לאָמיר גיין צום טיש — האָט מענדעס דאַ סילוואַ אויסגערופן.

גראַסיאַ האָט צו זיך אַ שמייכל געטאָן. דאַנקען גאָט, וואָס מען האָט אין איר אַ ווילע פאַרגעסן און זי וועט זיך באַרויִקן צו באַגעגענען שפּעטער דעם גאַסט.

פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט דאָס אָנקומען פון ווייכע פּרווישע טריט. זי האָט געפּרוּווט אויפכאַפּן ווער דאָס איז, איר מוטער אָדער לאָורענסיאַ. גראַסיאַ איז פלינק אַוועק פון דער טיר, ווו זי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אָנגעלענט. זי איז גיך אַוועק צום פענצטער און זיך געמאַכט אַרויסקוקן, ווי זי וואָלט גאָרנישט געהאַט געהערט, אַז דער גאַסט איז שוין אָנגעקומען.

אונטן, פאַרן הויז, האָבן די שוואַרצע באַדינערס אַריינגעטראָגן אין הויז שוואַרצע קופערטן, באַשלאָגענע מיט מעשענע רייפן און שווערע שלעסער. פיליפּע איז געשטאַנען לעבן דעם וואָגן מיט געפּעק, וואָס ער האָט געבראַכט פון פאָרט פאַר דואַרטען, אויך טייערע מעבל־שטיקער. אַ גאַנצע הויז־ווירטשאַפט האָט ער געבראַכט פון פּאָרטוגאַל.

גראַסיאַ האָט דערהערט ווי מען האָט געגעבן אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר, וואָס האָט זיך פאַמעלעך מיט אַ סקריפּ געעפנט. גראַסיאַ האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען איר מוטער מרים. איר פאַרעלטערט פּנים האָט איצט געשיינט, די צעקנייטשטע באַקן האָבן געפלאַמט. זי האָט שוין לאַנג נישט געזען איר מוטער אַזאַ גליקלעכע.

די מוטער האָט אויסגעשטרעקט צו איר די הענט:

— קום, גראַסיאַ, אַלע פרעגן זיך אויף דיר. איך וויל דיך פאָרשטעלן פאַר אונדזער גאַסט, — האָט די מוטער געזאָגט.

— אפשר שפּעטער, מאַמע טייערע, אין הויז איז אַזוי טומלדיק, — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט שעמעוודיקע, אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— וואָס קענען מיר טאָן, אַז דער טייערער קוזין האָט נאָך מיטגעבראַכט אַ נייעם אָנשיקעניש אין הויז אַריין. קום, זיי אויף להכעיס, קום אַריין, זאָלן זיי זען אַז דו וועסט אויפגעריכט ווערן...

— מאַמע טייערע, דו האָסט דאָך אַ מאָל פאַרזיכערט מאַרטעם בלאַנקאַ, אַז איך גרייט זיך צו ווערן אַ נאָנע, — האָט גראַסיאַ געזאָגט און אַ באַהאַלטן שמייכעלע האָט געפלאַטערט אַרום איר מויל.

— מאַלע וואָס אַ מאַמע זאָגט, ער האָט מיר סיי ווי נישט געגלויבט.

גראַסיאַ האָט שעמעוודיק געשמייכלט און איר בלאַס פּנים האָט זיך אויפסניי פאַררויטלט.

— ער איז דאָך אַזוי שיין, דוואַרטע. אַלע חנען האָט אים גאָט געגעבן. איך האָף צום איינציקן גאָט, אַז דו וועסט ביי אים נושא־חן זיין. אַלץ וואָס האָט מיט אים פריער געטראָפן איז געווען גאָטס רצון, ווייל איר זענט אַ זיווג מין השמים. איך בין איבערגעפולט מיט פרייד, וואָס דיר, מיין איינציק קינד, איז נאָך באַשערט צו האָבן אַ ייִדישן מאַן — האָט די אַלטע מרים געזאָגט און טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן.

זי האָט אָנגענומען גראַסיאַס האַנט, וואָס איז געווען קאַלט און געציטערט פון אויפרעגונג.

— דו האָסט זיך גישט וואָס צו שרעקן, מיין קינד. דו וועסט געפינען לייטזעליקייט אין זיינע אויגן. ער וועט דיך ליב האָבן. דו האָסט נאָך קיין מאָל אַזוי שיין און מלכותדיק נישט אויסגעזען, ווי איצט, — האָט די מוטער געזאָגט. זי האָט גענומען צערטלען מיט די הענט אירע באַקן און מיט אַ טיכל גענומען אויסווישן די טרערן־טראָפּנס, וואָס האָבן געפינקלט ביי די ברעגן פון אירע אויגן.

— דאָס האַרץ שרעקט מיך, נישט פאַר אים, נאָר פאַר זיי, דעם פּאַדרע און דעם שפּאַנישן נאָבלמאַן, בלאַנקאַ, — האָט גראַסיאַ שטיל געזאָגט און זיך געטוליעט צו דער מוטער.

— וואָס האָסטו זיך צו שרעקן? דו האָסט זיי נישט גערן געהאַט, פאַר־דריסט זיי, עס וועט אָבער אַלץ איבערגיין. דיין קוזין איז שוין אַ פאַר־פאַלענער ביי די מאַנאַכן... און דער נאָבלמאַן וועט געפינען זיינס גלייכן, חתונה האָבן ווי געוויינטלעך עס טוען אַלע מענער. זיי זוכן, זוכן ס׳טעלערל פון הימל ביז זיי האָבן חתונה, — האָט מרים געזאָגט מיט אַ ווייכער, האַר־ציקער שטימע.

גראַסיאַ האָט שווער אָפּגעדעכעט און שטיל געזאָגט:

— קום, מאַמע, מיר וועלן אַריינגיין אויף אַ ווייל.

ביידע, מוטער און טאָכטער, האָבן פּאַמעלעך גענומען שפּאַנען דורכן קאָרידאָר צום אויפנעם־צימער. עס איז זיי אַנטקעגן געקומען דאָנאַ לאָו־רענסיאַ און זיי פאַרהאַלטן.

— גראַסיאַ, טייערע! איך בין נאָר וואָס געגאַנגען צו דיר. קומט, מיר וועלן אַריינגיין אין ביבליאָטעק־צימער, אין זאַל איז צו טומלדיק. די מענער

טרינקען שוין ווײַן צו באַגריסן דעם גאַסט, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און גענומען גראַסיאַן בײַם אָרעם.

— איך בין אַזוי גליקלעך הײַנט צוליב דיר. ער, דואַרטע, איז אַ סך מער פֿאַרשוין ווי איך האָב זיך אים פֿאָרגעשטעלט. ער האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דיר. איך וועל אים באַלד ארײַנרופֿן און אים פֿאָרשטעלן פֿאַר דיר, — האָט לאַורענסיאַ געריידט זייער האַפּערדיק און געטוליעט גראַסיאַן צו זיך.

זיי האָבן זיך פֿאַרקערעוועט צום ביבליאָטעק־צימער. פֿון דער ווײַטנס, דורכן קאָרידאָר האָבן זיי געזען ווי מענדעס דאַ סילוואַ און די אַנדערע הויבן אויף זילבערנע בעכערס מיט ווײַן, וואָס צוויי שוואַרצע באַדינערס האָבן געהאַט געבראַכט אויף זילבערנע טאַצן.

לאַורענסיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיי געשיקט פֿאַרויס און גענומען קוקן דורכדרינגלעך צום אויפֿנעם־צימער. מענדעס דאַ סילוואַ, איר מאַן, האָט אין מיטן געשפּרעך מיט די מענער באַוויזן צו דערזען אירע בליקן, און געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער וועט נישט דערלאָזן צו פֿיל צו טרינקען, ווי זי האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט אים. זי האָט זיך צוריק דערנעענטערט צו גראַסיאַן און מרימען און זיי זענען אַרײַן אין ביבליאָטעק־צימער.

אינעווייניק איז קיינער נישט געווען. אויפֿן גרויסן דעמבענעם ביוראָטיש זענען געלעגן שטויסן ביכער, אַנגעהויפֿט בײַ די זײַטן. בײַ די שרײַב־מכשי־רים אין מיטן טיש זענען געלעגן גענדזענע פֿעדערס, טינטערס, פּאַפּיר, בריוו־בויגנס.

די שויבנשאַנק מיט טירן פֿון געשליפֿענעם גלאָז פֿול מיט ביכער איז געשטאַנען אָפֿן. עס האָט אויסגעזען אַז דער אַדוואָקאַט מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך געהאַט אָפּגעריסן פֿון מיטן זײַן אַרבעט צו גיין באַגעגענען זײַן קרוב דואַרטע.

די אַלטע מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט אַן אויסגעמאַטערטע אויף דער סאָפֿע, וואָס איז געווען באַצויגן מיט אַ ברוינעם לעדער. גראַסיאַ איז צוגעגאַנגען צו דער גרויסער, מאַהאָגינער ביכערשאַנק, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון דיל ביז צום סופֿיט. זי האָט באַקוקט די לעדערנע רוקנס מיט די באַ־גילדטע אותיות, ווי זי וואָלט זיך געמאַכט זוכן עפּעס אַ בוך.

— נו, דאַנקען גאָט, וואָס ער איז שוין דאָ. אונדזער ייִדישע משפּחה וועט

גרעסער ווערן. מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער קוזין, דעם מאַנאַך, דערפאַר האָט אונדז גאָט צוגעשיקט אַ בעסערע מתּנה, — האָט די אַלטע מרים שטיל געזאָגט.

גראַסיאַ האָט אַ ציטער געטאָן, אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דער מוטער.

— רעד נישט אַזוי הויך, מאַמע. זיי זענען דאָרטן דאָ, וועגט האָבן אויערן. איך הער דאָכט זיך עמעצן קומען, — האָט גראַסיאַ געזאָגט און צוגעבויגן איר קאָפּ צו דער טיר, זיך איינגעהערט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן.

— קיינער הערט נישט. לאָמיר האָפן צום איינציקן, לעבעדיקן באַשעפער אַז דאָ אַהער וועט דער צאָרן מער נישט גרייכן, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט.

— יאָ, עס וואָלט שוין טאַקע צייט געווען אַז דער ביטערער צאָרן אויף יענער זייט ים קעגן אונדזערע ברידער און שוועסטער זאָל שוין אויפהערן. אַז איך קוק אויף זיין איידל פּנים זע איך דעם שוידער, וואָס ער האָט דאָרטן איבערגעלעבט, — האָט די אַלטע געזאָגט.

— איצט וועט שוין אַלץ זיין אַנדערש, גאָטס חסד וועט אונדז ווידער אויפריכטן. איך זאָג דיר צו, מרים, אַז מיר וועלן דאָ אין דעם צימער פּראַווען אַ ייִדישע חתונה כּדת משה וישׂראל, נאָך איידער מיר וועלן פון בויטווענדי־קייט זיי מוזן פירן אין קירך, זיי צו באַשפּרענקלען מיט דעם טמא־וואַסער... האָט לאָורענסיאַ געזאָגט צו מרימען.

גראַסיאַ האָט שוין איצט געהאַלטן אַ בוך אין האַנט, אָבער מען האָט געזען ווי אירע הענט ציטערן פון אויפרעגונג.

דאָנאַ לאָורענסיאַ איז צו איר צוגעגאַנגען, אויפגעהויבן די הענט און גענומען גלעטן איר צעפלאַמט פּנים. גראַסיאַ האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צו איר ברוסט און אַרויפגעקוקט צו לאָורענסיאָן מיט אירע גרויסע דערשראָ־קענע אויגן, וואָס זענען איצט געווען דורכזיכטיק בלוי ווי ביי אַ דערשראָ־קענער לאָם.

האָסט זיך גאַרנישט וואָס צו שרעקן, מיין קינד, מיר זענען אַלע אין גאָטס הענט. געדענקסט דעם פּעטער יוחנן? ער האָט זיך פאַר קיינעם נישט געשראָקן, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט און געקוקט מיט פאַרטרויערטע אויגן ערגעץ ווייט אַוועק.

דאָס קינד שרעקט זיך, וואָס די צוויי אַנשיקעניִשן זענען מיטגעקומען, ווער האָט זיי פאַרבעטן? — האָט מרים געזאָגט מיט פאַרדרוס.

— אָ, זיי? איר דאַרפט זיך גאָרנישט זאָרגן, זיי וועלן זיך אַנזויפן מיט ווייַן און באַלד אַוועקגיין. מען קען זיי גאָרנישט אײַנהאַלטן פון טרינקען, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און איר פּנים האָט זיך ביטולדיק צעשמייכלט.

אין צימער האָט זיך מיט אַ מאָל געהערט אַ לייכטער באַוועג. אַלע האָבן מיט אַ מאָל אויפגעצאַפּלט און זיך אַרומגעקוקט. זיי האָבן געהאַט דעם געפיל, אַז עמעץ איז דאָ אין צימער און זיך אונטערגעהערט זייער געשפּרעך.

דער אומגעריכטער באַוועג איז געקומען פון דעם ווינקל לעבן פענצטער, ווו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער לעדערנער פאָטעלשטול מיט אַ הויכן אָנלען, ווו מענדעס דאָ סילוואַ פלעגט זיך אָפּרוען פון זיין אַרבעט און אַרויסקוקן פון פענצטער.

לאַורענסיאַ האָט געמאַכט עטלעכע טריט נענטער צום פענצטער און באַלד האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף איר פּנים. אויפן שטול איז געזעסן איר יינגעלע זשאָזע מיט די הענטעלעך אַרויפגעלייגט אויף אַ דין ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן שויס און מיט אַן אויסגעבויגן קעפּל צום צימער זיך צוגעהערט צום געשפּרעך.

— דו ביסט גאָר דאָ, זשאָזע? און איך האָב געמיינט, אַז די אַם האָט דיך צוגעלייגט זיך אָפּצורוען אין שלאָפצימער, — האָט די מוטער געזאָגט. זי האָט אים אָנגענומען ביים הענטעלע און אים פאַמעלעך אַרויסגעפירט פון צימער.

אַכטער קאַפּיטל

אַן אָונטיקע שטילקייט האָט איינגעהילט דאָס שלאָפצימער. די שווערע גאַרדינען האָבן פאַרשטעלט די לאַנגע פענצטער. בלויז דורך די זייטן האָט זיך דורכגעשפּאַרט דאָס בלייכע בין־השמשותדיקע ליכט פון דרויסן.

אויף דער קאַמאָד לעבן בעט האָט אויף אַ הויכן מעשענעם לייכטער געברענט אַ וואָקסליכט. דער שנויץ האָט געטריפט און דאָס ליכטפלעמל האָט פאַרשפּרייט טאַנצנדיקע שאָטנס אויף די ווענט.

דער קליינער זשאָזע דאַ סילוואַ האָט געקניט ביים בעט. ער האָט גע־האַלטן פאַרצלמט די פינגער אַרויף צו זיין געזונקענעם קאָפּ, ער האָט געזאָגט די אָוונט־תּפילה פאַרן גיין שלאָפן. ער האָט נישט געזאָגט דאָס אָוונט־געבעט, וואָס זיין אַם ראַמאַליאַ האָט אים אויסגעלערנט, נאָר פון דעם נייעם געבעט־ביכל, וואָס זיין פאָטער מענדעס דאַ סילוואַ האָט אים געבראַכט אַ מתּנה. ער האָט שוין אַ סך געקענט זאָגן אויסנווייניק. ער האָט פרום געשעפּטשעט מיט זיינע פּרעפּלענדיקע ליפּן.

שיץ מיך, מלאך, ווען איך שלאָף,
ווי אַ פּאַסטעך זיינע שאָף,
היט מיך, האַר, אַ גאַנצע נאַכט
ביז דאָס מאָרגנליכט דערוואַכט...

די טיר האָט זיך געעפנט. ער האָט אויפגעהערט זאָגן זיין געבעט און זיך איינגעהערט. דאָס זענען געווען די שווערע טריט פון דער אַם ראַמאַליאַ. זי איז צוגעגאַנגען צו אים נאָענט און אים אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל.

— צייט צו גיין שלאָפן, זשאָזע טייערער. דו ביסט מיר עפּעס זייער פרום געוואָרן זייט דיין פאָטער סענהאָר דאַ סילוואַ האָט דיר געבראַכט דאָס נייע געבעט־ביכל. איך הער נישט קיין איין וואָרט וואָס דו שעפּטשעסט דאָרט, — האָט די אַם געזאָגט און געדרייט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט נישט תּופס געווען די ענדערונגען פון דעם יינגל.

זשאָזע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זי אָנגעקוקט מיט פאַרחלומטע, טרויעריקע אויגן און מילד געשמייכלט. זי האָט גענומען אין האַנט אַריין דאָס באַגילדטע געבעט־ביכל. זי האָט דאָס ביכל באַטראַכט פון אַלע זייטן, באַקוקט די פאַרביקע, אויסגעציקלטע אותיות און פאַרדעכטיק געהויבן מיט די פּליי־צעס, ווי איינע וואָס פאַרשטייט גאָרנישט וואָס דאָס איז אַזוינס און צו וואָס מען דאַרף עס אין גאַנצן האָבן. זי זעט אַפילו נישט קיין צלם אויפגעמאָלט, ווי אויף אַנדערע געבעט־ביכלעך.

— אַ מאָל האָסטו געזאָגט הויך דאָס אָוונט־געבעט, וואָס איך האָב דיך אויסגעלערנט: „אין נאָמען פון פאָטער און זון און פון הייליקן גייסט”. האָב איך געהערט אַ וואָרט און פאַרשטאַנען וואָס דו זאָגסט. דו דערמאָנסט אַפילו

נישט יעזוסעס נאָמען. נו, גיי שוין שלאָפן, מיין זיס יינגעלע, מסתמא ווייס סענהאָרא דאַ סילוואַ בעסער וואָס איז גוט פאַר דיר. איך נעם צו דאָס ליכט.
— האָט די אַם געזאָגט און אים אַ קוש געטאָן איבערן קעפּל.

זשאָזע האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען דאָס געבעט־ביכל פון איר האַנט און עס צוגעדריקט צו זיין ברוסטל, ווי עס וואָלט אים געווען זייער ליב און טייער. ער איז אַריין אין בעט און אַרויפגעצויגן דאָס איבער־בעט ביז צום האַלדז און צוזאַמענגעקוועטשט די אויגן־לעפּלעך ווי צו ווייזן, אַז ער הויבט שוין אָן צו שלאָפן.

— איך גיי שוין אַוועק. דיין מוטער דאָנאַ לאָורענסיאַ האָט מיר געגעבן אַ פריייען אָוונט ביז מאָרגן פאַרנאַכט צו גיין זען מיין ברודער און זיין משפחה. אַ גוטע נאַכט, מיין ליב יינגעלע.

דער קליינער זשאָזע האָט שוין מער נישט געהערט וואָס זי האָט אים געזאָגט. זיינע אויגן זענען געווען געווענדט צו דער טיר, דורך וועלכער עס איז מיט שטילע טריט אַריינגעקומען דאָנאַ גראַסיאַ און ליבלעך געשמייכלט צו אים.

ראַמאַליאַ האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו איר, זי קאַלט אָנגעקוקט. זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן נישט אַרויסצוּווייזן קיין כּעס צו איר, וואָס זי איז פּלוצעם אַריינגעקומען און שטערט דעם יינגל צו גיין שלאָפן, נאָך אַלע אירע באַמיִונגען אים איינצושלעפערן.

— גיי גליַיך שלאָפן, זשאָזע טייערער, מאָרגן וועט דיך שוין דאָנאַ גראַסיאַ נעמען צו דער מעסע אין קירך, ווייל איך וועל מאָרגן דאַ נישט זיין, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ביטערן טאָן. עס האָט איר געאַרט, וואָס לעצטנס איז גראַסיאַ געוואָרן די אויפפּאַסערין איבער זשאָזען און זי פילט זיך שוין דאָ אין הויז ווי אַן איבעריקע. מען דאַרף זי שוין דאָ נישט מער האָבן, בלויז פון העפלעכקייט וועגן האַלט מען זי נאָך דאָ אין הויז.

ראַמאַליאַ איז צוגעגאַנגען צום קאָמאָד, גענומען דעם אָנגעצונדענעם לייכטער אין האַנט, אים אַרויסגעטראָגן פון שלאָפצימער.

דאָנאַ גראַסיאַ האָט זי פאַרהאַלטן.

— זאָל נאָך זיין אַ ווײַלע ליכטיק, ער איז געווינט מען זאָל זיין מיט אים ביז ער שלאָפט איין, און איר, ראַמאַליאַ, גייט דאָך שוין אַוועק, —

האָט גראַסיאַ געזאָגט און אַ ליבלעכער שמייכל איז געווען אויסגעלייגט אויף אירע בלייכע ליפּן.

— ווי איר ווילט. ער איז אין אייערע הענט, — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט מיט אַן איינגעהאַלטענער ביטערניש אין איר דערדריקטער שטימע. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט, זיך איינגעבויגן מיט איר שווערן גוף איבער זשאָזען און צוגעפּרעסט אירע פולע, נאַסע ליפּן צו זיין פּנים. נאָך דעם איז זי מיט שווערע טריט פּאַמעלעך אַרויס פון צימער און צוגעמאַכט די טיר.

דאָנאַ גראַסיאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן בעט.

— דו קענסט נאָך לייענען אַ ביסל פון דיין געבעט־ביכל און איך וועל דאָ זיין מיט דיר, — האָט גראַסיאַ געזאָגט. זי האָט פון דער טיפער פאַרטעך־קעשענע אַרויסגענומען אַ סאַמעטן זעקעלע און באַטראַכט אַן אויסהעפטונג, וואָס זי האָט געמאַכט.

אויף דעם בלויען זעקעלע פון סאַמעט זענען געווען אויסגעהאַפטן מיט גאָלדענע און זילבערנע פעדעם צוויי מעכטיקע לייבן, וואָס האָבן געהאַלטן פעסט צוויי אויסגעהאַפטענע טאָוולען מיט אויסגעשטעלטע ווערטער־שורות, וואָס האָבן פייערדיק אַרויסגעלויכטן. איבער די, פון אויבן פאַררונדיקטע, טאָוולען איז געווען אויסגעצירט אַ קעניגלעכע קרוין.

זשאָזע האָט אַרויסגענומען פון שופלאַד פון דעם נאַכט־טישעלע ביים בעטל זיין געבעט־ביכל און גענומען אַריינקוקן. ער האָט אָבער נישט געקענט מער לייענען. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער לייענט און זייטיק געקוקט אויף גראַסיאַן. ער האָט זייער שטאַרק ליב געהאַט גראַסיאַן. פון אַלע מענטשן אין הויז האָט ער צום מיינסטן זי ליב געהאַט. זיין מוטער איז תמיד געווען פאַרזאָרגט און פאַרטרויערט. זיין פאָטער — שטענדיק פאַרנומען אין געשעפטן, און ווען ער איז געווען אין דער היים, איז ער נאָר געזעסן אַ פאַרנומענער אין זיין קאַבינעט־צימער לעבן דער ביבליאָטעק, פאַרטאָן אין זיין אַרבעט. עס זענען צו אים געקומען מענטשן און ער האָט מיט זיי פאַר־בראַכט אין לאַנגע שמועסן. זינט גראַסיאַ איז געקומען אין זייער הויז אַריין, האָט ער מער נישט געקענט פאַרטראָגן זיין אַם ראַמאַליאַ. זי איז געווען פויעריש, פאַרגרעבט און אַפילו נישט געקענט לייענען קיין געבעט־ביכל.

גראַסיאַ האָט געקענט אַלץ: נייען, שטריקן, העפטן. זי האָט געקענט

דערציילן אַ סך שיינע מעשׂיות, וועגן אַ פאַרכּישופטן שלאָס מיט אַ געפאַנ־גענער בת־מלכּה. זי האָט אַלע מאָל ליב געהאַט אים צו דערציילן שיינע מעשׂיות אײדער ער פלעגט אײנשלאָפן און זיך אַפילו אָװעקלײגן לעבן אים אויפן בעט ביז ער איז אײנגעשלאָפן. אָבער זינט דאָרטע איז געקומען פון ליסאַבאָן, איז זי געװאָרן אַן אַנדער מענטש. זשאָזע האָט באַמערקט, אַז אַפילו װען זי רעדט מיט אים, זענען אירע אויגן, אירע געדאַנקען ערגעץ אַנדערשװוּ. אַן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין איר. פאַר װאָס איז דאָס אַזוי? זײנע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אויסגעהאַפּטענעם סאַמעטענעם זעקעלע.

— איך קען נישט איבערלײענען די װערטער, איז דאָס פּאָרטוגעזיש?

— האָט זשאָזע געפרעגט מיט נײגעריקײט.

— נײן, זשאָזע, דאָס איז די הײליקע שריפט מיט די צען געבאָטן, װאָס דער אײנציקער, אַלמעכטיקער גאָט האָט געגעבן צו אונדזערע אָבות אויפן באַרג סיני, — האָט גראַסיאַ סודותדיק געזאָגט.

— איך קען עס נישט איבערלײענען. דו מאַכסט עס פאַר דאָרטע? — האָט זשאָזע פּלוצעם געפרעגט מיט אַ זיפּצנדיק שטימעלע.

— יאָ, עס איז אַ מתּנה פאַר דאָרטע. װער האָט עס דיר געזאָגט, זשאָזע טײערער? — האָט גראַסיאַ אים געפרעגט און אים אָנגעקוקט מיט דורכ־דרינגלעכע, פאַרשעריקע אויגן.

— איך האָב געהערט װי די מומע מרים האָט עס געזאָגט צו דער מאַמען, — האָט זשאָזע געזאָגט שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, װי ער װאָלט זיך פּלוצעם געגומען שעמען װאָס ער דערציילט װעגן זאַכן, װאָס ער האָט זיך דערװוּסט װען ער האָט אונטערגעהערט אַ געשפּרעך װעגן איר. ער האָט שוין געאַנט, אַז עס איז עפּעס נישט שיין זיך צוצוהערן װאָס די עלטערן רעדן צװישן זיך אין דער שטיל און נאָך דעם װעגן דעם צו דערציילן.

— עס זענען שטאַרקע לײבן, די אַ אויף דעם זעקעלע. איך האָב אָבער נישט קײן מורא פאַר קײן לײבן, — האָט זשאָזע געזאָגט באַרימעריש און אויף ס׳נײַ געקוקט אויף דער אויסהעפטונג.

— דאָס זענען גוטע לײבן, זײ װילן נישט קײנעם פאַרצוקן. זײ היטן מיט זײער מעכטיקײט די צען געבאָטן, װאָס דער נביא משה האָט געבראַכט צו

אונדז, כ׳מיין צו דער וועלט... — האָט גראַסיאַ אויסגעבעסערט איר אויפ־קלערונג.

גראַסיאַ האָט אין אָנהויב גערעדט צו אים מיט אַן אויפגעהייטערטער שטים, אָבער באַלד איז זי שטיל געוואָרן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זשאָזע האָט זיך ליב אונטערצוהערן וואָס מען רעדט און ער קען עס נאָך דעם דער־ציילן דער אָם, ראַמאַליאַ. זי קען עס דערציילן אַנדערע און זיי וועלן דאָס שלעכט אויסטייטשן. זי האָט גיך איינגעוויקלט דאָס סאַמעטענע זעקעלע און עס פאַרשטופּט אין פאַרטעך־קעשענע.

זשאָזע האָט נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון איר. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס גראַסיאַ איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי אויפ־גערודערט...

— מיר זענען אַ מאָל געווען אויך יידן, ווייסטו? אַזוי האָט מיר ראַ־מאַליאַ דערציילט, — האָט זשאָזע פּלוצעם געזאָגט און געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרשערישער נייגעריקייט.

— בעסער גיי שוין שלאָפן און הער זיך נישט צו, וואָס מען דערציילט דיר. ראַמאַליאַ האָט אַ צו גרויסן מויל, — האָט גראַסיאַ צו אים גערעדט מיט אַן אויפגערעגטער שטים, וואָס דאָס האָט פריער קיין מאָל נישט געטראָפן.

זשאָזע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ער איז רויט געוואָרן אויפן פּנים פון בושה. ער האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געפרעגט גראַסיאַן אַזעלכע זאַכן, וואָס די פאַרגרעבטע ראַמאַליאַ, די פויערטע, האָט אים דער־ציילט, אַז אַ מאָל, אַ מאָל, זענען אין זיין משפחה געווען יידן, אָבער איצט זענען זיי אַלע ניי־קריסטן און געהויבענע לייט, וואָס אַלע שאַצן זייער הויך.

גראַסיאַ האָט זיך אויפגעשטעלט אַוועקצוגיין.

— גיי נאָך נישט, גראַסיאַ. וואַרט צו נאָך אַ ביסל ביז איך וועל איינ־שלאָפן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ געבעט צו איר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט אים איבערלאָזן אַליין אין דעם פינצטערן צימער. ער האָט צוזאַמענגעקוועטשט די אויגן און געמאַכט אַן אַנשטרענגונג איינצושלאָפן. ביסלעכווייז האָט זיין דערשראָקן פּנימל אָנגענומען אַ מידע שלאָפנדיקע רויִקייט און גראַסיאַן האָט זיך געדוכט, אַז אָט, אָט האָט ער גענומען איינ־שלאָפן.

זשאַזע איז אָבער נישט געשלאָפן, ער האָט איבערגעטראַכט וואָס דער אין שטוב האָט געזאָגט, וואָס יענער האָט דערציילט, און זיין קאָפּ האָט זיך געפּלאָנטערט מיט פראַגן, וואָס ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן, וואָס ער דאַרף אַליין אויסגעפינען. ער האָט דערשפּירט ווי גראַסיאַ בויגט זיך איין צו אים און קוקט אים אין פּנים אַריין, צי ער שלאָפט טאַקע שוין. זי איז געווען זייער אומגעדולדיק ווי קיין מאָל נישט פריִער. ער האָט געעפנט זיינע מיט שלאָף פאַרנעפּלטע אויגן און געשמייכלט צו איר.

— עס נעמט דיך גאָרנישט קיין שלאָף, ווען מען לאָזט דיך, וואָלסטו אויף געווען גאַנצע נעכט. וואָס וועט זיין פון דיר, אַ נאַכטפויגל? — האָט זי געזאָגט אומגעדולדיק און איר בלייך, גוט פּנים איז געוואָרן פאַרכמורעט, בייז.

זשאַזע האָט צוגעמאַכט די אויגן און געוואַרט. ער האָט געוואָלט זי זאָל זיך צולייגן לעבן אים ווי זי טוט דאָס אין פיל אַנדערע נעכט ווען זי שלעפּערט אים איין, זי זאָל אים צודריקן צו איר ווייכן, וואַרעמען קערפּער און אים פאַרוויגן מיט אַ מעשׂה, וואָס זי דערציילט אים, אַפילו אַזעלכע, וואָס ער האָט שוין פיל מאָל געהערט, אָבער דאָס מאָל האָט זיך גראַסיִאַ געקווענקלט. זי האָט גענומען דאָס ליכט אַרויסצוגיין און געשטאַנען אַ ווילע און עפּעס נאָכגעטראַכט. זי האָט צוריק אַוועקגעשטעלט דעם לייכטער אויף דער קאָמאָד און צוגעגאַנגען נאָענט צום בעט. זיך צוגעלייגט לעבן אים און אים צוגע־דריקט צו זיך. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, די שווערקייט וואָס האָט געדריקט זיין הערצל איז געוואָרן גרינגער. ער האָט דערפילט די ווייכע וואַרעמקייט פון איר לייב און זיך איינגענורעט אין איר. ער האָט צוגעדריקט זיינע ליפּן צו איר קילן האַלדז, צו איר פּנים און זי געקושט.

גראַסיִאַ האָט דאָס מאָל גאָרנישט דערציילט פון אירע מעשׂיות, נאָר בלויז לייכט און צאַרט געקושט זיין פּנים און מיט די הענט געגלעט זיין קעפּל.

זשאַזע האָט זיך איצט דערמאָנט, וואָס ער האָט געזען פאַרנאַכט פאַרן אונטערברויט. ער, זשאַזע, איז ווי אַלע פאַרנאַכט געזעסן אין זיין באַהאַלטן ווינקעלע אין ביבליאָטעק־צימער הינטערן גרויסן פּאַטער־פּאַטעל און אַריינ־געקוקט אין זיין נייעם געבעט־ביכל. די טיר האָט זיך מיט אַ מאָל געעפנט, גראַסיִאַ איז אַריינגעקומען. זי איז צוגעגאַנגען צום ביכערשאַנק און גענומען

נישטערן, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט. זשאָזע האָט שוין געוואָלט אויסרופן איר נאָמען און צוגיין צו איר און ווייזן ווי שיין עס זענען די הימנען אין זיין געבעט־ביכל, נאָר פּלוצעם האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן דואַרטע, דער קרוב פון ליסאַבאָן. ער איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו איר, אָנגענומען איר האַנט און זי צוגעדריקט צו זיינע ליפּן. זי האָט געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט איר קאָפּ ווי זי וואָלט זיך געשעמט אים צו קוקן אין פּנים אַריין. זיי זענען אַזוי אַ קורצע ווילע געשטאַנען ווי דערשראָקן. ער האָט באַמערקט ווי אירע הענט האָבן געציטערט, אירע בריסט האָבן זיך געהויבן, איר גאַנץ לייב האָט ווי געצאַפּלט, ווי זי וואָלט שטאַרק מורא געהאַט. דואַרטעס פּנים איז געווען בלאַס. באַלד האָט ער זי אַ ציי געטאָן צו זיך, זי איז צוגעפאַלן מיט איר קערפּער צו אים און זיך נישט געווערט, ער האָט גענומען קושן איר פּנים, איר מויל.

זשאָזע דערמאָנט זיך, אַז דאָס ביכל איז אים דעמאָלט אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ער האָט זיך אַ פאַרציטערטער איינגעבויגן עס אויפצוהויבן. ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט ער באַמערקט, אַז זיי זענען ווי שוועבנדיק, אויגנבליקלעך אַרויס פון ביבליאָטעק־צימער און פאַרשוווּנדן אין קאָרידאָר. שפּעטער זענען אַלע, די גאַנצע משפּחה, געזעסן ביים עסטיש, די מענער באַזונדער און די פרויען אָפּגעטיילט. דואַרטע מיט גראַסיאַ האָבן קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט צווישן זיך...

ער, זשאָזע, ווייסט אָבער, אַז דאָס וואָס גראַסיאַ רעדט איצט גאַרנישט און זי דערציילט אים נישט קיין מעשׂיות, איז עס דערפאַר, וואָס זי טראַכט נאָר פון דואַרטען, דעם קרוב פון ליסאַבאָן, וואָרעם אין די געשפּרעכן צווישן זיין מאַמען און מרימען, גראַסיאַס מוטער, האָט ער געהערט, אַז זיי וועלן גאָר אין גיכן חתונה האָבן. זי וועט שוין דעמאָלט אין גאַנצן נישט האָבן קיין צייט פאַר אים און אפשר וועט זי זיך אין גאַנצן אַרויסציִען פון זייער הויז.

זשאָזע האָט שווער און טיף אָפּגעזיפצט און זיך נאָך מער איינגעטוליעט אין איר לייב.

— וואָס זיפצסטו אַזוי, מיין זיס יִינגעלע? די וועלט איז דיר אונטערגע־גאַנגען? דער הייליקער צוקערבאַרג וואָס שטייט ביים ים איז איינגעפאַלן?..

— האָט זי געזאָגט מיט אַן אויפגעהייטערטער שטים און צוגעפּרעסט אירע פּייכטע, הייסע ליפּן צו זיין פּנים.

זשאָזע האָט מער נישט געענטפערט. אַ שלעפעריקע מידקייט האָט איינגעוויגט זיין קערפּערל, ער האָט גענומען איינזינקען אין אַ טיפן שלאָף.

— —

אין מיטן שלאָף האָט ער געהערט אַ טומל אַרום זיך. די אַם ראַמאַליאַ איז אַריינגעקומען אין צימער מיט אַ פריילעכן גערודער און געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך אָנטאָן צום קאַרנאַוואַל. זי איז געווען פאַרשטעלט אין אַ שוואַרץ צעריסן קלייד מיט אַ לאַנגן עק פון אונטן. דאָס פּנים האָט געהאַט אַ פּאַר־שפּיצטע נאָז און גאָמבע ווי ביי אַ מכשפה. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרצן מיץ מיט הערנער. גרויע קודלעס האָבן אַרונטערגעהאַנגען פון אונטערן הוט. זי האָט געהאַלטן אַ לאַנגן בעזעם אויף וועלכן זי האָט אים מיט אַ ווילד געלעכטערל אָנגעוויזן, אַז זי איז שוין גרייט מיט אים אַוועקצופליען... הינ־טער איר זענען אַרומגעלאָפן אין צימער קליינע שדימלעך מיט הערנערלעך אויף די קעפּ, אַלערליי ליליפּוטן; פון זייערע קורצע קליידלעך מיט נאָכ־העַנגעַנדיקע פרענדזלעך האָט זיך געהערט אַ געקלימפּעריי פון גלעקלעך. ראַמאַליאַ האָט אים אַרויסגענומען פון בעט, אים גלייך אָנגעטאָן אַ פרוייש לאַנג קלייד, פאַרשמירט זיינע בעקלעך מיט סאַזשע און זיי צוגעגעבן אַ רויטע פאַרב גרייט אַוועקצופליען צום קאַרנאַוואַל.

ער האָט זיך דערמאָנט אין גראַסיאַ און זי אויך געוואָלט מיטנעמען. ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון ראַמאַליאַס הענט און איז אַריינגעפאַלן אין ביבליאָטעק־צימער. גראַסיאַ איז געשטאַנען ביים ביכערשאַנק און מיט לאַנגע, ווייסע פינגער באַטאַפּט די לעדערנע רוקנס פון די ביכער: מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען דואַרטע. דער קרוב פון ליסאַבאָן האָט געקוקט אויף אים מיט זיינע ברוינע, שמייכלענדיקע אויגן, ער האָט אים גענומען גלעטן איבערן קאָפּ מיט זיינע שווערע, האָריקע הענט. ער, זשאָזע, האָט אים אָפּגעשטופּט מיט כעס פון זיך. דואַרטע איז געווען זייער הויך און ברייט און מיט זיין גרויסן קערפּער פאַרשטעלט גראַסיאַן. דואַרטע איז צוגעגאַנגען צום ביכער־שאַנק, ווו גראַסיאַ איז געשטאַנען. ער, זשאָזע, האָט שוין קלאָר געזען ווי גראַסיאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז צו אים,

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט און בײדע האָבן אַרויסגעשוועבט פון צימער צום קאָרידאָר און פאַרשוווּנדן.

ראַמאַליִאַ איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און געוואַרט אויף אים. זשאָזע האָט זיך איצט שוין מער נישט געוועדט. ראַמאַליִאַ האָט אים אַ נעם געטאָן הינטער זיך אויפן בעזעם און זי האָט מיט אים גענומען פליִען צו דער „פּראַסאַ״, דעם גרויסן מאַרקפּלאַץ, ווו עס קומט פאָר דער קאַרנאַוואַל־שפּיל.

אַרום איז געווען שטאָק פינצטער, פון דער ווייטנס האָט מען שוין געקענט זען די ברענענדיקע שטורקאַצן. יעדע ווילע האָט אויפגעהעלט אַ נייער פלאַקערדיקער שיין און זיך באַלד צעפלויגן אין פייער־שפּריצן אין דער פינצטערער נאַכט אַרייַן. זיי זענען געפלויגן איבער דעם מאַרקפּלאַץ, וואָס איז געווען פול מיט מענטשן אָנגעטאָן אויף די פּנימער מיט אויסטערלישע מאַסקעס. צווישן זיי האָבן געטאַנצט און גערעדט אַלערליי געשטאַלטן, מחבלים, שדים און אַלערליי ברואים. עס האָבן געטרובעט טרומייטן און צום טאַקט האָבן צוגעפּויקט ריזיקע פּויקן און געשטויסן מיט קלינגענדיקע מעשענע טאַצן.

דער טומל איז געקומען אַלץ נענטער און נענטער און אָט זענען זיי אַ פאַל געטאָן אַרונטער צו דער ערד צווישן דעם טומלענדיקן המון. ער האָט דערפילט אַ האַסטיקן שטויס פון דער האַרטער ערד. — — — — — — —

זשאָזע האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער איז געלעגן אויפן טעפּעך לעבן בעט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט אַ דערשראָקענער און געזוכט ראַמאַליִאַן. עס איז געווען פינצטער. בלויז פון די הינטערשטע שפּאַרונעס פון דער טיר האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אַ שפּעלטל ליכט. ער איז געשטאַנען אַ ווילע צעטומלט, זיך געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן, אַרום אים איז געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער. ער האָט שוין געקענט זען די ווייסקייט פון זיין געלעגער. ער האָט אָנגעטאַפּט זיין לאַנג, ווייס נאַכטהעמד און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז עפּעס העכער געוואָרן דורך דער נאַכט.

ער האָט זיך ראַפּטעם אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. ער האָט געוואָלט רופן גראַסיִאַן, וואָס איר שלאָפצימער געפינט זיך דאָ באַלד לעבן זיין צימער. ער האָט זיך אָבער באַלד אָפּגעשטעלט. דורך דער טיר־שפּאַרונע האָט אַריינגעפלאָטערט אַ מאָדנע ליכטיקייט וואָס האָט ווי געטאַנצט, זיך געשאָטנט,

אַ מאָל העלער און באַלד טונקעלער. עס האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט געשפּאַנט אין קאָרידאָר מיט פּיל אָנגעצונדענע ליכט. זשאַזע האָט אַ פאַרצאַפּלטער געעפנט דאָס מויל צו שרייען, צו רופן עמעצן. זיין קול איז פאַרקלעמט געוואָרן פון שרעק און נישט געקענט רופן. זאָל דאָס זיין פון דער מאַדאָנע? דאָס ליכט וואָס ברענט אין דער קליינער קאַפּליצעביים סוף פון קאָרידאָר? ראַמאַליאָ האָט אים טאָקע אַ סך מאָל דערציילט, אַז עס טרעפט געוויסע נעכט, וואָס קיינער ווייסט נישט ווען, דעמאָלט ווען אַלע שלאָפן שוין, וואַכט אויף די מאַדאָנע מיטן יעזוס-קינד. זיי ווערן באַשטראַלט מיט אַ געט־לעכער ליכטיקייט און אים. זשאַזען וועט עס אפשר אַ מאָל באַשערט זיין צו זען, אויב ער וועט זיין פרום און גוט...

ער האָט אָבער מיט אַ מאָל דערהערט אַן איינגעהאַלטענעם טומל. עס איז אָנגעגאַנגען אַ שטילע שושקעריי פון אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אויפן סקריפּענדיקן דיל מיט איינגעצוימטע טריט. ער האָט גענומען רופן מיט אַ ציטערנדיקער שטים:

— גראַסיאַ! — גראַסיאַ!, מאַמע!, מאַמע!

קיינער האָט אים נישט געהערט. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר און זי פאַמעלעך געעפנט. דער קאָרידאָר איז געווען ליידיק, נאָר פון דעם ביבליאָטעק-צימער האָט זיך אַרויסגעהעלט דורך דער טיר-עפענונג אַ ליכ־טיקייט ווי פון אַ סך אָנגעצונדענע ליכט. ער האָט מיט איינגעבראָכענע, ציטערנדיקע קני זיך געלאָזט לויפן דורכן קאָרידאָר. ביי דער האַלב געעפנ־טער טיר פון ביבליאָטעק-צימער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ דער־שראָקענער פאַרזיכטיקייט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ.

אין דער גרויסער קאַנדעלאַברע, וואָס האָט אַרונטערגעהאַנגען פון סופיט, האָבן געברענט אַ סך ליכט. דער גרויסער זאַל איז געווען ליידיק, נאָר אינע־ווייניק אין זיין פאַטערס קאַבינעט-צימער זענען געווען פאַרזאַמלט מענטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אויף פיר הילצערנע שטאַנגען אַ סאַמעטענעם איבער־דעק, אויסגעשטיקט מיט גאָלדענע פעדעם. אויך פון דעם איבערדעק האָבן אַרונטערגעהאַנגען גאָלדענע פראַנדזן. נישט ווייט פון דעם איבערדעק זענען געשטאַנען עטלעכע פרויען און געהאַלטן אָנגצונדענע געפלאָכטענע ליכט פון וואַקס אין זייערע הענט. זיי זענען אַלע געווען אָנגעטאָן אין ווייסע קליי־

דער מיט דורכזיכטיקע שאַלן איבער די קעפּ, וואָס האָבן אויך פאַרהילט זייערע פּנימער. זיי האָבן געקוקט צו דער זייטיקער טיר, וואָס האָט געפירט צו דער אַנדערער זייט קאָרידאָר.

פון דאָרט האָט זיך געטראָגן אַ גערודער, וואָס האָט זיך דערנענטערט אַלץ העכער און טומלדיקער. די פרויען האָבן זיך אָפּגערוקט פון די שטאַנגען, זיך געשאַרט צו דער וואַנט, ווי געמאַכט אַ וואָרע פאַר די אָנקומענדיקע מענטשן.

עס איז אָנגעקומען דואַרטע דאַ סילוואַ, זיין פריינד פיליפּע האָט אים געפירט אונטערן אָרעם ווי מען פירט אַ בלינדן. ער האָט געטראָגן אַ מאָדנעם ווייסן איבערמאַנטל, ענלעך צו אַ קאַפּישאָן מיט אַ פאַרשפּיצטן קאַפּטור, ווי עס טראָגן זייער געהויבענע גלחים אין דער „גלאָריאַ דאַ אוטעריאַ־קירך”, וואָס אויפן גלאָריאַ־באַרג, ווו זיין פאָטער, מענדעס דאַ סילוואַ, נעמט אים יעדן זונטיק צו דער מעסע. דער קאַפּישאָן איז אָבער נישט געווען פאַרפּוצט מיט קיין שום אויסשטיקונגען. דער הויב פון מאַנטל האָט פאַרדעקט זיין קאָפּ ביז אַריבער זיין פּנים. פיליפּע האָט אַרונטערגעפירט דואַרטען אונטערן סאַמעטענעם איבערדעק צווישן די שטאַנגען.

עס איז אָנגעקומען גראַסיאַ, געפירט פון זיין מוטער, לאָורענסיאַ און גראַסיאַס מוטער, די מומע מרים. גראַסיאַ האָט געטראָגן אַ ווייס קלייד ביז אַרונטער צום דיל מיט לאַנגע שלעפּעס, וואָס צוויי יונגע פרויען האָבן אונ־טערגעהאַלטן. איר קאָפּ און פּנים זענען פאַרשלייערט מיט אַ דורכזיכטיקן וואָאַל. זי האָט אויסגעזען פיל העכער ווי געוויינלעך. ער האָט געקענט זען דורכן שלייער איר בלאַס פּנים, וואָס איז געווען שטאַרק אויסגעצערט. זי האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט געגאַנגען אַ פאַרדרעמלטע. אויך זיין מאַמע האָט אויסגעזען אַנדערש. איר פּנים האָט געשטראַלט. ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען ביי זיין מוטער אַזאַ ליכטיק, פלאַמענדיק פּנים. אירע ברוינע, ברענענדיקע אויגן האָבן געקוקט פאַרויס מיט אַזאַ פרייד ווי אַ גרויס גליק וואָלט זיי אָלעמען געטראָפן. נאָך זיי זענען די יונגע פרויען נאָכגעגאַנגען מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט.

אויך גראַסיאַן האָט מען אַרונטערגעפירט אונטער דעם סאַמעטענעם איבערדעק און זי געשטעלט לעבן דואַרטען.

אַרום איז געווען שטיל. מען האָט בלויז געהערט דאָס פלאַקערן פון די ליכט, וואָס האָבן געטריפט און פאַרשפּרייט אַ חלבדיקן וואַקסגערוך. מען האָט אויף עמעצן געוואַרט. אַלע האָבן געקוקט צום טיר־אַריינגאַנג. די ווייבער האָבן זיך געווישט זייערע פאַרטרערטע אויגן און געשנייצט מיט די פאַררויטלטע נעזער. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר. אַלע האָבן זיך דערפרייטע אויפגעכאַפּט. פון קאָרידאָר איז אַריינגעקומען אַ הויכער, טונקל־פּנימדיקער מאַן מיט שוואַרצע פאַרשפּיצטע וואָנצעס, מיט אַ שײן געשוירן, פאַרשפּיצט גאָמבע־בערדל, ענלעך ווי ביי זיין פאָטער, מענדעס דאַ סילוואַ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן עכטער פאָרטוגעזישער ריטער. זשאָזע האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם פרעמדן מאַן וועמען ער האָט קיין מאָל פריִער נישט געזען אין זייער הויז. ער איז געווען אַ סך עלטער ווי זיין פאָטער און געהאַט אַ הויכע, געהויקערטע פּלייצע, זילבערנע, געדיכטע פּעדעס האָבן זיך געזען אין זיינע האָר ביי די שלייפן און ער האָט געטראָגן פאַרטונקלטע ברילן.

דער אומבאַקאַנטער איז אַרונטער אונטער דעם סאַמעטענעם איבערדעק, ער האָט אַרונטערגענומען פון זיין קאָפּ זיין שוואַרצן הוט און אַרויפגעצויגן אַ ווייס קאַפּל. ער האָט זיך צוגערוקט צום פּאַרל, אויפגעהויבן דעם הויב פון דואַרטעס קאַפּישאָן און אויך איינגעהילט דערמיט גראַסיאַס קאָפּ. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין כאַלאַט־קעשענע אַ פּאַרמעט־בויגן, אים צעעפנט, ער האָט זיך אויסגעהוסט ווי אויסצופרווון זיין שטים. ער האָט גענומען לייענען שטיל מיט עפּעס אַ זיס ווייך קול, די פרעמדע ווערטער האָבן געקלונגען מיט עפּעס אַ מאָדנעם, אומבאַקאַנטן טאָן, עפּעס ענלעך צו אַ נייעם תּפילה־געזאַנג, וואָס ער האָט פריִער קיין מאָל נישט געהערט.

זשאָזע האָט זיך אַריינגערוקט נעענטער אין צימער. ער האָט געזוכט זיין פאָטער. וואָס קען דאָס זיין, וואָס זיין פאָטער איז דאָ אין ערגעץ נישטאָ? זאָל דאָס זיין די חתונה, וועגן וועלכער זיין מוטער און מרים האָבן צווישן זיך גערעדט אין דער שטיל, ווען ער האָט זיך אונטערגעהערט? ער האָט איצט אין גאַנצן געהאַט פאַרגעסן וואָס זיין מוטער און גראַסיאַ האָבן אים געלערנט, אַז ווען עס קומען אין הויז אַריין געסט, צי פרעמדע מענטשן וועגן געשעפטן מיט זיין פאָטער, מוז ער בלייבן ביי זיך אין צימער. אַז מען וועט אים דאַרפן, וועט מען אים רופן.

זשאָזע האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער און נענטער. ערגעץ מוז זיך געפינען זיין פאָטער. ער וויל אים פרעגן אַז אויב דאָס איז אַ חתונה, פאַר וואָס מאַכט מען נישט די חתונה אין דער „גלאָריאַ דאַ אוטעריאַ־קירך״, נאָר דאָ אין צימער.

אין אָנהויב האָט אים קיינער נישט באַמערקט; אַלע האָבן געקוקט אַהין ווו גראַסיאַ און דוארטע זענען געשטאַנען נאָענט איינער לעבן אַנדערן, פאַרדעקט די צוגעדריקטע קעפּ מיט דעם הויב פון דוארטעס קאַפּישאָן. די פרויען האָבן איצט נאָך שטאַרקער געשנייצט מיט די נעזער און טייל האָבן שטיל געוויינט. ער האָט זיך באַזונדערס שטאַרק איינגעקוקט אין גראַסיאַס מוטער, מרים, וואָס האָט שטיל געכליפּעט אין איר טיכל אַריין. עס האָבן זיך אים אַליין אויך געשטעלט טרערן אין די אויגן און ער האָט פאַרקרימט די ליפּעלעך ווי זיך צעוויינען. ער האָט אָבער גלייך באַמערקט אַז דאָס איז נישט געווען קיין געוויין פון עפּעס אַן אומגליק, נאָר אַ געוויין פון פרייד, וואָס נאָך לאַנגע צרות איז ענדלעך געקומען זייער גליק און איצט קומט פאַר די פריילעכע חתונה. ער האָט דאָס צום מיינסטן געזען אויף זיין מוטערס פּנים, וואָס איז געווען פיבערדיק צעפלאַמט. אירע ליפּן האָבן געשמייכלט און נאָך מער האָבן געשמייכלט און געלויכטן אירע שיינענדיקע אויגן. דאָס האָט זשאָזען אין גאַנצן באַרויִקט.

דער אומבאַקאַנטער מאַן מיט דעם ריטערלעכן אויסזען, ווי זיין פאָטער, האָט אויפגעהערט לייענען פון דעם פּאַרמעט־בויגן. די פרויען האָבן זיך צוגערוקט נענטער צום סאַמעטענעם איבערדעק. פיליפּע האָט דערלאַנגט דעם ריטערלעכן מאַן אויף אַ טעצל אַ פלעשל ווייַן איינגעהילט אין אַ סערוועטקע. דער מאַן האָט אָנגעגאָסן דעם ווייַן אין אַ הויך גלעזל, אַזש דער ווייַן האָט זיך איבערגעגאָסן אויפן מעשענעם טעצל. ער האָט אויסגעגלייכט זיין ווייס קאַפּל אויפן קאָפּ און האָט אויפגעהויבן דאָס גלעזל מיט ווייַן אויף זיין פלאַכער האַנט און מיט צוגעמאַכטע אויגן זיך פרום געגומען וויגן, זיין זיבעגנדיקע שטים האָט זיך צעטראָגן איערן צימער. ווען ער האָט פאַרענדיקט האָבן אַלע פרום און פריילעך געענטפערט: — „אָמן!״

נאָך דעם האָט דער אומבאַקאַנטער מאַן אויסגעשטרעקט די האַנט מיטן גלעזל ווייַן צום פּאָרל. דוארטע האָט אויפגעהויבן דעם קאַפּטוך, צוגעבויגן

זיין אויסגעבלייכט פּנים און אַ זופּ געטאָן דעם ווייַן מיט די ליפּן. ער האָט באַלד צוגעטראָגן דאָס גלעזל ווייַן צו גראַסיאַן. זי האָט אויפגעהויבן איר דורכזיכטיקן שלייער. אירע לאַנגע בלייכע פינגער האָבן געציטערט. זשאַ־זשעס מוטער, לאַורענסיאַ, האָט געהאָלפן גראַסיאַן אויסגלייכן דעם שלייער. איר העל פּנים איז געוואָרן קלאָר מיט אַ דורכזיכטיקער אויסגעלייטערטקייט. אַ הילפלאָז שמייכעלע האָט געפלאַטערט אַרום אירע מוילווינקלען. אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעפלעך זענען געווען טונקל, פאַרשאָטנט און געגעבן איר פּנים אַן אויסגעפייניקטן אויסזען.

זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צו דואַרטען. ער האָט עפּעס שטיל אַ מורמל געטאָן צו איר. זי האָט זיך צוגעבויגן צום גלעזל ווייַן און אויך אַ זופּ געטאָן און צוריק אַרונטערגעלאָזט דעם שלייער.

זשאַזעס מוטער, לאַורענסיאַ, האָט דערלאַנגט דעם מאַן אַ סאַמעטן קעס־טעלע. ער האָט געעפנט און אַרויסגענומען אַ גאָלדן רינגל. דאָס גאָלד האָט אַ פינקל געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט עס געגעבן צו דואַרטען און אים עפּעס שטיל געזאָגט. דואַרטע האָט זיך צוגעבויגן צו גראַסיאַן, אָנגענומען איר רעכטע האַנט. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ לאַנגן, בלייכן פינגער און דואַרטע האָט אַרויפגערוקט דאָס רינגל אויף איר פינגער.

דער אומבאַקאַנטער מאַן האָט ווידער גענומען זאָגן מיט אַ הויכער, קלינגענדיקער שטים אָפּגעהאַקטע, פרעמדע ווערטער און דואַרטע האָט נאָכגעזאָגט וואָרט נאָך וואָרט מיט אַ ציטערנדיקער שטים.

אַלע אַרום האָבן געקוקט אויף דעם פּאָרל. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן דאָס פלאַקערן פון די טריפנדיקע וואַקסענע ליכט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט.

אַלע האָבן זיך אַ ווילע אָפּגערוקט פון דעם איבערדעק, וויטלעך אַוועק פון די שטאַנגען און געמאַכט אַן אָפּענעם, ליידיקן פּלאַץ. דואַרטע האָט איינ־געהילט דאָס אויסגעליידיקטע ווייַנגלעזל מיט אַ סערוועטקע, עס אַוועקגע־לייגט אויפן דיל און מיטן פוס אַ שטאַרקן שטויס געטאָן. דאָס גלאָז האָט געפּלאַצט מיט אַ הילכיקן, גלאַזיקן קלאַנג.

— מזל־טוב, מזל־טוב! — האָבן אַלע אַרום אויסגערופן מיט גרויס פרייד און זיך אַ לאָז געטאָן צו די שטאַנגען, — די מענער צו דואַרטען און

די פרויען צו גראַסיאַן. זיי האָבן זי געדריקט צו זיך און געקושט איר אויס־געצערט, פאַרטרערט פּנים.

ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט מרים, גראַסיאַס מוטער, פּלוצעם דערזען זשאַזען. זי איז בלאַס געוואָרן און מיט אַ פאַרשטיקטער, דערשראָקענער שטים אויסגערופן:

— זע נאָר, דאָס קינד איז דאָך דאָ, זשאַזע!

זי האָט זיך גענומען קנייפּן די באַקן ווי אַ גרויס אומגליק וואָלט געטראָפן.

אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו דער טיר פון ביבליאָטעק־צימער, ווו זשאַזע איז געשטאַנען אין זיין לאַנגען נאַכטהעמד מיט דעם שפּיציקן מיצל אויפן קאָפּ. זייערע דערשוויצטע, פריילעכע פּנימער זענען מיט אַ מאָל בלייך געוואָרן. ביי אַ טייל האָבן די הענט געציטערט פון שרעק. מרים האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו זשאַזען און אים אויפגעהויבן פון דיל.

— אַזאַ יינגעלע ווי דו דאַרף איצט שלאָפן, רוען אין בעטל, און נישט אַרומקריכן און שטערן די געסט, — האָט די מומע מרים אַן אויפגערודערטע געזאָגט.

זשאַזע האָט זיך עקשנותדיק געווערט און זיך געריסן פון מרימס הענט צום דיל.

די מוטער, לאַורענסיאַ, האָט זיך אַ פאַרצאַפּלטע אויפגעכאַפּט פון אָרט, ווו זי איז געשטאַנען ביים איבערדעק, לעבן דעם פּאַרל. זי האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

— לאָזט אים אָפּ, מרים טייערע, אַז ער איז אַריינגעקומען און אַלץ געזען, מעג ער שוין דאָ זיין.

זי האָט אים אַרונטערגענומען אונטערן ברייטן בראָקאַט־מאַנטל צו פאַרשטעלן זיין נאַכטהעמד.

צווישן די געסט איז שוין אַנגעגאַנגען אַ שטיל שושקעריי. טייל האָבן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט, וואָס מיטן פּלוצעמדיקן אַריינקומען פון זשאַזען האָט מען זיי אויסגעשטעלט אויף אַ גרויסער געפאַר, וואָרעם דאָס יינגל קען נאָך אַלץ אויספּלאַפּלען צו דער אַם ראַמאַליאַ און צו די אַנדערע הויז־באַדינערס, וואָס לאַורענסיאַ האָט זיי געהאַט געגעבן אַ פרייע

נאַכט, כּדי זיך צו זען מיט זייערע קרובים. אויב זשאַזע זאָל זיי דערציילן וואָס ער האָט דאָ געזען וועט עס דערגיין צו דער אינקוויזיציע.

דאָנאַ לאַורענסיאַ האָט נאָך אַלץ געשמייכלט מיט איר באַרויִקנדיקן שמייכל.

— איר קענט אַלע זיין רויִק. זשאַזע איז אַ גרויסער שווייגער. ער קען האַלטן אַ סוד. ער איז שוין אַ דערוואַקסענער. עס איז געקומען די צייט, ער זאָל וויסן וואָס מיר זענען און ווער מיר זענען. אַ סך פראַגן וואָס ער האַלט מיך אין איין פרעגן מוזן אים קלאָר ווערן, — האָט די מוטער געזאָגט און אים צאַרט אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל.

אַלע האָבן אָפּגעזיפצט מיט אַ ביסל דערלייכטערונג. אַנדערע האָבן שוין אַפילו הנאהדיק געשמייכלט און געקוקט אויף זשאַזען מיט נייגעריקייט, ווי זיי וואָלטן אים דאָס ערשטע מאָל דערזען ווי אַ דערוואַקסענעם. זשאַזע איז געשטאַנען רויִק אונטער זיין מוטערס מאַנטל פון ווייסן בראָקאַט. זיינע גרויסע ברוינע אויגן האָבן געקוקט מיט עפּעס אַ מאָדנער טרויעריקער קלוגשאַפט, שוין גאָרנישט ווי ביי אַ קליין יִינגעלע.

לאַורענסיאַ האָט אים אָבער באַלד אַ נעם געטאָן ביים הענטל און אים אַ שמייכלענדיקע אַרויסגעפירט פון צימער און זיך קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט. ער האָט קינדעריש פריילעך אונטערגעטאַנצט אין קאָרידאָר צו זיין שלאָפצימער.

די מוטער האָט אים צוגעפירט צום בעט, אים געהאָלפן אַוועקלייגן זיך און אים צוגעדעקט מיט זיין איבערבעט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און מיט פאַרטראַכטע אויגן געקוקט אויף אים. אירע העלע קליידער האָבן אַרויסגעבליכט אין דער טונקלקייט פון צימער. ער האָט געקענט זען איר פּנים, וואָס איז איצט שוין נישט געווען אַזוי פריילעך ווי פריִער. עס איז געווען בלייך און אויסגעמאַטערט. זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים, צוגעפרעסט איר מויל צו זיין פּנים. אַ וואַרעמע זיסקייט האָט אַדורכגעציטערט איבער זיין לייב. ער האָט דערפילט דעם קאַלטן, קיצלדיקן באַריר פון אירע נאָכהענגענדיקע גאָלדענע אוירינגלעך, וואָס האָבן זיך געבאָמבלט פון אירע אויערן אַרונטער צו זיין האַלדז.

— קענסט שוין גיין שלאָפן, זשאַזע. ס'איז שוין אַלץ פאַרענדיקט. דאָס

האָבן מיר חתונה געמאַכט גראַסיאַן מיט דואַרטען, זיי זענען מאַן און ווייב, ווי איך און דיין פֿאָטער זשואַן מענדעס. אַזוי ווי עס האָבן געטאָן אונדזערע עלטערן און אור־אור־עלטערן.

— זיי זענען געווען יידן, אַזוי האָט מיר ראַמאַליאַ געזאָגט, — האָט זשאָזע שטיל געשעפּטשעט.

— אַזוי האָט זי געזאָגט? די רכילותניצע, דו דאַרפסט בלויז מיך פרעגן און גאַרנשט רעדן וועגן דעם מיט ראַמאַליאַ, אָבער גאַרנישט. דו זאָגסט עס מיר צו? אויב דו וועסט רעדן, איז אונדזער לעבן אין געפאַר. מען קען אונדז פאַרשיקן קיין ליסאַבאָן, מען קען אונדז פּייניקן און מאַטערן, — האָט די מוטער שטיל געמורמלט מיט אַ ציטערנדיקער, פאַרכטיקער שטים.

זשאָזע האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט און אַרומגענומען זיין מוטער אַרום דעם האַלדז און זי שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

— איך וועל קיינעם נישט, קיינעם נישט דערציילן, אַפילו נישט ראַ־מאַליאַן, — האָט זשאָזע געזאָגט און מיט זיינע פייכטע ליפן נאָס געמאַכט זיין מוטערס האַלדז.

— אויב אַזוי, ביסטו אַ טייער, גוט יינגעלע און גאָט וועט אונדז אַלעמען העלפן און באַשיצן, — האָט די מוטער געזאָגט און פּאַמעלעך אַרויסגעשלייכט פון צימער.

ניינטער קאַפּיטל

די שטאָט־איינוווינער זענען געווען צעהוליעט. אויף דער „פּראַסאַ" לעבן דער קירך פון הייליקן אַנטאָני, וואָס איז געשטאַנען הויך אויף אַ באַרג, האָט מען זיך געגרייט צו אַ פייערלעכער פּראָצעסיע. די בעלי־מלאכות פון שטאָט, די שמידן, די זאָטלמאַכערס, די שוסטערס און די טעסלערס האָבן געבראַכט די פאָנען פון זייערע גילדעס מיט די עמבלעמען. אויף אַ הויכן געשטעל האָט מען אַרויפגעצויגן אַ ריזיקן טוך מיט אַן אויסגעמאָלטער גיפטיקער שלאַנג. אַרום דעם געשטעל האָבן זיך צונויפגעזאַמלט פאַרשטעלטע טענ־צערס, פאַרשלייערט אין כּלערליי געשטאַלטן אָנגעטאָן ווי הייליקע. זיי האָבן

מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די צוועלף אַפּאָסטאָלן, פֿאַרשיידענע מלכים, אימפּע־ראַטאָרן, אויך אַלערליי לצים, טייוולאָנים, שדים, שדלעך מיט משונהדיקע גאָכהענגענדיקע עקן, מיט קלינגענדיקע גלעקלעך אויף זייערע הערנערישע קאַפּטיכער.

נישט ווייט פֿון דער שטיינערנער קירכעוואַנט איז געזעסן אויף אַן אייזעלע אַ פֿרומע פֿרוי מיט אַ בלאַס אויסגעאײדלט פּנים. זי האָט געהאַלטן אַ פּוכקע קינד מיט אַן אויסגעלייטערט, ליכטיק פּנים איינגעהילט אין אַ ווייסן טוך, באַשלייערט מיט געפּאַלדעוועטע שפּיצעלעך. זי האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די הייליקע מוטער מאַריאַ מיטן יעזוס־קינד. אַ ביסל ווייטער אויף אַ פּלאַטפֿאָרמע, האַלב פֿאַרשטעלט אין אַ געצעלט מיט פֿאָרהאַנגען, איז געשטאַנען אַ כּמעט נאַקעטע פֿרוי, אַ סאָרט ווענוס־געשטאַלט. זי האָט געהאַט אַ רונדיק שלאַנקע פֿיגור מיט אַ שיינעם געטאָקטן האַלדז און אַ קליינעם גריכישן פּרויענקאָפּ. זי האָט זיך געהילט און אָפּגעדעקט איר שיינעם קערפּער מיט אירע פֿאַרביקע שלייערן.

אין סאַמע מיטן פֿון דעם צוגעגרייטן קאַרנאַוואַל־פּאַראַד איז געשטאַנען אַ פֿאַרשטעלטער רבֿ מיט אַן אומגעלומפּערטער צוגעקלעפּטער באָרד און פּאות. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט יונגע רבנים און שמשים פֿאַר־שטעלטע, וואָס האָבן זיך געגרייט צו טאַנצן ביי דער פּראָצעסיע אַ סאָרט ייִדנטאַנץ. אַלע האָבן געטראָגן אויף די געפֿאַרבטע לצנישע פּנימער צוגע־קלעפּטע, צעקנייטשטע חוזק־בערדלעך.

די פֿאַרשטעלטע רבנים מיט די שמשים האָבן זיך געשטויסן, געאַמפּערט מיט אומגעלומפּערטע משונהדיקע העוויות. זיי האָבן כּסדר אונטערגעטאַנצט מיט אַ לצישער אָפּשפּעטעריי. דאָס ערבֿ־רבֿ אַרום האָט זיך דערביי געשטיקט פֿון געלעכטער.

דער סוחר פֿיליפּע איז פּונקט דעמאָלט געגאַנגען אַהיים פֿון זיין פֿריינד דואַרטע דאַ סילוואַ. עס איז אים נישט געווען פֿריילעך אויפֿן האַרצן. דער טומל און דאָס צוגרייטן די ווילדע פּראָצעסיע האָט אים דערדריקט. דאָס אָפּשפּעטן פֿון די ייִדן האָט אים טיף באַליידיקט. ער האָט געפֿילט אַז דאָס מיינט מען אים, כאָטש קיינער ווייסט נישט, אַז ער איז נאָך אַלץ געבליבן דער זעלבער ווי פֿריִער, ווי זיין טאַטע איז געווען אין רעציפֿע, בעת די

האַלענדער האָבן דאָרט געהערשט... ער טאָר דאָ לאַנג נישט שטיין, עמעצער וועט נאָך דערקענען אין זיין פּנים אַז ער האָט פאַרדראָס, וואָס ער טאַנצט נישט מיט אין זייער ווילדער אָרגיע. ער האָט זיך גענומען איילן אַהיים נישט צו דערלאָזן, אַז זיין פּאָרטוגעזיש ווייב זאָל דאָ אַהערקומען און אַריינ־געצויגן ווערן אין דער אומוועדיקער פּראָצעסיע, וואָס איז אַ געמיש פון פאַרדאָרבענער געצנדינערײַ און קירכלעכע הייליקייטן. אָט האָסטו דיר צווישן די פּאַיאַצן באַקכוסן מיטן גראָבן, אויפגעיוירענעם בויך, צוגעדריקט מיט זיין שמאַלציק, פעט פּנים צום פאַס וויין. ביי זיין ווייב איז די קאַרנאַוואַל־צייט, יאָר איין, יאָר אויס געווען אַ גרויסער יום־טוב און ער קען איר גאָר־נישט אָפּגעוווינען פון דעם. היי־יאָר, מער ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, פילט ער, אַז זיין ווייב דאַרף דאָ נישט זיין. ער האָט אָבער מורא, אַז ער וועט זי נישט קענען איינהאַלטן אין הויז. די לעצטע צייט טוט זי אַלץ פּונקט פאַר־קערט ווי ער וויל. ער ווייסט, אַז שולדיק זענען אירע פריינד, וואָס קומען צו אים אין הויז אַריין. ער קען זיי אָבער נישט פאַרטרייבן. דאָס וועט נאָך ערגער מאַכן זיין מערכה. דערצו האָט ער זיין ווייב צוגעזאָגט, אַז ער וועט פועלן ביי דואַרטע דאַ סילוואַ אַז ער זאָל אויסבאָרגן אַ סומע געלט דעם אַוואַנטוריסט, דעם סאַן פּאַולער דיעגאָ לאַוואַרעס, וואָס וויל זיך אַרויסלאָזן אין די וויסטענישן פון לאַנד צו געפינען גאָלד און דימענטן. זיין ווייב וועט זיך ביטער אַנטוישן: דואַרטע איילט זיך נישט אַריינצובראָקן זיין געלט צו זוכן נייע געפינסן.

עס איז אים נישט פאַרשטענדלעך פאַר וואָס אַרבעט זיין ווייב אַזוי אַרום, אַז ער זאָל העלפן דעם אַוואַנטוריסט לאַוואַרעסן? דוכט זיך אַז זי האָט זיך קיין מאָל נישט אַריינגעמישט אין זיינע געשעפטן. זי האָט אַפילו נישט אַרויסגעוויזן קיין שום באַגער צו וויסן מיט וועמען, און ווי אַזוי ער פאַרדינט זיין שטיקל ברויט.

זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, ווייל ער, פיליפּע, איז דעמאָלט געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש. ער האָט איר געגעבן אַ שיין הויז, רייכע, פאַרביקע קליידער פון סאַמעט און זייד, געבראַכט מעבל־שטיקער פון פּאָרטוגאַל, טייע־רע חפצים, קאַבלעס, — בלויע און אויך פאַרשיידענע געפעסן, קיך־כלים. ווען עס טרעפט, אַז ער מאַכט נישט קיין גוטע געשעפטן, האָט ער זיך פאַר

איר קיין מאָל נישט באַקלאָגט זי זאָל זיין איינגעהאַלטן מיט אירע הוצאות. ער האָט איר אַלץ נאָכגעגעבן. מיט אַ מאָל האָט זי זיך פּלוצעם געביטן. זייט דער דיִעגאָ לאַוואַרעס איז געוואָרן אַ שטענדיקער הויזפריינד, וויל זי אַלץ וויסן: וויפל געלט ער פאַרמאָגט? ווער עס זענען זיינע געשעפט־שותפים? און פאַר וועמען ער איז אַן אַגענט. דער עיקר וויל זי וויסן וועגן דאָרטע דאַ סילוואַ. עס פאַרדריסט איר אויך, וואָס ער, פיליפּע, נעמט זי מער נישט צו די שמחות פון זיינע פריינד, די ניי־קריסטן. ער האָט זי בלויז מיט־גענומען צו דעם אַדוואָקאַט מענדעס דאַ סילוואַ צו דער שמחה נאָכן טויפן זייער זון מיט עטלעכע יאָר צוריק, און ער האָט נאָך דערפון ביז היינט חרטה. ער אַליין האָט אויך מורא זי מיטצונעמען, זי זאָל נישט אויספּלאַפּלען קיין איבעריקע רייד, אַז זיינע פריינד פירן זיך גאָרנישט אויף ווי קריסטן, וואָס דאָס קען זיין אַן אומגליק פאַר אים און פאַר זיינע נאָענטע פריינד.

ער, פיליפּע, פאַרשטייט, אַז דאָרטע איז גערעכט, וואָס ער וויל דעם אַוואַנטוריסט נישט לייען קיין געלט און וויל גאָרנישט האָבן צו טאָן מיט אים. דאָך האָט ער, פיליפּע, זיך דערנידעריקט אין האַלטן אין איין איינרעדן זיין פריינד דאָרטע, אַז ער זאָל זיך איבערלייגן און גוט באַטראַכטן דיעגאָס פּלענער. ער טוט דאָס אַלץ צוליב איר, זיין ווייב, קאַטאַלינאַ, כדי צו קענען לעבן במנוחה מיט איר.

אויף דער „פּראַסאַ" איז די ענגשאַפט פון דעם צונויפגעזאַמלטן המון געוואָרן גרעסער, געדיכטער. אין דער לופט האָט געשמעקט מיט פריש געבעקס. ביי די זייטן פון די הייזער זענען געווען אויסגעשטעלט טישן מיט נאַשערייען, בלעכן מיט קיכלעך, מיט קאַלירטן מאַן באַשפּרינקלט און אויס־געפורעמט ווי מלאכימלעך מיט צוקער־ווייסע פליגעלעך. אויך בלעכן בלעכן מיט בייכלדיקע קיכלעך אויסגעצירט ווי נאַנעס און מלאכימלעך. עס האָט אויך געשמעקט פון די טישן געזאַלצן און געריכערט חזיר־פלייש און זיסע האָניק־טייגלעך, געווען אויך טישן מיט געטשקעס, יעזוס־בילדער, ווו עס רינען פון זיין געקרייציקטן קערפּער ריטשקעס בלוט.

פיליפּע האָט זיך געשטופּט צווישן דעם המון, זיך אַרויסצורייסן פון דעם געדרענג. דאָס געלעכטער אַרום פּלאַץ ווו עס זענען געשטאַנען די פאַר־שטעלטע רבנים מיט די שמשים איז געוואָרן ווילדער. טייל פון דעם המון

האָבן אויף זיי געוואָרפן שמאַטעס, שאָלעכץ פון באַנאַנעס און פון אַנדערע פרוכטן. די פאַרשטעלטע האָבן מיט נעבעכדיקע רחמנות־פּנימער איינגע־קורטשעט די קעפּ, זיך פאַרשטעלט מיט די הענט און געמאַכט משונהדיקע גאַכקרימעניש, וואָס האָבן אַרויסגערופן נאָך מער געלעכטער.

פיליפּע איז געוואָרן צערודערט און דערנידעריקט פון דער זעונג. ביי די פּראָצעסיעס אין די פאַרגאַנגענע יאָרן איז אַזעלכעס אין שטאָט נישט געווען. מען האָט בלויז דערציילט, אַז אַזעלכע ווילדע זאַכן קומען פאָר אין אַנדערע שטעט, אַ מאָל אין ליסאַבאָן און אין קלענערע שטעט אין פּאָרטוגאַל, אויך אין שפּאַניע ווו קיין ייִדן זענען מער נישטאָ. עס זעט אויס, אַז עס קומען אָן שווערע צייטן אויך דאָ אין זיין היימשטאָט.

מיט יאָרן צוריק, ווען זיין פאָטער, דער שלאַגבאַן־אויפמאַנער פון רע־ציפע אין מאַריצשטאָט, האָט זיך באַזעצט אין ריאָ, נאָך דעם ווי די האָלענדער זענען באַזיגט געוואָרן, איז ער, פיליפּע, אַליין געווען פאַרקאַכט אין דער פריילעכער פּראָצעסיע. טאַקע בעת אַזאַ פּראָצעסיע האָט ער זיך פאַרליבט אין קאַטאַלינאַ. זי איז געווען אַ רייצנדיקע, שיינע פּאָרטוגעזערין. אין דער פּראָצעסיע האָט זי זיך דעמאָלט געהאַט פאַרשטעלט פאַר דעם יצר־הרע. זי איז געווען פאַרהילט מיט פאַרביקע שלייערן, וואָס האָבן בעת איר טאַנצן אויף דער פאַראַדנער פּלאַטפאָרמע אויפגעדעקט און גיך קונציק פאַרדעקט איר האַלב נאַקעטן קערפּער.

זי האָט מיט אירע אַקראָבאַטישע באַוועגונגען, מיט איינציִען איר בויך מיט ציטערדיקע, אַרויסשפּאַרנדיקע היפּטן צום טאַקט פון צימבלען און פּייקלדיקער קלימפּעריי, צערייצט דעם המון. די מענער זענען פאַרכישופטע נאָכגעלאָפן דער פּלאַטפאָרמע, געוואָרפן בלומען צו אירע פיס, צוגעוואָרפן מיט די הענט קושערייען און גערעוועט מיט ליבע־אויסדרוקן צו איר. ער האָט זיך מיט איר שפּעטער באַקענט. זי האָט געהאַט אַ סך בעלנים, וואָס האָבן געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, נאָר זי האָט אויסגעקליבן אים, פיליפּען, און ער איז געוואָרן איר מאַן.

ער, פיליפּע, האָט זייער געוואָלט האָבן קינדער און ווערן אַ לייטישער באַלעבאָס ווי אַלע זייערע פריינד און באַקאַנטע קריסטן און ניי־קריסטן, נאָר זי, קאַטאַלינאַ, האָט אָנגענומען אַלע מיטלען נישט צו האָבן דערווייל קיין

קינדער. זי האָט נישט געוואָלט ווערן צו דיק, צו באַפלײשן און פאַרטעמפּן אירע שלאַנקע, רײצנדיקע היפּטן. אַלערלײ מכשפות האָבן איר געגעבן פאַרשײדענע רפואות, קרײטעכצער אויפצוהאַלטן יונג־פרויִשע שײנקײט און רײץ.

יעדעס יאָר, ווען עס קומט די חגא פון הײליקן יאָהאַן צי פון אַנדערע פרײלעכע טעג ווען מען פירט דורך פּראָצעסיעס, ווערט זי אומרויִק. זי וויל זיך אויפסנײ באַווײזן מיט אירע נאַקעטע היפּטן פאַר דעם צעהוליעטן המון. עס געלינגט אים אָבער זי אָפּצורעדן דערפון און ער גיט איר דערפאַר טײערע מתנות פון שענסטן און בעסטן צירונג און קלײדער.

דאָס מאָל האָט זי אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט נישט עפּעס טאָן צו ווערן אַ שותּף מיט דעם סאַן־פּאָולער, וואָס דערפון קענען זײ נתעשר ווערן, וועט זי עס נישט אויסהאַלטן און זי וועט זיך ווידער פאַרשטעלן בײ דער פּראָצעסיע און טאַנצן פאַר דעם המון אַ האַלב נאַקעטע, אים אויף להכעיס.

פון דערמאָנען זיך די וואָרענונג פון זײן װײב לויפט אים דורך אַ היץ איבערן לײב. ער וועט אַזאַ בושה נישט קענען איבערטראָגן. די מענער וועלן זי דורכגלײַען מיט זײערע גיריקע, תּאווהדיקע בליקן. די פרויען וועלן זי מיט קנאה באַשפּײען און זי שעלטן מיט מיאוסע קללות און וואָס וועט מען זאָגן צווישן זײנע פרײנד, די אַנוסים, צו וועלכע ער האָט זיך די לעצטע צײטן אַזוי שטאַרק צוגעבונדן?

איבערהויפּט מיטן קומען פון דואַרטע, זײן געשעפט־פאַרבינדעטן, וואָס דורך אים ברענגט ער סחורה פון ליסאַבאָן און די אַנוסים געטרויען אים אַלצדינג, ווײל ער איז דאָך אײנער פון זײ. די פרײנד זײנע קענען אָבער נישט פאַרשטײן, פאַר וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט אַזאַ זינדיקע שטיק. שוין עטלעכע יאָר ווי ער האָט מיט איר חתונה געהאַט און קײן קינד האָט זי אים נישט געבוירן. זי איז אַלץ אַזאַ פרעמדע און ווײטע, אַז זײ קענען זיך אײנער דעם אַנדערן גאָרנישט פאַרשטײן. ער היט זיך פאַר איר זי זאָל נישט וויסן וואָס עס טוט זיך בײ אים אויפן האַרץ. ער שרעקט זיך ער זאָל חלילה אין שלאָף נישט אַרויספּלאַפּלען זײן פאַרבינדונג מיט די אַנוסים. ער האָט שוין אָפּגעזיפצט און זיך מיט אַלע כּוחות גענומען אַרויסרײסן פון צווישן דעם געדיכטן המון, וואָס האָט אַלץ מער גענומען אָנפילן די פּראַסאַ און זיך געשפּאַרט וואָס נענטער צום קלויסטער.

ער האָט זיך פאַרקערעזוועט צו אַ זייטיקער, שטילער גאַס, וואָס איז געווען הינטער דעם קלויסטערבאַרג. פון איין זייט האָט זיך געצויגן אַ שטיינערנע קלויסטערוואַנט, באַוואָקסן מיט אַ גרינעם מאָך, ווו עס האָט זיך געהויבן אַ גרינער, באַרגיקער וואַלד; די העכסטעביימער־שפּיצן האָבן געגרייכט צו די שמאָלע קלויסטער־פענצטערלעך, און אויף דער אַנדערער זייט גאַס צווישן די פּאַלמע־ביימער זענען געלעגן צעוואָרפן רחבותדיקע הייזער פון די פאַרמעגלעכע איינוווינערס פון דער שטאָט.

די שטילקייט אַרום האָט גענומען באַרויקן זיין שווער געמיט. אפשר איז זיין ווייב גערעכט? דואַרטע איז נישט לאַנג אין לאַנד און ער האָט מורא איינצושטעלן זיין געלט. אַז ער וועט זיך מערער באַקענען מיט די מעגלעכ־קייטן פון לאַנד וועט ער איינזען זיין טעות און דעמאָלט וועט שוין זיין צו שפּעט. אַלע רייכע מענטשן לייגן אַריין זייער געלט צו זוכן גאָלד און דימענטן אין די ווייטע וויסטענישן פון לאַנד. אויב דואַרטע וויל נישט אַריינלייגן קיין געלט, מיינט נאָך נישט, אַז די אונטערנעמונג טויג נישט. ער אַליין, פּיליפּע, האָט אָנגעזאַמלט גענוג מזומן, ער אַליין קען אויסלייזן און אפשר ווערן אַ שותף מיט דעם סאַן־פּאַולער דיעגאָ לאַוואַרעס. ווען ער וועט היינט זיין ביי אים אין הויז, וועט ער אים גוט אויספאַרשן, וואָס ער קלייבט זיך צו טאָן און וואָס פאַר אַ גאַראַנטיעס ער קען אים געבן אַז ער וועט זיך טיילן מיט אים מיט די געפינסן: גאָלד און דימענטן. אין גאַנצן קיין הפקר־יונג איז ער נישט. דערצו ווערט ער דאָך געשטיצט פון מאַרטעם בלאַנקאַ, פון דער מיוחסדיקער שפּאַנישער בלאַנקאַ־משפּחה. אַלע ווייסן, אַז די מאַמעלוקעס פון סאַן־פּאַולאָ זענען גרויסע אויפטוערס. די וויכטיקסטע גאָלדמינעס האָבן זיי געפונען אין די וויסטענישן פון לאַנד. זיין גאַנצע משפּחה איז באַקאַנט אין לאַנד מיט זייערע געפינסן.

אפשר איז זיין ווייב קאַטאַלינאַ נישט אין גאַנצן אויסערן וועג. זי וויל ער זאָל ווערן רייך. קיין שום זינד זעט ער נישט אין דעם. אַז זי וועט ווערן רייך, וועט זי ווערן אַ ביסל שטאָלצער. עס וועט איר נמאס ווערן דער גראָבער, המונישער פאַרגעניגן זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ יצר־הרע, די מיאוסע געוווינהייט וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט צווישן פאַרגרעבטע פּאָרטוגעזישע בעל־מלאכות, פאַריקמאַכערס און גאַסן־הענדלערס.

ער איז אַריין אין הויף פון זיין הויז. דער טומל פון המון אויף דער צווייטער זייט פון ווייטלעכן קלויסטערבאַרג איז דאָ נישט אַהערגעקומען. עס האָט זיך בלויז געהערט אַ ווייטער אָפּהילך, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די פּאַלמע־ביימער.

פון דער זייט אין דעם אָפענעם פּלאַץ, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס קיכביידל, האָט זיך געטראָגן אַ גערוך פון געשמאַקע, געווירצטע מאכלים. מען האָט זיך געגרייט אויפצונעמען די געהויבענע געסט, דיעגאָ לאַוואַרעס און זיין פריינד מאַרטעם בלאַנקאָ.

אַרום דעם שטיינערנעם קאַמין, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַן אַריבערגעהאָנגענעם דאַך אויף דיקע סלופּעס אונטערגעשפּאַרט, האָבן זיך געפּאַרעט עטלעכע האַלב־נאַקעטע שוואַרצע פרויען. פון קאַמין האָט זיך געטראָגן אַ האַניקדיקער גערוך פון פריש געבעקס פון רייזקוכנס, געפּרעגלטע, געווירצטע פיש, גרינסן, און קרייטעכצער געזאָטן אין דענדיאַייל.

ביי דער אַריינגאַנג־טיר פון גרויסן הויז וויט פון קיך איז געשטאַנען זיין פרוי קאַטאַלינאַ אָנגעטאָן אין אַ געבלימלטער קימאָנע אויסגעשטיקט מיט פאַרשיידענע שלאַנגען און עקדישן. אויף אירע שלאַנקע, נאַקעטע פיס האָט זי געטראָגן באַגילדעטע שטעקשיך. אירע שוואַרצע קראַענהאָר זענען געווען צעפּאַטלט, נישט פאַרקעמט, ווי זי וואָלט ערשט נישט לאַנג געהאַט אויפגעשטאַנען פון שלאָף. איר פּנים פריש אויסגערוט, די באַקן צעפלאַמט, די גרויסע שוואַרצע אויגן פיבערדיק. לעבן איר איז געשטאַנען אַ האַלב נאַקעטע אַפריקאַנערין מיט אַ פאַרשרומפּטן פּנים, די ברוינע הויט פון קערפּער אויסגעטריקנט ווי די קאָרע פון אַ בוים. אירע שיטערע קרייזלדיקע האָר אויפן קאָפּ האָבן געהאַט אַ בלוילעכע גראָקייט. זי האָט געהאַלטן אַ קוישל אין האַנט, אינעווייניק אויסגעבעט מיט גרינע בלעטער פול מיט יונגע זשאַבעס, וואָס האָבן זיך מיט זייערע שליימיקע פיסלעך געריסן אַרויסצוקריכן און זענען פון ברעג צוריקגעפאַלן.

פיליפּע האָט זיך צוריקגעצויגן. ער האָט געוואָלט פאַרקריכן צווישן די פּאַלמעס זיין ווייב זאָל אים איצט נישט זען און דערקענען, אַז זיין פּנים איז פאַרזאָרגט. זי וועט גלייך דערקענען און פאַרשטיין, אַז ער קומט מיט ליידיקן פון דואַרטען. ער האָט אויך פיינט געהאַט די אַפריקאַנישע מכשפה, וואָס

פאַרדרייט זיין ווייב דעם קאָפּ מיט פאַרשיידענע איינגערעדטע רפואות, יונגע זשאַבעס, וואָס קענען איר העלפן זיך האַלטן יונג און ווי אַזוי צו באַקרעפטיקן איר מאַנס ליבע צו איר. ער מיאוסט זיך צו קוקן אויף דעם. ער ווייסט נישט צו וואָס זי דאַרף דאָס האָבן און צי דאָס קען עמעצן העלפן.

קאַטאַלינאַ האָט אים שוין דערזען. זי האָט געלאָזט שטיין די מכשפה מיט דעם קוישל פול מיט זשאַבעס און זיך געלאָזט לויפן צו אים מיט אויסגעשטרעקטע אָפענע אָרעמס.

— פיליפע! איך האָב זיך אַזוי געזאָרגט, וואָס דו ביסט נישטאָ. די געסט וועלן שוין באַלד קומען און איך בין נאָך נישט אָנגעטאָן — האָט זי געזאָגט און אים אַ דריק געטאָן צו זיך.

— אוממם, דו ביסט אַזוי מיד און פאַרשוויצט — האָט זי ווייטער גערעדט און אים מיט אַ טיכעלע אָפּגעווישט דעם שטערן. עס האָט פון איר רונדיקן לייב געשמעקט מיט עפּעס אַ פרישן, בלומענדיקן פאַרפום, אויסגעמישט מיט דעם גערוך פון איר קרעפטיק פאַרברוינטן קערפּער, וואָס האָט אים צעמישט. עס האָט אים אויסגעפּעלט אָטעם איר גלייך צו ענטפערן. אַ נאָגנדיקע גלוסטעניש צו איר האָט ווי אַ הייסער שטראָם דורכגעציטערט אין זיין לייב. ער האָט צוגעפּרעסט זיין מויל צו אירע ליפּן. זי האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט פון אים. ער האָט זי מיט אויסגעשטרעקטע הענט צוריקגעצויגן צו זיך.

— לאָז אָפּ די מכשפה, קום מיט מיר, איך וויל זיך אָפּרוען לעבן דיר... איך וויל דיך לעבן מיר...

— נישט איצט, פיליפּע. באַלד וועלן אָנקומען די געסט... — האָט זי געזאָגט און זיך פלינק אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט, וואָס האָבן געציטערט.

— געסט, געסט, ווער דאַרף זיי האָבן — האָט ער שטיל צוריקגעמורמלט.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט זי אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר קאָכעדיקע אויגן.

— גאָרנישט האָב איך געזאָגט, כ׳מיין, יאָ, די געסט וועלן קומען — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטימע.

ער האָט איר שוין געוואָלט זאָגן, אַז צוליב דעם טומל פון דער ווילדער פּראָצעסיע איז ער אַזוי אויסגעמאַטערט און שלעכט געשטימט. ער האָט זיך אָבער גלייך צוריקגעהאַלטן און נישט געוואָלט דערמאָנען די פּראָצעסיע, וואָס קען זי צערודערן און אַרויסרופן ביי איר די שוואַכקייט זיך אַרויסצו־שטעלן פאַר דעם המון מיט איר האַלב־נאַקעטן, רייצנדיקן לייב.

— ווייסט דאָך, געשעפטן. מען רעדט, מען אַמפּערט זיך, עס נעמט צייט.

— דער דואַרטע איז אַ האַרטע נוס צו צעקנאַקן — האָט זי געזאָגט און אים אָנגעקוקט מיט אירע בליצנדיקע אויגן, ווי צו ווערן דערגיין וואָס ער האָט אויפגעטאָן.

— יאָ, ער איז אַ האַרטע נוס, אָבער לאָז עס איבער צו פּיליפּע, איך וועל שוין עפּעס אַרויסקריגן... — האָט ער געזאָגט מיט אַ צוזאָגנדיקן טאָן און דערביי אויסגעמיטן זי אָנצוקוקן. ער האָט ווידער דערזען די אַפּריקאַנעריין מיט דעם קיישל, וווּ די זשאַבעס האָבן ביים ברעג אַרויסגערוקט די שליימיקע מאַכיק־גרינע פּיסלעך, די צונויפגעהיטלטע פינגער צעשפּרייט, די שפּיציקע פּנימער מיט די אַרויסגעזעצטע שווימענדיקע אייגעלעך האָבן תּמעוואַטע געבליצט אויף אים. טייל האָבן זשוואַווע אַ שפּרונג געטאָן און צוריקגעפאַלן אין קוישל.

פּיליפּע האָט זיך דערמאָנט אַז זיין ווייב האַלט אַ ריזיקע לעבעדיקע זשאַבע אונטער זייער בעט אין אַ פאַרצעלייענעם טאָפּ. זי שפּייזט זי מיט פרישער מילך, וואָס די כּישופמאַכערין האָט איר געגעבן. דאָס איז אַזאַ סגולה צו האַלטן און פאַרשטאַרקן די ליבשאַפט פון איר געליבטן, דאָס הייסט פון אים, פּיליפּען. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שוידער איבערן לייב. צו וואָס דאַרף זי דאָס? ער האָט אַזוי אויך אַ שטאַרקן באַגער צו איר, מיט וועל־כער ער קען זיך גאַרנישט אָנזעטיקן. און אפשר איז דאָס גאַרנישט צוליב אים? אפשר האָט זי אירע באַגערן צו עמעצן אַנדערש און צוליב יענעם טוט זי דאָס די אַלע אומזיניקע כּישוף־שטיק. אָבער באַלד טרייסלט ער אָפּ פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק. דאָס איז בלויז ביי איר איינגעוואָרצלט די ווילדע, שוואַרצע קונצן, וואָס די פאַרגרעבטע פּאָרטוגעזער גלויבן נאָך אין זיי. ווען ער קען, שליידערט ער די וויסטע מכשפה אַרויס פון הויף. וואָס נאָך דאַרף ער טאָן צו באַווייזן ווי געטריי ער איז צו איר. ער שטייט אויס אַלע פאַרדאַכטן פון

זיינע פריינד. די אנוסים, וואָס זענען נישט צופרידן, וואָס ער האָט זי פּאַר אַ ווייב.

— וואָס דאַרפסטו זי דאָ האָבן די מכשפה? דו ביסט דאָך אַ קריסטין, אַ קאַטויל, דו ווייסט דאָך, וואָס עס שטייט אין די הייליקע שריפטן, אַז מען טאָר נישט לאָזן געדייען קיין מכשפה צווישן אונדז — האָט ער גערעדט צו איר מיט אַ בעטנדיקער שטים.

— אָ, דו מיט דיינע הייליקע, ייִדישע שריפטן. דו ווייסט נישט אַלץ. דו שטאַמסט פון נישט־גלויביקע. איך ווייס בעסער — האָט זי געזאָגט און צוגעדריקט אירע שטייפע בריסטן צו אים און מיט שטיפערישע אויגן אַ בליץ געטאָן אויף אים.

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט און ווידער דערפילט אַ גלוסטעניש צו איר, וואָס האָט אויפגעציטערט זיין לייב.

— איך האָב דיך ליב אָן דער מכשפהס הילף. קום מיט מיר. איך דאַרף דיך האָבן, שוין איצט, קאַטאַלינאַ טייערע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ נעבעכדיק געבעט און אָנגעכאַפּט מיט זיין ציטערנדיקער האַנט איר אָרעם און זי געצויגן צוריק, צוגעפּרעסט זיין מויל צו איר אויפגעפּראַלט לייב.

— נישט איצט, פיליפּע. רו זיך בעסער אויס, אַליין — האָט זי געזאָגט און זיך קונציק אָפּגערוקט פון אים. זי האָט זיך פאַרהילט מיט איר טיף־דעקאָלטירט, ראָזאָווע נאַכטהעמד, פאַרשטעלט אירע נאַקעטע ברוסטן מיט איר קימאָנע ביז אַרויף צום האַלדז.

ער האָט שטיל אָפּגעזיפצט און אַ באַליידיקטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— הער אויף צו קרעכצן, פיליפּע. איך אַנטלויף נישט פון דיר, מיר האָבן אַ לאַנגע נאַכט — האָט זי אים געזאָגט און ביי דער גאָמבע ווי ביי אַ ברוגזדיק ייִנגל אויפגעהויבן זיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אים אַדורכגענומען מיט אירע שמייכלענדיקע, שטיפערישע אויגן, וואָס האָבן אים אי גערייצט און אי באַרויִקט.

— יאָ, ביסט טאַקע גערעכט, געסט וועלן באַלד קומען.

פיליפּע האָט מיט אונטערגעבראָכענע פיס זיך געלאָזט צום הויז. ער איז אַריין אין זיין שלאָפצימער, וואָס איז געווען פאַרטונקלט מיט שווער פאַרהאַנגענע גאַרדינען אויף די פענצטער. ער האָט אַרונטערגענומען פון

זיך די אויבערשטע קליידער און אין אַנטועכץ זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט.

ער איז געווען מיד און דערשלאָגן. אַלע אברים האָבן אים ווי געטאָן. ער האָט שווער געאָטעמט ווי געוואָלט אַרויסאָטעמען די אַלע שווערע דער־דריקנדיקע איבערלעבונגען פון היינטיקן טאָג.

אַרום איז געווען שטיל. ער האָט בלויז פון נישט ווייט פון זיין ווייבס שלאָפצימער געהערט אַ שטיל שושקען זיך. דאָס האָט די אַפריקאַנערין גע־לערנט זיין ווייב ווי אַזוי צו באַנוצן די אַלע רפואות און כישוף־מאַכעריי. זי וועט שוין אַזוי בלייבן, אומוויסנדיק און אָבערגלויבעריש דאָס גאַנצע לעבן, האָט פיליפע געטראַכט. ער האָט דאָס אַלץ פיינט. ער מוז אָבער זיין געדולדיק, ווייל ער האָט זי ליב. ער ווייסט אַז זי קען אַזוי אומגעריכט אַריינ־קומען צו אים, זיך צוטוליען און דעמאָלט וועט ער פאַרגעסן אַלע ווייטיקן, אַלע שוועריקייטן, וואָס ער האָט אויסצושטיין פון איר.

ער האָט זיך געלעגנגערט אויפן געלעגער, געטוליעט זיין הונגעריק לייב צום ווייכן מאַטראַץ. ווען נישט די מכשפה וואָלט זי זיכער געקומען איצט אויף זיין געלעגער.

ער האָט אויפגעשפּיצט די אויערן צו דערכאַפּן זייער געשפּרעך. אינע־ווייניק איז אָבער געוואָרן שטיל ווי זיי וואָלטן ווידער אַרויס אין דרויסן צו דער זייט פון קיכביידל. אפשר ווייל זי זען צי אַלץ איז אָפּגעקאָכט און אָפּגעבאַקן. עס זאָל שמעקן דאָס עסן פאַר די געהויבענע געסט. ער זעט שוין, אַז דאָס קומען פון די געסט אין זייער הויז אַריין איז פאַר איר אַ גרויסע דערוואַרטונג, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אַרויסשטעלן פאַר אַ גרויסער בריה זיי צו געפעלן ווערן. צו זיינע ייִדישע פריינד, די ניי־קריסטן, ווייזט זי קיין מאָל נישט אַרויס אַזאַ אומרויִקייט. זייער קומען צו אים איז אַלע מאָל ביי איר אַן אָפּקומעניש. נאָך זייער אַוועקגיין שפּעט זי אָפּ פון זיי און זי שפּילט אויס מיט גרויס בריהשקייט, נאָכמאַכנדיק אַלע אומגעלומפּערטע רייד, וואָס זיי האָבן גערעדט, אַלע אומגעלומפּערטע באַוועגונגען, וואָס זיי האָבן געמאַכט, וואָס רופט אויך ביי אים אַרויס געלעכטער.

פון דרויסן האָט זיך אָבער אויך נישט געהערט איר שטים. די שוואַרצע קוכערס און באַדינערס ביי דער קיך האָבן געשטיפט און הויך גערעדט וועגן דער פּראָצעסיע, וואָס זיי וועלן נאָכן מאָלצייט גיין זען. לויט זייער הויך

און דרייסט פריי רעדן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט ביי דער קיך.

די מידקייט האָט גענומען איינשלעפערן זיינע גלידער. ער האָט צוגע־מאַכט די אויגן. ער וועט טאַקע כאַפּן אַ דרימל און זיין דערפרישט ביים טיש. עס קען געמאָלט זיין, אַז זי איז שוין פּטור געוואָרן פון דער אַנשיקעניש, דער מכשפה, און זי איז אַוועק אין גרויסן עסצימער אויסצופלאַנירן דעם טיש, זען צי דאָס זילבערוואַרג, דאָס געשיר איז אַוועקגעשטעלט אין אָר־דענונג.

ער האָט אָבער מיט אַ מאָל דערהערט שטילע טריט לעבן זיין טיר. באַלד האָט זיך די טיר געעפנט מיט אַזאַ שטילקייט, אַז ער האָט אַפילו נישט געהערט קיין סקריפּ. עס זעט אויס אַז זיין ווייב וויל אים נישט אויפוועקן. זי וויל ער זאָל זיין אויסגערוט און קענען רעדן ווי אַ געלאַסענער געשעפטס־מאַן, ווי אַ ווערדיקער מענטש, וואָס פירט מסחרים, ברענגט סחורה אַזש פון פּאָרטוגאַל און פון אַנדערע מקומות דאַ אַהער. זיין ווייב, קאַטאַלינאַ, ווייסט זיין ווערט. ער וועט איר טאַקע ווייזן אַז ער איז רויִק, ער שלאָפט ווי זי האָט פריִער געוואָלט.

ער האָט מיט צונויפגעזשמורעטע אויגן געזען ווי זי קומט צו צום בעט, אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קיישעלע, וואָס זי ניצט ביים האַנטנייען און שטריקן. זי האָט אַרויסגענומען אַ נאָדל, איינגעפעדעמט מיט אַ גרינעם פאָ־דעם. זי האָט זיך איינגעבויגן איבער אים, געמאַכט מיטן פאָדעם אַ צלם־צייכן איבער זיין שלאָפנדיקן קערפּער. נאָך דעם האָט זי אַרויסגענומען אַ פאַר־שטיינטע זשאַבע און מיט דער נאָדל צוגענייט אירע גרין־גלאָזיקע אויגן. זי האָט די שליימיקע, טויטע זשאַבע צוריקגעלייגט אין קיישעלע און זיך פּאַמעלעך צוריקגערוקט צו דער האַלב־געעפנטער טיר, אַנטרינען צו ווערן.

ביי דער טיר איז זי געבליבן שטיין ווי געוואָלט זיכער מאַכן אַז ער שלאָפט. אירע אויפגעריסענע אויגן האָבן געגלאָצט אויף אים מיט עפּעס אַן אומהיימלעכן פיבער, וואָס ער האָט ביי איר קיין מאָל פריִער נישט געזען. עס איז געווען אַ מאָדנער משוגענער פיבער פול מיט צאָרנדיקער שנאה, ווי ביי איינער וואָס האָט דורכגעפירט אַ רציחה און דער צאָרנדיקער האָס ברענט נאָך אין אירע אויגן.

פיליפע האָט זיך דערשראָקן און זיך ראַפּטעם אויפגעהויבן פון געלעגער. ער האָט געקוקט אויף איר אַ דערשראָקענער. דאָס לשון איז ביי אים פאַר־טייעט געוואָרן פון שרעק אין זיין געעפנט מויל.

עס האָט גענומען אפשר אַ רגע, אָבער אים, פּיליפּע, האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז געווען ווי אַן אייביקייט. זיין ווייב, קאַטאַלינאַ, האָט עפּעס פּלוצעם אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן ווי זי וואָלט זיך געראַנגלט אַרויסצוגיין פון אַ טשאַד. זי איז באַלד געקומען צו זיך. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער געעפנטער טיר און עמעצן דערלאַנגט דאָס קיי־שעלע. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די מכשפה איז געשטאַנען ביי דער דרויסנ־דיקער זייט פון דער טיר.

אויף איר פּנים האָט זיך ווידער געוויזן דער געוויינטלעכער ליבער שמייכל, וואָס האָט אים אַלע מאָל אַזוי צוגעצויגן צו איר, אָנגעפילט זיין האַרץ מיט ליבשאַפט און באַגער צו איר.

— פּיליפּע, איך האָב דיר געשטערט אין שלאָף, דו דאַרפסט שוין באַלד אויפשטיין — האָט זי געזאָגט און זיך געזעצט לעבן אים אויפן בעט און זיך אָנגעלענט מיט איר האַנט אויף זיין האָריקער ברוסט.

פּיליפּע האָט אָפּגעשטופּט איר האַנט.

— וואָס האָסטו שוין ווידער אָפּגעטאָן אַן אומוועדיקע זאַך מיט דיין מכשפה, מיט אירע מיאוסע באַשעפענישן, שרצים — האָט פּיליפּע געזאָגט מיט ביטערניש אין זיין פאַרקלעמטער שטים.

— אָ דו וועסט נישט פאַרשטיין. איך האָב דיך בלויז איבערגעצלמט נאָך דעם ווי דו ביסט געקומען פון דיינע ייִדן, די פאַלשע ניי־קריסטן.

פּיליפּע האָט צונויפגעפרעסט די ליפּן און געשאָקלט מיטן קאָפּ הין און צוריק און פאַרקרימט דאָס פּנים מיט ביטערניש, וואָס זיין ווייב קען אַזוי רעדן וועגן זיינע פריינד.

— וואָס דרייסטו מיטן קאָפּ ווי אַ גאַנער מיטן הינטער־חלק. דו ווייסט אַליין אַז זיי זענען פאַלש, ליגנעריש, אַז דו וועסט צו פיל האַלטן מיט זיי, וועסטו אויך אַריינפאַלן און האָבן די זעלביקע צרות, וואָס גייען אויף זייערע קעפּ — האָט זי געזאָגט מיט אַ צערייצטער, בייזער שטים.

— אָבער זייער געלט ווילסטו האָבן פאַר דיינע פריינטלעך, האַ? וואָס?

— האָט ער געפרעגט אין אַ ביטער געלעכטערל, וואָס האָט אויסגעקרימט זיינע ליפּן.

— פאַר וואָס נישט ? איך וויל האָבן אַ סך געלט. איך וויל האָבן אַזוי פיל, אַז דו זאָלסט מער נישט דאַרפן זיין דואַרטעס קנעכט, און נאָר אַרומלויפן צווישן אַפּטעריניקע ניי־קריסטן — האָט זי געזאָגט און אַן אַפּלאַכעריש שמייכעלע האָט זיך צעלייגט אויף אירע ליפּן.

— אַזוי, דו ביסט מיר זייער געטריי — האָט ער געזאָגט און זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט פון ווייטיק.

— הער אויף צו רעדן נאַרישקייטן און טו זיך אָן, — האָט זי בייז געזאָגט און איז אַרויס פון צימער.

ער איז געבליבן זיצן ביים ברעג פון בעט. ער האָט געפילט אַז דער קאָפּ ווערט אים צעשמעטערט. די שלייפן האָבן ביי אים געהעמערט מיט אַזעלכע קלעפּ, אַז ער האָט אַזש געמוזט צודריקן זיינע הענט צום קאָפּ איינצוהאַמעוען זיינע יסורים.

איצט זעט ער שוין קלאָר, אַז ער האָט זיך גענאַרט. זי האָט אים פאַרפירט מיט אירע כישוף־מאַכערישע שטיק. זי טוט אַלץ אויפצוהאַלטן זיין געטריישאַפט צו איר, כאָטש איין גאָט ווייסט ווי געטריי און אָפּגעהיט ער איז צו איר. אים איז שוין געוווען גוט באַקאַנט די כישוף־מאַכעריי פון די פאַרגרעבטע, אויסגעלאַסענע ווייבער, וואָס האָבן געדעוורן זשאַבעס אונטערן מאַנס בעט צו פאַרבלענדן איר אייגענעם מאַנס אויגן און דערמיט אויפצוהאַלטן די ליבע פון אַ פרעמדן מאַן, וואָס זיי זענען משוגע פאַר אים. מער קען זי, קאַטאַלינאַ, אים נישט נאַרן. מיט דעם גרינעם פאָדעם, וואָס זי האָט אויסגעמאָסטן מיטן צייכן פון אַ צלם איבער זיין קערפּער און פאַרנייט די אויגן פון דער זשאַבע איז זי אויסן אים בלינד צו מאַכן, ער זאָל נישט זען וואָס זי טוט הינטער זיינע אויגן. זי איז אים אויסן אָפּצונאַרן ביז זי וועט אַרויסקריגן אַלץ וואָס זי און אירע פריינד דאַרפן האָבן פון אים. נישט אומזיסט האָבן זיינע פריינד, די אנוסים, אַזוי מורא פאַר איר און דאַנקען גאָט, וואָס ער ברענגט זי נישט צו זיי. אויב ער וועט זיך פון היינט אָן נישט מער היטן פאַר איר, וועט זי אים אומברענגען און נאָך מיטשלעפּן זיינע פריינד און געשעפט־פאַרבינדעטע.

אָבער ווער איז עס דער, וואָס מאַכט זי אַזוי משוגע? כּמעט יעדן טאָג מוז זי האָבן מיט זיך די אַפריקאַנישע מכשפה, איר אַרויסצוהעלפן מיט כּישוף־שטיק צו האַלטן זיין ליבע צו איר. נישט אַנדערש, אַז עס איז טאַקע ער, דער סאַן־פּאַולער, וואָס וויל זיך אַרויסלאָזן אויף אַוואַנטורעס מיט זיין און דואַרטעס געלט צו זוכן גאָלד און דימענטן. היינט וועט ער אַלץ אויסגעפינען. זאָל ער נאָר קומען, דער גרויסער גאַסט, וועט ער אים ווייזן, אַז אים, פּיליפּע, קען מען נישט אַזוי לייכט אָפּנאַרן.

ער איז צוגעגאַנגען צום וואַשקאַמאָד, ווו עס איז געשטאַנען אַ פּאַר־צעלייענער וואַשבעקן מיט ריין וואַסער. ער האָט זיך איינגעבויגן און מיט די הענט גענומען נאָס מאַכן דעם קאָפּ, כּדי אָפּצוקילן די היץ, וואָס האָט געשלאָגן פון זיין שטערן, פון זיינע צעפלאַמטע באַקן.

פון דרויסן האָבן זיך מיט אַ מאָל גענומען הערן טריט פון די אָנגעקו־מענע געסט. דאָס האַרץ האָט ביי אים אָנגעהויבן ווילד צו קלאַפּן מיט האַס־טיקע קלעפּ, אַזש ער האָט נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. ווי אַזוי וועט ער קענען אַריינגיין אין אויפנעם־צימער צו באַגעגענען די געסט, אַז ער איז אַזוי אויפגערודערט?

ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט דאָס העמד, מיט אַ קעמל פאַרקעמט און פאַרגלעט זיינע קאַשטאַן־רויטלעכע האָר, אָנגעטאָן זיין הויזכאַלאַט און מיט אַ געמאַכטע פריילעכקייט אַרויס באַגעגענען די געסט.

דער שלאַנק געבויטער סודאַנישער באַדינער האָט שוין געהאַט געעפנט די פּאַראַדנע טיר און עס איז אַריינגעקומען דער סאַן־פּאַולער דיעגאָ לאַוואַ־רעס. ער האָט זיך טיף פאַרנייגט מיט אַ פלינקער גראַציעזקייט. ער האָט אַרונטערגענומען די פעלערינע פון זיינע אַקסלען און זי ווי אַ וואָרף געטאָן דעם שוואַרצן באַדינער אין די הענט אַריין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַזאַ היימישקייט ווי ער וואָלט שוין דאָ אין דעם הויז פיל מאָל געווען. אויף זיין גלאַנציקן קופּער־רויטלעכן אינדיאַנישן פּנים איז געווען אויסגעלייגט אַ מאָדנע שמייכעלע, וואָס איז געווען אי פרעך און אי צעטומלט, ווי ער וואָלט נישט געווען צו זיכער ביי זיך.

— פּיליפּע, מיין פריינד, עס איז אַ פאַרגעניגן צו קומען אין אייער הויז, — האָט ער אויסגערופן מיט אַ געמאַכטן אָנשטעל און זיך אַ לאָז געטאָן צו

פּיליפּען, וואָס איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער און זיך באַמיט צו שמייכלען. עס איז אָבער אַרויסגעקומען אַ פאַרלוירן, הילפלאָז שמייכעלע.

— היינט איז אַ פריילעכער טאָג, פּיליפּע, אַ גרויסער הייליקער טאָג, דאַרפסט זען דעם פּאַראַד, וואָס מען גרייט צו.

— איך האָב שוין געזען און איך בין שוין טאַקע מיד, — האָט פּיליפּע שטיל געזאָגט.

— אַ, שוין מיד, עס האָט זיך נאָך נישט אָנגעהויבן, — האָט דיעגאָ לאַוואַרעס אַ לאַך געטאָן און געוויזן אַ מויל מיט ווייסע שאַרפע ציין.

פון אַ זייטיקן צימער האָט זיך באַוויזן קאַטאַלינאַ, פּיליפּעס ווייב. זי איז געווען אָנגעטאָן זייער פרום, באַשיידן. זי האָט געטראָגן אַ שוואַרץ זיידן קלייד ביז אַרונטער צו די פּיסקנעכלעך און אַ טונקעלן, דורכזיכטיקן שאַל, וואָס האָט איינגעהילט איר קאָפּ און פאַרדעקט דעם קליינעם דעקאָלט פון איר האַלדז. איר פּנים איז געווען צעפלאַמט. די באַקן האָבן פיבערדיק געגליט, אַזוי אויך אירע ברוינע, קאָכעדיקע אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט רויטע אָדערלעך.

דער סאַן־פּאַולער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע צעמישט, געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט זי דאָס ערשטע מאָל דערזען, און ער איז צעטומלט געוואָרן פון איר אויסזען.

אויך פּיליפּע האָט אויפגעריסן די אויגן. אין איר פרומער באַשיידענער קליידונג איז זי געווען נאָך שענער און צוציִענדיקער. וואָס פאַר אַ טייוולשע שפּילעריי פירט זי דאָס, זיין ווייב, סיי מיט אים און סיי מיט דעם סאַן־פּאַולער?

דיעגאָ איז גיך געקומען צו זיך. ער האָט זיך גראַציעז פאַרנייגט.

— סעניאָר פּיליפּע, עס פרייט מיך צו קומען אין אייער הויז אַריין און צו באַגעגענען אייך, — האָט ער אונטערטעניק געזאָגט.

קאַטאַלינאַ האָט אַ שמייכל געטאָן. אויף איר פּנים האָט זיך געזען אַ שטאָלצע זיכערקייט, אַז זי האָט באַזיגט די מענער מיט איר שיינעם אויסזען.

— מיר וועלן גיין צום טיש, — האָט קאַטאַלינאַ געזאָגט און זי האָט זיך געלאָזט פאַרויס צום עסצימער.

דיעגאָ האָט זיך אויך געלאָזט האַסטיק איר נאָכגיין ווי ער וואָלט געהאַט פאַרגעסן, אַז לעבן אים איז געשטאַנען פּיליפּע.

פּיליפּען האָט עס שוין אַ ביסל פֿאַרדראָסן, וואָס לויפֿט ער אַזוי, דער סאַן־פּאולער, ווי ביי זיך אין דער היים? ער, פּיליפּע, לעבט נאָך. אויב ער איז אַזוי אינטים מיט זיין פרוי הינטער זיינע אויגן, זאָל ער כאָטש געדענקען, ווו ער געפֿינט זיך, ווען ער, פּיליפּע, איז דאָ דערביי. עס איז דאָך אים אַ בזיון פֿאַר דעם קלוגן סודאַנער באַדינער, וואָס קען שוין אויך באַמערקן, וואָס ביי אים טוט זיך אין הויז.

— איך זע אַז איר זענט געקומען אַליין אָן אייער פריינד, סענהאָר בלאַנקאָ, — האָט אים פּיליפּע אָפּגעשטעלט.

דיעגאָ האָט נאָכן אָפּגיין עטלעכע שפּאַן זיך פֿאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט זיך ערשט דערכאַפּט, אַז פּיליפּע איז נישט ווייט פֿון אים.

— אָ, סענהאָר בלאַנקאָ? ער האָט מיך טאַקע געבעטן איר זאָלט אים פֿאַרגעבן, וואָס ער איז נישט געקומען צו אייך. זיין פעטער האָט אים געשיקט אויף אַ וויכטיקער מיסיע קיין „מינאַס געריַאַס". ער האָט געקראָגן אַ וויכטיקע נייעס, אַז מען האָט געפֿונען נייע גרודעס מיט גאָלד און אויך דימענטן אין די בערג, — האָט ער שטיל געזאָגט, ווי ער וואָלט אים איינגערוימט אַ סוד, וואָס נאָר אים, פּיליפּע, גיט ער דאָס איבער.

— אָ, דאָס איז וויכטיקער ווי קומען צו אונדז צו גאַסט, — האָט פּיליפּע געזאָגט מיט אַ געמאַכטער באַשיידנקייט.

— עס איז וויכטיק פֿאַר אונדז אַלע. מיר וועלן צוזאַמען מאַכן אַ פֿאַרמעגן. איר מיט אייערע פריינד ווי דער ניי־געקומענער מאַגנאַט דואַרטע דאַ סילוואַ, וועלן אַריינלייגן דאָס געלט. די דימענטן זענען דאָרטן דאָ. מען דאַרף זיי בלויז אַרויסקריגן. איך מיט מיינע „באַנדערענטיס" וועלן זיך אַרויסלאָזן צו די בערג און אַרטעם וועט אונדז באַשיצן מיט דער מאַכט פֿון דער רעגירונג, — האָט דיעגאָ געזאָגט און געהאַלטן אָן אָפֿענע האַנט און מיט אַ פֿינגער אים אָנגעצייכנט אויף דער דלאָניע ווי אויף אַ מאַפּע ווו זיי וועלן דאָס געפֿינען, דאָס גאָלד און דימענטן.

— אַלץ איז אויסגעפּלאַנירט, מיין פריינד פּיליפּע, — האָט ער אַ צופֿרידענער געזאָגט מיט אַ זיכערקייט ווי פּיליפּע וואָלט אים שוין געוועזן גרייט צו געבן געלט.

— יאָ, איך זע אַז איר האָט שוין אַלץ אויסגעאַרבעט. ביי מיר האָט איר

אפשר געפּועלט, אָבער סענהאָר דאַ סילוואַ, פאַרשטייט איר, — האָט פּיליפּע אָפּגעהאַקט מיט אַ קווענקלעניש ווי עס וואָלט אים שווער אָנגעקומען צו דערקלערן, וואָס ער מיינט.

— וואָס, סענהאָר דאַ סילוואַ גלויבט אונדז נישט, — האָט זיך דיעגאָ צעהיצט און אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע, אַרויסגעשפּאַרטע אויגן.

— ער גלויבט אייך, וועגן זיכערקייט האַנדלט זיך דאָ נישט. ער האַלט אַז איר דאַרפט קריגן עמעצן אַנדערש מיט געלט. איר דאַרפט וויסן, אַז סענהאָר דאַ סילוואַ איז נישט לאַנג אין לאַנד. ער דאַרף זיך מער באַקענען — האָט פּיליפּע געפּרוווט פאַרענטפערן זיין פריינד דאַ סילוואַ.

— אַזוי, ער וויל ליגן ווי אַ ייד אויף דעם זאַק מיט געלט ביז עמעצער וועט אים באַגילדן מיט גרויסע פּראָצענטן, ער וויל זיין באַוואָרנט. מיר וועלן אים טאָן אַ געפעליקייט, וויל פרעמדע, ניי־געקומענע און פאַרדעכטיקטע יידן לאָזט מען נישט צו צו די בערג — האָט דיעגאָ בייז אַ לאַך געטאָן און אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרניכטנדיקן צאָרן, וואָס האָט ווי אַרויסגעבליצט פון זיינע אַרויסגעבאַלעמטע אויגן.

פּיליפּע האָט מיט איינגעהאַלטנקייט שטיל אָפּגעדעכעט, מען זאָל נישט באַמערקן, אַז דיעגאָ האָט אים מיט זיינע רייד טיף ווי געטאָן און באַליידיקט, איבערהויפּט וואָס ער האָט אים אַ שטאָך געטאָן אַז זיין פריינד דוואַרטע פירט זיך ווי אַ ייד.

— קומט צום טיש, סענהאָר דיעגאָ לאַוואַרעס, און הערט זיך אויף אויפ־צורעגן, עס קען אייך פאַרשאַטן צו פאַרדייען מיין פרויס גוטע מאכלים — האָט פּיליפּע געזאָגט אַ באַרויקטער, ווי ער וואָלט זיך ענדלעך באַפרייט פון דעם עול, וואָס ער האָט זיך געטראָגן צוליב זיין ווייב, צו באַזאָרגן דיעגאָ מיט געלט פאַר זיינע אַוואַנטורעס.

— עס וועט מיר גאָרנישט שאַטן, סענהאָר פּיליפּע. מיר וועלן שוין אונדזער געלט קריגן, — האָט ער געזאָגט מיט אַן איינגעצוימטן כּעס.

זיי זענען אַריין אין גערוימען עסצימער ווו דער לאַנגער טיש איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטעך. דאָס אויסלענדישע זילבער־געשיר האָט געפינקלט מיט אַ שפּיגלדיקן גלאַנץ. אויף די הויכע ווינגלעזער האָט גע־צאַפּלט דער אָפּשיין פון די אָנגעצונדענע ליכט אין די זילבערנע לייכטער.

דאָס זענען נאָך געווען די גערינגלטע שבת־לייכטער מיט אַריבערהענגענדיקע בעכערלעך, וואָס ער האָט געהאַט געירשנט פון זיין פאָטער. אין דעם גרויסן קרישטאָלענעם סערוויז איז אין אייז געלעגן אַ פלאַש מאַדעירא־וויין מיט אַ וואָקס פאַרטריפטן קאָפּ. אין דעם פאַרטונקלטן צימער האָבן זיך דורך די פאַרהאַנגענע שווערע גאַרדינען אַריינגעשפּאַרט שפּעלטלעך פון דרויסנדיקן טאָגליכט, וואָס האָבן זיך ווי ליכטזיילן געצויגן צום געאיילטן דיל.

דער סודאַנער סאַרווער האָט אָנגעוויזן דיעגאָן ווו ער זאָל זיך זעצן אין דער רעכטער האַנט פון פיליפּע און קאַטאַלינאַ קעגן איבער איר מאַן.

פיליפּע האָט איצט געקענט רו:ק באַטראַכטן זיין ווייב און דעם גאַסט. קאַטאַלינאַ האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אירע אויגנלעפּלעך מיט די לאַנגע שוואַרצע ברעמען האָבן יעדע ווילע אונטערגעציטערט. דער קיילעכ־דיקער שטערן האָט זיך געראונצלט. זי האָט גענומען אַ פּרוכט פון אויפסקיישל און איר האַנט האָט אונטערגעציטערט. אויך דער גאַסט איז געווען פאַרזאָרגט און דערשלאָגן. אַ שווייס האָט אַרויסגעזעצט אויף זיין טונקל, רויטלעך־קופּערדיק פּנים. די הויכע אינדיאַנישע קינבאַקן האָבן ביי אים געגליט. דער סודאַנער באַדינער האָט געבראַכט די הייסע מאכלים צום טיש: גע־פּרעגלטע פיש אין דענדיאייל, געבראָטענע הון מיט רייז, געריישט מיט ציבעלעס און שוואָמען.

דער גאַסט האָט זיך גענומען ווישן דעם אַרויסגעזעצטן שווייס פון שטערן מיט זיין טאַשנטיכל.

— אַ הייסער טאָג היינט — האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט שוין מער דאָ נישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

— יאָ, פאַראַיאָרן אין דער צייט, איז נישט געווען אַזוי הייס — האָט פיליפּע צוגעגעבן.

דער גאַסט האָט אַ שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז און זיך גענומען צו די געשמאַקע מאכלים. מיטן עסן איז זיין צאָרן איינגעשטילט געוואָרן. ער האָט ווידער ווי פאַרגעסן אין דעם בעל־הבית, פיליפּע, וואָס איז געזעסן ווי אַ זייטיקער אויבנאָן. די:עגאָ האָט געגעסן האַסטיק, אויסגעליידיקט די טעלערס מיט די פיש און פליישן. האָניקדיקע רייזקוכנס און צימעס־פּרוכטן פון צע־שניטענע מאַנגאָס, פּאַפּאַיאַס און מאַראַנצן. ער האָט פון צייט צו צייט אויפ־

געהויבן די אויגן צו קאטאלינא, וואס איז געזעסן שטיל, א פאראומערטע. עס איז געווען צו זען, אז ער זוכט ווערטער איר מיט עפעס אויפצוהייטערן, אז זי איז גארנישט שולדיק וואס זי האט נישט געפועלט ארויסצוקריגן געלט פאר אים פון איר מאן.

ער האט אפגעווישט די הענט, די פעטע ליפן מיט דער סערוועטקע.

— סענהאר פיליפע, קיין געשעפטן מיט סענהאר פיליפען וועלן מיר שוין אפשר נישט מאכן, אבער דאס עסן איז געווען גוט און געשמאק און פאר דעם דארף איך אייך דאנקען — האט דיעגא געזאגט מיטן פנים געווענדט צו קאטאלינא.

זי האט אויפגעהויבן אירע בליצנדיקע אויגן און באשיידן א שמייכל געטאן.

— עס פרייט מיך דאס צו הערן, סענהאר דיעגא לאווארעס.

— און איך האב געמיינט אז מיר וועלן צוזאמען א גאנצע שטאט אויפבויען, יא א שטאט אין די בערג „דיאמאנטינא", אזוי דארף הייסן די שטאט. יעדע פרוי וועט טראגן גאלדענע רינגען מיט ריזיקע דימענטן, א וועלט וועלן מיר רייך מאכן, — האט דיעגא גערעדט א באגייסטערטער און געקוקט צו קאטאלינא, וואס בלויז זי קען אים פארשטיין.

קאטאלינא האט טאקע מיט אויפגעריסענע אויגן אים געקוקט אין מויל אריין ווי זי וואלט פארכישופט געווארן פון זיינע צערייצטע רייד.

פיליפע איז שוין דא געזעסןביים טיש ווי אן איבעריקער. אט אזוי האט ער דאס פארכישופט זיין ווייב מיט די דימענטן, וואס מען דארף ערשט אויסגראבן פון די ווייטע, פארווארפענע ווילדע בערג. ער וועט נאך א גאנצע וועלט משוגע מאכן מיט זיינע איינרעדענישן. עס קען זיין, אז עס איז אפשר אמת, וואס ער זאגט, אבער פאר אים לויגט זיך עס נישט. וואס ווינציקער ער וועט זיך באגעגענען מיט דעם צעהיצטן מוח, אלץ מער וועט ער פארלירן זיין ווייב קאטאלינא, אויב ער האט זי שוין איצט נישט פארלוירן.

פיליפע האט דערפילט א מידקייט אין גאנצן קערפער, אויב ער וועט זיך איצט נישט צולעגן אויפן בעט וועט ער אין גאנצן צוזאמענברעכן.

ער האט זיך אויפגעשטעלט. דיעגא האט זיך דערמאנט, אז פיליפע איז דא ביים טיש. ער האט אוועקגעלייגט די סערוועטקע און זיך אויפגעשטעלט.

— איך וועל שוין גיין, אַז נישט וועל איך פאַרשפּעטיקן די פּראָצעסיע. היינט איז די פּראָצעסיע אַזוי רייך מיט גראַטעסק און שפּאַסערייען, — האָט דיעגאָ געזאָגט צו קאַטאַלינאַ.

קאַטאַלינאַ האָט אויפגעצאַפּלט. זי האָט זיך ראַפּטעם אויפגעשטעלט.

— יאָ, די פּראָצעסיע, — האָט זי געזאָגט און זיך ווי דערנענטערט צו אים מיט עטלעכע טריט פאַרויס.

— מיר וועלן זיך זען דאָרט, — האָט דיעגאָ געזאָגט.

— מיר וועלן זיך זען, איך וועל זיך באַטייליקן אין דער פּראָצעסיע, — האָט זי אויסגערופן מיט אַ פאַרשייטער שטים און אַרונטערגענומען די שאַל פון איר קאָפּ. די פאַרלייגטע שוואַרצע האָר פון איר שיין געפורעמטן קאָפּ זענען זיך צעפאַלן אויף אירע אַקסלען. זי האָט שטיפעריש אַ וואָרף געטאָן הינטער זיך אירע שלאַנקע הענט און אויפגעהויבן אירע פולע ברוסטן מיט צאַפּלדיקער פלינקייט.

דיעגאָ איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין צעטומלט פון איר רירעוודיקן פאַר־שייטן אויסזען.

— דאָס וועט זיין וווּנדערלעך צו זען. מען האָט מיר דערציילט, אַז אַ מאָל פלעגט דאָס גאַנצע פאָלק קומען זען די שיינע קאַטאַלינאַ. כ׳וועל זאָגן מיינע פריינד, וואָס פאַר אַ פּראָצעסיע דאָס וועט זיין — האָט ער אַ פריידיקער אויסגערופן.

פיליפּע איז געבליבן שטיין מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, מיט אַ פאַרטייעטן אָטעם.

— בלויז די נײַ־קריסטן וועלן נישט קומען. ביי אַלע אונדזערע הייליקע פייערלעכע טעג ווערן זיי פּלוצעם קראַנק, — האָט דיעגאָ געזאָגט און מיט אַ זיגערישן שמייכלעך אויף זיין פריילעך פּנים האָט ער איילנדיק פאַרלאָזט דאָס הויז.

צענטער קאַפּיטל

אין דעם גרויסן הויז פון דעם סוחר פראַנציסקאָ פיליפּע איז געווען אַן אויסגעליידיקטע שטילקייט. אַלע האָבן געהאַט פאַרלאָזט דאָס הויז. אַלע

דינערס; די קוכערס, די וועשערינס, די הויז־אויפראַמערס, די טיש־באַדי־נערס. זיי זענען אַוועק צו דער הייליקער פּראָצעסיע, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם פּלאַץ לעבן דער קירך פון הייליקן אַנטאָניאָ. בלויז ער אַליין, פיליפּע, איז אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק פון צימער צו צימער מיט אַ משוגענעם אימפּעט. ער האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט, אָנגעכאַפּט מיט זײַנע הענט דעם קאָפּ ביי די שלייפן ווי ער וואָלט געוואָלט איינשטילן דעם ווייטיק, וואָס האָט אים געדרילעוועט אין מוח.

ווי אַזוי וועט ער זיך קענען ווייזן פאַר מענטשן? באַזונדערס פאַר זײַנע פריינד, נאָך דעם ווי אַלע וועלן זיך דערוויסן, אַז זיין ווייב האָט זיך ווי אַן אויסגעלאַסענע באַוויזן מיט איר פאַרשייטער נאַקעטקייט פאַר אַלעמען אין דער ווילדער פּראָצעסיע. אַזאַ פירעכץ פּאַסט גיכער פאַר אַ הפקרדיקע גאַסנ־מויד. ווי אַזוי האָט זי דאָס זיך געקענט דערלויבן צו טאָן נאָך דעם ווי ער האָט מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט פאַר איר אַ היים, און אַ שיין בכבודיק לעבן? זי האָט זיך עטלעכע יאָר איינגעהאַלטן און געפירט מיט אים אַ שטיל, רו׳יק לעבן. ער האָט געמיינט אַז זי האָט זיך שוין געהאַט באַפרייט פון אירע הפקרדיקע יאָרן, ווען זי איז געווען ווילד און צעלאָזן. ער האָט זיך איינגע־רעדט, אַז ער האָט איינגעצוימט אירע אויסגעלאַסענע, ווילדע געבליטן, ווען ער האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב. ער האָט געמיינט אַז נאָך עטלעכע יאָר לעבן מיט אים וועט זי האָבן אַ קינד און דאָס וועט נאָך מער פאַרשטאַרקן זייער צוגעבונדנקייט. איין זאַך זעט ער איצט איין, וואָס ער האָט נאָך געהאַט שכל און זיך געהיט פאַר איר נישט אויסצוגעבן זיין אַנגעהעריקייט צו די ניי־קריסטן וואָס האָבן נישט אויפגעגעבן זייער גלויבן, די אמונה פון זייערע אָבות. עפּעס האָט ער תמיד געהאַט אַ חשד אַז זי איז נאָך נישט גרייט דאָס אויפצונעמען און זיך געהיט איר צו דערציילן וועגן זײַנע סודותדיקע פאַר־בינדונגען מיט זיי. איצט זעט ער איין ווי גערעכט ער איז געווען.

ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַז זי זאָל זיין אַזוי דרייסט, האָבן אַזאַ חוצפּה, זיך אָפן קעגנשטעלן קעגן אים אין די אויגן פון אַ פרעמדן מאַן. זי איז מער געטריי דעם פרעמדן מישלינג, דעם סאַן־פּאַולער, ווי אים, איר מאַן. עפּעס ליגט באַהאַלטן ביי זיי עפּעס אַ פּלאַן קעגן אים, וואָס ער קען נאָך נישט באַנעמען. ער זעט שוין איצט איין אַז זי איז אים נישט געטריי.

ער האָט אויפגעהאָדעוועט ביי זיך אין הויז אַ שונא קעגן זיך אַליין. זי איז שוין אין גאַנצן אונטער דער ווירקונג פון דעם פרעמדן מישלינג. ער האָט זי מיט עפּעס פאַרבלענדט, איר אַנגעטאָן אַ כּישוף קעגן אים. אַזאַ פאַרשוין קען זי נאָך אָנרייצן, זי אָנרעדן אַז זי זאָל אים פאַרמסרן, דערציילן נישט-געשטויגענע מעשׂיות קעגן אים פאַר דער מאַכט. זי קען אויך אַוועק צו דער אינקוויזיציע, וואָס דער ניי-געקומענער בישאָף זשיראָנימאָ האָט אַוועק-געשטעלט דאָ אין לאַנד. זי קען נאָך נעמען נקמה אין אים, דערציילן וועגן זיין נאָענטקייט מיט די אנוסים, די ניי-קריסטן. נאָך גוט וואָס זי ווייסט זייער ווינציק וועגן דעם לעבן וואָס זיי פירן, און אפשר ווייסט זי מער ווי ער קען זיך פאָרשטעלן, אפשר האָט ער עפּעס אויסגעפּלאַפּלט אין שלאָף. ער איז נישט לאַנג צוריק געווען אויף דער געהיימער חתונה פון דעם אַריבער-געקומענעם דאָרטע דאַ סילוואַ, וואָס איז פאַרגעקומען אין הויז פון זיין קרוב דעם אַדוואָקאַט זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ. די חתונה איז פאַר אים געווען אַ טיפע איבערלעבונג. עס האָט אים נאָך דעם לאַנג געמאַטערט, וואָס ער האָט נישט געהאַט דאָס גליק צו שטיין מיט זיין פרוי אונטער אַ חופּה. אפשר האָט ער דאָס אַרויסגערעדט פון שלאָף. ווער קען וויסן?

פון דעם טראַכטן האָט אים אַרויסגעשלאָגן אַ היץ פון קאָפּ. זיין גאַנצער קערפּער איז דורכגענומען געוואָרן מיט שרעק. ער האָט דערפילט אַ האַרץ-קלאַפּעניש אין דער ברוסט. די פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער אים. ער האָט זיך צוגעשלעפּט צום בעט פון שלאָפצימער און זיך שווער אַרונטערגעלאָזט. ער קען קריגן אַ האַרצשלאַג און קיינער איז נישטאָ אין הויז אים צו ראַטעווען.

ער טאָר אָבער נישט אַרויסווייזן קיין שׂנאה צו איר. אויב זי וועט נאָך היינט ביינאַכט אַהיים קומען נאָך דעם אַרומהוליען, דאַרף ער זיך גאָרנישט מאַכן וויסן. ער וועט זי אויפנעמען פריינדלעך ווי אַלע מאָל, ווי ער וואָלט געווען אַ נאַר און זי אין גאָרנישט חושד זיין. ער דאַרף דאָס טאָן צוליב זיך און צוליב זיינע פריינד, די אנוסים, כּדי נישט צעברעכן זייערע לעבנס. אויב מען זאָל אים פאַרנעמען צו דער אינקוויזיציע, וועט מען אים צווינגען ער זאָל זיי אַרויסגעבן, דערציילן וואָס זיי האָבן געטאָן, וואָס איז קעגן דער קירך. וועט ער האָבן כּוח דאָס ביישטיין, זיך לאָזן פּייניקן ביז אויסגיין און גאָרנישט אויסזאָגן?...

ער מוז זי אויפנעמען ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען צווישן זיי. ער וועט זיך מוזן שטאַרקן צו האָבן אַ שטיינערן האַרץ, זיך מאַכן טויב און שטום ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען. וואָרעם אויב זי זאָל אים פאַרמסרן איז ער און זיינע פריינד אין גרויס געפאַר. מען וועט זיי אַלע אַרויסנעמען פון זייערע היימען, זיי פאַרשיקן אין ליסאַבאָן, פּאָרטוגאַל, צו דער גרויסער אינקוויזיציע. קיין געזונטע, אויב עמעצער פון זיי וועט בלייבן לעבן, וועלן זיי שוין נישט צוריקקומען. ער האָט נאָך פריִער, היינט פאַר נאַכט, ביים רייכן מאָלצייט, געזען די שׂינאה וואָס זיין ווייב און דער מישלינג פון סאַן־פּאַולאָ טראָגן קעגן זיין פריינד, זיין געשעפט־פאַרבינדטן דואַרטע דאַ סילוואַ. ער האָט זיך גענומען באַרויִקן. אפשר מאַכט ער גאָר אַ טעות, אפשר מאַכט די קאַרנאַוואַל־נאַכט זיי אַלעמען פריילעך־משוגע, צערייצט זייערע צעהיצטע געבליטן און מאַרגן, איבערמאָרגן וועט זיך אַלץ איינשטילן ווי פריִער, ווי אַלע מאָל.

ערשט איצט האָט פיליפּע באַמערקט, אַז אין הויז, אין אַלע צימערן איז שטאָק פינצטער. אַרום דעם הויז, וואָס איז פאַרשאָטנט מיט געדיכטע ביימער, האָט זיך דורכגעזייט צווישן די פּאַלמעס־ביימער שפּריצן־ליכט, וואָס האָבן ווי גליִענדיקע פונקען אויפגעבליצט אויף די פענצטער. פון דאָרט האָבן זיך אויך אַהער געטראָגן ווייטלעכע, ווילדע געשרייען פון צעהוליעטן המון. מען האָט געהערט דאָס געקלאַפּערײַ פון פויקן, טאַנצן און אַן אומאויפהערלעך טרובעריי, וואָס איז געקומען פון דעם ווייטלעכן זאַמלפּלאַץ ביי דער קירך פון הייליקן אַנטאָניאָ. עס זעט אויס, אַז די פּראָצעסיע איז נאָך אין פולן גאַנג. דער אַפּהילך רייסט זיך אַריבער און בלאָנדזשעט דאָ אַהער אין דעם אַרומיקן, שטילן געגנט ווי באַהאַלטענע שדים וואָלטן מיטגעברומט מיט אַן אָפּשפּעטנדיקן געלעכטער.

פיליפּע האָט זיך אויפגעהויבן, אַרונטער פון געלעגער און זיך אָוועקגעשטעלט ביים פענצטער. פון די שכנותדיקע ווילעס, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן צווישן די פּאַלמעס־ביימער און גערטנער האָט זיך נישט געזען קיין שום ליכט ווי זיי וואָלטן אַלע געווען אויסגעליידיקט, פאַרלאָזן פון מענטשן. בלויז דער שוואַרץ אויסגעשטערנטער הימל וואָס האָט געפינקלט ווי מיט דימענטענע שפּילקע־קעפּלעך איז געווען צעגליט מיט אַ זשאַרע

טונקעלע רויטקייט און אָפּשיין פון די פלאַקערן, צעצונדענע שטורקאַצן, וואָס מען האָט געטראָגן ביי דער פייערונג. די זשאַרע רויטקייט פון הימל האָט זיך געלאָשן און ווידער זיך צעגליט ווי די צעפלאַקערטע שטורקאַצן וואָלטן נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט נאָר זיך באַוועגט מיט די מאַרשירנ־דיקע, טאַנצנדיקע, צעהוליעטע מענטשן.

אַ מאָל איז ער, פראַנציסקאָ פיליפּע אויך געלאָפן און זיך באַטייליקט אין דער פייערלעכער פּראָצעסיע, אָבער לעצטנס זינט מען האָט אָנגעהויבן העצן קעגן די ניי־קריסטן, די אָפּשטאַמיקע פון ייִדן, און די ניי־קריסטן וואָס זענען אַריבערגעקומען פון פּאָרטוגאַל, באַזונדערס דאָס חושד זיין יעדן ניי־קריסט, אַז ער פאַרלייקנט די קירך, האָט עס אים גענומען אָפּשטויסן. ער האָט גענומען אויסמיידן צו קומען צו די פייערלעכע פּראָצעסיעס. אַנשטאָט פרייד האָט עס אים פאַרשאַפט יסורים און באַליידיקונג.

איצט, אַז זיין פרוי, וואָס ער האָט אַזוי ליב און ער איז איר מיט לייב און לעבן געטריי, האָט זיך אַרויסגעלאָזט ווי אין אירע יונגע יאָרן איידער זי האָט מיט אים חתונה געהאַט, אויפּסניי אַרויסצוווייזן איר פאַרשייטקייט, איז בעסער פאַר אים נישט צו זיין דאָרט. ער ווייסט, אַז די מענער וואָס וועלן זי זען זיך פאַרשטעלן פאַר דעם יצר־הרע, וועלן ווערן ווילד און רופן צו איר מיט ניבול־פּה און די פרויען וועלן מיט גרינגער גאַל שפּייען אויף איר מיט פאַרדראָס, וואָס זייערע מענער ווייזן אַרויס אַ גלוסטעניש צו איר.

פון דרויסן האָבן זיך מיט אַ מאָל געהערט טריט. ער האָט זיך נאָך מער גענומען איינקוקן צום דרויסן. עס האָט אים גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ; אפשר האָט זי זיך באַזינען און איינגעזען, אַז זי דאַרף דאָרט נישט זיין. זי האָט זיך אפשר בלויז געוואָלט מיט אים רייצן, אַ מין פרויִשע שפּילעריי און איצט איז זי אַהיימגעקומען אים איבערצובעטן.

ער איז אָבער באַלד געוואָרן אַנטוישט און דערשלאָגן. אין דער טונקל־קייט האָט ער דערקענט דעם ווייסן לייוונטענעם כאַלאַט פון דעם סודאַנער הויז־באַדינער, וואָס האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט אַ האַר אין הויז, וווּ ער דינט, און ער דאַרף אָנצינדן די ליכט, זיין גרייט צו באַדינען איידער פיליפּע גייט שלאָפן. עס קען אויך זיין, אַז דער סודאַנער איז אַהיימגעקומען פריִער

פון אַלע הויזבאַדינערס, וואָרעם ער, פון דער היים אַ מוסלמענער, קען אויך נישט פאַרטראָגן די פרעמדע ווילדע אַרגיעס פון המון.

דער באַדינער האָט געעפנט די זייטיקע טיר וואָס האָט געפירט צום עסצימער. באַלד האָבן זיך געהערט זיינע שטילע טריט; ער האָט אָנגעצונדן ליכט. אַ טאַנצנדיקע ליכטיקייט האָט גענומען אַרומשוועבן איבער די צימערן. דער סודאַנער האָט אַרומגעטראָגן דעם אָנגעצונדענעם לייכטער, דאָס ליכט האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורך די טיר־שפּאַרונעס.

דער סודאַנער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר פון שלאָפצימער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערוויסן צי פיליפּע איז געבליבן אין הויז. פיליפּע האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ער האָט נישט געוואָלט, ער זאָל אים איצט באַגעגענען. עס איז אים געווען דערווידער און אַ בושה צו ווייזן זיין פאַר־שעמט פנים פאַר דעם באַדינער. ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי זיין ווייב וואָלט אים צווישן מענטשן געהאַט אויסגעפּאַטשט און אים באַשפּיגן און דער סודאַנער באַדינער האָט דאָס געזען. ער האָט מסתּמא אויך געזען ווי זיין ווייב האָט זיך אויפגעפירט און צערייצט דעם צעיושעטן, געמיינעם המון. דער באַדינער איז אָבער נישט אַוועק פון דער טיר. ער איז שוין געווען אַזוי נאָענט, אַז פיליפּע האָט שוין געקענט הערן זיין אָטעמען און כדי צו לאָזן וויסן, אַז ער איז אַהיימגעקומען האָט דער סודאַנער גענומען לייכט אונטער־הוסטן. אפשר וויל ער אים עפּעס זאָגן, עפּעס איבערגעבן, נאָר ער האָט נישט די דרייסטקייט צו קלאַפּן אין טיר. ער מיינט, אַז פיליפּע שלאָפט און ער וויל אים נישט אויפוועקן. פיליפּע ווייסט, אַז דער באַדינער איז זיין פריינד, ער איז אים געטריי, גיכער ווי עס איז זיין אייגן ווייב. ער האָט אים גערן צו האָבן ביי זיך אין הויז מער ווי אַלע זיינע באַדינערס. אָט נישט לאַנג צוריק האָט ער אים געגעבן אַ שטיק אויסלענדישע לייוונט, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פון מורישע סוחרים. אַזאַ מתּנה פאַרגעסט מען נישט אַזוי גיך.

דער באַדינער האָט, זעט אויס, דערשפּירט אַז זיין האַר שלאָפט נישט און האָט גענומען לייכט קלאַפּן אין טיר. איצט האָט ער שוין נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה און ער מוז אים ענטפערן. דער סודאַנער וואָלט נישט געהאַט די העזה צו קלאַפּן אין טיר אויב עס וואָלט נישט געווען זייער נויטיק.

פיליפּע האָט אויסגעגלייכט זיין כאַלאַט, פאַרגלעט די האָר פון קאָפּ, —

זאָל ער נישט זען ווי צערודערט ער איז געווען נאָך זיין ווייבס הפקרדיקן אַוועקגיין פון הויז. ער האָט געעפנט די טיר.

— זאָל מיר סענהאָר פיליפּע פאַרגעבן, האָב איך געשטערט אייער שלאָף? — האָט דער באַדינער געזאָגט און זיך אײדל פאַרנייגט.

— דו האָסט מיר נישט געשטערט. איך האָב זיך שוין גענוג אויסגעשלאָפן. איך בין געווען אַזוי מיד, אַז דער טומל אין שטאָט פון דער פּראָצעסיע האָט מיר גאָרנישט געשטערט, — האָט פיליפּע געזאָגט און אַן אויפגעהייטערט שמייכעלע האָט זיך צעלייגט אויף זיין פּנים ווי ביי איינעם וואָס פילט זיך גוט אויפגעלייגט נאָך אַ זיסן דרימל.

דער באַדינער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן.

פיליפּע האָט אים גוט באַטראַכט, געוואָלט זען אין דעם באַדינערס פּנים צי ער האָט טאַקע געזען זיין ווייבס אויפפירונג ביי דער פּראָצעסיע. דער סודאַנער האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים. זיינע שוואַרצע אויגן זענען געווען פול מיט עפּעס אַ פּחד, ווי ער וואָלט געהאַט געזען דעם טויטשאָטן פאַר די אויגן.

— וואָס האָט געטראָפן? דערצייל! — האָט פיליפּע האַסטיק געפרעגט.

— איך האָב מורא צו רעדן, מען האָט מיך געוואָרנט, — האָט דער באַדינער געזאָגט און דער מעשענער לייכטער מיט דעם אָנגעצונדענעם ליכט האָט געציטערט אין זיין האַנט.

— רעד! איך וועל דיך באַשיצן. האָב פאַר קיינעם נישט קיין מורא, קיינער וועט נישט וואַגן דיך צו טשעפּען.

דער סודאַנער האָט געקוקט אויף אים מיט זיינע מרה־שחורהדיקע אויגן; די דיקלעכע ליפּן האָבן ביי אים געציטערט.

— איך בין מיר געגאַנגען אַהיים, פּלוצעם פאַרהאַלטן מיך צוויי שטאַרקע מענער. „ביסט נישט אַ מאָל פראַנציסקאָ פיליפּעס אַ באַדינער?" „יאָ", זאָג איך צו זיי. „איך גיי איצט אַהיים פון דער פּראָצעסיע". די צוויי מענער האָבן מיך אַ נעם געטאָן ביים אָרעם ווי אין אַ קלעם. — האָט דער באַדינער געזאָגט און די שטים איז ביי אים אין מויל ווי פאַרגליווערט געוואָרן, ווי ער וואָלט נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט די שרעק, וואָס די צוויי מענער האָבן איבערגעלאָזט אין אים.

— ווער זענען די מענער? קענסטו זיי? — האָט פיליפּע אויסגעשריִען מיט פאַרדראָס.

— ניין מיין האַר, סענהאָר פיליפּע. איך קען זיי נישט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז זיי זענען פון דער, — ...ער האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן צי עמעצער הערט זיך נישט אונטער און שטיל ווי איינגערוימט אַ סוד. — איך האָב ביי איינעם באַמערקט אַ צלם נאָכהענגען אונטערן מאַנטל. זיי מוזן זיין פון דער אינקוויזיציע. אפשר מאַך איך אַ טעות?

פיליפּע האָט איינגעהאַלטן אַ זיפץ, וואָס האָט זיך געשטיקט ביי אים אין קול.

— וואָס האָבן זיי געוואָלט פון דיר? — האָט פיליפּע געפרעגט מיט אַ שוואַכער שטים, — דו האָסט זיך שוין לאַנג געטויפט און פירסט זיך ווי אַ קריסט.

— זיי האָבן מיך געפרעגט עפּעס מאָדנע פראַגעס. וואָס האָב איך זיי געקענט זאָגן, וואָס ווייס איך ווי עס פירט זיך מיין האַר ווען ער איז אַליין אין זיין צימער? — האָט דער סודאַנער זיך ווי פאַרענטפערט.

— דערצייל אַלץ, האָב נישט קיין מורא. — האָט פיליפּע געזאָגט און אַ פאַרגליווערט, ביטער שמייכעלע האָט זיך צעלייגט אַרום זיינע ליפּן.

— זיי האָבן געוואָלט וויסן צי די ניי־קריסטן קומען דאָ אין הויז אַריין, צי איר פירט זיך ווי אַ ייִד, צי איך גיב אייך פרישע וועש פרייטיק פאַר נאַכט אָדער זונטיק, — האָט דער דינער שטיל געזאָגט און געהויבן די אַקסלען און געמאַכט אַ פרעגנדיקע גרימאַסע אויפן פּנים.

— צי איר פירט זיך ווי אַ ייִד? ווי אַזוי פירט זיך אויף אַ ייִד, האַ? — האָט פיליפּע געפרעגט ווי זיך אַליין און אַ בייזע גרימאַסע האָט אויסגעקרימט זיין פּנים.

— איך ווייס גאָרנישט פון די זאַכן. איך אַליין האָב מורא צו בעטן צו אַללאַ ווען מענטשן זעען... — האָט דער סודאַנער אַ דערשראָקענער צענומען די הענט און געוויזן די העלקייט פון זיינע ריינע דלאָניעס.

— אָט אַזוי, דו ווייסט פון גאָרנישט, — האָט פיליפּע געזאָגט און אַוועקגעשפּאַנט צוריק טיפער אין שלאָפצימער און געלאָזט די טיר אָפן צו ווייזן, אַז ער וועט זיך מער נישט צולייגן אויפן בעט ווייטער צו שלאָפן.

דער באַדינער האָט אַוועקגעשטעלט דעם דריי־רערנדיקן לייכטער אויף אַ קאָמאָד און שלאָבעריק אַוועקגעשפּאַנט צו דעם טייל הויז, ווו די שקלאַפן האָבן געוווינט ווי אויך די הויז־באַדינערס.

נאָך זיין אַוועקגיין האָט פיליפּע דערפילט אַ חלשותדיקע שוואַכקייט אין זיין קערפּער, וואָס האָט אונטערגעבראָכן זיינע פיס, און אַ צעמישעניש אין קאָפּ. די שטוב, דאָס מעבל האָבן זיך געוואַקלט מיט אים. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף אַ שטול, אַריינגענומען דעם קאָפּ צווישן די הענט און צוזאַמענגעדריקט די אויגן־לעפּלעך. אויף אַזאַ אומגליק האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט געמיינט, אַז דער סודאַנער האָט עפּעס צו דערציילן וועגן דער פּייערלעכער פּראָצעסיע, וועגן זיין ווייבס אויפפירונג, לאָזט זיך אויס, אַז זי איז דאָרטן אין גאַנצן אפשר נישט געווען. זי איז, קען זיין, געגאַנגען מיט איר פריינד, דעם סאַן־פּאַולער מישלינג, אים פאַרמסרן פאַר דער אינ־קוויזיציע און די אינקוויזיטאָרן האָבן שוין אַרויסגעשיקט זייערע משרתים אים אונטערצוזוכן, געפינען עדות־מוסרים, ווי אַזוי מען פירט זיך ביי אים אין הויז. זיי זוכן גוטע עדות, אויסער זיין פרוי, קעגן אים, מען זאָל אים קענען אַוועקשיקן קיין ליסאַבאָן צום אינקוויזיציע־טריבונאַל. זיין ווייב קאַ־טאַלינאַ אַרבעט שוין מעשים פון אים פּטור צו ווערן. זי וויל אים ירשענען, אַריינקריגן זיין אָנגעהאָרעוועט פאַרמעגן אין אירע הענט כדי צו קענען העלפן דעם אַוואַנטוריסט פון סאַן־פּאַולאָ, ער זאָל זיך מיט זיין געלט קענען אַרויסלאָזן זוכן גאָלד און דימענטן אין די בערג.

עס קען געמאָלט זיין, אַז נאָך היינט ביי נאַכט וועט מען אים קומען אַרויסנעמען פון בעט. זיי זענען זיכער, אַז אין מיטן נאַכט איז די בעסטע צייט ווען ער וועט זיך געפינען אין שלאָפצימער אַ שלאָפנדיקער אין זיין בעט. עס איז גוט, וואָס דער געטרייער סודאַנער האָט אים איבערגעגעבן, אַז מען האָט אים אויסגעפּרעגט וועגן אים, פיליפּע, כדי אים צו רויִנירן, כאָטש ער ווייסט, אַז דאָס קען אויך זיין אַן אומגליק פאַר אים, דעם סודאַנער, וואָס ער האָט נישט געהאָרכט זייער וואָרענונג גאָרנישט דערציילן זיין האַר.

ער טאָר אָבער נישט בלייבן זיצן אַ צעשמעטערטער, האָט פיליפּע געטראַכט. ער מוז זיך גלייך אָנטאָן און אַוועק פון הויז כדי צו וואָרענען

זיינע פריינד וועגן דער געפאַר, וואָס זיין ווייב און אירע פריינד גרייטן צו אַ פאַרשווערונג קעגן אים און קעגן די אַנדערע אנוסים. אַ גרויס אומגליק גייט אויף זיי. ער וועט זיי וואָרענען, אַז עס קומט אַ סוף צו יענער גוטער צייט, ווען מען האָט געמיינט אַז דאָ אין דעם וויַיטן לאַנד פון קינהאָלץ און צוקעררויר, פון גאָלד און דימענטן, אין דער פּאָרטוגעזישער קאָלאָניע וועט מען, אויב נישט אָפן, כאָטש באַהאַלטענערהייט, קענען זיך פירן ווי אַ מאָל זייערע עלטערן האָבן זיך געפירט אָפן אין רעציפע, ווען די האָלענדער האָבן געהערשט.

ווי עס זאָל זיין, וועט ער נישט נעכטיקן ביי זיך אין הויז. אַזוי לייכט וועט זיי נישט אָנקומען אים צו נעמען. ער האָט זיך האַסטיק געגומען אָנטאָן, ער האָט אויף זיין אַקסל אָנגעטאָן אונטערן טוניק אַ לעדערנעם ביַיטל, אים אָנגעפילט מיט גאָלדענע מטבעות און צירונג וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין הויז. ער וועט דערמיט האָבן מיט וואָס צו לעבן און דעם גרעסטן טייל זען ערגעץ ווו צו באַשטאַטן. ער וועט דאָס נישט איבערלאָזן פאַר זיין פרוי, זי זאָל קענען לייכט אַרומהוליען.

ער איז געוואָרן רויק, די שרעק וואָס האָט אים געהאַט אין גאַנצן באַהערשט איז ביסלעכוויַיז פאַרשוווּנדן. ער האָט בלויז געפילט אַ צאָרן, וואָס האָט אים געמאַכט קריצן מיט די ציין. ער האָט געפילט אַ האַס צו אַלע וואָס לאָזן אים נישט לעבן, וואָס זוכן נאָר חטאים צי ער איז גענוג פרום, צי ער האָט טאָקע אויסגעמעקט אין זיך אַלע געוווינהייטן, אַלע מנהגים, וואָס זיינע עלטערן האָבן אים געלערנט. אין דער אמתן מיינען זיי זיין געלט, זיין האָב און גוטס, וואָס ער האָט מיט שווערער מי אָנגעזאַמלט. ער האָט זיך באַמיט זיך צו זיין ערלעך. איז קיינעם גאָרנישט שולדיק. ער האָט געגעבן גענוג מתנות פאַר דער קירך אין זיין פּאַראַפיע, מער ווי אַ סך אַלטע קריסטן. ער האָט געטיילט צדקה אומעטום דער ערשטער, זיין פרוי, די געבוירענע קריסטין, האָט אים פיל מאָל פאַרגעוואָרפן, אַז ער וואַרפט זיך צו פיל מיט געבן געלט פאַר דער קירך. צי שאַצן זיי דאָס אָפּ? וואָס זאָל ער טאָן, אַז זיין פאָטער און ער זענען געבוירן געוואָרן ייִדן. צי קען ער דען אַלץ אויסשניידן פון האַרץ. זיין פאָטער איז נישט אַוועק מיט זיין משפּחה פון רעציפע ווען אַ היפּשע צאָל ייִדן זענען אויף שיפלעך אַנטלאָפן ווי נאָר זיי האָבן געקענט,

אַבי זיך צו ראַטעווען, ווען די האָלענדער האָבן פאַרלאָרן די מלחמה מיט די פּאָרטוגעזער.

זיין פאָטער באַגלייך מיט פיל ייִדן האָבן געהאָלפן אויפבויען דאָס לאַנד, געבראַכט רייכטימער, געפירט האַנדל מיט אויסלאַנד, אויפגעקויפט דאָס קינהאָלץ, געבויט צוקער־פלאַנטאַציעס. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן עכטער פּאָרטוגעזערין פון פּראָסטן פאָלק. וואָס נאָך ווילן זיי פון אים? ער האָט געלעבט מיט איר עטלעכע גוטע יאָר. זי איז אים דוכט זיך געווען איבערגעגעבן און איצט האָבן זיי דאָס אַלץ צעשטערט, צעבראָכן זיין היים. וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער קען פאָרט נישט פיינט האָבן זיינע ברידער, די ייִדן, די נאָווע־קריסטיאַנס, וואָס ראַנגלען זיך פונקט ווי ער, וואָס קענען זיך נישט אָפּגעווינען פון זייערע אַמאָליקע פּירונגען, וואָס זייערע עלטערן האָבן אין זיי איינגעפלאַנצט. ער ווייסט, אַז אויב די אינקוויזיטאָרן וועלן אים כאַפּן, וועלן זיי אים מיט פּייניקונגען צווינגען, ער זאָל מסרן זיינע פריינד ווי זיין אומווערדיק ווייב ווערט דאָס טאָן. ער וועט אָבער קיין מאָל זיינע פריינד נישט אַרויסגעבן כדי צו ראַטעווען זיין לייב.

ער האָט אַרויפגעצויגן זיין כאַלאַט אויף די אַקסלען, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברייטן פּאַסיק אויף זיין טוניק, אָנגעהאָנגען אַ שטילעט, ער זאָל זיך קענען באַשיצן פון אָנפאַלערס. ער האָט שטיל געעפנט די טיר, דער באַדינער זאָל נישט דערהערן און איז פאַמעלעך אַרויס פון הויז.

אין דרויסן האָט ער זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהערט צי עמעץ אַ נאָכשפּירער געפינט זיך נישט אַרום דעם הויז. עס איז געווען פינצטער, בלויז דאָ און דאָרט האָט פון טייל הייזער, שכנותדיקע ווילעס, אַרויסגעפינקלט אַן אָפּשיין פון טריבע, צאַנקענדיקע ליכט. דער הימל איז שוין געווען אויסגעלאָשן, שוואַרץ אָנגעפּיקעוועט מיט קאַלטע, שטעכיקע שטערן.

פון דער ברייטער קירכגאַס, וואָס האָט געפירט צו דער סאַנט־אַנטאָניאָ־פּראַסאַ, האָט זיך נאָך געטראָגן אַ טומל. קליינע גרופּעס צעהוליעטע מענטשן האָבן געשפּאַנט אַהיים. טייל האָבן געזונגען, געברומט, נאָכגעמאַכט מיט ווילדע קוויטשערייען כלערליי חיות און פויגלען. אַנדערע האָבן געזעצט מיט שיכורע, הייזעריקע קולות, געקלאַפּט מיט טאַצן, מיט בלעכענע טעפּ, געטרובעט מיט קופּער־בלעכענע טראָמפּייטלעך.

די גרופּעס, גאַנצע משפּחות, האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן די זייטיקע געסלעך. טייל זענען פאַרשוווּנדן אין די אַריינגאַנגען צו די הייזער און אַנדערע האָבן זיך ווייטער געשלעפּט. זייערע געשרייען האָבן זיך מיט אַ ווידערקול געטראָגן צווישן די ווילעס אַריבער די פּאַלמעס־ביימער וואָס אַ מאָל אַלץ ווייטער אַוועק.

פיליפּע האָט זיך געשאַרט לעבן די ווילעס־פאַרצוימונגען לעבן די פּלויטן וואָס האָבן אַרומגערינגלט די הייזער, די גערטנער. ער האָט כסדר געקוקט הינטער זיך צי עמעץ גייט אים נאָך, ער מוז נאָך היינט ביי נאַכט זען דעם אַדוואָקאַט מענדעס דאַ סילוואַ. ער וועט אים איבערגעבן אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים היינט ביי נאַכט. כאָטש ער, מענדעס דאַ סילוואַ איז נישט געווען אויף דער חתונה פון זיין קרוב דואַרטע דאַ סילוואַ, וואָס זיין ווייב לאָורענסיאַ האָט דורכגעפירט, וועט ער אים וואָרענען, אַז זיין גאַנצע משפּחה איז אין געפאַר.

עס קען זיין, אַז ער וועט דאָרט ביים אַדוואָקאַט אויך טרעפן זיין פריינד דואַרטע, וועלן זיי אַלע באַטראַכטן וואָס זיי קענען טאָן זיך צו ראַטעווען פון אַן אומגליק. ער וועט אויך איבערגעבן זיין געלט און צירונג דעם אַדוואָ־קאַט און אים אָנזאָגן, אַז מיט דעם געלט זאָל ער זען אים צו באַפרייען פון זיינע באַצווינגערס ווען די אינקוויזיטאָרן וועלן אים פאַרנעמען אין זייערע אינקוויזיציע־קאַמערן. אויב עס וועט נישט העלפן, זאָל ער דאָס געבליבענע געלט און צירונג צעטיילן צווישן זיינע געפּלאָגטע ברידער, די ניי־קריסטן, ער וויל נישט, וועט ער אים זאָגן, אַז דאָס געלט זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון זיין ווייב, אָדער צו די אינקוויזיטאָרן.

ביי דער ריאַ־בראַנקאַ, ווו עס האָבן געוווינט די פאַרמעגלעכסטע איינ־וווינערס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז עמעצער שפּירט אים נאָך. ער האָט זיך אומגעקוקט. איז עס נישט אַ מאָל דער אָפּהילך פון זיינע אייגענע טריט, וואָס ער הערט? ער האָט צוגעוואַרט אַ ווײַלע, אפשר איז גאָרנישט גוט ער זאָל אַריינגיין שפּעט ביי נאַכט צו דער דאַ סילוואַ־משפּחה? עס וואָלט גלייך אויסגעטייטשט געוואָרן פון זיינע נאַכשפּירערס, אַז ער האָט געהיימע עסקים מיט זיי, וואָס ער דאַרף דורכפירן ביי נאַכט ווען קיינער זעט נישט.

עס איז אים ווידער געקומען אויפֿן געדאַנק זיין סודאַנער באַדינער, וואָס די אינקוויזיציע־משרתים האָבן אים אויסגעפּאַרשט. זיי וועלן שוין זיכער אונטערזוכן זיין הויז. זאָלן זיי קומען צו אים. זיי וועלן דאָרט נישט געפֿינען קיין שום סימן, קיין שום איבערבלייבעניש פֿון די טייערע אַמאָליקע חפצים, וואָס זיין זיידע און פֿאָטער, די שטייער־אויפֿמאָנער פֿון מאַריצשטאָט אין רעציפֿע האָבן אים געהאַט איבערגעלאָזט. עס איז ביי אים געהאַט געבליבן אַ פּסחדיקע קערה מיט טשיקאַווע קופּערשטיקן, וואָס ער, פֿיליפּע, האָט שוין נישט געקענט איבערלייענען, ווי אויך אַ זילבערנער כּוס, אַ קיטל מיט אַ גאָלדיק אויסגעשטיקטן שאַל, וואָס זיין זיידע האָט געטראָגן פּסח־נאַכט און אין די ימים־נוראים. זיין ווייב, די פּאָרטוגעזערין, האָט דאָס אַלץ אויסגע־רוימט, פֿאַרטאַכלעוועט, אָדער פֿאַרקויפֿט צו די צירונג־הענדלערס. ער, פֿיליפּע, האָט זי גאָרנישט געוואָלט איבערפֿרעגן וועגן דעם, זי זאָל נישט טראַכטן און פֿאַרדעכטיקן, אַז ער בענקט נאָך זיי...

פֿיליפּע האָט שווער אָפּגעדעכעט. אויב די אינקוויזיציע־משרתים ווילן אים איצט פֿאַרנעמען איז ער גרייט, נאָר אויב דאָס זענען אַנפֿאַלערס, רויב־ערס, וועט ער זיך ווערן קעגן זיי. ער האָט צוגעדריקט זיין האַנט צום פּאַסיק ביי זיינע לענדן און שטייף אָנגענומען דאָס הענטל פֿון זיין שטילעט. ער האָט גענומען גיין פֿאַזע דער שטיינערנער מויער פֿון דער קאַמאַראַ־קירך פֿון וואַנען עס האָבן צו אים דערגרייכט שטילע טריט. איצט האָט ער שוין דייט־לעך דערזען ווי צוויי מאַנאַכן האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די ריזיקע קירכטירן. פֿון דער וויטנס האָט ער בלויז געקענט זען, אַז דאָס זענען יונגע מאַנאַכן מיט שוואַרצע בערדלעך. פֿון אונטער זייערע קאַפּעלעך אויף די קעפּ האָבן אַרויסגעשטייגט קורץ געשוירענע האָר גלייך געשניטן אַרום און אַרום דעם אייבערשטן קאָפּטייל, ווי אַ קאַלפּאַק. פֿון דער זייט איבער זייערע לאַנגע ברוין־מאָנאַכישע כאַלאַטן האָבן זיך נאָכגעבאַמבלט זייערע גאַרטלען מיט גרויסע נאָכהענגענדיקע צלמים.

נאָך אַ ווײַלע שטיין ביי דעם טויער האָט מען פֿון אינעווייניק געעפֿנט אַ שמאָלע טיר. אַ טריבע ליכטיקייט פֿון אַ פֿאַרקאָפּטשעטער לאָמטערנע האָט אַ שיין געטאָן איבער דעם אַריינגאַנג. די מאַנאַכן זענען אַריין און די טיר האָט זיך מיט אַ סקריפּ צוגעמאַכט.

פּיליפּע האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און אַ באַרויקטער זיך געלאָזט צום הויז פון מענדעס דאַ סילוואַ, אַ קורצע שטרעקע נאָך דער קאַמאַראַ־קירך.

טיף אין גאָרטן צווישן די געדיכטעביימער איז דאָס גרויסע הויז פון דעם אַדוואָקאַט דאַ סילוואַ געשטאַנען ווי באַהאַלטן פון דער דרויסנדיקער גאַס. בלויז איין קליין פענצטערל אין דער זייט פון גאָרטן האָט נאָך אַרויס־געשיינט מיט אַ שיטערער ליכטיקייט, וואָס האָט צעוואָרפן צאַפּלענדיקע שאָטנס אויף די בלעטער. פּיליפּע האָט געוווּסט, אַז דאָס ליכט קומט פון מענדעס דאַ סילוואַס ביוראָ־צימער, ווו ער האָט ליב שפּעט אין דער נאַכט צו פאַרפאַסן הימנען מיט לויב־געזאַנגען צו דער קירך, מיט פאַרגעטערונג צו דער מוטער מאַריאַ און צום יעזוס־קינד. פּיליפּע האָט צו זיך אַ שמייכל געטאָן; וואָס פאַר אַ ביטערער חוזק דאָס אַלץ איז. ער, מענדעס דאַ סילוואַ, באַמיט זיך צו געפינען חן אין די אויגן פון זיינע שכנים, צו שאַפן אַ וואַרעם געפיל צו אים צווישן גלחים און מאָנאַכן, אָבער זיי פאַרדעכטיקן אים, אַז ער פאַלשעוועט. דער קלוגער אַדוואָקאַט מאַכט זיך אַזוי צום נאַר מיט זיינע הילפלאָזע פלוידערייען. ער מיינט עס ערנסט און זיי, די יעזויטן, די אינקוויזיטאָרן, אַרבעטן מיט זייער גאַנצן קלאָפּערגעצייג ווי אַזוי חרוב צו מאַכן זיין הויז, זיין היים און אויף אייביק רוינירן זייער לעבן.

פּיליפּע איז פּאַמעלעך אַרויפגעגאַנגען די עטלעכע טרעפּ צום אַריינגאַנג פון הויז. ער האָט שטיל געגומען קלאַפּן אין טיר מיט דעם מעשענעם קלאַפּער. צוליב דער קאַרנאַוואַל־פּראָצעסיע איז נאָך די אַם ראַמאַליאַ נישט געשלאָפן. זי האָט געעפנט אַ שפּאַלט פון דער טיר און אַרויסגעקוקט.

— אַלע שלאָפן שוין, סענהאָר, קומט מאָרגן, — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט מיט אַ שעפּטשענדיקער שטים, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט קיינעם אויפוועקן.

— דאָס בין איך, פּיליפּע, איך מוז זען דעם אַדוואָקאַט דאַ סילוואַ. אין זיין צימער איז נאָך ליכטיק. ער שלאָפט נאָך נישט.

ראַמאַליאַ האָט אויסגעריבן מיט די פינגער אירע פאַרשלאָפענע אויגן, אים שאַרפער אָנגעקוקט, איר שטרענג פּנים איז געוואָרן מילדער. זי האָט געקוקט אויף אים אַ דערשטוינטע, ווי זי וואָלט זיך אַליין נישט געגלויבט צו זען פּיליפּע אַזוי שפּעט קומען צו איר באַלעבאָס.

— אָ, סענהאָר פּיליפּע, איך גיי לאָזן וויסן סענהאָר דאַ סילוואַ, אַז איר

ווילט אים זען, — האָט זי געזאָגט און זיך געלאָזט טיפער אַריין אין קאָ־רידאָר.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און ער האָט געזען אָנקומען מיט פלינקע טריט זיין פריינד, דעם אַדוואָקאַט מענדעס דאַ סילוואַ. די טיר האָט זיך בריים געעפנט.

— אָ, פראַנציסקאָ! וואָס ברענגט אייך אַזוי שפעט צו מיר? האָט דער קאַרנאַוואַל אייך אַזוי פאַרשיכורט, אַז איר ווייסט שוין נישט ווי אַזוי צו גיין אַהיים און פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז? — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט אין אַ שפאַסיקן טאָן, אָבער אין דער שטיקנדיקער טרוקנקייט פון זיין קול האָט זיך געמערקט, אַז ער פילט, אַז דאָס קומען פון פיליפען צו אים אַזוי שפעט ביי נאַכט איז גאָר זייער ערנסט.

— יאָ, דער קאַרנאַוואַל, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, קען איך זיך אָפּרוען אין אייער שטודיר־צימער? — האָט פיליפע געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים און געמאַכט עטלעכע וואַקלענדיקע טריט טיפער אַריין אין קאָרידאָר.

ער האָט איצט ווירקלעך אויסגעזען פאַרשיכורט. די אַם ראַמאַליאַ האָט אַ שמייכל געטאָן און זיך מיט שווערע טריט געלאָזט צו דער זייט פון דעם עסצימער, דעם ווייטלעכן טייל פון דער דינערשאַפט.

ביידע מענער האָבן זיך געלאָזט צו דאַ סילוואַס ביוראָ־צימער. דער אַדוואָקאַט האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און מער גאָרנישט געפרעגט. ער האָט זיך שוין משער געווען אַז עפּעס האָט מיט פיליפע געטראָפן אַ נישט אָנגענעמע זאַך.

זיי זענען אַריין אין צימער, וואָס איז געווען באַלויכטן פון אַ דריי־רערנדיקן לייכטער. פיליפע איז שווער, ווי אַריינגעפאַלן אין דעם ווייכן פאָטעל־שטול, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער שאַנק מיט ביכער, קעגן איבער דעם שרייבטיש.

פיליפע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. ער האָט געפילט אַ קלעמעניש ביים האַרץ. ער האָט שווער געטראַכט ווי אַזוי אים איבערצוגעבן וועגן דעם אומ־גליק מיט זיין ווייבס שינאה צו אים, וואָס זי איז אויסן אים צו רויִנירן. דער אומגליק וועט אויך דערגיין צו זיין משפחה, זיין ווייב לאַורענסיאַ און דאָס נייע פּאָרל וואָס האָבן אין געהיים חתונה געהאַט. עס קען אויך זיין, אַז ער

ווייסט אפשר נישט וועגן דעם. איז אויב די משפּחה האָט עס אים נישט איבערגעגעבן, צי מעג ער מיט אים וועגן דעם רעדן?

דער אַדוואָקאַט מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך אַ פּאַרטראַכטער געגלעט זיין לענגלעך, צוגעשניטן, שוואַרץ גאָמבע־בערדל, זיינע פאַרשפּיצטע וואָנ־צעס. זיין אויסגעצויגן פּנים איז געוועזן אומרויִק, די אויגן וואַך, נייגעריק ווי ביי איינעם, וואָס איז גרייט און דאַרף אויפנעמען אַן ענין, וואָס באַרירט יענעם און ער איז בלויז דער אָפּשאַצער און פּאַרטיידיקער.

פיליפּע האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך. ווי אַזוי קען ער זיצן אַזוי רויִק אין זיין שטודיר־צימער, אַ פּאַרגלויבטער, אַז אים קען גאָרנישט געשען? און אפשר איז עס בלויז אַן אָנשטעל, ווייל אויך ער מוז וויסן, וואָס עס גרייט זיך אויף אים, באַזונדערס פאַר זיין ווייב לאָורענסיאַ.

— איך בין אייך מקנא, מענדעס דאַ סילוואַ, וואָס איר קענט אַזוי רויִק זיצן אין אייער קאַבינעט, שטודירן, לייענען און שרייבן אייערע הימנען, — האָט פיליפּע געזאָגט און מיט די אויגן אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די שענק ביכער מיט גלעזערנע שויבנטירן, ווו מען האָט געקענט זען די טייערע לע־דערנע איינבונדן פול מיט געזעץ־ביכער און ווערק פון גריכישע און רוי־מישע דענקערס און שרייבערס, וואָס מען זעט עס נישט אַפילו אין די רייכסטע הייזער אין ריאָ.

— דאָס איז דאָך מיין פּראָפעסיע. אונדזערס אַן אַדוואָקאַט מוז דאָך זיין באַוואָפנט מיט אַ סך וויסן, זיך צו קענען ווערן קעגן אַזוי פיל גייציקע און אַזוי פיל רשעות אַרום, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט מיט אַ באַשיידענער שטילקייט און דערביי הנאהדיק געטאָן אַ זיפצל, וואָס פיליפּע שאַצט אָפּ זיין געלערנטקייט.

— איך מיין, איר ווילט גאָרנישט וויסן, וואָס אַרום טוט זיך, איך מיין אין אייער אייגן הויז, — האָט פיליפּע שטיל געשעפּטשעט, די שאָטנס זאָלן נישט דערהערן און דערביי מיט באַדויער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך ווייס, איך ווייס אַלץ. איך ווייס אויך וועגן דער חתונה, וואָס מיין ווייב האָט אָפּגעשפּילט אַן מיר, אַן מיין וויסן. עס זאָל נאָר אויסגיין צום גוטן. נו, איר זענט דאָך אויך דערביי געווען, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט און שווער, אַן אָנשטעל טיף אָפּגעזיפצט, — לויט די אינקוויזיטאָרישע געזעצן דאַרף איך

זי און איך מסרן, קען איך אַזוינס טאָן? — האָט דאָ סילוואַ געפרעגט און ווי אַ פאַרצווייפלטער צענומען די הענט.

— וווּ ווײנט ס׳פּאַרל? איך מײן, ביז דער עפּנטלעכער חתונה אין קירך...

— אַ, זי? דערווייל אַזוי ווי פריער, ביידע אין הויז, אין באַזונדערע צימערן, פאַרשטייט זיך. זי איז מיט דער מוטער, מרים. מען דאַרף זיך היטן פאַר דער דינערשאַפט ווי פאַר פייער... — האָט דאָ סילוואַ געזאָגט און דער שטערן האָט זיך ביי אים געררונצלט מיט אַ טיפער זאָרג.

— אַט וועגן דעם בין איך דאָס געקומען איך וואָרענען, — האָט פיליפע אַרויסגעפּלאַצט.

— וואָס? מען ווייסט שוין, עמעץ האָט אויסגעפּלאַפּלט, אָדער געמסרט? נו, נו, מער דאַרפן זיי נישט, זיי וואַרטן אויף דעם מיך צו רויִנירן, — האָט דאָ סילוואַ זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט ביים קאָפּ און דאָס לענגלעכע רייטערלעכע גאָמבע־בערדעלע האָט ביי אים אונטערגעציטערט.

— ס׳האַלט נאָך נישט אַזוי ווייט. דערווייל האָט מען זיך גענומען צו מיר. צוויי פאַרשוינען, ווייזט אויס, אינקוויזיציע־אַגענטן האָבן אָפּגעשטעלט מיין סודאַנער באַדינער און אויסגעפרעגט וועגן מיין באַהאַלטן ייִדישקייט, צי איך מייד אויס צו אַרבעטן שבת, צי איך טו אָן ריינע וועש פרייטיק — האָט פיליפע אים דערציילט.

— נישטאָ וועט עס זאָל לאַכן, — וואָס פאַר אַ ייִדישקייט קען דאָס פירן דיין קריסטלעך, פאַרטוגעזיש ווייב? צו דער טיר אָנקלאַפּן אַ מזוזה, ווייסט זי נישט וואָס דאָס מיינט, חזיר־פלייש פרעסט איר ביידע. און אַליין זענט איר דאָך אויך נישט פון די איינגעשפּאַרטע ייִדן, — האָט דאָ סילוואַ געזאָגט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז ער דאַרף זיך גאָרנישט זאָרגן.

— וואָס פאַר אַ ייִד בין איך טאַקע, ווייס איך אַליין גאָרנישט. נאָר אַ מאָל גיט עס מיר אַ ריס ביים האַרצן, ווען איך דערמאָן זיך אין מיין טאַטנס יאָר־צייט. זיין אָנזאָג צו היטן שבת, אָנטאָן אַ פריש העמד, און אַז עס קומט אָן יום־כּיפּור ציטערט אין מיר די נשמה, אַז גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן און איך וויל פאַסטן, קען איך דאָס טאָן? מיין ווייב שטאָפּט מיך מיט חזיר־פלייש, ניין, קיין איינגעשפּאַרטער בין איך קיין מאָל נישט געווען, — האָט פיליפע שווער אָפּגעזיפצט.

— יאָ, אָט די איינגעשפּאַרטע, די אַבערגלויביקע אין מיין משפּחה וועלן אונדז נאָך אַלעמען ברענגען אויפן פייער, — האָט דאַ סילוואַ אַ קרעכץ געטאָן.

— ניין, ניין, נישט יעדער קען זיך פאַרגלייכן צו זיי. זיי האָבן גאָט אין האַרצן. זיי זענען מיר אַלע ליב ווי אייגענע ברידער.

— יאָ, יאָ, צוליב אונדזערע ווייבער זענען מיר אין אַ קלעם, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט מיט אַ קרעכצנדיקער שטים.

— איך האָב טאַקע בלויז מורא פאַר מיין ווייב. זי איז מיר נישט געטריי, זי וויל מיך מאַכן פאַר אַן אָרעמאַן. זי האָט זיך פאַרלייגט צו העלפן דעם סאַן־פּאַולער אַוואַנטוריסט, וואָס האָט איר איינגערעדט גאָלדענע גליקן. ער וויל זיך אַרויסלאָזן אין די בערג מיט זיין באַנדע צו געפינען גאָלד און דימענטן, — האָט פיליפּע אים געגומען דערציילן.

— נו, ביסט גרייט אַריינצוברעקן געלט? — דוּאַרטע האָט זיך מיט מיר באַראָטן, ער וויל נישט געטרויען דעם מישלינג, — האָט דער אַדוואָקאַט אים אויפגעקלערט.

— אָט דאָ ליגט אונדזער אומגליק. איך האָב אים היינט אָפּגעזאָגט. נישט איך קען אים געבן געלט, און איך קען נישט און וויל נישט באַווירקן דוּאַרטען ער זאָל דאָס טאָן. מיין ווייב איז אַ ברוגזע אַוועק מיט אים... — האָט פיליפּע געזאָגט און אַ פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

וואָס איך הער? זי איז אַוועק מיט דעם היצקאָפּ וואָס קיינער וויל מיט אים נישט האָבן קיין עסקים, — האָט זיך דאַ סילוואַ געוווּנדערט.

— מיין שרעק איז, אַז זי קען מיך מסרן, זיין אַן עדות קעגן מיר און אפשר ווייסט זי עפּעס, כ׳מיין די געהיימע חתונה, אָדער עפּעס ענלעכס.

דער אַדוואָקאַט איז אַ פּאַרציטערטער אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— וואָס, איר האָט עפּעס דערציילט? עפּעס פאַרטרויט? מאַן און ווייב אויפן געלעגער רעדן אַ מאָל אַרויס נאַרישקייטן, יאָ? — האָט ער געפרעגט מיט אַן איינגעצאַמטן כּעס.

— ניין, ניין, איך האָב איר גאַרנישט פאַרטרויט. איך נעם זי קיין מאָל נישט מיט צו אונדזערע באַגעגענישן. זי האָט מיך אפשר געהערט רעדן פון שלאָף, עפּעס וואָס... איך ווייס?... זי וועט שוין עפּעס אויסטראַכטן אַ ליגן,

זי איז אויסן מיך צו רויִנירן, — האָט פּיליפּע געזאָגט און איינגעהאַלטן אַ זיפץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרץ.

— אויסטראַכטן? אין אַ געריכט דאַרף מען פאַקטן, באַווייזן. איך קען אַלץ אָפּווישן, זיי מאַכן צום נאַר, — האָט דאַ סילוואַ זיך אַ שטעל געטאָן מיט אַן אַדוואָקאַטישער פּאָזע און אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיטן ווייזפינגער פאָרויס.

— יאָ, פאַקטן? באַווייזן? די אינקוויזיציע רעכנט זיך מיט פאַקטן? — האָט פּיליפּע צו זיך גערעדט און געהאַלטן שווער געזונקען דעם קאָפּ.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך ווידער אָוועקגעזעצט און באַטראַכט פּיליפּען צו דערגיין ווי וויט ער איז פאַרקראָכן אין זיין אומגליק, וואָס קען אויך דערגיין צו אים.

— איז דען עמעץ נאָכגעגאַנגען אַהער?

— איך ווייס נישט אויף זיכער, מיר האָט זיך אויסגעדוכט. אָבער דאָס זענען געווען שטילע מאָנאַכן פון דעם דע־קאַמאַראַ־קלויסטער. — פּיליפּע האָט זיך אַ שלאָבעריקער אויפגעשטעלט. ער האָט שוין דאַכט זיך אַלץ איבערגעגעבן און זאָל ער וויסן ווו עס האַלט. ער האָט צעעפנט זיין כאַלאַט, אַרונטערגענומען זיין לעדערנעם בייטל מיטן געלט און עס אַוועקגעלייגט אויפן שרייבטיש.

— אין קען דאָס געלט מער נישט האַלטן ביי זיך, נעמט דאָס, איך געטרוי אייך. אויב מען וועט מיך דאַרפן באַשיצן, פאַרטיידיקן, נוצט וויפל איר דאַרפט, דעם רעשט צעטיילט צווישן אַנדערע. ווי עס זעט אויס, וועלן אַנדערע אויך דאַרפן הילף.

דאַ סילוואַ האָט אים גאָרנישט געענטפערט. ער איז געזעסן מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. ער האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל איינגעשרומפּן געוואָרן.

פּיליפּע האָט זיך איינגעהילט אין זיין כאַלאַט און פאַמעלעך, שטיל אָן אַ וואָרט, זיך אַרויסגערוקט פון צימער.

דער אַדוואָקאַט האָט אים נישט צוריקגערופן. ער האָט אַפילו אין זיין פאַרטראַכטקייט נישט באַמערקט ווען פּיליפּע איז אַרויס פון צימער.

אין דרויסן איז די פינצטערע נאַכט געווען אַזוי געדיכט שוואַרץ, אַז עס

האָט געגומען אַ ווײַלע צו שטעלן טריט פאַרויס. די שאָטנס פון די געבויגענע פּאַלמעס האָבן אים געשראָקן. זיי האָבן אויסגעזען ווי מענטשן, געשטאַלטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס וואַרטן דאָ אים אַרומצורינגלען, אים אַרײַנצונעמען אין זייערע נעצן.

ער האָט אַ דערשראָקענער צוגעוואַרט, זײַנע אויגן זאָלן זיך צוגעוווינען צו דער פינצטערניש. די אָנגעפּיקעוועטע שטערן אויפן שוואַרצן הימל האָבן זיך שפּיזלדיק דורכגעשטאָכן צווישן די ביימער און אַ ביסל אויפגעהעלט די סטעזשקע וואָס האָט געפירט צו דער ריאָ בראַנקאָ.

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך מיט אונטערגעבראָכענע פיס, ווי איינער וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט און ער איז אַזוי מיד, אַז ער ווייסט שוין נישט צי ער דאַרף גיין רעכטס אָדער לינקס. עס איז אים געווען אַלץ איינס ווו ער זאָל גיין, אַז אומעטום לויערט אויף אים די געפאַר אַרײַנצופאַלן אין די הענט פון די אינקוויזיטאָרן. זאָל ער גיין אַהיים און וואַרטן ביז מען וועט אים קומען נעמען, אָדער זאָל ער אפשר גיין צום פּאָרט ווו ער האָט זײַן ביוראָ און דוואַרטע דאַ סילוואַס סחורה־לאַגער און דאָרט איבערנעכטיקן, אָדער זיך באַהאַלטן צווישן די אָנגעלייגטע סחורות, וואָס דוואַרטע האָט געבראַכט פון ליסאַבאָן, אויב די האַפן־וועכטער וועלן אים זען האָט ער זיך נישט וואָס צו שרעקן. זיי קענען אים שוין פון פיל יאָרן האַנדלען ביים פּאָרט.

ער האָט אָנגערירט דאָס בינטל שליסלען פון סחורה־לאַגער וואָס האָבן נאָכגעהאַנגען ביי דער זייט פון זײַן לעדערנעם פּאַסיק. אויב עס וועט נאָך זײַן אָפן ביים האַפן אַ קעלערדיק טרינקהויז, וועט ער אַרײַנגיין און זיך גוט אָנטרינקען מיט אַ שטאַרקן קרוג ווײַן. עס קען זײַן, אַז אין אַזאַ נאַכט נאָך דער קאַרנאַוואַל־פּייערונג וועט ער נישט דאַרפן צו לאַנג זוכן. ער האָט זיך געלאָזט אַרונטער פון דער ריאָ־בראַנקאָ צו אַ פּאַרטונקלט געסל צום פּאָרט.

דאָס געסל איז געווען שמוציק, די וואַסער־לוזשעס אָנגעוואָרפן מיט מיסטאָפּפאַל האָבן פאַרשפּרייט אַן אַוויר מיט אַ פוילנדיקן גערוך. דאָ און דאָרט זענען אָפּגעריסענע בעטלערס און שיכּורים געלעגן לעבן די אויסגעהוילטע לעכער אין די ווענט פון די מאַסיווע שטיינערנע סחורה־לאַגערן, וואַרשטאַטן פון כּלערליי צעכן, שעכטהייזער, שינדערייען, גאַרבערייען, זאָטל־

מאַבערס. אויף די ליידיקע פּלעצער צווישן די געביידעס האָבן טייל בעטלערס געצונדן פייערן מיט די אָנגעוואָרפענע שטיקער האָלץ און זיך געוואַרעמט ביי די פלאַמען. אַנדערע האָבן געבראָטן שטיקער פלייש, פיש. דער סמאַלענ־דיקער, פרעגלענדיקער גערוך פון דעם אָפּגערונענעם פעטס האָט אָנגעפילט די לופט מיט אַ שטיקעניש.

ער האָט שוין געשפּירט דעם זאַלציקן און פוילנדיקן געשטאַנק פון ים־וואַסער ביים ברעג און געזען די סילועטן פון די זיך וויגנדיקע שיפן, וואָס זענען געשטאַנען פאַראַנקערט ביים האַפן.

ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און מיט זיכערע טריט אַריין אין האַפנ־סקווער. ביים פאַנטאַן אין מיטן דער פּראַסאַ, זענען געשטאַנען מענטשן זיך אָנצוטרינקען. אַנדערע האָבן אָנגעפילט זייערע קענדלעך, קרוגן און זיי גע־טראָגן אַהיים. טייל סחורה־לאַגערן זענען נאָך געשטאַנען אָפן, באַלויכטן ביי די אַריינגאַנגען מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנעס, שוואַרצע שקלאַפן האָבן געטראָגן זעק, קאַסטנס מיט סחורה און זיי אָנגעלאָדן אויף גרויסע פלאַט־פאָרמעס.

דאָ ביים האַפן האָט זיך פיליפּע געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, ווייל דאָ האָט ער פאַרבראַכט אַ גרויסן טייל פון זיין לעבן. ער האָט זיך געלאָזט צום דאַ־סילוואַ־סחורה־לאַגער. ער האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט. לעבן דער פאַרמאַכטער, טויערדיקער טיר זענען געשטאַנען צוויי מענער און געוואַרט ביי דעם פאַרשלאָסענעם אַריינגאַנג. ווער קען דאָס זיין? עס דוכט זיך אים נישט אויס, דאָס וואַרט מען טאַקע אויף אים, ווי מען וואָלט געוווסט, ווו עס געפינט זיך זיין צווייטע היים, אויסער זיין הויז. ער האָט אַן אויפ־געציטערטער גענומען גיין אויף צוריק, הינטערווייַלעכץ ווי צו פאַרשווינדן אין דעם זייטיקן פינצטערן געסל און זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן אין אַ לאָך צווישן די געביידעס.

די צוויי מענער, אָנגעטאָן אין קורצע טוניקעס מיט אָנגעהאַנגענע לויזע מאַנטלען, מיט ברייטע קאַפּעלירשן אויף די קעפּ, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט פיסטאָלעטן, וואָס האָבן נאָכגעהאַנגען ביי דער זייט פון די ברייטע לעדערנע פּאַסיקעס אויף זייערע לענדן. עס האָט נישט געהאַט קיין זין צו אַנטלויפן. דאָס וואָלט נאָך ערגער געמאַכט זיין מערכה.

ער איז געבליבן שטיין פאַרטייעט מיט אַ טויטשרעק ווי אַ פאַרצאַפּלט באַשעפעניש, וואָס דערפילט, אַז עס איז אין אַ פּאַסטקע לעבן מויל פון זיינע פאַרטיליקער. די מענער האָבן מיט האַסטיקע טריט ווי אַנפאַלערישע מחבלים זיך דערנענטערט צו אים.

עלפטער קאַפּיטל

נאָך דעם ווי פיליפּע האָט געהאַט פאַרלאָזט דאָס הויז, איז זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ געבליבן זיצן אין פאָטעל אַ צעשמעטערטער. ער, דער רויקער אַדוואָקאַט, וואָס האָט אַלע מאָל פאַר זיך און פאַר זיינע קליענטן גענוג איינפאַלן און געפינט עצות זיך אַרויסצודרייען פון כלערליי צרות, האָט נאָכן פאַרטרויענדיקן שמועס מיט פיליפּע זיך פּלוצעם דערפילט נעבעכדיק פאַרלוירן. ער איז תמיד געווען זיכער, אַז צו אים און צו זיין הויז וועט נישט דערגיין קיין שום חשד, אַז ביי אים ווערט געפירט אַ געהיים יידיש לעבן. ער האָט מיט אַ מאָל דערשפּירט, אַז עס שפּרייט זיך אויס אַ נעץ אַרום אים און זיין הויזגעזינד, וואָס וועט חרוב מאַכן זיין היים, אַז אויך ער און נישט בלויז זיין ווייב לאָורענסיאַ, וואָס ער איז קעגן אירע פּירונגען, קען פאַרשלעפּט ווערן צו דער אינקוויזיציע.

אַ בריענדיקע היץ האָט אים געשלאָגן צום מוח. ער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. עס איז נישט בלויז די פּייניקונגען, די יסורים, וואָס ער וועט דאַרפן דורכמאַכן, ווען זיי וועלן אים אָוועקנעמען צו דער אינקוויזיציע, נאָר אויך זיין פּרעסטיזש, זיין אָנזען, און זיין נאָמען וועט דערנידעריקט און באַשמוצט ווערן. ער וועט שוין אויף שטענדיק האָבן אַ שאַנדפלעק, וואָס וועט מיט אים מיטגיין זיין גאַנץ לעבן. קיין שום כּוח, קיין שום רייניקונג, תשובה טאָן וועט עס נישט קענען אָפּווישן. שולדיק איז נאָר זיין פרוי לאָורענסיאַ און איר גאַנצע משפּחה, וואָס ווילן נישט פאַרשטיין, אַז פאַר זייער שטייגער לעבן איז מער נישטאָ קיין אָרט. צי זעט זי דען נישט איין, אַז פון יאָר צו יאָר האַלט מען אין איין אויסרוימען, אויסרייסן מיטן וואָרצל די אַלע, וואָס אויף זיי פאַלט דער מינדסטער חשד, אַז זיי היטן אָפּ יידישע מינהגים אין געהיים, און זיי ווערן גלייך פאַרשיקט קיין ליסאַבאָן

צו דער אינקוויזיציע. מען רעכנט זיך נישט מיט קיין יִחוס אָדער אָנזען.

ער, מענדעס דאַ סילוואַ, האָט געטאָן אַלץ צו זיין גלייך ווי אַלע איינ־וווינערס אין שטאָט. ער האָט זעלטן פאַרפעלט די זונטיק־מעסע אין קירך און אַלע חגאות און ער גיט מתנות מיט אַ ברייטער האַנט פאַר די קירכעס, קלויסטערס און פאַר די מאָנאַכישע אָרדנס. ער פאַרפאַסט הימנען, וואָס די כאָרן זינגען אין די קלויסטערס, אָבער זיין פרוי צעשטערט אַלץ. מען גלויבט אים נישט, אַז ער איז געטריי צו זיין נייעם גלויבן. וואָס קען ער אָבער טאָן? ער קען זיך נישט צעשיידן מיט איר. ער וועט נישט קענען לעבן איין טאָג אויב עס זאָל עפּעס געשען מיט איר. ער וואָלט אַליין פריִער געגאַנגען צום פייער פון אויטאָדאַפע פאַרקוילט צו ווערן, איידער עפּעס אַרויסגעבן וועגן איר, וואָס קען איר פאַרשאַפן יסורים. ער ווייסט אַז אָן איר האָט זיין לעבן גאָרנישט קיין ווערט.

ער האָט שווער אָפּגעדעכעט און זיך פאַמעלעך אויפגעשטעלט. ער וועט אַריין אין זיין שלאָפצימער, אויב לאָורענסיאַ שלאָפט נאָך נישט, וועט ער זי וואָרענען וועגן דער נייער געפאַר. אפשר וועט דאָס ווירקן, אַז זי זאָל זיין מער אָפּגעהיט און זיך אין גאַנצן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ די פאַרעלטערטע יידישע פירונגען, וואָס ברענגען בלויז אומגליק. אויב זי וועט נישט אויפ־געבן אירע געהיימע באַגעגענישן מיט די באַהאַלטענע יידן, וועט זי זיך אַליין לייגן אויפן פייער פאַרקוילט צו ווערן און נאָך מיטשלעפּן אַנדערע, און איר גאַנצע משפּחה.

אין הויז איז געווען שטיל. אַלע זענען שוין געשלאָפן, בלויז פון דרויסן האָט זיך געהערט אַ ווינטלדיק גערויש, וואָס האָט זיך געטראָגן צווישן די ביימער, געפלאַטערט אויף די שויבן, אַזש די טיולענע פאַרהאַנגען האָבן אונטערגעצאַפּלט.

דאַ סילוואַן האָט זיך פּלוצעם געדוכט, אַז ער הערט טריט ווי עמעצער וואָלט זיך געשאַרט אין גאָרטן צווישן די פאַלמעס, צווישן קוסטעס אַרומען הויז. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס פיליפּע האָט אים דערציילט, אַז מען איז אים נאָכגעגאַנגען דאָ אַהער ביז צום הויז, אָבער שפּעטער האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. אפשר איז דאָס שוין גאָרנישט געווען קיין טעות? מען שפּירט שוין אים אויך נאָך, מען וויל וויסן ווער

עס קומט צו אים; מען וויל וויסן מיט וואָסערע מענטשן ער, דאַ סילוואַ, האָט צו טאָן, באַזונדערס ביי נאַכט. פּיליפּעס האַסטיק קומען צו לויפן צו אים ביי נאַכט, ווען מיינסטנס איינוווינערס און אויך פּיליפּעס ווייב זענען אַוועק צו דער קאַרנאַוואַל־פּראָצעסיע, קען זיכער אַרויסרופן אַ חשד אויך אויף זיין הויז, אויף אים, אַז ער פירט מיט דעם פּיליפּע געהיימע געשעפטן.

עס זעט אָבער אויס, אַז פּיליפּע האָט לענגער נישט געקענט וואַרטן ביז אין דער פרי. זיין שרעק איז נישט קיין אויסגעטראַכטע. עס קען גריילעך זיין, אַז גלייך נאָכן פאַרלאָזן דאָס הויז האָט מען אים שוין צוגענומען און אַריינגעזעצט אין די אינקוויזיציע־קעלערן.

דאָס דערמאָנען זיך וועגן דער אינקוויזיציע האָט אים פון דאָס ניי באַהערשט מיט שרעק. ווי וועט זיין, אַז מען וועט פּיליפּען פּייניקן און ער וועט אַרויסגעבן זיין ווייב לאָורענסיאַ און איר משפּחה, אַז זיי האָבן געפּראַוועט אַ יידישע חתונה ביי אים אין הויז. און כּדי צו באַווייזן, אַז ער, מענדעס דאַ סילוואַ, איז אין גאַנצן אומשולדיק וועט ער נישט קענען זאָגן, אַז ער ווייסט גאָרנישט וועגן אַזאַ חתונה, אַז אין יענער וואָך איז ער גראָד געווען צוליב סוחרישע אונטערנעמונגען אין „מינאַס געריאַס״. אַזאַ באַווייז קען אים גאָרנישט העלפן. די כיטרע אינקוויזיטאָרן וועלן אים נאָך מער חושד זיין, אַז ער איז בכיוון אַוועקגעפאָרן פון דער היים כּדי זיי אָפּצונאַרן, אַז ביי אים אין הויז וועט גאָרנישט פאָרקומען. ער קען בלויז מיט אַזאַ אויסרייד ברענגען נאָך מער שאָדן זיך און זיין משפּחה. עס קען אָבער אויך זיין, אַז פּיליפּע וועט האָבן כּוח ביישטיין דעם ביטערן נסיון און זיי גאָרנישט איבערגעבן, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אים אין הויז אין יענער נאַכט פון דער געהיימער חתונה.

מענדעס דאַ סילוואַ איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, צוגעפּרעסט זיין פּנים צו דער שויב און אַרויסגעקוקט. ער האָט בלויז געזען די לאַנגע שאָטנס פון די ביימער, די פּאַלמעס האָבן זיך געוויגט מיט זייערע האַרטע שטאַמען. ווייט אַוועק פון הויז אַרום דער „פּראַסאַ״, ווו עס איז פאָרגעקומען די פּראָצעסיע, איז דער הימל נאָך אַלץ געווען אָנגעגליט מיט אַ זשאַרער רויטקייט פון די פלאַקערנדיקע שטורקאַצן. פון דאָרט האָט זיך אויך אַהערגעטראָגן אַ טומל, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט איינגעשטילט און זיך ווידער אויפ־

געהויבן מיט געשרייען און ווילדע געלעכטערס. עס האָט אויסגעזעהן, אַז די מענטשן גייען שוין אַהיים מידע, צו זייערע שטובן, מענטשן פריילעכע, וואָס וויסן נישט פון אַזעלכע אַנגסטן, וואָס ער, דאַ סילוואַ, לעבט איבער.

ער איז אַזוי געשטאַנען אַ לאַנגע ווילע צוגעדריקט זיין שטערן צו דער שויב און געקילט די היץ, וואָס האָט אים געבריט אין קאָפּ און געהאַמערט אין די שלייפן.

ער האָט מיט אַ מאָל דערהערט טריט הינטער זיך. ער האָט אויפגעצאַפּלט און זיך אַפּגעריסן פון פענצטער. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער טיר. ביי דער שוועל איז געשטאַנען זיין ווייב לאָורענסיאַ, אַנגעטאָן אין איר וויסן נאַכטהעמד באַזוימט מיט ברייטע געפאַלדעוועטע שפּיצן. פון אונ־טער איר ווייסער קופקע האָבן זיך אַרויסגעזען אירע לאַנגע, צעשויבערטע, טונקעלע האָר, וואָס האָבן פאַרהילט אירע בלאַסע, איינגעפאַלענע באַקן.

— זשואַן!? — האָט זי אַ דערשראָקענע אויסגערופן און אין איר טאָן איז אויך געווען אַ פראַגע, פאַר וואָס ער שטייט עפּעס ביי נאַכט ביים פענצ־טער און קוקט אַרויס צו דער פינצטערניש ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט, אָדער דערוואַרט.

— אַ, לאָורענסיאַ טייערע! דו שלאָפסט נאָך נישט? דו ווייסט דאָך אַז אין שטאָט איז היינט אַ פריילעכער טומל, — איך קען נישט שלאָפן און אויך נישט אַרבעטן, — האָט ער געזאָגט מיט אַן איינגעצוימטן רויִקן טאָן, נישט אַרויסצורופן ביי איר קיין שרעק. אויב ער מוז זי וואָרענען וועגן דער געפאַר, וואָס באַדראָט זיי, וועט ער דאָס דאַרפן טאָן מאַרגן אויף אַ רויִקן אופן. עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז פיליפּע האָט זיך אומזיסט געשראָקן. ער דאַרף דאָך נישט אַרויסרופן קיין מורא, וואָס זאָל שטערן איר שלאָף און זי קראַנק מאַכן.

— זשואַן, איז עמעצער דאָ געווען ביי דיר? — איך האָב געהערט ווי ראַמאַליאַ האָט געעפנט די טיר און גערעדט מיט עמעצן, — האָט לאָורענסיאַ געפרעגט און אים אַנגעקוקט מיט פאַרשנדיקע אויגן.

— אַ, פיליפּע איז דאָ געווען. ער האָט אויפגעמאָנט אַ גרויסע סומע געלט. זיין ווייב און די דינערשאַפט האָבן פאַרשלאָסן זיין הויז און זיך אַוועק־געלאָזט צו דער פּראָצעסיע. אין אַזאַ נאַכט האָט ער מורא צו טראָגן געלט מיט זיך, האָט ער דאָס מיר געגעבן צו האַלטן פאַר אים.

— אַ, זיין ווייב. עס ציט זי צו די ביליקע פאַרגעניגנס, איך געדענק, וואָס זי איז אַ מאָל געווען, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און געכאַפּט אַ קוק צום שרייבטיש ווו עס איז געלעגן פיליפּעס לעדערנער בייטל. איר בלאַסער שטערן האָט זיך געגומען קנייטשן ווי זי וואָלט עפּעס שווער נאָכגעטראַכט.

— עפּעס פאַרשטיי איך נישט. דו זאָגסט מיר נישט דעם אמת. דיינע צוגעטראַכטע תירוצים זענען מיר נישט קלאָר געגוג אַרויסצוקריגן דעם ריינעם אמת, — האָט זי געזאָגט און זיך צוגערוקט פון דער שוועל נענטער צו אים. זשואַן מענדעס האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ און אומרויִק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? ס׳ערשטע מאָל קומט פיליפּע צו אונדז ביי נאַכט? ווער האָט אים פאַרבעטן צו דער חתונה ביי נאַכט, וואָס דו האָסט אויף גיך אַריינגעכאַפּט און געפּראַוועט אָן מיין וויסן? — האָט ער שוין ווי אָן אויפגערעגטער גערעדט.

— וואָס פאַר אַ חתונה? — האָט זיך לאַורענסיאַ געמאַכט ווי זי פאַר־שטייט נישט וואָס ער מיינט.

— יאָ, די ריכטיקע חתונה. די גאַנצע שטאָט ווייסט שוין וועגן דעם, בלויז איך דאַרף נישט און טאָר נישט וויסן, — האָט דאַ סילוואַ אָפּגעזיפצט און זיך אַ שווערער אַרונטערגעלאָזט אין פאָטעל און אַראָפּגעלאָזט שלאַבעריק די הענט.

לאַורענסיאַ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אָבער זיך גלייך איינגעצוימט. זי האָט געמאַכט עטלעכע טריט נענטער צו אים און מיט איר האַנט אים לייכט אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— מיין טייערער זשואַן, קיינער ווייסט נישט פון דער חתונה. אויב פיליפּע שרעקט זיך, איז עס צוליב עפּעס אַנדערש. אפשר צוליב זיין ווייב?

זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ, דער שאַרפער אַדוואָקאַט, האָט אומבאַהאָלפן אויפגעהויבן צו איר דעם קאָפּ, געקוקט מיט שרעק אין אירע פייכטע ברוינע אויגן. ער האָט צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איר האַנט, — פון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער, אַז קיינער ווייסט נישט?...

— מיר האָבן געמאַכט אַלע באַוואָרעניש, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט מיט איר באַרויִקנדיקן קול.

— נישטאָ קיין זיכערקייט קעגן מוסרים, וואָס די אינקוויזיטאָרן שאַפן. טייל טוען דאָס פון שרעק, און אַנדערע צוליב שׂינאה, — האָט ער גערדרייט אַן אומזיכערער מיטן קאָפּ, — אויב איך ווייס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מיין הויז און לאָז נישט וויסן וועגן דעם דער אינקוויזיציע, בין איך אַליין אויך אַ שולדיקער, — האָט ער מיט אַ דערשראָקענער שטים צוגעגעבן.

— נישט קיין מוסרים וועלן אונדז אומברענגען, נאָר די איינגערעדטע שרעק.

— איינגערעדטע שרעק? אַז מען איז נישט שולדיק, שרעקט מען זיך נישט, — האָט דאָ סילוואָ ווייטער גערעדט מיט אַן אויפגערעגטן קול און גיך אָפּגעהאַקט ווי ער וואָלט אַליין דערפילט, אַז ער זאָגט נישט דעם אמת, וואָרעם אויך אומשולדיקע ווערן פאַרשלעפּט צו דער אינקוויזיציע.

— ווער איז נאָך אַזוי אומשולדיק ווי דו? דו ביסט אַ געטרייער באַזינגער פון יעזוסן, פון מאַריאַ און דאָך שרעקסטו זיך און דו וואַרפסט באָך אַן אַן אימה אויף מיר.

— דו שמייכלסט? האָסט גאָרנישט קיין מורא פאַר די רוצחים? טוסט זאַכן הינטער מיין פּלייצע, גרייטסט צו אַן אומגליק פאַר אונדז. איך זאָל נאָר נישט זיין קיין נביא, דער צאָרן זאָל זיך חלילה נישט אויסגיסן אויך אויף אונדזערע קינדער.

לאָורענסיאַ האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט פון אים.

— די שרעק מאַכט פון דיר אַ תל, זי מאַכט דיך פאַר אויס מענטש.

דאָ סילוואָ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיינע הענט האָבן שלאַבעריק אַרונטערגעהאַנגען צום דיל.

— קום זשואַן, קום שלאָפן, מאָרגן וועסטו אויפשטיין אַ דערפרישטער און דיין איבערגעטריבענע מורא וועט פאַרשווונדן ווערן, — האָט זי געזאָגט און אים אָנגענומען ביים אָרעם. דאָ סילוואָ האָט זיך שווער אונטערגעהויבן און זיך געלאָזט פירן אַרויס פון זיין קאַבינעט־צימער. זיי זענען געגאַנגען שטיל דורכן קאָרידאָר צו זייער שלאָפצימער.

דאָס ליכט פון איילעמפּל איבער דער קליינער קאַפּליצע, איינגעמויערט אין דער ווינקלוואַנט, וואָס האָט באַהילט די מוטער מאַריאַ מיט דעם פּעט־

לעבן יעזוס־קינד, האָט שטענדיק געצאַפּלט איבערן קאָרידאָר. זשואַן האָט פרום געגומען פּרעפּלען:

— זיס קינד, הייליקע מוטער, העלף אונדז, העלף אונדז קעגן די רוצחים, קעגן די מוסרים.

— דו רעדסט עפּעס ווי אַט שטייען שוין די אינקוויזיטאָרן ביים טיר, איז וואָס קען שוין דיר אַ געטשקע העלפן? אַלע רציחות טוען זיי דאָך אין זיין און אין איר נאָמען, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט מיט אַן אויפגערעגט קול און זיך אָפּגערוקט פון אים.

— ש...ש...ש! ווערסט נאָך אויפוועקן די קינדער, — האָט ער מיט כעס אַ שושקע געטאָן און נאָך שטילער זיך גיך געגומען שלייכן צו זייער שלאָפ־צימער. ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און צוגעוואַרט אויף לאַורענסיאַ.

פון די קינדערס שלאָפצימערן האָט זיך נישט געהערט קיין שאָרך. אַלע זענען האַסטיק געשלאָפן. בלויז פון דאָרטע דאַ סילוואַס צימער, וואָס איז געווען ביים סאַמע סוף פון קאָרידאָר האָט זיך געטראָגן אַ שטיל, קוויקנ־דיק געלעכטער. עס איז געווען קלאָר אַז די יונגע גראַסיאַ איז אַריבער פון איר מוטערס שלאָפצימער צו איר מאַן דאָרטע, צו זיין מיט אים ביחידות ביי נאַכט, ווען קיינער באַמערקט נישט. לאַורענסיאַס פּנים האָט זיך צע־שמייכלט מיט אַן אויפגעלויכטענער פרייד. זי האָט האַסטיק אַ נעם געטאָן איר מאַן ביים אָרעם און זיי זענען אַריין אין זייער שלאָפצימער.

אין צימער איז געווען פינצטער, בלויז דאָס בעט מיטן ווייסן איבערבעט האָט אַרויסגעהילט. לאַורענסיאַ איז גיך אַריין אין בעט און זיך איבערגעדעקט ביז אַריבערן האַלדז מיטן ווייסן צודעק.

— נו, זעסט שוין, וואָס דו האָסט אויפגעטאָן; האָסט זיי חתונה געמאַכט, מעגן זיי שוין, הייסט עס, לעבן ווי מאַן און ווייב בסוד, די דינערשאַפט וועט גלייך צעפּויקן וועגן זייער פּירונג, אַז זיי לעבן אויסגעלאַסן, האַלטן נישט פון פראַוזען אַ חתונה אין קירך. מען וועט שוין יעדן גלויבן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ יידישע חתונה, — האָט זשואַן געריעדט מיט פאַרדרוס.

לאַורענסיאַ איז געלעגן שטיל. ער האָט זיך פּאַמעלעך געגומען אויסטאָן די קליידער, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז ער וועט שוין נישט שלאָפן די נאַכט

פון גרויס עגמת־נפש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויך זי, זיין ווייב לאָורענסיאַ, שלאָפט נישט. זי ליגט מסתמא אַ דערדריקטע. זי פאַנעמט שוין אויך, אַז קיין גוטס וועט פון אַזאַ פירונג נישט אַרויסקומען. מען קען זיי אַלע חושד זיין, אַז די משפחה איילט זיך נישט צו פראַוון אַ חתונה אין קירך. אַ ייִדישע צערעמאָניע איז פאַר זיי געגוג.

— דו שווייגסט, האַ? בין איך אפשר נישט גערעכט?

זיין פראַגע איז געבליבן הענגען אין דעם פינצטערן צימער.

— דו שלאָפסט? — האָט ער שטיל געפרעגט.

אויב זי האָט געקענט מיט אַזאַ רויִק געמיט איינשלאָפן, וועט ער זי ניט איבערוועקן. זי פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט די גרויסע געפאַר וואָס לויערט אויף זיי פון אַלע זייטן. מען קוקט נאָך זייער פירעכץ דורך די שליסל־לעכער פון זייערע טירן, דורך די שפאַרעס. נישטאָ מער קיין באַהעלטעניש פאַר די אינקוויזיטאָרן און זייערע מלשינים.

ער איז צו צום בעט, זיך איינגעהערט אין איר לייכט אָטעמען. עס זעט אויס, אַז איר איינגעגלויבטקייט, איר עקשנות האָבן פאַרגליווערט מסתמא אירע געפילן. זי ווייסט נישט און פאַרשטייט גאַרנישט זיין האַרצקלעמעניש.

איר קערפּער האָט זיך מיט אַ מאָל האַסטיק אַ באַוועג געטאָן, ווי זי וואָלט גאָר די גאַנצע צייט געוועזן וואַך און בלויז זיך געמאַכט אַז זי שלאָפט און אַז זי איז נישט באַזאָרגט.

— איך שלאָף נישט, זשואַן. איך טראַכט אַז דו ביסט גערעכט. זיי דאַרפן זיך היטן פאַר דער דינערשאַפט, די נישט־פאַרגינערישע שקלאַפן, אַפילו פאַר דער געטרייער ראַמאַליאַ. איך וועל וואָרענען גראַסיאַ און דו רעד מיט דואַרטען.

— וואָרענען איז נישט געגוג. מען דאַרף שוין באַזאָרגן און צוגרייטן די חתונה־צערעמאָניע אין קירך, איידער די באַרעדעריי, די מסירות וועלן דערגיין צו דער אינקוויזיציע. אַז זיי וועלן נעמען פאַרשן, וועלן זיי שוין עפּעס געפינען קעגן אונדז.

דאַ סילוואַ האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט לעבן איר. דער גערוך פון איר וואַרעם לייב האָט אים דערמונטערט. זי האָט זיך אָבער געהאַט אויס־געדרייט פון אים ווי זי וואָלט מער נישט געוואָלט הערן פון זיינע וואָרענישן.

עס האָט אים ווי געטאָן וואָס זיין ווייב ווערט אים פרעמד, וואָס זי האָט פאַרלוירן איר לוסט צום לעבן. ער קען זיך אָבער נישט העלפן. ער מוז איר אויפוויזן כדי זי זאָל האָבן אַ באַגריף וואָס עס קומט פאַר אַרום זיי. זי איז מער אין הויז, פאַרנומען מיט די קינדער, מיט די באַדינערס, מיט דער משפּחה, אָבער ער, ווי דער אַדוואָקאַט דאַ סילוואַ, קומט צווישן מענטשן סוחרים, פלאַנטאַטאָרס, באַנקירן, אונטערנעמערס, מלוכה־לייט, אַוואַנטור־ריסטן, גלחים, מאַנאַכן סיי היגע פון ריאָ און סיי פון פּאָרטוגאַל. ער ווייסט ווי עס האַלט דער קלימאַט, און וואָס עס קען ברענגען מיט דער צייט. זיין ווייבס פירונגען און די אַלע ניי־קריסטן, וואָס מיינען, אַז דאָ אין דער נייער וועלט וועלן זיי קענען לעבן ווי זייערע עלטערן אַ מאָל, אַ מאָל אין פּערנאַמ־בוקאָ, ווען די שוועדן זענען דאָ געווען, אַפילו דאָ לעבן בלויז אין געהיים, מאַכן זיי אַ ביטערן טעות. דער נייער בישאָף מיט זיינע אינקוויזיטאָרן זענען געקומען זיי אַלעמען אויסצוראָטן און ער, דאַ סילוואַ, וויל מער נישט זיין קיין קרבן.

באַלד צו מאָרגנס אין דער פרי וועט ער אַוועק צום הויפּט־גלח פון דער „גלאָריאַ דאַ אוטעריאַ״־קירך, די שענסטע און רייכסטע פון שטאָט אויפן גלאָריאַ־באַרג, ווו ער, באַגלייך מיט די פאַרנעמסטע משפּחות, זענען דאָרט מיטגלידער. ער וועט באַשטימען דעם נאָענטסטן טאָג דורכצופירן די חתונה־צערעמאָניע פון גראַסיאַ מיט זיין קרוב דואַרטע מיט גרויס פּאַראַד און אַלעמען פאַרמאַכן די מיילער...

ער וועט פאַרבעטן צו דער שׂמחה אַלע זיינע פריינד, די חשובסטע מש־פּחות פון דער שטאָט: די באַנקירן, מאַנאַכן פון אַ צאָל אָרדנס, די סוחרים, שיפס־קאַפּיטאַנען, די צעכפריינד: אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, — ער וועט זען צו וויכן פון די ניי־קריסטן. אויב עס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט געטויפט זיין ניי־געבוירן ייִנגל זשאָזע און דעמאָלט האָבן זיך די חשובע, פאַרבעטענע געסט מיט פאַרשידענע תּירוצים אָפּגעזאָגט צו קומען, וועט ער דאָס מאָל טאָן מיט אַלע תּחבולות, אַז די חתונה זאָל זיין אַ גרויסער דערפאָלג.

די זיסע טראַכטענישן אויף זיין געלעגער האָבן אים געהאַלטן וואַך. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט, נאָך דער טויף־צערעמאָניע פון זיין

יינגעלע זשאָזע, זענען צו דער פֿייערונג ביי אים אין הויז געקומען בלויז די נייַ־קריסטן און די, וועמען ער האָט באַגערט צו האָבן ביי זיך אויף דער שׂמחה האָבן אים דעמאָלט פֿאַרשעמט. זיי האָבן זיך נישט געוואָלט צונויפֿ־קומען מיט די געוועזענע ייִדן. איצט וועט עס זיין אַנדערש, זיין רייכן קרובֿ דואַרטעס נאָמען וועט אים זיין ביַיהילפֿיק. אַלע ווייסן ווי די קאָלאָניע אין דעם נייעם לאַנד ווערט באַרייכערט מיט די נייע סחורות, וואָס ער ברענגט פֿון דער אַלטער היים, די שענסטע מעבל פֿאַר די רייכע הייזער, די פּאָרטוגעזישע בלויע קאַכליעס פֿאַר די פּאַלאַצלעך, היינט די לאַדונגען מיט מאַטעריאַלן, וואָס ער שיקט אַהיים: דאָס בראַזיל־האָלץ פֿאַר די פֿאַרב־פֿאַבריקן און קינג־האָלץ, גאָלד און דימענטן וואָס מען האָט אַנטדעקט אין די בערג פֿון וועלכע דאָס קעניגרייך נעמט אַ גרויסן חלק שטייער פֿון זיינע פֿאַרדינסטן. איצט רייסן זיך אַלע אונטערנעמערס און אויך אוואַנטוריסטן ער זאָל אַריינלייגן געלט אויסצוגראָבן די נייע געפֿינסן, די דימענטן. מיט אַ מענטש פֿון אַזאַ פֿאַרנעם קען מען זיך נישט אַרומשפּילן און אויסמיידן נישט צו קומען צו זיין שׂמחה.

ער וועט גלייך באַשטימען ביי דעם בעסטן שניידער פֿערנאַן גאָמעס פֿון דער „פּראַסאַ" ביים פּאָרט צוצוגרייטן די רייכסטע קליידער פֿאַר דער גאַנצער משפּחה ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ חתונה. ער האָט שוין געוואָלט גלייך זאָגן זיין ווייב, וואָס ער האָט אויספּלאַנירט. ער האָט זיך צוגעבויגן צו איר און זיך איינגעהערט צו איר שלאָפֿנדיק אָטעמען. איר קאָפּ איז געווען טיף איינגעגנורעט אין קישן, פֿאַרהילט מיט אירע צעשויבערטע האָר. ער האָט נישט געקענט זען איר פּנים צי זי שלאָפֿט אָדער מאַכט זיך אַז זי שלאָפֿט. סיי ווי וועט ער איר נישט שטערן, ער וועט זי דערפֿרייען מיט זיינע פּלענער מאָרגן.

לאַורענסיאַ איז אָבער נישט געשלאָפֿן. אויך זי האָט געטראַכט אַז איר מאַן איז גערעכט. עס איז נויטיק וואָס גיכער דורכצופֿירן די חתונה־צערע־מאָניע אין קירך און ווייזן פֿאַר אַלעמען אַ פֿריילעך, גליקלעך פּנים, כאָטש ס'איז איר נישט ניחא זיך אויסצופּוצן און גיין אין קירך. אָבער זי פֿאַרשטייט, אַז ס'איז איר נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג. זי ווייסט אויך, אַז גראַסיאַ שרעקט זיך פֿאַר דעם שפּאַניער בלאַנקאָ, וואָס האָט זיך געשדכנט צו איר

און איר מוטער מרים האָט אים אָפּגענאַרט, זאָגנדיק אים אַז גראַסיאַ האָט בדעה צו ווערן אַ נאָנע. ער איז אַ גרויסער תּקיף, און קען נאָך אַלץ עפּעס אָפּטאָן כּדי צו צעשטערן זייער חתונה. ווען מען וועט וואָס גיכער דורכפירן די צערעמאָניע, וועט עס זיין אָפּגעטאָן און ער וועט מוזן פאַרגעסן אין איר.

פון גרויס אומרויקייט, וואָס האָט זי מיט איין מאָל באַהערשט, האָט זי זיך אַ באַוועג געטאָן. זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו איר מאַן און איר האַנט האָט באַרירט זיין לייב.

— איך בין מיד און וויל שלאָפן, אָבער איך קען נישט איינשלאָפן.

— ס'איז מיין שולד. איך האָב דיך אפשר איבערגעשראָקן, וועסט אָבער זען, מיין טייערע, אַז מיר וועלן נאָך האָבן אַ סך גליק אין אונדזער משפּחה. מיר וועלן פירן דאָס גאָט־געבענטשטע פּאָרל צום אַלטאַר, דער פאַראַפּיע־גלח וועט זיי בענטשן און פאַרקניפּן אויף אייביק אין אַ הייליקן בונד. קיינער וועט שוין נישט וויסן אַז דו האָסט זיי פריער חתונה געמאַכט אויפן פאַרבאָטענעם אַלטן שטייגער... — האָט ער געזאָגט און זי אַרומגענומען, זי צוגעטוליעט צו זיין לייב.

לאַורענסיאַ האָט אין גאַנצן געציטערט. זי האָט שטיל געכליפּעט.

— נו, נו, הער שוין אויף צו קלאָגן. מיר דאַרפן זיך גראָד פרייען. אַלץ וועט אויסגיין צום גוטן. מיר האָבן געענוג געלט און פריינד אונדז צו באַשיצן. גלייך אין דער פרי וועלן מיר באַשטימען דעם טאָג פון פירן זיי צום אַלטאַר, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט און גענומען קושן זיין ווייב אַרום די פאַרוויינטע אויגן, אירע אויסגעבלייכטע מאָגערע באַקן, אַרום אירע מויל־ווינקלען און זי פעסט געדריקט צו זיך מיט זיינע שטאַרקע הענט מיט אַ באַהעפטונג ווי זיי וואָלטן געוואָרן איין לייב.

אין דרויסן האָט שוין גענומען טאָגן. אַ פרימאָרגנדיקע בלייכקייט האָט גענומען אויפהעלן דורך די פענצטער. עס האָט זיך מיט אַ מאָל געהערט אַ שטיל באַוועגן זיך אין קאָרידאָר. דער דיל האָט לייכט געסקריפּעט. מאַן און ווייב האָבן מיט אויפגעשפּיצטע אויערן זיך איינגעהערט. דאָס שאָרכעריי איז געקומען פון דואַרטעס צימער, וואָס האָט זיך געפונען ביים ווייטלעכן סוף פון קאָרידאָר. באַלד האָט זיך געהערט דאָס פלינקע לויפן פון באָרוועסע פיס. די גלעטנדיקע טריט זענען פאַרשוווּנדן צו דער טיר פון דער אַלטער

מוטער מרים. עס איז געווען קלאָר, אַז גראַסיאַ האָט באַצייטנס, איידער עס ווערט טאָג, פאַרלאָזט איר מאַן דואַרטע פון זיין שלאָפצימער און איז צוריק אַוועק צו איר געלעגער.

— נו, דאַנקען גאָט, וואָס זי האָט אַליין געגנוג שׂכל צו זיין אָפּגעהיט, כּדי די דינערשאַפט זאָל נישט זען אירע פּירונגען און זי באַטראַכטן ווי אַן אויס־געלאַסענע, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט און אַ דערפרייטע זיך צוגעטוליעט צו איר מאַנס לייב. זיי זענען איינגעטוליעטע, מידע, גיך איינגעזונקען אין אַ באַרויקנדיקן שלאָף.

צוועלפטער קאַפּיטל

די פרימאָרגן־זון האָט גאָלדיק אַריינגעפּליצט דורך די פענצטער, זיך צעלייגט אויפן דיל און אויפן מעבל. אַ לייכט ווינטל האָט צעפלאַטערט די דורכזיכטיקע גאַרדינען. דואַרטע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דאָס קילע ווינטל האָט געגלעט זיין אָפּגעדעקטן קערפּער. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט ווי אַרומצונעמען גראַסיאַ, זיך אויף ס׳ניי דורכצונעמען מיט דער זיסער וואַרעמקייט פון איר לייב. דער תּאַווהדיקער הונגער, וואָס האָט אים געהאַלטן וואַך דורך דער נאַכט, האָט ווידער אים אַ צי געטאָן צו איר. זיינע הענט האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אויפן געלעגער. ער האָט אויפגעריסן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, דאָס בעט לעבן אים איז שוין געווען ליידיק. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז גראַסיאַ איז פאַר טאָג אַרויס פון זיין שלאָפצימער, איז ווי נעלם געוואָרן, ווי איר זיין ביי אים וואָלט געווען בלויז אַ זיסער חלום.

ער האָט זיך איינגעקורטשעט אונטערן איבערבעט ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איינהילן אין דעם רייצנדיקן גערוך, וואָס גראַסיאַ האָט איבערגעלאָזן אויף זיין געלעגער. ער האָט אויפסניי דערפילט די אויפגעקוועלטע פרייד, וואָס גראַסיאַ האָט אים געבראַכט דורך דער נאַכט. ער האָט זיך גאַרנישט געקענט אַנזעטיקן מיט דעם גרויסן באַגער, וואָס איז געווען אין זיין לייב צו איר. ער האָט קיין מאָל אין זיין לעבן נישט איבערגעלעבט אַזאַ גלוסטיקע פרייד. דואַרטעס ערשט ווייב, דאָנאַ עסטעפאַניאַ פון דער רייכער פּאָרטוגע־

זישער משפחה מאַנטעסיניאָס, איז געווען זייער אַ פרומע און אַ צוריקגע־האַלטענע. ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר עטלעכע יאָר, דאָך איז זי געווען צו אים אַ ווייטע און אַ פרעמדע. זי האָט זיך תמיד געהילט אין שוואַרצע לויזע קליידער, געהאַלטן פאַרשלייערט איר פּעטלעך טונקל־האַריק לייב ביז אַריבער איר האַלדז. אויך איר גוידערדיק, קיילעכדיק פּנים האָט געהאַט אַ מאַנצבילישן אויסזען. אויף דער אויבערשטער ליפּ האָט זיך געטונקלט אַ דינער שפּראָץ מיט שוואַרצע הערעלעך, וואָס זי האָט אויסגעצופּט מיט אירע לאַנגע שפּיציקע נעגל און איבערגעלאָזטע רויטלעכע בלאָטערלעך. אויף אירע רונדיקע קינבאַקן האָט זיך געשאָטנט פון די אויערן ביז צו דער גאָמבע אַ שיטערער אַנוווקס, וואָס זי האָט פאַרהילט מיט איר שוואַרצן שלייער.

דואַרטע האָט דורך די אַלע יאָרן, וואָס ער איז געווען פאַרבונדן מיט עסטעפאַניאַ, געהאַט פאַרדראָס אויף זיך און אויף זיינע קרובים, וואָס זיי האָבן אים איינגערעדט מיט איר חתונה צו האָבן. די דאַ סילוואַ־משפחות און די קאַרדאָזעס האָבן פון גרויס שרעק, אַז מען וועט זיי פאַרמסרן און אויף זיי עדות־זאָגן, אַז זיי פירן אַ געהיים יידיש לעבן, נאָר געזוכט זיך מתחתן צו זיין מיט אַנגעזעענע פאַרטוגעזישע משפחות. דאָס כּסדרדיקע חתונה מאַכן מיט די נאָענטסטע קרובים, וואָס איז געווען דער שטייגער ביי די ערשטע ניי־קריסטן, האָט געקענט אַרויסרופן פאַרדאַכט, אַז זיי האַלטן זיך צוזאַמען מיט זייערע יידישע פירונגען.

עסטעפאַניאָס עלטערן, די מאַנטעסיניאָס־פאַמיליע, זענען געווען געשעפט־לעך פאַרבונדן מיט די דאַ סילוואָס. אירע ברידער און די מענער פון איר גאַנצער משפחה זענען געווען שיפבויערס, ים־פאַרערס, שיף־קאַפּיטאַנען אויף די שיפן, וואָס דאָס פאַרטוגעזישע קעניגרייך האָט מיט אַ גרויסן פאַר־נעם געבויט און געשיקט אין די וויטסטע מקומות — קיין אַפריקע, קיין דרום־אַמעריקע און אויך צום אַראַבישן און אינדישן ים־ברעג, כּדי אַריינ־צודרינגען און בויען נייע קאָלאָניעס.

די דאַ סילוואַ־משפחה האָט נאָר געזוכט תחבולות ווי אַזוי נעלם צו ווערן פון פאַרטוגאַל. עס איז מער נישט געווען אויסצוהאַלטן פון די מלשינים, וואָס האָבן דער משפחה נישט פאַרגונען דאָס גוטע, רייכע לעבן וואָס זי האָט

געפירט. מען האָט נאָר געזוכט דורכן שליסללאָך פון דער טיר עפּעס אויס־צוגעפינען צי מען פירט זיך לויטן ייִדישן שטייגער, צי מען בייט די וועש אויף שבת, כדי דאָס איבערצוגעבן צו דער הייליקער אינקוויזיציע.

דאָרטע דאַ סילוואַ האָט געשטרעבט זיך אַרויסצולאָזן מיט די שיפן, וואָס די ברידער מאַנטעסיניאָס האָבן אָנגעפירט, אויפצוקויפן מאַטעריאַלן אין די נייע קאָלאָניעס, כדי אויך צו זיין וואָס ווייטער פון דער היים און אויך צו געפינען אַ נייעם מקום־מקלט פאַר זיך און דער משפחה צו קענען פירן אַ רויִק לעבן.

דאָרטעס פאָטער, באַלטאַזאַר גאָמעז, האָט אים צוגערעדט חתונה צו האָבן מיט עסטעפאַניאַ מאַנטעסיניאָס. דערמיט וועט זיך עפענען פאַר אים און פאַר דער משפחה אַ פרייע וועלט. קיינער וועט נישט וואַגן זיי צו באַשול־דיקן אַז זיי האַלטן אין געהיים אַ ייִדישע פירעכץ.

דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן צווישן איר פאָטער, גאַספּאַר פער־נאַנדעז, מיט דאָרטעס פאָטער און דאָרטע האָט מיט איר חתונה געהאַט.

דאָס דיקלעכע מיידל עסטעפאַניאַ האָט מען געהאַלטן הינטער פאַר־זיגלטע טירן מיט פאַרמאַכטע לאָדנס, זי זאָל נישט האָבן קיין גלוסטעניש צו מענער ביז צו דער חתונה. מען האָט זי געפירט בלויז צו די אָרדן־צערעמאָניעס און צו דער זונטיק־מעסע אין קירך אַריין. דאָס מיידל איז געוועזן אַ פאַר־טרויערטע, אַ מרה־שחורה האָט אַראָפּגעפינצטערט פון איר אויסגעבלייכט צעווירן פּנים. דורך די נעכט איידער זי איז אַריין אין זייער שלאָפצימער נאָך דער חתונה האָט זי זיך אַ קניִענדיקע איינגעבויגן ביי דער קליינער קאַפּליצע אין ווינקל־קאָרידאָר לעבן דער מאַדאָנע און לאַנג, קלאָגנדיק מיט פאַרגלייזטע אויגן, געפּרעפּלט תפילהדיק צו איר.

ווען זי איז שוין אַן אויסגעלייטערטע אַריינגעקומען צו אים אין צימער, איז ער, דאָרטע, שוין געלעגן איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף. ער האָט זיך בלויז פון צייט צו צייט אויפגעכאַפּט אַ צעטומלטער ווי ער וואָלט נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך. עס האָט אים אויפגעוועקט איר שלוכצנדיק געוויין, וואָס זי האָט אַן אומגליקלעכע אַריינגעהעשעט אין איר קישן. ער האָט שוין נאָכן איבערוועקן זיך מער נישט געקענט איינשלאָפן. ווען ער איז אַריין צו איר אין בעט און זי געפּרווּט מיט צערטלעכע רייד איינשטילן, האָט

זי אים אָפּגעשטויסן פון זיך און אים פאַרגעוואָרפן, אַז זי האָט נישט געטאָרט חתונה האָבן מיט אַ ייִד, אַז ער האָט זיך פאַרזינדיקט ביי גאָט און אַז זיין אײדל, פרום פּנים האָט זי אָפּגענאַרט. דערצו איז ער אין גאַנצן נישט קיין מאַן און זי דאַרף אים נישט האָבן לעבן זיך.

מיינסטנס האָט אים געאַרט, וואָס זי האָט מיט אַ הייליקער פרומקייט זיך שטענדיק געאײַלט צו פאַרנעמען אַן אָנזעעוודיק נאָענט אָרט ביי אַלע אויטאָדאַפע־פּראָצעסיעס, וואָס זענען זייער אָפט פאָרגעקומען אין ליסאַבאָן, ווו מען האָט באַשטראָפט מיט שמיץ די בעלי־תשובה, די נייַ־קריסטן, וואָס האָבן זיך אַליין מודה געווען, אַז זיי האָבן על פּי טעות זיך געפירט ווי ייִדן. גאָר באַזונדערס האָט זי ליב געהאַט צו זען ווי טייל פאַרזינדיקטע עקשנים האָבן געפלאַקערט אויפן שייטער־הויפן.

עסטעפאַניאַ האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַנגסטיקער שרעק ביים הערן דערציילן ביים טיש פון עסצימער אירע איבערלעבונגען ביים אויטאָדאַפע מיט שאָדנפרייד און דערביי שאַרף געקוקט אויף זיין פּנים, כּדי צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס מאַכט אויף אים. דוֹאַרטע האָט זיך געהיט פאַר איר נישט אַרויסצווייזן אַז אים אַרט, וואָס מען פייניקט די פאַרזינדיקטע. ער האָט אויך אויסגעמיטן די מינדסטע ייִדישע פירונגען, וואָס מען האָט נאָך אין געהיים אָפּגעהאַלטן אין זיין פאָטערס הויז. ער האָט זיך שוין געהאַט אָפּגעוווינט פון די ייִדישע מנהגים און עס האָבן אים נישט געקימערט אירע נאָכשפּירונגען. ער איז געווען זיכער, אַז זי וואָלט אים פאַרמסרט פאַר דער אינקוויזיציע און עס וואָלט איר נישט געאַרט, ער זאָל זיך דאַרפן שלעפּן אַ פאַרמשפּטער אין אַ פּראָצעסיע פון די זינדיקע מיט אַ שטריק אויפן האַלדז, אַ שטראָפמיץ אויפן קאָפּ און אַ גרין ליכט אין די הענט. עס וואָלט איר הנאה געטאָן, מען זאָל אים באַשטראָפן מיט שמיץ און אַפילו אים זען ברענען אויפן שייטער־הויפן. די שינאה צו אים האָט געברענט אין אירע אויגן. זי וואָלט עס געוווען געטאָן, נאָר זי האָט זיך געשראָקן אים צו מסרן מען זאָל נישט צונעמען זיין פאַרמעגן.

כּדי נישט צו בלייבן מיט איר אין הויז, האָט ער באַשלאָסן זיך אַרויס־צולאָזן, ווי מיינסטנס די מענער פון איר משפּחה, צום אינדישן און אַראַבישן ים מיט זייערע שיפן צו די פאָרטן, וואָס דער מיליטערישער פלאָט פון פאַר־

טוגאַל האָט געהאַט פאַרכאַפּט און דאָרט שוין געהערשט. זיין פאַרמעגן און דאָס געלט פון זיין משפחה און קרובים איז שוין סיי ווי געווען איינגעבראַקט אין די אונטערנעמונגען צו ברענגען מאַטעריאַלן פון באָמביי, פון צייל אָן און פון די בענגאַלישע בוכטעס.

פרי׳ער האָט ער בלויז אָפּגענומען די לאַדונגען, וואָס ער האָט געבראַכט אין די שיפן און זיי פאַרקויפט אין פאָרטוגאַל און אויך געשיקט קיין בראַזיל. עסטעפאַניאַס פירונגען האָבן אים אַזוי אָפּגעשטויסן, אַז ער איז אין גאַנצן נישט געפאָרן אַהיים.

אין די פאָרטן ביים אַראַבישן ים, ווו עס האָבן געוווינט מיינסטנס מוסול־מענער, האָט דוארטע אויף ס׳ניי זיך גענומען פירן אין געהיים מיט די געוווינהייטן פון זיין פאָטערס שטוב. ער האָט אויף שבת זיך אָנגעטאָן אַ ריין העמד און גערוט. ער האָט מער נישט געגעסן קיין חזיר־פלייש, וואָס ער האָט פיינט געהאַט. ער האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ סודאַנישן שקלאַף, וואָס האָט אים באַזאָרגט מיט אַלע באַדערפעגישן. ער האָט פאַר אים געפּרעגלט און געקאָכט פיש, גרינסן און באַטעמטע קרייטעכצער.

לפנים, ווען זיינע שוואָגערס זענען געקומען אין פאָרט, איז ער מיט זיי געגאַנגען אין די קליינע קאַפּליצעס, וואָס די פּאָרטוגעזישע ים־פאָרערס, קאַפּיטאַנען, סאַלדאַטן און מאַטראָזן האָבן געהאַט איינגעאָרדנט. ער האָט זיך אויך שטאַרק געהיט פאַר די מאָנאַכן פון די פאַרשידענע אָרדנס וואָס זענען אָנגעקומען מיט די שיפן צו פריידיקן דאָס קריסטלעכע גלויבן צווישן די מוסולמענער.

ער איז געוואָרן רייך פון אויפקויפן נייע מאַטעריאַלן, וואָס ער האָט אַהיים געשיקט, און וואָס זיין משפחה האָט פאַרצוקערט אין פאָרטוגאַל מיט ריזיקע רווחים: רויען זייד פון בענגאַל, געשליפענע בלויע איידלשטיינער, רפואות, אָפּיום פאַר די אַפּטייקן, לאַקיר, באַראַקס, וואָרעמהאָלץ, צירונג, קאָראַלן און פּערל, אויך בוימוואָל, צייגנוואָרג און אַראַבישע פערד.

נאָך עטלעכע יאָר אַרומוואַנדערן איז אים אָנגעקומען די נייעס, אַז זיין ווייב עסטעפאַניאַ איז געפערלעך קראַנק, און די קרובים האָבן אים דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין צייט פאַר אים אַהיימצופאָרן און זיך לעבן זיין ווייב. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט דער ערשטער שיף וואָס איז געפאָרן קיין ליסאַבאָן.

די נאָענטע קרובים, די מאָנטעסיניאָס, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים מיטגעפאָרן אַהיים האָבן אים באַדויערט, וואָס ער האָט נישט אין דער היים קיין קינדער, וואָס זאָלן אים דערפרייען און איצט איז זיין ווייב קראַנק. אין ליסאַבאָן האָבן אַלע געטראָפן זייערע קינדער אונטערגעוואַקסענע, ווי אויך קליינוואַרג פון זייערע ווייבער וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזט מעוברתדיקע פאַר זייער אַוועקפאָרן צוליב זייערע געשעפטן. דוּאַרטע האָט געטראָפן זיין ווייב עסטעפאַניאַ מסוכן קראַנק. זי האָט געליטן פון עפּעס אַן אינערלעכער בויך־קראַנקייט און צו דעם האָט זיך אַנטוויקלט אַ לונגען־אָנצינדונג אַזוי, אַז ער האָט שוין מער נישט געקענט אַוועקפאָרן. ער האָט געזוכט אַלע מעגלעכקייטן זי צו ראַטעווען פון דער שווערער קרענק אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

די מאָנטעסיניאָס־משפחה האָט שוין נאָך דעם געטראָגן אַ האַס צו אים. זיי האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער האָט אויסגעמיטן זיין ווייב און איז אַפילו נישט אַהיים געקומען אויף די חגאות אין מיטן ווינטער אויף ניי־יאָר, ווען מיינסטנס ים־פאָרערס האָבן באַוויזן זיך אָפּצושטעלן אין פּאָרטוגאַל צו פאַר־ברענגען מיט ווייב און קינדער. צוליב אים איז זי פרי אַוועק פון דער וועלט און נישט איבערגעלאָזט קיין קינד, אַ געדעכעניש אויף איר נאָמען.

די שׂינאה פון איר משפחה צו אים האָט אים געטריבן ווייטער צו אַנטלויפן. זיין משפחה האָט אים צוגערעדט צו פאָרן קיין בראַזיל, ווו ער וועט קענען פרייער אָפּאָטעמען, גיכער ווי אין פּאָרטוגאַל, און אַפילו בעסער ווי אין די פריִערדיקע מקומות ווו ער האָט געלעבט אַן עלנטער אַליין. דערצו האָט אים זיין קרובה לאָורענסיאַ פאַרבעטן צו קומען וווינען אין זייער הויז אין ריאָ ווו ער וועט געפינען אַ רויִקע היים און גוטע פריינד.

*

זיינע טראַכטונגען האָבן זיך מיט אַ מאָל איבערגעריסן; עס האָט זיך געהערט אַ לייכט קלאַפּן אין טיר. דוּאַרטע האָט גיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיך זיין העמד, אָנגעטאָן אַ קאַפּטאָן און געעפנט די טיר.

אויפן שוועל איז געשטאַנען זיין קרוב זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ. ער האָט געהאַט אַ פאַרזאָרגט, נישט אויסגעשלאָפן פּנים. דאָס שיינע שוואַרצע, שפּיצבאָמבע־בערדל מיט די פאַרשפּיצטע וואָנצעס זענען נישט געווען פאַר־

קעמט, נישט געפּלעגט מיט דעם שמעקנדיקן שמירעכץ, וואָס האָט תּמיד געמאַכט גלאַנצן זיינע האָר.

— אָ, קומט אַריין, ביי מיר איז נאָך אַלץ אַזוי אָנגעוואָרפן, — האָט דוואָרטע אַ ביסל אַ פאַרשעמטער געשטאַמלט.

— פאַרגיב מיר, וואָס איך האָב דיך אַזוי פרי אַרויסגעריסן פון בעט.

— איך בין שוין אויף זייער לאַנג, נאָר וואָס איז דאָ זיך צו איילן, פיליפּע עפנט אויף דעם סחורה־לאַגער ביים פּאָרט און באַזאָרגט אַלע מיינע געשעפטן.

פון דעם וויטלעכן קיכצימער האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ גערוך פון אויפ־געוועלענע מילך, פון שאַרפע געווירצטע מאכלים, וואָס מען האָט געפּרעגלט מיט אייל. די שקלאַפן־דינסטן האָבן געשייערט און געריייניקט דאָס געפעס. פון עסצימער האָט זיך שוין געהערט דער טומל פון די קינדער און דאָס שמועסן פון דאָנאַ גראַסיאַ, איר מוטער מרים און לאָורענסיאַ, מען האָט זיך שוין געגרייט צום עסן דעם פרישטיק.

דוואָרטע האָט גענומען שניפּלען מיט די צעעפנטע נאָזלעכער און נאָגן מיט די ליפּן. ער האָט דערפילט אַ הונגער און איז געווען גרייט צו גיין מיט זיין קרוב צום עסטיש. מענדעס דאָ סילוואַ האָט פאַמעלעך צוגעמאַכט די טיר. דוואָרטעס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט.

— איך בין געקומען מיט דיר רעדן טאַקע וועגן פיליפּע.

— פיליפּע? וואָס האָט ער געטאָן עפּעס וואָס איך ווייס נישט? — האָט דוואָרטע געפרעגט מיט אַ רויִקער נייגעריקייט, ווי וועגן איינעם אַ נאָענטן מענטשן, וואָס ער ווייסט אַלע זיינע גענג, און קיינער קען אים שוין גאָרנישט זאָגן עפּעס וואָס ער ווייסט נאָך נישט.

— ער איז דאָ געווען נעכטן ביי נאַכט אַ דערשראָקענער און דערציילט, אַז מען שפּירט אים נאָך, — ער מיינט אַז דאָס זענען געווען די שליחים פון דער אינקוויזיציע.

— וואָס? אים? דאָ ביי אייך אויך? — האָט דוואָרטע געפרעגט מיט אַ דערשטיקטער שטים.

— ער האָט דאָ איבערגעלאָזט זיין בייטל מיט געלט, וואָס ער האָט אויפגעמאָנט ביי די הענדלערס.

— אָ, דאָס האָבן אפשר רויבערס אים געזוכט צו פּאַקן אין אַ פינצטער געסל. איך האָב אים טאַקע געוואָרנט נישט צו טראָגן קיין געלט ביי נאַכט. קיין מורא האָט ער נישט. ער האַלט מיט זיך אַ פּיסטויל, אַ שטילעט ווי אַ שפּרינגמעסער זיך צו ווערן. אָ, איך ווייס דעם טעם; אין באַמבעי, צי אין ציילאָן ביי די פּאָרטן פון אַראַבישן ים בין איך אָן אַ פּיסטויל נישט אַרויס פון הויז.

— איך בין זייער באַזאָרגט. איך האָב מורא, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין רויבערס, נאָר טאַקע די פינצטערע מחבלים פון דער אינקוויזיציע, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט מיט אַ דערשראָקענער שטים.

— מען קען זיך גאָרניט באַהאַלטן פון זיי, אומעטום לויפן זיי דיר נאָך, די וויסטע שלעק, — האָט דואַרטע געזאָגט און זיך אַ שלאָבעריקער אַרונטער־געלאָזט אויף אַ בענקל לעבן זיין בעט. ער האָט זיך אָבער באַלד ראַפּטעם אויפגעשטעלט און זיך האַסטיק גענומען אָנטאָן.

— איך פאָר שוין אַרונטער צום פּאָרט אויסצוגעפינען צי ער האָט געעפנט דעם סחורה־לאַגער, וואָרעם אָן אים קען איך דאָ ווערן רויִנירט.

— קומט פריִער אַריין אין עסצימער עפּעס נעמען אין מויל אַריין, די פרויען וועלן זיך איבערשרעקן.

— איר וועט שוין געפינען עפּעס אַ תירוץ פאַר זיי. איך מוז זיך איילן.

דואַרטע האָט אַרויפגעלייגט אויפן האַלד דעם רונדיק געפאַלדעוועטן קאָלנער, זיך אָנגעטאָן דעם לאַנגן טוניק, אויסגעקעמט זיין שפּיציק בערדל און וואָנצעס, און האָט שטאַרק אַ דריק געטאָן זשואַן מענדעסעס האַנט.

— איך בין שוין אויסגעווען אין די פאַרוואָרפנסטע פּאָרטן אויף דער וועלט און אומעטום בין איך געווען אויף דער וואַך. דאָ וויל איך בויען מיין היים. איך האָב געהאָפט אַז דאָ וועט מען מיך לאָזן צו רו.

— קיינער וועט דיך נישט באַלעסטיקן. דו דאַרפסט פון זיך בלויז אויס־קאָרענייען די אַלטע געוווינהייטן און זיך נישט לאָזן פירן ביי דער נאָז פון די ווייבער. זייער איבערגעטריבענע פרומקייט קען אונדז אַלעמען לייגן אויפן פייער, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און אַ ביטער שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיינע מויליווינקלען.

דואַרטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ער האָט נאָכגעטראַכט, אַז ער

האָט זיך טאַקע געלאָזט פירן פון די ווייבער אין הויז. זיי האָבן אים איינגע־רעדט, אַז ער זאָל פּריִער חתונה האָבן אויפן ייִדישן שטייגער אַזוי ווי זיינע עלטערן האָבן געטאָן. ער האָט זיי צו ליב געטאָן, גראַסיאַ און איר מוטער מרים.

— ווי אַזוי קען איך אַרויסרייסן אַ שטיק פון מיין האַרץ. איך האָב געלעבט אַזוי פיל יאָרן אין דער פרעמד. איך האָב זיך נישט געקענט צוגע־וווינען צו די פירונגען פון מיין פאַרשטאָרבענער ווייבס משפחה. איך האָב געבענקט צוריקצוקומען צווישן אייגענע און ביי אייך אין הויז האָב איך דאָס געפונען, — האָט דואַרטע געזאָגט און זיין פאַרכמורעט פּנים האָט זיך אויס־געלייטערט.

— נישט קיין אייגענע און פרעמדע, מיר זענען אַלע קאַטאָליקן, פּאָרטו־געזער, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטער שטים.

— מיר זענען אַלע פּאָרטוגעזער ? ווען מיר זאָלן זיך אַפילו רייניקן אין טייכן טויפוואַסער, וועט מען אונדז אַלע מאָל פאַרדעכטיקן, אַז מיר זענען געבליבן וואָס מיר זענען געוועזן.

— פאַרדעכטיקטע קען מען נישט באַשטראָפן. מען דאַרף באַווייזן, און־דזער געזעץ פאָדערט עס, — פאַר די באַווייזן דאַרף מען זיך היטן, — האָט דאַ סילוואַ געענטפערט.

— באַווייזן ? יעדער ליגנער קען ווערן אַ מסור. קיין אַדוואָקאַט, אַפילו אַ דאַ סילוואַ, קען דאָ אויך נישט העלפן, — האָט דואַרטע געזאָגט.

זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. עס האָט אים, דעם גרויסן אַדוואָקאַט, אויסגעפעלט ווערטער אים צו ענטפערן.

— זיי זוכן אונדז צו פאַרמיאוסן פאַר דעם המון, כדי אונדז צו קענען באַרויבן און פאַר דעם שרעק איך זיך.

די טיר האָט זיך מיט אַ מאָל געעפנט, גראַסיאַ האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ. איר העל־האָניקדיקע האָר זענען געווען פריש און גלאַט פאַרקעמט מיט אַ בלישטשענדיקן גלאַנץ, איר לאַנגער און געדיכטער צאָפּ מיט אַ בלויען שלייף פאַרפלאָכטן איז אַרונטערגעהאַנגען אין איין זייט איבער דער ברוסט אַרונטער. איר פּנים מיט די פאַררויטלטע באַקן האָט ווי געבליט. דאָס חן־גריבעלע ביי דער לינקער באַק גאָענט צום מויל האָט זיך שאַרפער אָנגעזוען מיט איר שמייכל.

— אָ, גראַסיאַ, קום אַריין, — האָט דאָרטע אַ פרייליכער אויסגע־רופן.

— איך, איך האָב געמיינט דו ביסט אַליין אין צימער. מיר וואַרטן צום עסן צוזאַמען, — האָט גראַסיאַ געזאָגט און איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל.

— איך איל זיך, גראַסיאַ, איך מוז גלייך צופאָרן צום פּאָרט.

גראַסיאַ האָט אַן אומצופרידענע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט די פינגער אומרויק געגומען צופן איר פאַרפלאָכטענעם צאָפּ.

— ביסט אפשר גערעכט. אַז איר האָט שוין צוגעגרייט וועל איך עפּעס עסן. די געשעפטן וועלן נישט אַנטלויפן, — האָט דאָרטע געזאָגט און מיט אַ פינגער אויפגעהויבן גראַסיאַס גאָמבע. איר פּנים האָט זיך צעשמייכלט.

— די מאַמע מיינע און לאָורענסיאַ ווילן מיט דיר עפּעס רעדן.

— אָ, אַזוי גאָר? אפשר קען מען דאָס אָפּלייגן אויף שפּעטער אין אָונט, — האָט דאָרטע זיך געקווענקלט. ער האָט געטראַכט, אַז דאָס מוז ווידער עפּעס זיין אים איינצורעדן דורכצופירן פון די אַלטע ייִדישע מנהגים, ווי זיי האָבן אים איינגערעדט דורכצופירן די געהיימע ייִדישע חתונה. איצט, ווער ווייסט? די חתונה וועט זיי אַלעמען ברענגען אַ סך צרות? ער האָט זיי דעמאָלט נאָכגעגעבן, וואָרעם גראַסיאַ און באַזונדערס איר מוטער מרים האָבן דאָס זייער געוואָלט, אַז נישט וואָלט גראַסיאַס מוטער זי ווייטער געהאַלטן פון אים אָפּגעזונדערט. די מוטער האָט פריער, פאַר דער חתונה, זי געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, ער זאָל זי נישט אָנרירן, איצט לאָזט זי גראַסיאַן קומען צו אים יעדע נאַכט אויף זיין געלעגער. ער איז געווען גליקלעך וואָס ער האָט זיי נאָכגעגעבן, וואָרעם ער האָט מער נישט געקענט זיין אין זעלבן הויז מיט גראַסיאַ און זיין אָפּגעטיילט פון איר. ער האָט דורך די נעכט געפיבערט און דורך די טעג אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשלאָפענער. ער האָט זיי געמוזט נאָכ־געבן, אָבער איצט, מער נישט. אויב זיי וועלן צושטיין צו אים וועט ער זיך אַרויסדרייען און זיך מער נישט לאָזן איינרעדן נאָכצוקומען זייערע פאַר־לאַנגען.

אין עסצימער זענען שוין אַלע געזעסן ביים טיש. די מוטער מרים, לאָור־רענסיאַ. דאָרטע האָט זיך איידל פאַרנייגט און זיי באַגריסט. דער טיש איז

געווען געדעקט מיט קאָלירטע כּלים מיט פֿאַרביקע צייכענונגען, מיט כּלערליי קרוגן, קופּערנע און ערדענע, פֿול מיט געטראַנקען: אַנאַנאַס־זאַפּט, מאַראַנצן־זאַפּט, האָניק, שמאַנט און מילך. פֿון דרויסנדיקן באַקאַיוון האָט די שוואַרצע באַדינערין, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן שירץ, אַריינגעבראַכט פֿרישע קאָרנמעל און רייזקוכנס, וואָס האָבן פֿאַרשמעקט מיט אַ האָניקדיקן גערוך, און אַ שוואַרצער באַדינער האָט געבראַכט פֿישלעך, געבראָטן אויף די האָלצקוילן, איינגעוויקלט אין באַנאַנעס.

דואַרטע האָט באַמערקט אַז די צוגרייטונג ביים טיש איז געווען ווי מען וואָלט זיך דעם פֿרימאָרגן געגרייט אויף אַ לאַנגער שׂמחה אַזוי ווי ס׳איז געווען די ערשטע זיבן טעג נאָך זייער סודותדיקער חתונה.

— איר האָט צוגעגרייט אַזאַ פֿאַראַדנעם פֿרישטיק, ווי איר וואָלט זיך געגרייט אויפֿצונעמען געסט, און איך אײַל זיך אַוועק וואָס גיכער צום פּאָרט. מענטשן וואַרטן אויף מיר אין... — ער האָט איבערגעהאַקט, ער האָט שוין געוואָלט זאָגן, אַז ער איז אין אַ ספק צי פֿיליפּע האָט געעפֿנט זיין סחורה־לאַגער. ער מוז דאָרט זיין, עס קומען היינט אָן שיפֿן פֿון די פּאָרטן ביים אינדישן און אַראַבישן ים, און אפשר וועלן קומען באַקאַנטע. ער איז נייגעריק אָפּצונעמען גרוסן פֿון ציילאָן, באָמבעי, און פֿון גייאַרעט, ווו ער האָט פֿאַרבראַכט אַ סך יאָרן.

— קיין געסט האָבן מיר נישט, דו ביסט אונדזער גאַסט, אָבער אַז דו איילסט זיך, וועלן מיר דיך נישט לאַנג פֿאַרהאַלטן, — האָט די באַלעבאָסטע פֿון הויז, לאָורענסיאַ, געזאָגט מיט אַ געלאַסענער שטים. איך בלייך פּנים איז געווען פֿאַרזאָרגט, אונטער די אויגן בלויע פֿלעקן, די ווײַעס שווער אַראָפּגעלאָזט, די אויגן פֿאַרזשמורעט, ווי זי וואָלט נישט געהאַט געשלאָפֿן די נאַכט.

— איך בעט אייך איר זאָלט מיר אַלע פֿאַרגעבן, וואָס איך קען נישט פֿאַרברענגען לענגער מיט אייך, — האָט דואַרטע געזאָגט, און זיך שוין געוואָלט אויפֿהויבן פֿון שטול.

— מרים האָט מיט איר קורצער און לייכט־ציטער׳נדיקער האַנט אָפּגעשניטן פֿון רייזקוכן אַ שטיק און אויף אַ טעלער אים צוגערוקט צו איר איידעם.

— עס עפּעס, דואַרטע. ביים פּאָרט וועסטו ווערן הונגעריק און דאָס

געמיינע עסן מיט חזיר־פעטס אין די גאַסטהייזער וועט דיר נישט באַקומען,
— האָט מרים געזאָגט מיט אַ מוטערלעכער ליבשאַפט צו אים.

— דואַרטע, דו עס און מיר וועלן דיר איבערגעבן די גוטע נייעס, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט מיט אַ טרוקענער שטים, וואָס האָט זיך ווי געשטיקט אין איר האַלדז.

דואַרטען איז געבליבן שטעקן אין האַלדז דאָס ביסן. ער האָט געקוקט אַ דערשטוינטער און געוואַרט אויף אַ נישט פריילעכע נייעס.

די גוטע נייעס איז, אַז מיר האָבן באַשטימט די פּאַראַדנע חתונה־צערע־מאָניע ביים אַלטאַר אין דער „גלאָריאַ אוטעריאַ־קירך", — האָט זי געזאָגט און געקוקט אויף איר מאַן זשואַן דאַ סילוואַ, ווי זי וואָלט דאָס געטאָן צו באַרויִקן איר דערשראָקענעם מאַן...

דואַרטע האָט אָפּגעאָטעמט מיט אַ דערלייכטערונג און געכאַפּט אַ זייטיקן קוק אויף זשואַן, וואָס האָט געזופט פון אַ קריגל אַנאַנאַסן־זאַפט. זשואַנס פּנים איז אָבער ווייטער געבליבן פאַרכמורעט ווי די נייעס וואָס זיין ווייב לאַורענסיאַ האָט זיי איבערגעגעבן וואָלט אים גאָרנישט דערפרייט.

— איך וועל אַהיימקומען פרי און מיר וועלן דאָס אַלץ אַרומרעדן און מאַכן די נויטיקע צוגרייטונגען, — האָט דואַרטע געזאָגט.

גראַסיאַ האָט צו אים זייטיק געוואָרפן אַ שמייכלענדיקן בליק. איר ליכטיק פּנים האָט געשיינט מיט אַ רויִקייט, וואָס ער האָט דאָס פריִער ביי איר נישט געזען. זי איז געווען גליקלעך, וואָס זיי וועלן קענען אָפן און פריי לעבן ווי אַלע יונגע פּאָרלעך נאָך דער חתונה־צערעמאָניע אין קירך, זיך בויען אַן אייגן הויז און מאַכן פּלענער פאַר זייער ווייטערדיק לעבן צו־זאַמען.

דואַרטע האָט מיט דער סערוועטקע אָפּגעווישט דאָס מויל און איז מיט דער הינטערטיר אַרויס צו דער שטאַל, ווו עס איז געשטאַנען זיין קעטשל מיט וועלכן ער איז יעדן פרימאָרגן געפאָרן צום פּאָרט. עס האָט אים בלויז געוווּנדערט, וואָס זיין שוואַרצער שקלאַף אַבדול, ווען ער האָט געבראַכט מיט זיך פון ציילאָן, האָט נאָך נישט געהאַט איינגעשפּאַנט דאָס פערד. ער האָט געוווּסט אַז אַבדול איז אַ פוילער, און דורך דער צייט, וואָס ער האָט אים געבראַכט קיין ריאָ איז ער געוואָרן נאָך פוילער. ער הערט זיך נישט צו,

וואָס ער באַפעלט אים, ער איז דאָ געוואָרן נאַרישער און תמעוואַטער. דואַרטע האָט אים שוין עטלעכע מאָל געוואָלט פאַרקויפן צו אַ פּלאַנטאַטאָר אָדער צו אַרבעטן אין די צוקער־מילן. זיין ווערט אויפן מאַרק איז אָבער אַ נישטיקער. די פּלאַנטאַטאָרס קויפן בלויז שקלאַפן, וואָס מען ברענגט פון די קאָנגאָס, וואָס זענען מער טויגלעך צו שווערער ערדאַרבעט. ער האַלט זיך אויך אָפּ פטור ווערן פון אים צוליב זיין ווייב, וואָס אַרבעט דאָ אין הויז. זי איז זייער טויגלעך צו באַקן און קאָכן און באַדינען. גראַסיאַ האָט אַ סך נוצן פון איר. ער וואָלט אים שוין פאַרקויפט אַפילו צו פאַרלירן געלט, ער האָט אָבער רחמנות אויף זיין ווייב. זי איז צוגעבונדן צו אים פון זייער קינדהייט. מען האָט זיי געהאַט געפאַנגען אין סיעראַ־לעאָנע און ער, דואַרטע, האָט זיי שפּעטער געקויפט ביים פּאָרט פון אַראַבישן ים־ברעג אין ציילאָן, נישט אויף צו האַנדלען, נאָר אים צו באַדינען.

דואַרטע איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער שטאַל. דאָס קעטשל איז געווען פאַרבלאָטיקט פונעם נעכטיקן רעגן, פאַרשפּריצט מיט קויט. די טויערדיקע עפענונג פון שטאַל איז געווען האַלב אָפן. דאָס פערד איז גע־שטאַנען לעבן קאַרמע־קאַסטן מיט אַ געזונקענעם, שלעפערדיקן קאָפּ און ווי געדרעמלט. דער קאַרמע־קאַסטן איז געווען ליידיק. די פליגן האָבן אַרומ־געזשומעט לעבן דעם אַראָפּגעפאַלענעם מיסט. דעם פערדס ווידל מיט פאַר־טריקנטער צואה האָט שווער געקלאַפּט אויף דעם הינטער־חלק, וואָס האָט אונטערגעצאַפּלט פון די שטעכיקע פליגן און מוקן, וואָס האָבן אַריינגעשטאָכן אין דעם פערדס רוקן.

דואַרטע איז אַריין טיפער אין שטאַל און געזוכט דעם שוואַרצן אין אַלע ווינקלען. ער האָט אויפגעריסן די טיר פון דער אינעווייניקסטער קאַמער, ווו אַבדול געפינט זיך מיינסטנס און ווו ער פלעגט שלאָפן דורך די נעכט. דאָס קאַמערל איז געווען ליידיק; אויפן טישל און אויפן דיל זענען געלעגן איבערגעקערטע קריגלעך און פלעשער פון שאַרפע געטראַנקען. דאָס געלע־גער מיטן שטרויזאַק איז געווען אָנגעוואַלגערט און פאַרגאַווערט, אויף דער קרומער, הילצערנער וואַנט איז געהאַנגען אַ נייע מאַדאָנע מיט דעם יעזוס־קינד און אַ שוואַרצער צלם מיט אַ צוגענאַגלטן בלוט־טריפנדיקן יעזוס.

דואַרטע האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ מאָדנע שרעק, אַ ציטער איז אים

דורכגעלאָפן איבערן לייב. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך אין פּאָרט פון אַראַבישן ים, ווו ער האָט אַ צייט לאַנג געוווינט, פון וואַנען ער איז מיט דעם אַבדול־פּאַרל אָפּגעפאָרן אַהיים קיין פּאָרטוגאַל, האָט ער אים אין זיין קאַמער אַריינגעשטעלט אַ מאַדאָנע און אַ קרוציפיקס אים צוצוגעוווינען צו די הייליקע פיגורן, מען זאָל וויסן אין פּאָרטוגאַל אַז ער האָט אים, אַבדולן, און זיין ווייב צוגערעדט און זיי געטויפט צו זיין קאַטאָליקן. אָבער אַבדול האָט זיי שפּעטער אַרויסגעוואָרפן. איצט זעט ער גאָר, אַז אַבדול אַדערעס האָט גאָר אַליין אויפגעהאַנגען אין זיין שטאַלקאַמער די מאַדאָנע און דעם געקרייציקטן יעזוס. נישט אַנדערש נאָר עמעצער האָט דאָס אים געגעבן. עס זעט אויס אַז די מאָנאַכן האָבן אים שוין איבערצייגט, וואָס ער, דוואַרטע האָט עס נישט באַוויזן צו טאָן...

פאַר וואָס האָט אַבדול אויפגעהערט צו טאָן זיין אַרבעט? ער האָט קיין מאָל פריִער נישט געלאָזט הונגערן דאָס פערד און ער האָט תמיד גערייניקט די שטאַל. דאָס אָפּגעלאָזנקייט קומט זיכער נישט פון זיין פוילקייט. צו דעם איז ער, דוואַרטע, שוין צוגעוווינט און מען האָט אים פיל מאָל געדאַרפט מונטערן. ער איז אָבער קיין מאָל פריִער נישט אַוועק און אַלץ געלאָזט הפקר. ער האָט אויך קיין מאָל נישט געטרונקען קיין שאַרפע געטראַנקען.

ער איז צוריק אַרויס אין דרויסן. פון שטיינערנעם קאַמין מיט דעם קוימען, וואָס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט איבער דעם אָפּענעם דאַך־איבערדעק האָט זיך געצויגן אַ געדיכטער רויך. די שוואַרצע הויזשקלאַפין, אַבדול אַדע־רעסעס ווייב, איז געשטאַנען לעבן די קאָכעדיקע טעפּ און געשמועסט מיט דער שוואַרצער קעכין. זיי האָבן דערהערט דוואַרטעס טריט, זענען זיי שטיל געוואָרן. די שלאַנקע און גראַציעזע הויז־באַדינערין מיטן ווייסן שערצל אויף די לענדן האָט זיך אָפּגערוקט פון קאַמין און זיך איידל פאַרנייגט ווי צו ווייזן, אַז זי איז נישט ווי די קעכין ביים קאַמין, וואָס קומט זעלטן אין הויז אַריין, אָבער זי, אַבדולאַס ווייב איז אַ שטובמענטש.

— אַבדול אַדערעס האָט נישט אָפּגערייניקט די שטאַל, נישט געגעבן עסן דאָס פערד, נישט איינגעשפּאַנט מיין קעטשל. ווו איז ער? איך דאַרף אים שוין האָבן, — האָט ער גערעדט באַפעלעריש.

דער הויז־באַדינערינס גלאַנציק, שוואַרץ פּנים איז געוואָרן אויסגעבלייכט.

זי האָט אויפגעהויבן די האַנט צום קאָפּ מיט די געקרייזלטע האָר, פאַרזשמור־רעט די אויגן ווי זי וואָלט פּלוצעם געקראָגן אַ קאַפּוויטיק.

דואַרטע האָט שוין געהאַט חרטה, וואָס ער האָט גערעדט צו איר אַזוי שטרענג. ער האָט געוווּסט, אַז זי איז זייער אַן אײדעלע, אַ געמישטע מיט אַראַביש בלוט, אַז זי ליידט זייער פיל פון איר מאַנס פוילקייט.

— ער איז נישטאָ, ליבער האַר סענהאָר דאַ סילוואַ, ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט ווײַן, ער איז קראַנק. אַללאַ שטראָפט אים פאַר זײַנע זינד. ער איז אַוועק מיט אַ מאַן, וואָס האָט אים געגעבן אַ קרוציפיקס, ער זאָל בעטן צום געקרייציקטן. וועט ער ווערן אויסגעהיילט.

— גאַנץ גלייך אַזוי, דאָס וועט אים זיכער אויסהיילן, — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ שטילער, פרומער שטים.

די פּעך־שוואַרצע אַנגאָלישע קעכין, אַ שווער צעוואַקסענע, מיט שטאַר־קע דיקע הענט, וואָס האָבן אַזש צעפּלאַצט דאָס לייוונטענע קלייד בײַ די אַרעמס, האָט זיך געלאָזט צום הויפן אָנגעוואָלגערטע קלעצער. זי האָט אָנגעלייגט אַ פולע הורבע מיט האָלץ אויף בײדע הענט.

— ער איז אַ פוילענצער, ער האָט פאַר מיר אויך נישט צעהאַקט דאָס האָלץ. איך דאַרף האָבן צעשפּאָלטן האָלץ צו קאָכן פאַרן הויז. אַז ער וויל, קען ער מיט איין קלאַפּ צעשפּאָלטן דעם גרעסטן קלאָץ, — האָט די קעכין צום סוף אים געריסמט און באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דואַרטע איז נישט געוואָרן אויפגעצאָרנט. ער האָט דערפילט, אַז די פיס ברעכן זיך אונטער אים, אַז עפּעס גרייט מען זיך אים אַרײַנצושלעפּן אין אַן אומגליקלעכער צוגעטראַכטער מסירה. נישט בלויז פיליפּען שפּירט מען נאָך, נאָר אויך קעגן אים, דואַרטען, גרייט מען צו אַ בילבול. מען וויל אים אַרײַנ־כאַפּן אין אַ נעץ און מיטשלעפּן די גאַנצע משפּחה. דער שוואַרצער אַבדול אַדערעס האָט קיין מאָל פריִער נישט געטרונקען, נישט געגלויבט און זיך נישט געבוקט פאַרן צלם. ער האָט פיל מאָל, ווען ער האָט געהאַט אַ שווער געמיט, זיך געבוקט מיטן גאַנצן קערפּער צו דער ערד און געבעטן צו אַללאַ. דאָס האָט ער נאָך געדענקט פון זײַנע קינדער־יאָרן, וואָס ער האָט זיך געהאַט אויסגעלערנט פון זײַן אַראַבישער מוטער אין פּאָרט בײַם אַראַבישן ים.

אויך דואַרטע האָט זיך נישט געהיט פאַר זײַן שקלאַף אַבדול מיט זײַנע

ייִדישע פּירוגגען. ער איז געווען מיט זיין שקלאַף זיכער, אַז ער וועט אים נישט מסרן. אַבדול איז אים געווען געטריי. ער האָט פאַר אים געמאַכט אַ שאַף מיט הייס וואַסער זיך צו רייניקן יעדן ערב־שבת, אים צוגעגרייט פרישע וועש. ער האָט אים דערפאַר מיטגענומען איבער אַלע האַנדלס־פּאַרטן אויף זיינע נסיעות ביים אינדישן און אַראַבישן ים־ברעג. איצט זעט עס אויס, אַז עמעצער באַאַרבעט אים, מען גרייט אים צו ער זאָל ווערן אַ שונא, אַן עדות קעגן אים, אַז ער דואַרטע האָט זיך געפירט ווי אַ ייִד, זיך געהיט נישט צו עסן קיין חזיר־פליש, קיין שום חזיר־פעטס, נאָר גענוצט אייל, אַז ער האָט אויסגעמיטן שרצים און ים־באַשעפענישן צו וועלכע ער האָט געפילט אַן איבלדיקייט, קיינער אויסער אַבדולן, זיין געטרייען קנעכט, ווייסט נישט וועגן דעם.

דואַרטע האָט שווער אָפּגעדעכעט, גראָד איצט, ווען ער האָט באַוויזן אויסצובויען אַ רויִקע היים, צו האָבן די יונגע גראַסיאַ פאַר אַ ווייב, וואָס איז צו אים געקומען ווי עפּעס אַ גאָטס מתּנה, ווי אַ פאַרגיטיקונג פאַר די אַלע פּלאָגן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין זיין נע־ונד לעבן, פאַרגינט מען דאָס אים נישט.

ער איז אַריין אין שטאַל, אָפּגעבונדן דאָס פערדל, אַרויסגעפירט אין דרויסן און איינגעשפּאַנט אין זיין קעטשל. ער האָט אַ ביסל אָפּגערייניקט דאָס פערד, אים אַריינגעשטופּט אַ שטיק צוקער אין מויל, אים געגלעט איבערן קאָפּ. דאָס פערד האָט הנאהדיק גענומען הירזשען, ווי עס וואָלט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ צערטלעכקייט. דואַרטע האָט דאָס פריִער נישט געקענט באַמערקן צוליב זיין שטענדיקער פאַרנומענקייט. עס זעט אויס, אַז אויך דאָס פערד, דאָס שטומע, גוטע באַשעפעניש, האָט אַבדול פאַרנאַכ־לעסיקט און אָפּגעלאָזן. פון אויפרעגונג האָבן דואַרטעס הענט גענומען ציטערן. ער האָט פאַרקוועטשט שטייף זיינע פויסטן. ער וועט אים שוין מער נישט האַלטן אין זיין הויז. ער וועט אים וואָס גיכער פאַרקויפן, אָבער נישט איצט. דאָס קען אים נאָך מער אויפרודערן, און ער קען ווערן צו אים אַ ווילדער שונא. ער מוז צוואַרטן און זען, וואָס עס באַטייט זיין טרינקען, זיין פוילקייט, וואָס ער האָט מער גאַרנישט קיין מורא פאַר זיין האַר, דואַרטע דאַ סילוואַ.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין קעטשל, אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד, וואָס

האָט פרײלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און ווי טענצלדיק אַרויסגעפאָרן פון טויער צו דער גאַס.

דרײצנטער קאַפּיטל

ביים אָנקומען צום פאָרט האָט דוארטע דאַ סילוואַ שוין געזען, אַז עס זענען אָנגעקומען עטלעכע גרויסע זעגל־שיפן פון ווייטע מקומות. די פּראַסאַ* איז געווען איבערגעפולט מיט טראַגשטולן, מיט קאַרעטקעס פון אַלערליי סאָרטן, אויך מיט וועגענער איבערגעצויגן מיט פאַררונדיקטע איבערדעקן. אויף טייל קאַרעטקעס פון די רייכע צוקער־ און קאַווע־פּלאַנטאַטאָרס זענען אויף די הויכע קאָזלעס געזעסן שוואַרצע, סודאַנישע סטאַנגרעטן, אויסגעפּוצט אין פאַרביקע אוניפאָרמען.

עס איז מער נישט געווען קיין פּלאַץ, ווו אַרײנצופאָרן, און אַוועקצושטעלן זיין קעטשל. דוארטע האָט פאַרקערעוועט און דורכגעפאָרן די זייטיקע געסלעך: די רימער־ און זאָטלמאַכער־גאַס, דורך דער שוסטער־ און שניידער־גאַס, צו די טומלדיקע געסלעך מיט קראָמען און קלייטלעך. אויף די אָפענע טישקאַסטנס און אויף די געשטעלן זענען געלעגן אָנגעוואַלגערט צייגנוואַרג, וואָלשטאָפן און רויע לייוונט, אַנדערע מיט צלמים, מיט גיפּסענע, אָנגעפאַרבטע מאַדאָנעס, מיטן יעזוס־קינד. עס האָבן זיך געצויגן שמוציקע געסלעך מיט גרוי־שטיינערנע הייזער ווי אין די געוועלב־עפענונגען און אין טיפע לעכער־היילן זענען געשטאַנען זעק מיט כלערליי קרייטעכצער, קעסטלעך מיט געדייכערטע פיש, אויך אָפּיום, לאַקיר, פאַרב, באַראַקס, ביליקע און טייערע צירונג, געבראַכט פון ווייטע פאָרטן. פיל פון די סחורות זענען געקויפט געוואָרן ביי אים אין זיין הורט סחורה־לאַגער. ער איז אַרײנגעפאָרן אין דער שטאַלגאַס, אַרײנגעפירט זיין געשפאַן אין דער ערשטער אָפענער שטאַל און איבערגעגעבן צום אויפזעער אויסצורייניקן דעם קאַרעט און אויך צו שפייזן דאָס פערד. ער קען זיך מער נישט ווייזן מיט אַזאַ אָפּגעלאָזענעם

---

* פּראַסאַ — פּלאַץ.

געשפּאַן אויף דעם פּאַרטפּלאַץ, בעת עס זענען אָנגעקומען אַ סך געהויבענע מענטשן: אַדללייט, פּלאַנטאַטאָרס, סוחרים, מעקלערס, מיליטער־לייט און מאָנאַכן, וואָס טייל פון זיי קענען אים שוין. עס קען זיך אויך טרעפן, אַז עס זענען אָנגעקומען מיט די שיפן באַקאַנטע פון די ווייטע פּאַרטשטעט, ווו ער, דוואַרטע, האָט יאָרן לאַנג געוווינט.

לעבן איינער פון די טרינקהייזער, ווו מען האָט פאַרקויפט זיסע און שאַרפע געטראַנקען, ווייַן און ליקער, אויך רייזפּלעצלעך און קוכנס, האָט דוואַרטע פּלוצעם אומדערוואַרט דערזען זיין פאַרשווונדענעם קנעכט. אַבדול אַדערעס איז געשטאַנען אַ שיכּורער, אָנגעלענט ביי אַ שטיינערנער וואַנט פון אַן אָפענער שמידעריי. פון אינעווייניק האָט זיך געטראָגן אַ שווערער האַמער־געקלאַנג ביים שמידאייזן און פלי‌ענדיקע פונקען ביים בלאָזזאַק האָבן זיך צעשפּריצט אין דער טיפער טונקלקייט. מען האָט נישט געזען קיין מענטשן, נאָר שאָטנס מיט רויט־גלי‌ענדיקע, אייזערנע שטאַבעס און די קנייפּצוואַנגען געהאַלטן אין שטאַרקע, מוסקולירטע הענט.

אַבדול האָט זיך געוויגט ווי ער וואָלט נישט געקענט שטיין אויף די פיס. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געפינטלט מיט די רויט־פאַרגאָסענע אויגן צו די דורכגייערס און גערעדט צו זיך. פון זיין אויפגעפּראַלטן האַלדז מיטן שמוציקן לייוונטענעם העמד האָט זיך אויף דער אָפענער ברוסט אַרויסגעזען אַ שוואַרצער צלם מיט אַ קרענצל ציילקרעלן. ער האָט געבלאָנדזשעט מיט די הענט ביים ברוסטקאַסטן און מיט אומגעלומפּערטע פינגער געציילט די קרעלן און מיט אויסגעגלאָצטע אויגן געקוקט צום הימל אַרויף.

דוואַרטע האָט זיך אָפּגעשטעלט און לאַנג באַטראַכט זיין קנעכט. עס איז פאַר אים געווען אַ רעטעניש: פון וואַנען האָט ער זיך דאָס אַלץ אַזוי גיך אויסגעלערנט? נישט אַנדערש אַז ער קומט אין קלויסטער פון די דאָמיני־קאַנישע מאָנאַכן.

אַבדול אדערעס איז נאָך געווען יונג, אָבער זיין קופּער־געלבלעך פּנים איז שוין געווען איינגעשרומפּן. די געקרייזלטע האָר — קויטיק, זיין הויכער איידעלער קערפּער — איינגעבויגן ביי די אַקסלען. ער האָט שוין נישט געטויגט פאַר שווערער אַרבעט און איצט איז ער שוין נישט נוצלעך, אַפילו פאַר דער שטאַל. ער וואָלט אים געדאַרפט שוין פאַרקויפן, ביליק, פאַר וויפיל

עס וועט זיך נאָר לאָזן. ביז איצט האָט ער נישט געטראַכט וועגן דעם. אַבדול איז שוין געווען ביי אים ווי אַ טייל פון זיין האָב און גוטס. ער טאָר אים אָבער איצט נישט פאַרקויפן, ער קען נאָך פון כעס נעמען נקמה אין אים. ער קען עפּעס אויסטראַכטן און אים פאַרמסרן. די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן וואַרטן אויף דעם, זיי גרייטן אים צו. אויב ער זאָל בלויז עדות זאָגן, אַז ער האָט אים, דואַרטען געזען רוען אין די שבת־טעג און ער האָט נישט געגעסן קיין חזיר־פלייש, איז שוין גענוג, אַז די אינקוויזיציע־מחבלים זאָלן אים פאַרנעמען אין די פּייניקונג־קאַמערן פון דער אינקוויזיציע און פון אים מאַכן אַ תל.

אַבדול האָט מיט אַ מאָל אים דערזען און גענומען אַנטלויפן אַ דער־שראָקענער, ווי ער וואָלט פּלוצעם דערזען אַ שד פאַר די אויגן. ער איז געלאָפן זיגזאַגיש איבער דער גריבלדיקער גאַס און געזוכט אַ באַהעלטעניש אַנטרינען צו ווערן ערגעץ אין אַן אָפענער שטאָל אָדער אין אַ שמאָל ליקל.

ער האָט זיך פאַרקערעוועט צום פאָרטפּלאַץ, ווו עס האָבן זיך געפונען אַ סך מענטשן כדי גרינגער צו קענען פאַרשווינדן. עס האָט אויסגעזען, אַז ער איז נישט צו פיל אָנגעשיכורט, ער זאָל אין גאַנצן נישט וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט זיך אין מיטן געלויף מיט אַ מאָל גענומען וואַקלען. ער איז צוגעפאַלן צו אַ שטיינערנער וואַנט פון אַ סחורה־לאַגער נישט ווייט פון דואַרטעס פּלאַץ, ער האָט זיך שווער ווי אַ זאַק אַרונטערגעלאָזט. ער האָט גענומען האַסטיק און שווער אָטעמען. אַ שוים האָט זיך גענומען בלעזלען ביי זיינע מוילווינקלען.

דואַרטע איז גיך צוגעלאָפן צו אים.

— אַבדול !.. פאַר וואָס אַנטלויפסטו פון מיר ? אויב דו ווילסט מער נישט זיין ביי אונדז, וועל איך דיך נישט פאַרקויפן, איך וועל דיך אין גאַנצן באַפרייען. איך האָב דיך שוין געטויפט, דו ביסט אַ קאַטאָליק, ווי מיר אַלע.

מיין אייגענער, דער אַדוואָקאַט זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ, וועט פאַר דיר אויסמאַכן אַ צייגעניש און דו קענסט גיין פריי, ווו דו ווילסט.

אַבדול האָט אויסגעגלאָצט זיינע פאַרגאָסענע אויגן פול מיט רויט־בלוטיקע אָדערלעך וואָס האָבן זיך ווי צערונען אין די אויגן־אַפּלען. ער האָט אָנגעכאַפּט דואַרטעס טוניק און גענומען עס קושן ביים זוים.

— סענהאָר! גוטער האַר סענהאָר דאַ סילוואַ, איך וויל נישט אַוועקגיין צו קיינעם, עס איז מיר גוט לעבן אייך. איך האָב געזינדיקט קעגן אייך און וועל מער נישט אַנטלויפן.

— גוט, זייער גוט, איך וועל דיך צופירן צו מיין סחורה־לאַגער, דיר געבן שוואַרצע קאַווע צו טרינקען, וועט דיר ווערן בעסער.

— זיי מאַכן מיך קראַנק. זיי האָבן מיר אָנגעהאָנגען אַ קרוציפיקס מיט אַ קרעלן־קרענצל צו ציילן, מיך צו באַשיצן פון כּישוף־מאַכערס, פון שוואַרצער מאַגיע, פון די פאַלשע ניי־קריסטן, אָבער עס העלפט מיר נישט, — האָט ער מיט אַ געזונקענעם קאָפּ ביטער געקלאָגט.

— ווער? — האָט דואַרטע שטיל און סודותדיק געפרעגט, כאָטש ער האָט זיך שוין משער געווען, אַז ער מיינט נישט דעם איידעלן פּאַדרע, דעם גלח פון דער קליינער פּאַראָפּיע־קירך, ווו ער, דואַרטע, האָט אים גלייך געטויפט, ווי נאָר ער האָט אים געבראַכט קיין ריאָ. ער האָט דעמאָלט געקענט וואַרטן לויט די געזעצן גאַנצע צוויי יאָר אים צוגרייטן. דואַרטע האָט זיך אָבער צוגעאײַלט מען זאָל אים נישט חושד זיין, אַז ער פאַרשלעפּט צו לאַנג די צייט צו טויפן זיין שקלאַף.

אַבדול האָט אויפגעהויבן צו אים דעם קאָפּ. זיין דערשראָקן, פאַרשוויצט פּנים איז געווען געלבלעך בלאַס. ער האָט צוגעלייגט אַ ציטערנדיקע האַנט צום מויל ווי ער וואָלט אויסן געווען צו פאַרשטעלן און פאַרקלעמען זיינע ליפּן ווייטער נישט צו רעדן.

— קום, אַדערעס, וועסט זיך איבערשלאָפן אויפן שטרויזאַק אין סחורה־לאַגער ביי מיר, וועט דיר ווערן בעסער, — האָט דואַרטע געזאָגט און אים געהאָלפן זיך אויפהייבן פון דער ערד.

דואַרטע איז געגאַנגען פאָרויס און נאָך אים האָט זיך דער קנעכט אַבדול נאָכגעשלעפּט מיט וואַקלענדיקע טריט. זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער פּראַסאַ ביים פּאָרט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים ראָג לעבן דער שטיינערנער געביידע, ווו עס האָט זיך געפונען דואַרטעס סחורה־לאַגער. די שווערע טויערדיקע טיר פאַררונדיקט אין דער הויך איז נאָך געווען פאַרמאַכט, פאַרלייגט מיט דיקע אייזערנע שטאַבעס, פאַרשלאָסן מיט ריזיקע שלעסער.

דואַרטע האָט שווער אָפּגעדעכעט. ער האָט געפילט אַ קלעמעניש ביים

האַרץ. עס זעט טאַקע אויס, אַז עס האָט עפּעס געטראָפן מיט פּיליפּעָן. אפשר איז ער טאַקע מער נישט פריי, וואָרעם ער וואָלט, אַפילו ווען ער וואָלט געווען קראַנק, אויך געקומען עפענען דעם סחורה־לאַגער. עס האָט נישט איין מאָל געטראָפן, אַז ער איז געקומען צו דער אַרבעט אַ קראַנקער, אַ פאַר־קילטער אָדער מיט אַ פאַרסמטן מאָגן פון זיין ווייבס פעט־חזירישע מאכלים, צי פון עסן שרצים, אָדער פון פאַרגליווערט בלוט, וואָס זי נוצט ביים קאָכן.

דער אומגליק איז נישט בלויז, וואָס מען האָט אים פאַרשפּאַרט אין די אינקוויזיציע־קאַמערן, צוליב וועלכער עס איז אַן אויסגעטראַכטער זינד, נאָר וואָס עס מיינט אויך אים דואַרטען. זיי האָבן דערוויילע אָנגעהויבן מיט פאַרכאַפּן פּיליפּען, אָבער דער עיקר ווילן זיי אים פאַר אַ קרבן.

דואַרטע האָט אַרויסגענומען אַ בינטל שליסלען, וואָס איז אים נאָכ־געהאַנגען אויפן רימען הינטער זיין טוניק, און געעפנט די קליינע אַריינגאַנג־טיר פון דעם גרויסן עפענונג־טויער.

באַלד האָבן זיך פון דעם מענטשן־געדראַנג אויפן פאַרטפּלאַץ באַוויזן עטלעכע קונים, איינקויפן סחורה פאַר די גרויסע און קלענערע קראָמען. דאָס זענען געווען סוחרים און קליינקרעמערס, וואָס ער האָט שוין אַ ביסל געקענט דורך דער קורצער צייט וואָס ער האַנדלט דאָ אין לאַנד. זיי זענען מיינסטנס געווען פּיליפּעס אַלטע קונים, טייל פון זיי ניי־קריסטן. זיי זענען ס׳רוב געקומען איינקויפן צוזאַמען מיט זייערע ווייבער, געניטע אשת־חילס, שטאַר־קע ווייבער מיט הייזעריקע שטימען פון שרייען ביי די מאַרק־געשטעלן, ביים אויסרופן זייערע סחורות. די ניי־קריסטלעכע ווייבער האָבן געטראָגן אויף זייערע לייבער לויזע, לאַנגע קליידער מיט ברייטע פאַלדן און שוואַרץ־געבלומטע שאַלן אויף די קעפּ, מען זאָל נישט אַרויסזען זייערע האָר. זייערע קליידער זענען געווען באַהאַנגען מיט היפּשע צלמים, פּאַטשערקעס און ציילקרעלן, ווי צו ווייזן פאַר דער וועלט, אַז אַפילו ביים מסחר פאַרלירן זיי נישט קיין צייט בלויז פאַר ערדישע זאַכן, נאָר זיי זענען אויך עוסק אין הייליקייטן. זיי ווייזן אַז זיי פאַרגעסן נישט אויף קיין איין רגע, אַז זיי זענען געווען זינדיקע מענטשן. זיי האַלטן אין איין דערמאָנען יעזוסעס נאָמען און די הייליקע מאַריאַ מיט פרעפּלען תפילות און ציילן קרעלן מען זאָל זיי נישט

חושד זיין, אַז זיי באַהאַלטן אין האַרצן אָדער אין די טואונגען עפּעס, וואָס איז געבליבן אין זיי פון זייערע ייִדישע עלטערן.

— סענהאָר דאַ סילוואַ, מיר וואַרטן שוין לאַנג דאָ צו קויפן ביי אייך סחורה. אייער שותּף סענהאָר פיליפּע איז עפּעס היינט נישט געקומען אין פרימאָרגן. וואָס האָט מיט אים געטראָפן? איז ער קראַנק? — האָט דער סוחר פראַנציסקאָ קאָרדעראָ געפרעגט אַ באַזאָרגטער און זיך צוגעבויגן צו אים און ווי געוואָלט עפּעס נאָך פרעגן, זייער, זייער שטיל.

זיין ווייב דאָנאַ איזאַבעל, אַ דיקלעכע פרוי מיט שוואַרצע פעפערלעך אויף איר טונקל פּנים האָט זיך אַ שטעל געטאָן צווישן זיי, ווי צו פאַרצאַמען איר מאַנס נייגעריקייט.

— מיר זענען פאַרנומענע מענטשן; סענהאָר פיליפּע פאַרגינט זיך צו שלאָפן שפּעט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ הייזעריקער אויפגערעגטער שטים.

— האָט נישט קיין פאַראיבל, סענהאָראַ דאָנאַ איזאַבעל קאָרדעראָ, פיליפּע איז נישט געזונט און איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר וואַרט דאָ, — האָט דואַרטע זיך העפלעך פאַרענטפערט.

— נישט נויטיק זיך אויפצורעגן. אַ מענטש ווערט אַ מאָל קראַנק, אַ מאָל איז דאָס ערגער ווי אַ קרענק אַז מען האָט אַ יונג, שיין ווייב, פאַרשלאָפט מען אַ מאָל... — איר האָט געוואַרט אַזוי לאַנג, וואַרט מען נאָך אַ ביסל. עס לוינט זיך צו וואַרטן ביי סענהאָר דאַ סילוואַ, ווייל ביי אים קריגט איר סחורה פון דער ערשטער האַנט. גלייך פון די גרעסטע פאָרטן אין דער וועלט, — האָט זיך אַריינגעמישט דער מעקלער אַנטאָניאָ וואַסקעז, וואָס פיליפּע האָט געהאַט אָנגעשטעלט צו רימען און מפרסם צו מאַכן זייער סחורה און ברענגען סוחרים אין סחורה־לאַגער אַריין.

דואַרטע איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. ער האָט נישט געהאַט קיין חשק און קיין געדולד צו טאָן מסחר, מעגן זיי זיין די בעסטע קונים. ער האָט געטראַכט זיי צו הייסן קומען מאָרגן, וואָרעם היינט זענען אָנגעקומען שיפן צום פּאָרט מיט סחורה פאַר אים און אויך אפשר זענען דאָרט דאָ פריינד און באַקאַנטע, וועמען ער דאַרף זען.

מיט אַ מאָל זענען אָנגעקומען עטלעכע פון פיליפּעס משרתים. צוויי

שטאַרקע ברייטפּלייציקע מענער, מענועל קאַסאַדאַ און גאָנזאַלעס אַווילאַ. זיי זענען געווען פיליפּעס אַלטע פריינד, קינדער פון ניי־קריסטן. זיי זענען געווען שווערע אַרבעטער, וואָס האָבן געקענט פּאַקן, הויבן שווערע משׂאות און זיי האָבן אויך געטויגט צום פּאַרקויפן ווי אַ שטייגער רעדן געלאָסן מיט קרעמערס און אויך וויסן ווי צו רימען די סחורה מיט געניטשאַפט. זיי זענען אָבער געווען פאַרגרעבט און נישט געהאַט קיין שום געפילן פאַר זייערע פאַרשטאָרבענע עלטערן, וואָס האָבן שטאַרק געליטן צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט געקענט לעבן פריי ווי ייִדן. פיליפּע האָט דוּאַרטען דערציילט, אַז זייערע עלטערן האָבן זיך אָנגעהאַלטן אין ייִדישקייט ביז צום לעצטן טאָג פון זייער לעבן. פיליפּע האָט אים אויך געוואָרנט זיך צו היטן פאַר זיי...

די צוויי משרתים זענען געווען פאַרזאָרגט. זיי האָבן נישט געקענט באַנעמען, וואָס עס האָט געקענט טרעפן מיט פיליפּען, ווען זיי זענען געווען זייער געטריי.

— מיר וואַרטן דאָ פון פאַר טאָג אָן. קונים קומען און גייען אַוועק, מיר האָבן נישט די שליסלען, — האָט זיך מענועל קאַסאַדאַ באַקלאָגט.

— פיליפּע מוז זיין קראַנק. מיר וועלן שיקן אַ ייִנגל צו אים אַהיים אויס־צוגעפינען, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט מיט אַן איינגעהאַלטענער, רויִקער שטים.

ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר. פון אינעווייניק האָט אַ שלאָג געטאָן אַ גערוך פון אַלערליי געווירצן, אויך פאַרשידענע טערפּקע ריחות, וואָס האָבן אַ צופּ געטאָן אין נאָז. זיי זענען אַריין אין לאַגער. ביי איין זייט וואַנט מיט פענצטערלעך, געקראַטעוועטע מיט אייזערנע שטאַבעס, ביים סאַמע סופית, זענען געלעגן אָנגעלייגט בערג מיט זעק צוקער, קאַווע־קערנער, דערלעבן שטויסן קאַסטנס מיט פאַרבהאָלץ פאַר די פאַרב־פאַבריקן אַרויסצושיקן קיין פּאָרטוגאַל, אויך אַלערליי מינעראַלן אויסגעגראָבענע אין די מינען־בערג.

אויף דער צווייטער זייט פון דער שאַפע זענען געשטאַנען סחורות, וואָס זענען געהאַט אָנגעקומען פון פּאָרטוגאַל, פון די פּאָרטן ביים אינדישן און אַראַבישן ים, פון די בענגאַלישע בוכטעס. דאָ איז די סחורה געווען אויס־געלייגט אין ריזיקע שענק, אָפענע און פאַרמאַכטע; פּעק מיט באַוול, גראָבע לייוונט, זיידנוואַרג, טיכער און רויער זייד פון אַלערליי קאָלירן, אויך רפואות:

געווירצן, קרייטעכצער, אינגבער, וואָרעמהאָלץ, שמעקנדיקע רויזנאייל, גאָר באַזונדער אַלערליי צירונג, קאָראַלן און אַלערליי איידלשטיינער.

עס האָט זיך געטראָגן אַן איבלדיקער גערוך פון פאַרב, לאַקיר און באַראַקס, וואָס איז געקומען פון אַ וויטלעך אָפּגעטיילטן צימער, ווו עס זענען געשטאַנען מעבל־שטיקער, בלאָ־גלאַנציקע פּאָרטוגעזישע קאַכליעס, און אין אַ באַזונדערן אָפּטייל זענען געלעגן שטויסן מיט טעפּעכער פון בענגאַל און פון אַנדערע פאַרשטעט, וואָס דאַ סילוואַ האָט געבראַכט קיין ריאָ.

דאָרטע האָט איבערגעלאָזט זיינע משרתים מיט די קונים, וואָס האָבן מיט מבינות און געניטשאַפט באַטראַכט און באַטאַפּט די סחורות. ער איז אַוועק אין זיין אָפּגעזונדערטן ביוראָ־צימער, ווו עס זענען געלעגן שטויסן צעטלען, חשבונות, קאָנטראַקטן, האַנדלס־אָפּמאַכן, קבלות און חובות־ראַטעס און טערמינען. אויף די שענק, טייל מיט שויבן־טירן זענען געשטאַנען שווע־רע רעכנביכער, אין וועלכע עס זענען געווען פאַרשריבן די אַלערליי סחורות, וואָס קומען אַריין אין לאַנד און וואָס ווערן אַרויסגעשיקט. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ ריזיק־שווערע אייזערנע קאַסע, ווו עס איז געלעגן זיין מזומן־געלט, קופּער, בראָנדזענע און גאָלדענע מטבעות, אויך גאָלדשטויב פון די גאָלדגרובנס אין „מינאַס־געריַאַס" און רויע דימענטן־שטיינער פון די ניי־אַנטדעקטע גרובנס, וואָס ער, דואָרטע, האָט צוגעגרייט צו שיקן קיין פּאָרטוגאַל, אָדער געטראַכט גאָר אַליין פאָרן מיט דעם צו ווייזן פאַכמענער, כדי זיך צו דערוויסן וואָס די נייע דימענטן־שטיינער האָבן די ווערט אויפן וועלטמאַרק.

ער האָט מיט ביטערניש דאָס אַלץ באַטראַכט ווי אַן איבעריק שווערן עול, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. עס זענען דאָ אין לאַנד אַזוי פיל אַוואַנטוריסטן, געלט־ און גאָלדגייציקע שאַרלאַטאַנעס וואָס זוכן מיט אַלע מיטלען אים אַריינצוציִען, ער זאָל אַריינלייגן געלט אין די ניי־אַנטדעקטע דימענטן־גרובן נאָך איידער מען ווייסט זייער ווערט. ער טוט אַלץ זיך נישט צו איילן, זיך אַרויסצודרייען פון די אַנבאָטן. ער, דואָרטע, האָט ליב צוצוגיין צו געשעפטן מיט אַ ניכטערן קאָפּ. ער איז נישט געקומען אין דעם נייעם לאַנד צו באַגראָבן זיין בלוטיק פאַרדינט געלט. זיי טראָגן אויף אים דערפאַר

אַן אומזיסטן האַס. זיי זוכן צו געפינען אויף אים חטאים, אַז ער איז נישט קיין געטרייער קריסט. זיי פאַרגינען אים נישט זיין רייכקייט, און וואָס גרע־סער עס ווערט זיין עשירות, אַלץ גרעסער ווערט די שינאה צו אים.

ער האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים ביוראָטיש און אַריינגענומען זיין שווערן קאָפּ צווישן די הענט. צו וואָס טויג אים דער גאַנצער האַנדל, רייך צו מאַכן די פּאָרטוגאַלישע קרוין מיט די גרויסע שטייערן, וואָס ער דאַרף צאָלן און ס'איז נאָך אַלץ פּאַר זיי ווייניק. אויב די אינקוויזיציע זאָל אויף אים אויסטראַכטן אַ בילבול און אים נעמען אין זייערע תּפיסה־קאַמערן, וועלן זיי צושטעלן פאַלשע עדות מיט צוגעטראַכטע פאַרברעכנס, וואָס ער איז באַגאַנגען... און דערפאַר וועט מען אים פּייניקן, און ער וועט דערנאָך פאַר־משפט ווערן. אַפילו ווען ער וועט בלויז צוגעבן און זיך מודה זיין אין די זינד וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף אים, און זיך בעטן, אַז ער וויל תּשובה טאָן כּדי צו ראַטעווען זיין לעבן און נישט אומקומען אויפן שייטער־הויפן, וועט מען סיי ווי צונעמען ביי אים זיין פאַרמעגן און אים פאַרשיקן ערגעץ אין אַ העק, אָדער אים האַלטן אין תּפיסה. גראַסיאַ וועט בלייבן אַליין אויף הפקר. פון די טראַכטונגען, מיט וועלכע ער איז אַרומגענומען געוואָרן, איז אים אַרויס אַ קאַלטער שווייס אויפן פּנים און אַ שווינדלעניש אין קאָפּ.

ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט אין זיין קנעכט אַבדול, וועמען ער האָט פריִער מיטגעבראַכט מיט זיך. עס קען זיין, אַז ער, אַבדול, וועט דאָס זיין דער פאַלשער עדות, וואָס מען גרייט צו קעגן אים. ער מוז עס גלייך אויסגעפינען, האָט דוראַרטע געטראַכט. ער האָט זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון טיש, זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויס פון זיין ביוראָ־צימער.

ער איז אַוועק אין דעם ווייטלעכן טייל פון זיין סחורה־לאַגער. אין אַ זייטיקן ווינקל איז אויף אַ שטרויזאַק געלעגן זיין שטאַלקנעכט, איינגע־קאַרטשעט און שווער געשנאַרכט. ער האָט אים לייכט גענומען וועקן. דער קנעכט האָט זיך אַ פאַרצאַפּלטער אויפגעכאַפּט, זיך אומגעקוקט אַ פאַרצי־טערטער. ער האָט זיך פּלוצעם האַסטיק אַ ריס געטאָן פון זיין געלעגער ווי צו אַנטלויפן.

— דאָס בין איך, דאַ סילוואַ, דאַרפסט זיך נישט שרעקן.

דער שקלאַף האָט זיך גענומען רייבן די פאַרשלאָפענע אויגן און אים

אַ צעטומלטער אָנגעקוקט. ער האָט זיך גלייך צעשמייכלט און אָנגעכאַפּט דעם זוים פון דאַ סילוואַס טוניק און צוגעפּרעסט זיינע ליפּן.

— איך האָב זיי גאָרנישט געזאָגט, סענהאָר דאַ סילוואַ, גאָרנישט, — האָט ער געשטאַמלט אַ האַלב־פאַרשלאָפענער און זיך אונטערטעניק געבויגן צו אים.

— וואָס וועסטו טאָן ביי נאַכט, אַז דו שלאָפסט ביי טאָג? קום אַריין צו מיר אין ביוראָ. איך וועל שיקן נאָך אַ קרוג מיט הייסע קאַווע מיט אַ צובייס פאַר דיר, און ס׳וועט דיר ווערן בעסער.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אין זיין ביוראָ־צימער און דער שוואַר־צער אַבדול איז אים אַ דערשראָקענער נאָכגעגאַנגען מיט וואַקלענדיקע טריט.

דאַ סילוואַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין שטול און מיט דער האַנט אָנגעוויזן דעם קנעכט ער זאָל זיך אַוועקזעצן ביי דער זייט פון ביוראָ־טיש.

אַבדול אַדערעס האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים ברעג פון שטול, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו באַרירן מיט זיינע שמוציקע בגדים דעם ווייכן פּליוש פון שטול.

— וואָס האָט מען דיך געפרעגט? כ׳מיין זיי, וואָס האָבן זיי דיך געפרעגט וועגן מיר?

אַבדול האָט אַ ציטער געטאָן, זיינע ליפּן האָבן גענומען צאַפּלען.

— איך, איך האָב דעם מאַן מיטן קרוציפיקס אויף דער ברוסט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געוואָלט וויסן צי סענהאָר דאַ סילוואַ לאָזט מיך רוען פרייטיק ביי נאַכט און דעם גאַנצן טאָג שבת. צי איך, אָדער עמעץ אַנדערש ברענגט איך ריינע וועש נאָכן באָדן זיך פרייטיק פאַר נאַכט.

— וואָס האָסטו אים געענטפערט? כ׳מיין, צי זעסטו מיך זיך באָדן פרייטיק פאַר נאַכט? — האָט דאַ סילוואַ צענומען די הענט זיינע און אָנגעקוקט אַבדולן מיט אַ טרויעריקן, ביטערן שמייכל.

אַבדול האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געפּאַכעט אַ פאַרצאַפּלטער מיט די ווי:עס, ווי עס וואָלט אים געווען שווער צו קוקן גלייך אין פּנים זיין האַר.

— איך, איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פֿאַל אַוועק אין שלאָף אַ סך מאָל, מעג דונערן און בליצן, הער איך גאָרנישט. איך געדענק קיין מאָל נישט צי עס איז פֿרייטיק, שבת, אָדער אַן אַנדער טאָג.

דער משרת מענועל האָט אַריינגעבראַכט אַ קרוג מיט וואַרעמס, אויך ריינע, געגלייזטע, ערדענע טעפּלעך, אַ רייזקוכן און אַלץ אַוועקגעשטעלט אויף אַ טישל. ער האָט זיך פֿאַרנייגט און גיך אַרויס פֿון ביוראָ־צימער נישט אַרויסצוווייזן זיין נייגעריקייט, וואָס דוואַרטע האָט פּלוצעם פֿאַרבעטן זיין קנעכט אין זיין געשעפֿט־צימער.

דאַ סילוואַ האָט אָנגעגאָסן פֿון קרוג אַ טעפּל וואַרעמס און געגעבן זיין קנעכט אַבדול צו טרינקען פֿריִער ווי זיך אַליין. דער קנעכט האָט הכנעהדיק מיט ציטערנדיקע הענט גענומען זופּן דאָס וואַרעמס. עס האָט אים פֿון שרעק, וואָס זיין האַר פֿרעגט אים אַזוי אויס, גענומען קאַפּען פֿוןביידע ווינקלען מויל, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט מיטן געטראַנק.

— ער האָט גאָרנישט געפֿרעגט צי עס קומען מענטשן צו אונדז אין הויז אַריין ביי נאַכט?

דער שוואַרצער האָט אַוועקגענומען דאָס טעפּל פֿון מויל און זיך מיטן אַרבלבערג גענומען ווישן זיין מויל.

— וויפֿל מאָל האָב איך דיר געזאָגט נישט צו ווישן דאָס מויל מיטן אַרבל. דו וועסט דאָך באַלד זיין פֿריי פֿאַר זיך אַליין. איך טראַכט דיך צו באַפֿרייען, דו זאָלסט זיך לאָזן וווּלגיין פֿאַר זיך אַליין.

— ניין! ניין! איך וויל דאָס נישט, איך ווייס נישט וווּ צו גיין.

— איך וועל דיר אַרויסהעלפֿן. דיר געבן אַ ביסל סחורה צו האַנדלען אויפֿן פּאָרט ווי אַנדערע פֿרייע בענגאַלער טוען דאָס.

אַבדול האָט אומעטיק, אַ נישט זיכערער אַראָפּגעלאָזט נידעריק דעם קאָפּ און אַ ווײַלע געשוויגן און עפּעס נאָכגעטראַכט.

דאַ סילוואַ האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם געדולד געוואַרט.

— ער האָט מיך געפֿרעגט צי איך בין געשלאָפֿן יענע נאַכט ווען דער הויף איז געווען פֿול מיט מענטשן, קרובים פֿון די פּלאַנטאַציעס און אַנדערע — האָט אַבדול געזאָגט מיט אַ שטיקנדיקן קול.

— וואָס האָסטו אים געזאָגט? — האָט דאַ סילוואַ אים געפֿרעגט און מיט

אַ טיכל פאַרשטעלט זיין פּנים, וואָס איז מיט אַ מאָל געוואָרן אויפגערודערט און בלאָס פון טיפער אויפרעגונג.

— איך ווייס פון גאָרנישט, איך ווייס בלויז, אַז דער סוחר פיליפּע קומט אַ מאָל צו אים מיט סוחרים, גרויסע לייט און זייערע אויסגעפּוצטע ווייבער. זיי מאַכן זיך ליכטיק אין די צימערן. אָבער איך שלאָף אין מיין קעמערל, איך דאַנק אַללאַ, כ׳מיין דעם האַר יעזוס, אַז מען רופט נישט מיך צו באַדינען זיי.

— וויפל מאָל האָב איך דיך געוואָרנט זאָלסט נישט דערמאָנען דעם נאָמען אַללאַ אין מיין הויז, — האָט דואַרטע דאַ סילוואַ געזאָגט מיט אַ זיפּצנדיקער שטים.

— פאַרגיב מיר, מיין האַר. איך קען זיך נישט אָפּגעוווינען פון דעם.

דואַרטע האָט שאַרף און דורכדרינגלעך אים אַריינגעקוקט אין זיינע צעפּלוטעטע אויגן. דער שוואַרצער האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן־אָפּלען. ער האָט אים נישט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן. דואַרטע האָט זיך משער געווען, אַז ער זאָגט אים נישט דעם גאַנצן אמת. ס׳האָט אים אויך געווונדערט, וואָס פריִער האָט אַבדול קיין מאָל נישט אַרויסגעזאָגט יעזוסעס נאָמען ביי אים אין הויז, כאָטש ער האָט אים אַליין געהאַט געטויפט. זיי, די אינקוויזי־טאָרן, האָבן אים שוין, זעט אויס, גוט באַאַרבעט, און גרייטן אים צו ער זאָל ווערן אַן עדות קעגן אים. עס קומט אַבדולן אָן שווער, ווייל ער, דואַרטע, האָט אים זעלטן באַעוולט און אים קיין מאָל נישט געטריבן צו טאָן שווערע אַרבעט און אים נישט באַליידיקט.

— איצט ווייסן שוין אַלע, אַז דו ביסט אַ פוילער, שלאָפסט מער ווי דו אַרבעטסט; וואָס וועט פון דיר ווערן, ווען דו וועסט ווערן פריי ?... — האָט דאַ סילוואַ באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער שוואַרצער האָט גענומען פאָכען מיט זיינע אויפגעהויבענע ווִיעס.

— יאָ, אַזוי האָב איך זיי געזאָגט. איך ווייס גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אין גרויסן הויז, די „קאַסאַ־גראַנדאַ״. איך האָב אַזאַ קראַנקייט, אַז איך האָב נישט וואָס צו טאָן. שלאָף איך, און מיין האַר דאַ סילוואַ שטערט מיר נישט.

— נו, גיי לייג זיך אויפן שטרויזאַק. איך וועל דיך שפּעטער דאַרפן, מיך צופירן אַהיים.

דער קנעכט האָט זיך אַ געבויגענער אויפגעהויבן פון שטול, טראָפּנס שווייס האָבן אים אַרויסגעזעצט אויפן שטערן. ער האָט ווידער אָפּגעווישט דעם שווייס פון פנים מיטן אַרבל און זיך געלאָזט צום ווייטלעכן ווינקל, ווו עס איז געלעגן דער שטרויזאַק, ווידער צו נעמען אַ דרימל.

דאַ סילוואַ האָט זיך מער נישט אָוועקגעזעצט צוריק אין זיין ביוראָ־צימער. ער האָט מיט פּאַרדרוס געטראַכט, אַז ס'איז שוין צייט פּטור צו ווערן פון דעם קנעכט אַבדול אַדערעס. ווען אַלץ וועט זיך איינשטילן און עס וועט אים און פיליפּען גאָרנישט געשען, וועט ער אים אָוועקשיקן צו לאָורענסאָ מאַרקעס, ער זאָל דאַרט אַרבעטן אין דער צוקערמיל. געוויינטלעכער צוקער־פּלאַנטאַציע, זאָל ער דאָרט אַרבעטן אין דער צוקערמיל. ער אַליין, דואַרטע, וועט זיך איינשאַפן אַ לייטישן שקלאַף, אַ מישלינג, אָדער גאָר אַן איידעלן סודאַנער, וואָס האָט מער שכל, וואָס איז מער פעיִק צו טאָן אַלערליי אַרבעטן און נישט בלויז אין דעם פערדשטאַל.

ער האָט איילנדיק דורכגעשפּאַנט דעם טישקאַסטן, ווו די קונים זענען געשטאַנען און זיי האָבן פּאַרטוענע מיט מבינות באַטראַכט די סחורות, וואָס די משרתים האָבן זיי געוויזן.

— שיקט עמעצן אויסצוגעפינען וועגן פיליפּען, וואָס עס האָט מיט אים געטראָפן, — האָט דואַרטע געזאָגט צו זיין משרת מענועל. דער משרת האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער וועט דאָס גלייך טאָן.

דואַרטע דאַ סילוואַ איז אַרויס פון זיין סחורה־לאַגער. אויף דער גאַס צום פּאָרט איז שוין איצט געווען אַ גרויסער טומל. די פּאַרזאַמלטע מענטשן האָבן זיך געשטופּט אין אַ גרויסן געדראַנג, וואָס נענטער צום ים־באָרטן. די אָנגעקומענע שיפן האָבן שוין געהאַט אַרונטערגעלאָזט די זעגלען. די פּאָרטוגעזישע פאָנען האָבן געפלאַטערט אויף די שפּיץ מאַסטן. דואַרטע דאַ סילוואַ האָט דערקענט די שיפן. די גרעסטע שיף איז געווען פון פּאָרטוגאַל, די אַנדערע פון ציילאָן, און די סאַמע קלענסטע, פון ווייטן אַפריקע, וואָס האָט געבראַכט בלויז שקלאַפן פון קאָנגאָ און פון אַנגאָלאַ.

פון דער פּאָרטוגאַלישער שיף, וואָס איז געקומען פון זיין היימשטאָט ליסאַבאָן, זענען פון די צוגעשטעלטע טרעפּ אַרונטער נייע עמיגראַנטן: פּאָרלעך און גאַנצע משפּחות מיט קינדער ביי די הענט און מיט זויגקינדער. מיינסטנס זענען זיי געווען אויסגעפּוצטע אין די שענסטע קליידער ווי מען

טראָגט גרויסשטאָטיש אין ליסאַבאָן. די מענער מיט פאַרביקע, גאָלד־באַזוימ־טע טוניקעס, קניהויזן מיט הויכע זאָקן, געפאַלדעוועטע קאָלנער־רינגען אויף די העלדזער, מיט מעשענע רינגלען אויף די שיך. די פרויען האָבן געטראָגן ברייטע געפאַלדעוועטע קליידער ביז צו די קנעכלעך, איינגעצויגן ביי די טאַליעס און אונטער די הויכע בוזעמס, מיט הוטן אויף די קעפּ, באַפּוצט מיט פינקלענדיקע אָרנאַמענטאַציעס, טייל איינגעהילט אין שוואַרצע וואַלן, איבער די פּנימער.

דואַרטע האָט געטראַכט, אַז צווישן די אָנגעקומענע מוזן זיך אויך געפינען ניי־קריסטן, וואָס האָבן נאָך אַלץ די איינרעדעניש אַז דאָ, אין נייעם לאַנד, וועלן זיי קענען פרייער אָפּאָטעמען, מען וועט זיי נישט נאָכקוקן, וואָס עס טוט זיך ביי זיי אין טעפּל. ער האָט שוין קיינעם פון די מענטשן נישט געקענט. ער איז שוין אַ סך יאָרן געווען אַוועק פון פּאָרטוגאַל אויף זיינע ווייטע נסיעות, אויך ער, דואַרטע, האָט אַ מאָל געהאָפט, אַז ווען ער וועט קומען קיין ריאָ, וועט ער קענען פרייער אָפּאָטעמען, זיי וועלן זיך, אַזוי ווי ער, ביטער אַנטוישן: די גלחים און מאָנאַכן וואַנדערן מיט, טייל פאַרשטעלטע אין געוויינטלעכער הלבשה, אַנדערע אין זייער אָרדנטראַכט. אָט זענען זיי טאַקע אָנגעקומען. עס האָבן זיך געגומען ציִען גרופּעס מיט מאָנאַכן פון פאַר־שיידענע אָרדנס, דאָמיניקאַנער, יעזויִטן — אַלע אָנגעטאָן אין זייערע אָרדן־קאָסטיומען, אין לאַנגע מאַנטלען מיט נאָכהענגענדיקע צלמים אויף די העל־דזער, מיט שוואַרצע קרעלן.

די קרובים, וואָס האָבן אָפּגעוואַרט די ניי־געקומענע, האָבן זיך דערקענט, זיך אַרומגעכאַפּט, געהאַלדזט און געקושט. זיי האָבן די קרובים צוגעפירט צו זייערע קאַרעטעס און, באַגליקטע, זיי געפירט צו זייערע היימען.

דואַרטע האָט אויף ס׳ניי דורכגעלעבט יענעם טאָג, ווען ער איז אַליין אָנגעקומען אין דעם האַפן, און די דאַ סילוואַ־משפּחה, מיט דאָנאַ לאַורענסיִאַ און מרים קאָוטיניאַ, גראַסיִאַס מוטער, האָבן אים אויפגענומען מיט אַ משפּחהדיקער ליבשאַפט, וואָס ער האָט דאָס קיין מאָל פריִער נישט געהאַט.

נאָך די פּאַסאַזשירן האָבן דאָ די פּאָרטטרעגערס, שוואַרצע קאָנגאָ־שקלאַפן, האַלב נאַקעטע ריזן, גענומען אַרונטערטראָגן שווערע פּעק, קופערטן מיט מעשענע באַשלאָגענע רייפן, מיט שטאָלענע שלעסער, אויך זעק און

קאַסטנס מיט סחורות, פּימסנהאָלץ פון פּאָרטוגעזישעביימער, קעסטלעך מיט וויין, מעבל, בלויע קאַכליעס, פּאָרטוגעזישע מאַרמאָר־פּלאַטן, און אַלערליי מאַרמאָר־אויסאַרבעטונגען צו באַצירן די ניי־אויפגעקומענע רייכע הייזער.

זיי האָבן די אַלע סחורות געטראָגן צו די פּאָרט־הייזער, נייגעריקע מענטשן און סוחרים האָבן נאָכגעקוקט אויף די שוואַרץ־פּאַרביקע אויפשריפטן צו וועמען די סחורות זענען אָנגעקומען.

אַן אַנדערש מאָל האָט אויך ער, דואַרטע מיט זיין שותּף, פּיליפּע, דאָ גלייך נאָכגעזוכט צי עס זענען פּאַר אים אויך אָנגעקומען זיינע באַשטעלונגען. אָבער איצט איז אים געווען אַלץ איינס צי עס איז יאָ, אָדער נישט אָנגעקומען זיין סחורה. זיינע שׂונאים האָבן גרויסע אויגן אויף אים. וואָס גרעסערע לאָדונגען עס קומען אָן צו אים, אַלץ מער פאַרגינט מען אים נישט. מען וויל אים אויסראָטן, צונעמען זיין האָב און גוטס, און ווער ווייסט, אפשר האָט אין דעם אויך אַ האַנט זיין ווייבס משפּחה, וואָס וויל אים נישט מוחל זיין און האַלט, אַז ער איז שולדיק אין איר פּריצייטיקן טויט. עס קען אויך זיין, אַז זיי ווייסן שוין, אַז ער גרייט זיך חתונה האָבן מיט גראַסיאַ, דערפאַר איז זייער שׂינאה צו אים געוואָרן נאָך גרעסער. זיי פאַרדריסט אפשר אויך, וואָס ער האָט געירשנט זיין ווייבס פאַרמעגן, וואָס איז אים געקומען געזעצלעך, פאַר וואָס קיינער קען נישט האָבן צו אים קיין טענות. כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז דער גרעסטער טייל פון זייער פאַרמעגן איז געשאַפן געוואָרן דורך אים אַליין, אָן איר הילף. ער האָט זי דעמאָלט, נאָך זיין ווייבס טויט, געגנוג איבערגעלאָזט פון זיין עשירות, וואָס קיין אַנדער אַלמן וואָלט דאָס נישט געטאָן. ער האָט זי איבערגעלאָזט דאָס הויז, זייער זומערהיים אין די בערג, די ווינט־מיל, וואָס ער האָט דאָס אַלץ געבויט, די שטאַל מיט די פערד, און דאָס מעבל. ווער ווייסט, עס קען געמאָלט זיין, אַז עס איז שוין אויך אָנגעקומען עמעצער פון זיין ווייבס משפּחה, וואָס וויל זיך אויך דאָ אויף שטענדיק זיך באַזעצן? בראַזיל איז אין די היימישע שטעט, זינט מען האָט געפונען גאָלד אין די בערג, געוואָרן באַרימט. מען ריכט זיך דאָ גרינג רייך צו ווערן; דערצו ווייסן זיי שוין אויך, אַז מען האָט געפונען אוצרות מיט דימענטן אין די בערג, וואָס מען האַלט אין אויסגראָבן. דאָס האָט שוין אַלעמען דאָרט אין גאַנצן פאַרדרייט די קעפּ.

זיינע טראַכטונגען זענען מיט אַ מאָל איבערגעריסן געוואָרן: פון דער שיף, וואָס איז אָנגעקומען פון דעם אַפריקאַנישן פּאָרט פון דעם עלפאַנט־ביין־ים־ברעג, האָט מען גענומען אַרונטערפירן ניי־געבראַכטע שקלאַפן. דאָס זענען געווען ריזיקע שוואַרצע מענער פון קאָנגאָ מיט געדיכטע געקרייזלטע האָר אויף די קעפּ, פעד־שוואַרצע נידעריקע בערבערן, און אויך שיינע, גוט־געבויטע טונקל־ברוינע אַנגאָלער. די אַנגאָלער האָבן שוין געהאַט איינגע־ברענטע אין זייערע לייבער שטעמפּלען פון דער פּאָרטוגעזישער קרוין, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז זיי זענען שוין געווען געטויפט, און זענען שוין פריער געווען אין דינסט ביי די קריסטלעכע הענדלערס. אין יעדער באַ־זונדערער גרופּע זענען די שקלאַפן געווען צוזאַמענגעקייטלט איינער צום אַנדערן.

די אויפזעערס אין לעדערנע טוניקעס זענען נאָכגעגאַנגען די שקלאַפן מיט בייטשן אין די הענט. טייל פון די שקלאַפן האָבן זיך געררוקט הינטער־ווייליכע ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פאַר דעם אומבאַקאַנטן, טומלדיקן המון, וואָס האָט מיט גיריקייט געקוקט אויף זיי. די וועכטערס האָבן גענומען סוויש־טשען מיט די בייטשן אין דער לופטן, זיי אויפצומונטערן. טייל שמיץ זענען געפאַלן איבער זייערע לייבער. זיי האָבן איינגעגראָבן זייערע קעפּ און זיך איינגעקאָרטשעט. דער געסווישטש פון די בייטשן האָט זיי צעטומלט און זיי זענען שוין הכנעהדיק, מיט ווילד־דערשראָקענע אויגן אַרונטער צום פּאָרטפּלאַץ.

פון דער דריטער שיף האָט מען אַרונטערגעפירט די בעסער געפּלעגטע איידעלערע שקלאַפן, מענער און פרויען באַזונדער, געבראַכטע פון די פּאָרטן ביים אַראַבישן ים, פון גרינעם קאַפּ צי פון סיעראַ־לעאָנע. די מענער — הויכע, טונקל־געלבלעכע און ברוין־רויטלעכע מיט פלאַך־האָריקע קעפּ, שמעלערע נעזער און פרויען מיט דעליקאַטע, גראַציעזע פיגורן, פיינע, נישט צו דיקלעכע ליפּן. זיי זענען געווען געמישטע פון כּלערליי פעלקער, אַראַ־בישע, אינדישע און אויך פון אייראָפּעיִש בלוט.

די פאַרזאַמלטע מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער דריטער שיף, וואָרעם מייסטנס זענען זיי געקומען קויפן די איידעלערע שקלאַפן. עס זענען דאָ געווען פאַרשיידענע סאָרטן קונים. געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן נאָר

געזוכט די שטאַרקע קאַנגאַ־נעגערס, דאָס זענען געווען די אייגנטימערס פון די מינעראַלן און גאָלדמינעס. די פּלאַנטאַטאָרס פון קאַווע און צוקערראָר־פעלדער און מילן, האָבן נאָר געוואָלט קויפן די אַנגאָלער שקלאַפן, געניטע אין פעלדאַרבעט, אויסצויעטן גערטנער. באַזונדערס האָט מען געזוכט איינ־צוהאַנדלען די שוואַרצע פרויען, טייל מעוברתדיקע, וואָס פיל פון זיי האָבן געהאַט אַרויסשפּאַרנדיקע ברוסטן, וואָס וועלן האָבן גוטע און גענוג מילך צו געבן צו זויגן די קינדער פון די רייכע פּלאַנטאַטאָרס און אַנדערע קינדער פון פּאַרמעגלעכע, קרענקלעכע פרויען פון דער שטאָט, וואָס האָבן נישט גענוג מילך פאַר זייערע זייגקינדער.

אַ סך פון די פּאַרמעגלעכע מענער האָבן געקוקט מיט גיריקע צעפלאַמטע אויגן אויף די יונגע פרויען און מינער־יעריקע מיידלעך, מישלינגען מיט ברוינלעכע גראַציעזע קערפּערס מיט נאַקעטע אַרויספּאַרנדיקע ברוסטן. פיל פון די מענער האָבן נישט געהאַט קיין געזעצלעכע ווייבער, און געהאַט חשק צו קויפן איינע אָדער עטלעכע שקלאַפן צו פירן זייער באַלעבאַטישקייט און אויך לעבן מיט זיי, האָבן קינדער, וואָס וועלן באַרייכערן זייערע פאַר־מעגנס.

דואַרטע האָט זיך דערנענטערט צו דער שיף, וואָס האָט געבראַכט די טייערע איידעלע שקלאַפן פון אַראַבישן ים־ברעג, ווו ער האָט געהאַט געלעבט אַ סך יאָרן. נישט איין מאָל האָט ער דעמאָלט אין זינען געהאַט צו קויפן אַזאַ יונגפרוי פאַר אַ שקלאַף, וועלכע זאָל אים באַדינען און קענען לעבן מיט אים. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אויפרייצן זיין משפחה קעגן אים. איבערהויפּט האָט ער זיך געשראָקן פאַר זיין ווייבס יינגסטן ברודער פערדע־נאַנד, וואָס האָט אים תמיד געהיט און איבערגעגעבן זיין ווייב אין ליסאַבאָן ווי אַזוי ער פירט זיך אויף אין דער פרעמד. דערצו האָט ער אויך נישט געוואָלט האָדעווען אין זיין הויז קיין ממזרים, אָדער זיי שפּעטער דאַרפן פאַרקויפן.

זיין האַרץ איז איצט געווען דורכגענומען מיט אַ בענקשאַפט צו יענער צייט. ער איז טאַקע דעמאָלט געווען איינזאַם אין פרעמדע, אומהיימלעכע מקו־מות. עס איז אָבער געווען אַ מנוחהדיקע צייט. קיינער האָט אים נישט נאָכ־געשפּירט, צי ער פירט זיך ווי אַ ייִד. עס איז געווען גענוג, אַז ער איז

אַ מאָל געגאַנגען אין אַ קאַפּליצע צו דער זונטיק־מעסע, וואָס די פּאָרטוגע־זישע קאָלאָניעס האָבן דאָ און דאָרטן געהאַט אויפגעבויט אין אַ טייל האַפנס. אַלע האָבן אים באַטראַכט ווי איינעם פון זיי. מייסטנס איז ער געגאַנגען צו אַ זונטיק־מעסע, ווען זיין שוואָגער פערדענאַנד איז אָנגעקומען מיט דער שיף צו קויפן סחורה.

עס זענען דאָרט געווען אַ סך מוסלמענער אין די פּאָרטשטעט, וואָס האָבן אים אַרויסגעוויזן פריינדשאַפט און אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן.

פון דער שיף האָבן אויך גענומען אַרונטערגיין פּאַסאַזשירן — מענטשן מיט רויע, אָפּגעבערנטע, פאַרברוינטע פּנימער, געקומענע פון געגנטן מיט הייסע קלימאַטן, אויסגעצוויקט פון שאַרפע ים־ווינטן. זיי זענען מייסטנס געווען יעגערס, ים־פאָרערס, אַוואַנטוריסטן, אויפקויפערס פון שקלאַפן, וואָס האָבן אַ סך יאָרן אַרומגעוואַנדערט אין די טיפענישן פון אַפריקע, געבראַכט פאַרשיידענע חיות, כּלערליי פייגל, העלפאַנטביין און שקלאַפן.

צווישן די אַרונטערגייענדיקע האָט זיך דואַרטען געוואָרפן אין די אויגן אַ נידעריקער, געפּאַקטער, טונקל־פּנימדיקער פּאָרטוגעזער. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע געדיכטע שפּיצגאָמבע־באָרד און שאַרף־פאַרשפּיצטע וואָנצעס געדרייט אויף אַרויף, דין ביים סאַמע שפּיץ, ווי שטעכיקע שטיפטלעך. ער איז געווען עפּעס ענלעך ווי צו זיין, דואַרטעס, פאַרשטאָרבענער פרוי. באַ־זונדערס איז די ענלעכקייט געווען אין זיינע גרויסע, אַרויסשפּאַרנדיקע אויגן. איז עס מעגלעך, ער זאָל זיין פערדענאַנד אַנטאָניאָ, זיין ווייבס יינגסטער ברודער ?

ער האָט געטראָגן אַ ווייכן לעדערנעם טוניק, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון הינטער זיין פעלערינע. זיין ברייטער הוט מיט אַ שטרויספעדער ביי דער לינקער זייט איז געווען וווּליוּנגעריש פאַררוקט אין אַ זייט פון קאָפּ.

ביי דואַרטען האָט גענומען האַסטיקער קלאַפּן דאָס האַרץ. ער איז שוין געווען זיכער, אַז דאָס איז פערדענאַנד אַנטאָניאָ. ער איז דער זעלבער, נאָר דורך דער צייט, וואָס ער האָט אים ניט געזען איז ער עלטער געוואָרן, נישט צום דערקענען.

דואַרטע האָט זיך דערמאָנט, אַז בעת פערדענאַנד האָט געמאַכט זיינע לעצטע נסיעות אין די אַראַבישע פּאָרטן און אין די בענגאַלישע בוכטעס,

האָט זיך דער שוואָגער זיינער אַריינגעלאָזט אין אויפקויפן די געמישטע שוואַרצע שקלאַפן. עס איז אים נישט געווען גענוג דאָס אויפקויפן די אַראַבישע פערד, וואָס זענען געווען אַ גוטע סחורה אויפן אייראָפּעיִשן מאַרק. ער איז אָבער מיט זיין סחורה קיין מאָל נישט געפאָרן אַהער, קיין בראַזיל. ער האָט די שקלאַפן גלייך פאַרשאַכערט צו די גרויסע שקלאַפן־הענדלערס אין די פּאָרטן. איז עס מעגלעך, אַז פערדענאַנז האָט אַהער געבראַכט שקלאַפן צו קענען אַרויסקריגן גרויסע רווחים? עס האָט אים בלויז געחידושט פאַר וואָס זיין געוועזענער שוואָגער האָט אים גאָרנישט געלאָזט וויסן, אַז ער קומט צו פאָרן מיט אַ לאַדונג סחורה, נאָך אַלעם האָט ער דאָך נישט איבער־געריסן זיין קרובהשאַפט מיט דער משפחה, ווען זיין ווייב איז פּלוצעם געשטאָרבן?

דוואַרטע האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז זיין שוואָגער פערדענאַנז און אויך אַנדערע שקלאַפן־הענדלערס אין די פּאָרטן האָבן אים פיל מאָל צוגערעדט, ער זאָל אַריין מיט זיי אין דעם שקלאַפן־האַנדל בשותפות, צו קויפן פון דער ערשטער האַנט ביי די כאַפּערס, וואָס ברענגען פון דזשאַנגל זייער געפאַנג און אויך די מישלינגען, וואָס זענען שוין איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דוואַרטע האָט געוווּסט, אַז די נעגערישע פרויען, מישלינגען מיט אַראַביש און אייראָפּעיִש בלוט האָבן אויף דעם לאַטיין־אַמעריקאַנישן מאַרק אַריינ־געבראַכט גרויסע פאַרדינסטן, מער ווי אַנדערע סחורות. ערשט איצט, זינט ער איז געקומען אין דעם נייעם לאַנד, פאַרשטייט ער דאָס בעסער. די איינגעוואַנדערטע מענער האָבן נישט גענוג ווייסע פרויען אויף חתונה צו האָבן. די פּאָרטוגעזער, סיי איינגעוואַנדערטע און אַפילו הי־געבוירענע האָבן אַ גרויסן באַגער צו טונקעלע און שוואַרצע פרויען. פיל פון זיי זענען פון זייער פריסטער קינדהייט דערצויגן געוואָרן פון מורישע זויגמוטערס...

דוואַרטע האָט זיך אָבער נישט געלאָזט איינרעדן צו ווערן אַ שקלאַפן־הענדלער. עס איז אים תּמיד געווען דערווידער צו האַנדלען מיט לעבעדיקע באַשעפעניִשן, שוין אָפּגערעדט פון פירן אַ האַנדל מיט מענטשן. ער האָט אַפילו אויסגעמיטן פיל מאָל צו האַנדלען מיט די שיינע אַראַבישע פערד, וואָס פיל מענער פון זיין ווייבס משפּחה האָבן אויף זייערע שיפן געבראַכט קיין פּאָרטוגאַל און אַריינגעקראָגן גרויסע פאַרדינסטן.

פון צווישן דעם פאַרזאַמלטן עולם האָט דואַרטע דערזען דעם שפּאַנישן אַדלמאַן מאַרטעם בלאַנקאַ, וואָס האָט מיט אַ ווייס טיכל געפאָכעט צו דעם אַרונטערגייענדיקן פּאַסאַזשיר, וואָס איז אָן ספק זיין געוועזענער שוואָגער. פערדענאַנז אַנטאָניאַ האָט נאָך פון דער וויטנס געשמייכלט אַ צעשטראַלטער. ער האָט אַרויסגעשטרעקט די הענט צו מאַרטעם בלאַנקאַ, ווי צו איינעם, וואָס ער האָט דערוואַרט, אַז ער זאָל אים קומען באַגעגענען. עס איז דואַרטען קלאָר געוואָרן אַז ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט מאַרטעם בלאַנקאַ, אַז ער קומט צו פאָרן, און נישט מיט אים, זיין געוועזענעם שוואָגער. ער האָט אים, הייסט עס, אויסגעמיטן...

עס האָט נישט געהאַט קיין זין צו זיין אין כּעס אויף אים, אָדער זיך צו באַהאַלטן און אים אויסמיידן. עס איז אפשר גראָד בעסער צו ווייזן זיין שוואָגער, אַז כאָטש ער האָט אים נישט געשריבן קיין בריוו, אַז ער קומט אין לאַנד אַריין, איז ער פון דעסטוועגן געקומען צום פּאָרט אים באַגעגענען. יאָ, נישט געקוקט דערויף וואָס זיין שוועסטער איז מער נישטאָ, איז ער, דואַרטע, נאָך אַלץ אַ טייל פון דער משפּחה. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, זיין ווייב זאָל פון אים צוגענומען ווערן און עס איז נישט זיין שולד...

דואַרטע האָט זיך גענומען דורכשטופּן צווישן דעם געדיכטן המון נענ־טער צו זיי. דאָס האַלטן זיך אַרומגענומען צווישן די צוויי פריינד האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע. זיי זענען געווען אַזוי פאַרטאָן מיט צודריקן זיך איינער צום אַנדערן, אַז זיי האָבן קיינעם נישט געזען אַרום זיך.

דואַרטע האָט זיי ביידן נאָך געקענט פון זיינע יינגערע יאָרן, ווען זיי אַלע האָבן שטודירט אין קאָימבראַ־אוניווערסיטעט אין פּאָרטוגאַל. מאַרטעם בלאַנקאַ און פערדענאַנז האָבן שטודירט נאַוויגאַציע, ווי אַרומצוגיין מיט שיפן אויף די גרויסע אָקעאַנען, וואָס איז געווען די נויטיקסטע לערע פאַר פעיִקע יונגע־לייט. שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן געהאַלטן אין איין בויען וואָס מערער און וואָס גרעסערע שיפן צו באַהערשן די פּאָרטן אויף די נייע קאָנטינענטן. דואַרטעס פריינד האָבן זיך געריסן צו האָבן געניטשאַפט ווי אַזוי צו פירן די שיפן און זיין פעיִקע שלאַכט־מאַרינערס, און דער עיקר דער־גרייכן צום ראַנג פון שיף־קאַפּיטאַנען.

אים, דואַרטען, האָט זיין פאָטער געשיקט קיין קאָימבראַ צו לערנען

קאַנאַנישע געזעצן, וואָס איז געווען דער שטייגער ביי די פּאַרמעגלעכע ניי־קריסטן צו דערלאַנגען די קריסטלעכע לערעס, געבאָטן און געזעצן פון דער קירך. עס איז געווען נויטיק פאַר זיי אַרויסצווייזן ליבשאַפט און גע־טריישאַפט צו דער קירך. דאָס איז אים באַלד נאָכן ערשטן יאָר זיין אין אוניווערסיטעט גליין נימאס געוואָרן. ער האָט אָן זיין פּאַטערס וויסן זיך אַריבערגעטראָגן צו לערנען האַנדל און נאַוויגאַציע. טאַקע דאָרטן, אין זייערע לערנקלאַסן, האָט ער זיך גענומען חברן מיט פערדענאַנז. ער האָט אים אַריינגעפירט אין זייער הויז אַריין, ווו ער האָט אים באַקענט מיט זיין שוועסטער. ווי נאָר דואַרטעס פּאַטער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער קומט אַריין אין הויז פון דער אַדעליקער משפחה מאַנטעסיניאָס, האָט ער אים צוגע־רעדט, ער זאָל זיך משדך זיין מיט דער שוועסטער פון פערדענאַנז, וואָרעם אַזאַ שידוך וועט אויפריכטן די משפחה דאַ סילוואַ און אַלע זייערע קרו־בים...

די צוויי פריינד האָבן זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי די הענט און זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן מיט צעשמייכלטע פּנימער.

— האָסט זיך גאָרנישט געביטן, דו אַלטער ים־וואָלף, — האָט מאַרטעס געזאָגט.

— אָ, בלויז אַ פּאָר זילבערנע פעדעם אין די שליפן. אָבער נאָך אַלץ געזונט, אָט זע, — האָט פערדענאַנז אים געוויזן זיין פויסטנדיקע מוסקולירטע האַנט, וואָס ער האָט אויפגעהויבן צו אים.

— האָסט, זע איך, געבראַכט די ריכטיקע סחורה, מיידן און ווייבער בלוט און מילך, וואָס טריפן פון זייערע רויטע נאַפּלען. זעסט ווי די מענער גלאָצן מיט גלוסטנדיקע אויגן זיי אויפצופרעסן. עס איז אַ הונגער אין לאַנד, — האָט מאַרטעס בלאַנקאָ געלאַכט.

— איך האָדעווע גוט מיין סחורה. איך האַנדל מער נישט מיט קיין אַראַבישע פערד. איך קויף בלויז אַזעלכע ווי דו זעסט, וואָס קענען אַריינ־ברענגען אַ ביסל גאָלד און איר האָט דאָס אין לאַנד, — האָט פערדענאַנז געזאָגט און זיך מיט נייגעריקייט אַרומגעקוקט אויף די אַרומיקע מענטשן. ער האָט מיט אַ מאָל דערזען דואַרטען שטיין נאָענט לעבן אים און קוקן אויף אים מיט אַ דערשראָקן, הילפלאָז שמייכעלע.

— זע נאַר, מאַרטעם, ווער עס איז געקומען מיך באַגעגענען: מיין שוואָגער דואַרטע, — האָט פּערדענאַנז אויסגערופן.

— אַ, סענהאָר דאַ סילוואַ, עס איז מיין פאַרגעניגן צו טרעפן אַן אַלטן פריינד, — האָט בלאַנקאַ זיך פאַרנייגט מיט אַ נאָבעלער גראַציע און אויף זיין פּנים, אַרום זיינע מוילווינקלען האָט זיך געזען אַ שמייכעלע, וואָס איז געווען אי ערנסט און אי ווי ביטולדיק, חוזקדיק.

— עס איז אויך מיין פאַרגעניגן צו טרעפן היימישע פריינד, — האָט דואַרטע געזאָגט און אַ טרויעריק שמייכעלע האָט נישט ווילנדיק אויסגע־קרימט זיינע ליפּן.

— נאָך אַלץ אַזוי טרויעריק, מיין ליבער שוואָגער, אויב דו האָסט נאָך נישט חתונה געהאַט, האָב איך פאַר דיר אַ גאָלדענע שקלאַפין, אַ רויט־קופּערדיקע מויד אַן אומבאַרירטע... אַ פולאַסטהין, אַ געמישטע פון דער ווייסער ראַסע. זי זאָגט, אַז זי שטאַמט פון דער מלכּת־שבא. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ יידישע, אָבער מיר האָבן זי שוין געטויפט און דו וועסט זיך נישט דאַרפן זאָרגן... — האָט פּערדענאַנז געזאָגט און אַן אַפּלאַכעריש, ווילינגעריש שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיינע ליפּן.

דואַרטע האָט אַראָפּגעלאָזט די וויִעס און גאַרנישט געענטפערט.

— עס וועט דיך דאַרפן קאָסטן אַ סך גאָלד, אַזאַ מויד. איך האָב געהערט, אַז דו קענסט דיר דערלויבן דאָס פאַרגעניגן, דו מאַכסט גרויסע געשעפטן.

— נישט צו פאַרזינדיקן, — האָט דואַרטע געזאָגט שטיל, שטאַמלענדיק ווי ער וואָלט געהאַט אַ טריקעניש אין קול, וואָס האָט פאַרקלעמט זיין שטים.

— איך זע, אַז דו, מיין ליבער פּערדענאַנז, ווייסט גאָרנישט, אַז אונדזער סענהאָר דאַ סילוואַ גייט אין גיכן חתונה האָבן מיט אַן אייגענער פון זיין משפּחה, מיט אַ טאָכטער פון אַ צוקער־פּלאַנטאַטאָר, דאָנאַ גראַסיאַ קאַוטוניאַ, ווילסטו אים נאָך צוגעבן אַ רויט־קופּערדיקע יידישע מויד, אַן אייניקל פון שלמה המלכס קעפּסוויב, די מלכּת־שבא? — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט און דאָס ביטולדיקע שמייכעלע האָט זיך נאָך איצט בולטער געזען אויף זיין פּנים.

— אַ, אַזוי גאָר? האָסט אונדז גאָרנישט געלאָזט וויסן וועגן דעם, אָבער מיין גראַטולאַציע, — האָט פּערדענאַנז געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמט קול. ער

האָט, זעט אויס, דערפילט אַ ווייטיק אין האַרץ און זיך דערמאָנט אין זיין שוועסטערס פּריציייטיקן טויט, האָט דוואַרטע געטראַכט.

— אַ דאַנק דיר, מיין פריינד פּערדענאַנז, פאַר דיינע גוטע ווונטשן, — האָט דוואַרטע געזאָגט און אים אַ דריק געטאָן די האַנט.

— יאָ, אָבער אַ רויט־קופּערדיקע מויד ביי דער זייט אין דיין הויז וועט דיר גאָרנישט פאַרשאַטן, האָט פּערדענאַנז געזאָגט מיט אַ געמאַכטער אויפגעהייטערטקייט נישט צו ווייזן זיין פאַרדרוס. ער האָט אַ שטופּ געטאָן מיטן עלנבויגן זיין פריינד בלאַנקאָ און שטיפעריש אַ ווונק געטאָן צו דוואַרטען ווי אין זיינע ייִנגערע יאָרן, ווען ער האָט ליב געהאַט אונטערצוהאַלטן זיינע פריינד מיט פעפערדיקע וויצן, ביליקע שפּאַסערייען וועגן ווייבער און מיידן.

— ווּ וועסטו וווינען? איך וואָלט דיך פאַרבעטן צו מיר אין הויז, איך האָב אָבער דערווייל נאָך נישט קיין אייגענע היים, — האָט דוואַרטע געזאָגט מיט אַ משפּחהדיקער זאָרג.

— אַלץ איז שוין באַזאָרגט. איך וועל וווינען ביי מיין פריינד בלאַנקאָ, — האָט פּערדענאַנז געזאָגט און זיך אָנגעלענט מיט דער האַנט אין זיין פריינדס אָרעם.

— ביי מיר וועט ער זיין זיכער, אַז ער וווינט אין אַ קריסטלעך, פרום הויז.

דוואַרטע האָט דערפילט אַ שוידער־ציטער, וואָס איז אים אַדורך איבערן לייב. ער האָט אַוועקגעדרייט דאָס פּנים אין אַ זייט, זיי זאָלן נישט זען ווי זיין פּנים איז פאַרענדערט געוואָרן. ער האָט פאַרשטייפט זיינע פויסטן מען זאָל נישט זען ווי זיינע הענט ציטערן.

— איך האָף, אַז דו וועסט מיך פאַרבעטן צום אַלטאַר ביי דיין חתונה, האָט פּערדענאַנז געזאָגט און אַ ווונק געטאָן צו זיין פריינד.

— געוויס, געוויס, איר וועט זיין פון די ערשטע אייך צו פאַרבעטן. איר וועט מיר אָנטאָן אַ געפעליקייט און זיין מיינע אונטערפירערס...

— מיר? אונטערפירערס? די דאָ סילוואַ־משפּחה וועלן זיכער נעמען פון זייערע אייגענע, ווי אייער שותּף פּיליפּע, פאַר אייערע אונטערפירערס. איך האָב אָבער געהערט, אַז מען האָט אים שוין פאַרפאַקט און מען גייט אים

שיקן קיין ליסאַבאָן אים אויסצופאָרשן. מען זאָגט, אַז זיין נאָז קען נישט פאַרטראָגן קיין שווינפלייש. מען רעדט, אַז ער האַלט נאָך אַלץ פון משהס גלויבן, — האָט בלאַנקאַ געלאַכט און געקוקט מיט אַ נצחונדיק פּנים אויף דואַרטען צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף אים די נייעס.

— איך בין דאָ נישט געקומען צו הערן פון אייך רכילות, סענהאָר בלאַנקאַ, — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטער שטים.

— אָ, סענהאָר דאַ סילוואַ, עס איז נישט נויטיק זיך אויפצורעגן צוליב אַ פאַלשן ניי־קריסט. זיין ליגנערישע ראָלע איז אויפגעדעקט געוואָרן. די הייליקע אינקוויזיציע זוכט גוט אונטער איידער זי פאַרנעמט אַ זינדיקן, — האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ געלאַסענער, זיגערישער שטים.

— דאָ ביי אייך אויך? ביי אונדז אין ליסאַבאָן גייט נישט דורך אַ חודש מען זאָל נישט דורכפירן אַן אויטאָדאַפע. מען פירט די זינדיקע אין לאַנגע פּראָצעסיעס מיט אָפּשרעק־שילדן אויף די ברוסטן, גרינע ליכט אין די הענט, שאַנדמיצן אויף די קעפּ. דער המון האָט ליב די ספּעקטאַקלען. געדענקסטו, דואַרטע, ווי דיין ווייב, מיין שוועסטער, האָט ליב געהאַט די פּראָצעסיעס? — האָט פערדענאַנז געזאָגט און זיין פריילעך פּנים איז געוואָרן פאַרכמורעט פון דערמאָנען זיך אין זיין שוועסטער.

— אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט, דערציילט. איך אַליין וואָלט דאָס געוואָלט זען, — האָט בלאַנקאַ געמונטערט זיין פריינד.

— אַ סך זענען זיך מודה, בעטן פאַרגעבונג. די הייליקע אינקוויזיציע איז זיי מוחל בלויז מיט באַשטראָפן נאָר די, וואָס האָבן חרטה אויף זייער זינד. מען שיקט זיי אויף די גאַליעס צו וועסלען די שיפן. אַנדערע, די איינגעשפּאַרטע, ווערן פאַרברענט אויפן שייטער, — האָט פערדענאַנז דערציילט און זיך האַסטיק פרום איבערגעצלמט.

— דער פיליפע איז אַ טרוס, ער וועט אַלעמען אויסגעבן, אַפילו זיינע בעסטע פריינד. עס קען זיין אַז מען וועט אים נאָך שיקן אַרבעטן אויף איינער פון די קרוינשיפן. ער איז אָבער געזונט ווי אַן אָקס. ער וועט אויסהאַלטן און קומען צוריק. עס זעט אויס, אַז איר, סענהאָר דאַ סילוואַ, וועט פאַרלירן אַ פריינד, — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און געלאַכט מיט אַ שטעכיק געלעכטער, ווי זיך צו רייצן מיט אים.

דאָרטע האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. ער האָט גענומען קוקן צו דער זייט, ווו מען האָט געפירט די געבראַכטע שקלאַפן צו דעם אָפענעם לאַגער אין דער גרויסער פּאָרט־געביידע. דער נייגעריקער המון האָט זיך געשטופּט אין דעם געדיכטן געדראַנג צו זיין וואָס נענטער לעבן די געטריבענע שקלאַפן.

— איך מוז זיך שוין אויך צואיילן. איך דאַרף זען צי מען האָט צוגעגרייט אַ גוט געלעגער פאַר מיינע שקלאַפן אין דעם פּאָרטהויז, מיט ריינע שטרויזעק, מיט אַ פרישן מאַלצייט; איך מוז אָפּהיטן זייער געזונט און אויסזען, אויב נישט וועל איך זיי דאַרפן פאַרקויפן פאַר שפּאָט ביליק און צולייגן געלט, — האָט פערדענאַנז געזאָגט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט זיך צו געזעגענען מיט דאָרטען.

— דו בלייבסט אין שטאָט? וועלן מיר זיך דאַרפן טרעפן אין גיכן, — האָט דאָרטע געזאָגט און געדריקט זיין האַנט.

ביידע, פערדענאַנז און בלאַנקאַ האָבן זיך איילנדיק געלאָזט צו די פּאָרט־הייזער. זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם המון און זענען פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיינע אויגן.

דאָרטע איז געבליבן שטיין כמעט אַליין ביים ים־ברעג, נישט ווייט פון די געאַנקערטע שיפן. בלויז די פּאָרטערגערס האָבן אָנגעלאָדנט די סחורות, די געבראַכטע פּעק און קאַסטנס אויף די פּלאַטפאָרמעס, זיי אָוועקצופירן אין די סחורה־לאַגערן.

ער האָט אַ צעטומלטער גענומען שפּאַנען פּאַזע דעם ים־ברעג. די גרינע ים־כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן מיט אַ רוישיקן געפּליעסק צו די גרין־פאַרשימלטע שטיינער און באַלקעס ביים ברעג און צוריקגעפאַלן, ווי צוריק־געשטויסן מיט אַ שוימיקן געשפּריץ אַריבער דער פאַרצוימונג. אַ פייכטער ים־ווינט האָט געקילט זיין צעפלאַמט פּנים. זיין קאָפּ האָט געפיבערט און ווי צעשפּאַלטן זיין מוח. איצט ווייסט ער שוין, אַז פיליפּע, זיין געטרייער שותף און געשעפט־פּאַרטנער, איז ביי נאַכט פאַרנומען געוואָרן פון דער אינקוויזיציע. אָבער אין וואָס איז ער באַשולדיקט געוואָרן? און פון וואַנען ווייסט דאָס אַלץ דער שפּאַנישער אַדלמאַן מאַרטעם בלאַנקאַ? לויט ווי יענער האָט זיך געריצט מיט אים כדי אים אויפצורעגן, איז קלאָר, אַז דער שפּאַניער

טראָגט אַ בייז האַרץ אויף אים. ער האָט אָפן, אים אין די אויגן, געהעצט זיין געוועזענעם שוואָגער קעגן אים.

פאַר וואָס האָט מאַרטעם בלאַנקאַ אים אַזוי פיינט? איז עס בלויז צוליב דעם, וואָס ער פאַרדעכטיקט, אַז ער, דואַרטע, דער נײַ־קריסט איז פאַלש צו זיין נייעם גלויבן? אָדער איז עס עפּעס אַנדערש. לויט ווי ער געדענקט אים אין זיינע יונגע יאָרן אין קאָימבראַ־אוניווערסיטעט, איז ער אַליין געווען אַ קנאַפּער גלויביקער, ער איז געווען אַ גרויסער לץ און פלעגט צווישן אייגענע אָפּלאַכן און נאָכקרימען די פאַרפרומטע מאַנאַכן...

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז לאָורענסיאַ און מרים, גראַסיאַס מוטער, האָבן געהאַט דערציילט, אַז בלאַנקאַ האָט זיך געשדכנט צו איר טאָכטער. ער האָט אָפט באַזוכט זייער צוקער־פּלאַנטאַציע. ער האָט סערענאַדירט און געצימבלט מיט זיין גיטאַרע אונטער איר פענצטער. אָבער זי האָט אים נישט געוואָלט הערן און אים אויסגעמיטן. זאָל דאָס זיין די סיבה פון זיין שׂינאה צו אים? ס'איז אים שוין קלאָר, אַז זיין יוגנט־פריינד בלאַנקאַ איז אים געוואָרן אַ שׂונא, ער וויל אים אומברענגען. ער איז נישט אויסן בלויז צו זען, אַז פיליפּע זאָל באַשטראָפט ווערן מיט אָוועקשיקן אים אויף יאָרן און יאָרן אויף די גאַליעס צו וועסלען די קרוינשיפן, נאָר ער איז אויסן אויך אים, דואַרטען, אומצוברענגען, אַם צו רוּיִנירן, די קרוין זאָל צונעמען זיין פאַרמעגן.

ער האָט מיט אַ מאָל אויפגעציטערט. ער האָט געהערט הינטער זיך דאָס קלאַפּן פון פערדישע טריט און דאָס פאָרן פון אַ קאַרעטע אויף דעם אויסגעפלאַסטערטן שטיינערנעם ברוק.

נישט ווייט פון אים איז אָנגעקומען זיין אייגן פערד איינגעשפּאַנט אין זיין קאַרעטע. דער שוואַרצער שטאַל־באַדינער אַבדול איז געגאַנגען צו פוס לעבן פערד, אים געפירט פאַרויס מיטן געשפּאַן און געהאַלטן די לייצעס מיטן בייטשל אין דער האַנט.

— אַבדול! — וואָס צום טייוול קריכסטו מיר נאָך? ווען מען דאַרף דיך, ביסטו נישטאָ און איצט קענסטו פאָרן ווו דיין האַרץ גלוסט, — האָט דואַרטע אַן אומצופרידענער אויסגערופן.

— איך בין געקומען נעמען מיין האַר סענהאָר דאַ סילוואַ אַהיים, ווי איר האָט מיר פריִער באַפוילן צו קומען נאָך אייך.

דואַרטע האָט דערפּילט אַ שוואַכקייט און אַ מידקייט איבערן גאַנצן לייב. אַ קאַלטער ווינט האָט זיך איצט, אַ פאַרשטאַרקטער, געיאָגט פון ים. די כוואַליעס האָבן זיך געריסן מיט אַ רוגזה צום ברעג ווי צו פאַרטרינקען די וועלט. דאָס שוימיקע וואַסער האָט געפּאַטשט דעם ברעג און זיך צעשפּרייט אַריבער דער פאַרצוימונג און אים אין גאַנצן פאַרנעצט זיינע קליידער און דורכגענומען זיין קערפּער מיט אַ פייכטער קעלט.

ער איז אַ געבויגענער אַריין אין זיין קאַרעט, זיך שווער אַרונטערגעלאָזט אויפן ווייכן געזעס. דער קנעכט אַבדול איז גיך אַרויף אויף דער קעלניע און גענומען טרייבן מיט זיין פאַכנדיקן בייטשל דאָס פערד אַוועק פון ים־ברעג צום וועג אַהיים.

פערצנטער קאַפּיטל

דער פאַטער פאַדרע קאַרדים, דער גלח־לערער פון דער קירכעשול איז געזעסן אויף אַ שטול מיט אַ הויכן אָנלען, ווי אויף אַ קעניגלעכן טראָן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַן עסטראַדע לעבן דער וואַנט. אויף אַ שטענדער ביי דער זייט איז געלעגן אַ שווארץ מיט גאָלד באַזוימט געבעט־ביכל, אַ פענ־האַלטער מיט פעדערס און אַ לאַנגער שפּיצרוט, פאַרפלאָכטן מיט אַ מעטאַ־לענעם קנוט. דער גלח האָט געלערנט מיט די יינגלעך דאָס אָוונט־געבעט פאַרן שלאָפן גיין:

מיט גאָטס נאָמען לייג איך זיך אַוועק,
מיט גאָטס גענאָד וואַך איך אויף,
מיט גאָטס גענאָד, זיין זון און הייליקן גייסט.

אויף דער נאַקעטער וואַנט, אונטער אַ באַלויכטענעם אייללאָמפּ, איז געהאַנגען אַ ריזיקער צלם מיט דעם געקרייציקטן יעזוס. פון זיינע הענט און פיס, צוגענאָגלטע צום קרייץ, האָט מיט אַ פאַרטונקלטער רויטער פאַרב געטריפט זיין בלוט. זיין אויסגעצערט פאַרפייניקט פנים מיט אַ דערנער־קראַנץ אויפן שטראַלנדיקן קאָפּ איז אַרונטערגעהאַנגען אין אַ זייט.

די יינגלעך, אַנגעטאָן אין שוואַרצע טוניקעס, האָבן מיט אַ זינגענדיקן ניגון אַלע צוזאַמען געזאָגט דאָס אָוונט־געבעט:

אויב איך וועל אויסגיין און פּאַרוויאַנעט ווערן,
נידער דיין ליכט איבער מיר
מיט די שטראַלן פון דריי־אייניקייט
און פיר מיך אין פּאַלאַץ פון אייביקייט.

זשאָזע דאַ סילוואַ האָט מיטגעפּרעפלט דאָס אָוונט־געבעט און געקוקט אַ פּאָרטראַכטער אויף דעם ריזיקן צלם, מיט דעם געקרייציקטן. פּאַר זיינע אויגן האָט פּלוצעם אויפגעלויכטן יענע נאַכט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן חלום און דערזען דורך דער טיר־שפּאַרע דאָס אַריינפּלייצן פון אַ שטראַלנדיקער ליכטיקייט. ער האָט דעמאָלט געמיינט, אַז די מאַדאָנע מיטן יעזוס־קינד זענען אַרונטער פון דער קליינער קאַפּליצע באַהילט מיט אַ הימלישער ליכטיקייט, וואָס האָט באַלויכטן דעם גאַנצן קאָרידאָר. די הייבאַם ראַמאַליאַ האָט אים געהאַט פאַרזיכערט, אַז אויב ער וועט זיין גוט און פרום וועט אים באַשערט זיין צו זען דאָס געטלעכע ליכט.

דאָס איז געווען אין יענער נאַכט ווען אין זיין פאָטערס ביבליאָטעק האָט זיין מוטער חתונה געמאַכט גראַסיאַן מיט דואַרטען. דעמאָלט האָט ער זיך עס דערוווסט, אַז זיין מוטער און זיינע קרובים זענען נאָך אַלץ יידן. נישט ווי ראַמאַליאַ האָט אים געהאַט געזאָגט, אַז זיינע עלטערן זענען ניי־קריסטן, אָפּשטאַמיקע פון יידן. זי האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף זיין גוט און פרום, זיך אויסצולייזן פון זייערע אַמאָליקע זינד. וואָס האָבן זיי געזינ־דיקט? — האָט ער איצט געטראַכט. עס איז אים דאָס אַלץ ביז איצטער שווער צו פאַרשטיין. ער האָט אָבער מורא זיך צו פרעגן וועגן דעם. ער קען זיך בלויז צוהערן בעת עס שמועסן צווישן זיך זיין מוטער מיט גראַסיאַן און די מומע מאַריאַ, וועמען זיין מוטער רופט מרים, ווען קיינער איז נישטאָ אין שטוב.

ער האָט זיך שוין דערוווסט, אַז עס איז אַ גרויסע זינד זיך צו פירן ווי די אַמאָליקע יידן, זיינע זיידעס. מען קען דאָס טאָן אין געהיים, ווען פרעמדע זעען דאָס נישט. פאַר אויפדעקן זייערע פירונגען ווערט מען שרעקלעך

באַשטראָפט. מען ווערט פאַרשפאַרט אין די קעלערן פון די תּפיסות, מען ווערט פאַרשיקט קיין ליסאַבאָן צו דער אינקוויזיציע. די וואָס טוען נישט קיין תּשובה, זענען זיך נישט מתוודה פאַרן פאַראַפּיע־גלח און האָבן נישט חרטה אויף זייערע זינד, ווערן פאַרברענט לעבעדיקערהייט אויפן שייטער ביים אויטאָדאַפע.

פון יענער נאַכט אָן איז זייער הויז איבערגעפולט מיט שרעק. זיין פאָטער זשואָן איז אויפגעבראַכט קעגן זיין מוטער, וואָס זי האָט אָן זיין וויסן דורכגעפירט אַזאַ פאַרבאָטענע צערעמאָניע. די שרעק אין הויז קומט אַלץ צוליב אים, וואָס ער האָט דאָס אַלץ צוגעזען. ער האָט דעמאָלט נישט געטאָרט אַרויסגיין פון זיין שלאָפצימער. דאָס שטראַלנדיקע ליכט האָט אים פאַרפירט, האָט ער מיט אַ שוּוער געמיט געטראַכט. אַלע אין הויז זענען פאַרזאָרגט. זיי שרעקן זיך, ער זאָל זיך אַ מאָל אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען. ער האָט געהאַט צוגעזאָגט זיין מוטער, אַז ער וועט דאָס קיינעם נישט אויסזאָגן. ער באַמערקט אָבער, אַז זיי זענען נישט רויק. זיינע פעטערס און מומעס, די דאַ סילוואַס, די קאַרדאָזעס, די קוּאָטיניאָסעס, סיי פון שטאָט און סיי פון שכנותדיקע צוקער־פּלאַנטאַציעס, קומען נישט מער אין זייער הויז אַריין, אַלץ צוליב אים. זיי האָבן מורא זיך צו ווייזן, אַז ער, זשאָזע זאָל זיך נישט דערמאָנען אַז ער האָט זיי געזען יענע נאַכט אין זייער הויז.

עס האָט אים געדריקט ביים האַרץ, וואָס ער קען נישט בעטן מיטן גאַנצן האַרץ ביי דעם געקרייציקטן, וואָס הענגט אויף דער וואַנט אַ פאַרפייניקטער, ער זאָל אים געבן כּוח קיינעם נישט צו דערציילן וועגן זייערע זינד, אַז יעזוס זאָל זיך באַמיִען מען זאָל זיי נישט באַשטראָפן. ער, דער געטלעכער, זאָל זיי באַשיצן פון די פּייניקערס. אַנשטאָט ליבשאַפט וואָס ער האָט אַלע מאָל געפילט צו דעם געקרייציקטן, איז איצט זיין האַרץ געווען באַהערשט פון שרעק. צוליב אים האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנצער צאָרן קעגן זיין משפּחה, זיינע קרובים, פאַר וואָס דערלאָזט ער, אויב ער איז דער געטלעכער, אַז מענטשן זאָלן זיין אַזוי שלעכט איינער צום אַנדערן?

זיין שווער טראַכטן האָט זיך מיט אַ מאָל איבערגעריסן. ער האָט דערהערט אַ סווישטש פון דער קנוט, וואָס האָט אַ פּאַכע געטאָן איבער אים

און די שאַרף פון דראָט האָט אַ שנייד געטאָן איבער זיין אַקסל. ער האָט זיך אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט און זיך אַ פאַרצאַפּלטער אומגעקוקט. ער האָט געהערט אַ ווילד געלעכטער פון די אַרומיקע ייִנגלעך, וואָס זענען נאָכן געבעט שוין צוריק געזעסן אויף די בענקלעך. אויך ער האָט זיך האַסטיק אַנידערגעזעצט און אַ פאַרשעמטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער גלח־לערער, פּאַטער קאַרדים, איז אַרונטער פון זיין שטול, צוגע־גאַנגען נאָענט צו אים און אים דורכדריגגלעך באַטראַכט מיט זיינע קאַלטע, גלאָזיקע אויגן. זיין מאָגער, אויסגעטריקנט פּנים מיט די דינע צוזאַמענ־געפּרעסטע ליפּן זענען געווען אויסגעצויגן מיט אַ בייסיקער שאַרפקייט. זשאָזע האָט געהערט דאָס גריזשען פון זיינע ציין און דאָס נערוועזע באַוועגן זיך פון זיינע קינבאַקן, ווי ער וואָלט זיך געגריזשעט מיט אַ כּעס, וואָס ער קען נישט אין זיך איינשטילן. זיין קליינער, ווי איינגעשרומפּענער ייִנגלשער קאָפּ מיטן קאַפּל איבער זיינע אויסגעקראַכענע, גרויע האָר האָט זיך ספּאַזמאַטיש געשאָקלט אַהין און צוריק.

— דו האָסט נישט געזאָגט דאָס אָוונט־געבעט. איך האָב געהאַלטן אַן אויג אויף דיר, דו האָסט עפּעס גערעדט צו זיך. צו וועמען האָסטו גערעדט? צום טייוול אפשר? — האָט דער גלח־לערער אים ווידער דורכגעשפּיזט מיט זיינע שאַרף־גלאָזיקע אויגן. ער האָט מיטן שפּיץ נאָגל פון זיין ווייזפינגער אים אַ שטאָך געטאָן ביי דער זייט.

— ווער לערנט דיך אין הויז נישט צו זאָגן דאָס געבעט, נאָר צו פּלאַפּלען צו זיך שימפּערייען?...

זשאָזע האָט אַ ציטער געטאָן.

— ניין, ניין, פּאַדרע קאַרדים. איך האָב געזאָגט די תּפילה שטיל. איך האָב אַ ווייטיק אין קאָפּ, — האָט זשאָזע געזאָגט און אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן שטערן און געקוקט אויף אים מיט פאַרזשמורעטע, טרערנדיקע אויגן.

— אַזוי? לערנסט זיך שוין זאָגן ליגנס, אָפּצונאַרן. דער קאָפּ וועט דיר ערשט אמתדיק וויי טאָן, ווען איך וועל אים אַ שאָקל טאָן מיטן קנוט.

די ייִנגלעך הינטער אים האָבן ווידער אויסגעשאָסן מיט אַ ווילד געלעכטער. פּאַטער קאַרדים האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי. דאָס געלעכטער איז מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט געוואָרן. ער האָט גענומען בלאָנדזשען מיט די

אויגן איבער זייערע פּנימער, געוואָלט אויפכאַפּן וועלכע פון זיי ער וועט דאַרפן באַשטראָפן פאַר זייער לאַכן הינטער זיין פּלייצע. אויף די קני וועלן זיי ביי אים קריכן, אויף צעשאָטענע קערנער וועלן זיי ביי אים קריכן, עס זאָל זיי דורכשטעכן ביז צו די ביינער.

זשאָזע האָט נאָך אַלץ, אַ צעטומלט-דערשראָקענער, געהאַלטן אַראָפּ-געלאָזט דעם קאָפּ. עס האָט אים ווי געטאָן, וואָס די יינגלעך האָבן הנאה, וואָס פּאַדרע קאָרדים פּייניקט אים. זיי האָבן אַ בייז האַרץ אויף אים, וואָס ער קען נישט זיין אַזוי ווי זיי. וואָס זאָל ער טאָן, אַז ער קען נישט אַזוי ווי זיי שפּרינגען איבער די פּלויטן, זיך שפּילן מיט זיי אין וועט-געיעגן. ער האָט פּיינט זיך צו שלאָגן און בוכטשען ווי זיי איינער דעם אַנדערן, זיך יאָגן נאָך די קעץ, כאַפּן פּייגל. שפּילן איןביינדלעך און אין קאָרטן, אָדער זיך יאָגן נאָך שוואַרצע מיידלעך. מיינסטנס האָט ער פּיינט צו לויפן פון דער שול, ווי אַ סך פון די יינגלעך לויפן צו די ליידיקע פּלעצער, ווו ליידיק-גייערישע מענער קוקן צעיאַכמערטע אויף די וועט-געשלעגן צווישן אויפ-געררייצטע הענער, וואָס שפּרינגען איינער אויפן אַנדערן ביז דער באַזיגטער האָן פאַלט אַ צעפּליקטער, טויט. די יינגלעך ווילן זיך אפשר דערפאַר מיט אים נישט חברן?

דער פּאַטער קאָרדים האָט זיך ווידער אויסגעדרייט און צוגענעענט צו זשאָזען. אַ שוויס האָט איצט אַרויסגעזעצט אויף דעם לערערס צעקאָרבטן שטערן און רויטלעכער נאָז. ער האָט אַרויסגענומען זיין נאַכהענגענדיק, רויט באַזטיכל פון דער הינטערשטער קעשענע פון זיין טוזשורקע-שפּאַלט, צוגע-דריקט דאָס טיכל צו דער נאָז, פאַרדעקט כמעט זיין גאַנץ פּנים. ער האָט הויך געגומען שנייצן די נאָז מיט אַ שרייענדיקן פּיף. ער האָט זיך געלאָסן מיט גרויס תענוג אָפּגעווישט דאָס פּנים. די נאָז מיט די נאַכהענגענדיקע האָר פון די נאָזלעכער אַרויס איז געוואָרן נאָך רויטער. ער האָט אַ ווײַלע גע-שנופּלט מיט די נאָזלעכער.

— דו קענסט שוין דאָס גאַנצע געבעט פון אויסנווייניק? אָדער עס שטייט דיר נישט אָן צו זאָגן מיט אַלע גלייך?

זשאָזע האָט נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט מורא געהאַט און נישט געוווסט וואָס אים צו ענטפערן.

פּאַטער קאַרדים האָט זיך איינגעבויגן איבער אים, אויסגעשטרעקט זיין שפּיץ ווייזפינגער מיט דעם לאַנגן און שאַרפן נאָגל און אים אַ שטאָך געטאָן אין האַלדז. זשאָזע האָט אַ צאַפּל געטאָן, אויפגעריסן דאָס מויל, אַ געשריי טאָן פון ווייטיק און זיך באַלד מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן, פאַר־בייסנדיק די ציין.

— דו האָסט מיר נישט געענטפערט, ווער עס לערנט דיך נישט צו זאָגן דאָס אָונט־געבעט? עס איז דער געבאָט פון יעדן קריסט און ניי־קריסט צו דענונצירן די נישט־גלויביקע, ווער עס הייסט דיך נישט זאָגן דאָס געבעט צו דער גלאָריע פון פאָטער, זון און הייליקן גייסט, — האָט פּאַטער קאַרדים געזאָגט און זיינע דינע, בלויע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרומט מיט אַ בייז שמייכעלע.

— ניין, ניין, קיינער האָט מיך נישט געלערנט. איך זאָג יעדע נאַכט דאָס געבעט:

מיט גאָטס נאָמען איך לייג זיך אַוועק
מיט גאָטס גענאָד וואַך איך אויף,
מיט גאָטס גענאָד, זיין זון און הייליקן גייסט.

ער האָט זיך האַסטיק איבערגעצלמט און זיך טיף פאַרנייגט, זיך אונטער־הויבנדיק פון געזעס.

— אַזוי, האָסט פריִער געטראַכט וועגן פוסטע זאַכן אין מיטן אַ געבעט. איך וועל וועגן דעם איבעררעדן מיט דיין פאָטער סענהאָר זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ.

פּאַטער קאַרדים האָט זיך אויסגעגלייכט, צוריקגעשפּאַנט צו דער עס־טראַדע און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול. ער האָט אַוועקגעלייגט זיין קנוט אויפן שטענדער און זיך לאַנג און דורכדרינגלעך איינגעקוקט אין די יינגלעך, וואָס זענען געזעסן מיט אַן אָנגעשטרענגטער, איינגעהאַלטענער שטילקייט, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן צו אָטעמען.

— איצט נעמט די העפטן, מיר וועלן לערנען לאַטיין און שרייבן מיט אַ קלאָרער שריפט דעם אַלפאַבעט, — האָט פּאַטער קאַרדים געזאָגט מיט אַ פייערלעכן טאָן. ער האָט פון פענהאַלטער אַרויסגענומען אַ גענדזענע

פעדער, אַ פּען־מעסערל און גענומען אָפּשאַרפֿן דעם פעדערשפּיץ. די שי־לערס האָבן מיט אַ פליסיקייט צוגעגרייט די פעדערס. זיי האָבן געוווּסט, אַז דער פֿאַדרע קאַרדים וועט זיי באַשטראָפֿן פֿאַר נישט שרייבן מיט אַ קלאָרער געציקלטער שריפֿט.

זשאָזע האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. כאָטש דאָס איז געווען דאָס ערשטע יאָר פֿון זיין גיין אין דער קירכעשול, האָט ער שוין געקענט שרייבן דעם לאַטיינישן אַלפֿאַבעט, געקענט אויסלייגן אַ סך לאַטיינישע ווערטער און גאַנצע זאַצן. אויך זיין האַנטשריפֿט איז געווען קלאָר, ווי געדרוקט אין די ביכער, וואָס געפֿינען זיך אין זיין פֿאָטערס ביבליאָטעק. זיין מוטער און גראַסיאַ, אויך זיין פֿאָטער האָבן אים פֿיל מאָל געוויזן דעם פֿאָטערס אייגענע שריפֿטן, הימנען און אויך יורידישע פּאַפּירן, וואָס זענען געשריבן שענער און קלאָרער ווי אַ סך פֿון די ביכער וואָס זענען געשטאַנען אין די שענק אויסגעשטעלט ביים פֿאָטער אין צימער. נאָך איידער ער איז געגאַנגען אין שול, האָט ער אַליין פֿיל מאָל אַרויסגענומען אַ בוך פֿון שאַנק און נאָכגעשריבן פּינקטלעך דעם לאַטיינישן כּתב.

זשאָזע איז נאָך אַלץ געווען איבערגעשראָקן וועגן דעם, וואָס דער פֿאָטער קאַרדים האָט אים געוואָרנט, אַז ער וועט איבעררעדן מיט זיין פֿאָטער, אַז ער, זשאָזע איז נישט גענוג פֿרום, אַז עמעצער לערנט אים נישט צו זאָגן מיטן גאַנצן האַרץ דאָס אָונט־געבעט. זיין פֿאָטער זשואַן מענדעס איז איצט גענוג פֿאַראומערט צוליב זיין מוטערס ייִדישע פּירונגען. ער האָט מורא מען זאָל זיין הויז נישט פֿאַרדעכטיקן אין דער זינד פֿון אויפֿהאַלטן די מינהגים פֿון זיינע עלטערן. איצט דאַרף נאָך זיין פֿאָטער געוווירר ווערן, אַז דער בייזער פֿאַדרע קאַרדים מיינט, אַז עמעצער לערנט אים, זשאָזען, ער זאָל נישט האַלטן פֿון דעם, וואָס מען לערנט אים אין דער קירכעשול און אַז ער איז נישט גענוג פֿרום.

ער וועט זיך באַמיִען צו שרייבן דעם לאַטיינישן אַלפֿאַבעט אַזוי שיין, אַז פֿאָטער קאַרדים זאָל מער נישט טראָגן אויף אים קיין בייז האַרץ, און אים נישט פֿאַרקלאָגן פֿאַר זיין פֿאָטער, אַז ער פֿירט זיך אויף שלעכט אין שול. ער האָט געעפֿנט די העפֿט, איינגעטונקט די פעדער אין טינטהאַלטער און מיט אַ ציטערנדיקער אָפּגעהיטנקייט גענומען צירקלען דאָס כּתב.

דער פּאַטער קאַרדים איז ווידער אַרונטער פון זיין שטול, געגומען שפּאַנען אין די רייען צווישן די שילערס. זיין פּנים איז געווען פאַרשטייפט, די ליפּן פאַרביסן, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם צוואָקסענעם יונג אַנדרעס דיאַז, וואָס פלעגט זשאָזען נישט איין מאָל אונטערשטעלן אַ פוס ביים אַרויסגיין פון קלאַסנצימער. ער איז פיל מאָל אומגעפאַלן און זיך פאַר־שמירט די קליידער. דיאַז איז געווען דער גרעסטער שלעגער און אַלע אין קלאַס האָבן געציטערט פון שרעק פאַר אים און געווען צו אים אונטערטעניק. זיין שרייבהעפט איז תּמיד געווען פאַרפלעקט מיט טינט, אַזוי אויך זיינע פינגער. אַנדרעס דיאַז האָט געפּרוווט איבערמישן דאָס פאַרריכטע בלעטל מען זאָל נישט זען די טינטפלעקן. פּאַטער קאַרדים האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַנט און מיט די שפּיצנעגל פון זיינע פינגער פון איין האַנט אים אַריינגעשטאָכן אין זיין לייב און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אים געגומען שטאַרקען ביי דער זייט. אַנדרעס האָט פאַרקרימט דאָס פּנים און זיך איינגעקורטשעט מיט זיין צוואָקסענעם קערפּער.

— אַ מאַטראָס אָדער גאָר אַ וועסלער אין די פאַרברעכער־גאַליִעס פאַר די קרוינשיפן וועסטו זיין. אויף דעם דאַרפסטו זיך נישט לערנען אין אַ קלאַס פון לאַטיין. דו וועסט שוין קיין שיף־קאַפּיטאַן, ווי דיין פּאַטער, סעניאָר דיאַז, נישט זיין. דו וועסט פאַרשעמען דיין משפּחה, — האָט פּאַטער קאַרדים בייז געזאָגט.

דיאַז האָט פאַרקרימט דאָס פּנים ווי צום וויינען. דער גלח־לערער האָט אים אָפּגעלאָזט און געשפּאַנט צו די אַנדערע שילערס, וואָס האָבן געהאַלטן איינגעבויגן די קעפּ צו די העפטן. טייל האָבן שוין פון גרויס פלייסיקייט געהאַלטן אַרויסגעשטעקט די צונגען און געצירקלט די לאַטיינישע אותיות.

פּאַטער קאַרדים האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זשאָזען און שאַרף אַריינ־געקוקט אין זיין העפט, געזוכט עפּעס צו געפינען אַ פלעק, אים גלייך צו קענען באַשטראָפן. זשאָזע האָט אַ פאַרציטערטער אַוועקגעלייגט די פעדער און געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן אויפן לערער. פּאַטער קאַרדימס פּנים איז געוואָרן מילדער.

— לייג נישט אַוועק די פען, גרויסאַרטיק, ווער האָט דיך דאָס אויס־געלערנט? יאָ, דיין פּאַטער, סעניאָר זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ האָט דיר

געוויס אָנגעוויזן. מעגסט זיך לערנען פון דיין פאָטער. איך האָב אים געהערט לייענען זיינע געזאַנגען צו דער מאַדאָנאַ און צו יעזוסן, אַ מוסטער־ווערק פון אַ נײַ־קריסט.

פון דעם פאָטער קאַרדימס לויבערייד איז זשאַזע נישט געוואָרן אויפֿגעהייטערט, ער האָט גלייך אויפגעכאַפּט די נישט פאַרגינערישע גרימאַסן פון די אַרומיקע סטודענטן. אַנדערס דיאָז האָט אויסגעבלעזלט די צונג צו אים, פאַרקרימט דאָס פנים, אים געוואָרנט מיט אַ פויסט, שאָקלענדיק מיט דער האַנט. דאָס וואָרענען מיט דער האַנט איז געווען אַן אָנדייט, אַז ער וועט אים שלאָגן דערפאַר וואָס ער, זשאַזע, זוכט צו געפעלן ווערן דעם פאָטער קאַרדים און קריגט אַ לויב פון אים אין די אויגן פון אַלע סטודענטן. די אַנדערע יינגלעך האָבן אויך געמאַכט אָפּלאַכערישע און בייזע גרימאַסן צו זשאַזען הינטער דעם לערערס פּלייצע.

פאָטער קאַרדים האָט פּאַמעלעך צוריקגעשפּאַנט צו זיין קרוינשטול און געקוקט מיט זיין בייז, שטרענג פנים אויף די שילערס.

— איך וויל אייך וואָרענען, מיינע סטודענטן, אַז איר נאַרט קיינעם נישט. אייער גאַנצע צוקונפט ליגט אין האָבן אַ שיינע האַנטשריפט. די קרוין דאַרף נייטיק צו האָבן סעקרעטאַרן, קאָפּיסטן, אַדוואָקאַטן, שרייבערס, באַזונדערס לאַטיין, די וועלטשפּראַך פון געלערנטע.

די סטודענטן האָבן אַוועקגעלייגט די פעדערס. טייל האָבן מיט אַ געמאַכטער נייגעריקייט, מיט ערנסטע פּנימער, זיך איינגעהערט, וואָס פאָטער קאַרדים האָט צו זיי גערעדט. אַנדערע האָבן געקוקט צו אים מיט דערשראָקענע אויגן, וואָרעם ווי וואָלט געווען צו די, וואָס האָבן נישט אויפגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן, ווען פאָטער קאַרדים האָט גענומען פּריידיקן.

עס האָט מיט אַ מאָל זיך געהערט דאָס קלינגען פון דעם קירכעגלאָק, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז דער קלאַס איז פאַרענדיקט. טייל פון די יינגלעך האָבן זיך פון געוווינהייט ראַפּטעם אויפגעהויבן פון זייערע געזעסן, אָבער די שרעק פאַרן לערער האָט זיי צוריקגעהאַלטן און זיי האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי האָבן געוואַרט ביז דער פאָטער קאַרדים וועט זיך אויפשטעלן און אַרונטערגיין פון זיין קרוינשטול. ער האָט זיך דאָס מאָל נישט געאיילט, ווי ער וואָלט אויסן געווען צו כאַפּן דעם, וואָס וועט זיך צוויילן

און ווידערשפּעניקן קעגן אים, כּדי אים אַוועקצושטעלן אין אַ ווינקל, אים אָנטאָן אַ נאַרמיצל אויפֿן קאָפּ, ער זאָל ווערן צו לייטיש געלעכטער.

פּאָטער קאַרדים האָט דאָס זייער געוואָלט טאָן צוליב זייער פּריערדיקן געלעכטער הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויף דעם צעוואַקסענעם אַנדרעס דיאַז, אָבער דיאַז האָט זיך געמאַכט, ווי הכנעהדיק, איינגעקורטשעט זיין דיניעקאָפּ אין זיין קורצן, דיקלעכן האַלדז אַריין. אויך זשאָזע איז געזעסן שטיל און געקוקט מיט אַ פֿרום פּנימל אויף זיין העפֿט אין אַלפֿאַבעט־ביכל, וואָס זיין פּאָטער זשואַן מענדעס האָט אים געגעבן מיט־צונעמען אין דער קירכעשול.

פּאָטער קאַרדים איז אַ פֿאַרכמורעטער אַרונטער פֿון דער עסטראַדע און מיט פֿרומע טריטעלעך, אַ געבויגענער אַרויס פֿון קלאַסצימער. די יינגלעך האָבן אַ ווײַלע צוגעוואַרט ביז זיי האָבן געהערט דאָס פֿאַרשווינדן ווערן פֿון דעם פּאַדרעס טריט.

זיי האָבן זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, זיך שטיל געשטורכקעט, רציחהדיק גענומען קנײַפּן איינער דעם אַנדערן, ווי אַ פֿאַרשפּיל צו זייערע ווילדע קנײַפּ־שפּילערייען, זיך וואַרפֿן איינער אויף דעם אַנדערן, אויף דער ערד און זיך וואַלגערן אַזוי לאַנג ביז איינער ווערט באַזיגט. זיי האָבן געמאַכט ווילדע גרימאַסן מיט די פּנימער, אָבער זיך איינגעהאַלטן נישט צו שרײַען, וואָרעם זיי האָבן געוווּסט, אַז פּאָטער קאַרדים שטייט ביי די טרעפּ ביים אַרויסגאַנג פֿון דעם קירכעהויז.

זשאָזע איז געבליבן הינטערשטעליק, צוגעוואַרט ביז אַלע וועלן אַרויס. אויך אַנדרעס דיאַז איז געבליבן הינטערשטעליק. ער האָט זיך דאָס מאָל אויפֿגעפֿירט רויִק, קיינעם נישט אונטערגעשטעלט אַ פֿוס אומצופֿאַלן, ווי ער טוט דאָס אין אַנדערע טעג.

ער איז צוגעגאַנגען צו זשאָזען, אים אָנגעקוקט תּמעוואָטע מיט זיינע אויסגעגלאָצטע, ברוינע אויגן, וואָס זענען געווען פֿול מיט רויטע אָדערלעך. ער האָט גענומען קוקן אויף די העפֿטן און אַלפֿאַבעט־בוך, וואָס זשאָזע האָט געהאַלטן אונטערן אָרעם. זשאָזע האָט אים אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע אויגן. ער האָט מורא געהאַט דיאַז זאָל אים עפּעס אָנטאָן אַ שפּיצל.

— דאַרפֿסט נישט מורא האָבן פֿאַר מיר. איך וועל דיר מער נישט

אונטערשטעלן אַ פוס זאָלסט אומפאַלן. איך וויל זאָלסט מיר ווייזן דיין העפט. איך וויל זאָלסט מיר ווייזן ווי אַזוי דו שרייבסט אַזוי שיין די שריפט.

זשאָזע האָט אַ פּאַרציטערטער צוגעדריקט זיין אָרעם ווי צו פאַרשטעלן מיט דער האַנט זיין העפט און בוך.

— האסט נאָך אַלץ מורא פאַר מיר?

זשאָזע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויף זיינע פאַרריסטע פינגער. דיאַז האָט דאָס באַמערקט און איך גענומען קוקן אויף זיינע ברודיק פאַרפלעקטע פינגער און זיך צעלאַכט. ער האָט גענומען שפּייען אויף זיינע פינגער און אויף זיינע הויזן אָפּגעריבן די שוואַרצקייט פון די טינטפלעקן.

— איך וועל עס נישט פאַרשמוציקן, איך וויל בלויז זען ווי אַזוי דו שרייבסט. דיין פאָטער האָט דיר טאַקע אָנגעוויזן ווי צו שרייבן? מיין טאַטע איז אַלע מאָל אויף זיין שיף, ערגעץ ווייט, ווי קען ער מיר ווייזן?

זשאָזע האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג אויפן האַרץ און מיט ציטערנ־דיקע פינגער אים געגעבן דעם העפט. דיאַז האָט דעם העפט אויפגעעפנט און געקוקט מיט צעפּלוטעטע אויגן; עס איז אים גלייך נימאס געוואָרן און ער האָט גענומען מישן, בלעטערן אַהין און צוריק. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אויסגעקרימטע גרימאַסע. ער האָט גענומען שניפלען מיט די נאָזלעכער און געשמעקט, ווי ער וואָלט דערפילט אַן אומריינעם גערוך אַרום זיך.

— „גרויסאַרטיק, לייג נישט אַוועק די פען", — האָט ער גענומען נאָכשפּעטן פאָטער קאַרדים.

זשאָזע האָט שווער אָפּגעדעכעט און אויסגעשטרעקט זיינע ציטערנדיקע הענט ווי צוריקצונעמען דעם העפט.

— נאַ, האַלט זיך דערמיט. איך דאַרף נישט קיין שיינע האַנטשריפט. איך וועל זיין אַ שיפס־קאַפּיטאַן ווי מיין פאָטער, אָדער גאָר אַ פּיראַט־קאַפּיטאַן. איך שפּיי אויף דעם, — האָט ער געזאָגט מיט אַן אויסגעקרימט מויל. ער האָט זיך גערוקט הינטערוויילעכץ און דערביי אויסגעשטרעקט דעם העפט צו זשאָזען ווי ער וואָלט זיך גערייצט מיט אים.

— נאַ, כאַפּ, אָבער פריִער דאַרפסטו מיר זאָגן צי עס איז ריכטיק וואָס מען רעדט, אַז ביי אייך איז דער רוטאָג שבת, און נישט זונטיק, אַז דו טוסט

אַן פּרייטיק פאַרנאַכט אַ פריש העמד, אַז דיין מאַמע צינדט אָן ליכט און בעט ביי די ליכט צו דעם טייוול און נישט צו יעזוס קריסטוס, גאָטס זון.

זשאָזע האָט געקוקט אויף אים מיט צעטומלטע, דערשראָקענע אויגן און זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט ווי צום וויינען.

— עס וועט דיר נישט העלפן קיין וויינען. אויב דו וועסט עס מיר נישט זאָגן, צעפּליק איך דיין שרייבעכץ.

— איך טו אָן יעדן טאָג אַ העמד ווען עס ווערט פאַרברודיקט — האָט ער שטיל געמורמלט.

— אָ, יאָ; דיין טאַטע איז רייך מיט גאָלד און דימענטן, דו קענסט אָנטאָן אַ העמד יעדן טאָג. האָסט זיך גוט אַרויסגעדרייט מיט דיין ייִדיש קעפּעלע. אָבער עס וועט זיך דיר נישט אַלע מאָל איינגעבן, מען וועט דיך פאַקן... — האָט זיך דיאָז מיט אים געררייצט און אים אַ וואָרף געטאָן דעם העפט, וואָס איז געפאַלן לעבן זיינע פיס.

זשאָזע האָט זיך גיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן דעם העפט און אים אויסגעגלייכט מיט זיינע ציטערנדיקע הענט. ער האָט צוגעוואָרט און זיך נישט גערירט פון אָרט ביז אַנדרעס דיאָז איז אַרויס פון קלאַסצימער.

זשאָזעס האַרץ איז געווען איבערגעוועלטיקט מיט שרעק. ווער האָט עס דיאָזן איבערגעגעבן, אַז זיין מוטער צינדט אָן פרייטיק ליכט און בעט צום טייוול ביי די פלעמלעך, אַז זי בעט נישט צו יעזוסן, גאָטס זון? „עס איז אַ בייזע רכילות, אַן אויסטראַכטעניש קעגן זיין מוטער" — וואָלט ער באַדאַרפט זאָגן דעם שלעגער אַנדרעס דיאָזן. אַזאַ רכילות קען ברענגען אַן אומגליק אויף זיין מוטער. ער דערמאָנט זיך אָבער באַלד, אַז ער אַליין האָט עפּעס יאָ באַמערקט זיין מוטערס אָנצינדן ליכט פרייטיק פאַר נאַכט. עס האָט אים דעמאָלט אויסגעזען מאָדנע, אָבער ער האָט גלייך וועגן דעם פאַרגעסן.

אין יענעם פרייטיק פאַר נאַכט איז זיין מוטער לאָורענסיאַ אַריינגעקומען אין זיין פאָטערס ביבליאָטעק־צימער, ווו ער, זשאָזע, איז געזעסן און קאָפּירט פון אַ לאַטייניש בוך. זיין מוטער לאָורענסיאַ האָט צו אים געשמייכלט מיט איר ליב־מאַמעדיק שמייכעלע, וואָס האָט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט גרויס ליבשאַפט צו איר. זי האָט אים באַטראַכט, ווי זי וואָלט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אַנשטאָט אים עפּעס איבערגעבן האָט זי גאָר גענומען קוקן אויף

זיינע פּאַרפּלעקטע הויזן און פּאַרשמירטע העמד. דאָס האָבן די שוליינגלעך אים געהאַט אומגעוואָרפן ביים אַהיימגיין פון דער קירכעשול, אין אַ שימל־דיקער גרינער לוזשע פון דער גריבלדיקער גאַס.

די מוטער האָט אים אָנגענומען ביים האַנט, אים אַריינגעפירט צו דער אַם ראַמאַליאַ און איר אָנגעוויזן זיין שמוציקן הולך. זי האָט באַפוילן מען זאָל אים אַרומוואַשן, אים אָנטאָן ריינע וועש און אין גאַנצן איבערטאָן, ווייל עס קומען צו גאַסט אירע קרובים, די קאַרדאָזוס, די נאָענטע שכנים פון איר פּאַרשטאָרבענעם פּעטערס צוקער־פּלאַנטאַציע.

נאָכן איבערטאָן זיך, איז ער אַרויס אַ באַנייטער פון זיין צימער. ער האָט געזוכט זיין מוטער, איר צו באַווייזן ווי שיין ראַמאַליאַ האָט אים אויסגעפּוצט. עס איז שוין דעמאָלט געווען פּאַרנאַכטלעך טונקל, בלויז אַן אָפּשיין פון דער פּאַרגייענדיקער זון האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורכן קאָרידאָר־פּענצטער און צעוואָרפן אומעטיקע, זשאַרע שאָטנס אויפן קאָרידאָר־דיל, אויף די ווענט מיט די פּאַרמאַכטע טירן. ערשט ביים ווייטלעכן טייל פון הויז האָט ער געזען ווי זיין מוטער, די מומע מרים און גראַסיאַ זענען אַרויסגעקומען פון איר מומעס און גראַסיאַס שלאָפצימער. זייערע קעפּ זענען געווען פּאַרהילט אין טונקעלע טיכלעך. זייערע פּאַרפּרומטע פּנימער זענען געווען דערשראָקן, ווי זיי וואָלטן געהאַט אָפּגעטאָן אַ זינדיקע, געהיימע זאַך. זיי האָבן זיך אומגעקוקט צי קיינער האָט זיי נישט באַמערקט אַרויסגיין פון יענעם צימער. דורך דער האַלב געעפּנטער טיר האָט ער דערזען דאָס פּאַרטונקלטע שלאָפ־צימער. די שווערע גאַרדינען האָבן פּאַרשטעלט די פּענצטער, בלויז דורך די זייטן האָבן זיך געזען זשאַר־רויטלעכע שפּאַלטן ליכט פון דער פּאַר־גייענדיקער זון.

אין אַ ווינקל לעבן דער מומע מרימס בעט האָט ער באַמערקט צאַפּלענ־דיקע פלעמלעך פון צוויי וואַקסענע ליכט אין גרויסע, זילבערנע לייכטערס. די מומע האָט צוגעמאַכט די טיר און זי פּאַרשלאָסן. זי האָט אַרויסגעשלעפּט דעם שליסל, אים אַריינגעשטופּט אין איר פּאַרטעך־קעשענע. ער, זשאָזע, האָט זיך גערוקט אויף צוריק, הינטערווייללעכץ. ער האָט עפּעס ווי פּאַר־שטאַנען, אַז זיי היטן זיך פּאַר אים, אַז ער דאַרף נישט זיך ווייזן פּאַר זיי און אַז ער האָט זיי געזען אַרויסגיין פון יענעם צימער.

נאָך זייער אַוועקגיין האָט ער זיך נענטער צוגערוקט צו דער טיר און אַריינגעקוקט דורכן שליסללאָך, עס זאָל אים קלאָר ווערן, וואָס זיי האָבן דאָרט געטאָן. ער האָט נישט געקענט זען די ליכטפּלעמלעך, נאָר בלויז די צאַפּלענדיקע ליכטשאָטנס, וואָס האָבן געפלאַטערט מיט אַן אָפּשיין אויף די טונקעלע ווענט. — —

איז פון וואַנען ווייסט דאָס אַנדרעס דיאַז? סיידן ראַמאַליאַ, אָדער עמעץ אַנדערש האָט אַזוי ווי ער, אויך באַמערקט און האָט דאָס וועמען דערציילט, אַז זיין מוטער בעט פּרייטיק פאַרנאַכט ביי אָנגעצונדענע ליכט, און אפשר טראַכט דאָס אַנדרעס דיאַז אויס, זיך מיט אים צו רייצן און אים ווי טאָן, וואָרעם ער ווייסט, אַז זיינע עלטערן זענען ניי־קריסטן.

ער האָט זיך געלאָזט מיט לאַנגזאַמע טריט אַרויס פון שולצימער. אין לאַנגן קירכע־קאָרידאָר איז געווען טונקל און דעמפּיק. פון די אייבערשטע שמאָלע, קאָלירטע פענצטער מיט שוועבנדיקע מלאכימלעך אַרום קאַנאַני־זירטע, הייליקע געשטאַלטן, האָט אַריינגעבליכט אַ שאָטנדיקער אָפּשיין מיט טריבע קאָלירן אויף די ווענט.

ביי דער האַלב געעפנטער, דעמבענער טיר, גרויס ווי אַ טויער, זענען געשטאַנען די צוויי הויפּטלערערס, פּאַדרע קאָרדים און פּאַדרע פּאַריאַ, זיי האָבן צווישן זיך גערעדט, אָבער נישט אַרונטערגענומען די אויגן פון די יינגלעך, וואָס זענען געגאַנגען אַהיים. די סטודענטן זענען געגאַנגען שטיל, רויק מיט אַ געמאַכטער אָנשטענדיקער געלאַסנקייט ווי צו ווייזן די לערערס, אַז זיי פירן זיך אויף לייטיש.

זשאָזע האָט אַ ווײַלע צוגעוואַרט. ער האָט געוווּסט אַז אַנדרעס דיאַז און זיין חברה וועלן זיך פאַרקערעווען צו דעם וועבעריי־געסל לעבן דער שמידגאַס, וווּ עס ציען זיך ליידיקע פאַרוואַרלאָזטע פּלעצער. דאָרטן וועלן זיי זיך צעהוליען, זיך נעמען שלאָגן איינער מיטן אַנדערן, זיך שפּילן אין כּלערליי ווילדע שפּילערייען, ערשט דעמאָלט וועלן זיי אין אים פאַרגעסן און ער וועט קענען ביים קלויסטערגעסל זיך פאַרקערעווען אַהיים.

ער האָט דורכגעשפּאַנט די צוויי לערערס, זיך טיף פאַרנייגט פאַר זיי און מיט די טרעפּ פּאַמעלעך אַרונטער צו דער גאַס. ער האָט געהערט הינטער זיך ווי די צוויי גלחים רעדן צווישן זיך גאָר, גאָר שטיל. ער האָט געפילט,

אַז זיי רעדן וועגן אים. ער האָט בלויז איין מאָל זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיי און גלייך געוווּסט, אַז ער האָט דאָס נישט געדאַרפט טאָן. ער האָט גלייך געוואָלט כאַפּן זיין בליק אויף צוריק און גיין ווייטער. ער האָט אָבער געזען ווי פּאַדרע קאַרדים האָט מיט זיין ווייזפינגער אים גערופן צוריק. זשאָזע האָט שווער אָפּגעדעכעט און מיט אומוויליקע, שלאַבעריקע טריט זיך אומגעקערט צו זיי. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן די טרעפּ און הכנעהדיק געקוקט אויף די צוויי קירכע־לערערס.

— זשאָזע, פאַר וואָס גייסטו אַלע מאָל אַהיים איינער אַליין ? דאַרפסט זיך פאַרברידערן מיט די אַנדערע סטודענטן — האָט פּאַדרע קאַרדים צו אים געזאָגט און דער עלטערער, דיקלעכער פּאָטער פּאַריאַ האָט צוגעשאָקלט גוטמוטיק מיטן קאָפּ.

— איך ווייס נישט, פּאַדרע קאַרדים — האָט זשאָזע געשטאַמלט.

— איך האָב געהערט, אַז אַנדרעס דיאַז און זיין חבר כואַן וואַלענסיאַ האָבן דיך שוין עטלעכע מאָל אומגעוואָרפן אין דער שמוציקער לוזשע ביים גאַרבער־געסל — האָט פּאָטער קאַרדים געקוקט אויף אים מיט זיינע שאַרפע בליציקע אויגן.

— ניין, ניין פּאָטער קאַרדים. דאָס האָבן מיר זיך געשפּילט און איך האָב זיך בלויז אויסגעגליטשט.

— אַ שיינער שפּיל אין די אָפּפאַל־לוזשעס ביים גאַרבער־געסל — האָט פּאָטער קאַרדים געשאָקלט מיטן קאָפּ אַן אומצופרידענער און דער פעטלעכער פּאַדרע פּאַריאַ האָט מיט אַ פּאָטערלעכן באַדויער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זשאָזע האָט זיך אויף ס׳ניי פאַרנייגט און שוין איילנדיק געגאַנגען פּאַזע דעם גרינמאַכיקן, שטיינערנעם, קלויסטער־פּאַרקאַן. ביים סוף פון קלויסטער־געסל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. קיינער איז דאָ נישט געווען. אַרום איז געווען שטיל. בלויז פון שכנותדיקן שמידגעסל האָט זיך אַהער געטראָגן אַ מעטאַלענער געקלאַנג פון די שמידן, וואָס האָבן געקלאַפּט מיט זייערע האַמערס און געקאָוועט די פערד, וואָס האָבן געהירזשעט מיט ווילדע קולות.

זשאָזע איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אַן אומרויִקער. ער האָט מיט ביטערניש

נאָכגעטראַכט וועגן זיין לערער, דעם פּאַטער קאַרדים. עס האָט אים ווי געטאָן און אים געשראָקן סיי די שמיץ וואָס ער האָט אים געגעבן אומגעריכט, ווען ער האָט זיך פאַרטראַכט און סיי זיין פריינדלעכקייט און די לויבעריי, וואָס ער האָט אים צוגעטיילט פאַר זיין שרייבן די לאַטייניש‏ע אותיות. עס האָט אים באַזונדערס אויף ס'ניי געשראָקן די‏אָזס פּלאַפּלערייען וועגן זיין מוטער און דער אָפּענער האַס, וואָס ער ווייזט אים אַרויס ביי יעדער געלעגנהייט, און ער רייצט נאָך אָן אַנדערע קעגן אים. ער וואָלט אפשר גערדאַרפט אים מיט עפּעס פאַרגיטיקן, ווערן נאָענט מיט אים, אים ווייזן, אַז כאָטש ער ווייסט מער פון אים סיי אין לערנען און סיי מיט זיין האַנטשריפט, איז ער אַ גלייכער מיט אים. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט עס שוין געפּרוווט טאָן. ער האָט בעת די קאַרנאַוואַל־טעג אים געהאַט געבראַכט אַ פולן שקאַרמיץ מיט מלאכים־קיכלעך און אַנדערע זיסע נאַשערייען, וואָס ראַמאַליאַ האָט אים מיטגעגעבן אין דער קירכעשול. זיין פריינדשאַפט צו אים האָט אָבער געדויערט בלויז עטלעכע טעג.

זיין טראַכטן האָט זיך מיט אַ מאָל איבערגעריסן. ער האָט געהערט הינטער זיך לויפנדיקע טריט און ווילדע געשרייען פון די ייִנגלעך, וואָס זענען געקומען פון דער נאָענטער שטאַלגאַס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אַהין פון וואַנען דער טומל איז געקומען. ביי דער ערשטער שטאַל, אַן איינגעבויגענער מיט אַ געזונקענעם דאַך מיט ברייטע צעעפנטע טירן, האָבן זיך עטלעכע ייִנגלעך באַהאַלטן; זיי האָבן זיך געשאַרט לעבן די ליידיקע וועגענער מיט אויסגעשטרעקטע דישלען. ער האָט בלויז געזען זייערע שיך, טייל מיט גלאַנציקע מעשענע זענקלען און זייערע לאַנגע הויזן, וואָס האָט געוויזן אַז זיי זענען סטודענטן פון דער קירכעשול.

ער האָט געגומען לויפן גיך צו דערגרייכן די ברייטע גאַס, די רואַ דע בראַנקאַ, ווו עס האָבן געוווינט דאָקטוירים, יוריסטן און רעגירונגס־מענטשן, ווו נישט ווייט פון דאָרט געפינט זיך אויך זייער הויז. אומגעריכט איז מיט אַ מאָל אַנגעלאָפן פון הינטער אים אַנדרעס די‏אַז און זיין חבר כואַן. די‏אַז האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַנט.

— וואָס לויפסטו אַזוי, זשאָזע? איך האָב געוואָלט דו זאָלסט ווייזן כואַנען דיין העפט, דיין שיינע שריפט מיט די הערלעכע לאַטייניש‏ע ווערטער

— האָט ער געזאָגט און אַרויסגעריסן דעם העפט פון אונטער זשאָזעס אָרעם און אים דערלאַנגט כּואַנען.

— נאַ, זע כּואַן, וואָס אונדזער זשאָזע דאָ סילוואָ קען אויפטאָן. צום קנייפּנשפּיל טויג ער אָבער נישט, איז אפשר וועלן מיר אים דאָס אויסלערנען און ער וועט אונדז אויסלערנען צו האָבן אַ שיינע האַנטשריפט — האָט די־אָז געזאָגט מיט אַ געמאַכטער ערנסטער שטים.

דער דאַרער, טונקל פּנימדיקער כּואַן האָט געלאַכט מיט זיינע דיקלעכע ליפּן, ווו אויף דער אויבערשטער ליפּ האָט זיך געוויזן דער ערשטער אַרויס־שפּראָץ פון טונקעלע סימן־זכר־וואָנצעלעך, זיינע גרויסע, ברוין־פּיבערדיקע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם צעעפנטן העפט. ער האָט געמישט די בלעטלעך און מפּונקדיק געהויבן מיט זיינע ברייטע נאָזלעכער, ווי ער וואָלט זיך געמיאוסט צו קוקן אויף די בלעטלעך, און ער האָט גענומען צערייסן דעם העפט.

— איך וועל מיר נעמען עטלעכע בלעטלעך און זיי נאָכמאַכן, פּאָטער קאַרדים וועט זאָגן: „כּואַן, גרויסאַרטיק, לייג נישט אַוועק די פּען", נאַ, נעם דיר אויך עטלעכע פון זיי — האָט ער געזאָגט צו אַנדרעס די־אַזן, און דערביי געלאָזט צעפליען די בלעטלעך.

זשאָזע האָט גענומען נאָכלויפן די פליענדיקע בלעטלעך, וואָס זענען זיך צעפאַלן איבער דער גאַס. ער האָט זיך איינגעבויגן זיי צו כאַפּן איידער זיי פאַלן אַריין אין די גריבלדיקע לוזשעס. ער האָט באַלד דערפילט ווי עטלעכע ייִנגלעך האָבן זיך אויף אים ראַפּטעם אַ וואַלגער געטאָן, אים גענומען בוכטשען אין די זייטן און אים גענומען קנייפּן אין ווייכן פליי̈ש מיט אַ שטעכיק קנייפּעריי.

— בינג, בענג, באַנג, רייס זיין פליי̈ש — האָבן די ייִנגלעך געשריען.

— מיר וועלן אים נעמען צום גאַרבער־געסל און אים טויפן. ער איז נישט ריכטיק געטויפט געוואָרן פון זיינע ייִדישע עלטערן. נאָך דעם וועט ער ערשט טויגן פאַר אונדזער שפּיל — האָט כּואַן העכער פון אַלע געשריגן.

זשאָזע האָט זיך געריסן פון זיי און געשטויסן זיי מיט זיינע שוואַכע הענט, געפּרוווט זיך אַרויסרייסן און נישט געקענט. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין אָנמאַכט אויף דער ערד. מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט אַ לויזקייט אַרום

זיך. די געשרייען פון די ייִנגלעך האָבן אים אויפגעמונטערט. זיי זענען אַנטלאָפן מיט אַ ליאַרעמדיקער אײַלעניש. זיי זענען זיך ווי צעפלויגן הינטער די שטאַלן.

ער האָט געהערט הינטער זיך שווערע, שאַרכנדיקע טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אים. פון דער נאָענט האָט ער דערקענט דאָס אָנקומען פון דעם פּאַדרע קאַרדים. ער האָט זיך אײַנגעבויגן איבער אים, אָנגענומען זײַן האַנט און אים אויפגעהויבן פון דער ערד. זשאָזע האָט זיך אָנגעלענט אין פּאַרקאַן, זיך גענומען אויסגלײַכן און אָפּשטויבן זײַן שוואַרצן טוכענעם מאַנטל.

— ווער האָט דיך אומגעוואָרפן? ווער האָט דיך געשלאָגן? — האָט פּאַדרע קאַרדים אים געפרעגט מיט אַן אויפגערעגטער שטים און זײַן פאַר־טרוקנט פּנים איז געווען שטײַף און בלאַס פון כּעס.

— איך ווייס נישט, ייִנגלעך, — האָט זשאָזע געשטאַמלט.

— סטודענטן פון דער קירכעשול? האָב נישט קיין מורא, דערמאָן זיך — האָט דער פּאַדרע גענומען רעדן מיט אַ שטילער, פּאַטערלעכער שטים און מיט זײַן קאַלירטער פּאַטשיילע, וואָס ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון זײַן טיזשעריק־קעשענע, אים גענומען אָפּווישן די ריטשקעלעך בלוט ביי די ליפּן.

— איך ווייס נישט ווער, פּאַטער קאַרדים. ייִנגלעך פון דער שטאָלגאַס.

— קום, וועל איך דיך פירן אַהיים. מיר וועלן דאָס אויספאָרשן — האָט דער לערער קאַרדים געזאָגט און אים געהאָלפן אויפקלײַבן זײַן צעפּאַלענעם העפט און דאָס געבעטבוך.

זיי זענען אַרויס פון קלויסטער־געסל און אַריבער צו דער וויעראַ־גאַס. אויף אַ גרויס, אָפן שטיק לאַנד. האָבן זיך געצויגן שיטערע, צעוואָרפענע הײַזער, פאַרצוימט מיט פּאַרקאַנעס פון האָלץ און שטיינער, אַרומגערינגלט מיט כּלערליי ביימער און קוסטעס. פון דער קליינער פּאַראַפיע־קירך ביים סוף גאַס איז אָנגעקומען אַ גרופּע דערוואַקסענע ייִנגלעך אָנגעטאָן אין ווייסע לויזע העמדלעך איבער זייערע שוואַרצע קליידער. פאַרויס איז געגאַנגען זייער פּאַראַפיע־גלח, וואָס איז אויך געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן אויבערהעמד מיט פראַנדזן־שפּיצלעך ביי די ברעגן און אַ שוואַרץ אַכטקאַנטיק, גלחיש היטל אויף זײַן גרויהאָריקן קאָפּ. לעבן דעם גלח איז מיטגעגאַנגען אַ הויכער,

דאָרער יונגער־מאַן מיט אַ ייִנגלש־דראָבנעם, בלויזן קאָפּ וואָס איז געווען העכער פֿון דער גאַנצער גרופּע. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן צלם מיט אַ צוגענאָגלטן יעזוס. דורכגייערס האָבן זיך געצלמט און פֿרום צוגעלאָפֿן צום צלם־טרעגער, וואָס האָט אײַנגעבויגן דעם קרוציפֿיקס און זיי האָבן געקושט דעם צוגענאָגלטן יעזוס. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז, וווּ עס האָט זיך געפֿונען אַ גוסס־קראַנקער, כּדי ער זאָל זיך מתוודה זײַן פֿאַרן אויסגיין.

אויך פֿאַדרע קאַרדים און זשאַזע האָבן זיך איבערגעצלמט. ער האָט אָנגענומען זשאַזען בײַם האַנט, אים צוגעפֿירט צו דער גרופּע. דער הויכער צלם־טרעגער האָט גאָר נידעריק אײַנגעבויגן דעם קרוציפֿיקס און זשאַזע האָט צוגעדריקט זײַן פּנים און מיט די ליפּן באַרירט דאָס געשטאַלט פֿון יעזוסן.

— נאָר מיט פֿרומקייט וועסטו אַלץ בײַקומען, אַלע שלעק. דאַרפֿסט וויסן אַז דו שטאַמסט פֿון עלטערן, וואָס זענען דער ערשטער דור נאָוואַ־קריסטיאַנס און מען האָט נאָך נישט געגנוג צוטרוי צו אייך. נאָר מיט ערלעכער פֿרומקייט וועט גאָט און זײַן זון יעזוס קריסטוס אייך העלפֿן.

זשאַזע האָט געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. ער איז געווען דער־דריקט סײַ פֿון דעם אָנפֿאַל פֿון די ייִנגלעך אויף אים און סײַ פֿון פֿאָטער קאַרדימס פֿאַרפֿרומטע רייד, וואָס זענען אים איצט געווען דערווידער...

— די פֿאַלשע נײַ־קריסטן שאַפֿן אַ שלעכטן שם אויף די ערלעכע נײַ־קריסטן, וואָס גלויבן מיטן גאַנצן האַרץ אין דער דרײַ־אייניקייט. אויב מען זעט אַ פֿאַלשן נײַ־קריסט, וואָס דינט דעם טייוול, וואָס פֿאַרשוועכט אונדזערע הייליקייטן, דאַרף מען אים גלייך דענונצירן, אַפֿילו אויב דאָס איז אַן אייגענע מוטער...

זשאַזע האָט בײַ די לעצטע ווערטער פֿון פֿאַדרע קאַרדים אַ ציטער געטאָן, נאָר ער האָט זיך גלייך אײַנגעצוימט. ער האָט פֿאַרקרימט זײַן פּנים, ווי דאָס אויפֿציטערן וואָלט געקומען פֿון דעם ווייטיק וואָס ער האָט פּלוצעם דערפֿילט אין זײַן צעשלאָגענעם קערפּער.

דער פֿאַדרע קאַרדים איז נאָך אַלץ געווען פֿאַרטאָן אין זײַנע רייד צו באַווירקן זשאַזען, ער זאָל זײַן גוט און פֿרום. זשאַזע האָט זיך מיט אָפֿענעם

מויל און אויגן צוגעהערט וואָס דער פֿאָטער קאַרדים האָט צו אים גערעדט און אין דער זעלבער צייט געפּילט אַ פּאַרדרוס קעגן אים, וואָס ער וויל אים איינרעדן, ער זאָל פֿיינט האָבן זיין אייגענע מוטער.

זיי זענען צוגעקומען צום שטיינערנעם פּאַרקאַן פֿון זיין פֿאָטערס הויז. די אייזערנע טיר איז געווען פֿאַרמאַכט מיט אַ שלאָס אויפֿן ריגל. זשאָזע האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך פֿאַרנייגט פֿאַרן לערער וואָס האָט אים צוגע־פֿירט צו זייער הויז. ער האָט נישט געוואָלט אַז דער פֿאָטער קאַרדים זאָל מיט אים אַריין אין הויז. ער האָט געוווּסט אַז זיין מוטער האָט נישט גערן צו האָבן אין איר הויז גלחים און מאָנאַכן. זשאָזע האָט געוווּסט אַז זי וועט האָבן פֿאַרדראָס אויב ער זאָל פֿאַרבעטן אומגעריכט זיין לערער אין הויז אַריין.

זשאָזע האָט זיך נאָך אַ מאָל פֿאַרנייגט ווי צו ווייזן, אַז ער פֿילט זיך בעסער, אַז דער אָנפֿאַל אויף אים פֿון די יינגלעך איז נישט געפֿערלעך, אַז ער איז שוין צוגעוווינט צו דעם.

— איך וויל דיך אַריינפֿירן אין הויז און איבעררעדן מיט דיינע עלטערן וועגן דיר.

זשאָזע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז זיין פֿאָטער איז נישטאָ אין דער היים און אַז זיין מוטערליידט פֿון קאָפּווייטיקן. ער האָט אָבער גלייך דערפֿילט, אַז פֿאָטער קאַרדים וועט אים נישט גלויבן. ער קען נאָך דערמיט קאַליע מאַכן זיין מערכה ביי אים. ער קען נאָך מיינען, אַז ער באַהאַלט עפּעס אויס, אַז מען פֿירט נישט אַריין קיין קריסטלעכע מינהגים ביי זיי אין הויז, און אַז ער, זשאָזע וויל בכיוון אויסמיידן אים אַריינברענגען אין שטוב.

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער שווערער אייזערנער טיר. עס האָט גענומען אַ קורצע ווײַלע, און באַלד האָבן זיך געהערט טריט. זשאָזע האָט גלייך דערקענט אַז דאָס קומט ראַמאַליאַ. נאָך איידער זי האָט געפֿרעגט ווער דאָס איז, האָט ער גלייך אויסגערופֿן:

— דאָס בין איך, זשאָזע — זיין קול האָט זיך אָבער הייזעריק געשטיקט.

— אָ, דו קליינער שטיפֿער, דיין שטים איז שוין רוי־הייזעריק ווי ביי אַן אמתן מאַנספּאַרשויך, — האָט ראַמאַליאַ אַ פֿריילעכע אויסגערופֿן.

זי האָט אויפגעשלאָסן, אויפגעריגלט דעם קלאַמער און געעפנט די טיר. זי האָט דערזען דעם פּאַדרע קאַרדים לעבן זשאָזען און ווי זיך צוריקגעצויגן הינטערווייִלעכץ. אירע גרויסע, ווי פלומען, אויגן זענען געוואָרן ברייט אויפגעריסן. אַ צעטומלטע, האָבן זיך אירע ווייסלען געגומען צאַפּלען, און זי האָט זיך האַלב קניִענדיק אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד און אָנגעכאַפּט דעם זוים פון זיין סוטאַנע צו קושן.

— אָ, פּאַטער קאַרדים, אַזאַ גליק, צו קומען אין אונדזער הויז אַריין. — האָט זי געשטאַמלט.

— זאָל יעזוס קריסטוס אייך אַלעמען בענטשן. — האָט ער געזאָגט מיט אַ פרום קול.

ראַמאַליאַ האָט גלייך דערזען דאָס אויפגעביילטע פּנים ביי זשאָזען און די צעפליקטע, צעקנאָדערטע קליידער אויף אים.

— אוי, מיין זיס ייִנגעלע, ווער האָט דיך אַזוי צעשלאָגן? — האָט זי אויסגערופן און אים אַ נעם געטאָן אין אירע דיקלעכע הענט אַריין און אים צוגעדריקט צו זיך.

זשאָזע האָט זיך אָן אומצופרידענער געריסן פון איר. עס איז אים נישט ניחא געווען, אַז פּאַטער קאַרדים זאָל זען, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ קליין, נעבעכדיק ייִנגעלע, וואָס בויטיקט זיך געצערטלט צו ווערן פון זיין אַם.

— דאָס האָבן אים ייִנגלעך אין אַ ווילדן שפּיל צעשלאָגן, נעמט אים אַריין אין שטוב, וואַשט אים אַרום דאָס פּנים, ער וועט נאָך מאָרגן קענען קומען אין דער שול.

— אָך, די ווילדע שלעגער, ווי קומט ער צו זיי? איך גיי גלייך טאָן וואָס איר הייסט מיך, פּאַדרע קאַרדים. זיין מוטער דאָנאַ לאָורענסיאַ וועט זיך דערשרעקן אים איצט צו דערזען אין אַזאַ מצב. זי איז אַליין נישט צו געזונט, ליידט פון קאָפּווייטיק. זי איז נאָך היינט נישט אַרויס פון בעט, — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט און איר גלאַנציק, טונקל־ברוין פּנים איז געווען זייער באַזאָרגט.

— איך באַדויער דאָס צו הערן. זאָגט איר, דאָנאַ לאָורענסיאַן, זי זאָל שטעלן ליכט פאַר דער הייליקער האַננאַ, וועט עס איר אַ סך העלפן, אַפילו זינדיקע ווערן פון דעם געהאָלפן... — האָט פּאַטער קאַרדים געזאָגט.

ראַמאַליאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ ביסל אָוועקגעדרייט איר פּנים. זי האָט געוווּסט, אַז אַ סך מענטשן רעדן, אַז איר באַלעבאָסטע, דאָנאַ לאָורענסיאַ, איז אַ זינדיקע. מען האָט איר שוין אַ סך מאָל געפּרעגט, צי מען הייסט זי בייטן די וועש אויף שבת ווי די יידן פּלעגן דאָס אַ מאָל טאָן און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס מען טוט נישט אין דעם הויז.

פּאָטער קאַרדים האָט זיי באַגלייט צום אַריינגאַנג פון הויף. ער איז מיט־געגאַנגען ביז צום פּאָדערהויז. אויף דער טיר איז געהאָנגען אַ טאָולשריפט מיט אַ געבעט צו דער הייליקער האַננאַ, מאַריאַס מוטער, יעזוסעס באָבע. דעם פּאָדרעס פּנים האָט אויפגעלויכטן.

— דאָס האָט געוויס דיין פּאָטער זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ אויפגעע־האָנגען צו ווערן באַשיצט פון אַלע זינד און אויך פון אומפאַלערס. דיין פּאָטער איז זייער באַשיידן, ער האָט געמעגט אויך אויפהענגען זיין הימען צו דער הייליקער מוטער — האָט פּאָדרע קאַרדים געזאָגט מיט אַ צופרידענער שטים.

— ניין, פּאָטער קאַרדים, דאָס האָט מיין מוטער דאָנאַ לאָורענסיאַ אויפ־געהאָנגען. איך קען דאָס לייענען מיט צוגעמאַכטע אויגן — האָט זשאָזע אויסגערופן כּמעט ווי מיט אַ וויינענדיקער שטים. עס האָט אים געשראָקן און אויך ווי געטאָן, וואָס פּאָטער קאַרדים האַלט כּסדר אין איין רעדן, אַז די גאַנצע פרומקייט פון הויז קומט פון זיין פּאָטער און ער מיידט אויס זיין מוטער. ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן און האַסטיק גענומען זאָגן:

זיי געבענטשט, הייליקע האַננאַ,
בעט פאַר יעדן פון אונדז,
מיר נעבעכדיקע, זינדיקע
ביי גאָט, זיין זון, דיין אייניקל.

אויף פּאָטער קאַרדימס פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ מאָדנער שמייכל. ער האָט אויפגעהויבן די ברעמען, געפּינטלט מיט די אויגן און באַטראַכט זשאָזען, ווי עס וואָלט אים נישט געווען קלאָר צי דאָס איז טאָקע ריכטיק.

— דיין מוטער האָט דאָס געטאָן? יאָ, דאָס טוען טאָקע די באַלעבאָסטעס פון גוטע קאַטוילישע הייזער.

ראַמאַליאַ האָט ווידער אָוועקגעדרייט דאָס פּנים. עס איז איר געפעלן

געוואָרן, וואָס זשאַזע נעמט זיך אָן פאַר זיין מוטער, כאָטש זי האָט געוווסט, אַז די טאָוולשריפט מיט דעם געבעט צו דער הייליקער האַננאַ האָט געמאַכט זיין פאָטער און נישט זיין מוטער, וואָס איז אַלע מאָל גלייכגילטיק דורכ־געגאַנגען און זיך אויף דער שריפט אַפילו נישט אומגעקוקט.

— אויב סענהאָר דאַ סילוואַ איז אין שטוב, לאָזט אים וויסן, אַז פאָטער קאַרדים וויל אים זען.

— יאָ, פאַדרע קאַרדים, איך וועל עס שוין טאָן — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט און אַנגענומען זשאַזען ביים האַנט. זשאַזע האָט זיך פאַרנייגט און זיך געלאָזט פירן פון זיין אַם אין שטוב אַריין.

פאָטער קאַרדים האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דעם גאָרטן הינטער דעם דאַ סילוואַ־הויז, וואָס ער האָט פריִער קיין מאָל נישט געזען. דאָס הויז איז געווען אין פּאָרטוגעזישן סטיל מיט שמאָלע און לאַנגע פענצטער, פאַר־רונדיקט פון אויבן. די אייבערשטע גאַרנס מיט באַלקאָנדלעך, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן שטיינערנעם פּאַרקאַן מיט שטעכערס פון אויבן. דער גאָרטן איז געווען טיף מיט אַ סך פּאַלמע־ביימער און בלומען־קוסטעס. אין מיטן איז געווען אַ וואַסער־באַסיין מיט אַ שפּריצנדיקן פאָנטאַן, אַרומגעקרייזט מיט קאָלירטע, בליִענדיקע בלומען־בייטן, באַזוימט מיט ווייסע שטיינער. אין אַ וויטלעכן שאָטן צווישן צוויי ביימער, אַרומגערינגלט מיט זיך ציִענדיקע פלאַנצן איז אויף אַ האַמאַק געלעגן אַ יונגע פרוי און געדרימלט. איר העל־האָניקדיקע האָר האָבן צעוואָרפענע פאַרהילט איר פּנים. לעבן האַמאַק איז אויף אַ שטיינערנער באַנק געזעסן אַן עלטערע גרוי־האָריקע פרוי. אויף איר אויסגעמאָגערטן בלאַסן פּנים האָט זי געטראָגן ברילן, וואָס זענען געהאַנגען אויף איר שפּיץ נאָז. זי האָט געשטריקט אַ לייבל ווי פאַר אַ קליין קינד, אָדער אַ זאָק. אירע שפּיזלען זענען געלאָפן גיך, גיך מיט אַן אומרויִקער איילעניש ווי זי וואָלט זיך געהאַט דערשראָקן. עס האָט אויסגעזען, אַז די עלטערע פרוי האָט שוין אים, פאָטער קאַרדים, געהאַט דערזען, נאָר זי מאַכט זיך צו זיין פאַרטאָן אין דער אַרבעט. זי האָט עפּעס שטיל אַ זאָג געטאָן צו דער יונגער פרוי, וואָס איז געלעגן אין האַמאַק. די יונגע פרוי האָט זיך אַ פאַרצאַפּלטע אויפגעכאַפּט פון איר געלעגער, אַרונטערגעשאָרט איר שויבער האָר פון איר בלאַס פּנים, ווו בלויז איין באַק, אויף וועלכער זי איז געלעגן,

האָט געהאַט אַ פלאַמענדיקע קאָליר. זי האָט זיך אויסגעריבן מיט אירע פינגער אירע פאַרשלאָפענע אויגן, אַרונטערגעלאָזט די פיס פון האַמאַק און אויסגעגלייכט איר טונקל, אַליוו־גרינלעך קלייד. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע צעטומלט ווי נישט געוווּסט, וואָס זי זאָל טאָן, אויסצוגעפינען וועמען ער וויל זען. זי האָט זיך לייכט פאַרנייגט פאַר אים. פּאָטער קאַרדים האָט פון דער ווייטנס געמאַכט אַ שתי־וערב איבער זיי.

פון הויז איז מיט אַ מאָל אַרויסגעקומען זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ אָנגעטאָן אין זיין שטובטוניק, פאַרגאַרטלט מיט אַ גאָלדיק געשטריקטן גאַרטל.

— אָ, פּאָטער קאַרדים, עס פרייט מיך אייך צו זען אין מיין הויז. איך האָב געהאָפט אַז איר וועט אַ מאָל מיר אָנטאָן דעם כבוד און קומען צו אונדז — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט און זיך טיף פאַרנייגט.

פּאָטער קאַרדים האָט אויסגעשטרעקט צו אים זיין האַנט. דאַ סילוואַ האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ און צוגעפּרעסט זיינע ליפּן צו פּאַדרעס האַנט.

— מיר וועלן זיך אַוועקזעצן אין שאָטן פון די פּאַלמעס. אין שטוב איז הייס. מיין ווייב דאָנאַ לאָורענסיאַ איז נישט געזונט. אין שטוב שמעקט מיט בּלערליי רפואות, וואָס די היינטיקע דאָקטוירים גיבן די קראַנקע, וואָס איין גאָט ווייסט צו וואָס מען דאַרף דאָס. איין טיף געבעט צו דעם דערלייזער, צו יעזוסן, איז מער ווערט ווי די אַלע נאַרישע רפואות — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט מיט זיין טיפער, אַדוואָקאַטיש אַראַטאַרישער שטים.

— יאָ, מיין ליבער סענהאָר דאַ סילוואַ, איין ערלעך געבעט. נישט בלויז מיר דאַרפן דאָס וויסן, אַלע דאַרפן דאָס פאַרשטיין. דאַן וואָלטן די קראַנקע גלייך געהיילט געוואָרן.

— יאָ, יאָ, גערעכט פּאַדרע קאַרדים. ביי מיר אין הויז ווייסן דאָס אַלע. מיין ווייב, דאָנאַ לאָורענסיאַ, פאַרבעסערט זיך טאַקע.

זיי האָבן שפּאַצירט פּאַמעלעך ביז צום וואַסער־באַסיין, וווּ עס זענען שוין געשטאַנען מרים און גראַסיאַ.

— דאָס זענען אונדזערע קרובים פון דער צוקער־פּלאַנטאַציע, די יונגע דאָנאַ גראַסיאַ און אונדזער מומע דאָנאַ מאַריאַ. ביידע פרויען האָבן זיך פאַרנייגט.

— דאָנאַ גראַסיאַ, וואָס גרייט זיך חתונה צו האָבן מיט איער קרוב,

דעם סוחר פון פּאָרטוגאַל. געהערט, געהערט. איך ווינטש זיי גליק. זיי זאָלן אויפשטעלן אַ גרויס קריסטלעך הויז אין אונדזער רייך לאַנד — האָט פּאָטער קאַרדים געזאָגט און געמאַכט אַ צלם־צייכן מיט דער האַנט איבער איר. גראַסיאַ האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און די באַקן אויפן בלאַסן פּנים זענען געוואָרן צעפלאַמט.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק לעבן פּאַרקאַן אין שאָטן פון די פּאַלמע־ביימער. אַרום איז געווען שטיל, בלויז פון הויז האָט זיך געהערט אַ פלוצעמדיקער אויסגעשריי, וואָס איז איבערגע־גאַנגען אין אַן איינגעהאַלטענעם שטילן געוויין. מענדעס דאַ סילוואַ און דער פּאַדרע האָבן אויפגעשפּיצט די אויערן, זיך איינגעהערט. דאַ סילוואַ האָט זיך ראַפּטעם אויפגעהויבן פון אָרט. זיין פּנים איז געוואָרן פאַרכמאַרעט און דערשראָקן. ער האָט געהאַט אָנגעזאָגט ראַמאַליאַן נישט איבערצוגעבן זיין פרוי, וואָס עס האָט געטראָפן מיט זשאָזען ביים אַהיימגיין פון דער קירכעשול. עס זעט אויס, אַז זיין ווייב האָט שוין אַלץ געזען.

די צוויי פרויען, מרים און גראַסיאַ, האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע ערטער ביים וואַסער־באַסיין און איילנדיק געגאַנגען צום הויז. זיי האָבן זיך קיין איין מאָל נישט אומגעקוקט און זענען פאַרשוווּנדן.

— איר וועט אונדז פאַרגעבן, גנעדיקער פּאַדרע קאַרדים. מיין פרוי סענהאָראַ לאָורענסיאַ האָט זיך, זעט אויס, דערשראָקן פון אונדזער זשאָזעס אויסזען. אָבער עס וועט איבערגיין. די פרויען וועלן זי באַרויקן — האָט זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ געזאָגט און געקוקט אויף פּאָטער קאַרדימס קאַלט, פאַרשטייפט פּנים.

— איך בין טאַקע געקומען צו אייך וועגן אייער זון. מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט אים. די קינדער האָבן אים נישט ליב. ער איז צו פיל אַריינגעטאָן אין זיך. ער בלייבט דערפאַר אָפּגעזונדערט. ווי נאָר איך נעם אַוועק די אויגן פון אים, אַזוי באַפאַלן זיי אים.

סענהאָר דאַ סילוואַ האָט אויפגעצאַפּלט. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער וויל זיין זון שוין אַרויסנעמען פון דאָרט, פון צווישן די צעווילדעוועטע יונגען, וואָס ווילן נישט לערנען, וואָס מען צווינגט אויף זיי אַרויף צו פיל פרומקייט. ער האָט נישט געפאָלגט זיין פרוי לאָורענסיאַ, וואָס האָלט ער זאָל בעסער

אַריינגעמען אַ לערער אין הויז צו לערנען מיט זייערע קינדער, אַז אַפילו די פּרויען אין הויז, גראַסיאַ און זיין פרוי קענען אים מער אויסלערנען ווי ער לערנט אין דער קירכעשול. זיין גאַנצער ווונטש איז אָבער געווען, ער זאָל זיין מיט אַנדערע יינגלעך. דער עיקר, מען זאָל זיין הויז נישט חושד זיין, אַז מען לערנט די קינדער יידישקייט, און אַז ער מיידט אויס די קירכע־שול.

— וואָס קען איך טאָן, מיין שטרעבונג איז געווען, אים צו שיקן צו אייך, ער זאָל זיך דורכנעמען מיט פרומקייט ווי אַלע גוטע קינדער פון קאַטוילישע הייזער.

— פרומקייט הויבט זיך אָן פון הויז, מיר קענען דאָס בלויז איינפּעסטיקן, — האָט פאַטער קאַרדים געזאָגט מיט אַ טרוקענער, האַרטער שטים.

— געוויס, געוויס, אַזוי דאַרף עס זיין און איך, ס'הייסט מיין גאַנץ הויזגעזינד, טוט דאָס. אָבער דאָס פייניקן אים מאַכט מיין פרוי קראַנק — האָט ער געזאָגט מיט אַ דערשלאָגן קול.

— ער איז אַ געזונט יינגל מיט אַ שאַרפן מוח. דאָס שלאָגן אים וועט אים נישט פאַרשאַטן, כאָטש מיר ווילן זען דאָס אויסצומיידן. ער וועט זיך אויס־לערנען, אַז דאָס לעבן איז נישט קיין שפּילעכל. ער איז אַ ביסל צו פיל פאַרטראַכט; דאָס צו פיל טראַכטן איז אַ שטער צו פרומקייט. איר באַנעמט דאָס, סענהאָר דאַ סילוואַ?

— ער איז נאָך יונג. ער וועט זיך אַרויסשיילן פון די אַלע שוואַכקייטן — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט מיט אַ באַרויִקנדיקער שטים.

— מיר ווילן אים העלפן, אָבער איך מוז ווידער דערמאָנען, אַז פריִער קומט די היים, די מוטער, אייער פרוי דאָנאַ לאַורענסיִאַ. איר ווירקונג אויף אים איז שוין נישט אין מיינע הענט — האָט דער פּאַדרע געזאָגט און געקוקט אויף אים מיט פאַרשערישע אויגן און אַ נצחונדיק שמייכעלע האָט זיך ווי באַהאַלטן אין זיינע מוילווינקלען, ווי ער וואָלט עפּעס געוווסט וועגן זיין פרויס אויפפירונגען.

— גאָט באַהיט, מיין פרוי פירט אַ פרום קאַטויליש הויז ווי אין אַלע קריסטלעכע הייזער אין שטאָט און אפשר נאָך מערער — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט מיט אַ דערדריקטער און ווי אַ באַליידיקטער שטים.

— אַ, סענהאָר דאַ סילוואַ, קיינער טראַכט גאָרנישט אַנדערש וועגן אייך, אָבער היינטיקע צייטן, ווען עס געפינען זיך אַזוי פיל גאָט־לעסטערער צווישן אונדז, קען מען אַפילו אַן אייגענער פרוי נישט געטרויען. אָבער דאָס איז אַלץ נישט אין מיינע הענט... — האָט פּאַטער קאָרדים געזאָגט און פרום אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, מען זאָל זיך משער זיין, וואָס ער מיינט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַנען צום אַרויסגאַנג.

סענהאָר דאַ סילוואַ איז אַ שווייגנדיקער, אַ דערדריקטער אים נאָכגעגאַנגען ביז צו דער אַרויסגאַנג־טיר.

פופצנטער קאַפּיטל

די אַלטע מרים און איר טאָכטער גראַסיאַ זענען געגאַנגען פּאַמעלעך מיט איינגעצוימטע טריט צום הויז, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף אַ נאָכמיטאָגדיקן שפּאַציר. זיי האָבן זיך נישט אומגעקוקט, אָבער זיי האָבן געפילט הינטער זיך די אויגן פון דעם פּאַדרע קאָרדים, זשאָזעס לערער.ביידע האָבן געפילט אַ מאָדנע אומרויִקייט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיין קומען דאָ אַהער צו זיי אין הויז אַריין איז נישט בלויז אויף צו האָבן אַ גוטמוטיקן שמועס פון אַ לערער וועגן זשאָזע ווי גוט ער לערנט זיך אין דער קירכעשול, נאָר כּדי אויפצוכאַפּן און זיך דערוויסן ווי אַזוי מען פירט זיך אין דעם הויז. באַזונדערס האָט זיי געשראָקן דער פּלוצעמדיקער אויסגעשריי פון לאָורענסיאַ. זיי האָבן אָבער זיך נישט געאיילט אַריינצוגיין אין הויז נישט צו ווייזן זייער אומרויִקייט פאַר דעם פּאַדרע.

גראַסיאַס פּיס האָבן זיך גענומען אונטערברעכן און זי האָט זיך געמוזט אָנלענען מיט איר האַנט ביים אָרעם פון איר מוטער און האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט דערפילט אַן איבלעניש ביים האַרצגריבל. די איבלעניש האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט פון איר אינגעווייד צום מויל.

— מאַמע טייערע, איך מוז זיך אָפּשטעלן. איך פיל ווי צו חלשן. עפּעס שרעקט מיך זיין קומען צו אונדז — האָט גראַסיאַ געזאָגט און צוגעבויגן איר קאָפּ צו דער מוטערס אַקסל.

— האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן. ער איז געקומען, וועט ער באַלד אַוועקגיין. זינט מען האָט צוגענומען אייער פּיליפּען, איז נישט אויסצוהאַלטן פון אייך דאָ אין הויז. דיין מאַן דואַרטע איז נאָך ערגער פון דיר. ער האָט אויפגעהערט עסן. ער איז בלאַס ווי ער וואָלט געווען קראַנק און עסט ווי אַ פייגעלע. דערצו איז ער פאַראומערט. מען קען צו אים נישט רעדן. ער איז אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער הערט נישט וואָס מען רעדט צו אים — האָט מרים געזאָגט מיט פאַרדרוס.

גראַסיאַ האָט נישט געענטפערט אויף די פאַרדריסלעכע רייד פון איר מוטער. דאָס איבלעניש ביים האַרצגריבל האָט זיך אויף ס׳ניי אַ שפּאַר געטאָן צום מויל. זי האָט צוגעלייגט די האַנט צו דער ברוסט און פאַרקרימט דאָס פּנים מיט אַ ווייטיקלעכער גרימאַסע.

מרים האָט געקוקט זייטיק און שאַרף באַטראַכט איר טאָכטערס אויסזען.

— גראַסיאַ, איך האָב מורא, אַז דאָס ווייזן זיך סמנים, אַז דו ביסט אויף דער צייט. הלוואי זאָל איך זיין אַ נאַרישע טרעפערין — האָט מרים געזאָגט און גענומען גלעטן איר האַנט מיט אַ צאַפּלענדיקער צאַרטקייט.

מרים האָט געהאַט אַ טאָפּלט געפיל: אַ פרייד וואָס איר טאָכטערס איבלדיקייט באַווייזט סמנים, אַז זי איז מעוברת, אויף וואָס זי האָט לאַנג געהאָפט, וואָרעם זי האָט זיך פריִער תמיד געשראָקן, אַז גראַסיאַס איינזאַם און עלנט לעבן וועט זי דערפירן זיך אַנצושליסן אין אַ קלויסטער; אין דער זעלבער צייט איז זי אויך געווען באַהערשט פון שרעק, וואָס איר טאָכטער האָט נאָך עפנטלעך נישט חתונה געהאַט. איר לייב, ביז צו דער חתונה־צערעמאָניע אין דער קעניגלעכער גלאָריאַ־קירך, וועט ווערן אויפגעפּוישט. עס וועט זיין אַ בזיון צו קומען צום אַלטאַר מיט אַ מעוברתדיקן בויך. איר קרוב זשואַן מענדעס און איר איידעם דואַרטע ווילן פאַרבעטן די פאַרנעמסטע משפחות פון שטאָט צו דער חתונה. אַזאַ צוגרייטונג דאַרף נעמען לאַנג. עס וועט זיין דאָס גרעסטע געלעכטער, מען וועט פראַווען רכילות. אַזאַ זאַך פּאַסט גיכער פאַר אַ פּשוטע הויז־באַדינערין, אַ שקלאַפין. דאָס טרעפט צו מאָל ביים פּראָסטן פאָלק. פאַר דעם שטאַנד פון זייער משפחה איז דאָס אַ דער־נידערנדיק געשעעניש.

מרים האָט דערפילט ווי גראַסיאַ ציט לייכט אַרויס איר האַנט פון איר אָרעם און לאָזט זיך איילנדיק גיין פאַרויס.

— וואָס לויפסטו אַוועק פון מיר, גראַסיאַ טייערע. דו האָסט זיך דערוויל גאָרנישט וואָס צו שעמען. דער ערל דאָרט קוקט אויף אונדז ווי מיר וואָלטן זיך געקריגט.

גראַסיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט. אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריק שמייכעלע ווי איר מוטערס רייד וואָלטן זי געפּייניקט.

— איך גיי אַריין אין שטוב און זיך צולייגן אויפן געלעגער, — האָט זי געזאָגט.

— לויף נישט, דער כּומר גייט שוין אַוועק. באַרויִק זיך. איך וויל דיר נישט מאַכן קיין שווער האַרץ. איך האָב דיך כּסדר געבעטן, פיר זיך ווי אַ ייִדישע טאָכטער. לויף נישט יעדע נאַכט צו אים אין שלאָפצימער, כאָטש וויסן זאָלסטו מיין קינד, קיין זינד ביסטו חלילה נישט באַגאַנגען, איר זענט מאַן און ווייב כּדת משה וישׂראל — האָט מרים געזאָגט מיט אַ פרומער, האַרציקער שטים.

ביי גראַסיאַן האָט זיך דאָס פּנים אויסגעלייטערט אויף אַ ווײַלע, אַ גליק־לעך שמייכעלע האָט זיך באַוויזן אין אירע אויפגעלויכטענע אויגן און אַרום אירע ליפּן, וואָס זי האָט באַלעקט מיט אַ גלוסטנדיקן תּענוג.

— גוט אַזוי וואָס דו נעמסט דיר נישט צום האַרצן די אַלע נאַרישקייטן. עס קען נאָך חלילה פאַרשאַטן דאָס נפל אין דיר. זאָרג נישט, מיר וועלן זען צוצואיילן מיט דער חתונה־צערעמאָניע אין דער קירך. איך וועל גלייך רעדן וועגן דעם מיט זשואַן מענדעס און לאָורענסיאַ.

— יאָ, מאַמע, טו דאָס. און אפשר דאַכט זיך מיר אויס, עס קען זיין איך האָב נישט געגעסן וואָס מען דאַרף. איך האָב נעכטן געזען ווי אַנאַ אַדערעס, די נעגערישע קעכין, האָט איינגעבראָכן און דערוואָרגן דעם האַלדז פון אַ הון, כּדי דאָס אָפּצוקאָכן, האָט מיך גענומען איבלען דאָס שפּעטער צו עסן.

— אָ, גאָטעניו איינציקער, זי טוט דאָס אַלע מאָל, ווייל זי וויל נישט דאָס בלוט זאָל אויסרינען. איך האָב מורא איר צו זאָגן, זי זאָל בעסער לאָזן אויסרינען דאָס בלוט, מען זאָל מיך נישט חושד זיין אין ייִדישע פירונגען.

איך פאַרשעלט דעם טאָג, וואָס איך דאַרף טועם זיין דאָס טריפה פליישׁ — האָט מרים געזאָגט און אויפגעשווידערט מיטן גאַנצן לייב.

— וואָס קען מען טאָן, דאָס חזיר־פליישׁ קען איך אַפילו נישט אָנקוקן — האָט גראַסיאַ געזאָגט און פאַרקרימט דאָס פּנים.

— דיין איבלעניש, דוכט זיך מיר, קומט אָבער נישט פון דעם. האָסט כאָטש איבערגערעדט וועגן דעם מיט דיין מאַן? — האָט מרים געפרעגט און געקוקט אויף איר מיט פאַרשנדיקע אויגן.

גראַסיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל מיט אַ שעפּטשענדיקער, שעמעוודיקער שטים געזאָגט:

— ער ווייסט, אַז מיין צייט האָט זיך פאַרהאַלטן און ער איז דערפון זייער איבערגעשראָקן. ער הייסט מיך זען דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאָראַ.

— איז פאַר וואָס מאַכסטו זיך נישט וויסן? איך וועל גלייך שיקן נאָך דעם דאָקטאָר — האָט מרים געזאָגט. זי האָט אָנגענומען איר טאָכטער ביים האַנט און ביידע זענען אַריין אין הויז.

אין קאָרידאָר איז געווען שטיל. מרים האָט זיך דערמאָנט, אַז זיי האָבן פריִער זיך גענומען איילן צו גיין אין שטוב אַריין. דאָס איז געווען צוליב דעם פּלוצעמדיקן אויסגעשריי פון לאָורענסיאַ.

דאָס גאַנצע הויז איז ווי פריִער געווען שטיל, מיט אַ שפּעט־נאָכמיטאָג־דיקער שטילקייט. בלויז פון דער זייט לעבן דער קיך, ווו ס׳איז געווען דאָס וואַשצימער און אַן אַלקער זיך צו באָדן, האָט זיך געהערט אַ שטיל פּלעסקען, ווי עמעץ וואָלט זיך שפּעט אין טאָג געוואַשן. די טיר איז געווען אַ ביסל אויפגעשפּאַרט. מרים האָט נייגעריק געכאַפּט אַ קוק דורך דער טירשפּאַלט.

אין מיטן צימערל איז אין אַ הילצערנער באַליע געזעסן דער קליינער זשאָזע. דאָס וואַסער האָט אים דערגרייכט ביז אַריבער דעם נאָפּל. זיין פּנים איז אויף איין זייט געווען אויפגעשוואָלן ביז אונטער די אויגן מיט שוואַרצע סיניקעס און מיט אויפגעיוירענע ביילן אויפן שטערן. די אַם ראַמאַליאַ איז געשטאַנען דערנעבן מיט פאַרלייגטע הענט הינטער דער ברוסט.

— דו ביסט שוין געוואָרן אַ גרויסער, אַ גאַנצער פאַרשוין; ווילסט נישט איך זאָל דיך וואַשן, וואַש זיך כאָטש אַליין. אפשר ווילסטו מער וואַרעם וואַסער?

זי האָט זיך צוגעבויגן צום שאַף און איינגעטונקען איר האַנט. זשאָזע האָט זיך איינגעקורטשעט ווי ער וואָלט נישט געוואָלט די אָם זאָל אים אָנרירן.

— אוי, דאָס וואַסער ווערט קאַלט און דו קענסט קוים רירן מיט די הענט. אָך, די פֿאַרשאָלטענע ממזרים, זיי האָבן דיך גוט צעשלאָגן. מען דאַרף זיי בינדן הענט און פֿיס און זיי אָוועקגעבן ווי משוגענע הינט צו די הינט־שלעגערס — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

זשאָזע האָט זיך אַרונטערגעלאָזט טיפֿער אין וואַסער און מיט די הענט פֿאַרשטעלט דאָס פּנים.

— ווילסט איך זאָל אַרויסגיין, דיך לאָזן אַליין, וועל איך גיין, כאָטש דײַן מוטער סענהאָראַ לאָורענסיאַ האָט מיך געהייסן זײַן מיט דיר.

— יאָ, גיי, — האָט זשאָזע זייטיק אַ מורמל געטאָן ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין.

מרים האָט זיך גוט איינגעקוקט אין זשאָזעס צעביילט פּנים.

— אוי, די ייִנגלעך אין דער וויסטער קירכעשול האָבן אים שוין ווידער געשלאָגן, — האָט זי געזאָגט און זיך אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט ביים באַק.

גראַסיאַ האָט זיך אָפּגעריסן פֿון איר מוטער און געוואָלט אַריין צו זשאָזען אין וואַשצימער אים בייהילפֿיק זײַן.׳ מרים האָט זי אָנגעכאַפּט ביים האַנט און זי צוריקגעהאַלטן.

— מאַמע, איך מוז אַריין צו זשאָזען. ער דאַרף מיך האָבן, ער וויל נישט ראַמאַליאַ זאָל זײַן לעבן אים — האָט גראַסיאַ גערעדט צו איר מוטער מיט אַ בעטנדיקער שטים.

— ניין, מײַן קינד, דו דאַרפֿסט איצט אַכטונג געבן אויף זיך אַליין. זשאָזע ווערט דערוואַקסן. ער דאַרף זיך אַליין אָפּהיטן. ער שעמט זיך שוין צו זײַן נאַקעט פֿאַר פֿרויען. דערצו טאָרסטו נישט זען אַ צעשלאָגענע צורה אין דײַן היים. ראַמאַליאַ איז זײַן אַם. זי קוקט קרום ווען ער ווייזט אַרויס מער צוטרוי צו דיר, אַ פֿיינטשאַפֿט פֿון אַ הויז־באַדינער איז נישט גוט פֿאַר אונדז... — האָט מרים געזאָגט מיט אַ סודותדיק, אָפּשרעקנדיקער שטים.

ביידע זענען געבליבן שטיל אַ ווײַלע און זיך נישט גערירט פֿון אָרט ווי זיי וואָלטן געוואַרט ביז ראַמאַליאַ וועט אַרויסקומען...

ראַמאַליאַ איז אָבער נישט אַרויס. זי איז ווידער צוגעגאַנגען צו זשאָזען און מיט באַדויער געטומען שאָקלען מיטן קאָפּ.

— איך האָב דיר געגעבן אַ הילצערנע, געפּאַרבטע פּיג, אַ צויבערפּייג, זאָלסט עס טראָגן אויפן האַלדז קעגן אַ בייז אויג צו פאַרטרייבן שדים און אַל דאָס שלעכטס, האָסטו עס אַוועקגעוואָרפן. דעם קרוציפיקס אויפן האַלדז טראָגסטו אויך נישט, די פּייג אויך נישט, איז ווער וועט דיך באַשיצן? — האָט ראַמאַליאַ געביטערט און איר פּנים איז געוואָרן ווייטאָגדיק אויסגע־קרימט, ווי עס וואָלט איר ווי געטאָן וואָס איר יינגעלע, וועמען זי האָט אויפגעהאָדעוועט, איז פון קיינעם נישט באַשיצט.

זי האָט אויפגעהויבן איר פאַרטעך און פון אַ הינטערשטער קעשענע פון איר יאַקע אַרויסגעשלעפּט אַ הילצערנע פּייג, אַ הילצערן הענטל, וווּ דער גראָבער פינגער איז געווען אַריינגעקוועטשט צווישן צוויי פינגער פון דעם הענטל. זי האָט אויפגעעפנט דאָס דינע קייטעלע אויף וועלכן דאָס הילצערנע פייגהענטל איז געהאַנגען. זי האָט עס צוגעטראָגן צו זשאָזען.

— נאַ, נעם זשאָזע, טו דאָס אָן. איך האָב עס געפונען ביי דיר אין שלאָפצימער אונטערן בעט. טראָג עס שטענדיק אויפן האַלדז און מער וועט דיך קיינער נישט אָנרירן. דאָס וועט דיך באַשיצן פון אַלע שלעק און דיר ברענגען אויך מזל.

זשאָזע האָט זיך איינגעקורטשעט און פאַרדעקט מיט די הענט זיין קאָפּ זי זאָל דאָס נישט קענען אָנטאָן.

— איך ווייס נישט וואָס פון דיר איז געוואָרן, וואָס וועט ווערן פון דיר, ווער וועט דיך באַשיצן. דו ווילסט נישט די צויבערפּייג און דו טראָגסט מער נישט דעם קרוציפיקס. איך וועל מוזן אַריינרופן דיין מוטער — האָט ראַ־מאַליאַ געביטערט און זיך געלאָזט אַרויסגיין פון צימער.

זשאָזע האָט זיך אַ הויב געטאָן און זיך אומגעלומפּערט אַ גליטש געטאָן. דאָס צעכוואַלעטע וואַסער האָט זיך אַריבערגעפּלעסקעט אויפן דיל.

— איך טראָג יאָ דעם קרוציפיקס, אָבער די יינגלעך האָבן דאָס ביי מיר אַרונטערגעריסן. איך האָב עס נישט — האָט זשאָזע אויסגערופן מיט אַ דערשראָקענער שטים, ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס ווייסט שוין, ווי שלעכט דאָס קען זיך אָפּרופן און טאָן שאָדן זיין משפּחה, וואָס אַלע ווילן זיי גאָר

אַנטאָן צרות. מען קען מיינען, אַז זיין מוטער האָט אים איינגערעדט נישט צו טראָגן דעם קרוציפיקס.

ראַמאַליאַ האָט זיך אַ קניפּ געטאָן מיט דער האַנט ביים באַק.

— קיין גוטס וועלן זיי שוין נישט האָבן אין זייער מיזערנעם לעבן די גאַטלעסטערערס. די שטראָף קעגן זיי וועט שוין קומען פון אויבן, פון זיין הימלישן קעניגרייך, פאַר באַליידיקן גאָטס זון, אונדזער זיסן יעזוס — האָט ראַמאַליאַ אָנגעוויזן מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער אויף אַרויף.

זשאָזע האָט איר נאָכגעקוקט מיט אַרויסגעשפּאַרטע דערשראָקענע אויגן.

— דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן, זשאָזע ליבינקער, נישט דיין שולד. איך גיי דיר ברענגען וועש איבערצוטאָן — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט און איז פאַמעלעך אַרויס פון צימער.

אין קאָרידאָר האָט זי אָנגעטראָפן מרים און גראַסיאַ, וואָס זענען גע־שטאַנען פאַרזאָרגטע ביים אַריינגאַנג צום אויפנעם־צימער.

— אָ, דאָנאַ גראַסיאַ! דאָנאַ מאַריאַ! זשאָזע האָט זיך פרי׳ער געפרעגט אויף אייך. איך האָב אייך נישט געוואָלט שטערן, ווען מיר האָבן געהאַט אין הויז אַזאַ געהויבענעם גאַסט, פאַדרע קאַרדים ביי אייך אין גאָרטן — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט און געקוקט זייטיק אויף גראַסיאַן מיט פאַרשערישע געניטע אויגן. גראַסיאַ האָט זיך גערוקט הינטער איר מוטער נישט צו ווייזן די ענדערונג אין איר לייב.

— אונדזער געהויבענער פאַדרע קאַרדים גייט שוין אַוועק. אפשר קענען מיר אייך מיט עפּעס העלפן. דאָנאַ לאַורענסיאַ, זע איך, איז שוין ווידער קראַנק און איז אין איר שלאָפצימער.

— זשאָזע דאַרף שוין מער נישט איר הילף, ער וועט אַלץ אַליין איבער־טראָגן. ער שעמט זיך שוין צו ווייזן נאַקעט פאַר אונדז פרויען, — האָט ראַמאַליאַ געלאַכט, אָבער באַלד האָט זיך איר פּנים פאַרכמורעט.

— די איינציקע וואָס דאַרף הילף איז דאָנאַ לאַורענסיאַ. אירע קאָפּ־ווייטיקן מאַכן פון איר אַ תל. זי איז צו פיל פאַרזאָרגט. פון יעדער קלייניקייט ווערט זי אויפגעצאַפּלט. איך האָב זי פרי׳ער געזען ווען דער פאַדרע קאַרדים האָט געבראַכט זשאָזען אַ צעשלאָגענעם. האָב איך זי קוים איינגעשטילט.

— מיר האָבן געהערט איר אויסגעשריי, גיי, גראַסיאַ, צו איר אין צימער

און באַרויִק זי, — האָט מרים געזאָגט. גראַסיאַ האָט זיך מיט שלאַבעריקע טריט געלאָזט צו דער זייט וואָס האָט געפירט צו איר שלאָפצימער.

— מיר דוכט זיך, אַז זי שלאָפט איצט. בעסער זי נישט אויפצוועקן ביז זשאָזע וועט זיין אַנגעטאָן, — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט און זיך געלאָזט צו די קליידער־אַלמערס ברענגען וועש און פריש אָנטועכץ פאַר זשאָזען.

פון דרויסן איז האַסטיק אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעקומען זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ. ער האָט אויסגעזען מיד און פאַרעלטערט; ער האָט זיך מיט אַ טיכל געווישט זיין בלייך פאַרשוויצט פנים. ער האָט זיך אַ צעטומלטער אומגעקוקט ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט.

— ווו איז לאַורענסיאַ? ס׳איז גוט וואָס איר זענט פריִער אַריין אין הויז און זי באַרויִקט, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט.

— זי איז באַרויִקט, זי שלאָפט, אפשר וועט דערמיט אַוועק איר קאָפּ־ווייטיק. איך האָלט אָבער, אַז מען וואָלט געדאַרפט רופן דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ — האָט מרים געזאָגט שטיל, ווי זי וואָלט אים איינגערוימט אַ סוד.

זשואַן מענדעס האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ דערשראָקן פנים. זיינע הענט האָבן אַ לייכטן צאַפּל געטאָן אַזש דאָס טאַשנטיכל איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. ער האָט זיך האַסטיק איינגעבויגן עס אויפצוהויבן. זיין פנים איז געוואָרן צונטער רויט, ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט אים אַריין אין פנים.

— אַזוי שלעכט האַלט עס? מיט וועמען, מיט לאַורענסיאַ, צי מיט זשאָזען! — האָט ער געזאָגט און נישט געוווסט וווהין פריִער צו לויפן, צו זשאָזען, אָדער זיין ווייב, לאַורענסיאַ. ער האָט צוגעשפּאַנט צום וואַשצימער און אַריינגעקוקט. זשאָזע האָט זיך איצט ייִנגלש געשפּילט, געפּאַטשט מיט די הענט אין וואַסער. זיין צעביילט פנים האָט איצט אויסגעוויזן ווי מענעריש שטאַרק. לעבן אים אויפן דיל זענען געלעגן אָנגעוואָרפן זיינע צעפליקטע קליידער. זשואַן מענדעס האָט אַ באַרויִקטער אַ שמייכל געטאָן, ער ווערט אַ דערוואַקסענער. ער קען נעמען קלעפּ און זיך דאַרפן אויסלערנען געבן צוריק קלעפּ. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דער האַלב אָפענער טיר. זשאָזע האָט זיך אויפגעהערט שפּילן מיטן וואַסער.

— זשאָזע!

— יאָ, פּאַפּאַ.

— אַז וועסט זיך אָנטאָן, קום אַריין צו מיר אין מיין קאַבינעט־צימער.

— יאָ, פּאַפּאַ, ראָמאַליאָ איז געגאַנגען ברענגען מיין אָנטועכץ.

זשואַן מענדעס האָט אַ באַרויקטער צוגעלענט די טיר און זיך ווידער געווענדט צו מרימען מיט אַ פרעגנדיקן פּנים.

— איר מיינט טאַקע, אַז מען דאַרף דעם דאָקטאָר פּאַר לאָורענסיאָ ?

— אַז ער וועט זיין אין הויז, וועט ער שוין זי אויך אונטערזוכן. דעם דאָקטאָר דאַרף מען פּאַר גראַסיאַן.

— וואָס ? זי איז שוין אויך קראַנק ? זעט אויס, אַז מיין הויז איז אָנ־שטעקנדיק, — האָט ער אַ צעטומלטער געזאָגט.

— ניין, טייערער זשואַן. אַזוי שלעכט האַלט עס נישט. געניוער וועסטו דאַרפן איבעררעדן מיט דואַרטען און דאָס וויכטיקסטע וועט שוין דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ אונדז לאָזן וויסן.

זשואַן מענדעס איז אַ ווײַלע געבליבן צעטומלט. זיין הויכער שטערן האָט זיך גערינצלט ווי ער וואָלט זיך באַמיט צו פאַרשטיין די האַלבע ווערטער פון מרימען. ענדלעך האָט זיך זיין פּנים צעשמייכלט.

— אַ אַ אַ ! איך באַנעם שוין אַ ביסל, — האָט ער האַסטיק געזאָגט, אָבער באַלד האָט זיך זיין פּנים פאַרכמורעט. אַ קרומלעכע גרימאַסע האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין מויל. ער האָט גענומען אומרויִק איינקנייטשן זיין פאַרשפּיצטע וואָנצע און איין זייט בייסן מיט די ציין.

— איר זענט גאָר זיכער ?

— דאָס וועט שוין דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאַראַ אונדז דאַרפן פאַרזיכערן.

ער האָט זיך גיך אָפּגעריסן פון אָרט. די נייעס האָט אים אויפגערודערט. צו דער חתונה־צערעמאָניע, וואָס ער האָט געהאָלפן איינאָרדענען אין דער גלאָריאַ־קירך, איז נאָך היפּש ווייט און זיי וועלן דאַרפן פירן אין דער קעניגלעכער קירך אַ טראַגנדיקע מויד. אַ שיין פּנים וועלן זיי האָבן צווישן די פאַרנעמסטע משפחות פון שטאָט. אַבי ער האָט זיך איינגערעדט און געהאָפט אַז מיט דער גרויסער חתונה־צערעמאָניע וועט זיך פאַרבעסערן זיין מערכה אין שטאָט. ער האָט געדאַרפט וויסן, אַז עס וועט קומען צו דעם. יעדע נאַכט איז זי געלאָפן צו דואַרטען אין שלאָפצימער, די שטילע צנועה,

ווי אַ פּראָסטע דינסט. ער האָט אָבער געוואָרנט זיין ווייב. בלויז זי, מרים און זיין ווייב זענען שולדיק אין דעם, וואָס זיי האָבן דאָס דערלאָזט.

ראַמאַליאַ איז אים אָנגעקומען אַנטקעגן מיט אַ פּעקל וועש און אַנטועכץ פאַר זשאָזען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— ראַמאַליאַ! — האָט ער אויסגערופן מיט אַן איינגעצוימטער שטים.

— יאַ, סענהאָר דאַ סילוואַ.

— לייגט שוין אַוועק די קליידער פאַר זשאָזען, סענהאָראַ מרים וועט אים שוין העלפן אַנטאָן. דערצו קען ער זיך שוין אַליין אַנטאָן.

— יאַ, דאָס איז וואָס איך זאָג צו דאָנאַ לאָורענסיאַ. ער איז שוין אַ גרויסער, דערוואַקסענער — האָט זי זיך צעשמייכלט.

— איר גייט בעסער, אָדער שיקט אַבדולס ווייב אָנאַ ברענגען דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאָראַ פון דער אַווענידאַ דע בראַנקאָ. זאָגט אים, אַז איך בעט אים, ער זאָל גלייך קומען.

— איך גיי גלייך. אָנאַ אַדערעס איז איצט נישטאָ. עפּעס האָט פּאַסירט מיט אַבדולן. די מענער פון דער הייליקער אינקוויזיציע האָבן אים ערגעץ אויפגעכאַפּט. זי איז אַוועק אויסצוגעפינען וואָס מען האָט צו אים.

זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ האָט אויפגעצאַפּלט. ער האָט פאַרפויסט די העגט איינצוצוימען זיין אויפטרייסלונג.

— אים? אַבדולן? וואָס האָט מען צו אים? ער איז גאָר לעצטנס געוואָרן זייער פרום. ער דערמאָנט מער קיין מאָל נישט אַללאַן און אויך נישט די אַנדערע אומווערדיקע געטשקעס ווי זיי הייסן ביי זיי פון אַפריקאַנישן אָפּ־שטאַם, אַקסאַלאַ, עקלו, קסאַנגאָ, מיט מאָדנע, משונהדיקע נעמען.

אויב מען זאָל אויסגעפינען, אַז ער אַבדול בעט צו די אַלע געטשקעס, קען זיך דאָס שלעכט אָפּרופן אויף דואַרטען, וואָס היט נישט זיינע באַדינערס, זיינע שקלאַפן זיי זאָלן זיין פרומע קריסטן און נישט דערלאָזן פאַראומווער־דיקן זיין הויז מיט אַפריקאַנישע אָפּגעטער, האָט דאַ סילוואַ געטראַכט און אַז די קירך וועט אים, דואַרטען לייגן אין חרם. די אינקוויזיציע וועט אים נעמען אויספאָרשן, אים באַשולדיקן אַז ער דערמוטיקט זיינע שקלאַפן צו פאַרלייקענען קריסטוסן, אַז ער אַליין איז אַן אָפּנאַרער, וואָס גלויבט אין טייוול. קיין שונאים פעלן אים נישט אויס. דאָס פאַרנעמען אַבדולן איז

אַ שלעכטער סימן, נאָך ערגער ווי דאָס פֿאַרשלעפּן פּיליפּען דורך דער אינ־קוויזיציע. עס באַווייזט, אַז זיין גאַנץ הויזגעזינד איז אין פֿאַרדאַכט.

— איר זעט עפּעס, אַז אַבדול און זיין ווייב זאָלן זיך נישט פֿירן ווי גלויביקע קריסטן? — האָט זשואַן מענדעס פֿאַרשעריש געפֿרעגט.

ראַמאַליאַ האָט געהויבן מיט די אַקסלען, פֿאַרלייגט דעם קאָפּ אין אַ זייט און געבלינצלט מיט די אויגן ווי זיין פֿראַגע וואָלט זי אין גאַנצן צעטומלט.

— אויב איר געפֿינט עפּעס פֿון די געטשקעס זייערע, וואַרפֿט זיי אַרויס. איך וויל נישט ס'זאָל זיך געפֿינען דאָ אין הויז עפּעס פֿון די אַלע צויבער־און כּישוף־געטשקעס. די אַלע אומוועדיקייטן פֿון זייער ווילדן אַפֿריקע — האָט דאָ סילוואַ געזאָגט מיט אַ באַזאָרגט קול, וואָס איז געווען אי בעטנדיק און אי באַפֿעלעריש.

— איך זע גאָרנישט און איך ווייס גאָרנישט. זיי האַלטן זיך אָפּגעזונדערט. מען זאָגט בלויז, אַז זיי גייען נייטאַר צוזאַמען מיט פֿיל אַנדערע מיט אַנגע־צונדענע ליכט צום ים, מאַכן אויסטערלישע צייכנס אויפֿן זאַמד, זינגען און בלעקן זייערע געזאַנגען צו דער שרעקלעכער וואַסער־געטין יעמאַנזשיאַ, ווי זי הייסט דאָרטן ביי זיי, וואַרפֿן צו איר בלומען־בוקעטן זי צו פֿאַרגיטיקן, וואָס די כוואַליעס שלינגען איין. זיי קומען אַהיים באַרויִקטע און זאָגן, אַז דאָס האָבן זיי געבעטן צו מאַריאַ, גאָטס מוטער.

— אַזעלכע ווילדע זאַכן זאָל די קירך דערלאָזן? — האָט דאָ סילוואַ געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס געהערטע, וואָס ער קען נישט פֿאַרטראָגן.

— איך האָב זיך צערעדט וואָס מען דאַרף נישט. איך אַליין האָב גאָרנישט געזען. מען זאָגט. נו, איך וועל בעסער גיין ברענגען דעם דאָקטאָר טהאָמאָס דע קאַסטראָ לאָראַ — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט און אַרויפֿגעצויגן אַ שאַל אויפֿן קאָפּ, וואָס האָט אויך פֿאַרהילט דעם אויבערשטן טייל פֿון איר קרעפּטיק־ברייטן קערפּער.

— יאָ, גייט גלייך, מיר וואַרטן דאָ אומגעדולדיק אויף אים.

זשואַן מענדעס האָט נאָכגעקוקט ראַמאַליאַן ווי זי איז איילנדיק אַרויס פֿון הויז. ביים אַריבערגיין די שוועל האָט זי זיך איבערגעצלמט און איז פֿאַרשוווּנדן.

מרים און גראַסיאַ זענען שוין מער נישט געווען אין קאָרידאָר. זיי זענען, זעט אויס, אַריין אין זייער צימער, אָדער גאָר צו זיין ווייב לאַורענסיאַ. ער האָט געהערט שפּאַנען פּאַמעלעך. ער האָט נישט געוואָלט מיט זיין שווער געמיט אַריין צו זיין ווייב, נאָך מער צו באַשווערן איר האַרץ מיט דער נייעס וועגן אַרעסט פון אַבדולן. אויב עס איז ערנסט דאָס צונעמען דאָרטעס שקלאַף, וועט עס גאָר גיך דערגרייכן זיין הויז. טאָמער איז עס בלויז אַ פאַלשער קלאַנג, וועט זי, אַבדולס ווייב, באַלד קומען אַהיים. ער, זשואַן, ווייסט, אַז צו די אַפריקאַנישע שקלאַפן איז די קירך אַ סך, אַ סך מילדער ווי צו זיי, די נייע־קריסטן. אויף זיי, די שקלאַפן, האָפט מען, אַז עס וועט זיך גרינג איינגעבן ביי זיי אויסצורייניקן זייערע איינגלייבענישן. די קירך ווייסט, אַז זיי דינען אין פאַרבאָרגענישן צו זייערע געטשקעס. זיי בייטן בלויז זייערע נעמען, זייער אַפריקאַנישן געץ פון שפע און פרוכפּערונג „אָקסאַלאַ" רופן זיי יעזוס קריסטוס און אַזוי די אַנדערע. דערצו זענען זיי אָרעם ווי די נאַכט. מען קען פון זייערע מיזערנע פאַרמעגנס גאָרנישט קאָנפיסקירן, אָבער פון די נייע־קריסטן איז דאָ וואָס צו נעמען. די אינקוויזיציע נוצט בלויז אויס די הויזשקלאַפן זיי זאָלן ווערן מוסרים, די עדות פאַר זיי צו רויִנירן זייערע נייע־קריסטלעכע באַלעבאַטים.

ער איז אַריין צו זיך אין זיין ביבליאָטעק־צימער און זיך שווער אַרונ־טערגעלאָזט אין זיין ווייכן פאָטעל. ער האָט מיט אַ מאָל זיך דערפילט אַזוי אָרעם און עלנט ווי קיין מאָל נישט פריִער אין זיין גאַנץ לעבן. פון אַלץ וואָס ער האָט אויפגעבויט וועט ווערן אַ תּל. אויב ס'זאָל זיך זיי איינגעבן צונויפצושטעלן עפּעס אַן אָנקלאַגע קעגן דאָרטען, וועט מען אים אַרעסטירן און איינשפּאַרן אין זייערע קעלער־קאַמערן. ער וועט שוין אַפילו נישט באַווייזן עפנטלעך חתונה צו האָבן מיט גראַסיאַן אין דער קעניגלעכער קירך. זי, גראַסיאַ, וועט האָבן אַ קינד אַ ממזר, און אויך זיין שטוב וועט מען נישט שאַנעווען. מען וועט ביי אים צונעמען זיין ווייב לאַורענסיאַ, און ער וועט בלייבן מיט קליינע קינדער ווי מיט יתומים. מען וועט זי פאַרשיקן קיין ליסאַבאָן צו דער אינקוויזיציע. ער וועט דאַרפן אַלץ איבערלאָזן, דאָס גוטע הויז, די רייכע ביבליאָטעק, די איינציקע אין ריאָ. פון אַלץ וועט ווערן אַ תּל, זיין יאָרנלאַנגע אַרבעט, זיינע קליִענטן, זיין פאַרמעגן, וואָס איז פאַרבראַכט

אין אַקציעס אין די גאָלדמינעס. אויב מען זאָל אַפילו אים נישט פאַרשפּאָרן, נאָר בלויז זיין ווייב, וועט ער אַליין דאָ נישט קענען איבערבלייבן. ער וועט מוזן מיטפאָרן מיט איר, זי צו פאַרטיידיקן און זי אַרויסרייסן פון זייערע נעגל. ער זאָל אַפילו דאַרפן פאַרקויפן אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, זיין העמד פון לייב, וועט ער דאָס טאָן זי צו ראַטעווען.

ער איז אַזוי געזעסן אַ לענגערע ווײַלע אין אַנמאַכט אַ פאַרזונקענער אין זיינע דערדריקנדיקע טראַכטענישן וועגן זיין טרויעריקער צוקונפט, וואָס די שדים, זיינע שונאים, גרייטן צו פאַר אים און פאַר זיין משפּחה. מיט אַ מאָל האָבן זיך געהערט שטילע, שלייכנדיקע טריט וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו זיין האַלב-פאַרמאַכטער טיר. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, זיך אויס־געגלייכט, גענומען אַ בוך פון טיש׳ל לעבן זיך און אָנגעהויבן אַריינקוקן. אויב עס איז זיין פרוי לאָורענס׳אַ, זאָל זי נישט זען זיין טרויעריקע שטימונג, זיין פאַראומערט אויסזען. ער האָט געכאַפּט אַ קוק צו דער טיר, אָבער אַנשטאָט זיין פרוי, האָט ער דערזען דעם האַלבן קאָפּ פון זשאָזען, ווי בלויז אַ האַלב פּנים און איין אויג האָבן געקוקט אויף אים. ער האָט, זעט אויס, נישט געהאַט די דרייסטקייט צו שטערן זיין פאָטער ווען ער איז פאַרנומען.

— זשאָזע! זונעלע מיינער, קום אַריין. איך וויל דיך טאַקע זען — האָט זשואַן אַ דערפרייטער אויסגערופן און זיך אונטערגעהויבן פון זיין געזעס. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אים.

זשאָזע האָט זיך אַריינגערוקט אַ נישט דרייסטער אין צימער. ער איז געווען אויסגעוואַשן און פאַרקעמט. איין באַק איז געווען אויפגעשוואָלן מיט אַ בלוי אונטערגעהאַקט אויג. אויף דער אַנדערער זייט, אויפן שטערן, איז געווען אַ בייל, וואָס זשאָזע האָט געהאַט פאַרשטעלט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן שויבער האָר. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ קורצן טוניק מיט אַ העלן קאָלנער אַרום דעם האַלדז, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען מענעריש ווי אַ דערוואַקסן ייִנגל.

— זשאָזע, באַלד וועט דאָ זיין דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאָראַ און אַלץ וועט זיך ביי דיר גיך אויסהיילן. פריִער, ווען דער פּאַדרע האָט דיך געבראַכט, האָט עס אויסגעזען ערגער ווי איצט — האָט דער פאָטער געזאָגט און אים באַטראַכט.

— איך דאַרף נישט קיין דאָקטאָר, עס איז מיר גאָרנישט — האָט זשאָזע געזאָגט מיט אַ בראַווקייט ווי אַ דערוואַקסענער.

— אַזוי רעדט אַ דאַ סילוואַ. ער האָט דיך זייער געליבט, פּאַדרע קאַרדים, נאָר ער מיינט, אַז דו ביסט נישט גענוג פרום — האָט דער פאָטער אים שטרענג אָנגעקוקט.

זשאָזע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַוועקגעדרייט זיין פּנים פון פאָטער.

— וואָס וויל ער דער יעזויִט, זאָלסט זיין פרימער ווי אַלע יִינגלעך? איך וואָלט דיך אַרויסגענומען פון דער קירכעשול און אַריינגענומען אַ לערער אין שטוב אַריין, נאָר עס טויג נישט פאַר אונדז און אויך נישט פאַר דיר. דיין מוטער וויל דאָס, אָבער עס טויג נישט פאַר דיר — האָט דער פאָטער געזאָגט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם יִינגלס קאָפּ.

— איך וויל נישט לערנען אין הויז. איך וויל בעסער גיין אין דער קירכעשול, — האָט זשאָזע שטיל געזאָגט מיט אַ פאַרעקשנטער שטים.

— גוט אַזוי, וואָס דו פאַרשטייסט עס. נאָר אַזוי וועסטו זיך צוגרייטן צו זען די וועלט אַרום צו שטאַרקן דיין כאַראַקטער. אין שטוב צווישן די ווייבער ווערט מען ווייכהאַרציק, — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט און אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער זשאָזעס קאָפּ.

זשאָזע האָט אַ צאַפּל געטאָן. דער פאָטער האָט געהאַט אָנגערירט די ביילן פון זיין צעקלאַפּטן קאָפּ, אָבער ער האָט זיך גלייך איינגעהאַלטן נישט אויס־צושרייען פון ווייטיק.

— אַז דו וועסט אונטערוואַקסן, וועל איך דיך שיקן אין קאָימבראַ־אוניווערסיטעט צו לערנען וויסנשאַפט, די קלאַסישע ליטעראַטור פון די אַלטע גריכן און אויך געזעץ, אונדזער משפּחה־פּראָפעסיע, צו ווערן אַ יוריסט — האָט דאַ סילוואַ געזאָגט און געקוקט מיט פאַרחלומטע אויגן צום פענצטער, ווו די זון האָט זיך געלאָשן מיט אַ זשאַר־פאַררויטלטן פייער אויף די העל פאַרנעפּלטע הויקערס פון די בערג ביים נאָענטן ברעג פון ים.

זשאָזע האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין פאָטערס קני און זיך אָנגעלענט לעבן אים. דער פאָטער האָט אים צוגעדריקט צו זיך. זשאָזע האָט שוין לאַנג נישט געפילט אַזאַ ליבשאַפט און פאַרערונג צו זיין פאָטער ווי איצט. ער

האָט געזען, אַז זיין פֿאָטער איז עפּעס פֿאַרזאָרגט און דערדריקט. ער האָט אים קיין מאָל פֿריִער אַזוי נישט געזען. איז עס צוליב אים? אָדער צוליב זיין מוטער, וואָס איז קראַנק און ליידט פֿון קאַפּוויטיק? מעגלעך פֿון עפּעס אַנדערש. ער האָט נישט די דרייסטקייט אים צו פֿרעגן וועגן דעם. ער איז תּמיד אַזאַ ווייטער און פֿרעמדער, זיין פֿאָטער, און דאָך אַזוי נאָענט. אפֿשר וועט ער אים אַליין דערציילן וואָס עס קלעמט אים.

דער פֿאָטער האָט אָבער לאַנג געשוויגן אַ פֿאַרטראַכטער ווי ער וואָלט געהאַט פֿאַרגעסן, אַז ער, זשאָזע, געפֿינט זיך לעבן אים. ער האָט געקוקט מיט פֿאַרנעפּלטע טרויעריקע אויגן צום דרויסן. זשאָזע האָט מיטגעבלאָנדזשעט מיט זיין פֿאָטערס בליקן. אויף די שויבן פֿון די פֿאַררונדיקטע פֿענצטער האָט זיך געלאָשן דער שאַרלעכער אָפּשיין פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון, וואָס האָט געזונקען אין ים הינטערן גיגאַנטישן, הויקערדיקן „קאַרקאַוואַדאָ"-באַרג און די אַנדערע בערג, וואָס האָבן איינגעהילט מיט אַ שאָטנדיקן, פֿאַרנאַכטיקן אומעט דעם אַרום. די טונקל-ברוינלעכע שאָטנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט און איינגעשלונגען דאָס אויסגייענדיקע טאָגליכט.

אין צימער איז געוואָרן טונקל. זשואַן מענדעס האָט ווידער גענומען צודריקן זשאָזען צו זיך, ווי ער וואָלט אים און זיך געוואָלט באַשיצן פֿון עפּעס אַ דראָענדיקער געפֿאַר, וואָס לויערט אויף אים. זשואַן מענדעס האָט געטראַכט, אַז פּונקט ווי די שאָטנס וואָס שפּרייטן זיך אויס און לעשן אויס דעם טאָג, אַזוי שפּרייטן זיך אויס שאָטנס, וואָס ווילן אויסלעשן און פֿאַרפֿינצטערן דאָס לעבן פֿון זיין משפּחה.

אין קאָרידאָר האָט אויפֿגעהעלט אַ צאַפּלענדיק ליכט פֿון אַן אָנגעצונדענעם אייללאָמפּ, וואָס האָט דורך דער האַלב-געעפֿנטער טיר דאָ אַהער געבלאָנדזשעט. זשואַן מענדעס האָט אַ לייכטן צאַפּל געטאָן, זיך אַרומגעקוקט ווי ער וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ טרויעריקן חלום.

— קום, זשאָזע טייערער, לאָמיר אַריין צו דער מאַמען. זי איז שוין וואַך, דער שלאָף האָט זי באַרויִקט.

זשאָזע האָט שווער אָפּגעדעכעט און זיך צוריקגעהאַלטן, ווי עס וואָלט אים נישט ניחא געווען זיך צו ווייזן פֿאַר זיין מוטער מיט זיין אויסזען. ער האָט נאָך אַלץ אין זינען געהאַט זיין מוטערס אויסגעשריי, ווען זי האָט אים

דערזען, ווען פּאַטער קאַרדים האָט אים געבראַכט אַהיים פון דער קירכע־שול.

— קום, זשאָזע, די מאַמע וויל דיך זען. איך וויל זי זאָל זען, אַז דו ביסט נישט צו שטאַרק באַשעדיקט. דאָס וועט זי נאָך מער באַרויִקן.

זשואַן מענדעס האָט אַנגענומען זיין זון ביים האַנט און איז אַרויס מיט אים פון צימער.

זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך דורכן קאָרידאָר צום אויבערשטן גאָרן. לעבן דער מוטערס שלאָפצימער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און מיט אויפ־געשפּיצטע אויערן זיך איינגעהערט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט אַ שטיל שלוכצדיק געוויין און אַ שטיל שעפּטשען, וואָס ער האָט דערקענט, אַז דאָס רעדט אַזוי זיין ווייב לאָורענסיאַ. נישט אַנדערש, אַז דאָס וויינט אַזוי גראַסיאַ און זיין ווייב באַרויִקט זי. יאָ, זי האָט פּאַר וואָס צו וויינען, וואָרעם מיט איר אויפפירונג, דאָס לויפן יעדע נאַכט צו איר מאַן דוּאַרטע, האָט זי אַליין אַנגעטאָן שאָדן זיך, און דער גאַנצער משפּחה.

ער האָט געטראַכט צוריקגיין מיט זיין זון צו זיין קאַבינעט־צימער, גראַסיאַ זאָל זיך גוט אויסוויינען. זיין ווייבס באַרויִקן און טרייסטן גראַסיאַן וועט שוין גאָרנישט העלפן. מיט אַ מאָל האָט זיך ברייט געעפנט די טיר פון שלאָפצימער און די אַלטע מרים איז אַרויסגעקומען. עס איז זי נישט געווען צו דערקענען. זי איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן. איר פּלייצע איינ־געהויקערט, די האָר פון קאָפּ, וואָס האָבן אַרויסגעשטייגט פון איר שאַל, זענען געווען אַשיק גרוי, אירע אויגן באַטריבט און טיף געזונקען אין אירע טיפע, ווי אונטערגעהאַקטע אויגן־לעכער.

— אָ, זשואַן! איך בין טאַקע געגאַנגען אייך רופן — האָט זי געזאָגט מיט אַ דערדריקט קול.

— איך האָב געוואַרט אין מיין קאַבינעט־צימער. איך האָב אייך נישט געוואָלט שטערן.

זיי זענען אַריין אין שלאָפצימער. גראַסיאַ, וואָס איז געזעסן לעבן זיין ווייב לאָורענסיאַ אויפן בעט, האָט אויפגעהערט כליפּען און אַוועקגענומען איר קאָפּ, וואָס איז געלעגן אַנגעלענט אויף לאָורענסיאַס אַקסל. אירע אַקסלען האָבן נאָך אַליץ געצוקט, ווי עס וואָלט איר געווען שווער איינצוצוימען איר

דערשטיקט געוויין. זי האָט מיט אַ טיכל פֿאַרשטעלט אירע פֿאַרוויינטע אויגן און געווישט די טרערן.

לאָורענסיִאַ האָט גלייך דערזען זשאָזען. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו אים.

— זשאָזע, גוט וואָס דו ביסט געקומען צו מיר. איך וועל עס נישט אויסהאַלטן, אויב מען וועט דיך ווײַטער שלאָגן. דיין פֿאָטער אַרט עס נישט, אָבער איך וועל פֿאַלן פֿון די פֿיס. קום אַהער, לאָמיר דיך אָנקוקן — האָט לאָורענסיִאַ געזאָגט און אירע הענט האָבן געציטערט פֿון אויפֿרעגונג.

— אָ, עס איז אים גאָרנישט. זע, קוק אים אָן, אין אַ טאָג, צוויי, וועט זיך אַלץ אויסהיילן. דו זע בעסער זיך אַליין אָפּצוהיטן, דו זאָלסט נישט קראַנק ווערן.

— ווי קען איך זיך אָפּהיטן, אַז דו שיקסט דיין קינד אין דער טומאה־שול צו דעם רוצח, דעם יעזויִט פּאַדרע קאַרדים, וואָס וויל אַרויסרייסן פֿון אים זיין ייִדיש האַרץ און אים פֿאַרדאַרבן, ווי עס זענען פֿאַרדאַרבן אַלע רוצחים, וואָס שלעפּן אומשולדיקע מענטשן זיי צו פֿאַרטיליקן אויפֿן פֿייער אומזיסט און אומנישט.

— הער אויף! הער אויף! דו שרעקסט אומזיסט דאָס קינד. איך האָב דען אַ ברירה? איך טאָר נישט און קען אַנדערש נישט טאָן. די יעזויִטן זענען די דערציערס פֿון די קינדער פֿון לאַנד. איך האָב דאָס דיר שוין טויזנט מאָל אויפֿגעקלערט, אָבער נישט וועגן דעם בין איך דאָ אַריינגעקומען — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט כּדי איבערצורייסן זיין ווייבס טענות צו אים.

לאָורענסיִאַ האָט טיף אָפּגעזיפֿצט און אָנגעכאַפּט גראַסיאַס האַנט ווי זי וואָלט זיך ווידער דערמאָנט אין דער נייער צרה וועגן גראַסיאַס זיין אַ מעוברתדיקע כּלה... אַלע סימנים ווייזן, אַז עס איז שוין נישט נויטיק צו הערן וואָס דאָקטאָר לאַראַ וועט אויסגעפֿינען. זי איז אויף דער צייט און אויב מען וועט נישט צואיילן די עפֿנטלעכע חתונה־צערעמאָניע אין דער קירך, וועט די גאַנצע משפּחה זייערע זיך נישט קענען ווייזן אין די אויגן פֿאַר מענטשן פֿאַר חרפּה.

— דו מוזסט גלייך אָוועק צום דעקאַן פֿון דער גלאָריאַ־קירך און בייטן די צייט פֿון דער צערעמאָניע. דער פּאַדרע קאַנקלאַוועס און דער פּאַדרע

מענואל זענען דאָך דײַנע פֿרײַנד, זײ לאָזן דיך לײענען דײַנע מישטײנס געזאָגטע פֿאַרפּאַסונגען, אפֿשר קענען זײ דיר העלפֿן, מען זאָל קענען צוגרײטן די חתונה־צערעמאָניע פֿריִער, אײדער גראַסיאַס אויסזען בײט זיך...

גראַסיאַ האָט פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַ טיכל פֿאַרשטעלט איר פּנים. לאָורענסיאַ האָט זי ליבלעך צוגעדריקט צו זיך.

— טײַערע גראַסיאַ, קײן זינד ביסטו נישט באַגאַנגען. דו ביסט אַ ייִדיש קינד. אַ רבֿ האָט דיר געגעבן חופּה־וקידושין — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט און געגומען קושן איר פּנים.

זשואַן מענדעס האָט אָוועקגעדרײט דעם קאָפּ און פֿאַרקרימט זײַן פּנים.

— אומגליקלעך ווערסטו אונדז אַלעמען מאַכן, האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך.

די דרײַ פֿרויען האָבן גאָרנישט געהערט און נישט געזען זײַן אומצופֿרידן פּנים. די אַלטע מרים האָט זיך פֿון לאָורענסיאַס רײד געווישט מיט אַ טיכל די טרערן, וואָס זענען פֿון פֿרײד גערונען פֿון אירע אויגן.

זשואַן מענדעס האָט אַ פֿאַרטראַכטער זיך געריבן דעם שטערן. אַ גרויסע און שווערע עבֿודה ליגן זײ אַרויף אויף זײַן קאָפּ צו גײן רעדן מיט דעם הויפּט־פּאַדרע מענואל פֿון דער גלאָריאַ־קירך. וואָס פֿאַר אַ תּירוץ קען ער אים זאָגן פֿאַר וואָס די משפּחה האָט זיך פּלוצעם גענומען אײַלן וואָס גיכער צו מאַכן די חתונה־צערעמאָניע אין קירך? פֿריִער האָט ער געהאַט געזאָגט דעם דעקאַן אַז די משפּחה אײַלט זיך נישט, אַז עס דאַרף נעמען עטלעכע חדשים צוצוגרײטן אַ גרויסע צערעמאָניע מיט פֿיל פֿאַרבעטענע געסט, נישט בלויז פֿון ריאָ, נאָר אויך פֿון די פּלאַנטאַציעס, פֿון „מינאַס־געריאַס״ און פֿון די אַנדערע ווילײַעס אַרום די גאָלדגרובנס, ווו עס געפֿינען זיך זײַנע קליִענטן, באַזונדערס די סוחרים, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט דואַרטען און איצט פּלוצעם נעם דיר אַזאַ אײַלעניש. עס וועט אַרויסרופֿן אַ פֿאַרדאַכט און אפֿשר אויך רכילות, וואָס קען זײַן משפּחה נישט טאָן קײן טובֿות, באַזונדערס איצט, ווען די אינקוויזיציע־משחיתים האָבן פֿאַרשפּאַרט פֿיליפּען, דואַרטעס שותּף, און מען הערט גאָרנישט אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט. אַפֿילו זײַן ווײַבס קרובֿ, דער מאַגאַך פּעדראָ קאָוטיניאָ, קען גאָרנישט אויסגעפֿינען וואָס מען גרײט צו קעגן אים, דואַרטעס שותּף.

— איז ווען וועסטו גיין צו דיינע פריינד אין דער גלאָריאַ־קירך? — האָט אים לאָורענסיאָ ווידער דערמאָנט.

— איך קען גאָרנישט טאָן ביז איך וועל זיך נישט דורכרעדן מיט דואַרטען.

די פרויען האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. יאָ, מיט דואַרטען דאַרף מען זיך פריִער דורכשמועסן און אַלץ גוט באַטראַכטן. זיין אַדוואָקאַטישער קאָפּ האָט שוין ווייטער געאַרבעט און אין געדאַנק געזוכט אַלערליי תחבולות נישט אַריינצופאַלן אין אַ נייער צרה. יאָ, ער וועט זיי זאָגן די פּאַדרעס פון דער קירך, אַז צוליב געשעפט מוז דואַרטע אָוועקפאָרן אויף אַ לענגערער נסיעה און די משפחה וויל וואָס פריִער דורכפירן די חתונה־צערעמאָניע. און אפשר טויג עס נישט. מען קען אים, דואַרטען, נאָך חושד זיין, אַז צוליב פיליפּע, זיין געשעפט־פירער און שותף, וואָס איז אין די הענט פון דער אינקוויזיציע, וויל ער עוקר זיין ערגעץ אין זיינע אַמאָליקע ווינערטער אין די פּאָרטן פון אַראַבישן ים. ער, זשואַן מענדעס, מוז דאָס גוט באַטראַכטן כדי נישט צו געבן דואַרטען אַ שלעכטע עצה, וואָס קען אים רויִנירן.

זיינע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן. פון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ גערודער. מען איז צוגעפאָרן צום הויז און זיך אָפּגעשטעלט. זשואַן מענדעס איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. לעבן פּאַראַדנעם אַריינגאַנג צום הויז איז געשטאַנען אַן אָפענע קאַרעטע. דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאָראָ איז אַרונטער פון זיין געזעס, זיך אויסגעגלייכט זיין שוואַרץ־טוכענע פּעלערינע, זיין ווייס געפאַלדעוועטן קראַגן אַרום דעם האַלדז.

דער קוטשער האָט אים דערלאַנגט זיין רענצל מיט מעדיצין־מכשירים און ער האָט גענומען פּאַמעלעך שפּאַנען צום הויז. זשואַן מענדעס האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער און זיך האַסטיק געלאָזט אַרויס פון שטוב אים צו באַגעגענען. די הויז־באַדינערין ראַמאַליאַ איז שוין געשטאַנען ביי דער געעפנטער טיר.

— דאָקטאָר טהאָמאַס, מיין פריינד, אַ גרויסן דאַנק פאַר גלייך קומען צו אונדז — האָט ער געזאָגט און שטאַרק געדריקט דעם דאָקטאָרס האַנט.

— דיין הויז־באַדינערין האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן אַ שרעק. איך קען אָבער נישט דערגיין ווער עס איז ביי אייך אין דער אמתן קראַנק.

— איך ווייס שוין אַליין אויך נישט. איר ווילט וויסן? אַלע זענען מיר קראַנק.

דאָקטאָר טהאָמאַס האָט אים שאַרף אָנגעקוקט מיט זיינע פּאַרטונקלטע ברילן, איינגעבויגן דעם קאָפּ און אַרויסגעקוקט אַריבער די גלעזער אים צו זען בעסער.

— אַלע קראַנק, זשואַן? די ווייבער ביי דיר אין הויז האָבן דיך שוין אויך איבערגעפירט. איינרעדעניש איז נאָך ערגער ווי אַ קרענק.

— איך ווייס שוין אַליין נישט, איך דריי זיך אַרום אין אַ צערודערטער וועלט. אַלע זענען מיר קראַנק, די גאַנצע וועלט.

— נו, צו דעם האָב איך נישט קיין רפואה, — האָט דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ געזאָגט און אָנגענומען זשואַן מענדעסן ביים אָרעם און ביידע זענען אַריין אין הויז.

זעכצנטער קאַפּיטל

דאָס גרויסע גאַסטצימער איז שוין געווען באַלויכטן פון אַן אייללאָמפּ, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט אויף אַ קייט איבער דעם דעמבענעם טיש מיט די שטולן אַרום.

זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ האָט אַ פּאַרטראַכטער געשפּאַנט אומרויִק איבערן צימער. ער האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט ביי דער אָפענער טיר און אַרויפגעקוקט צו די אייבערשטע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו די שלאָפ־צימערן פון זיינע קרובים מרים און איר טאָכטער, און פון זיין פרוי, און ווו ס׳האָט זיך געפונען דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ, וואָס איז געקומען אונטערזוכן גראַסיאַ.

דער אייבערשטער קאָרידאָר איז געווען טונקל באַלויכטן. די ליכטשאָטנס פון דער קליינער קאַפּליצע האָבן געצאַפּלט אויף די ווענט און אַרונטערגע־וואָרפן אַ טונקעלן שיין אויף די טרעפּ. פון גראַסיאַס צימער האָט זיך בלויז געהערט אַ פּאַרטויבטער אָפּהילך פון דאָקטאָר לאַראַס מענערישער, ברוס־טיקער שטים.

אין גאַנצן הויז איז געווען שטיל, די צימערן פינצטער. די שוואַרצע דינערס, די שקלאַפן זענען נישט געווען אין הויז. דורך דער הינטערשטער טיר האָט זיך מיט אַ מאָל דערהערט אַ שטיל, טרויעריק געברומעריי. עפּעס ווי אַן אַפּשרעקנדיק געבעט פון עטלעכע שטימען, וואָס איז געקומען ווי פון אַ פאַרבאַרגענער הייל אַרויס.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך דערמאָנט, אַז פונקט אַזוי האָבן מיט אַ צייט צוריק געזונגען זיינע שקלאַפן ווען ביי איינער פון זיי איז אַ קינד געווען קראַנק און געהאַלטן ביים שטאַרבן. ער האָט זיי געהאַט פאַרווערט צו בעטן צו זייערס אַ געטשקע, וואָס זיי האָבן גערופן „עקסו". ער האָט דעמאָלט געהאַט באַפוילן ראַמאַליאַ צו ברענגען אויף דער גיך דעם פּאַראַפּיע־גלח, וועלכער איז גלייך געקומען מיט זיין צלם־טרעגער און עטלעכע קירכע־יינגלעך מיט ווייסע באַזוימטע העמדלעך איבער זייערע קליידער. דער פּאַדרע האָט פאַרשפּרייט ווייַרעך פון זיין ווייַרעכפאַן, וואָס ער האָט געוויגט אויף אַ קייט איבער דעם קראַנקן קינד. דאָס קינד איז אַ גערייניקטער שפּעטער געשטאָרבן. קיינער האָט אים שוין נישט געקענט חושד זיין, אַז ער, דאַ סילוואַ, ווי דער בעל־הבית פון הויז, האָט נישט אָפּגעהיט צו טאָן רעכט פאַר דעם קינד. ער האָט דורכגעפירט זיין קריסטלעכן חוב צו זען, אַז דאָס קינד זאָל קומען אַ געטויפטס אויף יענער וועלט. איז וואָס קומט שוין ווייטער פאַר הינטער זיין נאָז? ער האָט זיינע אייגענע צרות: דאָקטאָר לאַראַ געפינט זיך אין הויז אונטערצוזוכן זיין קראַנק ווייב, די מעוברתדיקע גראַסיאַ, און באַזונדערס די אַלע חשדים, וואָס הענגען איבער זיין הויז. איז גראָד איצט צוגעקומען אַ ניי אומגליק. עס פעלט אים נישט מער, אַז עמעצער, אַ מלשין, זאָל גלייך צוטראָגן צו דער אינקוויזיציע, אַז ביי אים אין הויז פראַווען מען געצנדינעריי.

ער האָט זיך געלאָזט האַסטיק אַרויס דורכן קאָרידאָר צום דרויסן. ביי דער קיך לעבן דער אַרויסגאַנג־טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די קיכטיר איז געשטאַנען אָפן מיט אַ שפּאַלט און אַ שאָטנדיקע טריבע ליכטיקייט האָט זיך אַרויסגעשפּאַרט צום טונקעלן קאָרידאָר. זשואַן מענדעס האָט לייכט אויפגעשפּאַרט די טיר און אַריינגעקוקט. ראַמאַליאַ איז געזעסן אויף איר שלאָפבאַנק און אויף אַ טעצל באַצויגן האָט זי געצירעוועט אַ זאַק. אַן אייל־

לאַמפּ, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל, האָט באַלויכטן איר פּנים. זי האָט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן זיך צוגעהערט צום דרויסנדיקן ברומעריי.

— ראַמאַליאַ, וואָס פּאַר אַ בלעיקעריי הערט מען דאָס אין דרויסן? איז שוין עמעץ ווידער קראַנק? מען דאַרף לאָזן גלייך וויסן דעם פּאַדרע פון אונדזער פּאַראַפּיע־קירך.

ראַמאַליאַ האָט געלאָסן אַוועקגעלייגט דעם זאַק מיטן טעצל אויפן טישל.

— ניין, סענהאָר דאַ סילוואַ — האָט זי געענטפערט — קיינער איז נישט קראַנק, קיינער האַלט נישט ביים שטאַרבן. דאָס קלאָגן זיי, וואָס מען האָט אַבדולן צוגענומען. זיי בעטן ביי זייער אָפּגאָט „עקסו", עס זאָל אים קיין בייז נישט געשען.

— צו וועמען בעטן זיי? צו געטשקעס? איך האָב דיך געהאָט געבעטן זאָלסט זיי וואָרענען נישט צו פּראַווען קיין געצנדינעריי, נישט צו מאַכן קיין כּישוף־שטיק ביי מיר אין הויז.

ראַמאַליאַ האָט געהויבן מיט די אַקסלען. זי האָט אים אָן ווערטער געגעבן צו וויסן, אַז זי קען גאָרנישט טאָן זיי אָפּצוהאַלטן פון די איינגליי־בענישן.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און איז אָן אויפגעצאָרנטער אַרויס אין דעם הינטערהויף, ווו עס איז געווען די שטאַל, די עופות־קאַמער. פון שטיינערנעם קאַמין אונטער אַ דאַך מיט אונטערגעשטעלטע סלופּעס האָט זיך געהויבן אַ פלאַקערנדיקער פלאַם. דאָס טרוקענע האָלץ אָנגעהויפנט אין קאַמין האָט געקנאַקט, געצישעט און צעשפּריצט פונקען אין דער לופט, ווי גליִענ־דיקע פייער־פליגן, וואָס זענען זיך צעפלויגן הויך און זענען גיך איינגע־שלונגען געוואָרן אין דער געדיכטער פינצטערניש.

לעבן דעם נידעריקן הויז פון די שקלאַפן מיט קליינע שפּאַלטן־פענצ־טערלעך זענען געשטאַנען זיינע הויז־באַדינערס אַרום זייער עסטיש און ווי פאַרשיכּורטע געטרייסלט זייערע קערפּערס, און אַ שטיל, קלאָגנדיק געזאַנג האָט זיך געכאָרכלט אין זייערע העלדזער. אויפן טיש איז געשטאַנען זייער געטשקע „עקסו". דער ליימענער קאָפּ אָנגעפאַרבט מיט רויטע און שוואַרצע קאָלירן. אין די אויגן זענען געווען אַריינגעפּאַסט ים־שעלעכלעך, באַצירט אַרום דעם מויל, אין די אויערן שטיקלעך אייזן און אַנדערע פאַרביק־רוישנ־

דיקע באַפּוצונגען. אונטער דעם אַרויסשפּאַרנדיקן בײַכל מיט אַ רויטלעכן נאַפּל, איז די פיגור געשטאַנען אויף קורצע פּיסלעך. לעבן דעם געץ איז געלעגן אַ געקוילעטער מיט בלוט פאַרגאָסענער הונט און אַ געקוילעטער האָן. די שקלאַפן האָבן דערבײַ געברומט מיט אַ געבעט, אַז זיי האָבן געבראַכט צוויי קרבנות צום שרעקלעכן „עקסו", ער זאָל באַשיצן אַבדולן און מ'זאָל אים נישט טאָן קיין שלעכטס.

מענדעס דאַ סילוואַ האָט זיך ראַפּטעם אַ לאָז געטאָן צו זיי מיט אַ צאָרן, זיי צו באַפעלן, זיי זאָלן גלײַך אַרײַן אין זייער הויז און אויפּרוימען די אַלע אומווערדיקייטן, אויב נישט וועט ער גלײַך לאָזן וויסן דער קירך און זי וועט אַלץ אַפּרוימען פון דאַנען.

ער האָט זיך אָבער גלײַך צוריקגעהאַלטן, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז די קירך וועט זיי מיט גאָרנישט באַשטראָפן, און זיי קענען אים מער שלעכטס טאָן. ער האָט גענומען גיין אויף צוריק. ער מוז ווידער זען ראַמאַליאַ, זי זאָל בעטן זײַנע שקלאַפן אין זײַן נאָמען, זיי זאָלן נישט פּראָוון קיין כּישוף־שטיק און נישט מאַכן קיין טומל, וואָרעם זײַן ווײַב איז קראַנק.

בײַ דער שוועל פון הויז איז שוין איצט געשטאַנען ראַמאַליאַ, ווי זי וואָלט זיך געהאַט באַרעכנט אַז זי דאַרף פאָלגן איר האַר זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ, וואָס איז שטענדיק גוט און פרײַנדלעך צו איר און אויך צו זײַנע שקלאַפן.

— איך גיי זיי טאַקע זאָגן זיי זאָלן ווערן שטיל, סענהאָראַ לאָורענסיאַ איז נישט געזונט און זשאָזע דאַרף זיך אַפּרוען נאָך דעם הײַנטיקן טאָג.

— טוט דאָס, איך בעט אײַך, איר ווייסט ווי אַזוי צו רעדן מיט זיי. זיי זענען דאָך ווי אומבאַהאָלפענע קינדער, וואָס מען דאַרף זיי אויסלערנען צו בעטן צו אונדזער באַרעמהאַרציקן יעזוס און נישט צו געצן. בלויז די געטלעכע דרײַאיינציקייט קען זיי פאַרהיטן פון אַלע אומגליקן.

ראַמאַליאַ איז געשטאַנען אַ געררירטע לעבן איר האַר און זיך מיטן פאַרטעך גענומען ווישן אירע אויגן־ווינקלען, ווען עס האָבן זיך פון גערירט־קייט געוויזן אַרויסשפּאַרנדיקע טרערן.

זשואַן מענדעס איז צוריק אַרײַן אין הויז. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך און זיך אײַנגעהערט צום דרויסן. עס איז דאָרטן מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל.

עס האָט זיך בלויז געהערט ראַמאַליאָס שעפּטשענדיקע שטים, ווי זי וואָלט מיט גוטע רייד איינגעשטילט די דערשראָקענע שקלאַפן. ער האָט אָפּגעדעכעט מיט אַ דערלייכטערונג. עס איז גוט, וואָס ער האָט אַזאַ געטרייע הויז־באַדינערין, וואָס איז ווי אַ צווייטע מוטער צו זיין געראָטענעם זון, זשאָזע. זי איז איבערגעגעבן צו אַלעמען אין הויז, ווי זי וואָלט געווען אַן אייגענע, אַ טייל פון זיין משפּחה. עס איז אויך גוט וואָס זי ווייסט, אַז ער איז געווען אויפגעבראַכט און האָט נישט דערלויבט, אַז ביי אים אין הויז זאָלן פאָרקומען אַזעלכע אומווערדיקע טייוולשע שוואַרצקונצן ווי קוילן אַ הונט צו פאַרגיטיקן זייער אָפּגאָט, דעם רוצחישן „עקסו".

ער איז צוריק אַריין אין זיין גאַסטצימער צו וואַרטן ביז דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ וועט אַרונטערקומען. ביים טיש איז שוין איצט געזעסן זיין זון זשאָזע און אַריינגעקוקט אין אַן אַלט בוך מיט אַ לעדערנעם באַגילדטן איינבאַנד, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגענומען פון זיין ביבליאָטעק־צימער. זשאָזע האָט מיט אַ געגנדזענער פעדער נאָכגעצייכנט די געצירקלטע לאַטיינישע שריפט אין אַ העפט אַריין.

זשואַן מענדעס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן זיין זון און אים אַ גלעט געטאָן איבער זיינע געקרייזלטע, טונקל־ברוינלעכע האָר. זשאָזע האָט אויפגעהויבן צו אים דאָס פּנים און געקוקט אויפן פאָטער מיט שמייכלענדיקע אויגן. זשואַן האָט זיך איינגעבויגן און געקוקט אויפן געעפנטן בוך. עס איז געווען זיין באַליבט בוך, די גריכישע טראַגעדיעס.

— דו ווייסט וואָס דו קאָפּירסט, זשאָזע?

— ניין, פּאַפּאַ, איך מאַך נאָך די שיינע שריפט.

— אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועל איך פאַר דיר פאַרלייענען דאָס בוך, און אפשר וועסטו דאָס אַליין אַן מיר קענען לייענען?

דער פאָטער האָט אים ווידער אַ גלעט געטאָן איבער זיינע האָר פון קאָפּ.

— דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ וועט דאָ באַלד אַרונטערקומען און זען צי די יינגלעך האָבן דיך באַשעדיקט און ער וועט דיר געבן אַ מעדיצין וואָס וועט דיך גלייך אויסהיילן, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און געקוקט אַ באַזאָרגטער אויף זשאָזעס צעביילטן שטערן.

— עס טוט מיר גאָרנישט וויי, פּאַפּאַ.

— דאָס וועלן מיר באַלד זען — האָט דער פֿאָטער געזאָגט און זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז ער הערט טריט ווי מען וואָלט שוין גענומען אַרויסגיין פֿון גראַסיאַס צימער.

פֿון אויבערשטן גאָרן האָט זיך שוין טאַקע געהערט אין קאָרידאָר אַ שטילער פּאַרטיפּטער שמועס פֿון זיין ווייב לאָורענסיאַ מיט דאָקטאָר טהאָמאַס. זיי זענען שוין צוגעקומען צו די טרעפּ אַרונטערצוגיין. לעבן זיי איז אויך געשטאַנען מרים און זיך איינגעהערט אין דעם שמועס.

זיי האָבן גענומען אַרונטערגיין. דאָקטאָר לאַראַ האָט שוין דערזען זיין פֿריינד זשואַן מענדעס, וואָס איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען.

— ווו איז דער דריטער חולה, כ׳מיין דיין זון זשאָזע? ער איז נאָך אַ קליין יידעלע, אָבער שלאָגן מעג מען אים שוין... — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט.

זשואַן מענדעס האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט נישט געקענט הערן די בייסיקע רייד פֿון זיין פֿריינד.

— וואָס פֿאַר אַ יידעלע? מיר זענען אַלע פּאָרטוגעזער און אַזוי וועלן מיר בלייבן.

— אויב מען וועט אונדז נישט פֿריַער איינפּעקלען און אַוועקשיקן אויף יענער וועלט, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און זיין פּנים האָט זיך פֿאַר־קרימט מיט אַ טרויעריקן און ביטערן שמייכל.

— ש־ש־ש! — האָט זשאַן מענדעס שטיל אויסגערופֿן און זיך אומגע־קוקט ווי ער וואָלט זיך פֿאַר עמעצן דערשראָקן.

— ווע מען זוכסטו, זשואַן? קיינעם אויסער שאָטנס זע איך דאָ נישט, — האָט לאָורענסיאַ אַ זאָג געטאָן.

— אַזוי? ווענט האָבן אויערן. עס דוכט זיך דיר, אַז קיינער הערט נישט, — האָט זשואַן מענדעס אָן אויפֿגערודערטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט מער נישט געקענט הערן די אַלע רייד.

— אָט איז דאָך זשאָזע דאָ!! איך זע, אַז ער איז נישט פֿון די שרעקעוו־דיקע, ער פֿאַרמעסט זיך שוין אַריינצוקוקן אין די גרויסע ביכער פֿון זיין טאַטנס ביבליאָטעק, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און געקוקט אויף זשאָזען, באַטראַכט זיין צעביילט פּנים.

זשאַזע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, צוגעמאַכט דאָס בוך און זיין העפט מיט די קאָפּירטע לאַטיינישע שריפט. דאָקטער לאַראַ איז צוגעגאַנגען צו אים און מיט די פינגער אים לייכט אָנגערירט די ביילן פון קאָפּ. ער האָט זיך נאָך מער צוגעבויגן צו אים נאָענט און אַריבערגעקוקט איבער זיינע פאַרטונקלטע ברילן און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— עס טוט דיר עפּעס ווי, זשאַזע?

דאָס יינגל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ הין און צוריק. — ניין, עס טוט אים גאָרנישט ווי. — דאָקטאָר לאַראַ האָט געשמייכלט צו אים מיט אַ יידישע גוטסקייט און אים אַ דריק געטאָן צו זיך. זשאַזע האָט באַמערקט אַ טרערנדיקע פייכטקייט אין זיין מוטערס אויגן.

— איך האָף, אַז איר וועט אים נישט הייסן צולייגן חזיר־פעטס ווי אַ רפואה פאַר זיינע ביילן, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט אין אַ שפּאַסיקן טאָן.

— חזיר און חזיר־פעטס מוז איך אַלעמען פאַרשרייבן, אַז נישט וועט מען מיך חושד זיין, אַז איך בין אַ ייִד, אָבער אים וועל איך געבן אַ זאַלב אָנצושמירן, וואָס כ׳זאָג מיינע פּאַציענטן, אַז ס׳איז געמאַכט פון חזיר־פעטס...

אַלע אַרום טיש האָבן אויפגעהייטערטע געלאַכט.

זשאַזע האָט מיט אַ מאָל זיך אַ צאַפּל געטאָן. פאַר זיינע אויגן האָט פּלוצעם אויפגעוואַכט יענע נאַכט, ווען זיין מוטער האָט אין הויז חתונה געמאַכט גראַסיאַ מיט דוּאַרטע און אַ פרעמדער מאַן, וועמען ער האָט פריִער קיין מאָל נישט געזען האָט דורכגעפירט די צערעמאָניע. דער אומבאַקאַנטער איז דעמאָלט געווען זייער ענלעך צו זיין פאָטער זשואַן מענדעס, נאָר אַ ביסל עלטער. דאָקטאָר לאַראַ זעט אים איצט אויס ענלעך מיט זיינע פאַרטונקלטע ברילן ווי יענער מאַן ביי דער חתונה, וואָס איז דעמאָלט געקומען עפּעס ווי אומגעריכט און איז גיך פאַרשווונדן...

דאָקטאָר לאַראַ האָט באַמערקט זשאַזעס אויפגעפּראַלטע אויגן אויף אים און דעם יינגלס פּלוצעמדיק אויפציטערן.

— מערקווערדיק, עס טוט אים ווי און ער קען עס איבערטראָגן. גאָט מיין איינציקער, הלוואי זאָל איך האָבן דעם כּוח איבערצוטראָגן יסורים פון די פייניקערס... — האָט דאָקטאָר לאַראַ שטיל אַ שעפּטשע געטאָן, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך.

אַלע ביים טיש האָבן מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און נאָכגעטראַכט, וואָס דאָקטאָר לאַראַ מיינט מיט די אַלע אומפאַרשטענדלעכע רייד.

זשואַן מענדעס איז געוואָרן טיף אויפּעגרודערט. דאָקטאָר לאַראַ האָט זיי אַלעמען געגעבן אַנצוהערן, אַז אויך ער, דער באַוווסטער דאָקטאָר, וואָס זיינע פּאַציענטן זענען די רייכסטע און אָנגעזעענסטע מענטשן פון שטאָט, מלוכה־לייט, מאָנאַכן, גייסטלעכע, סוחרים, אימפּאָרטירערס און פּלאַנטאַטאָרס, ריכט זיך, אַז מען זאָל גאָר אין גיכן אים נעמען אין די אינקוויזיציע־קאַמערן.

זשואַן מענדעס האָט אַלע מאָל געזוכט אויסצומיידן דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ, אָבער זיין ווייב לאַורענציאַ האָט געהאַלטן פון אים און נישט געוואָלט הערן פון קיין שום אַנדערן דאָקטאָר. זשואַן מענדעס האָט קיין מאָל נישט געוואָלט מיטגיין אויף זיין פריינדס וועגן. זיי זענען געווען פריינד נאָך פון די קינדער־יאָרן, צוזאַמען כמעט ווי אויפגעהאָדעוועט געוואָרן. טהאָמאַס לאַראַס פאָטער מיגועל דע קאַסטראָ לאַראַ, דער גרויסער אַדוואָקאַט פון רעציפע, האָט אים יעדן זומער געשיקט צו זיין פריינד, זשואַנס פאָטער, צו פאַרברענגען אין זייער צוקער־פּלאַנטאַציע. ביידע יינגלעך האָבן זיך געלערנט צוזאַמען און זענען געוואָרן נאָענטע חברים. זיי זענען אין דער זעלבער צייט געפאָרן קיין פּאָרטוגאַל צו שטודירן אין קאָימבראַ־אוניווערסיטעט. טהאָמאַס האָט נישט געוואָלט הערן זיין פאָטער צו שטודירן יוריספּרודענץ, און זיך גענומען לערנען מעדיצין, אָבער ער, זשואַן מענדעס, האָט בעסער געוואָלט שטודירן יוריספּרודענץ, באַזונדערס די קירכלעכע, קאַנאָנישע געזעצן. ער האָט זיך דעמאָלט אין גאַנצן גענומען אָפּגעוווינען פון די פאַרבאָרגענע פּירונגען, וואָס מען האָט אין באַהעלטעניש אָפּגעהיט אין זיין פאָטערס פּלאַנטאַציע. ער האָט אויך אויסגעמיטן די ניי־קריסטלעכע סטודענטן, וואָס פלעגן זיך בסוד טיילן מיט פאַרבאָרגענע ספרימלעך, מיט קאָפּירטע כתב־ידן. באַזונדערס זענען אַלע דעמאָלט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם קליינעם חיבורל תּפילות און שירים פון הרב אבואב דע פאָנסעקאָ, וווּ דער מחבר באַוויינט די חרוב־געוואָרענע קהילה „צור־ישראל“ אין רעציפע, וואָס איז צעשטערט געוואָרן בעת די פּאָרטוגעזער האָבן פאַרטריבן די האָלענדער פון פּערנאַמבוקאָ אין בראַזיל.

טהאָמאַס לאַראַ האָט געהאַט קאָפּירט די שירים פון כּתב־יד וואָס ער האָט געקראָגן פון זיין זיידן מענואל דע קאַסטראָ לאַראַ, וועלכער איז געוועזן אַ פריינד פון הרב אבואב און אַן אַריינגייער אין זיין הויז. זיין זיידע איז געוועזן שטאָלץ וואָס ער האָט געהאַט מיטגעהאָלפן ברענגען קיין רעציפע דעם האָלענדישן רב, וועלכער האָט שפּעטער פאַרלאָזט די שטאָט מיט דער לעצטער שיף, ווען די האָלענדער זענען אין איילעניש אַוועק פון פערנאַמ־בוקאָ.

זשואַן מענדעס געדענקט, אַז טהאָמאַס לאַראַ האָט פאַר אים געלייענט די טרויעריקע שירים פון דעם גרויסן רב. ער איז דעמאָלט געוואָרן טיף גערירט פון זיי, אָבער ער האָט נאָך דעם נאָך מער אויסגעמיטן זיין פריינד.

טהאָמאַס לאַראַ האָט זיך שפּעטער אין גאַנצן אָפּגעפרעמדט פון אים. טהאָמאַס האָט נאָר געזוכט די ניי־קריסטן וואָס זענען בכּוח צו האַלטן סודות, וואָס קענען איבערטראָגן יסורים, אויב מען וועט זיי אויפדעקן. ער איז אויך געוועזן פלינק און אָפּגעהיט מען זאָל נישט דערגיין אויף זיינע שפּורן. ער איז געוואָרן דער סאַמע פאַרבאָרגנסטער צווישן די אנוסים, וואָס בלויז געציילטע זענען געקומען אין פאַרבינדונג מיט אים, און צווישן זיי לאָור־רענסיאַ, די פרוי פון זשואַן מענדעס, וועלכער האָט זי געגוג געוואָרנט קעגן טהאָמאַסן, אַז ער וועט ברענגען אַן אומגליק אויף זייער הויז. עס זעט אויס לויט זיינע רייד, אַז ער פילט שוין אַז ערגעץ ווו האָט עמעצער אים געמסרט און ער וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער אינקוויזיציע.

זשואַן מענדעס האָט אַ באַזאָרגטער אויפגעהויבן די אויגן צו זיין זון וואָס איז געזעסן קעגנאיבער דעם דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ. זשאָזע האָט געקוקט אויף אים מיט אויפגעפּראַלטע אויגן און זיך צוגעהערט צום דאָקטאָר מיט אַ נייגעריקייט, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן צו קיין שום גאַסט, וואָס איז געקומען צו אים אין הויז.

— זשאָזע, איך האַלט אַז ס׳איז שוין צייט פאַר דיר צו גיין אין דיין צימער זיך אָפּרוען, — האָט דער פאָטער געזאָגט.

זשאָזע איז געווען אַזוי פאַרטיפט, אַריינגעטאָן צו זען יעדער תּנועה, יעדער באַוועגונג פון דאָקטאָר טהאָמאַס, אַז ער האָט נישט דערהערט, וואָס זיין פאָטער האָט צו אים גערעדט.

— איך האָב אים נאָך נישט געגעבן די רפואה, — האָט דאָקטאָר טהאָמאָס געזאָגט. עס איז געווען צו זען, אַז דער דאָקטאָר גיט אָנצוהערן, אַז ער וואָלט גערן געוואָלט, אַז זשאָזע זאָל נאָך דאָ בלייבן און פון העפלעכקייט האָט ער נישט געבעטן ביי זיין מוטער לאָורענסיאַ וועגן דעם.

— מיר דוכט זיך, אַז זשאָזע האָט נאָך נישט געגעסן זיין אָוונט־מאָלצייט. ווו איז ראָמאָליאַ? קיינער פון די הויז־באַדינערס באַווייזט זיך נישט, ווו זענען זיי? — האָט מרים געפרעגט.

לאָורענסיאַ האָט זיך מיט אַ מאָל אַ הויב געטאָן פון אָרט און שאַרף אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן אויסצוגעפינען צי ער ווייסט עפּעס וועגן דעם. זשואַן האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. לאָורענסיאַ האָט זיך משער געווען, אַז עפּעס אַ נייע צרה איז געשען אין הויז, וואָס ער וויל פון איר אויסבאַהאַלטן, כּדי זי נישט אויפצורודערן. זי איז פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום וויטלעכן פענצטער, וואָס איז אַרויס צו דער הינטערשטער זייט פון הויז, ווו עס איז געווען דאָס נידעריקע הויז פון די הויזשקלאַפן. אין דעם שטיינערנעם קאַמין, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דעם הויז פון די שקלאַפן, האָבן נאָך געגליט די האָלצקוילן, מיט אַ זשאַר־רויטלעכן פייער און באַלויכטן דעם אָרום, ווי מען וואָלט געהאַט פאַרברענט אַ סך האָלץ. לעבן עסטיש זענען געזעסן ווי פאַרשטומטע זייערע הויזשקלאַפן מיט טרויע־ריק אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. ראָמאָליאַ איז געשטאַנען לעבן זיי און צו זיי עפּעס שטיל גערעדט. זיי האָבן איר גאָרנישט געענטפערט, נאָר געווען אַריינגעטאָן אין זיך, ווי זיי וואָלטן געווען מיט זייערע געדאַנקען ערגעץ ווו ווייט אַוועק אין אַן אַנדער וועלט. אויף דער ערד, נישט ווייט פון קאַמין, איז געלעגן זייער הונט שוראַ, זייער בעסטער פריינד, אַ געקוילעטער, מיט אַ פאַרוואָר־פענעם קאָפּ, אַ באַגאָסענער מיט בלוט אויף זיין העל־ברוינער פעל. לאָו־רענסיאַ האָט מיט אַ שוידער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— וואָס האָבן זיי שוין ווידער אָפּגעטאָן? איז עמעצער פון זיי קראַנק? — האָט לאָורענסיאַ געפרעגט איר מאַן.

— זיי זענען געזונט, עס פעלט זיי גאָרנישט. עמעצער האָט זיי געלאָזט וויסן, אַז צוויי מענער פון דער אינקוויזיציע האָבן אויפגעכאַפּט דואַרטעס שקלאַף אַבדול אין דער פּראָסאַ ביים פּאַרט. אַנאַ, אַבדולס ווייב, איז אַוועק און

איז נאָך נישט צוריקגעקומען, — האָט זשואַן געזאָגט מיט אַ געמאַכטער רו:קייט, ווי ער וואָלט זיך זייער ווייניק געזאָרגט וועגן דעם.

— אַזוי ? עס גייט שוין נענטער צו אונדזער הויז, — האָט לאָורענסי:אַ געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמט קול. זי איז צוריקגעגאַנגען צום טיש און מיט אַ שלאַבעריקער מידקייט ווי אַריינגעפאַלן אין שטול.

דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ האָט מיט אויפגעשפיצטע אויערן זיך איינגעהערט אין דעם געשפרעך צווישן זשואַן מענדעס און זיין ווייב לאָורענסי:אַ.

— איך האָב געמיינט, אַז איך האָב פאַר אייך נייעס, וואָס איז אפשר גאָרנישט אַזוי שלעכט, לאָזט זיך אויס, אַז עפּעס אַנדערש ווערט דאָ צוגעגרייט, וואָס איז מיר נאָך נישט גענוג קלאָר.

— וואָס פאַר אַ נייעס, וואָס איז נישט אַזוי שלעכט ? — האָט לאָורענסי:אַ געפרעגט און אונטערגעשטעלט אירע עלנבויגנס ביים ברעג פון טיש און מיט די אָפענע דלאָניעס צוגעפּרעסט מיט די פינגער איר קאָפּ.

— דאָס שיקן די לעצטע צייט אַזוי פיל ניי־קריסטן צום אינקוויזיציע־טריבונאַל קיין ליסאַבאָן קומט נישט פון עפּעס נייע זינד, נאָר פאַר אַלטע „פאַרברעכנס", — האָט דאָקטאָר טהאָמאַס געזאָגט מיט אַ רו:קער שטים, ווי צו ווייזן, אַז דער חטא איז נישט אַזאַ געפערלעכער, און אַז ער האָט לעצטנס דאָ קיינעם נישט אַריינגעפירט צו טאָן זאַכן פון וועלכע מען קען האָבן אַ דורכפאַל.

לאָורענסי:אַ האָט אַ פאַרצאַפּלטע אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— אַלטע זינד, יאָ, איך בין שוין אַן אַלטע פאַרברעכערין. ווי גייט דאָס ווערטל : „אונדזער איינציקע שולד איז, וואָס מיר זענען אומשולדיק", — האָט זי געזאָגט מיט אַן איראָנישער שטים.

— די אַלע וואָס זענען געווען מיט אַ צוועלף יאָר צוריק ביי דעם רייכן טאַבאַק־שטייער־מאַנער און דעם פלאַנטאַטאָר זשאָזע גאָמעס דאַ סילוואַ אויף דער חתונה פון זיין טאָכטער קאַטערינע מיט מענועל דע פאַרעדעס, האַלט מען זיי אין איין אויספאָרשן, און עטלעכע האָט מען שוין געשיקט צום אויטאָדאַפע.

— יאָ, איך דערמאָן זיך. עס איז געווען זייער אַ רייכע חתונה, און ווי געוויינטלעך מיט בלויז ניי־קריסטן, אויסער מיט עפּעס איינעם אַ גאַסט פון

פּאָרטוגאַל. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי זי וואָלט נישט געווען פֿון אונדזערע. איר נאָמען, דוכט זיך, איז געווען סאַאַרעס ברענדאָן.

— אַלע צרות קומען פֿון די תּמעוואַטע ווייבער, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל פֿון שטילע, איידעלע קעץ, אָבער בייסן ווי די חיות, קענען זיי, — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט מיט אַ ביטערניש אין איר שטים.

— זי איז אפשר געווען גאָט די נשמה שולדיק, כאָטש זי איז געווען אַ מלשין. די ברענדאָן האָט אַליין שפּעטער געפֿירט אַ פֿאַרבאָרגן ייִדיש לעבן. זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער פֿאָטער פֿון דער כּלה, וואָס זי איז געווען פֿאַרבעטן אויף איר חתונה, איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט זי זיך דערשראָקן און אויסגעגעבן אַלע געסט, — האָט דאָקטאָר טהאָמאַס דערציילט.

— איך פֿאַרשטיי אָבער נישט. אויף וויפֿל איך געדענק, איז דאָרט נישט געווען קיין האַהאַן.* עס איז געווען אַ פֿרומע, קאַטוילישע חתונה מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג, מיט גלחים, מאַנאַכן, ווי ביי אַ רייכער חתונה. איז וואָס פֿאַר אַ זינד דאָרט פֿאָרגעקומען? — האָט לאָורענסיאַ צענומען די הענט.

— דערמאָנט זיך טאָקע, עפּעס איז דאָרט פֿאָרגעקומען אַ נישט־אָפּגע־היטנקייט. די ווייבער זענען געווען אָפּגעטיילט אין אַ באַזונדער צימער. געטראַנקען זענען געווען אַ סך און די ווייבער האָבן זיך געלאָזט ווילגיין. פּלוצעם האָט איינע אויפֿגעהויבן אַ כּוס מיט רויטן וויין און אויסגערופֿן: „לאָמיר טרינקען דאָס בלוט פֿון קריסטוס!”, אַ צווייטע האָט געענטפֿערט: — „מיר אַלע באַלאַנגען צו דער נאַציע אויסער דער פֿאַרשווינטע”.

— אָט דאָס האָט זי, די ברענדאָן, געמסרט, אַז די פֿרויען האָבן זי באַלאַגערט, איר אויפֿגעקלערט ווי אַזוי ייִדן פֿירן זיך... און זי צוגערעדט זיך אויך אַזוי צו פֿירן.

זשואַן מענדעס און לאָורענסיאַ זענען געוואָרן בלאַס, אויך מרימס פּנים האָט געקראָגן אַ גרינלעכע מראה ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט פֿון איר אַנטרונען געוואָרן. מרים האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זשאַזען, וואָס האָט זיך מיט אויפֿגעשפּיצטע נייגעריקע אויערן צוגעהערט צו דעם טרויעריקן שמועס, וואָס עס טויג נישט, אַז אַזאַ יונג בחורל זאָל דאָס הערן. זי האָט געזען, אַז סיי

---

* חכם — רב, אין דזשודעזמאָ־לשון.

די מוטער און סיי דער פֿאָטער זענען אַזוי פֿאַרטאָן אין זייער שמועס מיט דאָקטאָר לאַראַ, אַז זיי האָבן געהאַט פֿאַרגעסן אַז זייער זון געפֿינט זיך ביים טיש.

— קום, זשאָזע, איך וועל דיך נעמען אין קיך אַריין דיר געבן עפּעס צו עסן און דו וועסט באַצייטנס קענען גיין שלאָפֿן.

זשאָזע האָט געקוקט אויפֿן דאָקטאָר לאַראַ מיט צעטומלטע אויגן, וואָס זענען געווען אי דערשראָקן און אי נייגעריק ווייטער צו הערן דעם אויס־טערלישן שמועס.

— גיי טאַקע מיט דאָנאַ מאַריאַ. איך וועל דאָ איבערלאָזן פֿאַר דיר אַ זאַלב, וואָס וועט דיך גיך אויסהיילן, — האָט דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ געזאָגט און אויף אים געקוקט מיט אַ וואַרעמען שמייכל. עס האָט זשאָזען אַדורכגענומען אַ מאָדנער געפֿיל פֿון ליבשאַפֿט צו אים, וואָס ער האָט קיין מאָל פֿריִער נישט געפֿילט צו קיינעם פֿון זיינע קרובים. עס איז געווען עפּעס אַזאַ ליב־שאַפֿט, וואָס ער האָט בלויז געפֿילט צו זיין פֿאָטער זשואַן, וואָס ווייס און קען אַלץ, פֿון וועמען מען דאַרף זיך לערנען צו וויסן און פֿאַרשטיין די פֿאַרבאָרגענישן, וואָס ליגן פֿאַרהוילן אין דעם וואָס ער זעט און הערט אַרום זיך. אַלץ אַרום איז אים אַזוי נישט קלאָר און נישט פֿאַרשטענדלעך. עס האָט זיך אים פּלוצעם אויסגעדוכט, אַז ער, דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ, באַנעמט זאַכן קלאָרער און איינפֿאַכער און איז אַפֿילו האַרציקער ווי זיין אייגענער פֿאָטער זשואַן מענדעס.

זשאָזע האָט זיך מיט אַ מאָל אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין פֿאַרטראַכטקייט און געזען ווי אַלע קוקן אויף אים. ער האָט זיך שעמעוודיק פֿאַררויטלט.

— גיי מיין זון, דו ביסט שוין שלעפֿעריק, — האָט די מוטער לאַורענסיאַ צו אים געזאָגט.

זשאָזע האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון שטול, זיך פֿאַרנייגט און איז אַ פֿאָל־געוודיקער מיטגעגאַנגען מיט מרימען אין קיכצימער אַריין און נאָך אַלץ געפֿילט אויף זיך דעם וואַרעמען שמייכל פֿון דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ.

אַלע ביים טיש זענען אַ וויילע געזעסן שטיל. זשואַן מענדעסעס שטערן האָט זיך געקורטשעט. זיין אַדוואָקאַטישער קאָפּ האָט שוין ווידער געטראַכט אויפֿצופּלאָנטערן דאָס וואָס זיין ווייב און דאָקטאָר טהאָמאַס האָבן גערעדט

ווען יענער אומגליקלעכער חתונה ביי זיין וויטלעכן קרוב גאַמעז דאַ סילוואַ. ער האָט געוווסט, אַז גאַמעז האָט אַ שלעכטן שם ביי דער קירך. בלויז דאָס דערמאָנען, אַז מען איז געווען ביי אים אויף זיין טאַכטערס חתונה, איז שוין אַ זינד, וואָס שמעקט מיט געפאַר. דער גאַמעז איז אַ ווילדער, נישט באַ־רעכנטער מענטש, וואָס ליגט שוין איצט פאַרשפאַרט אין די אינקוויזיציע־קאַמערן אין ליסאַבאָן, אַ פאַרמשפטער פאַרברענט צו ווערן אויפן אַטאָ־דאַ־פע און ער האָט אָך מיטגעשלעפט זיין גאַנצע משפחה.

עס האָט זשואַן מענדעסן שטאַרק פאַרדראָסן אויף זיין קרוב גאַמעז דאַ סילוואַ, וואָס ער איז באַגאַנגען אַ פאַרברעכן וואָס מען קען גאַרנישט מוחל זיין. ער האָט אַנגעטאָן שאָדן זיך און אַלע נײַ־קריסטן, וואָס צוליב אים האָט מען פאַרלוירן דעם צוטרוי צו זיי.

ער געדענקט נאָך גוט יענעם טאָג מיט צוויי יאָר צוריק, ווען עס האָבן אין אַ פרימאָרגן מיט אַ מאָל גענומען קלינגען מיט אַ בהלהדיקן אַלאַרעם די קירכנגלאָקן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פאַר טאָג איז אַן אַרמאַדע פראַנ־צויזישע שיפן אַריינגעדרונגען אין ריאָ. די פראַנצויזישע מאַטראָזן האָבן פאַרכאַפּט די קרוין־געביידעס, דעם האַפן, דעם גאַנצן ים־פּאָרט. אין שטאָט איז געוואָרן אַ בהלה. די נײַ־קריסטן האָבן געמיינט, אַז שוין קומט אויף זיי אַ ישועה, ווי אַ מאָל ווען די האָלענדער האָבן פאַרכאַפּט פערנאַמבוקאָ און זיי ווען קענען לעבן פריי. ער, זשואַן מענדעס, האָט דעמאָלט געוואָרנט צו זיין איינגעהאַלטן און זיך באַהאַלטן אין די הייזער און וואַרטן.

די פראַנצויזישע אַריינדרינגונג איז געווען אַ קורצע, ווי ער זשואַן מענדעס האָט פאַרויסגעזען. די מיליטערישע שיפן האָבן זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דעם האַפן. צענדליקער נײַ־קריסטן זענען געקומען צום פּאָרט און געבעטן דעם אַנפירער פון די שיפן ער זאָל זיי ראַטעווען און מיטנעמען. דער פראַנצויזישער גענעראַל האָט נישט געהאַט קיין חשק אַרויפצונעמען קיין איינוווינערס פון ריאָ אויף זיינע שיפן. מיט אַ מאָל זענען געקומען צו לויפן צום פּאָרט גאַמעז דאַ סילוואַ מיט זיין זון אַנדרע באַראָס. זיי האָבן זיך אַרומגעוויקלט מיט פראַנצויזישע פאַנען און גערופן מען זאָל זיי געבן באַשיצונג פון פראַנצויזישן קעניגרייך.

דער קאַפּיטאַן האָט זיי אויפגענומען אויף דער שיף און די אַרמאַדע האָט

אין גרויס איילעניש אָפּגעצויגן פון פּאָרט, כּדי נישט צו פירן קיין שלאַכט מיט דער פּאָרטוגעזישער קרויןאַרמיי.

גאָמעז דאַ סילוואַ האָט אָבער נישט באַוויזן צו ראַטעווען זיין באַליבטע טאָכטער קאַטאַרינאַ און זיין ווייב איזאַבעל, וואָס זענען אויס נקמה קעגן זייער פאָטער און מאַן פאַרשפּאַרט געוואָרן און מען האָט זיי גלייך אַוועקגעשיקט צום אינקוויזיציע־טריבונאַל קיין ליסאַבאָן.

גאָמעז דאַ סילוואַ האָט אָבער נישט געקענט רוען אין פראַנקרייך. ער איז מיט אַ פאַרשטעלטן נאָמען, מאַרקוס הענריקוס, געקומען קיין ליסאַבאָן צו ראַטעווען זיין ווייב און טאָכטער פון די אינקוויזיטאָרן. אָבער אַנשטאָט זיי צו העלפן איז ער אַליין אַריינגעפאַלן און איצט ליגט ער אַ פאַרמשפּטער אין די אינקוויזיציע־קעלערן. — — —

פון דער דערמאָנונג, האָט זשואַן מענדעס דערפילט אַ דערדריקנדיקע שווערקייט אויפן האַרץ. וואָס וועט טאַקע זיין, אויב אויך זיין ווייב לאָו־רענסיאַ, וואָס איז געווען אויף יענער חתונה, איז פאַרמסרט געוואָרן? אויב נישט פון זיין קרוב גאָמעז דאַ סילוואַ, איז זי זיכער געמסרט געוואָרן פון דער סאַארעס ברענדאָן פון פּאָרטוגאַל. זיין ווייב קען זיכער באַשטראָפט ווערן פאַר הערן אָפּשפּעטן פון קריסטוסעס נאָמען און פון צורעדן אַ נײַ־קריסטין, זי זאָל באַלאַנגען צו די וואָס פאַרשוועכן יעזוסעס נאָמען און שווייגן... זי האָט דעמאָלט געדאַרפט גלייך לאָזן וויסן וועגן דעם דער אינ־קוויזיציע. ער, זשואַן מענדעס, וואָס קען די קאַנאַנישע געזעצן, וועט מוזן געפינען עפּעס אַן אויסוועג, אַז זיין פרוי איז נאָך דעמאָלט געווען יונג און האָט גאָרנישט באַנומען וואָס די פּלאַפּלערישע ווייבער האָבן צווישן זיך גערעדט. און אפשר קומט דער חשד אויף זיין הויז אויך פון עפּעס אַנדערש, וואָס מוז אים קלאָר ווערן איידער עס ווערט צו שפּעט. אפשר קען אים דאָקטאָר טהאָמאַס דאָס אויפקלערן?

דאָקטאָר טהאָמאַס האָט איצט גערעדט שטיל מיט זיין פרוי לאָורענסיאַ, עפּעס סודותדיק, ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט ער זאָל נישט הערן. זיי רעדן מסתּמא וועגן דער חתונה, וואָס זיי האָבן געמאַכט אַן זיין וויסן דאַ אין הויז און זיי ווילן אים איינרעדן, אַז דאָס אומגליק וואָס דערגייט צו זיין הויז קומט גאָר פון פרעמדע זינד...

— איז וואָס איז מיט פּיליפּען, וואָס זיי האָבן אַריינגעזעצט? ער איז אויף יענער חתונה ביי גאָמעז דאַ סילוואַ נישט געווען, — האָט זשואַן מענדעס זיי געפרעגט און אַ ביטער שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אויף זיין פּנים.

— אַ! וועגן פּיליפּע רעדן מיר דאָס איצט. איך וועל גאָר אין גיכן זיך נאָכפרעגן וועגן דעם. איך בין פאַרבעטן געוואָרן צו באַזוכן דעם נאָבלמאַן בלאַנקאַ. עפּעס ליידט ער פון אַן אומריינער קראַנקייט... — האָט דאָקטאָר טהאָמאָס געזאָגט...

— אַך, גאָר אַזוי? דער לעביונג באַצאָלט פאַר זיינע זינד — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און לאָורענסיאַ האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— ער איז נישט דער איינציקער אין ריאַ, וואָס איז פאַרפּעסט פון אומ־ריינע קראַנקייטן. זיי שטעקן אויך אָן יונגע מיידלעך, מייסטנס שקלאַפן־קינדער מיט דער איינרעדעניש, אַז אַזוי אַרום וועלן זיי געהיילט ווערן. עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק, — האָט דאָקטאָר טהאָמאָס געזאָגט און אַ צאַפּל געטאָן מיטן קאָפּ.

זיי האָבן איבערגעריסן דעם שמועס. אויפן שוועל ביי דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן גראַסיאַ. איר בלייך פּנים איז געווען דערשראָקן און פאַרזאָרגט. עס איז געווען צו זען, אַז כּדי צו פאַרדעקן איר זאָרג האָט זי זיך גראָד אויסגעפּוצט אין אַ ליכטיק בלוי קלייד, מיט אַ דורכזיכטיקן העלן שאַל אויפן קאָפּ. אירע טונקל־האָניקדיקע האָר האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון אונטער איר איינהיל. אויף איר קלאָר־ראָזעווען האַלדז האָט זי געטראָגן אַ שמאָל, דין־געקייטלטן האַלדזבאַנד פון אויסגעלאָשענעם גינגאָלד מיט אַ נאָכהענג־ענדיקן מעדאַליאָן מיט פּערעלעך אין אירע רינגלדיקע אויערינגלעך. דאָס צירונג איז געווען איר מאַנס מתּנה, וואָס ער האָט געהאָט געבראַכט פון אייראָפּע, געמאַכט פון אַ גרויסן צירונג־מייסטער מיט דער האָפענונג, אַז זי, גראַסיאַ, וועט זיך מיט אים פאַרבינדן און מיט אים חתונה האָבן.

זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אויף דער שוועל און צוגעוואַרט ווי זי וואָלט נישט געוואָלט איבעררייסן דעם שמועס ביים טיש.

— אַ, דאָנאַ גראַסיאַ! האָט זיך דער דאָקטאָר העפלעך פאַרנייגט אַ פאַר־גאַפּטער פון איר שיינקייט.

אַלע האָבן אויפגעהויבן די קעפּ צו איר. דאָנאַ גראַסיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט

די אויגן. זי האָט זיך פּלוצעם פאַרשעמט פאַר דאָקטאָר טהאָמאַס, וועמען זי האָט ערשט נישט לאַנג צוריק געהאַט איבערגעגעבן די פאַרבאָרגנסטע, אינטימע פאַרהעלטענישן פון איר קורץ צוזאַמענלעבן מיט דוּאַרטען, כּדי ער זאָל וויסן ווי ווייט זי איז שוין אויף דער צייט...

— גראַסיאַ טייערע !! וואָס שטייסטו ביי דער טיר ? קום, זעץ זיך לעבן מיר. איך האָב ערשט נאָר וואָס געטראַכט אַריינצוגיין צו דיר, זען וואָס דו מאַכסט. איך וועל בעטן ראַמאַליאַ אַריינצוברענגען אַ פרוכט־געטראַנק — האָט צו איר געזאָגט לאָורענסיאַ.

גראַסיאַ האָט מיט גראַציעזע, זיך וויגנדיקע טריט און מיט אַ געצוימטער רויִקייט זיך דערנעענטערט צום טיש. דאָס זיידענע בלויע קלייד אויף איר האָט אַ שימער געטאָן מיט אַ פיבערדיקן גלאַנץ און שטיל געשאָרכעט מיט אַ פּרוויִשן אַראָמאַט מיט איר יעדער באַוועגונג. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן לאָורענסיאַ, וואָס האָט זיך צו איר צוגעבויגן. לאָורענסיאַ האָט אָנגענומען גראַסיאַס האַנט און זי צאַרט געגלעט ווי זי וואָלט דערמיט אויסגעדריקט איר פרייד, וואָס גראַסיאַ איז אויפגעריכט געוואָרן.

גראַסיאַס האַנט איז אָבער געווען קאַלט און האָט אוטערגעציטערט. לאָורענסיאַ האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז זי דאַרף זיך פאַר קיינעם ניט שעמען און זיך נישט פאַרענטפערן, וואָרעם אַ גרויס גליק האָט איר געטראָפן, וואָס זי האָט געהאַט דאָס מזל צו האָבן דוּאַרטען פאַר אַ מאַן. די מענער האָבן זייטיק געקוקט אויף גראַסיאַן מיט באַוווּנדערונג פאַר דער גרויסער מיסטעריע פון אַ יונגפרוי, וואָס הויבט אָן צו טראָגן מיט איר ערשטלינג, וואָס איז אי שטאָלץ און אי שעמעוודיק. לאָורענסיאַ האָט מיט אַ ליבלעכן שמייכל זי באַרויִקט און צוגעדריקט צו זיך ווי זי וואָלט אָן ווערטער איר געזאָגט, אַז אויך זי אַליין, לאָורענסיאַ, איז אַ מאָל דורכגעגאַנגען די ערשטע גליקלעכע צייט פון פרייד און שרעק פאַר דעם פאַרהוילענעם, וואָס האָט געדאַרפט קומען און זיך געריי‌פט אין איר לייב.

די צוויי מענער זענען אַ ווײַלע געבליבן שטיל. זיי האָבן געהאַט אָפּגעהאַקט זייער רעדן וועגן מאַרטעם בלאַנקאַ דעם אַדלמאַן, וואָרעם זיי האָבן געוווּסט, אַז יענער האָט זיך מיט אַ צייט צוריק געשדכנט צו גראַסיאַ און זי האָט אים נישט געוואָלט. זי האַלט זיך נאָך ביז היינט אין איין שרעקן

פאַר אים, ער זאָל נישט עפּעס אָפּטאָן קיין שלעכטס איר און איר משפּחה. זיי האָבן אויך געוווּסט, אַז מרים, גראַסיאַס מוטער, האָט איר געהאָט געזאָגט, אַז איר טאָכטער שטרעבט צו ווערן אַ נאָנע און זיך אָנשליסן אין אַ קלויסטער, און איצט איז זי גאָר געוואָרן מעוברת, נאָך איידער זי האָט דורכגעפירט אַ צערעמאָניע אין אַ קירך. יעדער דערמאָנונג וועגן מאַרטעם בלאַנקאַ קען אַרויסרופן ביי איר שרעק, וואָס איז נישט געזונט פאַר איר איצטיקן מצב.

פון קאָרידאָר איז אַרייַנגעקומען מרים. זי האָט דערזען איר טאָכטער זיצן לעבן לאָורענסיאַ ביים טיש, האָט עס זי זייער דערפרייט און זי האָט זיך דערנענטערט צו זיי.

— ראַמאַליאַ איז אין קיך. איך האָב איבערגעגעבן זשאָזען אין אירע הענט, זי וועט שוין אַלץ באַזאָרגן.

מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר טאָכטער און געקוקט אויף איר מיט נחת, וואָס זי האָט זיך אויסגעפּוצט און וויַזט נישט אַרויס קיין צו שווערע זאָרג וואָס זי איז מעוברת. ווען איר מאַן דואַרטע וועט מסתמא באַלד אַהיים קומען פון זיינע געשעפטן ביים פּאָרט, וועט ער זיך דערפרייען פון דעם וואָס גראַסיאַ איז מיט מזל אויף דער צייט און זי האָט זיך פון גרויס פרייד פאַר אים אויסגעפּוצט.

זי האָט מיט אַ מאָל דערזען דעם גאָלדענעם מעדאַליאָן, וואָס איז אַרונ־טערגעהאָנגען פון איר טאָכטערס האַלדז און איר פּנים איז געוואָרן באַזאָרגט. זי האָט זיך צוגעבויגן צו גראַסיאָן.

— טאָכטער מיינע, איך בעט דיך, טו אויס דאָס נאָכהענגענדיקע צירונג. עס איז נישט מזלדיק. דו ווייסט דאָך, אַז אַ מעוברתדיקע פרוי טאָר נישט טראָגן קיין נאָכהענגענדיקע זאַכן אויפן האַלדז. קיין צירונג, קיין שליסל, קיין בלום, גאָרנישט, כּדי דאָס קינד זאָל נישט האָבן קיין פלעקן אָדער צייכן אויפן לייב, פּונקט ווי זי טאָר נישט קוקן אויף פאַרזעעענישן אָדער מיאוסע זאַכן.

גראַסיאַ איז געוואָרן פאַררויטלט. אירע בלייכע בליקן האָבן גענומען פלאַמען. זי האָט אַזוי געוואָלט, אַז איר מאַן דואַרטע, ווען ער וועט קומען אַהיים, זאָל ער זען ווי זי שאַצט אָפּ זיינע מתנות און זי טראָגט זיי אויף איר האַלדז און אויערן, ער זאָל זען, אַז זי שרעקט זיך נישט פאַר קיינעם, וואָס

זי איז מעוברת, נאָך איידער זיי זענען געגאַנגען צו דער צערעמאָניע אין קירך.

— אָ, איר וועט עס נישט פאַרשטאַן. זי דאַרף בלויז יעדע נאַכט פאַרן שלאָפן גיין זאָגן די שמע־תפילה: „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל", און די גוטע מלאכים וועלן זי באַשיצן, — האָט דאָקטאָר טהאָמאָס געזאָגט.

די פרויען האָבן אויפגעהויבן די קעפּ צו אים און געקוקט מיט אויפ־געפּראַלטע אויגן ווי עס וואָלט איצט גערעדט צו זיי נישט דער גוטער רופא טהאָמאָס דע קאַסטראָ לאַראַ, נאָר דער חכם טוביה, וואָס זיין זיידע עמנואל דע קאַסטראָ איז נאָך געווען אַן אַריינגייער, אַ נאָענטער פריינד פון דעם גרויסן חכם פון האָלאַנד, הרב אַבואב, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער קהילה אין רעציפע.

בלויז זשואַן מענדעסעס פּנים איז געוואָרן בלאַס. ער איז געבליבן אַ ווײַלע אַ דערשראָקענער, ווי פאַרשטומט און אַ שוויס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן פּנים. ער האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז ער זאָל אַזוי אָפן זיך אויפדעקן פאַר אים, וועמען ער האָט שוין לאַנג געהאַט חושד געווען, אַז ער, דאָקטאָר לאַראַ, איז דאָס געווען דער, וואָס האָט חתונה געמאַכט אין זיין הויז דואַרטען מיט גראַסיאַן. די שרעק איז איצט געווען פאַר אים, וואָס לויטן געזעץ דאַרף ער אים שוין אַרויסגעבן צו דער אינקוויזיציע און דערמיט פאַרמסרן די גאַנצע משפּחה זיינע, ווייל אויב נישט, איז ער אַליין אויך אַ שולדיקער. נאָך אַ ווײַלע זיצן אַ פאַרגליווערטער, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש און גענומען שפּאַנען מיט שלאַבעריקע טריט צו דער טיר, ווי ער וואָלט דאָ מער נישט געוואָלט בלייבן אין צימער מיטן דאָקטאָר צו הערן זיינע רייד. ביי דער שוועל האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיי.

— איך ווער משוגע קראַנק פון די אַלע פּוסטע רייד. איר, דאָקטאָר לאַראַ, דאַרפט זיך האַלטן ביי אייער פּראָפעסיע צו היילן קראַנקע זייערע חולאתן און נישט אויך ווערן אַ פּריידיקער. איר פירט מיין משפּחה אויפן פייער פון אָטאָ־דאַ־פע — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט מיט ווייטיק און צאָרן, אַזש אַ שוים האָט זיך באַוויזן אין זיינע מוילווינקלען.

— זשואַן, מיר זענען אַלע שוין סיי ווי פאַרמשפּט ווי זינדיקע פאַרברע־כערס, כאָטש דו ביסט אומשולדיק ווי אַ קינד, דאָך ביסטו אויך אויף זייער צעטל — האָט געענטפערט דער דאָקטאָר.

— עס איז אייער שולד. עס איז אָבער אומגלויבלעך, איר וואַרפט אויף אונדז אַן אַ שרעק. מען זאָל זיך לאָזן פירן פון אַזעלכע פּרומאַקעס ווי איר זענט, — האָט ער געהויבן זיין קול, וואָס האָט זיך געשטיקט אין זיין האַלדז.

לאַורענסיאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון איר אָרט און איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו איר מאַן.

— זשואַן, איך בעט דיך, באַרויִק זיך. מיר זענען אַלע דאָ צווישן פריינד, זעץ זיך בעסער צום טיש. איך וועל בעטן ראַמאַליאַ זי זאָל ברענגען אַ געטראַנק און עפּעס צום עסן, נישט אַלע מאָל האָבן מיר אַזאַ גאַסט ביי אונדז אין הויז.

זשואַן איז געבליבן שטיין לעבן דער טיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך אָנגעהאַלטן ביי דער טירקלאַמקע. עס האָט אים ווי געטאָן און פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אַזוי שאַרף גערעדט צו זיין יוגנטפריינד, וואָס אַפילו ער האַלט נישט פון זיינע פירונגען, איז ער דאָך זיין פריינד פון די קינדער־יאָרן, ווען זיין פאָטער איז געווען מיט טהאָמאַסעס פאָטער מיגועל, נאָענט, משפּחהדיק ווי צוויי ברידער.

— די געצנדינערס דאַרפן זייער קרבנות, — האָט ער שטיל געמורמלט צו זיך.

עס איז געווען שטיל אַ לאַנגע ווילע, יעדער פאַרטאָן אין זיך מיט דער־דריקנדיקע געדאַנקען. דורך די פענצטער, וואָס זענען אַרויס צום הינטערשטן טייל הויז פון די שקלאַפן, האָט זיך ווידער גענומען הערן אַ שטיל ברומענדיק, וויינענדיק געזאַנג. אַלע האָבן אויפגעשפּיצט די אויערן. זשואַן מענדעס האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט, איז האַסטיק צו צום פענצטער און אַוועקגעשאַרט די פאָרהאַנגען.

דאָס פייער אין שטיינערנעם קאַמין האָט זיך שוין גענומען לעשן. רויטע גליִענדיקע קוילן האָבן נאָך געצאַנקט מיט דושענדיקע פלאַמען און באַלויכטן דעם טונקעלן אַרום. די שקלאַפן זענען געשטאַנען ביים טיש, ווו פריִער אין אָוונט האָבן זיי געהאַט אַוועקגעשטעלט זייערע געטשקעס און געקוילעט פאַר זיי זייער באַליבטן הונט שוראַ. לעבן דעם געץ „עקסו" איז שוין איצט אויך געשטאַנען אַ געפאַרבטע ליימענע פיגור פון דער הייליקער בתולה מאַריאַ און אַנדערע הייליקע פיגורן. דאָס האָבן זיי שוין געטאָן, זעט אויס,

צו פאַרגיטיקן ראַמאַליאַ און צו ווייזן, אַז זיי זענען פרומע קריסטן, אַז אויך ער, זשואַן מענדעס, זאָל נישט האָבן קיין טענות צו זיי.

— אַט זעט, אויך זיי האָבן זיך דערמאָנט אין זייערע אַמאָליקע געטשקעס פון אַפריקאַנער דזשאַנגל. זיי האָבן שוין מקריב געווען זייער הונט און דעם בעסטן האָן פון הויף, דעם מיטן גרויסן קראַפּ, וואָס זשאָזע האָט זיך ליב געהאַט צו שפּילן מיט אים. זיי מיינען, אַז מיט זייער בעטן וועט מען אַרויסלאָזן אַבדולן.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פענצטער און אַרויסגעקוקט.

— איך האָב פריער געבעטן ראַמאַליאַ זי זאָל זיי איינשטילן, אָבער עס העלפט נישט. אויך זיי וועלן נאָך צום רומל, פּונקט ווי איר אַלע, ברענגען אַן אומגליק אויף מיין הויז — האָט זיך אָפּגערופן זשואַן מענדעס.

— אַך, זשואַן, דו דאַרפסט זיך גאָרנישט שרעקן. ווי איך זע, שטייען אויך קריסטלעכע הייליקע אויפן טיש, ווער קען דיך שוין באַשולדיקן ? — האָט דער דאָקטאָר אים באַרויִקט.

— ווער ווייסט ? ביי אַנדערע וועט די קירך דאָס פאַרזען, אָבער נישט ביי אונדז. — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט מיט ביטערניש.

— עס קען נאָך זיין, אַז מען וועט נאָך קומען זוכן אַ „טאַראַ",* אַן אָקס מיט הערנער ביי אייך אין הויז, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַן אָפּלאַכערישן טאָן און אַ שפּאָטיש שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין מויל.

— איר האָט געפונען די ריכטיקע צייט חוזק צו מאַכן פון אונדז, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און טיף אָפּגעזיפצט.

— איך מאַך גאָרנישט חוזק. מיין פאָטער מיגועל האָט מיר אַליין געהאַט דערציילט, אַז אין אַ פּלאַנטאַציע אין פערנאַמבוקאָ האָט אַ מינדעריעריק קינד אויסגעפּלוידערט, אַז איר באָבע בעט צו אַ „טאַראַ" און אויף דעם האָט שוין אַ צווייטע פרוי, אַ שקלאַפין, געמסרט, אַז זי אַליין האָט געזען דורכן שליסללאָך, אַז איר באַלעבאָס און זיינע פריינד בעטן יעדן שבת צו עפּעס אַ פיגור מיט אַן אָקסנקאָפּ, וואָס זיי רופן „טאַראַ".

---

* טאַראַ — אויף פּאָרטוגעזיש „אָקס".

זשואַן האָט אים אָנגעקוקט אַ צעטומלטער, ווי ער וואָלט נישט גלייך פאַרשטאַנען וואָס דאָקטאָר לאַראַ האָט אים דערציילט.

— עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מסורטע האָט דורכן שליסללאָך געזען דאָס מענטעלע פון אַ ספר־תּורה און די געשניצטע עץ־החיים, און אין איר פאַרגרעבטן דמיון האָט זי געזען אַ פיגור מיט הערנער פון אַן אָקס. זי איז נישט געווען די איינציקע מיט אַזאַ נישט געשטויגענער פאַנטאַזיע וועגן דעם אַמאָליקן דינען צום עגל אין מדבר, פאַר מתן־תּורה.

— זיי האָבן נישט געדאַרפט האָבן קיין ספר־תּורה אין זייער הויז, וואָלט מען נישט אויסגעטראַכט אויף זיי אַזעלכע אומזיניקע זאַכן. ביי מיר אין הויז האָב איך די אַלע „הייליקייטן" אַרויסגעוואָרפן, — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט מיט אַן ערנסטקייט, ווי ער וואָלט זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער דאָקטאָר זאָל זיך נישט איינרעדן, אַז ביי אים אין הויז געפינט זיך נאָך עפּעס פון די חפצים, וואָס זיין פאָטער האָט אים איבערגעלאָזט. זיין פרוי לאָורענסיאַ מעג טאַקע נאָכפאָלגן זיינע געפערלעכע פירונגען, אָבער זיין הויז מוז זיין אָפּגעהיט פון יעדן חשד.

— יאָ, לאָמיר טאַקע רעדן וועגן פריילעכע זאַכן — האָט דאָקטאָר לאַראַ אָפּגעהאַקט און פאַרדעקט מיט דער האַנט דאָס ביטערע שמייכעלע אַרום זיין מויל.

די פרויען האָבן זיך ווידער אַוועקגעזעצט צום טיש באַזאָרגטע פון דעם וואָס זיי האָבן געזען דורכן פענצטער. מער פון אַלעמען איז געווען באַזאָרגט גראַסיאַ, וואָס איר מאַנס שקלאַף אַבדול אַדערעס, וועמען ער האָט מיט זיך געבראַכט פון די ווייטע, ווילדע לענדער, ווו ער האָט געהאַט געוווינט, איז נאָך אַלץ אין די אינקוויזיציע־קאַמערן. אפשר וויים ער עפּעס פון איר מאַנס יידישע פירונגען, וואָס מען זוכט פון אים מיט געוואַלד־פייניקונגען אַרויס־צוקריגן. זי וויים, אַז איר מאַן דוארטע האָט דאָרט, אין די איסלאַמישע פאַרטן, זיך ווינציק געהיט פאַר זיין שקלאַף מיט זיינע פירונגען און געוווינ־הייטן ווי ביי זיינע עלטערן אין דער היים.

פון קיך איז אַריינגעקומען ראַמאַליאַ און אויף אַ טאַץ האָט זי גע־בראַכט אַ קרוג מיט פרוכט־געטראַנקען און אַ געפלאַכטענעם קוישל מיט פרוכט.

— אַנאַ מאַריאַ, אַבדולס ווייב, האָט איך איבערגעלאָזט צו טאָן די גאַנצע אַרבעט אין הויז, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט מיט באַדויער.

— זיי זענען זייער אויפגערודערט. איך קען גאָרנישט טאָן זיי איינצו־שטילן. זיי וועלן אָבער מיד ווערן און אַוועקפאַלן דערשלאָגענע אויף זייערע געלעגערס און עס וועט ווערן שטיל — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט כּדי צו באַ־רויִקן די פרויען, וואָס זענען געזעסן באַזאָרגטע און דערשלאָגענע ביים טיש.

— איר קענט זיך אָפּרוען. איך און דאָנאַ מאַריאַ וועלן שוין אַרויסנעמען די טרינק־כּלים פון קרעדענץ, — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט, כּדי ראַמאַליאַ זאָל נישט דאַרפן טראָגן דעם גאַנצן עול פון הויז, און אויך כּדי זי זאָל נישט דאַרפן צו פיל אַריינקומען אין אויפנעם־צימער, זי זאָל נישט הערן וואָס מען רעדט דאָ. עמעץ קען זיך נאָך אַרויסכאַפּן מיט אַן איבעריק וואָרט, וואָס פרעמדע דאַרפן נישט און טאָרן נישט הערן.

פון דרויסן ביים פאָרנטיקן אַריינגאַנג האָט מען געהערט דאָס צופאָרן פון אַ לייכטער קאַרעטע צום הויז. גראַסיאַ האָט זיך אימפּעטיק אַ הויב געטאָן פון אָרט. אַלע ביים טיש האָבן זיך אומגעקוקט אויף איר. זיי האָבן געזען איר אומרויִקייט, איר באַזאָרגטקייט, וואָס דואַרטע איז נאָך נישט אַהיים געקומען פון זיינע געשעפטן ביים פּאָרט. יאָ, וואָס קען דאָס טאַקע זיין? אַנדערע אָוונטן איז ער שוין אין דער צייט אין הויז. גראַסיאַ איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, צענומען דעם שפּאַלט פון די פאָרהאַנגען. זי איז געשטאַנען אַ ווײַלע צוגעפּרעסט מיט איר פּנים צו דער שויב און אַרויסגעקוקט. זי האָט זיך אָבער באַלד אומגעקערט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַ פאַרשעמטע זיך אַוועקגעזעצט לעבן טיש.

— זאָרג נישט, גראַסיאַ, ער וועט קומען שפּעטער. ער איז דאָך אַליין אין געשעפט. זינט מען האָט צוגענומען פיליפּען, איז דער גאַנצער עול אויף אים, — האָט לאַורענסיאַ זי באַרויִקט.

— דאָס איז געוויס מיין קאַרעטע. איך האָב געבעטן מיין קוטשער ער זאָל אַנטרינקען דאָס פערד און אים געבן גענוג האָבער און היי. ער דאַרף מיך נאָך היינט פירן צו עטלעכע פּאַציענטן, וואָס איך קען נישט אָפּלייגן. באַזונ־דערס ביי דעם נאָבלמאַן מאַרטעם בלאַנקאָ, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

ביים דערמאָנען דעם אַדלמאַן בלאַנקאַ האָט גראַסיאַ אַ לייכטן צאַפּל געטאָן. איר פּנים איז געוואָרן בלאַס. זי האָט מיטן שאַל פאַרשטעלט איר פּנים מען זאָל נישט באַמערקן איר אויפרודערונג.

— אויב איר קענט, ווערט טאַקע געוויר ווי עס האָלט מיט אונדז? וואָסערע נייע בילבולים מען גרייט קעגן אונדז? — האָט לאָורענסיאַ געזאָגט און זיך אויך אונטערגעהויבן פון טיש.

— קיינער גרייט נישט צו אונדזער אומגליק ווי מיר אַליין, בין איך נישט גערעכט? — האָט זשואַן מענדעס געפרעגט.

— הלוואי וואָלט עס אַזוי געווען, וואָלטן מיר געקענט רויִק שלאָפן דורך די נעכט. — האָט דאָקטאָר טהאָמאַס לאָראַ געזאָגט צו זיין אָפּגעפרעמדטן פריינד און אין זיין שטיקנדיקן קול האָט זיך געפילט זאָרג און ליבשאַפט צו אים.

ביידע, מאַן און ווייב, האָבן אים אַרויסבאַגלייט פון הויז.

זיבעצנטער קאַפּיטל

דואַרטע דאַ סילוואַ איז געזעסן אין זיין ביוראָ־צימער און זיך נישט געקענט צורירן צום שטויס געשעפטלעכע פּאַפּירן, חשבונות און בריוו, וואָס איז געלעגן פאַר אים.

ער האָט געפילט אַ שווערע, דערדריקנדיקע מידקייט אין זיין קערפּער. זיינע הענט זענען געהאַנגען אָפּהענטיק, שווער, ווי אָנגעגאָסענע מיט בליי. ער איז אַוועק פרי פון הויז, ווען גראַסיאַ איז נאָך געשלאָפן, כּדי וואָס פריִער צו זיין ביים פּאַרט. אפשר וועט ער זיך דערוויסן פון עמעצן, וואָס אַזוינס איז געשען מיט זיין פריינד און שותּף פיליפּע, וואָס די אינקוויזיציע האָלט אים שוין וואָכן אין זייערע קעלערדיקע תּפיסה־קאַמערן. און יעדן טאָג דאָס זעלבע, קיין שום ענטפער. ער האָט זיך בלויז דערוווּסט, אַז פיליפּעס הויז איז פאַרמאַכט, די טירן פאַרזיגלט מיט דעם קרוינזיגל, און זיין גאַנץ פאַרמעגן איז דאָרט פאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט שוין געווען אַ פאַרמשפּטער, וואָס לויטן געזעץ געהערט זיין האָב און גוטס צו דער מלוכה־קרוין.

פון וועמען קען ער זיך דערוויסן, וואָס עס קומט פאָר אין די אינקוויזיציע־

קאַמערן? ער ווייסט, אַז קיין משפּט קענען זיי דאָ אין ריאָ נישט אַרויסטראָגן קעגן אים. זיי מוזן אים שיקן אַ לעבעדיקן צום אינקוויזיציע־טריבונאַל קיין ליסאַבאָן. אַלץ וואָס זיי קענען טאָן דאָ איז אים אויספאָרשן, אים באַצווינגען ער זאָל אויסגעבן זיינע פריינד, מיט וועלכע ער איז געקומען אין פאַרבאָרגענע באַגעגענישן צו פּראַוועון ייִדישע מינהגים, ייִדישע יום־טובים. דואַרטע איז טאַקע געווען מיט אים שטענדיק פריינד אין געשעפטלעכע אונטערנעמונגען, אָבער ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט מיט אים קיין שום אַנדערע נאָענטע באַגעגענישן, ער זאָל קענען מיט עפּעס אים דענונצירן. דורך דער צייט, וואָס ער געפינט זיך דאָ אין לאַנד, איז ער אַפילו קיין מאָל נישט געקומען צו אים אין הויז אַריין. ער האָט בלויז געמאַכט איין טעות, וואָס ער האָט פּילּיפּען פאַרבעטן אויף זיין חתונה מיט גראַסיאַן, וואָס זיין קרובה לאַורענסיאַ האָט געפּראַוועט אין איר הויז.

ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן פון די ווייבער, די אַלטע מרים און דאָנאַ לאַורענסיאַ, אַז עס פּירט זיך נישט ביי ייִדן צו לאָזן ווינען אַ חתן מיט אַ כּלה אין זעלבן הויז. וואָרעם זיי קענען נאָך געשטרויכלט ווערן און באַגיין אַ זינד. ער האָט דעמאָלט זיך גיכער געדאַרפט אַרויסציִען פון הויז און נישט דערלאָזן צו מאַכן אַ חתונה אויסער דער קירך. וואָס האָט ער אָבער געקענט טאָן, אַז ער האָט צו שטאַרק ליב גראַסיאַן, ער זאָל זיך איינשפּאַרן און נישט נאָכגעבן די ווייבער? אויך זי, גראַסיאַ, האָט אויף אַ שטילן, איידעלן אופן אים געגעבן אָנצוהערן, אַז זי באַשטייט אויף דעם דורכצופירן אַ ייִדישע חתונה. ער געדענקט טאַקע ווי ער האָט נישט געקענט שלאָפן דורך די נעכט. ער האָט געפילט די באַענטקייט פון איר דורך די ווענט, דורך דער פאַר־מאַכטער טיר. יעדער שאָרך אירער איז דערגאַנגען צו אים און געמאַכט אויפ־צאַפּלען זיין האַרץ. זיין לייב איז דורך די נעכט צעשפּאַנט געוואָרן פון בענק־שאַפט און גלוסטעניש צו איר קערפּער, ער זאָל ליגן צוגעפּרעסט צו איר, ער זאָל פילן איר אָטעם און די זיסקייט פון אירע ליפּן.

גלייך נאָך זייער ייִדישער חתונה האָט זיך דאָס אַלץ געביטן. יעדע נאַכט קומט זי צו אים אין זיין שלאָפצימער ווי עפּעס אַ וווּנדערלעך געשאַנק, וואָס איז אים געשאָנקען געוואָרן אומגעריכט נאָך אַזוי פיל יאָרן פון איינזאַמקייט, פון זיין נע ונד.

ניין, ער האָט נישט קיין חרטה, וואָס ער האָט נאָך פאַר דער קריסטלעכער צערעמאָניע חתונה געהאַט מיט גראַסיאַן. בלויז די משפּחה וויס, אַז זי איז זיין ווייב. ער האָט נאָר נישט געדאַרפט פאַרבעטן קיין פרעמדן, זיין שותּף און געשעפט־פּאַרוואַלטער פּיליפּע. איצט קענען די אינקוויזיטאָרן מיט גוואַלד־פּייניקונגען אַרויסקריגן פון אים, אַז ער, פּיליפּע, איז געווען ביי זיין יידישער חתונה און דערמיט אומברענגען זיין גאַנצע משפּחה. וועט ער דאָס טאָן? וועט פּיליפּע האָבן כּוח ביישטיין די יסורים און קיינעם נישט אַרויסגעבן?

די דאָזיקע פראַגע לאָזט אים נישט רוען. ער קען זיך נישט צורירן צו קיין שום אַרבעט, די שרעק האַלט אים ווי פּאַראַליזירט. ווען נישט דאָס, וואָלט ער שוין געקומען בויען פאַר זיך אַ הויז, וואָס זאָל זיין גרייט, זיי זאָלן זיך קענען אַריינציִען אַהין גלייך נאָך זייער קריסטלעכער חתונה־צערעמאָניע. ער דערמאָנט זיך, אַז גראַסיאַ האָט די לעצטע נאַכט, ווען זי איז אַריין צו אים אין שלאָפצימער, אַ דערשראָקענע אים געזאָגט, אַז איר דוכט זיך, אַז זי איז אויף דער צייט. זי איז געווען באַזאָרגט, וואָס צו דער חתונה־צערעמאָניע איז נאָך וויַיט, אַז זי וועט דאַרפן קומען אין דער קעניגלעכער גלאָריאַ־קירך מיט אַ מעוברתדיקן בויך. אַלע געסט וועלן היִנטער די אויגן אָפּלאַכן פון זיי און זיי באַרעדן. ער, דוֹאַרטע, האָט זיך אין אָנהויב דערפון דערשראָקן און זיי זענען ביידע לאַנג געלעגן איינער לעבן אַנדערן ווי פאַר־טייעט. איצט זעט ער איין, אַז זייער זאָרג וועגן דעם איז געווען אַן אומזיסטע. ווער דאַרף דאָס מאַכן אַ גרויסע צערעמאָניע צו פּראַווען אַ חתונה נאָר אין דער גלאָריאַ־קירך אויפצורייסן די אויגן ביי די גייציקע נישט־פאַרגינערס. ער וועט גלייך לאָזן וויסן דער משפּחה, אַז די חתונה דאַרף צוגעגרייט ווערן גאָר אין גיכן אין זייער קליינער פּאַראַפיע־קירך, ווו זיי באַלאַנגען. ער דער־מאָנט זיך, אַז פּיליפּע האָט אים געהאַט געזאָגט, אַז אין רעציפע, בעת די האָלענדער האָבן דאָרט געהערשט, ווו זיין פאָטער מיגועל פּיליפּע איז געווען דער שלאַבאַן־שטייער־אויפמאַנער קיין מאַריצשטאַט, האָבן די יידן איינגע־פירט אַ תּקנה, אַז מען זאָל נישט פּראַווען קיין צו אויסבּרענגערישע חתונות. זיי האָבן דאָס געטאָן נישט אויפצורייצן די נישט־פאַרגינערס, דעם געמיינעם המון.

דואַרטע האָט שווער אָפּגעדעכעט אויסצואָטעמען די שווערקייט, וואָס האָט אים געדריקט אויפן האַרץ. ער האָט גענומען אַרויסקוקן דורכן פענצ־טער, וואָס איז געווען פאַרקראַטעוועט מיט דיקע אייזערנע שטאַבעס.

פון דער פּראַסאַ ביים פאַרט האָט זיך אַהער געטראָגן אַ רוישנדיקער טומל. די גאַנצע געגנט איז געווען פול מיט מענטשן. קיין שיפן זענען היינט נישט אָנגעקומען, בלויז די איינציקע שיף, וואָס איז פריִער געהאַט אָנגע־קומען פון ליסאַבאָן, איז געשטאַנען פאַראַנקערט אין פּאָרט.

פון די סחורה־לאַגערן האָט מען אַרויסגעפירט סחורה. מען האָט אָנגע־לאָדנט אויף די וועגענער מעבל, קאַכלעס און אַנדערע סחורות, וואָס מען האָט צוגעגרייט אָוועקצופאָרן אויסערן שטאָט קיין „מינאַס־געריִאַס" צו די בערג־ווילִיעס, ווו עס געפינען זיך די נײַ־געפונענע גאָלדגרובנס, ווו מען בויט נײַע הייזער, ווו די אַרויפגעאַרבעטע גבירים האָבן זיך באַזעצט.

שוואַרצע שקלאַפן־טרעגערס האָבן אויף זייערע אַקסלען, אויף זייערע פּלייצעס געטראָגן קעסטלעך און זעק מיט סחורות. הינטער זיי זענען נאָכגע־גאַנגען די קליינע הענדלערס און קרעמערס, וואָס האָבן איינגעקויפט אין די סחורה־לאַגערן די באַדערפעניש פאַר זייערע קראָמען. צווישן די קרעמערס האָט ער באַמערקט אויך עטלעכע, וואָס זענען ביז פיליפּעס אַרעסט געווען זיינע בעסטע, שטענדיקע קונים. זינט די אינקוויזיציע האָט צוגענומען פיליפּען זענען מייסטנס פון די נײַ־קריסטן, זיינע קונים מער נישט אַריבערגע־טראָטן די שוועל פון זיין סחורה־לאַגער, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן צו קומען אין אַ געשעפט, ווו פיליפּע איז געווען דער פאַרוואַלטער. עס זעט טאַקע אויס, האָט דואַרטע געטראַכט, אַז די קונים שרעקן זיך מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי זענען דאַ אַהערגעקומען נישט בלויז צו קויפן סחורה ביי אים, נאָר אַז זיי זענען דער עיקר געקומען צו אים און צו פיליפּען צוליב אַנדערע צוועקן...

דואַרטע האָט פון דער ווייטנס געזען זייער בעסטן און רייכסטן קונה, דעם סוחר פראַנציסקאָ קאָרדעזע, וואָס שטעלט צו סחורה צו די רייכסטע הייזער אין שטאָט. ער איז געגאַנגען מיט זיין פעטלעך ווייב איזאַבעל, וואָס האָט דאָס מאָל געטראָגן נאָך אַ גרעסערן צלם מיט אַ סך פּאַטשערקעס און קרעלן, וואָס זענען אַרונטערגעהאַנגען פון איר דיקן האַלדז אַרונטער איבער

אירע אַרויסשפּאַרנדיקע ברוסטן. זיי האָבן איילנדיק דורכגעשפּאַנט ווייט אַוועק פון זיין געשעפט ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן צו קוקן דאָ אַהער, ווי זיין הויז וואָלט געווען פאַרשאָלטן מיט בייזע רוחות.

אויב עס זאָל אַזוי ווייטער אָנגיין, האָט דואַרטע געטראַכט, ער זאָל זיך טאָג און נאַכט שרעקן, אַז פיליפּע אָדער זיין שקלאַף אַבדול זאָלן אים אויסגעבן צו דער אינקוויזיציע און די קונים זאָלן אויפהערן אַריינקומען צו אים אין געשעפט, וועט ער רוינירט ווערן. אויב די אינקוויזיציע איז אויסן אויך צוצונעמען זיין פאַרמעגן, איז ביז זיי וועלן אַרויסקריגן פון פיליפּען אָדער אַבדולן אַ מסירה קעגן אים וועט שוין פון זיין פאַרמעגן גאָרנישט בלייבן.

ער האָט זיך דערפילט אַזוי עלנט, ווי קיין מאָל נישט פריִער אין זיין לעבן. ער האָט דאָ אין לאַנד קיינעם נישט וואָס זאָל אים באַשיצן. אויסער גראַסיאַן און די גאַנצע דערשראָקענע משפחה, האָט ער דאָ קיינעם נישט; אַפילו זיין געוועזענער שוואָגער ווייכט פון אים. אויב ער האָט אים נישט פיינט געגנוג צוליבן פּריצייטיקן טויט פון זיין שוועסטער, וואָס ער מיינט געוויס, אַז ער, דואַרטע, איז שולדיק אין איר טויט, ווערט ער געוויס אונטער־געהעצט פון דעם אַדלמאַן מאַרטעם בלאַנקאָ, וואָס וויל נאָר זען, אַז ער, דואַרטע זאָל דאָ אויסגעראָטן ווערן.

ער האָט אפשר געדאַרפט אַרויסווייזן זיין אינטערעס, זיין אָנגעהעריקייט צו זיין פאַרשטאָרבן ווייבס משפחה. אויב זיין שוואָגער פערדינאַנד אַנטאָניאָ קומט נישט צו אים, האָט ער אים געדאַרפט אויפזוכן, מאַכן אַן אָנשטרענגונג אים צו זען. אפשר אים העלפן זיך איינשטעלן אין דעם נייעם לאַנד, אים ווייזן, אַז אויסער מאַרטעם בלאַנקאָ, איז אויך ער אים גרייט צו זיין בייהילפיק. ער זעט איין, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, וואָס ער האָט זיך דעמאָלט, ביים פאָרט, באַליידיקט פון זיין שוואָגער, בעת ער איז אָנגעקומען מיט זיין טראַנ־ספּאָרט שקלאַפן און אים איבערגעלאָזט אין די הענט פון זיין שונא מאַרטעם בלאַנקאָ.

ער, דואַרטע, ווייס, אַז זיין געוועזענער שוואָגער פערדינאַנד איז אַ גרויַ־סער אָפּשפּעטער, אַ לייכטער לונג־און־לעבער, וואָס האָט ליב אַ גוטן טרונק ווייַן אָדער ראָם, אָנצופּילן דעם בויך מיט אַ סך געשמאַקע מאכלים, אָבער

האָסן אים, ווי דער אַדלמאַן בלאַנקאַ, דאָס האָט ער ביי פערדינאַנדן קיין מאָל נישט געזען. ער האָט אַלע יאָרן געוווּסט, אַז ס'איז נישט געווען קיין גוט לעבן צווישן אים, דואַרטען, מיט זיין שוועסטער עסטעפּאַניאַ. זיין שוואָגער האָט עס דעמאָלט וויניק געאַרט. ער האָט פון אים אָפּגעשפּעט אויף אַ גוטמוטיקן אופן, אַז ער, דואַרטע, און זיין שוועסטער זענען נישט קיין געראָטן פּאָר... און אפשר מאַכט ער אַ טעות, אפשר האָט אויך פערדינאַנד אים פיינט מיט אַזאַ שׂנאה, אַז אויך ער וויל אים אומברענגען.

דואַרטעס טראַכטענישן האָבן זיך איבערגעריסן. אויפן פּאָרט האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן אַ סך מאַטראָזן און קרוין־סאָלדאַטן. זיי האָבן געטראָגן געווער און רוקזעק מיט הויכע שטייפע הוטן אויף די קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ וויטער נסיעה.

אויף דער איינציקער, גרויסער זעגלשיף, וואָס איז געשטאַנען אין האַפן, איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ גערודער. מען האָט אַרויפגעצויגן די זעגלען אויף די מאַסטן, די פּאָרטוגעזישע פאָן אויף דער העכסטער מאַסט האָט גענומען פּלאַטערן אין דעם לייכטן ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם רויִקן ים. די פּראַסאַ איז געווען צעהעלט פון דער נאָכמיטאָגדיקער זון, וואָס האָט ווי צעגאָסן גאָלד, פיבערדיק געבלענדט און אויפגעדעקט די אומענד־לעכע ווייטקייט פון די זיך רייגנדיקע ים־כוואַליעס.

מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַ געלויף. פון אַלע זייטיקע גאַסן און געסלעך האָט מען גענומען לויפן צו דער פּראַסאַ, וואָס נענטער צום פּאָרט. פון דער ברייטער קירכע־גאַס, ווו עס האָט זיך אויך געפונען די אינקוויזיציע־געביידע, האָט אַ גרויסע מיליטערישע וואַך מיט קאַראַבינען אויף די אַקסלען, געפירט אַ גרופּע אַרעסטירטע צום שיף; עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס פירט מען אַ צאָל ניי־קריסטן און אַנדערע פאַרזינדיקטע צום אינקוויזיציע־טריבונאַל קיין לי־סאַבאָן.

דואַרטע האָט מיט אויסגעשפּאַרטע אויגן געקוקט צום האַפן. ווער ווייס? אפשר שיקט מען שוין אַוועק צווישן די אַרעסטירטע אויך זיין שותּף פיליפּע?

ער האָט נישט געקענט פון דער ווייטנס זען די פּנימער און פיל פון די מענטשן האָט ער נישט געקענט. צווישן די וואָס מען האָט געפירט זענען אויך

געוועזן פּרויען, מולאַטאַס און שוואַרצע. דאָרטע האָט מיט אַ מאָל אויפגעצאַפּלט. צווישן די געפּירטע האָט ער דערזען אַן איינגעבויגענעם זיך שלעפּן זיין שקלאַף אַבדול אַדערעס. עס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַ ברענענדיקע היץ צום קאָפּשיידל. נישט ווייט פון אַבדולן האָט ער דערזען פּיליפּעס ווייב, די שיינע קאַטאַלינאַ. זי האָט שוין איצט נישט אויסגעזען אַזוי שיין. איר אַ ביסל פאַרשייט פלאַמענדיק פּנים איז געווען אויסגעמאָגערט, די פיבערדיקע אויגן איינגעזונקען ווי אין פאַרטונקלטע לעכער. איר געפאַלדעוועט קלייד מיט רויטיקע בלומען־קאָלירן איז געהאַנגען לויז אויף איר, ווי זי וואָלט געהאַט פאַרלוירן אַ סך וואָג. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן פאַרבונדן אַ געבלימלט טיכל און אירע שוואַרצע קראַנעהאָר האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט צעפּאַטלטע איבער איר שטערן. וואָס קען דאָס זיין? האָט דאָרטע צו זיך געֶרעדט. און ווו איז פּיליפּע? האָבן זיי דאָ אים איבערגעלאָזט אַ קראַנקן אָדער אַ טויטן אין זייער קעלער־קאַמער? זיי האָבן אים זיכער פאַרפּייניקט, ער זאָל אַרויסגעבן זיינע פריינד און ער האָט דאָס נישט געקענט טאָן.

די וואָך מיט די אַרעסטאַנטן זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך מענטשן, וואָס זענען נאָכגעלאָפן ביז צום פאַרט, ווו עס איז געשטאַנען די פאַראַנקערטע שיף. דאָרטע האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער און זיך געלאָזט מיט אַן אימפּעט צו דער טיר. ער מוז שוין אַרויס צום האַפן און וואָס גיכער אַלץ אויסגעפינען. אפשר האָט ער נישט באַוויזן צו דערזען פּיליפּען צווישן די מענער. ער האָט אויפגעריסן די טיר פון זיין ביוראָ־צימער. פון גרויס אויפרעגונג האָבן אים געגומען ציטערן די הענט. זיינע פיס האָבן זיך געבראָכן אונטער אים, זיין האַרץ האָט ווילד געקלאַפּט מיט אַ קלעמענדיקן ווייטיק.

ביי דער אָפענער אַרויסגאַנג־טיר פון זיין סחורה־לאַגער זענען געשטאַנען זיינע משרתים און אויך אַרויסגעקוקט מיט נייגעריקייט ווען מען פירט דאָס אַוועקצושיקן קיין ליסאַבאָן.

דאָרטע האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט געפילט, אַז פון גרויס אויפרעגונג וועט ער צו ווייט נישט קענען דערגיין. דער משרת מענואל האָט זיך אויסגעדרייט צו אים. אויך זיין פּנים איז געווען בלאַס און דערשראָקן אויפגערעגט.

— גיי, איך בעט דיך, מענואל, צום שיף, זע, צי מען שיקט אויך אַרויס פּיליפּען ?

דער משרת האָט זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון אָרט און זיך געלאָזט מיט איילנדיקע טריט צום האַפן. דואַרטע איז געשטאַנען אַ ווײַלע און אים נאָכגעקוקט ווי ער שטופּט זיך אַרײַן צווישן די נײַגעריקע נאָכלויפערס, ווי ער וואָלט זיך באַמיט צו דערגרייכן וואָס נענטער די, וואָס ווערן געפירט פון דער קרוינוואַך.

דואַרטע האָט דערפילט, אַז ער קען דאָ מער נישט שטיין אויף די פיס, אַז אָט באַלד וועלן זײַנע משרתים אים דאַרפן אַרײַנטראָגן אין זײַן ביוראָ־צימער.

דער צוויטער אָנגעשטעלטער, גאָנזאַלאָס אַווילאַ, האָט זיך דערנענטערט צו אים, ווי ער וואָלט געווען גרייט צו העלפן זײַן באַלעבאָס. דואַרטע האָט זיך אָבער געשטאַרקט, נישט געוואָלט אַרויסווײַזן זײַן פאַרלוירנקייט פאַר זײַן משרת. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון דער טיררעם, ווו ער האָט זיך אָנגעהאַלטן, און פאַמעלעך צוריק אַרײַנגעשלײַכט אין זײַן סחורה־לאַגער.

— איך האָב פײַנט צו קוקן אויף די אַלע אויסטערלישע ספּעקטאַקלען, זיי מאַכן מיך קראַנק, — האָט ער שטיל געזאָגט.

— איך קאָן דאָס אויך נישט צוזען, — האָט גאָנזאַלאָס געזאָגט און איז אויך אַרײַן טאָן זײַן אַרבעט.

דואַרטע איז אַרײַן אין זײַן ביוראָ־צימער. ער האָט צוגעמאַכט די טיר און איז אַרײַנגעפאַלן אין זײַן שטול לעבן דעם ביוראָטיש. ער האָט אָבער צו לאַנג נישט געקענט זיצן אויפן שטול. אַן אומרו האָט אים געהויבן פון אָרט. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום פאַרקראַטעוועטן פענצטער און אַרויסגעקוקט.

די געפירטע אַרעסטאַנטן זענען שוין געווען אינעווייניק אין בויך פון דער שיף. מען האָט שוין גענומען אַרויפטראָגן דורך די צוגעשטעלטע טרעפּלאַדונג, זעק מיט קאַווע, כּלערליי קרייטעכצער, געריכערטע פיש און פליישׁ, קינהאַלץ, פאַרבהאָלץ און אויך קעסטלעך מיט פיל אַנדערע מינעראַלן, וואָס די באַוואָפנטע וואַך האָט געהיט מיט מער זאָרגעוודיקייט.

דער אָנגעלאָפענער המון האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין, בלויז רעשט־

לעך זענען נאָך געבליבן: זיי זענען געשטאַנען אין רעדלעך און צווישן זיך גערעדט, אַנדערע האָבן הויך געלאַכט, ווי עס וואָלט זיי געפרייט, וואָס מען האָט געפּאַקט און פאַרשיקט די זינדיקע פאַרברעכערס. טייל האָבן דאָ אַהער געקוקט צו זיין סחורה־לאַגער, ווי זיי וואָלטן געוווּסט, אַז דאָס הויז ווו פיליפּע האָט זיך געפונען איז פאַרדעכטיק, און אַז ס'וועט שוין לאַנג נישט נעמען ווי דאָס געשעפט וועט זיין פאַרמאַכט, פאַרזיגלט פון דער קרוין. דוּאַרטע האָט שווער אָפּגעזיפצט, אַלע וואַרטן שוין אים צו פאַרצוקן. צו וואָס האָט ער געדאַרפט קומען דאָ אַהער אין דעם לאַנד רוי:נירט צו ווערן און דערצו נאָך מיטשלעפּן צום אָפּגרונט זיין ווייב, זיין געליבטע גראַסיאַ?

פון פּאָרט איז געקומען צו לויפן זיין משרת מענואל. ער איז אַ פּאַרסאָ־פּעטער אַריין צו אים אין ביוראָ־צימער. ער איז געווען צעשוויצט און זיך געווישט מיט אַ טיכל דאָס פּנים.

— ניין, סענהאָר דאַ סילוואַ, פיליפּע איז נישט געווען צווישן די פאַר־שיקטע, בלויז די ניי־קריסטן, וואָס האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק געוואָלט אַנטלויפן מיט די פראַנצויזן וואָס האָבן געהאַט באַלאַגערט די שטאָט. די פראַנצויזן האָבן זיי נישט געוואָלט אויפנעמען. טייל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביז מען האָט זיי געפּאַקט — האָט דער משרת אים איבערגעגעבן אַ געשעע־ניש, וואָס ער האָט געהאַט וועגן דעם געהערט, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך איידער ער איז דאָ אַהערגעקומען. דוּאַרטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גאָרנישט געזאָגט. דער משרת האָט פאַרשטאַנען, אַז מער וויל ער וועגן דעם נישט רעדן.

דוּאַרטע האָט זיך ווידער צוגערוקט צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. ער האָט געהערט הינטער זיך ווי דער משרת איז שטיל אַרויס פון זיין ביוראָ־צימער און נאָך שטילער פאַרמאַכט די טיר.

דוּאַרטע האָט מיט אַ מאָל ווידער אויפגעציטערט. ער האָט דערזען ווי פון צווישן די מענטשן, וואָס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אויף דער פּראַסאַ, האָבן זיך אַרויסגערוקט דער אַדלמאַן מאַרטעם בלאַנקאָ און זיין געוועזענער שוואָגער פערדינאַנז אַנטאָניאַ. זיי האָבן גענומען שפּאַנען נענטער אַהער צו זיין סחורה־לאַגער. פערדינאַנז האָט געטראָגן אַ טונקל־זיידענעם הוט, פלאַך פון אויבן ווי אַלע יונגע קאַוואַלירן, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען יי:נגער

ווי ער איז געווען, און אַ לויזן טוניק מיט אַן אַריבערגעוואָרפענעם ווייס געריינגלטן קאָלנער. אויך מאַרטעם בלאַנקאַ איז געווען אויסגעפּוצט אין אַן ענלעכן אַנטועכץ, בלויז אויף זיין טוניק האָט ער געטראָגן אַ וואָלענע פּעלערינע מיט אַ נאָכהענגענדיקן קאַפּטור און זיך געטוליעט אין דעם געוואַנט, ווי עס וואָלט אים געווען קאַלט, כאָטש אין דרויסן איז געווען סוף־זומערדיק וואַרעם.

וואָס קען דאָס זיין? וואָס ברענגט זיי איצט פּלוצעם צו אים? וויל דער אַדלמאַן מאַרטעם בלאַנקאַ זיך מיט אים רייצן, אָפּשפּעטן פון אים, ווי ער האָט דאָס געטאָן אַנומלט ביי דער שיף ווען זיין געוועזענער שוואָגער איז אָנגעקומען? ווילן זיי אים ווייטאָן און אים געבן אָנצוהערן, אַז דאָס זעלבע, וואָס האָט געטראָפן מיט פיליפּען קען אויך טרעפן מיט אים?

ער האָט שוין געזען ווי זיי דערנעענטערן זיך צו דער אַריינגאַנג־טיר פון זיין געשעפט. ער האָט זיך גענומען שטאַרקן. ער וועט זיי נישט ווייזן זיין פאַרלוירנקייט. זיין אַלטע געוווינהייט זיך צו באַפעסטיקן מיט אַן איינגע־צוימטע רויקייט, ווען ער זעט פאַר זיך געפאַרן, וואָס ער האָט אין זיך אַנטוויקלט אויף זיין לאַנגן און שווערן וועג אין די פאַרוואָרפנסטע ערטער אויף דער וועלט, איז אים איצט בייגעשטאַנען. דערצו, וואָס דאַרף ער זיך פאַר זיי שרעקן? אויב די אינקוויזיציע וואָלט שוין געהאַט גענוג באַווייזן קעגן אים, אַז ער האָט געפעלשעוועט קעגן דער קירך, וואָלט זי אים שוין היינט געווען אָפּגעשיקט צוזאַמען מיט די אַרעסטאַנטן אויף דער שיף קיין ליסאַבאָן צום אינקוויזיציע־טריבונאַל.

ער מוז זיי אויפנעמען ווי ער וואָלט זיך געפרייט מיט זייער קומען צו אים, און אפשר וועט ער זיך עפּעס דערוויסן פון זיי, וואָס עס איז געשען מיט פיליפּען? ער האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער און איז אַרויס פון זיין ביוראָ־צימער זיי צו באַגעגענען.

די טיר האָט זיך געעפנט מיט אַ רוישיקן קלונג פון דעם גלעקל, וואָס איז געהאָנגען איבער דער אינעווייניקסטער טירדעם. זיי זענען בײדע אַריין און געבליבן שטיין לעבן דער אַריבערגעטראָטענער שוועל.

— אַה, וואָסערע געסט! קומט אַריין. היינט האָב איך אַ מזלדיקן טאָג. עס שיינט די זון, עס איז פריילעך אויף דער פּראָסאַ און מיינע פריינד

קומען צו מיר — האָט דואַרטע אויסגערופן מיט אַן איבערגעטריבענער, אויפגעהייטערטער פרייד.

— יאָ, ווי זאָגט זיך דאָס ווערטל, אַז דער באַרג קומט נישט צו אונדז, מוזן מיר קומען צום באַרג, — האָט זיין געוועזענער שוואָגער געזאָגט און אַ באַהאַלטן שפּאָטיש שמייכעלע האָט זיך פאַררוקט אין די ווינקלען פון זיינע ליפּן.

זיי זענען אַריין טיפער אין דעם סחורה־לאַגער, פערדינאַנז אַנטאָניאָ האָט אים פריינדלעך געדריקט די האַנט.

— ע, איך בין נישט אַזוי פעסט ווי אַ באַרג. איך האָב זיך אַן אויפהער נאָכגעפרעגט וועגן דיר. איך האָב געוווּסט, אַז אונדזער נאָבעלער פריינד סענהאָר מאַרטעם בלאַנקאָ וועט דיך שוין גוט באַזאָרגן. ווי נאָר איך וועל דינגען אָדער קויפן אַ הויז וועל איך אייך גלייך פאַרבעטן.

— דאָס גרייטסטו זיך שוין חתונה האָבן? אָדער מיר וועלן דאַרפן לאַנג וואַרטן? — האָט זיין שוואָגער געזאָגט און דאָס ביטולדיקע שמייכעלע האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים.

— מיט אונדזער האַר יעזוסעס הילף וועט די חתונה פאַרקומען אין גיכן. די משפּחה דאַ סילוואַ האָט זיך איבערגעלייגט און באַשטימט, אַז די חתונה זאָל פאַרקומען אין דער קליינער פּאַראַפּיע־קירך נאָענט פון אונדזער היים — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ שטילער באַשיידנקייט.

דואַרטע האָט גלייך באַמערקט, אַז דער שווייגנדיקער מאַרטעם בלאַנקאָ האָט אַ לייכטן צאַפּל געטאָן ווען ער האָט געזאָגט, אַז די חתונה וועט אין גיכן פאַרקומען. איז ער נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון זיין איינרעדעניש אַז ער האָט געדאַרפט חתונה האָבן מיט גראַסיאַ? דער אַדלמאַן בלאַנקאָ האָט אָוועקגעדרייט דאָס פּנים צו דער טיפקייט פון סחורה־לאַגער מען זאָל נישט באַמערקן זיין אויפרודערונג און זיך נאָך מער איינגעהילט אין זיין וואָלענעם מאַנטל, ווי עס וואָלט אים געווען פיבערדיק קאַלט. עס איז געווען צו מערקן אַז בלאַנקאָ האָט געהאַט פאַרלוירן וואָג. זיין אַ ביסל אויסגעצערט פּנים האָט געהאַט רויטלעכע, עפּעס ווי פיבערדיקע פלעקן. אויך זיינע ביר־ברוינלעכע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט פיבער. איז ער קראַנק, אָדער איז ער נישט אויסגעשלאָפן?

— קומט אַריין, איך בעט אייך, אין מיין ביוראָ־צימער. איך וועל שיקן מיינע געהילפן זיי זאָלן ברענגען אַ הייסן געטראַנק, און ראַם איז דאָ ביי מיר איבער גענוג. מיר דוכט זיך, אַז אונדזער נאָבעלער פריינד סענהאָר בלאַנקאָ האָט פאַרלוירן אַ ביסל וואָג, וואָס קליידט אים זייער. ער דערמאָנט מיך מיט זיין איצטיקן אויסזען ווי אין דער צייט אין קאָיומבראַ־אוניווערסיטעט, — האָט דואַרטע געזאָגט ווי אים צו דערמאָנען אין די גוטע יאָרן, ווען זיי זענען געווען אינטימע פריינד און ער האָט אים באַטראַכט ווי אַן אייגענעם מיט אַ משפּחהדיקער נאָענטקייט.

— יאָ, ער האָט פאַרלוירן וואָג. די מולאַטינס און די ביטערע ווייבער נאָגן אים אויס דעם מאַרך פון די ביינער — האָט פערדינאַנז אַנטאָניאָ געשטיפּט.

— ווי פלעגט מיין פאָטער זאָגן: „מאַך פריילעך דיין האַרץ אין די טעג פון דער יוגנט״, — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט אים מקנא געווען, וואָס ער האַלט נאָך אין זיין יוגנט.

— יאָ, די צווייטע יוגנט. וואָס קומט אַרויס, אַז דאָס שענסטע מיידל אין ריאָ האָסטו צוגענומען, מוז ער שוין אָנהאַלטן מיט אַנדערע זיין יוגנט — האָט פערדינאַנז ווייטער געשפּאָסט.

— אָ, אין ריאָ זענען דאָ אַ סך שיינע פרויען. די שענסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אויף דער וועלט — האָט דואַרטע געזאָגט און געכאַפּט אַ קוק אויף מאַרטעם בלאַנקאָ. זיין טונקל, רויט־באַפלעקט פּנים איז געוואָרן בלייך.

— רעדט, רעדט, אונדזער דואַרטע איז שוין געוואָרן אַ מבין אויף אונדזערע פרויען. מיטן עסן וואַקסט זיין אַפּעטיט. איך טראַכט אַז נאָך איידער דו וועסט חתונה האָבן וועט מען נאָך צונעמען דיין כּלה. היט זיך זאָלסט נישט קריכן צו איר, עס קען דיר נאָך פאַרשאַטן — האָט מאַרטעם בלאַנקאָ געזאָגט מיט אַ בייסיקער אַפּלאַכערישער שטים.

דואַרטע האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און פאַרשטייפט די פויסטן ווי איינצוצוימען זיין אויפרעגונג. זיין פּנים איז געוואָרן בלייך.

— אויף דעם זענט איר געקומען צו מיר צו באַשימפן מיך און דאָנאַ גראַסיאַ? אַזוי רעדט דער אַדלמאַן פון דער גרויסער נאָבעלער בלאַנקאָ־משפּחה — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטים.

— אָ, ער האָט בלויז געשטיפּט, וואָסי. דו קענסט שוין נישט הערן קיין שפּאַס ? דו ווערסט אַלט, דואַרטע. מיר זענען גאָר געקומען דיך פאַרבעטן אַ הוליע צו טאָן. מאַרטעם בלאַנקאַ פאַרלאַזט ריאָ ; ער קלייבט זיך צו באַזעצן אין מינאַס־געריַאַס. ווו דאָס גאָלד געפינט זיך — האָט זיין געוועזענער שוואָגער אַרויסגעלייגט זיין האַנט אויף דואַרטעס אַקסל און אים ווי משפּחה־דיק אַ צי געטאָן צו זיך.

— עס ליגט מיר איצט נישט אין זינען צו גיין אַ הוליע טאָן מיט אים. איך בין שוין איבערגעוואַקסן יענע סטודענטישע יאָרן — האָט דואַרטע געזאָגט אַ פאַרברוגזטער.

— איך פאַרשטיי. דאָס אַרויסשיקן די פאַרזינדיקטע ניי־קריסטן קיין ליסאַבאָן ווירקט נישט גוט אויף דיין געמיט — האָט פערדינאַנז געזאָגט אין אַ גוטמוטיקן טאָן.

— פאַר וואָס זאָל עס מיך אַרן ? זאָלן זיי זיך פירן ווי גוטע קריסטן, וועט זיי קיין בייז נישט געשען. דער אינקוויזיציע־טריבונאַל וועט די ערלעכע נישט באַשטראָפן — האָט דואַרטע האַסטיק געזאָגט, ווי ער וואָלט זיך צוגע־איילט אויסצודריקן, אַז ער טיילט זיך אָפּ פון די פאַרשיקטע. ער האָט באַמערקט אַז מאַרטעם בלאַנקאַ פאַרדעקט מיט זיין האַנט דאָס אַפּלאַכערישע שמייכעלע אַרום זיין מויל, ווי ער וואָלט נישט געגלויבט קיין איין וואָרט, וואָס ער, דואַרטע זאָגט.

— אָ, אים אַרט בלויז זיין געשעפט־פאַרוואַלטער און שותּף פיליפּע, וואָס האָט געקראָגן אַ האַרצשלאַג אין דער אינקוויזיציע־קאַמער. איצט וועט מען שוין באַלד קומען קאָנפיסקירן זיין חלק אין דעם געשעפט דאָ. דאָס שמעקט אים אפשר נישט.

דואַרטע האָט אַ לייכטן ציטער געטאָן. זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס און באַלד רויט־צעפלאַמט. עס האָט גענומען אַ ווײַלע און ער האָט זיך באַרויִקט.

— וואָס פיליפּע האָט דאָ אין דעם סחורה־לאַגער איז זיינס און עס באַלאַנגט נישט צו מיר. אַלץ איז פאַרשריבן אין די געשעפטס־ביכער. איך וועל עס אויסצאָלן דער קרוין אָדער זיין ווייב, וואָס עס קומט אים — האָט דואַרטע געזאָגט אַ רויִקער, ווי עס וואָלט אים נישט געאַרט וואָס עס האָט געטראָפן מיט פיליפּען.

— זיין ווייב, כע, כע, אַ שיין געלעכטער, ער האָט דאָך זי דענונצירט פאַר דער אינקוויזיציע, אַז זי האָט אים אָנגעטאָן כּישוף און אָנגעוויזן אויף דער אַלטער מכשפה, וואָס האָט איר געהאָלפן. איצט וועט זי אַזוי גיך נישט זען די ליכטיקע שיין, — האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ בייסיק געלעכטער.

— אומגלייבלעך. פיליפּע האָט זי דאָך אַזוי ליב געהאַט — האָט דואַרטע געדרייט מיטן קאָפּ.

— ליב געהאַט? אַ ייִד האָט נאָר ליב זיין געלט. נאָר אַזאַ איינער קען טאָן אַזאַ זאַך. זי האָט אים נאָך פריִער געהאַסט און געזוכט פון אים אַרויס־צוקריכן — האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ לאַכנדיקער שטים.

— זי האָט מיט אים, הייסט עס, חתונה געהאַט צוליב זיין געלט? — האָט דואַרטע געזאָגט און אים אָנגעקוקט מיט אַ ביטולדיקן שמייכעלע.

— דער טיִיוּל ווייסט זיי ביידן — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי עס וואָלט אים שוין געלאַנגווייליקט ווייטער צו רעדן וועגן דעם.

מאַרטעם בלאַנקאַ האָט ווי פריִער בעת ער איז דאָ אַריינגעקומען, ווידער גענומען קוקן אויף דעם סחורה־לאַגער. ער האָט זיך אַריינגערוקט טיפער צו די שטויסן מיט אָריענטאַלישע טעפּעכער, ער האָט באַטאַפּט די כּלערליי קאָלירטע זיידענע טיכער פון אינדיע.

— אַ וואָזשנע געשעפט האָט ער זיך דאָ געמאַכט. ער איז ערשט דאָ אין לאַנד אַ קורצע צייט און זע, שוין אַזאַ רייכקייט — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט צו פערדינאַנז אַנטאָניאָ מיט אַ נישט־פאַרגינערישן טאָן.

— אפשר וויל אונדזער אַדלמאַן סענהאָר בלאַנקאַ קויפן אונדזער סחורה־לאַגער, אָדער ווערן מיין שותּף אויף פיליפּעס אָרט — האָט דואַרטע געפרעגט מיט אַ סאַרקאַסטישער שטים.

— ווער דאַרף עס קויפן, נישטאָ אַזעלכע נאַראָנים. אפשר וועט מען דאָס קריגן שפּעטער האַלב אומזיסט, ווען די קירך וועט באַפעלן דער קרוין אַרויפצולייגן אַ זיגל אויפן וואַקס פון דער פאַרשלאָסענער טיר — האָט בלאַנקאַ ווידער געזאָגט מיט אַ בייסיקער שטים.

— עס וועט נישט קומען צו דעם. איך האָב מער נישט קיין חשק ווייטער צו רעדן אומנייטיקע רייד — האָט דואַרטע געזאָגט און זיך אָפּגעריסן פון

אָרט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין ביוראָ־צימער. ביי דער שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיין געוועזענעם שוואָגער.

— פערדינאַנז אַנטאָניאָ, אויב דו ווילסט מיט מיר רעדן, קום אַריין צו מיר אין ביוראָ. אונדזער נאַבלמאַן איז געקומען צו מיר, זעט אויס, מיך צו באַליידיקן און פאַראורטיילן אין מיין אייגענעם הויז — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמט קול.

— אָ, נעם עס נישט צו ערנסט, דו קענסט דאָך אים פון די אַמאָליקע יאָרן. ער האָט זיך ליב צו רייצן, אָבער ער מיינט עס נישט, — האָט פערדי־נאַנז געזאָגט און זיך דערנענטערט צו דואַרטע. ער האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם מיט אַ שטאַרקן האַנטדרוק.

— דיין קומען צו מיר. דאַרפסטו וויסן, איז פאַר מיר אַ גרויסע פרייד. עס דערמאָנט מיך אין די אַלטע גוטע צייטן, אָבער דיין באַגלייטער האָט עפּעס קעגן מיר. אפשר האָב איך אים שלעכטס געטאָן? איין גאָט ווייסט, אַז איך פיל זיך אין גאַנצן אומשולדיק. נאָך אַלעם בין איך דאָ אין לאַנד אַ קורצע צייט בלויז. ווען האָב איך אים געקענט שלעכטס טאָן? אַ מאָל זענען מיר דאָך געווען גוטע פריינד.

— נו, איז דאָך גוט. לאָמיר טאַקע אַריינגיין צו אים אין ביוראָ־צימער. אונדזער פריינד בלאַנקאָ איז אַ ביסל נישט געזונט, איז ער קרענקלעך און ביטער נישט בלויז צו דיר, נאָר צו אַנדערע אויך, מיין ליבער דואַרטע.

— וואָס וויל ער מיר איינרעדן, אַז איך בין קרענקלעך, און נישט געזונט — האָט סענהאָר בלאַנקאָ אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג פון זיין האַנט, ווי ער וואָלט צו נישט געמאַכט זיין פריינדס פאַרענטפערן אים.

—יאָ, ער האָט בלויז אַ געזונטע קרענק. ער האָט אַ צו גרויסן האַרעם מיט יונגע מולאַטינס און מאַמעלוקאָס.* עס שטערט אים בלויז צו רייטן אויף זיין פערד. דאָס האָבן אים די יונגע אומריינע מולאַטקעס געגעבן... ווען ער וועט אַרויספאָרן קיין מינאַס־געריאַס צו די גאָלדגרובנס ווו זיין פרומער פעטער קאַסטעלאָ בלאַנקאָ האָט אים אַרויסגערופן, וועט זיך אים אַלץ אויס־היילן...

* מאַמעלוקאָס — פאָרטוגעזער ווייסע, געמישטע מיט אינדיאַנער.

דאָרטעס האָט ווידער אַ קוק געטאָן אויף מאַרטעם בלאַנקאָס פּנים. די רויטע פלעקן אויף זיין פּנים, קינבאַקן און שטערן האָבן זיך אויך אויסגעשפּרייט אויף זיין האַלדז.

— אַלע צינען זיך אַוועק קיין מינאַס־געראַיאַס, און דו, מיין ליבער פּערדינאַנד, האָסט גאָרנישט קיין חשק מיטצופאָרן. דאָס גאָלד, וואָס מען האָט דאָרט געפונען, האָט אַ מאַגישע קראַפט — האָט דאָרטעס געזאָגט און אָנגעוויזן זיינע געסט שטולן לעבן ביוראָטיש, ווי ער וואָלט זיך משער געווען, אַז זיי זענען נאָך עפּעס געקומען.

— ווי נאָר איך וועל פאַרענדיקן מיט מיינע שקלאַפן, וועל איך זיך אַרויסלאָזן אויף די אַוואַנטורעס.

— וואָס? נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט? מיט אַזאַ גוטער סחורה דאַ אין לאַנד פאַר די גאָלדגרובנס, פּלאַנטאַציעס? — האָט דאָרטעס זיך געוווּנדערט.

— איך האָב געמאַכט אַ שטיקל טעות. אַנשטאָט צו ברענגען שטאַרקע קאַנגאָ־שקלאַפן האָב איך געבראַכט יונגע און צו טייערע דעליקאַטע מיידלעך און יונגע פרויען פון די אַראַבישע געביטן. איך האָב נאָך בלויז איינע, וואָס איך קען פון איר נישט פּטור ווערן, זי האָט מיך געקאָסט צו פיל געלט. די קונים שרעקן זיך זי אַריינצונעמען ווי אַ הויז־באַדינערין אָדער פאַר אַ שלאַפמויד פון אַן אויסגעהונגערטן פּלאַנטאַטאָר...

— זי מוז זיין זייער מיאוס, אָדער אפשר קראַנק? — האָט דאָרטעס געפרעגט.

— פאַרקערט, זי איז שיין ווי די וועלט. דאָס האָב איך געמיינט זי דיר צו פאַרקויפן. פאַר אַן אַלמן, אַ קאַוואַלער, פּונקט פאַר דיר צוגעפּאַסט. געדענקסט ווי איך האָב זי דיר פאַרגעשלאָגן ווי נאָר איך בין אַרונטער פון שיף, אָבער אַז דו האָסט שוין אַ כּלה חתונה צו האָבן, איז דאָך נישטאָ וואָס צו רעדן.

— וואָס? ער קען זיך נישט פאַרגינען צו האָבן ביי דער זייט אַ קעפּסווייב? — האָט מאַרטעם בלאַנקאָ זיך אַריינגעמישט מיט זיין אָפּלאַכערישער שטים.

דאָרטעס האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך געמאַכט אַז ער האָט גאָרנישט געהערט וואָס בלאַנקאָ האָט געזאָגט.

— די צרה איז, וואָס זי לאָזט זיך נישט אָנרירן. זי בייסט, דראַפּעט מיט די נעגל ווי אַ חיה. קונים שרעקן זיך פאַר איר, עפּעס ווי אַ טייוול שטעקט אין איר. שלאָגן קען איך זי נישט. איך קען זי נאָך מאַכן פאַר אַ קאַליקע, זי דערהרגענען און פאַרלירן ס׳געלט. די איינציקע זאַך וואָס איך קען טאָן איז, וואָס איך וועל בינדן אירע הענט און פיס.

— אין יעדן געשעפט טרעפן זיך שוועריקייטן, מען מוז האָבן געדולד — האָט דוואַרטע אים געטרייסט.

— טאָקע וועגן דעם בין איך צו דיר געקומען. געדענקסט, איך האָב דיר געהאַט געזאָגט ביי מיין אָנקומען אויפן פּאָרט, אַז איך האָב אַ „פאַלאַסהאַ״* פון עטיאָפּיע, אַ געמישטע מיט דער ווייסער ראַסע. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז אַן איניקל פון דער מלכּה־שבא און זי טענהט, אַז זי איז אַ ייִדישע. איך האָב זי נאָכן קויפן גלייך געטויפט. איך קען אָבער נישט אַרויסהאַקן דאָס משוגעת פון איר קאָפּ. איך שרעק זיך די אינקוויזיציע זאָל זי נישט צונעמען פון מיר.

— וואָס קען איך טאָן? איך בין אַ קריסט פונקט ווי איר. איך ווייס גאָרנישט פון די זאַכן. איך בין אַ סוחר פון נישט באַוועגלעכע זאַכן. דו געדענקסט, אַז איך האָב קיין מאָל נישט געוואָלט האַנדלען מיט קיין לעבע־דיקע באַשעפענישן.

— איך ווייס, איך ווייס. איך בעט דיך בלויז זאָלסט מיט מיר מיטגיין און פּרוּוון מיט איר רעדן. דו קענסט אַ ביסל פון זייערע לשונות ביים אַראַבישן ים, דאָס ווייס איך. דו ווייסט אויך ווי צו רעדן מיט פאַרשיידענע מענטשן. אפשר וועסטו זי איינשטילן — האָט פערדינאַנז גערעדט מיט אַ בעטנדיקן קול.

— איך האָב ווייניק צייט. פיליפּע איז מער נישטאָ מיט אונדז. איך דאַרף אַלץ אַליין באַזאָרגן. איך ווייס נישט וואָס איך קען טאָן מער ווי דו אַליין קענסט טאָן — האָט דוואַרטע זיך געקווענקלט. עס איז אים שווער געווען צו באַשטימען צי ער דאַרף זיך אַריינמישן וועגן אַ שקלאַפין, וואָס רעדט זיך איין, אַז זי איז אַ ייִדישע. אפשר טויג עס נישט פאַר אים אין דעם מצב

---

* פאַלאַסהאַ — אַ פאַלאַשין.

ווי ער געפינט זיך, ווען זיין גאַנצע משפחה ווערט פאַרדעכטיקט, אַז זיי פירן אַ באַהאַלטן ייִדיש לעבן. ער האָט אָבער נישט געקענט אָפּזאָגן זיין שוואָגער זיין מיטהילף, ווייל ער האָט דאָ אין שטאָט אַזוי ווינציק פריינד. ער קען זיך נישט פאַרגינען צו פאַרלירן די אַלטע פריינדשאַפט פון פערדינאַנז צו אים.

— נו, הייסט עס, דו גייסט מיט אונדז! — האָט פערדינאַנז אויסגערופן.

דואַרטע האָט אויסגעגלייכט זיינע מלבושים אויף זיך און אַרויסבאַגלייט זיינע געסט פון זיין ביוראָ־צימער. דואַרטע האָט באַמערקט, אַז מאַרטעם בלאַנקאַ האָט זיך ווידער אויסגעדרייט און אַריינגעקוקט אין דער טיפער ווייטקייט פון דעם איבערפולטן סחורה־לאַגער, ווי עס וואָלט אים אינטערע־סירט צו זען וואָס דאָרטן געפינט זיך אין דעם אָנגעזאַמלטן געשעפט.

— דואַרטע וויל אונדז גאָרנישט ווייזן, וואָס ער פאַרמאָגט דאָ אַלץ. אפשר וואָלסטו, פערדינאַנז, דאָ עפּעס געקראָגן פאַר דיין ווינונג, וואָס דו ווילסט דאָ איינשטעלן — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט.

— נישט איצט, אפשר וועל איך זיך גאָר באַזעצן אין אַ ווילע ביי די גאָלדמינען אין מינאַס־גערײַאַס.

— אָ, יאָ, דאָרטן זענען שוין דאָ נייע געטעסעטע, שטיינערנע הייזער, רייכע ווילעס, ניי־געבויטע. הייגט די קירכעס מיט די מאַדאָנעס, רעליקוויעס געמאַכט פון גינגאָלד — האָט בלאַנקאַ געריידט אַן אויפגעהייטערטער.

— יאָ, מען דאַרף זיך וואָס גיכער אַרויסלאָזן דאָרט און אפשר וואָלט איך אונדזער דואַרטע מיט מיר מיטגעפאָרן. מיר קענען מאַכן אַ דרייבונד, אַ שותּפותדיק געשעפט, איינס אין דער וועלט. מיט זיינע געשעפטס־פעיִקייטן קענען מיר ווייט דערגיין. מען זאָגט, אַז דער גרעסטער טייל פונעם גאָלד וואָס ווערט דאָ אויסגעגראָבן ווערט פאַרקויפט צו די ענגלענדער און די ניי־קריסטן אין פּאָרטוגאַל פאַרנעמען זיך מיט דעם.

— ניין, נישט געאיילט זיך, מיין פעטער קאַסטעלאָ האָט פיינט די ניי־קריסטן, די כיטרע שאַכער־מאַכער־ייִדן — האָט בלאַנקאַס פּנים זיך פאַר־קרימט.

— שאַ, דינגט זיך נישט. איך בין גאָרנישט גרייט דאָרטן צו פאָרן — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַן אויפגעלעבטער שטים.

ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ מאָדנע זיכערקייט אין זיך. אפשר איז

מאַרטעם בלאַנקאַ, פאַר וועלכן ער שרעקט זיך, אַז ער וועט העלפן אויס־טראַכטן אויף אים אַ בילבול און צוגרייטן אויף אים פאַלשע עדות, אַז ער, דואַרטע פירט זיך באַהאַלטענערהייט ווי אַ ייִד, גאָר נישט זיין שׂונא? ער האָט זיך ליב מיט אים צו רייצן, ווי זיין געוועזענער שוואָגער האָט אים פריִער געזאָגט. עס קען זיין, אַז ער וויל אים גאָר אַריינגעמען אין אַ שותפות. זיין געוועזענער שוואָגער האָט מורא זיך אַליין אַריינצולאָזן אין אַ געשעפט מיט דעם לעביונג און אַוואַנטוריסט מאַרטעם בלאַנקאַ און ער וויל אים, דואַרטען, אויך אַריינציִען אין דער אַוואַנטורע. זיין שוואָגער גלויבט אין זיינע פעיִקייטן און ער איז אויסן זיך צו פאַרזיכערן, אַז זיין פאַרמעג וועט נישט צעטרענצלט ווערן פון מאַרטעם בלאַנקאַ אין מינאַס־געריִאַס, ביי די גאָלדגרובן.

ביים אַרויסגיין האָט דואַרטע זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם טאָמבאַנק ווו זיינע צוויי משרתים האָבן זיך געפּאָרעט אויסצוגלייכן און ברענגען אין אָרדענונג די אָנגעוואָרפענע סחורות, שטיקער זיידנוואַרג, ווי צו ווייזן, אַז זיי טוען עפּעס, וואָרעם קיין קונים זענען דאָ אַ גאַנצן טאָג נישט געווען.

— איך גיי אַוועק מיט מיינע פריינד. איך וועל אפשר שוין נישט קומען צוריק. פאַרמאַכט צו דער צייט דאָס הויז און פאַרשליסט גוט די טירן.

די צוויי משרתים האָבן הכנעהדיק געשאָקלט מיט די קעפּ. יאָ, זיי וועלן טאָן וואָס סענהאָר דאַ סילוואַ באַפעלט זיי צו באַזאָרגן.

די דריי מענער זענען אַרויס אין דרויסן. די פּראַסאַ איז ווי אַלע טעג פאַר נאַכט צו, שוין געווען איינגעשטילט. דער פון פריִער אָנגעלאָפענער המון איז שוין דאָ מער נישט געווען. בלויז ביים באָרטן פון ים זענען נאָך געשטאַ־נען הייפעלעך נייגעריקע, וואָס האָבן געקוקט ווי די מאַטראָזן זענען געקראָכן אויף די ריזיקע מאַסטן און באַפעסטיקט די זעגלען. די פּאָרטוגעזישע פאָן אויפן העכסטן מאַסט האָט אין דער שפּעטער שעה געפלאַטערט האַסטיקער. דער ווינט וואָס האָט געיאָגט פון דער ים־ווייטקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט, די זון האָט זיך שוין אַרונטערגעלאָזט ווייט אַוועק פון ברעג ווי אַ רויטער באַלעם צווישן הימל און ים. אַ זשאַרע פאַרנאַכטיקע רויטקייט האָט זיך ווי צעגאָסן איבער דער בלויער ווייטקייט מיט צערויטלטע כוואַליעס.

דואַרטע האָט ווידער דערפילט אַ שטעכיקן דריקנדיקן ווייטיק ביים

האַרצן. דאָרט, אין דער שיף, וואָס גרייט זיך צו פאַרלאָזן דעם ברעג, געפינט זיך זיין שקלאַף אַבדול, וואָס ווייס מער ווי אַנדערע וועגן זיין לעבן אין די פּאָרטן ביים אַראַבישן ים. דאָרט אין ליסאַבאָן וועט דער אינקוויזיציע־טריבונאַל מיט גוואַלד אַרויסקריגן עפּעס וועגן זיינע פּירונגען, וואָס דערפון וועלן זיי צונויפשטעלן קעגן אים אַ באַשולדיקונג, וואָס קען פאַר אים ווערן אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע. דאָס וואָס זיי האָבן דאָ נישט געקענט אַרויס־קריגן פון פיליפּען, וועלן זיי אַרויסקריגן פון אַבדולן. דואָרטע האָט מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן זיין אָטעם ער זאָל נישט הויך אָפּזיפצן.

זיי זענען צוגעקומען צו אַן אַלטער שטיינערנער געבידע מיט קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך נעבנטער צום דאַך צו. אין פאָרנט פון דעם הויז איז געווען אַ גרויסע טויערדיקע טיר, וואָס איז גיכער געווען אַן אַריינ־פיר־טויער פון אַ שטאַל פאַר פערד. פערדינאַנד האָט געעפנט אַ קליינע זייטיקע טיר לעבן דעם טויערדיקן אַריינגאַנג. אינעווייניק אין קאָרידאָר האָט אַ שלאַג געטאָן אַ טוכלער גערוך פון פערדישן מיסט און צואה, וואָס האָט זיך געשפּאַרט דורך די ווענט. זיי זענען אַרויף מיט די טרעפּ צו אַן אויבערשטן גאָרן. אין דעם ברייטן דורכגאַנג האָט פון די אויבערשטע פענצטערלעך אַריינגעפלייצט אַ פאַרנאַכטיקע טריבע ליכטיקייט. ביי די טירן פון די פאַר־מאַכטע חדרים איז געזעסן אַן אַלטער וועכטער מיט אַ גרוי באַבערדלטיקן אָנוווקס אויף זיין געלבלעך איינגעשרומפּטן מולאַטאָ־פּנים. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ דרימל און זיך שלעפעריק גענומען שיבערן זיינע גע־קרייזלטע, קורצע האָר אויפן קאָפּ. ער האָט זיך פויל אויפגעשטעלט, צוגע־שלייכט צו דער טיר און זי געעפנט.

— זי האָט גאָרנישט געוואָלט עסן, כאָטש שטופּ אין איר מויל אַריין די הירזש און רייז מיט צוקער, וואָס איך האָב איר געגעבן — האָט ער אָנגעוויזן אויף די צוויי ערדערנע שיסלען מיט פאַרטריקנט שפּייז.

דאָס שקלאַפן־מיידל איז געלעגן איינגענורעט אויף אַ שטרויזאַק, דאָס פּנים פאַרגראָבן, פאַרשטעלט מיט אירע הענט. די לאַנגע, כוואַליענדיק־צעשויבערטע, שוואַרצלעכע האָר זענען געלעגן צעוואָרפן איבער איר קאָפּ ביז אַרונטער צו איר ברוסט. אויף אירע פיס זענען געווען איינגעקורטשעט און פאַרהילט מיט איר פאַרפלעקט ווייצן־קאָלירט לייוונטקלייד.

פערדינאַנז איז צוגעגאַנגען צו איר. זי ליִיכט אָנגערירטביים אַקסל. דאָס מיידל האָט אַ צאַפּל געטאָן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ. אירע ברוינע, פיבערדיק-צעגלאַנצטע אויגן האָבן געקוקט מיט צעטומלטע דערשראָקענע בליקן אויף די אַריינגעקומענע. זי האָט זיך גענומען רוקן צו דער וואַנט, און זיך געקורטשעט ווי ערגעץ ווו צו פאַרשווינדן. איר אַ ביסל לענגלעך, דעליקאַט פּנים האָט געהאַט דעם קאָליר ווי פון אָפּגעברענט ברוינעם צוקער, די באַקן אויסגעבלייכטע, איר נאָז לענגלעך און שמאָל, די ליפּן פול און זאַפּטיק מיט שאַרפע שניטן ביי די ברעגן.

פערדינאַנז האָט מיט כּעס זי אָנגעכאַפּט ביים אַקסל, זי אַ שלעפּ געטאָן פון איר אָרט און זי אַ טרייסל געטאָן. דאָס מיידל האָט אויפגעריסן דאָס מויל, אַ גריזשע געטאָן מיט אירע שאַרפע, ווייסע ציין און אַ סיקע געטאָן מיט אַ ווילדער שרעק ווי אים צו בייסן. ער האָט זי צוריקגעוואָרפן אויפן שטרוי־זאַק.

— נו, איר זעט?! זי וויל בייסן ווי אַ ווילדע חיה, ווי אַ היענע פון דזשאַנגל.

— פאַלאַסהאַ! דו ווילסט דאָ אויסגיין פון הונגער? איך וועל דיך פריִער דערשטיקן און זיך מיט דיר נישט האַלטן — האָט פערדינאַנז געשריגן, — איך וועל הייסן דעם וועכטער דיך שמייסן אין הינטן, דו וועסט מער נישט קענען ליגן אויפן שטרויזאַק.

מאַרטעם בלאַנקאַ האָט הויך און קייכנדיק געלאַכט מיט הנאה.

— אוי! איך וואָלט דאָס שוין געוואָלט זען. און דאָס שטיק ווילסטו מיר פאַרשלייערן פאַר גוט געלד, איך זאָל זי מיטנעמען קיין מינאַס-גערײַאַס. זי טויג נישט פאַר דער קיך און נישט צום בעט. מיין פעטער קאַסטעלאַ, ווען ער וועט דאָס דערזען, וועט ער מיך נישט אַריינלאָזן אין הויז. פאָלג מיך, פּאַק זי איין און שליידער זי אין ים אַריין.

— לאָזט זי אָפּ, איך בעט אייך; זי שרעקט זיך דאָך פאַר אייך — האָט דוואַרטע שטיל געזאָגט מיט אַ געבעט.

— איך טו איר גאָרנישט, פאַר וואָס זאָל זי זיך שרעקן פאַר מיר? איך האָב זי נאָך אויפן שיף געדאַרפט אַריינוואַרפן אין ים, אַ מאָלצייט פאַר די ים-לייבן, — האָט פערדינאַנז געזאָגט מיט כּעס און אַ מאַך געטאָן מיט

דער האַנט ווי ער וואָלט שוין נישט געזען קיין שום האָפענונג עפּעס צו האָבן פון איר.

— איך וואָלט טאַקע געוואָלט זען, אַז דו זאָלסט אַריינרופן דעם מולאַט ער זאָל אויפהויבן איר קלייד און זי שמייסן אויפן נאַקעטן הינטן — האָט בלאַנקאַ זיך געבעטן.

— אַך, וואָס רעדט איר! איך בעט אייך, גייט אַרויס אַ ווײַלע. איך וועל פּרווון מיט איר רעדן. זי שרעקט זיך פאַר אייך — האָט געזאָגט דואַרטע.

— אָ, ווילסט דאָס מאַכן מיט כּישוף־שטיק, מיר זאָלן נישט זען וואָס דו טוסט — האָט בלאַנקאַ געשטיפט.

— קום אַרויס. זאָל ער טאָן וואָס ער וויל. עס איז מיר שוין אַלץ איינס — האָט פערדינאַנד געזאָגט און אָנגענומען בלאַנקאַ ביים אָרעם.

זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט פון שטוב און זיך געשטעלט ביי דער דרויסנ־דיקער זייט פון דער אָפענער טיר.

דואַרטע האָט זיך צוגערוקט נענטער צו דעם שטרויזאַק, ווו דאָס שקלאַפן־מיידל איז געלעגן. ער איז געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע שטיל און געקוקט אויף איר מיט זיינע טרויעריקע אויגן. עס איז אים שווער געווען צו רעדן. עס האָט זיך אים געריסן אַ געוויין פון האַרץ אויף דעם ביטערן גורל פון דעם מינער־יעריקן מיידל, וואָס קומט מסתמא פון אַן אָרנטלעכער משפּחה און וואָס איז געפאַנגען געוואָרן פון די שקלאַפן־יעגערס און זי קען נישט קומען צו זיך פון שרעק און פאַרצווייפלונג. עס האָט אים אויך ווי געטאָן אויף זיין אייגענעם אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפן, מיט דעם וואָס זיין פריינד פיליפע ליגט נאָך אפשר אַ פאַרפיניקטער אין אַ קעלערדיקער אינקוויזיציע־קאַמער, ווו ער ווערט געצוווּנגען צו פאַרמסרן אים, און זיינע שונאים וואַרטן שוין ווי די רויבפויגלען אויף אים צו פאַרצוקן. זיינע אויגן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט טרערן.

דאָס שקלאַפן־מיידל האָט אַוועקגעשאַרט אירע צעשויבערטע האָר און אים אַ דערשטוינטע אָנגעקוקט מיט אירע אַרויסגעשפּאַרטע אויגן, וואָס זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ טרערנדיקער פייכטקייט. קליינע טרערן־טראָפּנס האָבן זיך גענומען אַרונטערגליטשן אויף די באַקן צו די ווינקלען פון איר מויל, וואָס האָט זיך אויסגעקרימט מיט אַ יסורימדיקן וויטיק.

דוּאָרטע האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אין קעשענע פון זיין מאַנטל אַ קליין טאָרבעלע מיט מאַנדלען און טייטלען, וואָס ער טראָגט מיט זיך פיל מאָל, כדי צו שטילן זיין הונגער און נישט דאַרפן עסן די געפּרעגלטע חזיר־פעטע אומריינע מאכלים אין די פּאָרט־האַרבעריקס און אין די טרינק־הייזער.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס זעקעלע פון קעשענע. אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע, דאָס העל־ברוינע פּנים ווי פון פאַרברענט צוקער־קאָליר האָט מיט אַ מאָל אויפגעלעבט. זי האָט ווי אַ ווילד חיהלע פאַרזיכטיק אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ כאַפּ געטאָן דאָס זעקעלע און גענומען האַסטיק עסן. נאָכן אָפּעסן אַ היפּשן טייל, האָט זי נאָך מער גענומען שמייכלען צו אים און גענומען אויסווישן אירע פאַרטרערטע אויגן מיט אירע ציטערנדיקע פינגער.

זי האָט דערנאָך לאַנג נאָכגעקוקט זיין יעדן באַוועג, צי ער גרייט פאַר איר צו עפּעס אַ פּאַסטקע זי צו פאַרנאַרן. איר פּנים איז ווידער געוואָרן פאַרכמורעט. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט מיטן האַלב־ליידיקן זעקעלע עס אים אָפּצוגעבן.

— ניין, ניין, עס איז דיינס, עס וויפל דו קענסט און דאָס איבעריקע באַהאַלט אויף שפּעטער.

זי האָט זיך האַסטיק צוגעבויגן צו אים, אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי גענומען קושן. ער האָט לייכט, מיט אַ פאָטערלעכער צאַרטקייט, גענומען גלעטן אירע האָר ביים קאָפּ.

די צוויי מענער זענען דערשטוינטע אַריינגעלאָפן אין צימער.

— זע נאָר! זי קושט דאָך דעם כישוף־מאַכערס האַנט — האָט בלאַנקאַ אויסגעשריגן.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער האָט מזל צו פרויען. מיין שוועס־טער האָט דאָך פון אַלע מענער וואָס האָבן זי געוואָלט נאָר אים אויסגעקליבן. זי איז געווען אין אים פאַרליבט ביז משוגעת. שפּעטער, נו, עס איז געוואָרן, וואָס עס ווערט פון אַלע ליבעס... זאָל זי האָבן אייביקע רו — האָט פערדינאַנז אָפּגעזיפצט.

— נאָך דעם האָט זי איינגעזען אַז ער טויג נישט, דאָרט ווו מען באַדאַרף

טויגן, טויג ער נישט... — האָט בלאַנקאַ געשטיפּט. פערדינאַנז האָט טרויע־ריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דאָס שקלאַפן־מיידל האָט זיך ווידער גענומען איינקורטשען און זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט, ווי זי וואָלט זיך געשטופּט אַנטרינען צו ווערן אין דער וואַנט אַריין.

— הערט אויף צו רעדן באַרישקייטן, דאָס מיידל שרעקט זיך פאַר אייך — האָט דוארטע געזאָגט.

— גיב זי אים אַוועק, זעסט נישט, אַז עס ציט זי צו יידן, אַפילו ווען זיי ווערן שוין ניי־קריסטן, זענען זיי נאָך אַלץ יידן. עפּעס איז דאָ אַ מאַגנעט צווישן זיי, וואָס איך פאַרשטיי נישט... — האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ חוזק־שמייכעלע וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיין מויל.

— אפשר טאַקע ? נעם זי דערוויל אין הויז פון די דאַ סילוואַס ווו דו וווינסט. דו האָסט דאָך שוין מער נישט דיין שקלאַף אַבדול. דאָס הויז מוז זיך דאָך נייטיקן אין הילף — האָט פערדינאַנז צו אים גערעדט מיט אַ בעטנדיקער שטים.

— איך קען נישט, פערדינאַנז. איך בין נישט איינגעשטעלט. אפשר שפּעטער, ווען איך וועל האָבן אַן אייגן הויז. דערוויל וועל איך אייך העלפן זי נעמען, אויב איר ווילט, אין קאַסטעל בלאַנקאַס הויז. צווישן אַנדערע הויזשקלאַפן וועט זי זיך פילן מער היימיש.

— ער האָט מורא זי מיטצונעמען פאַר זיין כלה דאָנאַ גראַסיאַ — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט.

— ביי אונדז האָט קיינער נישט מורא איינער פאַרן אַנדערן. דאָס הויז־באַלעבאַטישקייט וועט באַלאַנגען צו דאָנאַ גראַסיאַ. נאָר זי וועט דאַרפן אויס־קלייבן אַלץ וואָס זי וועט זיך נויטיקן נאָך אונדזער חתונה.

מאַרטעם בלאַנקאַס פּנים האָט זיך פאַרכמורעט. ער האָט מיט כעס אַ גריזשע געטאָן מיט די ציין און פאַרשטשעמעט דאָס מויל.

אַלע זענען געוואָרן שטיל און געקוקט ווי דאָס שקלאַפן־מיידל האָט גענומען אויסגלייכן אירע האָר. זי האָט זיי פאַרוואָרפן הינטער איר קאָפּ און זיי פאַרוויקלט אין געפלאָכטענע צעפּלעך. איר אַ ביסל לענגלעך פּנים האָט זיך אָפּגעדעקט. אויף אירע קליינע אויערן זענען געהאָנגען קופּערנע

אויערריינגלעך מיט אַן אות־אויסקריצונג מיט דריי פֿאַררונדיקטע שפּיצן־קעפּלעך. דואָרטע האָט אַ ציטער געטאָן. עס איז געווען דער אות „ש", וואָס ער האָט נאָך געדענקט פֿון דער צייט, ווען זיין פֿאָטער האָט אים געהאָט געלערנט אין די קינדער־יאָרן דעם אלף־בית.

דואָרטע איז געשטאַנען אַ ווײַלע צעטומלט. עס איז אים שווער געווען צו באַשטימען צי ער זאָל זי לאָזן אין דער שטאָל־געביידע, ווו זי קען נאָך אָרונטער פֿון זינען, אָדער זי איבערגעבן אין די הענט פֿון מאַרטעם בלאַנקאַ. ער האָט ענדלעך אויסגעשטרעקט די האַנט און זי אָנגענומען ביים אָרעם.

— קום מיט אונדז, ביי דעם נאָבלמאַן קאַסטעל בלאַנקאַ וועסטו האָבן אַ גוטע היים.

זי האָט זיך איינגעהערט אין זיין שטים, צו זיין לשון וואָס זי האָט אַ ביסל פֿאַרשטאַנען. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי באַשטייט צו גיין מיט אים.

— גוט, איך וועל זי נעמען אין אונדזער הויז אַריין. די מולאַטינס און די מאַמאַלוקאַ־מיידלעך זענען מיר שוין נמאס געוואָרן. זיי זענען אַלע קרעציק און פֿאַראומרייניקט — האָט בלאַנקאַ געזאָגט. זיין פּנים מיט די רויטע פֿלעקן האָט זיך פֿאַרקרימט.

— בלאַנקאַ, האַלט זיך אַ ביסל איין. דו האָסט זי נאָך נישט געקויפֿט, דו זאָלסט קענען טאָן מיט איר אַלץ וואָס דו ווילסט. דערצו האָט דיך דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאָראַ געוואָרנט זאָלסט זיך דערווייל נישט צורירן צו קיין פֿרויען — האָט פֿערדינאַנז געזאָגט אין אַ האַלב ערנסטן און האַלב שפּאַסיקן טאָן.

— עך, וואָס וויסן די היינטיקע דאָקטוירים. אַזוי ווי איך מוז נישט דער־ציילן אַלץ אונדזער פֿאַראַפּיע־גלח ווען איך קום צו אים, מען זאָל פֿאַרגעבן מיינע זינד, אַזוי מוז איך נישט אַלץ דערציילן דאָקטאָר לאָראַ, — האָט בלאַנקאַ געלאַכט.

— דו נאַרסט נישט קיינעם, נאָר זיך אַליין — האָט פֿערדינאַנז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אָפּגעהאַקט דעם שמועס.

ער האָט געבראַכט אַ וואָלענעם טוך און געגעבן דואָרטען ער זאָל אים אַרויפֿלייגן אויף איר אַקסל. דאָס שקלאַפֿן־מיידל האָט זיך אין דעם איינגע־הילט און זיי זענען אַרויס פֿון צימער.

זיי זענען שווייגנדיקע אַרונטער פון די טרעפּ און אַרויס אין גאַס. זיי זענען געגאַנגען צום סאַמע מיטן פון דער פּראַסאַ, ווו עס איז געווען דער וואַסער־פאַנטאַן און דערבײַ אַ ברונעם מיט אַ רונדיק דעכל פון אויבן. וואַסער־טרעגערס און פּרויען־שקלאַפן פון די נאָענטע און ווייטלעכע הייזער זענען געשטאַנען מיט זייערע קאַנען און קרוגן אַנצושעפּן וואַסער פון די אַרויס־געצויגענע פולע וואַסער־קאַנען. טייל פּרויען האָבן אַוועקגעטראָגן פולע וואַ־סער־קרוגן אויף די קעפּ און זיי אַפילו נישט אונטערגעהאַלטן מיט די הענט. אַרום זענען געשטאַנען וועגענער, טראָגשטולן מיט ווייכע אויסגעבעטע גע־לעגערס און קאַטשן, וואָס סוחרים און רייכע פּלאַנטאַטאָרס האָבן דאַ געהאַט אַוועקגעשטעלט. טייל פערד זענען געווען אויסגעשפּאַנט און צוגעבונדן לויז צו די אַקסן.

פּערדינאַנד האָט זיי צוגעפירט צו זײַן קעטשל, אין וועלכן אַן איינציק פערד איז געווען איינגעשפּאַנט. דאָס פערד האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אין דער נאָכהענגענדיקער שפּייזטאָרבע און שלעפעריק געקייט. ער האָט עס אַ קיצל געטאָן ביי דער גריווע, און דאָס פערד האָט אַ דערפרייטס אַ הירזשע געטאָן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— האַ, דו ווילסט אַ טרונק, — האָט ער געזאָגט און אַ גלעט געטאָן דאָס פערד ביים מעלה־גירהדיקן מויל. ער איז אַוועק צום ברונעם, געבראַכט אַ קענדל וואַסער. דאָס פערד האָט זיך אַנגעטרונקען און מיט גרויס הנאה גענומען קלאַפּן מיטן ווידל אויפן הינטער־חלק און רוקן צו פאַרטרייבן די בייסנדיקע פליגן.

מאַרטעם בלאַנקאַ איז אַריין אין דעם הינטערשטן געזעס פון דעם קעטשל און געוווּנקען צום שקלאַפן־מיידל זי זאָל זיך זעצן לעבן אים. דאָס מיידל האָט זיך גערוקט אַ דערשראָקענע לעבן דואַרטען.

— קום אַהער, דו באַלאַנגסט שוין צו מיר. אַז וועסט זיך אויפפירן גוט, וועל איך דיך מיטנעמען קיין מינאַס־געראַיאַס און דאָרט וועט דיר גאָרנישט פעלן — האָט בלאַנקאַ געזאָגט הויך, אַז דואַרטע זאָל הערן און איר געבן צו פאַרשטיין, וואָס ער וויל.

דאָס שקלאַפן־מיידל האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן ווי זי וואָלט געזוכט ערגעץ ווו צו אַנטלויפן, ווו זיך צו באַהאַלטן. דואַרטע האָט זי אָנגע־

נומען ביים אָרעם, זי אַריינגעפּירט אין קעטשל און זי אַוועקגעזעצט צווישן אים און בלאַנקאַ.

דאָס שקלאַפן־מיידל האָט זיך צוגערוקט צו דואַרטען, ווי זי וואָלט געזוכט אַ באַשיצונג ביי אים. זי האָט געקוקט מיט ווילד צעשראָקענע אויגן אויף מאַרטעם בלאַנקאַ און געהיט זיין יעדן באַוועג. זי האָט דערביי געהאַלטן פאַרשטשירעט די ווייסע שאַרפע ציין מיט אָפענע פאַרשאַרצטע ליפּן.

— זע נאָר ווי זי שרעקט זיך פאַר מיר. איך גיי דיך נישט אויפעסן. אַז זי איז אויפגעצאָרנט איז זי גאָר שענער, אָט זע! אַן אמת שיין וואָלד־באַשעפעניש — האָט ער אַריבערגעשריגן צו פערדינאַנז אַנטאָניאָ. וואָס איז געזעסן אויפן איינצלנעם געזעס פון פאָרנט און געהאַלטן די לייצעס אין די הענט.

— זי וועט זיך באַרויקן און זיך צוגעווינען צו דיר. אין דיין האַרעם האָסטו קיין מאָל נישט געהאַט אַזאַ באַשעפעניש — האָט פערדינאַנז געזאָגט. ער האָט אַ שמוצער געטאָן צום פערד, וואָס האָט ראַפּטעם אָפּגעריסן דאָס קעטשל פון אָרט. די הינטערשטע דריי פאַסאַזשירן זענען צוריקגעפאַלן צום אָנלען. דאָס שקלאַפן־מיידל איז אַ דערשראָקענע צוגעפאַלן צו דואַרטען און זיך אָנגעכאַפּט אין אים מיט די הענט. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און צוגעפּרעסט איר פּנים צו דואַרטעס האַלדז.

— פערדינאַנז! זע! זי וויל גאָר אים, נישט מיך. צום טייוול, זאָל ער זי האָבן. עס פעלן מיר נישט אויס קיין ווייבער. די, וואָס איך האָב האַרציק באַגערט, האָט ער אויך ביי מיר צוגענומען... איין מויד מער, איין מויד ווייניקער, וועט מיר שוין גאָרנישט העלפן.

דאָס שקלאַפן־מיידל איז געווען מיט אַ קאָפּ נידעריקער פון דואַרטען. איר פּנים האָט דערגרייכט זיין האַלדז. זי האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט אירע ברוין־פאַרנעפּלטע, טרערנדיקע אויגן ווי זי וואָלט געוואַרט אויף זיין הילף זי צו באַשיצן.

דואַרטע האָט לייכט אויפגעציטערט פון מאָדנע געפילן: סיי פון דעם וואָס דאָס שקלאַפן־מיידל איז אים געוואָרן נאָענט און אייגן און וואָס אים איז געווען אַ שאָד וואָס פון דעם אָרעמען מיידל וועט אַ תל ווערן אין מאַרטעם בלאַנקאָס הויז און ער אַליין פירט זי נאָך צו דער פאַרטיליקונג און אויך פון

דעם, וואָס איצט איז ער שוין זיכער, אַז מאַרטעם בלאַנקאַ איז נאָך אַלץ איינגעליבט אין זיין פרוי גראַסיאַ, אַז זיין שׂנאה צו אים קומט פון דעם, וואָס זי האָט אים נישט געוואָלט און ער, דואַרטע, האָט יאָ געהאַט דאָס מזל זי צו האָבן פאַר זיין ווייב. ער, מאַרטעם בלאַנקאַ, מיינט, אַז אַזוי ווי ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט, האָט ער נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן זיין האָפענונג און זיין באַגער צו דערגרייכן גראַסיאַן, עס זעט אויס, אַז ער, בלאַנקאַ, איז דער הויפּט און אפשר דער איינציקער, וואָס אַרבעט אַרום צו געפינען עדות און מוסרים אַז דואַרטע פּירט זיך ביזן היינטיקן טאָג ווי אַ ייִד, כּדי די אינקוויזיציע זאָל אים פאַרשיקן קיין ליסאַבאָן צום אינקוויזיציע־טריבונאַל, פון וועלכן ער וועט שוין קיין מאָל נישט צוריקקומען... ער וועט זיך אָבער ביטער אַנטוישן, ווייל גראַסיאַ איז שוין זיין ווייב און לויט אַלע סימנים טראָגט זי שוין זיין קינד. וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז פאַר אים וועט שוין דעמאָלט נישט זיין קיין רעטונג...

— מאַרטעם, דו האָסט נאָך היינט גאָרנישט געטרונקען און דו רעדסט שוין אויסערן וועג. איך האָב דיר שוין פריִער געזאָגט, אַז דואַרטע האָט נאָך אין זיין לעבן קיין מאָל נישט געקויפט קיין פרויען־שקלאַפן, נישט פאַר געשעפט און נישט פאַר זיך — האָט פערדינאַנז אים דערמאָנט.

— וואָסי, ייִדן, כ'מיין ניי־קריסטן, האַנדלען נישט מיט קיין שקלאַפן?

— נישט ער. ווי לאַנג ער איז געווען אין די פאָרטן ביים אַראַבישן ים, האָב איך אים נאָכגעקוקט, מען קען זאָגן נאָכגעשפּירט. איך בין געווען געטריי מיין שוועסטער, אָפּצוהיטן איר מאַן. ער האָט קיין מאָל נישט אַריינגענומען קיין שקלאַפן־מויד אין זיין שטוב.

— אַזוי גאָר? אָדער ער איז אַ הייליקער, אָדער אַ סריס, — האָט בלאַנקאַ געלאַכט.

— ער איז ביידע נישט. ער איז אַ באַרעכנטער סוחר, וואָס טראַכט גוט איבער, וואָס ער טוט.

— רעדט, רעדט. איך וועל דערווייל כאַפּן אַ דרימל און לאָזט מיר וויסן, וואָס איר האָט באַשלאָסן וועגן מיר, האָט ער געזאָגט און זיך געמאַכט געזעגענען, אַרויפליייגנדיק אַ האַנט אויף זיין אָפן מויל. ער האָט זיך לייכט אָפּגערוקט פון דעם שקלאַפן־מיידל און צוגעשלאָסן די אויגן. דאָס מיידל

האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ. אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ באַליידיקטע מינע, וואָס האָט אויסגעקרימט אירע ליפּן, ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן ביי צעוויינען. זי האָט איינגעקורטשעט איר קערפּער מיט פאַרקרייציקטע הענט איבער איר ברוסט.

דאָס קעטשל האָט זיך פאַרקערעוועט צו דער רייכער אַווענידאַ דע בראַנקאָ, ווו עס האָבן געוווינט די פּאַרנעמסטע משפחות פון שטאָט. די הייזער זענען געשטאַנען אויף ווייטע שטרעקעס אָפּגעזונדערט איינע פון דעם אַנ־דערן, אַרומגערינגלט מיט גערטנער און געדיכט מיט בוימער, וואָס האָבן באַשאָטנט די לאָנען.

פערדינאַנד אַנטאָניאָ האָט אַריינגעפירט דעם געשפּאַן אויף דעם ברייטן אַריינפאָר צווישן רייען מיט פּאַלמעס־ביימער צו דער ווילאַ פון קאַסטעל בלאַנקאָ. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם הויז פון געטעסעטע שטיינער, אַ געביידע מיט אַ סך צעשפּרייטע פליגל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן מיט אייזערנע שטעכערס פון אויבן. די גרינ־מאָכיקע שטיינער זענען געווען באַוואַקסן מיט ציטערדיקע פלאַנצן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער ערד אַריבער דעם פּאַרקאַן.

אַ שוואַרצער דאַר־פּנימדיקער מאַן מיט שיטערע גרוי־געקרייזלטע האָר אויפן קאָפּ, האָט געעפנט דעם אייזערנעם טויער און זיי זענען אַריינגעפאָרן צו דער זייט פון די קאַמערן און שטאַלן, וואָס איז געווען נאָענט פון דעם שקלאַפנהויז פון די שקלאַפן און באַדינערס.

מאַרטעם בלאַנקאָ האָט זיך אונטערגעהויבן פון זיין געזעס און אָנגע־נומען דאָס שקלאַפן־מיידל ביים אָרעם.

— איצט מיין קליין פייגעלע ביסטו שוין אין אַ שטייג, פון דאַנען וועסטו שוין נישט קענען אַנטלויפן — האָט בלאַנקאָ געלאַכט.

דאָס מיידל האָט אַרויסגעריסן איר האַנט און אויסגעשטשירעט אירע קריצנדיקע ציין.

ער איז אַרויס פון קעטשל, אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און מיט צע־שפּרייטע, וואַקלענדיקע טריט איז ער צוגעקומען צום שוואַרצן הויז־באַדינער און זיך אָפּגעשטעלט ווי עס וואָלט אים שווער געווען צו גיין.

— דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראָ איז נאָך נישט געקומען?

איך האָב אים געהייסן קומען, ער זאָל וואַרטן ביז איך וועל אַהיים קומען — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— ניין, סענהאָר בלאַנקאַ. ער איז נאָך נישטאָ. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט קומען שפּעט.

— צום טייוול מיט אים! פיר דאָס פערד אין שטאַל אַריין און ברענג דעם „קריאַדאַ",* ער זאָל אַריינטראָגן דאָס שמוציקע באַשעפעניש אין באַדצימער און הייסן זיין מוטער זי זאָל זי אָרומוואַשן. זי קען נאָך פאַרלייזיקן דאָס הויז און מיין בעט... און איר קומט מיט מיר — האָט ער געזאָגט צו פערדינאַנדן און דוואַרטען.

זיי זענען אַרונטער פון געשפּאַן. דוואַרטע האָט זיך אויסגעגלייכט די פאַרשטייפטע פיס און זיך אַרומגעקוקט. אויף דעם רחבותדיקן הויף האָט אין צענטער קעגנאיבער דעם אַריינגאַנג צום הויז, זיך געהויבן אַ רעגנדיקער געשפּריץ פון אַ פאָנטאַן, וואָס האָט באַוואָסערט די בלומען־בייטן און בלומען־קוסטעס אַרום. ער האָט געפילט הינטער זיך ווי דאָס שקלאַפן־מיידל האָט זיך באַהאַלטן הינטער אים. זי האָט געקוקט מיט ווילד־דערשראָקענע אויגן אויף דעם הויכן פאַרקאַן אין אַלע ווינקעלעך, ווי זי וואָלט ווידער געזוכט ערגעץ ווו צו אַנטלויפן. דוואַרטע האָט זיך אויסגעדרייט צו איר.

— קיינער וועט דיר דאָ קיין שלעכטס נישט טאָן. מען וועט דיך אָרומוואַשן און דיר געבן ריינע קליידער. דו וועסט זיין צווישן אייגענע אין דעם הויז פון די באַדינער.

דאָס מיידל האָט אויף אים געקוקט מיט פיבערדיקע, צעדולטע אויגן און זיך אַרונטערגעלאָזט לעבן אים ביי די פיס.

פון שטאַל איז אַרויסגעקומען אַ הויכער יונגער מולאַט מיט אַ טונקל ברוינלעך פּנים און געדיכט געקרייזלטע, מאַט־שוואַרצע האָר אויפן קאָפּ. ער האָט געטראָגן אַ פאַרריסט לעדערן פאַרטעך פון רויען פעל.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם שקלאַפן־מיידל, געקוקט אויף איר אַ ווײַלע, זי באַטראַכט פון אַלע זייטן. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריק שמייכעלע, וואָס האָט אויסגעקרימט זיינע צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן.

---

* קריאַדאַ — אַ יונגער מולאַטשקלאַף געבוירן אין דעם הויז, אַ באַדינער.

— קום מיט מיר רויק, אויב נישט וועל איך דיך דאַרפֿן טראָגן — האָט ער געזאָגט מיט אַ מילדער שטים.

דאָס מיידל האָט מיט די הענט אָנגעכאַפּט דואַרטעס פּיס און צוגעפּרעסט איר פּנים צו זיי. דער מולאַט איז געוואָרן צעטומלט און געקוקט מיט פּאַר־חידושטע אויגן אויף דואַרטען.

— זי איז אייער שקלאַפֿין, סענהאָר? איר האָט זי פֿאַרקויפֿט צו סענהאָר בלאַנקאַ? זי איז אַ שיינע. זי איז דיר געטריי, זי וויל פֿון דיר נישט אַוועקגיין — האָט דער מולאַט געזאָגט, ווי ער וואָלט זייביידן באַדויערט.

מאַרטעס בלאַנקאַ איז מיט אַ מאָל האַסטיק צוגעלאָפֿן. זיין פּנים איז געוואָרן צעפֿלאַמט פֿון כּעס.

— וואָס באַקוקסטו זי, טראָג זי אַריין אין הויז און גיי גלייך צוריק אין שטאַל. רייניק די פֿערד, דעם גרויסן געשפּאַן, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן פֿאָרן מיר אַוועק קיין מינאַס־גערײַאַס.

— שוין, איך נעם זי גלייך, סענהאָר בלאַנקאַ, האָט דער מולאַט געזאָגט. ער האָט מיט ביידע הענט זי גענומען שלעפּן פֿון דער ערד. זי האָט זיך נאָך מער שטייף איינגעקלאַמערט מיט די הענט ביי דואַרטעס פּיס און געקוקט אַרויף צו אים מיט בעטנדיקע אויגן. דואַרטע האָט זיך איינגעבויגן צו איר.

— גיי מיט אים. ער וועט זיין גוט צו דיר.

דער מולאַט האָט זי אַ נעם געטאָן אין מיטן פֿון איר קערפּער, זי אַ הויב געטאָן און זי אַריבערגעוואָרפֿן אויף זיין אַקסל ווי אַ פֿולן זאַק. זי האָט גענומען מאָרימדיק קוויטשען און דריגען מיט די פּיס. אירע האָר זענען זיך צעפֿאַלן אויף אַרונטער און פֿאַרהילט איר קאָפּ. דער מולאַט האָט זי אַוועקגעטראָגן צום הינטערשטן אַריינגאַנג פֿון הויז. דואַרטע איז געשטאַנען ווי פֿאַרגליווערט אויפֿן אָרט און זיך איינגעהערט מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ צו אירע ביטערע געשרייען.

— זי איז דיר אַ שאָד, דואַרטע? איך האָב זי דיר געוואָלט פֿאַרקויפֿן פֿרייער, אָבער דו האָסט נישט געוואָלט — האָט ער געהערט הינטער זיך די שטים פֿון זיין געוועזענעם שוואָגער.

דואַרטע האָט זיך אַ צעטומלטער אויסגעדרייט צו אים און גיך איבער־

געטראַכט וואָס אים צו ענטפערן, אַז ער איז נישט קיין בעלן זי צו קויפן און זיך איינרייסן מיט מאַרטעם בלאַנקאַ.

— איך האָב קיין מאָל נישט געוואָלט קויפן קיין פרויען־שקלאַפינס. איצט נאָכן טויט פון דיין שוועסטער, מיין ווייב, רו צו איר, איז מיר שוין קיין זאַך נישט קיין שאָד.

— יאָ, אָבער וואָס די ערד דעקט צו איז פאַרפאַלן, מיין טייערער דואַרטע.

— עס בלייבט אָבער אַ שניט און אַ ווייטיק אין האַרץ, — האָט דואַרטע געענטפערט מיט אַ דערדריקטער שטים.

פערדינאַנז אַנטאָניאָ האָט אים אַנגענומען ביים אָרעם און ביידע האָבן מיט אַן אינטימער נאָענטקייט זיך געלאָזט גיין צום הויז. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיקע, יעדער פאַרטראַכט אין זיך. נישט געקוקט, וואָס ער, דואַרטע, האָט נישט געהאַט קיין גוט לעבן מיט זיין פאַרשטאָרבן ווייב פראַנציסקאַ, איז אים אָבער געבליבן אַ ריס אין האַרץ. זיין געוויסנער שוואָגער פאַרשטייט דאָס, אַז נישט ער אַליין איז געווען שולדיק, וואָס ער האָט תמיד אויסגעמיטן זיין היים צו וווינען מיט איר. זיין שוואָגער איז אים דאָך געבליבן אַ פריינד און איצט, ווען אַלע לויערן אויף אים כדי אים צו פאַרטיליקן, איז נאָך אַלץ געבליבן ביי פערדינאַנז אַ משפחה־אינטימקייט צו אים. עס קען געמאָלט זיין, אַז פערדינאַנז וועט נאָך איינהאַלטן זיין פריינד בלאַנקאַ, אַז ער זאָל אים, דואַרטען, נישט טאָן קיין רישעות.

צום אָפענעם טויער איז מיט אַ מאָל אָנגעקומען רייטנדיק אויף אַ פערד, אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַן מיט אַ טונקל טאַביק־קאָליר־פּנים. ער האָט געטראָגן אַ ברייטן הוט פלאַך פון אויבן מיט אַ שמאָלן רימען צוגעשנאָלט אונטער דער גאָמבע. ביי דער זייט פון זאָטל איז נאָכגעהאָנגען אַ קאַראַבין.

— זע נאָר, ווער עס קומט צו אונדז, דער סאַן פּאָולער מאַמאַלוקאַ,* — האָט בלאַנקאַ אויסגערופן. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און גענומען אים אַנטקעגן גיין.

---

* מאַמאַלוקאַ — געמישטער אינדיאַנער מיט ווייס־פּאָרטוגעזער.

— לאַוואַרעס, ווו ביסטו געווען? איך האָב געמיינט, אַז ביסט שוין אַוועק מיט דיינע באַנדערענטעס* אין די בערג צו זוכן דימענטן.

דער רייטער איז אַרונטער פון פערד, אויסגעגלייכט זיין לעדערנעם טוניק פון רויען פעל מיט נאַכהענגענדיקע פראַנדזן. זיין שאַרף רירעווודיק פּנים, וואָס האָט שטענדיק אויסגעזען ווי געשייערט קופּער איז איצט געווען אויסגעבלייכט און פאַראומערט. ער האָט געגריזשעט מיט די ציין. זיינע קנאָכיקע אינדיאַנישע קינבאַקן האָבן געצאַפּלט מיט אַ פאַרעקשנטן כּעס.

— איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן דיך היינט טרעפן ביים פאָרט ווו מען האָט אַוועקגעשיקט קיין ליסאַבאָן די שיינע קאַטאַלינאַ. אוי האָט זי אויס־געזען, אַ שענערע לייגט מען אין אַ טרונע אין דער ערד אַריין — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און געשאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ.

— ווי האָב איך געקענט קומען און צוזען וואָס מען האָט איר געטאָן, בלויז פאַר איר געטריישאַפט צו מיר. זי האָט טייער באַצאָלט פאַר וועלן העלפן מיר. ביידע וואָלטן מיר געקענט רייך ווערן, ווען נישט איר געלט־גייציקער מאַן, דער פאַררעטערישער „זשודעאו" פיליפּע — האָט דיעגאָ לאַוואַרעס געזאָגט מיט אַן אויפגערעגטער שטים.

— דאַרפסט זיך באַרויקן, דער פיליפּע, הער איך, האָט שוין געקראָגן זיין שטראָף, איז ער שוין טאָקע פאַרטיק? מען רעדט, אַז ער האָט געהאָט אַ האַרצשלאַג, און אויס?

— ער לעבט נאָך. זיי ווילן אים געזונט מאַכן, שטעלן אויף די פיס, אים אַוועקצופירן קיין ליסאַבאָן צום אינקוויזיציע־טריבונאַל. ער האָט דאָך זיין ווייב געמסרט, אַז זי האָט אים אָנגעטאָן כּישוף און אָנגעוויזן אויף אַן אַלטער מכשפה וואָס האָט איר צוגעהאָלפן — האָט דיעגאָ דערציילט.

— ער האָט זיך פאַרדינט אַלע שטראָפן, וואָס די אינקוויזיציע וועט אים געבן — האָט בלאַנקאַ געזאָגט.

— וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איצט וועט די מלוכה־קרוין אָפּלעקן דעם פעטן ביין, צונעמען זיין געלט, און איך וועל נישט האָבן נישט די

---

* באַנדערענטעס — באַנדעס אוואַנטוריסטן.

שיינע קאַטאַלינאַ און גישט איר פאַרמעגן — האָט דיעגאָ לאַוואַרעס געביטערט.

— דאָס הייסט אַ כיטרער ייִד און ער האָט זיך נאָך גערופן אַ ניי־קריסט,

— האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט פאַרדראָס.

דוּאַרטע האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט מיט זיין געוועזענעם שוואָגער האַרט ביים פאַנטאַן. ביידע האָבן נייגעריק מיט אויפגעשפּיצטע אויערן זיך איינגעהערט אין דעם שמועס צווישן לאַוואַרעסן און בלאַנקאַן. ביי דוּאַרטען האָט גענומען פלאַמען דאָס פּנים. ער האָט ווידער דערפילט אַ קלעמענדיקן ווייטיק ביים האַרץ און זיין שרעק אין אים איז געשטיגן. זיי האַלטן זיין פריינד פיליפּע אין דער פינצטערער קעלער־קאַמער. די אינקוויזיציע באַמיט זיך אויפצוהאַלטן זיין לעבן, זיי פּייניקן אים, כּדי אַרויסצוקריגן עפּעס אַ מסירה קעגן אים, וואָס וועט אויך אים, דוּאַרטען, אומברענגען.

— אָ, באַקען זיך מיט מיין אַלטן פריינד פערדינאַנד אַנטאָניאָ מאָנטאַסיאָס פון ליסאַבאָן. אַ ניי־געקומענער, האַלט אַן אויג אויף אים, ער וועט אונדז ברענגען אַ סך נוצן.

דיעגאָ לאַוואַרעס האָט צוגעפירט זיין פערד צום פאַנטאַן און ביידע מענער האָבן שטאַרק געדריקט זייערע הענט. דיעגאָ האָט אַרויסגענומען דאָס ציימל פון זיין פערדס מויל, ווו ביי די מוילווינקלען האָט זיך געבלעזלט אַ סלינעדיקער שוים. דאָס פערד האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין וואַסער־פאַנטאַן און האַסטיק גענומען זשליאָקען. דיעגאָ האָט גענומען קוקן אויף דוּאַרטען מיט חידוש ווי ער וואָלט אים אויסגעזען קענטלעך.

— דאָס איז סענהאָר דוּאַרטע דאַ סילוואַ, פיליפּעס שותּף. ער האָט אונדז געטאָן אַ געפעליקייט און באַוויליקט צו קומען צו אונדז — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און זייטיק אַ ווונק געטאָן מיט אַ קנייטש ביים אויג צו דיעגאָן. אַרום זיין מויל האָט זיך באַוויזן אַן אָפלאַכעריש שמייכעלע.

— אָ, פיליפּעס שותּף, אַזוי, אַזוי, אַ דאַ סילוואַ פון די ניי־קריסטן, — האָט דיעגאָ געזאָגט און אים שאַרף אָנגעקוקט. ער האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ אַ פאַרחידושטער, וואָס דער שותּף פיליפּע ליגט פאַרשפּאַרט אין דעם אינקוויזיציע־קעלער און ער, דוּאַרטע, דרייט זיך נאָך אַרום פריי און איז גאָר נאָך פאַרבעטן אין זיין פריינדס הויז. אויף דיעגאָס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ ביטערע, בייזע גרימאַסע.

— אַנגענעם אייך צו קענען. איך מוז שוין גיין אַהיים זיך אָפּרוען. מאָרגן האָב איך אַ שווערן אַרבעטסטאָג אין מיין ביוראָ.

— מיר וועלן זיך נאָך ביי אַ געלעגנהייט באַגעגענען — האָט דואַרטע געזאָגט און זיך לייכט פאַרנייגט. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג־טויער.

פערדינאַנז אַנטאָניאָ האָט זיך האַסטיק געלאָזט צו אים און אים אָנגענו־מען ביים אָרעם.

— בלייב נאָך דאָ מיט אונדז. דער וועג צו דיר אַהיים איז ווייט. איך וועל דיך שפּעטער פירן אַהיים. מיר וועלן נעמען אַ טרונק פון זיין גוטן ראָם און זיך געזעגענען מיט אונדזער לעביונג בלאַנקאָ ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. ער פאָרט דאָך מאָרגן אַוועק קיין מינאַס־געריַאַס.

— איך קען דאָ לענגער נישט בלייבן. איך פיל זיך דאָ פרעמד און מאַרטעם בלאַנקאָ האָט מיך שוין היינט געגוג באַליידיקט. איך בין אַהער בלויז געקומען צוליב דיר — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמט קול.

— זע נאָר, זייער אַלטע ליבע האַלט אָן — האָט בלאַנקאָ געלאַכט.

מיט אַ מאָל האָט זיך פון אינעווייניק אין הויז דערהערט קוויטשענדיקע פרויען־געשרייען, ווי מען וואָלט זיך דאָרט געשלאָגן. פון צווישן די געוואַלדן האָט זיך אַרויסגעהויבן דאָס יאָמערדיקע קוויטשען פון דעם שקלאַפן־מיידל.

— צום טייוול. צו וואָס האָב איך געדאַרפט זי אַהערברענגען אין הויז אַריין? — האָט בלאַנקאָ אויסגעשריִען מיט כּעס.

— הער זיך אויף צו וואָרפן מיט איר, אַז דו באַשטייסט נישט זי צו האָבן אין הויז, נעם איך זי שוין צוריק. מיט דואַרטעס הילף וועל איך קריגן די בעסטע קונים, — האָט פערדינאַנז געזאָגט אָן אויפגערעגטער.

— מיט דואַרטעס הילף? זאָל ער זי קויפן. קומט אַריין און נעמט זי שוין אַוועק!

מאַרטעם בלאַנקאָ, און נאָך אים, זיינע פריינד, — האָבן זיך האַסטיק געלאָזט אין הויז אַריין.

דואַרטע איז פאַמעלעך מיט אונטערגעשלאָגענע פיס זיי נאָכגעגאַנגען. עס האָט אים ווייַ געטאָן און פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַזוי אומבאַהאָלפן און באַדראָט פון אַזוי פיל שונאים און געפאַרן, אַז עס פעלט אים דרייסטקייט

מיט זיין געלט צו קויפן איצט דאָס שקלאַפן־מיידל, זי אויסצולייזן פון בלאַנקאַס הענט, זי צו באַפרייען, און ער האָט זיי נאָך געהאָלפן זי צו ברענגען אין דעם ווינטן הויז אַריין.

אַכצנטער קאַפּיטל

אין דעם גרויסן הויז פון קאַסטעל בלאַנקאַ האָט זיך געפילט אַן אויסגע־ליידיקטקייט ווי מען וואָלט זיך געהאַלטן ביים אַרויסציִען. אין דעם אונ־טערשטן גרויסן אויפנעם־צימער זענען די גרין־פּליושענע שטולן געווען באַדעקט מיט ווייסע ליילעכער, עס האָבן זיך בלויז אַרויסגעזען די געטאָקטע פיסלעך, וואָס האָבן געשימערט מיט פּאַליטירטן גאָלד. די לאַנגע, פון אויבן אויסגערונדיקטע, פענצטער זענען געווען פאַרהאַנגען מיט לאַנגע, שווערע פאַרהאַנגען, וואָס האָבן נאָך מער פאַרטונקלט די בין־השמשותדיקע שאָטנס פון דער פאַרגייענדיקער זון.

די געשרייען פון דעם שקלאַפן־מיידל אין דעם הויזטייל פון די באַדינערס איז דאָ געווען איינגעשטילט. בלויז אַ וויטלעכער אָפּהילך האָט זיך דורכ־געשפּאַרט דורך די לאַנגע טירן מיט די גרויסע באַגילדטע קלאַמקעקנעפּ איינגעפּאַסט אין די געפורעמטע ראַמען.

מאַרטעם בלאַנקאַ איז געשטאַנען אַ ווײַלע צעטומלט. זיין פּנים איז געווען בלייך פון אויפרעגונג. זינט זיין פעטער קאַסטעל בלאַנקאַ האָט זיך באַזעצט אין מינאַס־געריאַס ביי די גאָלדגרובנס, האָבן די שקלאַפן שוין אין גאַנצן פאַרלוירן זייער אונטערטעניקייט צו אים. ער האָט געבראַכט געסט אין הויז צו געזעגענען זיך מיט זיינע פריינד, און זיי, די באַדינערס, רייסן זיך גאָר ביי די קעפּ.

— גיי אַריין אין קיך און שטיל איין דיין האַרעם, וועלן מיר קענען נעמען אַ טרונק — האָט פערדינאַנד אַנטאָניאָ געזאָגט מיט אַ פריילעכן טאָן.

— און דו ווילסט נאָך, אַז איך זאָל ביי דיר איינהאַנדלען דיין שקלאַפן־מויד צו פאַרגרעסערן מיין האַרעם — האָט בלאַנקאַ געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ פאַרגלייך ? מיט אַזאַ שקלאַפין אין הויז דאַרף מען שוין

אין גאַנצן נישט נעמען קיין ווייב און זיך איינשפּאַנען ווי אַ פערד. אין די שענסטע משפחות לעבן די מענער מיט אַזעלכע שקלאַפינס און האָבן קינדער, וואָס וואַקסן אויס ווי אַ צירונג פאַר דער קרוין און פאַרן לאַנד — האָט פערדינאַנז געערעדט ווי אַ סוחר, וואָס לויבט זיין סחורה.

— פונקט צוגעפּאַסט פאַר אַ בלאַנקאַ. אַלץ וואָס איך דאַרף דאָ אין הויז איז יונגע באַדינערס צו האַלטן ריין אַ הויז מיט אַזוי פיל צימערן — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און זיך אַ דריי געטאָן אין אַלע זייטן. ער האָט אויפגעהויבן די הענט ווי צו ווייזן דעם אויבערשטן גאַרן צו וועלכן עס האָבן זיך געהויבן ברייטע טרעפּ באַדעקט מיט אַ באַבלומטן טעפּעך, מיט טונקעלע געאיילטע פאַרענטשעס.

— יאָ, דו ביסט ריין און אָפּגעהיט פון די ווייבער אין דעם הויז, ווי אַ מאַנאַך, וואָס זינדיקט נישט אַפילו אין געדאַנק — האָט פערדינאַנז געזאָגט מיט אַ שטיפעריש געלעכטער. קיינער האָט נישט מיטגעלאַכט און פערדינאַנז האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער האָט נישט געהערט זיין שפּאַטיש געלעכטער. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן מויל ווי צו ווייזן אַז ער וועט מער נישט רעדן קיין איבעריק וואָרט.

— ווו איז די הויז־באַלעבאַסטע צוצוגרייטן דעם טיש ? — האָט בלאַנקאַ אויסגערופן און זיך געלאָזט צו דער טיר, וואָס האָט געפירט צום עסצימער. ער האָט אויפגעעפנט ביידע טירן. פון דעם ווייטלעכן טייל, ווו עס זענען געווען די קיך און דאָס באַדצימער, האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ געקוויטשעריי פון עטלעכע מיידלשע שטימען. דער לאַנגער דעמבענער טיש מיט שטולן אַרום איז שוין געווען באַדעקט מיט אַ לייוונטענעם טישטעך, אָנגעשטעלט מיט וואַזעס פול מיט בראַזילנים, אַוואָקאַדאָס, פּאַפּאַיאַס, אַנאַנאַס און מאַראַנצן.

די פאַרהאַנגען אויף די לאַנגע פענצטער זענען געווען פאַררוקט צו די זייטן פון די פענצטער־ראַמען. די פאַרגייענדיקע זון, וואָס האָט זיך אַרונטערגעלאָזט הינטער די בערג ביים ים, האָט דאָ פאַרשפּרייט אַן אויסגעלאָשענעם אָפּשיין פון זשאַר־רויטלעכן הימל. דאָס עסצימער איז געווען פול מיט טונקעלע, אומעטיקע שאָטנס, וואָס האָבן געצאַפּלט אויף די רויטלעך טאַפּעצירטע ווענט.

— איר זעצט זיך צום טיש, איך וועל הייסן דעם „קריאַדאַ״* ברענגען ווייַן פון קעלער — האָט בלאַנקאַ געזאָגט צו זייַנע געסט, וואָס האָבן זיך אָוועקגעשטעלט ביים פענצטער און געקוקט פּאַראַפּעטע אויף דער פּאַראַגווייַענ־דיקער זון. ער האָט זיך געלאָזט דורכן קאָרידאָר צום ווייטלעכן טייל פון הויז, פון וואַנען דאָס מיידלשע קוויטשערייַ איז געקומען.

דאָס געשרייַ איז געקומען פון באַדצימער, וואָס איז געווען גלייך נאָך דער קיך. פון דאָרט האָט זיך איצט אויך געהערט דאָס יינגלש קול פון דעם „קריאַדאַ״. בלאַנקאַ האָט צוגעבויגן דעם קאָפּ צו דער טיר און זיך איינ־געהערט.

— לאָזט זי אָפּ, — האָט ער זיך געבעטן — איך וועל גלייך לאָזן וויסן סענהאָר בלאַנקאַ, וועט ער אייך הייסן שמייסן אויפן נאַקעטן לייב — האָט ער שוין צוגעגעבן מיט אַ וואָרנדיקער שטים.

מאַרטעם בלאַנקאַ האָט מיט אַן אויפגעברויזטן כּעס אויפגעפּראַלט די טיר.

— וואָס טוט זיך דאָ, איך קען שוין נישט אויפנעמען קיין געסט אין הויז, מען הערט שוין אייערע געשרייען אויף דער עווענידאַ — האָט ער געשריגן מיט אַן אויפגערעגטער שטיקנדיקער שטים.

די שוואַרצע, האַלב־נאַקעטע, יונגע הויז־שקלאַפינס האָבן גלייך נישט דערהערט זיין אַרייַנקומען. זיי זענען געשטאַנען לעבן אַ גרויסער הילצערנער באַליע פול מיט וואַסער און געהויבן שלעפנדיק ביי די האָר דאָס נאַקעטע שקלאַפן־מיידל אַרויס פון וואַסער און זי צוריק אַרונטערגעשטויסן און זי געדריקט צום דנאָ, זי אונטערגעטוקט. זיי האָבן זי געהאַלטן אַ לענגערע ווייַלע און זי צוריק אַרויסגעשלעפּט. דאָס שקלאַפן־מיידל האָט שווער געאָ־טעמט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג. פון איר קאָפּ האָט אַרונטערגערונען דאָס וואַסער צו אירע נאַקעטע ברוסטן.

— וואָס טוט איר ? איר ווילט זי דערטרינקען ? — האָט בלאַנקאַ געשריגן און מיט כּעס גענומען שלעפן די מיידלעך אַוועק פון איר.

דאָס שקלאַפן־מיידל האָט נאָך אַלץ געזוכט לופט צו אָטעמען מיט אַן

* קריאַדאַ — משרת, געבוירן און דערצויגן אין דעם הויז פון אַ שקלאַפין.

אויפגעריסן מויל און געהויבן מיט אירע אַקסלען. אירע אַרויסשפּאַרנדיקע ברוסטן מיט די רויטע נאַפּלען האָבן זיך געהויבן, געאָטעמט גיך ווי אַריינ־צוציִען אין זיך לופט, וואָס האָט איר אויסגעפּעלט. פון אירע אַראָפּגעלאָזט צאַפּלענדיקע וויִעס האָט געטריפט דאָס וואַסער. זי האָט מיט אַ מאָל אויפגע־ציטערט, האָט אָוועקגעשאַרט אירע נאַסע צוגעקלעפּטע האָר פון איר פּנים, ברייט געעפנט אירע אויגן, און דערזען בלאַנקאַ לעבן זיך. זי האָט גיך מיט איין האַנט פאַרדעקט אירע נאַקעטע ברוסטן און מיט דער אַנדערער האַנט אַרויפגעטאָן דאָס צעקנאַדערטע לייוונטענע קלייד, וואָס איז געלעגן צעטראָטן אויפן דיל. זי האָט זיך האַסטיק געגומען צודעקן.

— מיר האָבן זי געוואָלט אַרומוואַשן ווי איר, סענהאָר בלאַנקאַ, האָט באַפּוילן, און זי לאָזט זיך נישט — האָט איינע, אַ יונגע מולאַטין מיט אַ צעשפּרייט נעזל און ברייטע פולע אַרויפגעשטאַרצטע ליפּן, ווו עס האָבן זיך אַרויסגעזען אירע ווייסע, שאַרפע ציין, זיך צוגערוקט צו אים. זי האָט אַרויפגעקוקט מיט אונטערטעניקייט צו אים מיט אירע ברוין־פּיבערדיקע אויגן, וואָס זענען געווען ווי צעגאָסן פון אירע רויטלעכע, צערונענע אָדער־לעך אויף די ווייסע אַפּלען.

בלאַנקאַ האָט זי אָפּגעשטופּט פון זיך.

— גייט אַלע צוריק אין אייער קוואַרטיר, איך דאַרף אייך דאָ נישט האָבן — האָט ער הויך געשריגן און אויפגעהויבן די פויסטן צו זיי.

די שקלאַפינס האָבן זיך, דערשראָקענע, אַרויסגערוקט פון צימער. טייל האָבן זיך וואָס גיכער געאיילט צו פאַרשווינדן פון הויז אויסצומיידן זיין צאָרן. אַנדערע, וואָס זענען געווען אינטים מיט אים, האָבן זיך געשאַרט פּאַמעלעך ווי באַליידיקטע און זיך אומגעקוקט אויף צוריק צי עס האָט זיך שוין איינ־געשטילט בלאַנקאָס כּעס און ער וועט זיי רופן זיך אומצוקערן צו אים.

בלאַנקאַ האָט זיך טאַקע באַלד איינגעשטילט. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע געסט, וואָס דאַרפן באַדינט ווערן.

— דו, פּרעטאַ,* נעם דיין שוועסטער, פּוצט זיך אויס און גייט אַריין אין עסצימער צו באַדינען די געסט — האָט ער צוריקגערופן די מולאַטין.

* „פּרעטאַ" — שוואַרצע.

וואָס האָט זיך געהאַט פריִער געהנדלט צו אים. די מולאַטין האָט זיך, אַ פריילעכע און אָן אויפגעלעבטע, געלאָזט דורכן קאָרידאָר צו דער קוואַרטיר פון די שקלאַפן, זיך אויסצופוצן און צו ברענגען איר שוועסטער.

— און דו, קריאַדאַ, וואָס טוסטו דאָ? איך האָב דיך געהאַט געשיקט זאָלסט זאָגן דיין מוטער זי זאָל אַרומוואַשן די נייַע שקלאַפין און דו האָסט מיר געבראַכט גאָר די הורן — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ בייזע גרימאַסע.

— זיי האָבן די מאַמע אַרויסגעטריבן, זי איז אין קיך. ווען נישט איך וואָלטן זיי די שקלאַפין דערטרונקען. זי איז אַ שיינע, אַן אײדעלע — האָט דער יונגער מולאַט געזאָגט מיט אַ שטילן, שעמעוודיקן קול.

— זי געפעלט דיר קריאַדאַ? זי איז צום פאַרקויפן — האָט בלאַנקאַ געלאַכט.

דער יונגער מולאַט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און דאָס טאַבאַק־טונקל־קאָליר פּנים האָט זיך ביי אים שעמעוודיק פאַררויטלט.

— דו גיי בעסער און ברענג מיר אַרויף פון קעלער עטלעכע פלעשער ראָם און פון דעם אַלטן מאַדעיראַ־וויין.

— איך גיי שוין, סענהאָר בלאַנקאַ — האָט דער מולאַט אויסגערופן און אַ רירעוודיקער זיך געלאָזט צו דער זייט, וואָס האָט געפירט צום קעלערדיקן קעלטער.

מאַרטעם בלאַנקאַ האָט צוגעמאַכט די טיר. דאָס שקלאַפן־מיידל האָט אים נאָכגעקוקט זיין יעדן באַוועג. ער האָט זיך צוגערוקט נענטער צו דעם גרויסן וואַשטאָפּ און געקוקט אַ פאַרגאַפטער אויף איר שיין געפורעמטן קערפּער. אירע רונדיקע ברוינע אַקסלען האָבן זיך נאָך אַלץ געהויבן מיט צאַפּלענדיקע אַנגסטן, וואָס האָבן געמאַכט ציטערן אירע אַרויסשפּאַרנדיקע ברוסטן. ער האָט געקוקט אויף איר בויך מיט די צעשפּרייטע נאַקעטע היפטן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון וואַסער. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פיבער־דיקן גלאַנץ. דאָס מיידל האָט אַוועקגעשאַרט אירע צעפּאַלענע האָר פון פּנים און געקוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן, היטנדיק זיין יעדן באַוועג.

בלאַנקאַ האָט זיך צוגערוקט נענטער, זיך איינגעבויגן און זי אָנגענומען ביים אָרעם.

— קום מיט מיר. איך וועל דיר ווייזן אַ שיין צימער, ווו דו וועסט זיך אויסרוען און די מולאַטינס וועלן דיך מער נישט אָנרירן. אַז דו וועסט זיין גוט, וועל איך דיך האַלטן אין הויז — האָט ער גערעדט צו איר.

זי האָט אַ ווילע געשוויגן ווי זי וואָלט פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק. אָבער באַלד האָט זי אויפגעצאַפּלט און זיך האַסטיק אַ ריס געטאָן פון אים. דאָס פליעסקענדיקע וואַסער האָט אַ שפּריץ געטאָן אויף זיין צעהיצט פּנים. ער האָט אַ ציטער געטאָן פון כּעס און אויפרעגונג. זי האָט זיך פלינק אַ הויב געטאָן און, אַ צעטומלטע זיך געלאָזט לויפן אין אַ קרייז אַרום אין צימער. זי האָט געפּרוווט זיך איינהילן מיט דעם קלייד אַרום דעם אונטערשטן טייל פון איר קערפּער. זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר און זי אויפגעריסן. זי איז געלאָפן דורכן קאָרידאָר צו זוכן ערגעץ ווו אַ באַהעלטעניש און דערזען די שטיגן, וואָס האָבן געפירט צום אויבערשטן גאָרן. זי האָט גענומען לויפן און היפּערן איבער די טרעפּ אַרויף. איר קלייד איז אַרונטערגעפאַלן פון אירע היפטן און זי איז געלאָפן אַ נאַקעטע, וואָס גיכער אַנטרינען צו ווערן פון איר יעגער, וואָס איז אויסן איר שלעכטס צו טאָן.

זי האָט אויפגעריסן די ערשטע טיר אויפן באַלקאָן פון אויבערשטן גאָרן. זי איז אַריין אין אַ גרויסן שלאָפצימער, ווו עס איז געשטאַנען אַ ברייט הימל־בעט. מיט הויכע קישנס. זי האָט גענומען לויפן אויף צוריק, אָבער בלאַנקאָ איז שוין געווען נאָענט פון אַריינגאַנג. זיין צעהיצט פּנים האָט געפלאַמט, זיינע צעשפּרייטע נאָזלעכער האָבן געסאָפּעט ווי ביי אַ צערייצטן אָקס. פון זיינע רויטע פאַרגאָסענע אויגן האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ רציחהדיקער צאָרן. זי האָט מיט אַ שרעקגעשריי צוגעשפּאַרט די טיר און זיך צוגעדריקט צו איר צו פאַרהאַלטן דעם אַריינגאַנג. בלאַנקאָ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט זיין גאַנצן קערפּער אויף דער טיר און זי אויפגעריסן. דאָס שקלאַפן־מיידל איז אומגע־פאַלן אויפן טעפּעך און זיך גענומען שאַרן ווי אַ שלאַנג אַוועק פון אים.

מאַרטעם בלאַנקאָ האָט זיך אַרונטערגעלאָזט צו איר מיט זיין שווערן קערפּער.

— דאָס איז טאַקע דאָס צימער, וואָס איך האָב דיר געוואָלט ווייזן. דו האָסט אַליין געטראָפן, דו ווילד באַשעפעניש — האָט ער געלאַכט מיט אַ כאָרכלענדיק ווילד געלעכטער און צוגעדריקט זיין הייס פּנים צו איר נאַ־

קעטער ברוסט, וואָס האָט שווער און האַסטיק געקלאַפּט. זי האָט גענומען שלאָגן מיט אירע הענט איבער זיין קאָפּ און מיט די נעגל גענומען רייסן די הויט, דאָס פלייש פון זיין האַלדז, געריסן זיין מויל און מיט די ציין זיך איינגעביסן אין זיין לייב.

ער האָט באַפּרייט זיינע הענט און מיט די פויסטן גענומען האַקן און שטויסן איבער איר קאָפּ מיט אַ ווילדער רציחה. זי האָט גענומען שרייען מיט שרעק־געשרייען, וואָס האָבן זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן הויז.

ער האָט מיט אַ מאָל דערהערט אַ האַסטיקן געלויף אַרויף אויף די טרעפּ. די לויפנדיקע טריט פון עטלעכע מענטשן האָבן זיך דערנענטערט צום שלאָפצימער. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון איר און זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זי גענומען קאָפּען און אָפּשטופּן פון זיך מיט זיינע פיס.

ער האָט אַרויסגענומען אַ טיכל פון קעשענע און זיך גיך גענומען ווישן דאָס פּנים, דאָס רינענדיקע בלוט פון זיינע ליפּן ביי די ווינקלען פון מויל.

אין דער טירעם זענען געשטאַנען זיינע געסט: פערדינאַנד אַנטאָניאָ, דיעגאָ לאַוואַרעס, און דואַרטע דאַ סילוואַ. זיי האָבן געקוקט דערשטוינטע, דאָ אויף אים און באַלד אויף דער שקלאַפין, וואָס איז געלעגן אַ צוזאַמענגעקנוילטע אויפן טעפּעך לעבן בעט און שטיל געהעשעט מיט אַ פאַרשטיקט געוויין.

— איך האָב איר גענומען ווייזן דאָס צימער ווו זי וועט זיך קענען אָפּרוען, האָט זי מיך גענומען בייסן ווי אַ חיה און צעפליקן מיין פּנים — האָט בלאַנקאָ געוויזן און געמאַכט אַ נעבעכדיקע מינע אויפן פּנים, וואָס האָט אויסגעקרימט זיין מויל.

— דו האָסט זי אַרויפגעפירט אַ נאַקעטע צו ווייזן איר צימער, דו ביסט זייער פלינק, בלאַנקאָ, — האָט פערדינאַנד געזאָגט מיט אַ שפּאָטיש־ביטערער שטים.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון אָרט און איז האַסטיק צוגעלאָפן צום שקלאַפן־מיידל, וואָס איז איצט שוין געלעגן ווי פאַרחלשט, איינגעקורטשעט לעבן בעט מיט פאַרקרייציקטע הענט אַרום אירע נאַקעטע ברוסטן. איר צעביילטער קאָפּ און פּנים זענען געוואָרן אויפגעשוואָלן און פון איר מוילווינקל האָט

געטריפט בלוט. ער האָט זי אויפגעהויבן פון דיל, זי אַרויפגעלייגט אויפן בעט און זי איבערגעדעקט מיט דעם בעטגעוואַנט.

— איך קען זי דאָ מער נישט האַלטן, פערדינאַנד. מאָרגן פאַר איך אַוועק צו די גאָלד־מינעס אין מינאַס־געריִאַס און די מולאַטינס אין הויז וועלן זי ווייטער שלאָגן. איר האָט דאָך געהערט אירע געשרייען. איך האָב זי קוים אַרויסגעראַטעוועט פון זיי — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און זיך צעשמייכלט מיט אַ כיטרען שמייכעלע, וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע אויגן מיט אַ גע־מאַכטער אומשולדיקייט. ער האָט ענדלעך געפונען דעם ריכטיקן תירוץ, אַז זיינע פריינד זאָלן נישט מיינען, אַז ער האָט פאַרשלעפּט די שקלאַפין אַ נאַקעטע אין אַ שלאָפצימער. ער האָט זי דאָ אַהערגעבראַכט זי צו ראַטעווען פון די אומפריינדלעכע מולאַטינס.

— יאָ, איך האָב טאַקע געהערט אירע געשרייען — האָט לאַוואַרעס געזאָגט און אַ ווונק געטאָן צו זיין פריינד בלאַנקאַ.

— איך וועל זי צונעמען פון דאַנען. איך וועל בעטן מיין פריינד דואַרטע, ער זאָל זי אויף דערווייל נעמען אין הויז פון די דאָ סילוואַס — האָט פער־דינאַנד געזאָגט און געקוקט אויף זיין געוועזענעם שוואָגער מיט זיינע אַרויס־געשפּאַרטע ברוינע אויגן, וואָס האָבן מיט אַ היימישער נאָענטקייט דערמאָנט דואַרטען אין זיין פאַרשטאָרבן ווייב. אויך זי, פראַנציסקאַ, פערדינאַנדס שוועסטער פלעגט אַ סך מאָל אַזוי קוקן אויף אים, בעת ער האָט געלעבט מיט איר. עס איז געווען אין איר צעטומלטן בליק עפּעס אַזוינס, ווי זי וואָלט זיך געראַנגלט צווישן ליב האָבן אים אָדער אים פיינט האָבן דערפאַר וואָס ער איז אַזוי אומבאַשטימט פרעמד און קאַלט צו איר. אויך ער, דואַרטע איז אַזוי קאַלט און קען נישט באַשטימען אים צו ענטפערן, אַז ער איז גרייט אים צו העלפן צו נעמען די שקלאַפין אין זייער הויז אַריין.

— גוט, דאָס דאָ סילוואַ־הויז איז פונקט צוגעפּאַסט פאַר איר. ביי די קאָנווערסאָס,* די ניי־קריסטן, וועט זי זיך קענען פירן ווי ביי די ייִדן... איך האָב פריִער געמיינט, אַז פערדינאַנד האָט געשפּאַסט, אַז די שקלאַפין זאָגט אַז זי שטאַמט פון ייִדן, עפּעס איז ער טאַקע גערעכט. עפּעס איז דאָ אין איר

* „קאָנווערטאָס" — געשמדטע.

אַ ייִדישע איינגעשפּאַרטקייט. — האָט בלאַנקאַ שוין ווידער גענומען רעדן מיט אַ פריילעך־שפּאַסיקן טאָן ווי זיך צו רייצן מיט דואַרטען.

דואַרטע האָט זיך מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן נישט צו אַרויסצווייזן זיין אויפרעגונג. ער האָט געוווּסט, אַז ביי דעם איצטיקן מצב, אין וועלכן די משפחה דאַ סילוואַ געפינט זיך, ווען אַלע אויגן זענען געווענדט קעגן זיי, וואָס ווערן פאַרדעכטיקט, אַז זיי זענען אָפּגעקערס פון דער קירך, קענען זיי נישט אַריינגעמען אַזאַ סאָרט שקלאַפין אין זייער הויז. ער האָט אָבער נישט געקענט אַרויסווייזן זיין גלייכגילטיקייט און גלייך אָפּזאָגן פערדינאַנדן, אַז ער איז נישט וויליק אים אַרויסצוהעלפן.

— איך וועל פרעגן דאָן מענדעס דאַ סילוואַ צי ער נויטיקט זיך אין אַזאַ הויזבאַדינערין — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַן אָנגעשטרענגטער שטי־לער שטים.

— אויב נישט, וועל איך זי מוזן צוריקפירן אין דער שטאַל־געביידע.

— גאָט באַהיט, דאָס מיידל איז קראַנק, זי וועט דאָרטן אומקומען — האָט דואַרטע אויסגערופן מיט וויטיק.

זיין געוועזענער שוואָגער האָט אים ווידער אָנגעקוקט מיט זיינע אַרויס־געשפּאַרטע טונקעלע פלוימען־אויגן. ער איז ווידער ווי פריִער געוואָרן צע־טומלט. עס איז אים, זיין געוועזענעם שוואָגער, שווער געווען צו באַנעמען פאַר וואָס ער, דואַרטע, האָט אַזוי פיל איינזעעניש מיט דעם שקלאַפן־מיידל, וואָס געפעלט אים, און דאָך קען ער נישט באַשטימען ביי זיך צי ער זאָל זי נעמען אין זייער הויז אַריין. ער איז גענוג רייך זיך צו פאַרגינען צו קויפן אַ שקלאַף פאַר זייער הויז...

פון אונטן אין אויפנעם־צימער האָט זיך געהערט אַ גערודער ווי עמעצער וואָלט געהאַט אַריינגעקומען פון דרויסן.

— עס מוז זיין דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ, — האָט בלאַנקאַ אויסגערופן. ער איז אַרויס אויפן באַלקאָן און אַרונטערגעקוקט. דער יונגער מולאַט וואָס האָט געהאַט געעפנט די טיר איז געשטאַנען לעבן דאָקטאָר לאַראַ. זיין הויכע פיגור איז שוין פון מידקייט געווען אַ ביסל איינגעהויקערט. ער האָט דערלאַנגט זיין מעדיצין־רענצל און זיין אויבערשטן כאַלאַט דעם מולאַט און זיך גענומען אַרומקוקן. ער האָט אַרונטערגענומען זיינע אויגנ־

גלעזער פון זיין לענגלעכער און אַ ביסל געהויקערטער נאָז, זיך מיט אַ טיכל אויסגעווישט זיינע אויגן און שטערן, זיך גלייכגעמאַכט זיין שפּיציק בערדל און זיינע לאַנגע פאַרשפּיצטע וואָנצעס געדרייט אויף אַרויף.

— ווו איז דער קראַנקער, כ׳מיין סענהאָר בלאַנקאָ? — האָט ער גע־פרעגט דעם יונגן מולאַט.

— דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ, מיין גוטער פריינד, איר זענט געקומען ווי אַ געבענטשטער היילער פון יעזוס קריסטוס אַליין און פּונקט אין צייט, קומט גלייך אַרויף — האָט מאַרטעם בלאַנקאָ אויסגערופן און אויסגעשטרעקט צו אים די הענט. אַלע דריי מענער, פּערדינאַנז אַנטאָניאָ, לאַוואַרעס און דואַרטע זענען אויך אַרויס פון צימער און זיך געשטעלט ביים פּאַרענטש פון באַלקאָן.

דאָקטאָר לאַראַ האָט צוריקגענומען דאָס רענצל פון מולאַט און זיך געלאָזט מיט די ברייטע, מיט אַ טעפּעך אויסגעבעטעטע טרעפּ, אַרויף צום אויבערשטן גאָרן.

— אָך, וואָסערע געסט איך האָב דעם כּבוד דאָ צו טרעפן, איר זענט אויך געקומען באַזוכן דעם קראַנקן? דער קראַנקער מאַכט אָבער דעם אָנשטעל, אַז ער איז געזינטער פון אייך, אמת? — האָט דאָקטאָר לאַראַ געשפּאַסט.

— איך בין געזונט, מיר פעלט גאָרנישט — האָט בלאַנקאָ זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין ברוסטקאַסטן.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. בלאַנקאָס צעפלאַמטע רויט־לעכע פּלעקן אויפן פּנים האָבן פיבערדיק געגליט. דאָקטאָר לאַראַ האָט אָװעקגעדרייט דעם קאָפּ, ער האָט מיט אַ מאָל דערזען דואַרטע דאַ סילוואַ, וועמענס פּנים איז געווען בלאַס און פאַרזאָרגט, ווי ער האָט אים אַזוי נאָך פרי׳ער קיין מאָל נישט געזען.

— אָ, וועמען איך זע דאָ, סענהאָר דאַ סילוואַ. די אַלטע פריינד האַלטן זיך צוזאַמען, אַלטע פריינדשאַפט איז אַלע מאָל פריש — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און אַ ביטער שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זיינע מויל־ווינקלען.

דואַרטע דאַ סילוואַ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ ביטערע גרימאַסע.

פון צימער, ווו עס איז געלעגן דאָס שקלאַפן־מיידל, האָט זיך פּלוצעם גענומען הערן אַ שלוכצנדיק געוויין. דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך איינגעהערט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן. פערדינאַנז אַנטאָניאָ האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום צימער. אויך דואַרטע האָט זיך אַ באַוועג געטאָן פון אָרט און זיין פּנים איז געוואָרן נאָך בלאַסער און דערשראָקענער.

— יאָ, מיר האָבן דאָ נאָך אַ קראַנקע. דאָס האָט מיין פריינד פערדינאַנז אַנטאָניאָ, דער שקלאַפן־הענדלער, דאָ אַהערגעבראַכט אַ קראַנקע שקלאַפין. דערצו איז זי ווילד ווי אַ חיה. זי איז אַ פולאַסהאַ, ער האָט זי מיר געוואָלט פאַרקויפן, נאָר די קריאַדאָס,* די מולאַטינס, פאַרגינען מיר נישט נאָך אַ קריאַדאַ אין הויז. איך האָב זי אַ נאַקעטע קוים אַרויסגעראַטעוועט פון זייערע הענט — האָט ער דערציילט.

דאָקטאָר לאַראַ האָט געקוקט דאָ אויף מאַרטעם בלאַנקאַ און באַלד אויך אויף דואַרטען, וועלכער איז געשטאַנען אָפּגערוקט אין אַ זייט. דואַרטע האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן צי קיינער זעט אים נישט. ער האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ צום דאָקטאָר מיט אַ צייכן, אַז בלאַנקאַ זאָגט נישט דעם אמת.

דאָקטאָר לאַראַס פּנים איז געוואָרן אָנגעשטרענגט מיט אַן ערנסטער שטייפקייט. ער האָט זיך גענומען גלעטן און אויסגלייכן זיינע פאַרשפּיצטע וואָנצעס, זיי אַוועקגעשאַרט פון זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט איבערגעטראַכט וואָס ווייטער צו זאָגן.

— איך האָב אייך געראָטן זיך נישט צורירן צו קיין פּרויען, ביז מיר וועט געלינגען אייך אויסצוהיילן. אויב איר ווילט מיך נישט פאָלגן, צו וואָס רופט איר מיך?

— איך פאָלג אייך. אַזוי זאָל מיר יעזוס קריסטוס העלפן. איך האָב אייך גערופן היינט, ווייל איך וויל איר זאָלט מיט מיר מיטפאָרן קיין מינאַס־געריאַס. מיר וועלן אייך באַזעצן אין שענסטן הויז, מיר וועלן אייך מיט גאָלד באַוואַרפן — האָט בלאַנקאַ צו אים גערעדט מיט אַ בעטנדיקער שטים.

— איך נויטיק זיך נישט אין מער גאָלד. דאָ האָב איך מיינע פּאַציענטן, איך קען זיי נישט איבערלאָזן.

---

* קריאַדאָס — באַדינערינס.

— מיין פעטער קאַסטעל בלאַנקאַ איז אויך אייער פּאַציענט און אויך ער וויל איך דאָרטן האָבן. מיר האָבן דאָרטן נישט קיין אמתן דאָקטאָר, אויסער כּישוף־מאַכערס, אָפּשפּרעכערס. מיין פעטער איז אַ פרומער קריסט און ער וויל זיי דאָרטן נישט האָבן — האָט בלאַנקאַ געזאָגט.

פון צימער, ווו דאָס שקלאַפן־מיידל איז געווען האָט זיך ווידער געהערט דאָס קרעכצנדיקע געוויין פון דער קראַנקער. פערדינאַנד איז אַרויסגעקומען פון דאָרטן אַ צעטומלטער און איז צוגעגאַנגען צום דאָקטאָר לאַראַ.

— איך בעט אייך, דאָקטאָר, מיין שקלאַפין זעט מיר אויס צו זיין זייער קראַנק. איך קען זיך נישט פאַרגינען זי צו פאַרלירן. איך בעט אייך.

— מיט אייער דערלויבעניש, סענהאָר בלאַנקאַ, וועל איך פריִער פון אַלץ זען די שקלאַפין — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און איז אַריין אין דעם אויסגעפּוצטן צימער, ווו דאָס שקלאַפן־מיידל איז געלעגן אין בעט פון דאָנאַ איזאַבעל, קאַסטעל בלאַנקאָס וויב, וואָס איז אויך געווען זיין פּאַציענטין און ער איז דאָ פריִער אַ סך מאָל געווען. דאָס מיידל איז געלעגן איבערגע־דעקט מיט איר פאַרפלעקטן לייוונטענעם קלייד, וואָס האָט בלויז פאַרדעקט דעם אונטערשטן טייל פון איר קערפּער.

אין צימער איז געווען טונקל, בלויז אַ קליינער אייללאָמפּ איז געשטאַנען אויף אַ קאָמאָד מיט אַ וואַנט־שפּיגל פון אויבן. דאָס ליכט האָט אָפּגעשיינט מיט אַ סומנער ליכטיקייט איבערן צימער, ווי עס וואָלטן געשטאַנען צוויי לאָמפּן. דאָקטאָר לאַראַ האָט שוין געזען די שוואַרצעביילן אונטער די אויגן, אויפן שטערן און אויף איר אָפּגעשיילט, פאַרבלוטיקט לייב אַרום אירע נאַקעטע ברוסטן. דאָס מיידל האָט געהאַלטן צוגעשלאָסן די אויגן און ביטער געהעשעט, אַזש איר גאַנצער קערפּער האָט זיך געצאַפּלט אין קאָנוווּלסיעס. פון די אויגן־שפּאַלטלעך האָבן גערונען טרערן אַרונטער צום האַלדז.

— וואָס איז דאָ אַזוי פינצטער, סענהאָר בלאַנקאַ? מען קען דאָך דאָ גאָרנישט זען — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט אַן אויפגערעגטער.

— וואָס איז דאָ וואָס צו זען? זי האָט געכאַפּט אַ ביסל קלעפּ פון די שקלאַפינס. אַזוי פירן זיי זיך מיט יעדער נייער שקלאַפין, וואָס מען ברענגט אין הויז אַריין. זיי פאַרגינען מיר נישט צו האָבן נאָך אַ שקלאַפין אין הויז — האָט בלאַנקאַ געלאַכט מיט אַ טרוקן געלעכטער.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און אַרויסגעקוקט פון איבער די ברילן, וואָס זענען פּלוצעם פון זיין איבערראַשונג געוואָרן פאַר־נעפּלט.

— אַזוי? די מולאַטינס פירן זיך אַזוי? זיי שלאָגן אַ דערשראָקענע שקלאַפין, וואָס איז נאָך כמעט אַ קינד? — האָט דאָקטאָר לאַראַ געדרייט מיטן קאָפּ.

— איך קען נישט שטיין און אָפּהיטן יעדער שקלאַפין. דערצו, וואָס דאַרף איך זי דאָ אין גאַנצן האָבן? איך האָב בלויז געוואָלט טאָן אַ געפעליקייט מיין פריינד פערדינאַנד און זי דאָ אַהערגעבראַכט. איר קענט זי נעמען אַהיים צו זיך. מיר וועלן זי אייך געבן איר זאָלט זי אויסהיילן. איר וועט זי אפשר אויך קויפן, איר וועט דאָך פאָרן מיט אונדז קיין מינאַס־געראַיס, דאַרפט איר דאָך אַ באַדינערין. אויב איר וועט זי מער נישט דאַרפן, וועל איך זי אָפּקויפן — האָט בלאַנקאַ גערעדט מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי דאָקטאָר לאַראַ וואָלט געווען אונטערטעניק צו אים אויסצופאָלגן זיינע באַפעלן.

— איך האָב נישט צוגעזאָגט צו פאָרן מיט אייך. ווי לאַנג איר זענט דאָ אין שטאָט, בין איך אייער דאָקטאָר און דאָרט וועט איר מוזן זוכן אַנדערע מיטלען — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און זיך אָפּגערוקט פון איר. ער האָט זיך ווידער געלאָזט צום בעט, וווּ די שקלאַפין איז געלעגן.

— וואָס? איר זענט נאָך איינגעשפּאַרט? איך און מיין פעטער קאַסטעל בלאַנקאַ ווילן אייך ראַטעווען, ווייל אַז איר וועט בלייבן דאָ אין שטאָט, וועט איר אויך אַריינפאַלן אין אַ נעץ, ווי אַ סך פון די, כ'מיין די נייע־קריסטן, וואָס די אינקוויזיציע זאַמלט קעגן זיי מאַטעריאַל וועגן זייערע זינדיקע פּי־רונגען קעגן דער קירך — האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ וואָרענענדיקער שטים.

דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך אומגעקערט צו בלאַנקאַ, אים אָנגעקוקט מיט אַ ביטולדיקן שמייכל, וואָס האָט זיך צעלייגט איבער זיין פּנים.

— איר ווילט מיך ראַטעווען? פון וועמען? פון אונדזער קירך? איר שטייט העכער פון דער אינקוויזיציע? אויב זיי זאָלן עפּעס האָבן קעגן מיר, וואָס איז זיכער אוממעגלעך, וועט עס דערגיין אויך קיין מינאַס־געראַיס — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַ רויִקער שטים, ווי עס וואָלט אים אין

גאַנצן נישט געאַרט בלאַנקאַס וואָרענונג, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז מיט אַ פאַלשער מסירה קען ער אים אַ סך שאַדן טאָן.

— איך מיין נישט צו זאָגן, אַז איך אָדער עמעצער טראַכט וועגן אייך עפּעס שלעכטס, נאָר דאָ אין שטאָט אַרומצוגיין צווישן די פאַלשע אַפּטריני־קערס, וואָס היינט, מאָרגן וועט מען זיי אַוועקפירן ווייט פון דאַנען און זיי וועלן מער נישט באַטרעטן די היגע ערד, קען נאָך אויך פאַלן אַ חשד אויף אייך — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטיל קול.

— זאָרגט זיך וואָס ווייניקער וועגן מיינע זינד. וועגן אַלע מיינע זינד מאַך איך מיין קאָנפעסיע פאַר מיין פּאַראַפּיע־גייסטלעכן.

— אָ, דאָקטאָר טהאָמאַס לאָרא, איך האָב נישט געמיינט קיין שלעכטס; איך ווייס פּשוט נישט וואָס צו טאָן. איך קען די שקלאַפין דאָ נישט האַלטן אין הויז, און איך קען זי נישט מיטנעמען, אָבער איר וואָלט זי געקענט מיטנעמען קיין מינאַס־געראַיאַס. מיר נויטיקן זיך אין אַזאַ דאָקטאָר ווי איר זענט, און איך נויטיק זיך אין אייך — האָט בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ בעטנדיקער שטים און אים אָנגענומען ביים אָרעם מיט פריינדלעכקייט, וואָס ער און זיין פעטער קאַסטעל בלאַנקאַ האָבן אַלע מאָל אַרויסגעוויזן צו אים.

— איך וועל איבערטראַכטן. איך וועל זען, וואָס איך קען טאָן פאַר דער שקלאַפין. גייט אַרונטער, איר קענט מיר דאָ גאָרנישט העלפן — האָט דאָקטאָר לאָרא געזאָגט און זיך גענומען אומקערן צום צימער, ווו דאָס שקלאַפן־מיידל איז געווען. ביי דער שוועל פון צימער האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט און זיך צוריק אויסגעדרייט צו בלאַנקאַ, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער לעבן די אַנדערע מענער.

— גייט אַרונטער, נעמט אַ טרונק. איך וועל באַלד צו אייך אַרונטער־קומען — האָט דאָקטאָר לאָרא געזאָגט אַן אויפגעהייטערטער.

בלאַנקאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט:

— יאָ, לאָמיר טאַקע אַרונטערגיין און אַ הוליע טאָן. איר האָט פאַרגעסן, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן פאָר איך אַוועק. ער האָט אָנגענומען זיינע צוויי פריינד, פערדינאַנז אַנטאָניאָ און דיעגאָ לאָוואַרעס ביי די אָרעמס און זיי אַ ריר געטאָן פון אָרט. פערדינאַנז האָט אים איינגעהאַלטן, ער האָט זיך געזאָרגט וועגן זיין שקלאַפין.

—יאַ, מיר קענען דאָקטאָר לאַראַ מיט גאָרנישט העלפֿן, אָבער דואַרטע דאַ סילוואַ פֿאַרשטייט יאָ איר לשון און ווייסט ווי אַזוי מיט איר צו רעדן

— האָט פֿערדינאַנז געזאָגט און אָנגעוויזן אויף זיין געוועזענעם שוואָגער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט ווי אַן איבעריקער.

— אַך, וואָס רעדט איר? דאָקטאָר לאַראַ קען זיך באַגיין אָן מיר — האָט דואַרטע געזאָגט מיט באַשיידנקייט.

— אַ, דואַרטע דאַ סילוואַ, קומט אַהער. זאָל ער טאַקע דאָ בלייבן אַ ווײַלע מיט מיר. איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז ער האָט געלעבט ביי די אַראַבישע און אַפֿריקאַנישע ים־פּאָרטן און קען זייערע שפּראַכן.

דואַרטע איז געשטאַנען אָנגעלענט ביים פֿאַרענטש פֿון באַלקאָן און נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק דאָ צו פֿאַרבלייבן. פֿערדינאַנז האָט אים אַ ריר געטאָן ביים אָרעם.

— לאָז זיך נישט בעטן, דואַרטע.

— יאָ, לאָז זיך נישט בעטן. ער קען די קונץ, ער ווייסט ווי אַזוי צו רעדן מיט איר — האָט בלאַנקאַ שוין ווידער געשטיפּט.

דאָקטאָר לאַראַ האָט צוגעוואָרט אויף דואַרטען און ביידע זענען אַריין אין צימער. זיי זענען אַ ווײַלע געבליבן שטיל און זיך איינגעהערט ווי די דריי מענער זענען אַרונטער פֿון די טרעפּ צום אויפֿנעם־צימער. פֿון אונטן האָט זיך באַלד דערהערט אַ הויך גערעדעריי. זיי זענען אַריין אין עסצימער און גערופֿן אַ באַדינער, מען זאָל וואָס גיכער דערלאַנגען די געטראַנקען.

— איך האָב נישט געדאַרפֿט דאָ בלייבן מיט אייך. זיי וועלן אונדז באַרעדן, אַז מיר האָבן סודות צווישן זיך — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ שטיל דערשראָקן קול.

— פֿאַרקערט, איך בין גאָר צופֿרידן, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן צו בלייבן מיט אייך אַליין, מיין ליבער דואַרטע. איך איל זיך אייך צו זאָגן, אַז איר דאַרפֿט וואָס גיכער דורכפֿירן אייער חתונה־צערעמאָניע אין קירך — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און אים אָנגעקוקט מיט אַ פֿריילעך צע־שמייכלט פּנים.

דואַרטע האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר דערשראָקענע, צעטומלטע אויגן.

— איר זענט געווען ביי אונדז אין הויז? איר האָט אונטערזוכט גראַסיאַ? זי איז אויף דער צייט?

דאָקטאָר לאַראַ האָט אַרונטערגענומען די ברילן פון זיין נאָז, און זיי גענומען אויסווישן מיט אַ טיכל. אין זיינע בלויע מילדע אויגן האָט זיך געזען אַ טרויעריקע פייכטקייט. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, גראַסיאַ איז מעוברת. זי שרעקט זיך, אַז זי וועט ווערן פאַרשעמט פון בייזע רכילות און דאָס קען זייער שלעכט ווירקן אויף איר געזונט. איר קענט נישט פאַרציִען מיט דער צערעמאָניע. עס קען ווערן פאַרדעכטיק, אַז איר האָט דורכגעפירט אַ ייִדישע חתונה. זי קען נאָך פון שרעק און בושה מפּלען. זי איז צו איידל דאָס אַלץ איבערצוטראָגן — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אַקסל.

דואַרטע האָט שווער און טיף אָפּגעדעכעט און שטיל גענומען רעדן ווי צו זיך.

— ס'איז מיין שולד, מיין שולד.

— שולדיק איז מען נאָר פאַר גאָט אויב מען איז בוגד קעגן אים און זיינע געבאָטן. איר זענט גאָרנישט שולדיק. איר האָט חתונה געהאַט ווי גאָט האָט געבאָטן, ווי אַ ייִד, כּדת משה וישראל.

דואַרטע האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ אַ שעמעוודיקער. ער האָט זיך אַפילו איצט, פּנים אל פּנים מיט דאָקטאָר לאַראַ, נישט געקענט זיך מוחל זיין, וואָס ער האָט נישט געקענט גובר זיין דעם תּאווהדיקן באַגער און געלעבט מיט גראַסיאַ נאָך איידער ער האָט עפנטלעך חתונה געהאַט אין קירך. ער האָט זיך נישט געטאָרט באַגנוגענען בלויז מיט אַ ייִדישער חתונה און האָט דערמיט פאַרשאַפט שרעק און בושה זיך און גראַסיאַן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך די לעצטע נאַכט האָט גראַסיאַ אים איבערגעגעבן, אַז איר דוכט זיך, אַז זי איז אויף דער צייט. איצט, נאָך דאָקטאָר לאַראַס וויזיט, מוז זי זיין זייער עלנט און אויפגערודערט, פול מיט אַנגסטיקער שרעק. ער מוז דערפאַר זיך איילן וואָס גיכער צו קומען אַהיים זי צו באַרויִקן, אַז ער וועט צואיילן דורכצופירן די קירכלעכע חתונה-צערעמאָניע.

— איך מוז שוין לויפן אַהיים. אין דער אמתן דאַרפט איר מיך דאָ

נישט האָבן — האָט דואַרטע געזאָגט און זיך האַסטיק געלאָזט צו דער טיר.

ער האָט מיט אַ מאָל דערהערט דאָס שטילע שלוכצן פון דעם שקלאַפן־מיידל, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ. דאָקטאָר לאַראַ איז שוין ווידער געשטאַנען לעבן בעט, וווּ זי איז געלעגן, און באַרירט מיט די פינגער דיביילן פון איר קאָפּ.

דואַרטע האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין קומען דאַ אַהער אין הויז איז געווען צוליב דער שקלאַפין. ער האָט דערפאַר פאַרשפּעטיקט צו זיין אין דער היים, ווען דאָקטאָר לאַראַ איז געווען אין זייער הויז. ער איז צוריקגעגאַנגען און זיך געשטעלט לעבן בעט און געקוקט אויף דעם שקלאַפן־מיידל מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים ווי זי וואָלט געווען עפּעס ווי אַן אייגענע, אַ נאָענטע קרובֿה, וואָס ער קען זי נישט לאָזן אויף הפקר.

— דאָקטאָר לאַראַ, איך בעט אייך, איר זאָלט זי טאַקע נעמען צו זיך אַהיים, ווי דער אַדלמאַן בלאַנקאַ וויל, ווי לאַנג ער וויל, ווייל ער קען נאָך חרטה האָבן.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן און זיך אויסגעגלייכט אים גוט צו באַטראַכטן.

— איך וויל איר זאָלט זי קויפן פאַר מיר. איך קען זי איצט נישט נעמען צו אונדז אין הויז אַריין ביז גראַסיאַ וועט באַשטיין אויף דעם. איך וועל אייך געבן געלט איר זאָלט זי שוין קויפן — האָט געזאָגט דואַרטע.

די שקלאַפין האָט דערהערט זיין שטים. זי האָט אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, געעפנט די שפּעלטלעך פון אירע אויגן און זיך אַרומגעקוקט. זי האָט מיט ציטערדיקע פינגער אָוועקגעשאַרט די צעפּאַלענע האָר פון איר פּנים און אָפּגעדעקט מיט אַ דערלייכטערונג. דואַרטע האָט זיך איינגעבויגן צו איר און מיט דער האַנט אָוועקגעשאַרט די האָר לעבן אירע אויערן־לעפּלעך.

— דאָקטאָר לאַראַ, איך וויל אייך עפּעס ווייזן — האָט ער שטיל געזאָגט.

דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך האַסטיק איינגעבויגן און זיך שאַרף איינגעקוקט אויף די קופּערשטאָכן פון אירע אויערינגלעך. ער האָט עפּעס ווי אַ לייכטן צאַפּל געטאָן. זיין פּנים איז געוואָרן בלייך.

— זי איז אַ פאַלאַשין, אָדער אויסגעהאָדעוועט ביי אונדזערע מענטשן

ערגעץ — האָט ער אויסגערופן — זי האָט דעם צייכן ווי אויף אַ מזוזה.

— יאָ, דאָס האָט מיך געבראַכט דאָ אַהער. עס איז מיר אַ ווייטיק צו זען ווי אין דעם הויז וועט מען פון איר מאַכן אַ תּל...

— איצט פאַרשטיי איך שוין, עס איז מיר שוין אַלץ קלאָר — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטים, ווי ער וואָלט נישט געקענט קומען צו זיך פון איבעראַשונג.

— איך מוז זי שוין נעמען צו זיך איידער מען דערזעט אירע אויערינגלעך. עמעצער, אפשר אַ מאַנאַך, וואָס האָט געלערנט דעם אלף־בית קען נאָך פאַרדעכטיקן, אַז זי איז אַ ייִדישע און מיר וועלן זי מער נישט קענען קויפן, עס זאָל נישט אַרויסרופן עפּעס אַ פאַרדאַכט — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט.

— פּערדינאַנז אַנטאָניאָ האָט זי שוין געטויפט — האָט דואַרטע אים איינגערוימט אין אויער מען זאָל פון ערגעץ נישט דערהערן קיין קול.

— איז נאָך ערגער, מען קען זי נאָך פאַרשלעפּן צו דער אינקוויזיציע פאַר פּוצן זיך מיט ייִדישער צירונג. אפשר קענט איר דאָס פון איר אַרונטער־נעמען?

דואַרטע האָט זיך איינגעבויגן, צוגעטאָן זיין האַנט צום אויערינגל. דאָס שקלאַפן־מיידל האָט אַ צאַפּל געטאָן, אויפגעריסן די אויגן און אים אָנגעקוקט מיט שרעק און אומצוטרוי. זי האָט האַסטיק צוגעדריקט אירע הענט צו די אויערן ווי צו באַשיצן מען זאָל נישט אַרונטערנעמען אירע אויערינגלעך.

— זיי רויִק, איך וועל דיר דאָס צוריקגעבן — האָט דואַרטע געזאָגט.

— זי וועט נישט לאָזן דאָס צונעמען פון איר. דאָס איז ביי איר עפּעס ווי אַ הייליקייט, אַ באַשיצונג זי אָפּצוהיטן אין אַ פרעמדער וועלט. דאָס איז אַ קמיע, וואָס אפשר איר פאָטער און מוטער האָבן איר געשטאָכן די אויערן־לעפלעך און דאָס איר אָנגעטאָן — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט.

דואַרטע האָט זיך אָפּגערוקט. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי ער וואָלט נישט געוווסט וואָס ווייטער צו טאָן.

— איך וועל זי קויפן און זי האַלטן ביי מיר. ווען איר וועט קענען, וועט איר זי נעמען צו זיך אין הויז אַריין — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט.

— איך בין גליקלעך דאָס צו הערן פון אייך. איך וועל אייך שוין געבן געלט זי צו קויפן.

ער האָט פון טוניק־קעשענע אַרויסגענומען אַ לעדערן זעקעלע מיט מטבעות און עס דערלאַנגט דעם דאָקטאָר.

— מיין געוועזענער שוואָגער קען אייך נישט און ער וועט פאַרלאַנגען מזומן. און איצט מוז איך זיך שוין איילן אַהיים צו באַרוךקן דאָנאַ גראַסיאַ.

— לויפט נאָך נישט, איר וועט מיר דאַרפן העלפן נאָך היינט זי צוצו־נעמען פון דאַנען, — האָט דאָקטאָר לאַראַ אים איינגעהאַלטן ביים האַנט.

פון אונטן האָבן זיך דערהערט טריט, וואָס זענען אַרויף אויף די טרעפּ און זיך דערנענטערט צום שלאָפצימער. עס איז אָנגעקומען דער הויזשקלאַף, דער קרי׳אַדאָ. ער האָט געטראָגן אַן איילאָמפּ, וואָס האָט באַלויכטן די טרעפּ און דעם באַלקאָן מיט אַ צעהעלטער ליכטיקייט. ער איז אַריין אין צימער און אַוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ אויפן קאָמאָד לעבן דעם קלענערן נאַכטלעמפּל.

— איצט דאַרף מען שוין מער נישט דעם לאָמפּ. מיר גייען שוין אַלע אַרונטער. לאָזט זי דאָ אַליין — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צום מולאַט און זיך אַרויסגעלאָזט פון צימער. דוּאַרטע איז אים נאָכגעגאַנגען.

— דאָס האָבן זיי אַרויפגעשיקט דעם מולאַט צו זען וואָס מיר טוען — האָט דוּאַרטע שטיל געזאָגט.

— עס קען זיין.

ביים אַרונטערגיין פון די טרעפּ האָט דאָקטאָר לאַראַ זיך אָפּגעשטעלט און צוגעוואַרט ביז דער מולאַט איז אַרויס מיט דעם לאָמפּ אין האַנט פון צימער און צוגעלענט די טיר.

אונטן אין עסצימער זענען שוין די דריי פריינד געווען אַריינגעטאָן אין טרינקען. אויפן טיש זענען געווען אָנגעשטעלט פלעשער מיט וויין, אָפּענע און פאַרמאַכטע מיט פימסענע קאָרקן, באַליישטע און פאַרזיגלטע מיט רויטן וואַקס. געטרונקען האָט מיינסטנס דוּאַרטעס געוועזענער שוואָגער, פּערדינאַנד. די צוויי יונגע, אויסגעפּוצטע מולאַטינס, וואָס בלאַנקאַ האָט פרי׳ער באַפוילן אַריינצוקומען באַדינען די געסט, זענען שוין געווען אויסגעצירט מיט געפלאָכטענע דינע צעפּלעך אויף די קעפּ מיט נאָכהענגענדיקע קאָלירטע קרעלן ביי די ברעגן. זיי זענען געזעסן אויף די שויסן פון דעם מאַמאַלוקאָ, דעם סאַן־פּאַולער דיעגאָ לאַוואַרעס, און פון מאַרטעם בלאַנקאָ. זייערע פנימער זענען געווען צעפּאַרעט פון טרינקען.

ביים אַריינגאַנג פון דאָקטאָר לאַראַ און דואַרטע האָט בלאַנקאַ אַרונטער־געשטופּט די מולאַטין פון זיין קני און זיך אַ וואַקלענדיקער אויפגעשטעלט.

— דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ, מיין ליבער פריינד, איר האָט שוין אויסגעהיילט די צוווילדעוועטע שקלאַפין, די „פולאַסהאַ״? אפשר קענט איר זי אַרונטערברענגען.

— איר שפּאַסט, סענהאָר בלאַנקאַ. איך האָב מורא, אַז די שקלאַפין וועט לאַנג נישט ציִען, זי איז זייער קראַנק. זי גוויטיקט זיך אין אַ לאַנגן אָפּרו, וועלן מיר זי אפשר קענען צוריקשטעלן אויף די פיס. אָבער אויב איר וועט זי האַלטן אין דעם הויז, וועט זי אַרונטער פון זינען — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט.

אַלע האָבן אויפגעהערט טרינקען. פערדינאַנז האָט מיט אַ האַסטיקן קלאַפּ אַוועקגעשטעלט זיין בעכער אויפן טיש.

— איך האָב געוווּסט, אַז מ׳וועט זי דאָ דערהרגענען — האָט פערדינאַנז אויסגעשריִען און געקוקט מיט אויפגעצאַרנטע אויגן אויף זיין פריינד בלאַנקאַ.

— וואָס גלאָצסטו אַזוי בייז אויף מיר. דו ווייסט דאָך, אַז דיין שקלאַפין האָט גאָרנישט די ווערט, אויסער זי איינצופּאַקן אין אַ קאַסטן — האָט בלאַנקאַ געלאַכט.

פערדינאַנז האָט זיך האַסטיק אונטערגעהויבן פון טיש און מיט צעביילטע פויסטן אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַזש די פלעשער, די בעכערס און גלעזער האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איינער אין די אַנדערע.

— צו וואָס דאַרפט איר זיך אויפרעגן? איך וועל אַרויסהעלפן מיין פריינד סענהאָר בלאַנקאַ און זי נעמען צו מיר אַהיים. איך וועל איינשטעלן און פּרוּוון זי ברענגען צוריק צו אירע כּוחות — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַ קווענקלעניש און געקוקט אויף בלאַנקאַ ווי אים צו ווייזן, אַז ער טוט אים אַ טובה, אים אַרויסצונעמען פון אַ פאַרלעגנהייט.

— אָ, דאָקטאָר לאַראַ, איך האָב אַלע מאָל געהאַלטן, אַז איר זענט אַ הויזפריינד. אונדזער גאַנצע משפּחה האַלט פון אייך. מיין פעטער, סענהאָר קאַסטעל בלאַנקאַ, און איך שטרעבן אייך אַרויסצונעמען קיין מינאַס־געריִאַס, איר ווייסט דאָס.

— איך ווייס, אָבער דאָס וועלן מיר איבערלאָזן אויף אַ צייט שפּעטער.

יאָ, אויסצוהאַלטן די שקלאַפֿין ביז זי וועט קענען עפּעס טאָן אַן אַרבעט וועט אייך קאָסטן אַ סך געלט. האָב איך געטראַכט אפשר זי בעסער קויפֿן, אָבער אַזוי ווי איך שטעל איין און בין נישט זיכער צי זי וועט געזונט ווערן און טויגן צו אַן אַרבעט, קען איך צו פיל נישט באַצאָלן — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט.

— גוט, איך וועל זי אייך פאַרקויפֿן און נעמט זי גלייך צו פֿון דאַנען — האָט פערדינאַנד אויסגערופֿן.

— אָ, איך קען זיך פאַרלאָזן אויף דאָקטאָר לאַראַ. ער קען פֿון אַ טויטן לעבעדיק מאַכן. אַז ער וועט זי געזונט מאַכן, וועלן אַלע זי וועלן קויפֿן, אַפילו אונדזער דואַרטע, — האָט ער אַ ווונק געטאָן מיט אַן אויג און אַ בויג געטאָן דעם קאָפּ צו פערדינאַנדן. ער איז צוגעגאַנגען צו דאָקטאָר לאַראַ און אים שטאַרק געדריקט די האַנט. אויך פערדינאַנד איז צוגעקומען צו אים און אַנגעכאַפּט זיין האַנט.

— מיר קענען שוין פאַרהאַנדלען, אָבער איר מוזט מיר גלייך געבן דאָס ביסל מינץ. נישט וואָס איך געטרוי אייך נישט, נאָר איך וויל מער נישט האָבן דאָס דאַזיקע געשעפט אויף מיין קאָפּ. דואַרטע, מיין געוועזענער שוואָ־גער, איז גערעכט. ער האָט קיין מאָל נישט געוואָלט האַנדלען מיט שקלאַפֿן.

דואַרטע, וואָס איז געשטאַנען אַן אַ זייט, האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ווי קען ער האָבן אַזוי פיל געלט מיט זיך. איך וועל גאַראַנטירן — האָט בלאַנקאַ אויסגערופֿן.

פערדינאַנד האָט געדרייט מיט דער נאָז און זיין פּנים האָט זיך אויסגע־קרימט מיט אַן אומצופֿרידענער גרימאַסע.

— איר דאַרפֿט זיך נישט קימערן. איך וועל אים גלייך באַצאָלן — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט ביי דער קעשענע פֿון זיין טוניק, — איך וויל אָבער מיט אים אַליין פאַרהאַנדלען — האָט דאָקטאָר לאַראַ צוגעגעבן.

— גייט טאַקע אַריין אין מיין סטודיאָ לעבן ביבליאָטעק־צימער, דאָרט געפֿינט זיך פּאַפּיר, טינט און פעדער. קריאַדאָ! נעם דעם לאָמפּ און עפֿן פאַר זיי דאָס צימער, — האָט בלאַנקאַ אויסגערופֿן צום מולאַט, וואָס איז געשטאַנען ביי די טירן פֿון אויפֿנעם־צימער.

ביידע מענער זענען אַרויס פון צימער און נאָכגעגאַנגען דעם יונגן מולאַט־באַדינער צום סטודיאָ־צימער.

די געבליבענע האָבן מיט נייגעריקייט נאָכגעקוקט דאָקטאָר לאַראַ און פּערדינאַנד ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם זייטיקן צימער.

— אונדזער דאָקטאָר לאַראַ איז זייער קלוג. ער האָט אויף זיך אַ ייִדיש־סוחרישן קאָפּ, איר האָט געזען? ער וויל נישט ווייזן פאַר אונדז ווי ער כיטרעוועט איבער אונדזער פּערדינאַנד, — האָט בלאַנקאָ געלאַכט און געקוקט מיט אַן אָפּשפּעטנדיק שמלכעלע אויף דואַרטען דואַרטע האָט אָוועקגעדרייט זיין פּנים אין אַ זייט און זיך געמאַכט ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט.

— וואָס דאַרף ער זי האָבן? זי איז אַ קראַנק, משוגע באַשעפעניש, וואָס זי טויג בלויז מען זאָל זי אַריינלייגן אין אַ זעקל, ווי אַ דול קעצל און זי דערטרינקען. וויפל פּערדינאַנז וועט אַרויסקריגן, איז ווי געפונען געלט, האָט דיעגאָ זיך אַריינגעמישט.

— נו, און וואָס זאָגט עפּעס אונדזער גרויסער סוחר, סענהאָר דואַרטע? עפּעס זענט איר מיר זייער טרויעריק. איר באַדויערט אפשר, וואָס איר האָט נישט געהאַט די מוטיקע דרייסטקייט, ווי דאָקטאָר לאַראַ, זי צו קויפן? — האָט בלאַנקאָ אים אָנגעקוקט מיט זיינע שטיפערישע, אָפּשפּעטנדיקע אויגן.

— וואָס האָב איך צו באַדויערן? ווער דאַרף האָבן אַ קראַנקע שקלאַפין? בלויז אַ דאָקטאָר קען זיך אונטערנעמען אַזאַ אַוואַנטורע דערצו האָב איך נאָך נישט קיין היים, קיין אייגן הויז צו האַלטן שקלאַפן — האָט דואַרטע געזאָגט און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ קאַלט, אומעטיק שמייכעלע.

— יאָ, פּערדינאַנז האָט טאַקע געזאָגט, אַז אייך איז שווער איינצורעדן צו קויפן שקלאַפן. נו, אויב אַזוי, וואָס דאַרפן מיר וואַרטן ביז זיי וועלן צוריק־קומען נאָך זייער האַנדל? מען קען דאָך דערווייל נעמען אַ טרונק, — האָט בלאַנקאָ געזאָגט אַ פריילעך אויפגעלעבטער און געקוקט אויף דואַרטען מיט אַ ביטולדיק שמייכעלע, ווי עס וואָלט אים הנאה געטאָן, וואָס דואַרטע האָט נאָך נישט קיין אייגענע היים און נאָך נישט חתונה געהאַט.

ביז צו דער חתונה — האָט ער געטראַכט — קען נאָך אַ סך פאָרקומען. זי, גראַסיאַ, קען נאָך חרטה האָבן און אים אין גאַנצן איבערלאָזן. עס איז אים, מאַרטעם בלאַנקאָ, איינפאַך נישט קלאָר צו באַנעמען און פאַרשטיין ביז היינט,

פאַר וואָס האָט זי גראָד אויסגעקליבן אים, דעם אומעטיקן, טרויעריקן ייִדישן סוחר דואַרטע, וואָס היינט, מאָרגן קען אים די אינקוויזיציע פאַרשלעפּן דער רוח ווייסט וווּ, זי זאָל אים מער קיין מאָל נישט זען, און נישט אים, מאַרטעם בלאַנקאַ, פון דער אַדעליקער בלאַנקאַ־משפּחה? ער וואָלט געדאַרפט דורך עמעצן איר אויפקלערן, אַז זי דאַרף זיך נישט איילן חתונה צו האָבן מיט אים, וואָרעם אויב מען זאָל אים אַרעסטירן, וועט זי נישט האָבן קיין מאַן און אויך נישט זיין געלט. אָבער עס איז אים שווער צו געפינען דעם מענטש וואָס זאָל איר דאָס אויפקלערן. ער האָט שוין פיל מאָל געטראַכט ער זאָל דאָס איבעררעדן מיט דאָקטאָר לאַראַ און ער לייגט דאָס אָפּ. זיין היינטיק רופן אים ער זאָל קומען צו אים אויף אַ וויזיט איז נישט געווען בלויז צוליב זיין קראַנקייט, וואָס ער האָט געקראָגן פון זיינע מולאַטינס, נאָר כּדי צו רעדן מיט אים וועגן גראַסיאַ, אַז זי זאָל זיך נישט באַנאַרישן, אויף וואָס זי וועט חרטה האָבן אויפן גאַנצן לעבן, ווען זי קען זיין גליקלעך מיט אים. זי וועט זיין באַשיצט דורך זיין משפּחה און באַזאָרגט מיט די רייכע גאָלד־געפינסן וואָס זיין משפּחה האָט אין מינאַס־געריַאַס. ווי עס זאָל נישט זיין וועט ער טאָן אַלץ אין דער וועלט זי זאָל נישט חתונה האָבן מיט דואַרטען. ער אַליין, דואַרטע, זעט דאָס אפשר איין, און דערפאַר איז ער אַזוי טרויעריק און דער־שלאָגן. עס קען אויך זיין, אַז גראַסיאַ אַליין פאַרשטייט שוין אפשר, אַז זי מאַכט אַ טעות. ווי אַזוי קען ער, בלאַנקאַ, דאָס אויסגעפינען? ער האָט נאָך די לעצטע קאָרט זי צו געווינען, נאָך נישט געשפּילט.

ער זעט אָבער נישט ווי אַזוי ער וועט היינט קענען רעדן וועגן דעם מיט דאָקטאָר לאַראַ, ווען ער דאַרף פריִער פּטור ווערן פון דער אַנשיקעניש, דער שקלאַפין, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איינרעדן זי צו ברענגען אין הויז אַריין. ער ווייס אויך, אַז עפּעס קומט אים אָן שווער צו רעדן מיט דאָקטאָר לאַראַ. ער שרעקט זיך צו עפענען פאַר אים זיין האַרץ. פון איין זייט האָט ער גרויס צוטרוי צו אים און פון דער אַנדערער זייט ווייסט ער אָבער, אַז ער איז אַ ניי־קריסט און ער האַלט זיך צוריק. פון ערגערניש האָט ער אַנגעגאָסן צוויי גרויסע בעכערס וויין.

— נו, אַ ביסל מאַדעיראַ־וויין, נאָר וואָס פון קעלטער, וועט איר דאָך טרינקען מיט מיר, — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און דערביי געטראַכט, אפשר

וועט זיך אים פאַרט איינגעבן, אַז נאָך דעם ווי ער וועט אויסטרינקען עטלעכע בעכערס מיט וויין מיט דואַרטען וועט ער עפּעס פון אים אַרויסקריגן, ווי ער האַלט מיט גראַסיאַן, און ווען די חתונה וועט פאָרקומען. עפּעס דערמאָנט ער זיך, אַז דואַרטע האָט געהאַט געגעבן אָנצוהערן, אַז די חתונה וועט נישט פאָרקומען אין דער גלאָריאַ־קירך, נאָר גאָר אין גיכן אין זיין קליינער פּאַראַפּיע־קירך. ער איילט זיך, דער דואַרטע. פאַר וואָס איילט ער זיך? ער האָט מורא, אַז ער וועט זי פאַרלירן?...

דואַרטע האָט אויף אים געקוקט אַ צעטומלטער און נישט געקענט פאַרשטיין וואָס ער איז פּלוצעם געוואָרן אַזוי פריינדלעך צו אים.

— איך קען בלויז פאַרזוכן דעם וויין און איך ווינטשן פאַר אייער געזונט און דערפאָלג אין מינאַס־געריאַס, אָבער טרינקען איצט מיט אייך קען איך נישט. איך לייד אויפן מאָגן און מיין דאָקטאָר הייסט מיך אויסמיידן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען.

— אָ, אויך איר זענט קראַנק? און אויפן מאָגן? פאַר אַ חתונה איז נישט גוט צו זיין קראַנק. נישט אומזיסט איילט איר זיך דורכצופירן די חתונה. איר האָט מורא, אַז שפּעטער זאָל אייך נישט ווערן ערגער — האָט בלאַנקאָ געזאָגט און אים פאַרשעריש באַטראַכט.

— אַזוי וווּיט האַלט עס נישט. איך בין בלויז אַ ביסל פאַרדאָרבן, זיך נאָך נישט צוגעוווינט צו די היגע שפּייזן. עס וועט איבערגיין — האָט דואַרטע געזאָגט און אַן איינגעהאַלטן שמייכעלע האָט זיך קוים באַוויזן אַרום זיינע מוילווינקלען.

— מען זאָגט, אַז ייִדן און אַפילו די „קאָנווערסאָס”, די ניי־קריסטן, טרינקען וויין בלויז ביי זייערע ייִדישע צערעמאָניעס און נישט אויף אַ הוליע צו טאָן. אַזאַ איינפיר ביי זיי, ריכטיק? — האָט בלאַנקאָ געפרעגט ווי אויף ס'ניי זיך אַ רייץ צו טאָן מיט אים.

דואַרטעס פּנים האָט זיך פאַרקרימט מיט אַ פרעגנדיקער גרימאַסע ווי ער וואָלט גאָרנישט פאַרשטאַנען אַזאַ מאָדנע פראַגע.

— מענטשן טרינקען וויין ווען זיי זענען דורשטיק און ווילן פאַרברענגען מיט פריינד און זיין פריילעך. אַז איך האָב געקענט האָב איך אויך געטרונקען. איר דאַרפט געדענקען, אין די סטודענטישע יאָרן האָבן מיר געטרונקען אין

די ווײַן־קעלערן אין קאָימבראַ — האָט דואַרטע אים דערמאָנט זײַערע פרײַ־לעכע יאָרן, ווען זײ האָבן געלערנט אין קאָימבראַ־אוניווערסיטעט. כאָטש זײַער אַמאָליקע פרײַדשאַפט איז נישט געווען צו נאָענט־אינטים, זענען זײ אָבער צווישן זיך געווען העפלעך און ביז גאָר פרײַנדלעך.

פון דער סטודיאָ זענען מיט אַ מאָל אַרויסגעקומען דאָקטאָר לאַראַ און פערדינאַנו און זיך רירעוודיק געלאָזט צום עסצימער. בלאַנקאַ איז זײ אַנט־קעגנגעגאַנגען.

— איר זענט זײַער גיך דורכגעקומען! קען איך אײַך שוין גראַטולירן?
— האָט בלאַנקאַ געפרעגט.

— יעזוס זיסער, איך דאַנק זײַן ליבן נאָמען, וואָס דאָקטאָר לאַראַ נעמט זי צו פון מיר. נאָך הײַנט אָוונט וועט ער זי צונעמען פון דאַנען — האָט פערדינאַנו געזאָגט מיט אַן אויפגעהײַטערט קול.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, זיך אָפּגעווישט מיט אַ סערוועטקע זײַן פאַרשוויצט פנים, און אַ נעם געטאָן פון טיש אַ פלאַש ראָם, אויפגעפּראַלט מיט אַ פראָפּן־ציִער דעם פּימסענעם קאָרק און אָנגעגאָסן פולע גלעזער.

— איצט קענען מיר זיך נעמען צום טרינקען. איך בין פרײַ מיט דיר צו פאָרן קיין מינאַס־געריִאַס, צו די גאָלדגרובנס. איך האָב נישט געקענט דאָ איבערלאָזן אַ שמוציקע שקלאַפין אין דעם רײַכן בעט פון דײַן מומע דאָנאַ איזאַבעל בלאַנקאַ, — האָט ער אויסגערופן מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט זיך פאַרענטפערט פאַר זײַן פרײַנד בלאַנקאַ.

— שײַן וואָלט איך אויסגעזען, ווען מײַן פעטער וואָלט געזען די פאַרלײַ־זיקטע שקלאַפין אויף מײַן מומע דאָנאַ עליזאַבעטס געלעגער — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און זיך אַן אויפגעציטערטער אַ שיבער געטאָן.

בײדע פרײַנד האָבן אויפגעהויבן די גלעזער און מיט איין ציִענדיקן אָטעם אַרײַנגעגאָסן דעם ווײַן אין זיך.

— יאָ, מיר וועלן אַלע פאָרן קיין מינאַס־געריִאַס, דאָס גאָלד שײַנט ווי די זון אין הימל. אויך דאָקטאָר לאַראַ וועט מיט אונדז מיטפאָרן, אויב ער וויל שוין מאָרגן גלײַך מיט אונדז מיטפאָרן, קען די שקלאַפין דאָ פאַרבלײַבן איבער נאַכט. מיר וועלן איר אויסבעטן אַ געלעגער אין שטאַל — האָט בלאַנקאַ געזאָגט און זײַן רויט געפלעקט פנים איז געוואָרן שווײַסיק צעהיצט.

— איך קען זי דאָ, צום באַדויערן, נישט איבערלאָזן. זי קען דאָ איבער נאַכט אויסגיין. זי דאַרף שוין באַזאָרגט ווערן מיט מעדיצין, און איך האָב דאָס נאָר אין דער היים. אויב איך וועל זי נישט נעמען מיט זיך איצט, וועלן מיר האָבן אַ טויטן קערפּער אין דאָנאַ עליזאַבעטס צימער אָדער אין שטאַל — האָט דאָקטאָר לאָראַ געזאָגט מיט אַ טרויעריק פאַרזאָרגטער שטים.

מאַרטעם בלאַנקאָ האָט זיך ראַפּטעם אויפגעשטעלט און מיט אַ הויך קול אַריינגעשריגן צו די צוויי מולאַטינס, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער נאָענטער קיכטיר צו באַדינען די געסט.

— ווו איז דער קריאַדאָ? זאָגט אים ער זאָל אַרונטערברענגען די שקלאַפין פון דאָנאַ עליזאַבעטס צימער און זי אַרויסטראָגן צום דאָקטאָר לאָראַס געשפּאַן.

— איך וועל מיטגיין. מען דאַרף זי איינהילן אין אַ וואָלענעם טוך און זי טראָגן מיט דעליקאַטע הענט. איר גאַנץ לייב איז געשוואָלן מיט ביילן — האָט געזאָגט דאָקטאָר לאָראַ.

— איר, דאָקטאָר לאָראַ, ציטערט איבער איר ווי זי וואָלט געווען עפּעס אַ טעכטערל פון אַ רייכער, געהויבענער משפחה און נישט אַ צערודערטע, שמוציקע שקלאַפין — האָט מאַרטעם בלאַנקאָ געקוקט אויף אים מיט אַ חוזק־שמייכעלע, וואָס האָט זיך צעלייגט אויף זיין שווייסיק, צעיאַרמערט פּנים.

דאָקטאָר לאָראַ האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט, געטראַכט אים עפּעס צו זאָגן אַ שאַרף, בייסיק וואָרט, נאָר צום סוף האָט ער זיך באַרעכנט און מיט אַ שפּאָטיש שמייכעלע אַרום זיינע ליפּן שטיל געזאָגט:

— איר ווילט דאָך נישט איך זאָל פאַרלירן מיין געלט, וואָס איך האָב געגעבן אייער פריינד פערדינאַנז אַנטאָניאָ.

— נעמט מיט דוּאַרטען, אָן אים וועט אייך זיין שווער זי אַרויסצונעמען פון דאַנען. ער ווייסט ווי אַזוי צו רעדן מיט איר — האָט פערדינאַנז דערמאָנט ווי ער וואָלט אויסן געווען, אַז דאָקטאָר לאָראַ וואָס האָט אים באַצאָלט וויפל ער האָט געבעטן און זיך נישט געדונגען, זאָל נישט האָבן קיין שוועריקייטן זי צו נעמען צו זיך אַהיים.

— אויב ער וויל מיר אַרויסהעלפן, וואָלט איך עס אָפּגעשאַצט, — האָט דאָקטאָר לאָראַ געזאָגט.

דאָרטע האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. ער האָט נישט געוואָלט אַרויס־ווײַזן זײַן נאָענטע פֿרײַנדשאַפֿט מיט דאָקטאָר לאַראַ. ער האָט אָבער באַמערקט אין די בעטנדיקע בליקן פֿון זײַן פֿרײַנד, אַז ער וויל ער זאָל מיט אים מיטגיין. זײַן געזוועזענער שוואָגער האָט זיך דערנענטערט צו אים.

— גיי מיט אים, דאָרטע. דו וועסט האָבן אַ געלעגנהייט מיט אים מיט־צופֿאָרן אַהיים. איך וויל נאָך דאָ בלײַבן — האָט ער געזאָגט צו אים מיט אַ משפּחהקדיקער זאָרג, פּונקט ווי אַ מאָל אין דער אַלטער היים, ווען זײַן שוועסטער פֿראַנציסקאַ האָט נאָך געלעבט.

דאָקטאָר לאַראַ איז אַרויף מיט די טרעפּ צום אויבערשטן גאָרן. הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען דאָרטע. אויבן, אין שלאָפֿצימער, איז שוין געשטאַנען דער יונגער מולאַט און געהאַלטן גרייט אַ וואָלענעם טוך אין האַנט.

די שקלאַפֿין האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ פֿאַרציטערטע פֿון שרעק, פֿון דעם פּלוצעמדיקן ווידער אַרײַנקומען אין צימער. זי האָט אָוועקגעשאַרט די האָר פֿון איר פּנים און אויפֿגעריסן די אויגן. זי האָט זיך אַ הויב געטאָן פֿון איר געלעגער ווי זיך צו באַשיצן פֿון די אַרײַנגעקומענע.

דאָרטע האָט זיך דערנענטערט צו איר בעט און זיך צוגעבויגן צו איר.

— מיר גייען דיך אַרויסנעמען פֿון דאַנען. דאָס איז דאָקטאָר לאַראַ, ער וועט דיך אויסהיילן, דיך געזונט מאַכן. דו וועסט זײַן בײַ אים אין דער היים, איך וועל קומען צו דיר און דיר העלפֿן — האָט דאָרטע גערעדט צו איר מיט אַ פֿאָטערלעכער זאָרג.

דער יונגער מולאַט האָט זי אַ נעם געטאָן פֿון געלעגער, זי אײַנגעדעקט אין דעם וואָלענעם טוך. דאָקטאָר לאַראַ האָט פֿאַרהילט איר פּנים ביז אַריבערן קאָפּ. דער מולאַט האָט זי אַרונטערגעטראָגן פֿון די טרעפּ אַ פֿאַרדעקטע, אַ פֿאַרגליווערטע פֿון שרעק ווי זי וואָלט געווען אַ בר־מינן.

אין אויפֿנעם־צימער זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט בלאַנקאַ און זײַנע געסט, אויך די באַדינערינס און די אַנדערע שקלאַפֿן פֿון הויז, וואָס זענען געשטאַנען פֿאַררוקט בײַ די טירזײַטן. אַלע האָבן שווײַגנדיקע נאָכגעקוקט פֿאַראומערטע ווי דער מולאַט טראָגט אַרויס די קראַנקע שקלאַפֿין פֿון הויז. טרערן זענען געשטאַנען אין זייערע אויגן, זייערע פּנימער האָבן אויסגעד־דריקט באַדויער, וואָס זיי האָבן זי פֿריִער געשלאָגן אין וואַשצימער.

דאָקטאָר לאָראַ און דואַרטע זענען מיט געזונקענע קעפּ נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן בלויז זיך געזעגנט מיט אַן אומעטיקן, טרויעריקן שאָקל מיט די קעפּ אײדער זיי זענען אַרויס פון הויז.

נײַנצנטער קאַפּיטל

די קאַרעטע איז געפאָרן פּאַמעלעך דורך די פינצטערע גאַסן. די צוויי אייל־לאַמטערנס, אָנגעהאַנגען בײַ די פאָרנטיקע זײַטן פון דער קאַרעטע, האָבן פאַרשפּרייט אַ שאָטנדיקע ליכטיקייט. די אַרומיקע הײַזער, צעוואָרפן אויף גרויסע שטחים־לאַנד, ווײַט אָפּגעטיילטע איינע פון די אַנדערע, זענען געווען אײַנגעהילט אין אַ באַנאַכטיקער חשכות. בלויז דאָ און דאָרט האָט אַ צאַפּלענדיקע ליכט פון אַ טונקל נאַכטלעמפּל זיך דורכגעשפּאַרט פון צווישן די באַבלעטערטע ביימער־קרוינען.

דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאָראַ און דואַרטע דאַ סילוואַ זענען געזעסן אויף זייערע זיצפּלעצער קעגנאיבער דעם שקלאַפן־מיידל, וואָס איז געלעגן אויף דעם קעגנאיבערדיקן געזעס אײַנגעהילט אין דעם וואָלענעם טוך. איר פּנים אַרום דעם מויל און דער נאָז איז געווען אָפּגעדעקט. זי האָט איצט רויִק געאָטעמט, פון מאָל צו מאָל האָט זיך בײַ איר אַרויסגעריסן אַ טיפער זיפץ און זי האָט אויפגעציטערט, ווי זי וואָלט געפּלאָגט געוואָרן פון ביטערע חלומות. ביידע מענער זענען געזעסן שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, יעדער פאַרטראַכט אין זיך, אין זייערע אייגענע רעיונות. זיי האָבן זיך אײַנגעהאַלטן נישט צו רעדן, זי נישט אויפצוּוועקן פון איר אומרויִקן, קרענקלעכן שלאָף.

דואַרטע האָט זיך צוגעבויגן צו איר. ביז איצט, ווען זי איז געווען אין די הענט פון זײַן געוויזענעם שוואָגער און שפּעטער אין הויז פון מאַרטעם בלאַנקאַ, האָט ער זי נישט געקענט אויספרעגן פון וואַנען זי קומט, ווו מען האָט זי געפאַנגען, ווו עס וווינען אירע עלטערן, צי זיי האָבן איר אַנגעטאָן די קופּערנע אויערינגלעך, און באַזונדערס צי זי באַגרייפט די געפאַר זיי צו טראָגן. ער האָט זי דאָס אַלץ געוואָלט פרעגן איידער די קאַרעטע וועט זיך אָפּשטעלן לעבן דעם הויז פון דער משפּחה דאַ סילוואַ, ווו ער וווינט.

אָבער ער זעט איין, אַז ער וועט דאָס נישט קענען טאָן. איר באַז איז געווען אויפגעשוואָלן, די ליפּן אויסגעקרימט און צעפּלאַצט, ברייט צעעפנט, פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזען אירע ווייסע ציין וואָס האָבן געציטערט ווי זי וואָלט געפיבערט. דאָס מיידל איז, ווי עס זעט אויס, אויף אַן אמת קראַנק. דער צעלאָזענער לעביונג בלאַנקאַ האָט זי גוט צעשלאָגן, און ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט נעמען זי צוריקצושטעלן אויף די פיס.

— דאַנקען גאָט, זי שלאָפט, אפשר וועט דאָס איר באַרויקן, — האָט דואַרטע שטיל געזאָגט און זיך אויסגעדרייט צו דאָקטאָר לאַראַ.

דער דאָקטאָר האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער אויף זיינע שושקענדיקע ליפּן, אַז דואַרטע זאָל גאָרנישט רעדן. יאָ, עס איז טאַקע בעסער זי זאָל שלאָפן אַ באַרויקטע, וואָרעם אויב זי זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף וועט זי אפשר גאָרנישט וועלן פאָרן צו דאָקטאָר לאַראַ אין הויז אַריין. זי איז צו פיל איבער־געשראָקן און האָט פאַר אַלעמען מורא.

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז פון זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ. דואַרטע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל פון דער קאַרעטע. די פאָרנטיקע פענצטער פון הויז זענען נאָך געווען טונקל באַלויכטן, ווי מען וואָלט געוואַרט אויף זיין קומען אַהיים.

דאָס שקלאַפן־מיידל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר דרימל. זי האָט אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ פון טוך, זי האָט אַ צעטומלטע זיך אַרומגעקוקט דאָ אויפן דאָקטאָר לאַראַ און אויפגעצאַפּלט ווי זי וואָלט נישט געוווסט ווו זי געפינט זיך. אָבער באַלד האָט זי דערזען דואַרטען. איר אויפגעיורט פּנים איז געוואָרן באַרויקט, עס האָט זיך אַפילו באַוויזן אַ שמייכל אויף אירע אויפגעשוואָלענע ליפּן.

— עס טוט דיר מער נישט ווי? — האָט דואַרטע שטיל געפרעגט.

זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ צעטומלט־פרעגנדיק פּנים, ווי זי וואָלט פון צעחושטקייט נישט געכאַפּט וואָס ער מיינט.

— ניין, עס טוט מיר נישט ווי — האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ, אָבער איר פּנים האָט זיך פאַרקרימט מיט אַ יסורימדיקער גרימאַסע.

— דו וועסט דערוויל בלייבן ביי אונדזער רופא, דאָקטאָר לאַראַ, ער וועט דיך געזונט מאַכן, דיר געבן גוטע, ריינע עסנס, ער וועט דיך אויסהיילן

און שפּעטער וועל איך דיך נעמען צו מיר אין הויז אַריין — האָט דוואָרטע געזאָגט און לייכט אַ גלעט געטאָן איר האַנט, וואָס זי האָט געהאַט אַרויס־געצויגן פון טוך.

זי האָט שווער און טיף אָפּגעזיפצט, וואָס זי האָט נישט קיין ברירה און מוז פאָלגן וואָס מען הייסט איר.

דוואָרטע איז אַרויס פון דער קאַרעטע און געשטאַנען אַ ווײַלע אַ פאַר־טראַכטער. ער האָט געהאַט אַ סך צו פרעגן דאָקטאָר לאַראַ. ס'איז אים ביז איצט געווען שווער צו רעדן וועגן דעם, ער זאָל זיך היטן אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן אַז גראַסיאַ איז מעוברת און צי גראַסיאַ קען נאָך פון זאָרג און בושה אַ מאָל נישט קראַנק ווערן און נאָך אפשר מפּלען. ער וואָלט זיך אַזאַ אומגליק קיין מאָל נישט געקענט מוחל זיין.

ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו דער קאַרעטע, אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ. דאָס שקלאַפן־מיידל האָט זיך אונטערגעהויבן פון געזעס און געקוקט אויף אים מיט אַן אויפגעלעבט פּנים.

— דאָקטאָר לאַראַ, איך האָב אויף אייך אַרויפגעלייגט אַן עול, איך טאָר אָבער זי נישט נעמען צו מיר אין הויז אַריין. זי וועט אפשר אויף שטענדיק בלייבן ביי אייך — האָט דוואָרטע געזאָגט מיט אַ פאַרזאָרגטער שטים.

— זייט רויִק, דוואָרטע. די צייט וועט אַלץ אויסהיילן. זי וועט ביי מיר דערוויל האָבן אַ גוטע היים. גראַסיאַ איז אַ קלוגע און פאַרשטענדיקע, אויב זי וועט וועלן זיין וויליק זי צו נעמען אין הויז אַריין, נו דעמאָלט וועט זי אַליין קומען נאָך איר.

— איך ווייס, איך ווייס. ווי איר זעט, איז דאָס שקלאַפן־מיידל שטאַרק צוגעבונדן צו מיר, אָבער נישט דאָס איז די סיבה, וואָס איך האָב זי געקויפט, עס איז היינט נישט די צייט פון אונדזערע אָבות צו האָבן אַ שטוב מיט קעפּסווייבער; איך מיין, אַז איר פאַרשטייט דאָס. איך האָב בלויז געוואָלט פרעגן צי דאָנאַ גראַסיאַ, מיין כלה, מיין ווייב, וועט נישט פון זאָרג חלילה מפּלען. זי ווייסט אַז אַלע ווילן אונדז נאָר שלעכטס טאָן. מען וויל זען מיין מפּלה, מיך אָוועקשיקן צום פייער און מיך באַרויבן — האָט דוואָרטע געזאָגט שטיל מיט אַ דערדריקט קול.

— מיין ליבער דוואָרטע, מיר זענען אַלע אין גאָטס הענט אונטער זיין

השגחה. מיר בעטן כּסדר דעם באַשעפער, ער זאָל אונדז באַשיצן. אויב עס איז גאָטס רצון, אַז מיר זאָלן באַשירעמט ווערן פון זייער רשעות, וועלן זייערע הענט זיין געליימטע. גייט אין הויז אַריין, מען וואַרט אויף אייך. דאָנאַ גראַסיאַ איז אַן אידעלע אָבער אַ געזונטע, זי וועט אַלץ איבערטראָגן, זעט, דאָס הויז איז באַלויכטן, ווי אויף אַ חתונה — האָט דאָקטאָר לאָראַ געזאָגט מיט אַ פריילעכער שטים און אים מיט דער האַנט געוויזן די באַלויכטענע פענצטער.

דואַרטע האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים צום אויבערשטן גאָרן. אַלע פענצטער זענען איצט שוין געווען באַלויכטן פון די גרויסע איילאָמפּן מיט דעם רייכן וואָלפישאייל. ביי איין פענצטער זענען געשטאַנען צוגעפּרעסט מיט זייערע פּנימער צו די שויבן דאָנאַ לאָורענסיאַ און די אַלטע מרים, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיכער מאַכן, אַז דאָס איז טאַקע ער, דואַרטע, געקומען אַהיים. די פענצטער פון די שלאָפצימערן זענען געווען פינצטער, בלויז אין איין צימער ביים סאַמע ברעג פון הויז האָבן זיך געזען ליכטשאָטנס פון אַ טונקל נאַכטלעמפּל, וואָס האָט זיך קוים, קוים דורכגעשפּאַרט דורך די גאַר־דינען. דואַרטע האָט געוווסט, אַז דאָרטן, אין זיין צימער, געפינט זיך גראַסיאַ. אַ צאַפּלענדיקער, זיס־נאַגנדיקער ציטער האָט דורכגעשטראָמט אין זיין לייב: גראַסיאַ וואַרט אַ פאַרזאָרגטע אויף אים.

דואַרטע האָט צוגעמאַכט די טיר פון דער קאַרעטע און אַ באַוועג געטאָן מיט דער האַנט. די קאַרעטע איז פּאַמעלעך אָפּגעפאָרן. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע און נאָכגעקוקט ווי דער געשפּאַן האָט זיך פאַרקערעוועט אַרונטער דער גאַס, פּאַזע דעם יעזויִטישן קלויסטער. זי איז פאַרשוווּנדן הינטער דעם שטיינערנעם קלויסטער־פּאַרקאַן. בלויז אַן אָפּהילך פון די פערדישע קאָפּי־טעס און דאָס רעדלען פון דעם פאָרנדיקן געשפּאַן האָט זיך לאַנג געהערט אין דער לופט.

דואַרטע האָט זיך גלייך געמאַכט זיינע קליידער. ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל זען זיין אָפּגעלאָזנקייט, באַווייזן זיין פאַראומערט פּנים פאַר זיינע קרובים. זיי מוזן שוין זיכער וויסן, אַז די אינקוויזיציע האָט פאַר נאַכט אָוועקגעשיקט מיט אַ שיף אַ צאָל מענטשן, עטלעכע ניי־קריסטן, קיין ליסאַ־באָן און צווישן זיי אויך זיין שקלאַף אַבדול. דאָס הויז, אַבדולס ווייב און די

אַנדערע שקלאַפן מוזן זיין פאַרטרויערט, אָבער ער מוז זיך היטן און נישט אַרויסווייזן זיין פאַרזאָרגטקייט, וואָס קען שעדיקן גראַסיאַן.

ער איז מיט געלאַסענע טריט אַריין אין הויז. ביי דער טיר האָט אים אָפּגעוואַרט ראַמאַליאַ. איר געראָנצלט פּנים האָט געשיינט מיט אַן אויפגע־לעבטער פרייד.

— סענהאָר דאַ סילוואַ, מיר האָבן נישט געקענט גיין שלאָפן ביז איר זענט נישט געקומען אַהיים. מיר האָבן לאַנג געוואַרט אויף אייך מיטן אָונט־מאָלצייט. קיינעם איז דאָס עסן נישט באַקומען, אייער מאָלצייט איז אָבער צוגעגרייט פאַר אייך — האָט ראַמאַליאַ געזאָגט מיט אַ מאַמישער זאָרג.

— אָ, וועגן מיר דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן. מיינע גוטע פריינד ווי איך בין פאַרבעטן געוואָרן האָבן מיך שוין באַזאָרגט מיט אַלעם גוטן. איר זאָלט אָבער וויסן, איך האָב בעסער ליב דאָס עסן אין הויז וואָס איר גרייט צו — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטיפערישער פריילעכער שטים.

ראַמאַליאַ איז פון זיינע לויבררייד געוואָרן זייער גערירט, איר פּנים האָט זיך פאַררויטלט.

— אָ, דאָנאַ מאַריאַ און דאָנאַ גראַסיאַ וועלן זיין צופרידן דאָס צו הערן — האָט זי געזאָגט און אַרונטערגערוקט אירע גראָ־צעשויבערטע האָר אין איר נאַכטקופקע, וואָס האָט פאַרדעקט איר שטערן.

פון דעם נאָענטן אויפנעם־צימער זענען אין איילעניש אָנגעקומען דאָנאַ לאָורענסיאַ און די אַלטע מרים. ביידע האָבן אויסגעזען מיד און דערשראָקן, די פּנימער אויסגעבלייכט.

— מיר האָבן גאָרנישט געקענט אויסגעפינען ווו דו ביסט פאַרשוווּנדן געוואָרן — האָט מרים געזאָגט און אין אירע צערויטלטע אויגן האָט זיך געזען אַ טרערנדיקע פייכטקייט.

— איך האָב אַזוי געוואָלט היינט קומען אַהיים פרי, אָבער צו מיין איבער־ראַשונג איז צו מיר אין געשעפט געקומען מיין געוועזענער שוואָגער מיט זיין פריינד דעם אַדלמאַן מאַרטעם בלאַנקאַ. איך האָב געמוזט פאָרן מיט זיי אַהיים. עס איז געווען זייער נויטיק — האָט דואַרטע געזאָגט.

— אָ, מיט דעם נאָבלמאַן בלאַנקאַ ביסטו דאָס געגאַנגען פאַרברענגען. ער האָט אַ בייז האַרץ אויף אונדז. ער שיקט אונטער מענטשן אויסצוגעפינען

ווען גראַסיאַ וועט חתונה האָבן. ער זאָל זיך נאָר נישט דערוויסן, אַז גראַסיאַ איז שוין דיין ווייב. ער קען זיך נישט אַרויסשלאָגן פון געדאַנק, און קען נישט מוחל זיין, וואָס גראַסיאַ האָט אים נישט געוואָלט פאַר אַ מאַן — האָט מרים געזאָגט און געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

— אַזוי גאָר? וועמען האָט ער דאָס געשיקט אויספרעגן וועגן גראַסיאַן, דער אַדלמאַן? ער איז שוין באַלד ווי אַן אַגענט פון דער אינקוויזיציע — האָט דואַרטע געזאָגט און אָפּגעהאַקט.

ער האָט שאַרף מיט אויפגעפּראַלטע אויגן זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן צי עמעצער האָט אים געהערט. ראַמאַליאַ איז שוין געשטאַנען ווייט פון זיי אין דעם ווייטלעכן טייל פון הויז, וואָס האָט געפירט צו דער קיך.

— עס איז גענוג טרויעריק אין הויז. דיין שקלאַף אַבדול האָט מען היינט פאַר נאַכט אַוועקגעשיקט קיין ליסאַבאָן. זיין ווייב איז אויס מענטש, זי קלאָגט און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ. עס איז אַ גאָטס רחמנות אויף איר — האָט מרים אָפּגעזיפצט.

— וואָס האָט מען צו דעם אָרעמען מענטש? ביי אייך איז שוין דאָ ערגער צו לעבן ווי אין ליסאַבאָן. יאָ, וועמען האָט מען דאָס אויסגעפרעגט וועגן גראַסיאַן? — האָט דואַרטע זי אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיק פּנים.

— אַבדולס ווייב, אַדערעס, איז אַהיים געגאַנגען פון פּאָרט נאָך דעם ווי מען האָט אַוועקגעשיקט איר מאַן. זי האָט נעבעך זייער געקלאָגט דעם גאַנצן וועג אַהיים. איינער פון דעם נאָבלמאַן בלאַנקאָס שקלאַפן, אַ פאַרגרעבטער פאַרשוין, אַ קרי׳עלאָ* האָט זי אָפּגעשטעלט. ער האָט זי געפרעגט מיט אַ שפּאָטיש געלעכטער פאַר וואָס זי קלאָגט, בעת זי דאַרף זיך גאָר פרייען און זיך גרייטן צו דער חתונה פון גראַסיאַן מיט דעם רייכן סוחר דואַרטע, וואָס מען זאָגט, אַז ער איז אַ ייד. אַבדולס ווייב האָט אים אָנגעקוקט מיט כּעס און אים אָנגעשפּיגן אַ פול פּנים — האָט מרים דערציילט.

— אַזוי? עס איז גלאַט רכילות. איר דאַרפט זיך נישט נעמען צום האַרצן. אַלע ווייסן, אַז איך וועל אין גיכן חתונה האָבן מיט גראַסיאַן — האָט דואַרטע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז עס איז גאָרנישט.

* קרי׳עלאָ אָדער קרי׳עיאָ — אַ שקלאַף געבוירן ביים אייגנטימער פון אַ שוואַרץ שקלאַפן־פּאָרל.

— עס איז לייכט אַלץ אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, אַז עס איז גאָרנישט. דער קרײַעלאָ האָט איר נאָכגעשריגן: ,דו האַלט נאָר אַן אויג אויף זיי. מען זאָגט, אַז די ייִדן, די נײַ־קריסטן טוען אָפּ די זאַך און לאָזן זיך ווײַלגיין נאָך איידער זיי האָבן חתונה אין קירך'... — האָט מרים געזאָגט און אין איר טאָן האָט זיך געפּילט פּאַרדרוס, וואָס ער איז נישט בײַגעשטאַנען דעם נסיון און טאָקע געלעבט מיט גראַסיאַן אַזוי אַז דאָס רכילות־טרײַבערײַ פֿון דעם גאַסנמענטש איז גאָרנישט אויסגעטראַכט...

דואַרטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זײַן פּנים איז געוואָרן רוגזהדיק בלאַס. עס האָט אים טיף אויפגערודערט.

— לאָמיר בעסער רעדן וועגן פֿרײלעכערע זאַכן — האָט לאַורענסיאַ זיך אַרײַנגעמישט.

— וואָס קען מען שוין איצט רעדן וועגן פֿרײלעכערע זאַכן — האָט מרים נעביטערט און אַ פּאַראומערטע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך האָב געזען דורכן פֿענצטער, אַז דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאָראַ האָט דיך צוגעפֿירט צום הויז, איז ווייסטו דאָך שוין אַלץ. וויל איך דיר ווינטשן מזל־טובֿ, אַז אַלץ זאָל זיך ענדיקן גוט, אַז מיט גאָטס רצון זאָל גראַסיאַ האָבן אַ ייִנגל, געראָטן אין מײַן זשאָזען, וואָס גראַסיאַ האָט אַזוי ליב — האָט לאַורענסיאַ געזאָגט און אויף אירע מויל־ווינקלען האָט זיך אויסגעלייגט אַ קלוג שמייכעלע, וואָס איז געווען אי טרויעריק און אי פֿריילעך.

— יאָ, מײַנע טײַערע, איך ווייס שוין אַלץ, זאָל שוין טאַקע זײַן מיט מזל, אַז גראַסיאַ זאָל גרינג איבערקומען די צײַט — האָט דואַרטע געזאָגט, און זײַנע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרימט מיט אַ גליקלעכער און זיס־ביטערער גרימאַסע.

— זאָל שוין טאַקע דער איינציקער גאָט אין הימל האָבן אַ דערבאַרעמדיקע איינזעעניש מיט אונדז, אַז דורך גראַסיאַן זאָל אויפגעריכט ווערן מײַן גאָטזעליקן מאַנס נאָמען, וואָס מײַן ברודערס זון, דער אָפּווייכער אין דער משפּחה, דער מאָנאַך אַנטאָניאָ האָט פֿאַרשוועכט און וועט קיין מאָל נישט איבערלאָזן קיין געדעכעניש נאָך זיך.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער באַלעבאָס פֿון הויז, זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ. ער איז געווען אָנגעטאָן אין זײַן סאַמעטענעם שלאָפֿראָק

פון אַ טונקעלן ווינקאַליר. ער האָט זיך צוגעהערט צום געשפּרעך. די פרויען זענען אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אָפּגערוקט. דוואַרטע האָט אויפגעהויבן די אויגן צו אים.

— אַ, זשואַן, איך בעט דיך מיר צו פאַרגעבן פאַר קומען אַהיים אַזוי שפּעט. איך האָב אַלעמען געשטערט צו גיין באַצייטנס שלאָפן.

— ווער קען שלאָפן? אַז מיר לייגן זיך אין בעט, קען מען דען שלאָפן? איך וועל שוין היינטיקע נאַכט אויך נישט שלאָפן. איך קען קוים שטיין אויף די פיס, אָבער איך קען נישט צומאַכן קיין אויג — האָט מרים געביטערט.

אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און גאַרנישט געזאָגט, וואָרעם זיי האָבן אויך אַ סך נעכט צוליב זייערע זאָרגן און שרעק נישט געקענט איינשלאָפן. יעדער קאַרעטע, יעדער דורכלויפנדיקער רייטער אויף אַ פערד האָט זיי איבערגעוועקט. עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אַז אָט וועט דער דורכפאָרנ־דיקער געשפּאַן זיך אָפּשטעלן, מען וועט אַ קלאַפּ טאָן אין טיר און, אַז מען וועט עפענען, וועט מען זיי זען, די דאָמיניקאַנער אינקוויזיטאָרן, וואָס זענען געקומען זיי צונעמען און אַוועקפירן אין דער אינקוויזיציע־תּפיסה.

— ווי איך הער, ביסטו אַריין אין די הויכע פענצטער, מיין ליבער דוואַרטע, די בלאַנקאָס זענען איצט די רייכסטע, די ווichtיקסטע מענטשן אין לאַנד. דער אַלטער בלאַנקאָ איז איצט דער הערשער איבערן גאַנצן גאָלד אין מינאַס־געריִאַס — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און מיט זיינע שמייכלענ־דיקע, פאַרשערישע אויגן באַטראַכט דוואַרטען.

— איך בין זיי מוחל דאָס גאָלד, אַבי זיי זאָלן אונדז לאָזן צו רו. מיין גאָטזעליקער ברודער יוחנן האָט גאַרנישט געוואָלט האָבן מיט זיי צו טאָן. ער האָט פאַר זיין טויט אונדז געוואָרנט, אַז זייער גאָלד איז פאַרפּירעריש און וועט אונדז אַלעמען אָפּבריִען די הענט און ס'לייב און לעבן — האָט זיך די אַלטע מרים ווידער אַריינגעמישט.

אַלע האָבן מיט פאַרזאָרגטע פּנימער געשמייכלט. די שטילע מרים איז שוין לאַנג נישט געווען אַזוי באַרעדעוודיק ווי די היינטיקע נאַכט.

— איר דאַרפט זיך גאַרנישט זאָרגן, דאָנאַ מאַריאַ. זיי האָבן זיך נישט ליב צו וואַרפן אָדער זיך צו טיילן מיט זייער גאָלד — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט מיט אַ שטיפערישן טאָן.

זשואַן מענדעס האָט אָנגענומען זיין קרוב דואַרטע ביים אָרעם און מיט אים געגומען שפּאַנען פון קאָרידאָר נענטער צו זיין ביוראָ־צימער.

— יאָ, לאָמיר טאָקע הערן ווי אַזוי דו האָסט דאָרט פאַרבראַכט. איך האָב געהערט, אַז דער אַלטער קאָסטעל בלאַנקאָ האָט אַרויסגערופן זיין פלימעניק מאַרטעם בלאַנקאָ צו זיך קיין מינאַס־גערײַאַס, אים צו מאַכן פאַר זיין געהילף — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט.

— זשואַן טייערער, אפשר קענסטו דאָס איבערלאָזן אויף מאָרגן — האָט לאָורענסיאַ זיי פאַרהאַלטן.

— יאָ, אפשר וויל ער עפּעס עסן. זעט נאָר ווי אויסגעבלייכט ער איז. איך קען שווערן, אַז אויסער די פייגן און מאַנדלען און דעם רייזקוכן וואָס גראַסיאַ האָט אים מיטגעגעבן אין דער פרי האָט ער גאָרנישט מער געגעסן — האָט מרים אָנגענומען דואַרטען ביים אָרעם און געגלעט זיין אַרבל מיט מאַמעדיקער ליבשאַפט.

— דאָנאַ מאַריאַ, זאָרגט זיך אַ ביסל ווינציקער וועגן אים. אַז מען קומט פון די בלאַנקאָס דאַרף מען שוין גאָרנישט עסן — האָט זשואַן ווידער גערעדט צו איר מיט זיין שטיפערישער שטים, אָבער אויף זיין פּנים האָט לאָורענסיאַ געקענט זען, אַז איר מאַן זשואַן איז זייער פאַרזאָרגט.

— ער האָט גאָרנישט געגעסן, אַלץ וואָס זיי טוען איז זויפן — האָט מרים ווייטער גערעדט.

— קומט, מרים, לאָמיר בעסער גיין שלאָפן. די מענער זאָגן, אַז מיר האָבן ניין מאָס רייד, אָבער מיר ווייסן דאָך בעסער, אַז מענער האָבן נאָך מער ליב צו רעדן, איז זאָלן זיי אַ ביסל מאַטלען — האָט לאָורענסיאַ אָנגענומען מרימען ביים אָרעם און מיט איר צוגעשפּאַנט צו די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צום אויבערשטן גאָרן, צו די שלאָפצימערן.

— זאָל ער בעסער פריִער אַריינגיין צו גראַסיאַן. זי האָט אַ גאַנצן אָוונט געוויינט. איך האָב זי גאָרנישט געקענט איינשטילן. האָסט געזען ווי פריילעך זי איז געווען פאַר נאַכט, ווי זי האָט זיך אויסגעפּוצט און געוואַרט אויף דואַרטען? — האָט מרים געזאָגט מיט אַ הויך קול, אַז דואַרטע זאָל דער־הערן.

— ער וועט מסתּמא באַלד אַריינגיין צו גראַסיאַן. איך בין פריִער געווען

ביי איר אין צימער. זי שלאָפט אַ באַרויִקטע אויף זיין בעט — האָט לאַור־רענסיִאַ געזאָגט און געצויגן מרימען אויף די טרעפּ.

דאָרטע האָט זיי נאָכגעקוקט. דאָס דערמאָנען גראַסיאַן האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ בענקענדיקע נאָגעניש ביים האַרץ. ער האָט זיך געוואָלט אָפּרייסן פון אָרט און אויך אַרויף מיט די טרעפּ צו זיין שלאָפצימער, ווו גראַסיאַ וואַרט אויף אים. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריקגעהאַלטן. אויב זשואַן מענדעס וויל אים זען אין זיין ביוראָ־צימער, האָט ער אים עפּעס איבערצוגעבן, וואָס ער קען דאָס נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן. דאָרטע האָט געוווּסט, אַז זשואַן מענדעס האַלט זיך יעדע נאַכט אָפּגעזונדערט, גייט שפּעט שלאָפן, ביי טאָג איז ער פאַרנומען מיט אַדוואָקאַטישע געשעפטן און ביי נאַכט פאַרפאַסט ער הימנען, געריימטע לידער, ווו ער גלאָריפיצירט די קירכלעכע פאַרהייליקטע, באַזונדערס יעזוסן און זיין משפּחה, ווי אויך לידער וועגן די אַפּאָסטאָלן און צום הייליקן פּויפּסט. לאַורענסיִאַ איז נישט צופרידן מיט דעם. עס פאַרדריסט איר, אָבער זי מאַכט דערפון שפּאַסערייען. זשואַן האָט דאָרטען שוין פיל מאָל פאַרבעטן צו זיך אין צימער און אים פאַרגעלייענט זיינע פאַרפאַסונגען און דערביי אָנגעקוואָלן מיט עפּעס אַ מאָדנער פרייד, ווי ער וואָלט אויפגעטאָן עפּעס אויסערגעוויינלעכס. אין דאָרטעס אויגן, בשעת אַזאַ פאַרלייענען, האָט זיין קרוב, זשואַן, אויסגעזען עפּעס ווי אַ נישט־דערוואַקסענער, וואָס קען זיך פריינען און זיך שפּילן מיט ווערטער מיט אַן איבערגעטריבענעם עקסטאַז. דערצו, ווי קען ער דאָס אַלץ אַזוי לויבן, וויסנדיק אַז די מאָנאַכן באַגייען אַזעלכע רציחות, מאַכן איין ברודער קעגן אַנדערן פאַר מלשינים, שפּרייטן אויס פאַסטקעס פאַר די מינדסטע אָפּנייגערס, די ניי־קריסטן און פאַרביטערן דאָס לעבן פון זשואַנען גופא און פון זיין משפּחה. אָבער אויב זשואַן פאַרבעט אים אין זיין צימער כדי אים עפּעס פאַרצולייענען, קען ער אים נישט אָפּזאָגן. ער וועט זיך מוזן אָנטאָן אַ כּוח, ער זאָל דערביי נישט איינשלאָפן. ער וואָלט איצט גיכער געוואָלט אַרויף צו גראַסיאַן, זיך אָנטעקלייגן לעבן איר, זי אַרומנעמען און זי צודריקן צו זיך.

זיי זענען אַריין אין ביוראָ־צימער. אויפן שרייבטיש איז געשטאַנען אַן איילאָמפּ, וואָס האָט טונקל באַלויכטן דעם טיש, ווו עס זענען געלעגן ביי די זייטן שטויסן מיט געזעץ־ביכער אין לעדערנע איינבאַנדן. דאָס ליכט האָט

פאַרשפּרייט טונקעלע שאָטנס אויף די שויבנשענק מיט ביכער ביז אַרויף צום סופיט.

זשואַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול ביים שרייבטיש און אַרויפ־געדרייט דאָס קנויטקנעפּל פון לאָמפּ. אין צימער איז געוואָרן ליכטיקער. דואַרטע איז שוין געווען זיכער, אַז דאָס גייט ער אים פאַרלייענען זיינע געזאַנגען און וועט אים פאַרלאַנגווייליקן אַ לאַנגע צייט, וואָרעם ער פאַרפּאַסט זיינע לידער מיט אַ סך פּערזון. ער, דואַרטע, האָט איצט נישט דעם קאָפּ צו דעם, דערצו וועט ער אים דאַרפן זאָגן אַ פּאָר פריינדלעכע לויבווערטער, וואָס דאָס וועט אים אָנקומען שווער, ווייל ער קען די אַלע הימנען נישט פאַרטראָגן. אָבער אַנשטאָט אַרויסצונעמען פון שופלאָד זיינע מאַנוסקריפּטן, האָט זשואַן אויף אים גענומען קוקן מיט אַ שטרענג אָנגעסטראָיעט פּנים. זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט ווי אים וואָלט אָנגעקומען שווער אַרויסצוברענגען וואָס ער וויל זאָגן. ענדלעך האָט ער לייכט אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אויפן טיש.

— דואַרטע, איך וויל דיר איבערגעבן נישט קיין פריילעכע זאַכן. כאָטש היינט וואָלט איך דיר געדאַרפט גיכער אָנווינטשן אַז גראַסיאַ זאָל דיר געבוירן אַ זון, אַז דו זאָלסט האָבן אַזאַ נחת ווי איך האָב פון מיין געראָטענעם זשאָזע. מיין זשאָזע וועט מיך נאָך איבערשטייגן און ווערן אַזאַ פאַרפאַסער פון הימנען און אפשר פון דראַמעס, קאָמעדיעס אויפן גריכישן שטייגער, וואָס די וועלט וועט מיט אים קלינגען — איז זשואַן מענדעס אַריינגעפאַלן אין התפעלות.

דואַרטע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַרויסגעשפּאַרטע, דערשראָקענע אויגן.

— וואָס האָסטו מיר איבערצוגעבן? — האָט דואַרטע געפרעגט אים צו דערמאָנען און אים צוריק אַרויפפירן אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעהויבן וועגן די נישט פריילעכע זאַכן.

— יאָ, איך בין נישט אויסן דיך איבערצושרעקן. עס קען זיין אַז מען ווייסט שוין וועגן דעם, אַז גראַסיאַ איז מעוברת און מיט אַ מסירה צו די דאָמיניקאַנער מאָנאַכן קען מען דיך פאַרפאַלגן פאַר דיין פאַרדאַרבענער אויפפירונג ווי זיי באַגרייפן דאָס. די אינקוויזיציע קען דיך מכלומרשט נעמען אויף אַ פאַרהער וועגן דיין שותּף פיליפּע און דיך פּרוּוון פאַרהאַלטן מיט פאַרשידענע אויסטערלישע פראַגן און דיך פאַרפּלאָנטערן. און אַז מען קריכט

אַריין אין זייערע הענט, איז נישט לייכט זיך אַרויסצודרייען — האָט זשואַן מענדעס גערעדט און טיף אָפּגעדעכעט.

— נאַרישקייטן! צי איז מעגלעך עס זאָל זיין אַזאַ קאַנאַנישער געזעץ צו קענען אָנקלאָגן פאַר לעבן מיט אַן אייגענער כלה פאַר דער חתונה־צערע־מאָניע? און ווער וועט מיך דאָס אָנקלאָגן? — האָט דואַרטע געפרעגט אַן אויפגערעגטער און זיך אַזש אונטערגעהויבן פון זיין געזעס.

— זיץ, זיץ, באַרויק זיך. אַזאַ געזעץ איז טאַקע נישטאָ. די אינקוויזיציע האָט נישט קיין רעכט צו באַשטראָפן פאַר אַזאַ זינד. די זינד ווערט שפּעטער, וואָס דו און גראַסיאַ האָבן זיך נישט מתוודה געווען פאַר דעם פּאַראַפּיע־גלח, ער זאָל אייך העלפן מען זאָל פאַרגעבן אייער זינד. זיי קענען אויסטייטשן, אַז איר גלויבט נישט אין דער דאָקטרין פון דער קירך.

דואַרטע האָט זיך אַ פאַרצווייפלטער געגומען רייבן דעם שטערן און מיט פאַרפּרעסטע ליפּן געגריזשעט מיט די ציין.

— יאָ, גערעכט. איך האָב אַגומלט דערמאָנט גראַסיאַן, אַז מען דאַרף איין מאָל אַ יאָר זיך מתוודה זיין פאַרן גלח. זי האָט אָבער פיינט אונדזער פּאַראַפּיע־גלח. דער אַלטער באָק קוקט אויף איר מיט זיינע פאַרגאָסענע אויגן ווי זי איינצושלינגען. איצט דאַרף זי אים נאָך דערציילן די אַלע אינטימע זאַכן. אַך! — האָט דואַרטע געזאָגט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ מיט אַ לייכטער אויפטרייסלונג.

— פאַרשטייסט, דאָס דאַרף מען שוין טאָן דעם קומענדיקן זונטיק און אויך גלייך וואָס גיכער באַשטימען די חתונה־צערעמאָניע, כּדי עס זאָל נישט זיין קיין שום פלעק אין אייער אויפפירונג און זיי זאָלן נישט האָבן קיין אויסרייד אייך צו נעמען אויף אַ פאַרהער, אָדער האָבן אויף אייך בלויז אַ חשד — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט.

דואַרטע איז געבליבן זיצן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און נאָכגעטראַכט, אַז זיין קרוב זשואַן האָט אים נאָך נישט אַלץ דערציילט ווי אַזוי עס איז אים זשואַנען פּלוצעם איינגעפאַלן, אַז פאַר אַזאַ זינד, ווי לעבן מיט זיין כלה, קען מען אים נעמען אויף אַ פאַרהער צו דער אינקוויזיציע. עס איז נאָך קיין מאָל נישט געהערט געוואָרן פון אַזאַ פאַל... ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געוואַרט.

ער האָט באַמערקט אַז זשואַנס שטערן האָט זיך ווידער געריינצלט און אַרום זיין מויל האָט זיך אויסגעלייגט אַן אומצופרידענע גרימאַסע, ווי אים וואָלט נישט געווען ניחא ווייטער צו רעדן.

— זיי האָבן, ווי מיר דוכט זיך, בעסערע סיבות מיך צו פאַרשלעפּן אויף אַ פאַרהער. זיי האָבן מיין שקלאַף אַבדול און זיי ווילן זיך באַמיִען אין ליסאַ־באָן עפּעס אַרויסקריגן פון אים וועגן מיין אויפפירונג אין די פּאַרטן ביים אַראַבישן ים. ער איז צו אָרעם, אַז זיי זאָלן אים האָבן פאַרנומען בלויז צוליב עפּעס וואָס ער האָט זיך אַליין פאַרזינדיקט.

— יאָ, זיי זוכן, נישט בלויז קעגן דיר נאָר קעגן אונדזער גאַנצער משפּחה. היינט פאַר נאַכט ווי נאָר איך האָב זיך דערוווּסט, אַז גראַסיאַ איז אויף דער צייט, בין איך אַרויס אין גאַס זיך אַ ביסל צו באַרויִקן. איך בין אין דער אמתן גלייך געוואָרן באַזאָרגט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לעבן באַרג פון דער גלאָריאַ־קירך און געטראַכט אַריינצוגיין צום דיאַקאָן און פרעגן צי ער האָט אפשר אַ נעענטערן זונטיק צו מאַכן אייער חתונה־צערעמאָניע — האָט ער געזאָגט און זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט באַמערקט אַז דואַרטע איז בלייך געוואָרן.

— שרעק זיך נישט, איך האָב זיך גלייך באַרעכנט, אַז דער דיאַקאָן וועט זיך פרעגן: ,וואָס עפּעס פּלוצעם ווילט איר בייטן די צייט?' אויב ער וועט נישט פרעגן וועט ער טראַכטן עפּעס אויסטערלישס, אַז אַ דאַ סילוואַ מאַכט אַן ענדערונג, וועט די שטאָט באַלד וויסן און פראַווען רכילות. איך האָב איינגעזען, אַז איך מוז מיט דיר פריִער רעדן.

— גוט האָט איר געטאָן. איך וועל מאָרגן אַריינגיין אין אונדזער פּאַראָפיע־קירך און דעם קומענדיקן זונטיק וועלן מיר דורכפירן די חתונה־צערעמאָניע — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט.

— ה־ממם, עס וועט זיין אַ גרויסע אַנטוישונג פאַר אונדזערע פריינד, פאַר דער גאַנצער שטאָט. ווייסט מיר גלויבן, איך האָב שוין אַפילו געהאַט פאַרפאַסט אַ הימנע צו זינגען ביי דער צערעמאָניע. די קליינע פּאַראָפיע־קירך האָט גאָרנישט די זינגערס צו קענען אויפנעמען מיינע אַ הימנע. עס פאָדערן זיך דערצו די גרויסע זינגערס פון דער קעניגלעכער גלאָריאַ־קירך. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד — האָט זשואַן מענדעס באַדויערט.

דואַרטע האָט זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך געשעמט אים צו קוקן אין פּנים אַריין. ביי אים, דואַרטען, בלוטיקט דאָס האַרץ פאַר שרעק און חרפּה. זיין גאַנץ לייב און לעבן איז איצט פול מיט אַנגסטן און זיין קרוב זאָרגט זיך, אַז מען וועט נישט זינגען זיין הימנע.

— יאָ, איך האָב דיר פאַרגעסן צו דערציילן. איך גיי מיר אַזוי אַוועק פון דער גלאָריאַ־קירך, קומט מיר אַנטקעגן גראַסיאַס קוזין, דער דאָמיניקאַ־נער מאַנאַך, אַנטאַניאַ קאָוטיניאָ. ער שטעלט מיך אָפּ, צלמט מיך איבער איך זאָל נישט געשטרויכלט ווערן און באַלד האָט ער צו מיר אַ טענה, וואָס איך דערלויב דואַרטען וווינען אין זעלבן הויז מיט דאָנאַ גראַסיאַ. איר מוטער מאַריאַ קען זיי נאָך חתונה מאַכן אויפן אַלטן יידישן שטייגער און זיי דערלאָזן לעבן ווי מאַן און ווייב. זי קען נאָך ווערן טראָגעדיק און פאַרשעמען אונדזער משפּחה.

דואַרטע איז בלאַס געוואָרן ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט אים אַרויס פון זיין פּנים. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי ער וואָלט זיך געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן.

— דער קרוב אייערער, האָט דער מאַנאַך מיר ווייטער געזאָגט, האָט אַ שלעכטן שם. ער האָט געהאַט איבערגעלאָזט זיין ווייב אין פּאָרטוגאַל און זיך אַרומגעשלעפּט אין די פּאָרטן צווישן געצן־דינערס און געלעבט ווי זיי, אָן אַ גאָט און אָן גלויבן. זיין ווייב איז פון קרענקונג געשטאָרבן. מען רעדט זייער שלעכטע זאַכן וועגן דעם דואַרטע, אַז ער האָט אין יעדן פּאָרט געהאַט אַ ווייב — האָט זשואַן מענדעס ווייטער דערציילט און דערביי שווער אָפּגע־דעכעט, וואָס ער האָט געדאַרפט אויסהערן אַזעלכע רכילותן.

— וואָס האָסטו אים געזאָגט ? דו ווייסט דאָך, אַז דאָס איז בלינדע שׂנאה צו מיר. ער האָט אַ בייז האַרץ אויף מיר — האָט דואַרטע געשטאַמלט און, אַ פאַראומערטער און אַ דערשלאָגענער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— וואָס האָב איך אים געקענט זאָגן ? אַז באַלד, באַלד וועלן אַלע וויסן, אַז גראַסיאַ האָט אַ בייכל ביז צו די ציין. איך האָב אים בלויז באַ־רויקט, ער זאָל זיך גרייטן צו דער חתונה־צערעמאָניע. עפּעס איז ער דאָך פּאָרט גראַסיאַס קוזין — האָט זשואַן מענדעס דערציילט מיט אַ שטיפערישן טאָן.

דואַרטע האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ נישט צו ווייזן זיין פּנים.

— יאָ, מעגסט הערן ווייטער. אַז ער האָט זיך דערוווּסט פון מיר, אַז גראַסיאַ גייט שוין גאָר אין גיכן חתונה האָבן מיט דיר, איז ער געוואָרן בלייך ווי די וואַנט. ער האָט אַלע מאָל געהאַט אַ שוואַכקייט צו גראַסיאַן, אין דער צוקער־פּלאַנטאַציע, ווו זיי האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט, איז ער נאָך פון די קינדער־יאָרן געווען פאַרליבט אין איר ביז אַריבער די אויערן.

— יאָ, גראַסיאַ האָט עס מיר דערציילט. איך האָב געמיינט, אַז ער האָט דאָס שוין פאַרגעסן, דערצו אַ מאָנאַך פון דאָמיניקאַנישן אָרדן — האָט דואַרטע געדרייט אַ פאַרחידושטער מיטן קאָפּ.

— אַ מאָנאַך איז אויך אַ מענטש. אַ סך פון אונדזערע גלחים האָבן באַלעבאָסטעס, וואָס זיי וווינען מיט זיי, האָבן קינדער, וואָס זיי האָדעווען אויס. ביי אונדז אין לאַנד איז דאָס אַ געוויינלעכע זאַך. נאַטירלעך, אַ מאָנאַך איז אַ ביסל אַנדערש, ער לעבט אין אַ קלויסטער און איז אָפּגעזונדערט. עס זעט אָבער אויס, אַז גראַסיאַ גייט אים נישט אַרויס פון קאָפּ.

דואַרטע איז געשטאַנען אַ ווײַלע צעטומלט. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שאָדן דער קוזין קען אים אָנטאָן? ער איז אַ דאָמיניקאַנער מאָנאַך און זיי זענען דאָך די געטרייעסטע אָנפירערס פון דער אינקוויזיציע. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און פּאַמעלעך צוגעשפּאַנט צו דער טיר.

— איך גלויב, אַז דו האָסט מיר שוין אַלץ געזאָגט, אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט. שלאָף רויק, מאָרגן אין דער פרי וועלן מיר גיין צום דיאַקאָן פון אונדזער פּאַראַפיע־קירך. מיר וועלן אים דאַרפן איבערלאָזן אַ שיינע מתנה פאַר דער קירך — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט.

דואַרטע איז אַרויס פון צימער און צוגעמאַכט די טיר. ער איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אין קאָרידאָר און שווער אָפּגעדעכעט. ער האָט געפילט אַ דריקנדיקע שווערקייט, ווי אַ שטיין וואָלט צוגעפּרעסט און פאַרקלעמט זיין האַרץ. ער איז געגאַנגען פּאַוואָליע אויסצולאָדענען די ביטערניש וואָס איז געווען אין אים, איידער ער וועט אַריין אין זיין שלאָפצימער, ווו גראַסיאַ ליגט אויף זיין געלעגער און וואַרט אויף אים.

דאָס הויז איז שוין געווען פינצטער, בלויז דאָס אײַלעמפּל פון דער קליינער קאַפּליצע האָט אַרונטערגעוואָרפן צאַפּלענדיקע שאָטנס אויף די

טונקל געאײַלטע טרעפּ. ער האָט זיך אַ וואַקלענדיקער געהויבן איבער די שטיגן און זיך געמוזט אָנהאַלטן אין פּאַרענטש נישט אומצופאַלן.

אויבן, אויפן צווייטן גאָרן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. פון דעם שלאָף־צימער, וואָס איז געווען ביים סאַמע סוף פון קאָרידאָר, האָט פון דער הינ־טערשטער טירשפּאַרע אַרויסגעהעלט אַ טונקעלע שיין וואָס האָט באַלויכטן דעם דיל. ער איז פּאַמעלעך מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען. אויב גראַסיאַ שלאָפט, וועט ער זי נישט איבערוועקן. ער האָט צוגעדריקט אַן אויער צו דער טיר.

פון אינעווייניק האָט זיך דערטראָגן צו אים אַ שטיל שלוכצן, ווי גראַסיאַ וואָלט געוויינט. ער איז געוואָרן צעטומלט: וואָס האָט זיך דאָס געטאָן מיט איר? אַנשטאָט ער זאָל האָבן געדאַרפט גלייך ווי נאָר ער איז אַהיימגעקומען אַריינגיין צו גראַסיאַן, האָט ער זיך געלאָזט פריִער אַריינפירן אין ביוראָ־צימער פון זיין קרוב זשואַן מענדעס. ער האָט אים טאַקע איבערגעגעבן זייער טשיקאַווע און פריקרע, ביטערע זאַכן, אָבער דאָס האָט ער דאָך געקענט הערן מאָרגן. ער האָט נישט געטאָרט לאָזן גראַסיאַן זיין אַליין גראָד היינט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט אויף זיכער, אַז זי איז מעוברת.

ער האָט פּאַמעלעך געעפנט די טיר. גראַסיאַ איז געלעגן מיטן קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן. אירע האָניקדיקע, ברוינלעכע, צעפּאָטלטע האָר האָבן פאַרדעקט דעם אויבערשטן טייל פון איר קערפּער. דאָס ווייסע העמד מיט שפּיצעלעך באַזוימט ביי די ברעגן האָט איינגעהילט איר לייב ביז אַרונטער צו אירע נאַקעטע פיס, וואָס זי האָט געהאַלטן איינגעקורטשעט און פאַרבויגן.

דאָרטע האָט שטיל אַרונטערגענומען פון זיך די אויבערשטע מלבושים און זיי אויפגעהאָנגען אויף אַ שטול. ער האָט זיך איינגעבויגן צו איר. איר קערפּער האָט לייכט געאָטעמט ווי זי וואָלט געהאַט איינגעזונקען אין אַ טיפן דרימל. זי האָט אויפגעציטערט ווי דאָס פריִערדיקע שלוכצנדיקע געוויין וואָלט זיך נאָר וואָס געהאַט איינגעשטילט. ער האָט זיך גענומען צוריקציִען כּדי זי נישט איבערצוּוועקן פון שלאָף. זי האָט זיך אָבער מיט אַ מאָל אַ פאַרצאַפּלטע איבערגעוועקט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן גאַנצן קערפּער. זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים אַ דערשראָקענע מיט אַרויס־

געשפּאַרטע, פֿאַרווײנטע אויגן, ווי זי וואָלט נאָך געווען אַרײַנגעטאָן אין מיטן פֿון איר דרימלענדיקן חלום, וואָס האָט מיט איר אויפֿכאַפּן זיך נאָך נישט געהאַט איבערגעריסן.

— אָ, דוואַרטע! דוואַרטע! דאָס ביסטו טאַקע? — האָט זי אַ ווײלע שפּע־טער אויסגערופֿן. זי האָט זיך אַ הויב געטאָן צו אים און אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַנע אָרעמס.

ער האָט האַסטיק גענומען קושן אירע אויגן, אירע צעעפֿנטע פֿײַכטע ליפּן, וואָס זענען געווען זאַלציק זיס פֿון אירע טרערן. זי האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך ווי נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג.

— איך בין געווען אַזוי איבערגעשראָקן, איך האָב געמיינט, אַז מען האָט דיך פֿון מיר צוגענומען, אַז דו וועסט שוין מער נישט אַהיימקומען. גראָד היינט ווען איך בין געווען אַזוי גליקלעך... — האָט גראַסיאַ גערעדט און איר קול האָט נאָך אַלץ געציטערט מיט שרעק.

— דו דאַרפֿסט אַזוי נישט טראַכטן. קיינער וועט מיך נישט צונעמען פֿון דיר — האָט דוואַרטע איר געזאָגט מיט אַ באַרויִקנדיקן טאָן.

— עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז דאָמיניקאַנער מאָנאַכן זענען געקומען און דיך אַרויסגעשלעפּט פֿון בעט און דיך אַוועקגעפֿירט צום אינקוויזיטאָר — האָט זי ווײַטער גערעדט מיט אַ פֿאַרצאַפּלטער, דערשראָקענער שטים און, אַ שלאָבערדיקע, צוריקגעפֿאַלן אויפֿן געלעגער.

דוואַרטע האָט זי צוגעטוליעט צו זיך און מיט אַ טיכל גענומען אויסווישן אירע פֿאַרווײנטע, טרערנדיקע אויגן.

— אַ נאַרישער חלום, דו טאָרסט אַזוי נישט טראַכטן און האָבן שלעכטע חלומות. דאָס קען שלעכט ווירקן אויף דיר און פֿאַר דעם נפֿשל אין דיר — האָט דוואַרטע געזאָגט.

— אָ, דו ווייסט שוין. עס לעבט אין מיר. איך פֿיל דאָס קלאַפּן פֿון זײַן דופּק. לייג צו אַן אויער וועסטו הערן — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַן אויפֿגעלעבטער, פֿריילעכער שטים.

עס איז געווען אין איר קול אַ שטאָלצקייט, וואָס זי טראָגט אין זיך אַ קינד פֿון אים, וואָס ער, דוואַרטע, האָט אויפֿגעריכט איר לעבן מיט אַ ליבשאַפֿט צו אים, וואָס זי האָט קיין מאָל פֿריִער נישט געפֿילט צו קיין שום

מאַן. ער האָט אויפגעוועקט אין איר די גלוסטנדיקע באַגערן, וואָס זי האָט פריִער קיין מאָל נישט געאַנט וועגן זיי. ער האָט זי באַפרייט פון איר מיידל־שער אומעטיקער איינזאַמקייט אויף דער פּלאַנטאַציע, ווו זי האָט זיך געשראָקן, אַז זי וועט געטריבן ווערן צו נעמען אַ מאַן, אַ פרעמדן, וועמען זי באַגערט נישט, ווי דעם מאַרטעם בלאַנקאַ, וואָס האָט זיך געשדכנט צו איר.

— איך בין היינט געווען אַזוי גליקלעך, דואַרטע. אַ סך מאָל טראַכט איך, אַז קיינער וועט נישט צעשטערן מיין גליק און אַ צווייט מאָל ווער איך טרויעריק און איך האָב שלעכטע חלומות, אָבער דו ביסט געקומען. עס איז טאַקע געווען אַ נאַרישער חלום. ווייסטו ווער עס זענען געווען די מאַנאַכן אין מיין חלום, וואָס זענען געקומען דיך צונעמען?

דואַרטע האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף גראַסיאַס מויל זי זאָל שווייגן. ער האָט צוגעפּרעסט זיין פּנים מיטן אויער צו גראַסיאַס אָפּגעדעקט, ווייס, צאַפּלענדיק לייב און זיך איינגעהערט.

— יאָ, איך הער דעם דופּק פון אונדזער ביידנס לעבן אין דיר — האָט דואַרטע געזאָגט און מיטן מויל געקושט איר לייב.

גראַסיאַ האָט געהאַלטן צוגעשלאָסן אירע אויגן און אָפּגעאָטעמט מיט אַ תּענוגדיקער פרייד. זי איז אַזוי געלעגן אַ באַרויִקטע אויף אַ ווילע, אַ באַפרייטע פון אירע שרעקאַנגסטן, וואָס זי האָט געפילט אַ גאַנצן אָוונט, ווייל דואַרטע איז נישט געקומען אַהיים.

— עס איז אַ שפּאַס און נאַריש צו דערציילן, אַז די צוויי מאַנאַכן, וואָס זענען געקומען אין מיין חלום דיך נעמען, איז איינער געווען מיין קוזין דער דאָמיניקאַנער מאַנאַך אַנטאָניאַ און דער צווייטער האָט אין גאַנצן אויסגעזען ווי דער לעביונג, דער אַדלמאַן מאַרטעם בלאַנקאַ.

דואַרטע האָט אַ לייכטן צאַפּל געטאָן און מיט אַלע כּוחות זיך איינגעצוימט, גראַסיאַ זאָל נישט דערשפּירן זיין אויפרודערונג. ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן ווי פאַרגליווערט און פאַרשמאַכט. ער איז געבליבן ליגן לעבן איר שטיל, ווי עס וואָלט אים פון האַרץ־קלעמעניש אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון.

— איך זע אַז דו ביסט מיד און אויסגעשעפּט, דואַרטע, און דו דאַרפסט גיין שלאָפן — האָט גראַסיאַ זיך גענומען לייכט אָפּרוקן פון אים. דואַרטע

האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פּלוצעמדיקן גליווער און זי ווידער צוגעטוליעט צו זיך.

— גראַסיאַ, איך האָב היינט געהאַט אַ שווערן טאָג, אָבער איך בין נישט מיד. ווי קען איך זיין מיד און גיין שלאָפן, עס איז היינט מיין גליקלעכסטער טאָג. איך האָב דאָס מזל דיך צו האָבן לעבן זיך. איך האָב שוין נישט גע־גלויבט, אַז מיר וועט באַשערט זיין צו האָבן אַ קינד. דער איינציקער לעבע־דיקער גאָט אין הימל האָט אונדז געגעבן אַ ברכה, אַ געשאַנק, דו זאָלסט טראָגן מיין קינד אין דיין לייב — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער שטים.

— איך האָב אַ גאַנצן אָוונט געוואַרט אויף דיר, דיר אָנצוזאָגן די גוטע בשורה. איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין מיינע שענסטע קליידער, אָנגעטאָן דאָס צירונג, דיינע מתנות, פאַר דיר און דו ביסט נישט אַהיים געקומען — האָט גראַסיאַ געביטערט.

— עס איז נישט איצט די צייט צו רעדן וועגן מיין פאַרשפּעטיקן זיך און נישט קומען אין צייט אַהיים. דו מוזסט זיך אָפּרוען און טראַכטן בלויז וועגן דעם נפשל אין דיר, וואָס איז אונדזער האָפענונג, עס זאָל געבוירן ווערן געזונט און אָן אַ פּגם — האָט דואַרטע געזאָגט צו איר מיט אַ געבעט.

— איך פיל, אַז עפּעס האָט מיט דיר געטראָפן. דו קומסט קיין מאָל נישט אַהיים שפּעט. דו ווילסט נישט, אָדער דו קענסט עס מיר נישט זאָגן — האָט גראַסיאַ אויסגעשטרעקט איר פאַרזאָרגט פּנים צו אים.

דואַרטע איז געלעגן אַ ווײַלע שטיל. ווי קען ער איר דערציילן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, די רישעות און די באַליידיקנדיקע ווערטער און אָנצוהערעניש, אים אָפּצושרעקן, וואָס דער אַדלמאַן בלאַנקאָ האָט צו אים אַרויסגעוויזן? יעדע דערמאָנונג וועגן אים רופט ביי אים אַרויס אַן אומרויִק און ביטער געפיל.

— איך האָב געטראַכט דיר מאָרגן אַלץ צו דערציילן, אָבער אַז דו ווילסט עס שוין וויסן, וועל איך עס דיר שוין זאָגן. איך האָב געקויפט אַ שקלאַפין פאַר דיר, דיך אָפּצוהיטן. מיר האָבן מער נישט אַבדולן און זיין ווייב אַדערעס איז דערשלאָגן — האָט דואַרטע געזאָגט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— אַ שקלאַפין? אַ יונגע, אַן אַלטע? אַ מיאוסע קאָנגאָ־שקלאַפין אָדער

אַ שיינע סודאַנישע? — האָט גראַסיאַ זיך אונטערגעהויבן און געקוקט אויף אים מיט אַן אויפגעוואַכטער נייגעריקייט.

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך האָב זי געקויפט פאַר דיר. אויסער דעם איז זי אַן אייגענע, אַן אונדזעריקע, אַ פּאַלאַשאַ פון אַ פאַר־לוירענעם ישׂראל־שבט. פאַר אַזאַ וועלן מיר זיך נישט דאַרפן היטן, זי וועט אונדז נישט מסרן, מיר וועלן האָבן אַן אייגענע אין הויז.

— זי איז אַ שיינע, אַ יאָ, דואַרטע? איך האָב באַמערקט אַז דו האָסט ליב שיינע פרויען. איך האָב שוין באַמערקט, אַז ווען דו זעסט שיינע פרויען ווערן ביי דיר די אויגן אויפגעלויכטן, — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַ שפּאַסיקן טאָן.

דואַרטע האָט זיך צעשמייכלט, וואָס איר קען איינפאַלן זיך איצט מיט אים צו רייצן.

— זי איז אַ שיינע און אַן איידעלע. איצט ביסטו צופרידן?

— אָ, אויב זי איז אַ שיינע... אין אַלע רייכע הייזער האָבן די מענער קעפּסווייבער, דו וועסט נישט זיין דער איינציקער, און זיי האָדעווען אויס זייערע קינדער ווי אייגענע, — האָט גראַסיאַ ווידער גערעדט מיט אַ פריילעכן, שפּאַסיקן טאָן.

— דו ווילסט מיר איינרעדן אַ קעפּסווייב, ווייל איך זאָלסט וויסן, אַז די שקלאַפין איז אַ קראַנקע, אַ דערשלאָגענע — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ דערדריקטער שטים.

— אָ, דואַרטע, פאַרגיב מיר מיינע נאַרישע רייד. ווו איז זי? אפשר דאַרף זי אונדזער הילף.

— דאַרפסט זיך גאָרנישט זאָרגן. איך האָב זי איבערגעגעבן אין די הענט פון אונדזער דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאָראַ, ער וועט זי אויסהיילן און אין דער געהעריקער צייט וועט זי קומען צו אונדז — האָט דואַרטע געזאָגט.

— וואָס טראַכסטו, דואַרטע? האָסט מיר אפשר נישט אַלץ דערציילט?

— האָט גראַסיאַ אים ווייטער געפרעגט.

— וואָס נאָך קען איך דיר דערציילן? איך האָב די שקלאַפין איבער־געלאָזט ביים דאָקטאָר ביז מיר וועלן דורכפירן די חתונה־צערעמאָניע אין קירך און מיר וועלן קויפן אָדער בויען אַן אייגן הויז. איך האָב אויך געבעטן

דעם דאָקטאָר ער זאָל זי קויפן אויף זיין נאָמען, ווייל מיין געוועזענער שוואָגער ווייס אַז זי שטאַמט פון פּאַלאַשן און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז אַ ייִדישע.

גראַסיאַ האָט אים אָנגעקוקט מיט אַרויסגעשפּאַרטע, דערשראָקענע אויגן.

— דיין געוועזענער שוואָגער טראָגט אפשר אויף דיר אַ בייז האַרץ און וויל דיר טאָן שלעכטס?

— ניין, גראַסיאַ, פּערדינאַנז איז געווען גוט צו מיר. ער איז אַלע מאָל געווען פריינדלעך צו מיר און ער וויל אָנהאַלטן זיין פריינדשאַפט. דאָס שקלאַפן־מיידל האָט ער שוין געטויפט. אָבער עס איז דערווייל בעסער זי נישט צו האָבן איצט מיט אונדז — האָט דואַרטע זי באַרויִקט.

— איך האָב מורא פאַר די אַלע מענטשן, פאַר דיין געוועזענעם שוואָגער און פאַר דעם לעביונג מאַרטעם בלאַנקאָ — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַ זיפּצנדיקער שטים.

— מיר טאָרן נישט אַרומגיין און נאָר מורא האָבן. עס וועט פון אונדז ווערן אַ תּל. קיינער ווייס נישט וואָס פאַר אַ געפאַרן דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען. מיר דאַרפן זיך היטן און באַשיצן פון שונאים און דאָס איבעריקע איבערלאָזן צו גאָטס רצון.

— איך קען זיך אָבער נישט העלפן, איך האָב פאַרט מורא. איך בעט גאָט, איך זאָג תּפילות, וואָס די מאַמע האָט מיך אויסגעלערנט און דאָך שרעק איך זיך. איך קען מער נישט אַרויס פון שטוב, מענטשן זאָלן מיך נישט באַרעדן, פאַרשפּרייטן אומווערדיקע רכילות וועגן אונדז — האָט גראַסיאַ גערעדט מיט אַ וויינענדיק קול און זיך געטוליעט צו אים ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער, וואָס קען זי באַשיצן.

— דו דאַרפסט זיך וועגן דעם נישט זאָרגן. דעם נאָענטסטן זונטיק פירן מיר דורך די חתונה־צערעמאָניע אין אונדזער פאַראָפיע־קירך לעבן דעם יעזויִטישן קלויסטער ווו אונדזער זשאָזע גייט אין דער קירכעשול — האָט דואַרטע געזאָגט און מיט גלעטנדיקע הענט איבער איר פּנים זי באַרויִקט.

— עס וועט שוין נישט זיין ווי אין דער גלאָריאַ־קירך. איך וועל שוין נישט קענען האָבן די חתונה־קליידער וואָס איך האָב געפּלאַנירט צו טראָגן — האָט גראַסיאַ באַדויערט.

— יאָ, מיין טייערע, דאָס אַלץ וועסטו שוין נישט קענען האָבן און אויך נישט די אַלע געסט, די אַדלליט, די אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, וואָס אונדזער זשואַן מענדעס האָט געזאָלט פאַרבעטן — האָט דואַרטע געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיקער שטים.

— בלויז מיר אַליין? אָן פריינד און געסט? — האָט זיך גראַסיאַ אַ וויינענדיקע געפּיעשטשעט.

— וואָס קענען מיר טאָן? מיר זענען יידן. עס איז בעסער צו האָבן אַ שטילע חתונה, נישט אויפצורייצן דעם נישט־פאַרגינערישן המון, און אַפילו די אַדלליט, וואָס האָבן גרויסע אויגן אויף מיר, וואָס ס׳פאַרדריסט זיי, אַז איך מאַך גוטע געשעפטן. איך וויים שוין נישט ווער עס זענען אונ־דזערע פריינד און ווער עס זענען די שונאים — האָט דואַרטע באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— צו פאַרגיטיקן, וועלן מיר שוין דאַרפן מאַכן מיט פאַראַד אַ צערע־מאָניע ביים טויפן אונדזער קינד — האָט גראַסיאַ זיך אַרויסגעכאַפּט.

זי האָט געזען ווי דואַרטע האָט אָן אומעטיקער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זי האָט באַלד אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל ווי זי וואָלט באַדויערט, וואָס זי האָט מיט אַ לייכט געמיט געקענט אַרויסברענגען אַזעלכע ווערטער. ביי איר משפחה וועט דעמאָלט זיין אַ ביטערער, פינצטערער טאָג, וואָס זיי וועלן מוזן צוזען און זיך נאָך לפנים פרייען ביים טויפן דאָס קינד אין קירך און עס נישט קענען פריער יידישן.

— אפשר וועט אונדז אַ מאָל באַשערט זיין צו קענען זיך אַרויסרייסן קיין אייראָפּע, קיין האָלאַנד — האָט דואַרטע געזאָגט שטיל, ווי אַ סוד, וואָס ער האָט איר אַריינגערוימט אין אויער.

— דואַרטע, טייערער, ליבער, ווי אַזוי? האָסט עפּעס אַ פּלאַן? קיינער קען זיך דאָך נישט אַרויסרייסן פון דעם גיהנום — האָט גראַסיאַ שטיל געשעפּטשעט.

— פאַרשטייסט, מען האָט איצט געפונען שטיקלעך דימענטן אין די בערג. מען ווייסט נאָך נישט דעם געהעריקן ווערט פון זיי. איך פּלאַניר צו געפינען פאַרבינדונגען, אַז איך זאָל ווען עס איז קענען פאָרן קיין אויסלאַנד מיט זיי, כדי אָפּצושאַצן זייער ווערט. דאָס לאַנד און די קרוין קען נאָך רייכער ווערן

פון דעם, נאָך מער ווי פון גאָלד, וואָס די ענגלענדער קויפן און צאָלן הויכע פּרייזן.

— איך האָב מורא, דואַרטע. דאָס קען זיין פאַר דיר אַ פּאַסטקע דיך אַריינצונאַרן, און ביי דיר אַלץ צונעמען. זיי אָפּגעהיט, אויב עס זאָל מיט דיר עפּעס טרעפן, וועל איך אומקומען — האָט זי געזאָגט און אים אַרומגענומען מיט ציטערנדיקע הענט.

— קיין שום מורא. זיי דאַרפן מיך האָבן, די דימענטן־בערזע שטייט איין אין יידישע הענט אין אַמסטערדאַם און אין אַנדערע מקומות. איך, ווי אַ גוטער קריסט, אַ פּאָרטוגעזער, אַן אָפּשטאַמיקער פון יידן קען זיי צו ניץ קומען.

— זיי וועלן דיר אָפּשר נישט גלויבן. די לעצטע צייט קוקט מען קרום און מען פאַרדעכטיקט אַלע ניי־קריסטן. זע וואָס מען האָט געטאָן מיט פיליפּען.

— זיי רויק. צייט צו גיין שלאָפן. איך וועל נישט טאָן קיין זאַך ביז איך וועל דאָס גוט באַטראַכטן — האָט ער געזאָגט שטיל צו באַרויקן גראַסיאַן זי זאָל וואָס גיכער איינשלאָפן.

גראַסיאַ האָט טאַקע גלייך צוגעשלאָסן אירע אויגן. אירע הענט האָבן זיך שלאָבעריק געקלאַמערט אין אים. זי האָט שטיל געאָטעמט און פון צייט צו צייט לייכט אויפגעציטערט ווי זי וואָלט נאָך אַלץ זיך נישט געקענט באַפרייען פון איר פריערדיקער, אַנגסטיקער שרעק.

ער אַליין איז נאָך לאַנג געלעגן וואַך. ער האָט מיט ביטערניש נאָכ־געטראַכט, אַז אַלע זיינע פּלענער האָבן נישט קיין שום ווערט. ער קען מער נישט, ווי אַ מאָל אין פּאָרטוגאַל און שפּעטער אין די אַראַבישע פּאָרטן, זיין דער אייגענער האַר איבער זיינע פּלענער, וואָס ער שטרעבט דורכצופירן.

ער פילט אויף יעדן שריט און טריט, אַז עפּעס גרייט מען צו קעגן אים אַ גרויסע אָנקלאַגע אים צו קענען באַרויבן און צונעמען אַלץ. וואָס ער פאַרמאָגט און אים אַוועקשיקן אויף די גאַלעיס צו זיין אַ וועסלער אויף די קרוינשיפן. ער וועט אַ לעבן־לאַנג דאַרפן זיצן צוזאַמען מיט פאַרברעכערס און שוין מער קיין מאָל נישט דערלעבן זיך אומצוקערן אַהיים. און וואָס וועט ווערן פון גראַסיאַן?

פון דעם טראַכטן האָט אים אַרויסגעזעצט אַ קאַלטער שוויס אויפן לייב.

ער האָט געמאַכט אַן אָנשטרענגונג זיך צו באַרויִקן. עס קען אויך זיין, אַז ער טרייבט איבער, ער דאַרף זיך היטן נישט צו ווערן באַוועלטיקט פון אויס־געטראַכטע אומזיסטע שרעק. זיינע קרובים ברענגען אים אַריין אין אַ בהלה, זיי וואַרפן אַן זייער פּחד אויף אים. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט וועגן דעם אומגעריכטן קומען פון זיין געוועזענעם שוואָגער און דעם אַדלמאַן בלאַנקאַ צו אים אין געשעפט אַריין און שפּעטער די איינלאַדונג אין דער בלאַנקאַ־ווילע. זיי האָבן אים מכּלומרשט מיטגענומען צוליב דעם שקלאַפן־מיידל. עס זעט אים איצט אויס, אַז זיי זענען אויך געקומען צו אים צוליב עפּעס מער ווי זיי אַרויסצוהעלפן מיט אַן אומוויכטיקער שקלאַפין. זיי ווילן אים אַריינציִען אין זייער אַוואַנטורע, ער זאָל אַריינלייגן געלט אין זייער אונטער־נעמונג צו זוכן דימענטן אין די בערג. ער געדענקט גוט, אַז דאָס האָבן זיי נאָך פריִער געוואָלט, ווען פיליפּע איז נאָך געווען פריי. בלאַנקאָס פריינד, דער סאַן־פּאַולער מאַמאַלוקאַ לאַוואַרעס, האָט באַאַרבעט פיליפּעס פאַרשייט ווייב זי זאָל ווירקן אויף איר מאַן, ער זאָל צורעדן אים, דואַרטען, אַריינצו־בראָקן געלט אין זייער אונטערנעמונג. זייער שׂנאה צו אים איז דער עיקר, וואָס זיי פאַרדריסט וואָס ער איז אַ גאַנצע צייט קאַלט און גלייכגילטיק צו זייערע פּלענער.

עס קען געמאָלט זיין, אַז צושטיין צו זיי ווי אַ שותּף אין זייער אונטער־נעמונג קען אים ראַטעווען. ער קען נאָך אפשר ווערן זייערס אַ פאַרשטייער און האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין אויסלאַנד מיט די דימענטן־געפינסן, אויב ער זאָל אויך דורך דער שותּפות קענען ראַטעווען גראַסיאַן, וואָלט עס כּדאַי געווען. ער קען שפּעטער האָבן אַן אויסריד, אַז, אויסער צו מאַכן געשעפטן, נעמט ער מיט זיך זיין נייַ ווייב אויף אַ האָניק־נסיעה, וואָס ער, אַ רייכער מאַן, קען זיך פאַרגינען. נאָך דעם, ווען ער וועט שוין זיין אין אויסלאַנד, וועט ער זיך נישט איילן צוריקצוקומען...

ער האָט סיי ווי סיי גאָרנישט מער צו פאַרלירן. זיין פאַרמעגן האָט לויט זיין איצטיקן מצב שוין גאָרנישט די ווערט. ער האָט מער נישט זיין געטרייען און שווער אַרבעטנדיקן שותּף, פיליפּען. אויב זיינע שׂונאים זאָלן קענען צושטעלן דער אינקוויזיציע אַ מסירה קעגן אים, וועט מען אים אַרעסטירן, אַרויפלייגן אַ שלאָס אויף די טירן פון זיין געשעפט און די מלוכה־

קרוין וועט צונעמען זיין פאַרמעגן, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיט דעם האָב און גוטס פון זיין שותּף פיליפּע.

ער וועט דאָס אָבער דאַרפן פריִער גוט איבערטראַכטן און זיך דורכ־שמועסן וועגן דעם מיט גראַסיאַן. זי האָט שרעקלעך מורא פאַר דעם לעביונג בלאַנקאַ. זי איז אפשר גערעכט, וואָס זי האַלט אים אין איין וואָרענען, אַז ער דאַרף זיין אָפּגעהיט און גיין מיט געלאַסענע טריט, אַז בלאַנקאַ גרייט צו אַ פאַסטקע קעגן אים, אַז ער פאַרגינט אים נישט וואָס ער גרייט זיך חתונה האָבן מיט גראַסיאַן.

פון די אַלע געדאַנקען האָט אים ווידער אַרויסגעזעצט אַ קאַלטער שווייס אויפן לייב. זיין קערפּער האָט גענומען פיבערן און אים געהאַלטן וואַך. אַרום איז געווען שטיל. דאָס גאַנצע הויז איז שוין געווען פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. ער האָט בלויז געהערט לעבן זיך דאָס טיפע אָטעמען פון גראַסיאַן. פון ערגעץ נישט ווייט האָט זיך אַהער געטראָגן אַ גערויש פון אַ דורכפאָרנ־דיקער קאַרעטע. דער פערדישער גאַלאָפּ אויף דעם שטיינערנעם ברוק האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט ערגעץ גאָר נאָענט. דוואַרטע האָט אויפגעצי־טערט. איז מעגלעך, אַז מען איז געקומען נאָך אים, ווי גראַסיאַ האָט אין איר דרימל געחלומט וועגן דעם? ער האָט זיך אונטערגעהויבן שטיל פון זיין געלעגער, זיך געהיט נישט איבערצוּוועקן גראַסיאַן. ער האָט לאַנג געקוקט אין דער פינצטערניש, וואָס האָט איינגעהילט דאָס צימער און מיט אויפגעשפּיצטע אויערן זיך איינגעהערט. פון ערגעץ נאָענט האָבן זיך געהערט שטימען, מענערישע, וואָס זייער באַדייט איז נישט דערגאַנגען צו אים. ער איז פּאַמעלעך אַרונטער פון זיין געלעגער און צוגעשפּאַנט אַ באָרוועסער צום פענצטער. ער האָט אַוועקגעשאָרט דעם פאָרהאַנג און מיט אַ צוגעפּרעסט פּנים צו דער שויב אַרויסגעקוקט. די גאַס און די נאָענטע הייזער זענען געלעגן איינגעהילט אין פינצטערניש. נישט ווייט לעבן דער אַוועני־דאַ דע בראַנקאַ האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט די צופאַרנדיקע קאַטש. די צוויי פאַרנטיקע לאַמטערנס האָבן טונקל באַלויכטן אַ שטיק גאַס. די פערד האָבן געהאַלטן מיד אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי זיי וואָלטן געווען געקומען פון אַ ווייטלעכער נסיעה. עטלעכע שוואַרצע שקלאַפן האָבן אַרונטערגענומען שווע־רע פעק פון דער אַנלאָדונג.

דאָ און דאָרט האָט פון דער פינצטערניש לעבן די הייזער זיך אַהער־געטראָגן דאָס ווײַנענדיקע מיאַוקען פון אַרומראַיענדיקע קעץ לעבן די פּאַר־מיסטיקטע רינשטאָקן. פון מאָל צו מאָל האָט אַ פלייץ געטאָן פון דער חשכות אַרויס אַ פאָספאָרישער שײַן פון אַ פּאָר קעצישע אויגן.

די שטאָט איז געשלאָפן מיט אַ רו׳קער זיכערקייט, אַז קיינער וועט די איינוווינערס נישט שטערן זייער שלאָף, בלויז אים, דוארטען און זײַנע נאָענטע קרובים קען די שטאָט קיין מנוחה נישט באַווייליקן. ער האָט אויפ־געהויבן די אויגן צום הימל. דער אייביקער, שטערנדיקער מילכוועג האָט זיך געצויגן איבערן הימל ערגעץ ווייט אַוועק צו דעם אומבאַקאַנטן שליאַך פון מזלות, וואָס איז איינגעהילט אין פאַרבאָרגענישן, סודות, וואָס זענען אים שווער צו פאַרשטיין, פונקט ווי עס איז אים נישט קלאָר, וווהין עס האָבן אים געפירט זײַנע וואַנדערונגען. זײַן מזל איז פאַרהוילן פאַר אים און ער ווייס נישט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט אים ברענגען, אָט דוכט זיך אים, אַז עס איז אָנגעקומען זײַן גליק און אָט זעט ער, אַז אַלץ פאַרשווינדט...

ער האָט דערפילט אַ מידקייט אין זײַן קערפּער. ער האָט זיך צוריק צוגע־שאַרט צום בעט און זיך אַוועקגעלייגט. ער האָט דערפילט דעם וואַרעמען הויך פון גראַסיאַס קערפּער און אַ פאַרשמאַכטער מיט אַ דערדריקט געמיט זיך לאַנג געראַנגלט איינצושלאָפן.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

עס איז געווען אַ נעפּלדיקער פאַרנאַכט. שווערע כמאַרעס האָבן געהויערט אויפן נידעריק אַראָפּגעלאָזטן הימל. זיי האָבן איינגעהילט די בערג ביים ים מיט העל־גראָע וואָלקנס. די לופט איז געווען שווער און פאַרנע ווי ערב אַ גרויסן רעגן.

דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאַראַ איז געשטאַנען לעבן אָפענעם פענצטער, וואָס איז אַרויס צום גאָרטן געדיכט מיט פרוכטביימער: פאַלמעס, באַלאַדנט מיט קאָקאָנאָטס, מיט גאָלדיק־רויטלעכע מאַראַנצן, מיט פייגן און אַפּריקאָסן. לעבן אים איז אויף אַ שטול געזעסן זײַן ווײַב אַננאַ מאַר׳אַ און געהאַלטן

אָנגעלענט אירע הענט אויפֿן פענצטער־ביישטידל. זי האָט געררוט נאָכן צו־גרייטן די שבתדיקע מאכלים.

פֿון גאָר נאָענט הינטער דעם פּרוכטגאָרטן, ווו עס איז געווען דעם קוטשערס הויז און שטאַל, האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ הויך כרוקען פֿון חזי־רים, וואָס דער קוטשער האָט געהאָדעוועט. עפּעס האָבן די באַשעפֿענישן דאָס מאָל געכרוקעט מער ווי געווײנלעך, ווי זיי וואָלטן פֿאַר עמעצן זיך געשראָקן. באַלד האָט זיך גענומען הערן אַן אויסטערליש געקוויטשעריי, וואָס האָט זיך געריסן פֿון איין באַשעפֿעניש און זיך צעטראָגן מיט אומגעהאַלישע קולות אין דער געדיכטער לופֿט, מיט פֿאַרטויבנדיקע געשרייען, ווי מען וואָלט דאָס באַשעפֿעניש געטראָגן צום קוילען.

— פּונקט איצט צו קבלת־שבת האָט זיך דער קיילער פֿאַרנומען צו קוילען אַ חזיר — האָט אַננאַ מאַריאַ געזאָגט מיט פֿאַרדרוס.

— איך קען צו אים גאָרנישט האָבן קיין טענה. פֿאַרקערט, ער טוט מיר נאָך אַ טובה, זאָלן די שכנים הערן. אַז ביי מיר האָדעוועט מען חזירים צום עסן. דער חשד אויף אַלע ניי־קריסטן איז שוין נישט אויסצוהאַלטן. קיינער וועט אונדז נישט קענען מסרן אַז מיר האָבן פֿיינט חזירים — האָט דאָקטאָר לאָראַ געזאָגט מיט אַ שטיפֿערישן טאָן צו זיין ווייב.

— עס איז אין דרויסן שוין אַזוי טונקל, אַז איך ווייס שוין נישט ווען צו גיין ליכט בענטשן, — האָט אַננאַ מאַריאַ געזאָגט און אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל.

— זיי אָפּגעהיט, חנה מרים. איך דערוואַרט באַלד נאָך איין פּאַציענט, דעם דאָמיניקאַנישן מאָנאַך פּעדראָ מאַרטינעז, וואָס איז אַ פֿריינד פֿון מאָנאַך אַנטאָניאָ קאָוטיניאָ פֿון דער דאַ סילוואַ־משפּחה, האָט דאָקטאָר לאָראַ געזאָגט מיט אַ פֿאַרזאָרגטער שטים.

— האָסט עס נישט געקענט אָפּלייגן אויף אַן אַנדערער צייט, נאָר פּונקט ערב־שבת צו ליכט־בענטשן? מעגסט זיך פֿאַרגינען צו האָבן אַ מנוחהדיקע שעה — האָט אַננאַ מאַריאַ געזאָגט און אויפֿגעהויבן אירע וואַרעם־גלעטנדיקע ביר־אויגן צו איר מאַן.

— פֿאַרקערט, מיין טייערע אשת־חיל, דאָס איז די בעסטע צייט. ער קומט דאָך, אויסער דעם וואָס ער איז טויטלעך־קראַנק איז ער אויסן אויכעט

עפּעס אַ שמעק טאָן צי מיר גרייטן צו אַ שבתדיק־מאכל און צי איך בין אויסגעפּוצט אין אַ ניי העמד לכבוד שבת. האָב איך אים געקענט אָפּזאָגן ער זאָל קומען אַן אַנדערש מאָל? — האָט דאָקטאָר לאַראַ געפרעגט.

— אַך, אין וואָס פאַר אַ משוגענער, וויסטער וועלט מיר לעבן הײַנט!

— יאָ, די וועלט איז שוין אַזוי משוגע עטלעכע הונדערט יאָר און עס זעט זיך נישט קיין סוף, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט.

— וואָס איז זיין קראַנקייט, אויף וועלכער ער ליידט, אַז ער האָט נאָך גערודלד צו שמעקן אין יענעמס טאָפּ? אפשר איז דאָס בלויז אַן אָנשטעל? — האָט אַננאַ מאַריאַ געפרעגט און איר בלאַס קיילעכדיק פּנים איז געוואָרן פאַרזאָרגט.

— ער האָט אַ קראַנקייט, וואָס דאָס מאָל וועל איך אים געבן אַ רפואה, וואָס איך גיב אַלעמען. עפּעס בעסערס האָב איך נישט פאַר אים. איך וועל אים הייסן עסן חזיר־פעטס צו היילן זיין קראַנק לייב.

— אַך טוביה, טוביה, שוין ווידער חזיר־פעטס? — אויף דעם האָסטו געדאַרפט שטודירן אין קאָימבראַ־אוניווערסיטעט אין פּאָרטוגאַל, — האָט אַננאַ מאַריאַ געזאָגט און אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אומצופרידענע גרימאַסע.

— אויב איך וועל נישט פאַרשרייבן קיין חזיר־פעטס, וועלן זיי מיר נישט געטרויען. זיי שרעקן זיך פאַר אומבאַקאַנטע רפואות. זיי וועלן בעסער גיין צו אַ קריאַנדעראַ.* דער מאַנאַך מאַרטינעז דאַרף אין דער אמתן אַ ביסל פעטס. ער איז אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט. ער האָט מיט אַ צייט צוריק אַ דערשוויצטער אויסגעטרונקען אַ שעפּ קאַלט וואַסער און זיך איינגעשאַפּט אַ מחלה וואָס איין גאָט קען אים ראַטעווען. ער האָט שוין באַלד נישט קיין לונגען מיט וואָס צו אָטעמען, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און אַרויפגע־לייגט זיין דלאָניע אויף זיין ווייבס אָקסל מיט אַ גלעטנדיקער ליבשאַפט.

פון קיך איז מיט אַ מאָל אַרויסגעקומען דאָס שקלאַפן־מיידל, וואָס דאָקטאָר לאַראַ האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געבראַכט אין הויז אַריין. זי האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן צי קיינער זעט זי נישט. זי איז געווען

---

* פאָלקס־רופא.

האַלב נאַקעט, אַרומגעוויקלט מיט אַ לייוונטענעם איינהיל ביז אַריבער די לענדן, מיט די הענט פאַרלייגט ביי די ברוסטן. איר אָפּגעדעקטער האַלדז און נאַקן האָט געגלאַנצט אָפּשיינענדיק מיט אַ טונקל ברוינעם פיבער, איר פנים איז נאָך געווע געשוואָלן מיט שוואַרצע פלעקן אַרום די אויגן, ווי מיט אונטערגעשלאָגענע רייפלעך. זי איז האַסטיק אַריינגעלאָפן אין וואַשביידל, וואָס איז לעבן דעם ברונעם. זי האָט דאָרט אַרויפגעצויגן עטלעכע קענדלעך וואַסער.

באַלד האָבן זיך גענומען טראָגן פון וואַשביידל פריילעכע אַנטציקנדיקע אויסגעשרייען. זי האָט זיך לאַנג געפּלעסקעט ווי זי וואָלט געהאַלטן אין איין אַראָפּשווענקען פון זיך די אומריינקייט, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן דורך דער צייט וואָס מען האָט זי געפאַנגען און זי געשלעפּט פון איר ווייטער היים אין אַביסיניע ביז דאָ אַהער צווישן פרעמדע אין דעם ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד.

פון דעם ביידל האָט זיך מיט אַ מאָל גענומען אַהערטראָגן התפעלות־דיקע, עפּעס ווי תפילהדיקע אויסרופן, וואָס די קלאַנגען זענען אים, דאָקטאָר לאַראַן, געווען באַקאַנט.

— מיר דוכט זיך, חנה מרים, אַז דאָס פאַלאַשע־מיידל רופט: „אל, אל־קדוש", זי רופט צום גאָט פון ישראל. איך האָב זיך נישט גענאַרט. דואָרטע דאָ סילוואַ פאַרשטייט אַ ביסל איר לשון. מיר האָבן געטאָן אַ גרויסע מצווה „פּדיון־שבויים", — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט שטיל צו זיין ווייב, ווי ער וואָלט איר אַריינגערוימט אַ סוד.

— עס קען אויך זיין, אַז זי ווייסט, אַז עס איז היינט ערב־שבת, דעריבער איז זי געלאָפן זיך וואַשן, — האָט ער צוגעגעבן.

— איך בין נישט זיכער אין דעם. ווי קען אַזאַ יונג מיידל דאָס אַלץ וויסן? זי קומט דאָך פון אַ וויסט לאַנד ערגעץ פון הינטער די הרי־חושך. דערצו וואַשט זי זיך אַזוי יעדן טאָג, זי האַלט זיך זייער ריין. דאָס איז אַ גרויס פאַרגיטיקונג פאַר מיר. איך פיל צו איר ווי צו אַן אייגענער שוועסטער, — האָט אַננאַ מאַריאַ געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

— זי איז פאַר מיר אַ גרויס רעטעניש, עס איז גאָרנישט קיין ספק אַז זי איז אַ קינד פון אונדזערס אַ שבט וואָס איז פאַרשוווּנדן אין די אורצייטן.

זיי ווייסן שוין ווייניק פון אונדזערע מינהגים, פון אונדזערע פּירונגען. אויך מיר זענען שוין אויך אַ פאַרלוירענער שבט, וואָס מען וויל אונדז אומברענגען. אויך מיר וועלן שוין באַלד נישט ווייסן, ווער מיר זענען און וואָס מיר זענען... — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און געקוקט אַ פאַרטראַכטער אין דער טיפקייט פון גאָרטן מיט טרויעריקע אויגן.

— עס איז שוין באַלד שבת און מען טאָר ניט זיין טרויעריק. איך גיי שוין ליכט־בענטשן. דאָס פאַלאַסהאַ־מיידל האָט אַריינגעבראַכט אַ ביסל פרייד אין אונדזער הויז. איך גיי צוגרייטן אַ קליידל פאַר איר פון מיין גאַרדעראָבע, זי זאָל נישט אַרומגיין אין דעם שטיק ברודיק לייוונט אויף זיך, האַלב נאַקעט.

פון דער זייט סטעזשקע, וואָס האָט געפירט פון גאָרטן צו דער שטאַל האָט זיך באַוויזן דעם קוטשערס וויב קאַמיליאַ. זי איז געווען אַ ברייט צעוואַקסענע פרוי מיט אַ גרויסן אַרויסשפּאַרנדיקן בוזעם און אַ גוידערדיקן האַלדז. אירע אָנגעבלאָזענע באַקן האָבן אַרונטערגעהאַנגען צום גוידער. אירע שוואַרצע, פלאַכע האָר זענען געווען צוגעקלעפּט פון שווייס צום האַלדז און שטערן. זי האָט אַ דערשוויצטע שווער געפרייכט. זי איז געווען אַ גוט־מוטיקע שפּאַנישע פרוי, איר געלבלעך, טונקל פּנים האָט געוויזן, אַז זי איז אַ געמישטע פון מורישן אָפּשטאַם. זי האָט אין אַן ערדענעם גרויסן שיסל געטראָגן אַ זייטל חזיר־פליש צוגעדעקט מיט אַ שטיקל לייוונט. דאָס ווייסע פּיסל מיטן צעשפּאָלטענעם קלאָ האָט אַרויסגעשטעקט פון שיסל.

— אָט זעסטו, נאָך דאָס פעלט מיר. זי ברענגט אונדז אַ מתּנה דאָס טריפה־פליש פון דעם חזיר, וואָס איר מאַן האָט ערשט געקוילעט, — האָט אַננאַ מאַריאַ געזאָגט.

— גיי איר אַנטקעגן מיט אַ פריילעך פּנים, חנה מרים.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז האַסטיק אַרויס אין דרויסן און מיט אַ שמייכלענדיק פּנים געבליבן שטיין ביים טיר־אַריינגאַנג.

סענהאָראַ אַננאַ מאַריאַ, מיר ווייסן ווי שטאַרק דאָקטאָר לאַראַ האָט ליב פרישׂ געקוילעט חזיר־פליש און איך ווייס, אַז ער גיט עס אויך צו אָרעמע קראַנקע, וואָס קומען צו אים, האָב איך אייך געבראַכט דעם בעסטן טייל. איר וועט דאָס דאַרפן גלייך איינזאַלצן עס זאָל נישט קאַליע ווערן, — האָט

די שפּאַניערין קאַמיליאַ געזאָגט און געקוקט מיט איר ברוינע פּיבערדיקע אויגן מיט הנאה אויף דעם זייטל חזיר־פלייש.

— אָך, אַזוי פיל? עס וועט אייך שוין גאָרנישט בלייבן פאַר אייערע קינדער. מיר קענען דאָך נישט מיט איין מאָל דאָס אַלץ אויפעסן. דערצו ווערט אין דרויסן וואַרעמער. אויף היינט האָט שוין מיין שוועסטער איזאַ־בעלאַ צוגעגרייט אונדזער אָוונט־מאָלצייט. מיר וועלן דאָס דאַרפן אַרונטער־שטעלן אין קאַלטן קעלער. אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק פאַר האָבן אונדז אין זינען, — האָט אַננאַ מאַריאַ געזאָגט.

— מיר האָבן פון דעם גרויסן חזיר, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו ווערן אַלט, גענוג פלייש אויף צו וועגדזלען פאַרן ווינטער. אָן אַ שטיקל פלייש זענען מיינע פּרעסערס קיין מאָל נישט זאַט. אויב מען וויל צונעמען אַ ביסל וואָג אויף זיך, איז נאָר אַ גוט שטיקל, געריכערט און געזאַלצן חזיר־פלייש, — האָט קאַמיליע געלאַכט און איר גיידער מיט די אַרויסשפּאַרנדיקע ברוסטן האָבן זיך אָנקוועלנדיק געוואָרפן. זי האָט געקוקט מיט באַדויער, וואָס איר באַלעבאָסטע, דעם דאָקטאָרס ווייב, וואָס האָט נישט קיין קינדער, איז דין און אויסגעדאַרט ווי אַ מיידל און עסט מסתמא נישט גענוג צו באַפּליישן איר לייב.

פון דעם וואָשביידל איז מיט אַ מאָל אַרויסגעקומען דאָס שקלאַפן־מיידל אַרומגעוויקלט אין איר לייוונטענעם איינהיל אַרום די לענדן. זי האָט געזען די מענטשן ביים טיר־אַריינגאַנג האָט זי זיך גענומען רוקן אויף צוריק.

די שפּאַניש־מורישע פרוי קאַמיליאַ האָט זי שוין דערזען און זי אַ רוף געטאָן:

— נאַ, נעם דאָס און שטעל עס אַוועק אין קיך, וועסט זיך פּוצן שפּעטער. קיין קאַוואַליר איז נאָך נישט צוגעגרייט פאַר דיר, — האָט קאַמיליאַ געזאָגט מיט אַן אָפּלאַכערישער שטים און איר אָנטקעגנגעטראָגן דאָס שיסל מיטן פלייש. דאָס לייוונט, וואָס האָט איבערגעדעקט דאָס זייטל פלייש איז שוין געווען נאָס מיט אַ רויטבלוטיקער פייכטקייט.

דאָס שקלאַפן־מיידל האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם בלוט מיטן אַרויס־שטייגנדיקן פיסל און זיך אַ צאַפּל געטאָן. אויף איר פנים האָט זיך באַוויזן אַ פאַרקרימענדיקע גרימאַסע ווי עס וואָלט איר געאיבלט צו קוקן אויף דעם.

— וואָס האָט זי זיך אַזוי איבערגעשראָקן און זיך פאַרקרימט? די „עסקראַוואַ״* דאַרף מען דערלאַנגען אַ פּאָר גוטע קלעפּ, זי איינצוברעכן צו טאָן אַרבעט, — האָט קאַמיליאַ געזאָגט און געשאָקלט אַ באַדויערנדיקע מיטן קאָפּ, וואָס איר באַלעבאָסטע איז צו ווייכהאַרציק און ווייסט נישט ווי אומצוגיין מיט אַ שקלאַפין.

— צום באַדויערן, פאַרשטייט זי נישט אונדזער לשון און קלעפּ האָט זי שוין געקראָגן איבער גענוג. איר האָט נישט געזען איר פּנים? זי איז קראַנק. דאָקטאָר לאַראַ האָט זי גענומען אין הויז אַריין זי אויסצוהיילן פאַר זיינס אַ קליענט, וואָס האָט באַצאָלט פאַר איר אַ סך געלט, — האָט אַננאַ מאַריאַ געזאָגט.

— אַ שיינע ווייבערישע פיגור האָט זי גראָד יאָ, די רייכע מענער קויפן אַזעלכע שקלאַפן נישט בלויז אויף צו אַרבעטן נאָר צו האָבן אַביישלעפערין אין הויז, אָבער אין מיינע אויגן האָט זי גאָרנישט די ווערט, אַרבעטן קען זי נישט און וויל נישט, נאָר וואָס ווייס איך? דאָקטאָר לאַראַ ווייסט בעסער. איך ווייס, אַז אייער מאַן האָט רחמנות אויף יעדער באַשעפעניש. איך געדענק ווי פאַראַיאָרן האָט ער אויפגעהויבן אַ קראַנק לאָם פייגעלע אין גאָרטן, ער האָט צוגעבונדן אַ העלצעלע צום פיסעלע און עס געראַטעוועט. שפּעטער אין פרילינג האָט ער עס אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי.

פון געריר־טקייט האָט זיך ביי בײדע פרויען באַוויזן אַ טרערנדיקע פייכטקייט אין זייערע אויגן.

ביים זייטיקן אַריינגאַנג פאַר דעם גאָרטן האָט זיך באַוויזן דער דער־וואַרטעטער פּאַציענט, דער מאַנאַך פּעדראָ מאַרטינעז. ער איז געווען אַ הויכער מאַן, אַ ביסל אַ געבויגענער מיט אַן איינגעהויקערטער פּלייצע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל־וואָלענעם, מאָנאַכישן מאַנטל ביז אַרונ־טער צו די פּאַנטאָפל און אַרומגעגאַרטלט מיט אַ דיק געפלאָכטענעם גאַרטל מיט טראָלדזן, וואָס האָבן אַרונטערגעהאָנגען אין אַ זייט. איבער דער ברוסט פון זיין פאַרקנעפּלטן כאַלאַט האָט אים נאָכגעהאָנגען אַ צלם מיט דער גע־קרייציקטער יעזוס־פיגור.

---

* שקלאַפין.

ער איז געווען אַ מיטל־יאָריקער מאַן מיט אַ לענגלעכן העל, דורכזיכטיק פּנים מיט רויט־בלויע אָדערלעך אין זיין לויזער איינגעפאַלענער הויט, מיט שיטערע פאַלדן ביים האַלדז. פון אונטער זיין טיף קאַפּל האָבן אַרויסגעהאַנגען זיינע טונקעלע, ברוינלעכע האָר פול מיט גראָע פּעדעמלעך.

ביידע פרויען האָבן זיך הכנעהדיק אַרונטערגעלאָזט אויף די קני און געקושט דעם ברעג פון מאָנאַכישן כאַלאַט. דעם קוטשערס ווייב קאַמיליאַ איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז זי האָט אַזש פאַרגאָסן פון האַלב איבערגע־קערטן שיסל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, אַ ביסל פון רויטלעכן חזיר־בלוט אויף דער ערד.

— אָ, פאַרגיב מיר גענעדיקער, דאָס האָב איך געבראַכט אַ מתּנה, — פריש געקוילעט חזיר־פלייש צו אונדזער דאָקטאָר לאַראַ.

דער מאָנאַך האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ זויערע גרימאַסע האָט זיך באַוויזן אויף זיין קרענקלעך פּנים.

— שטערט אייך נישט, מיינע ליבע. גוטע באַלעבאָסטעס גרייטן צו געשמאַקע שפּייזן פאַר זייערע מענער, — האָט ער געזאָגט און זיי פלינק איבערגעצלמט אין דער לופטן.

די פרויען האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און ער האָט מיט זיינע ווייכע פאַנטאָפל אַריבערגעשפּאַנט איבער דעם אָנגעגאָסענעם חזיר־-בלוט.

אויף דער שוועל פון הויז האָט זיך באַוויזן דאָקטאָר לאַראַ. ער איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט אָפענע אָרעמס.

— פאַדרע, פעדראָ מאַרטינעז, איך בין צופרידן אייך צו זען. איר האַלט אין איין אַפּליגן אייער וויזיט צו מיר און דאָס איז נישט גוט פאַר אייער געזונט, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און זיך טיף פאַרנייגט פאַר אים.

— מיין געזונט, מיין לעבן איז אין די הענט פון אונדזער רעטער און דערלייזער יעזוס קריסטוס. איך בין געקומען צו אייך כּדי זיך נישט צו פאַרזינדיקן, אַז איך האָב פאַרנאַכלעסיקט מיין לייב און צוגעאיילט פריצייטיק מיין טויט. אַזעלכע זינד זענען באַגאַנגען די ווידערשפּעניקע קאַטהאַריסטן־סעקטע און די אַלביגענזער־כּופרים, וואָס האָבן געפּרעדיקט טויט און זיך אַליין וואָס גיכער צוגעאיילט צו שטאַרבן. אַזאַ זינד מוז איך אויסמיידן, — האָט דער דאָמיניקאַנישער מאָנאַך מאַרטינעז געזאָגט, ווי עס איז געווען

זיין טבע אַלע מאָל, אַרויסצוווייזן זיין קענטעניש אין דער קירכלעכער געשיכטע וועגן די זינדיקע ווידערשפּעניקע סעקטעס און כּופרים, וואָס די קירך האָט אויסגעראָטן.

— איך שאַץ הויך אייער געלערנטקייט. יעדער וויזיט פון אייך איז פאַר מיר אַ געווינס. איך באַקום פון אייך מער ספּיריטועלע הילף ווי איך בין בכּוח אייך צו געבן אַ היילונג, אָבער מיט יעזוסעס הילף וועל איך זיך באַמִיִען עפּעס צו טאָן פאַר אייך.

זיי זענען אַריין דורכן קאָרידאָר אין דאָקטאָר לאַראַס אויפנעם־צימער. דאָס צימער איז געווען געראָמיק. פון איין זייט איז אַ גאַנצע וואַנט געווען באַשטעלט מיט שאַפעס ביכער אין לעדערנע איינבונדן, מיט גאָלדענע אויפשריפטן אויף די רוקנס, מיט נעמען פון די היילערס פון די עלטסטע צייטן ביז היינט. אַ צווייטע וואַנט מיט שענקלעך אָפענע און פאַרמאַכטע מיט שויבן־טירלעך פול מיט סלאָיעס, פלעשלעך מיט אויל־זאַלבן, שמירעכצן און ערבן, אויך פּאָספאָר און מעדיצינען צו היילן ווענערישע קראַנקייטן, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין שטאָט. עס זענען דאָ אויך געשטאַנען ערדענע און הילצערנע כּלים, מעשענע מערזשערס מיט שטייסלעך, קליינע און גרעסערע וואָגן מיט דינע, קופּערנע שאָלן מיט מעשענע געוויכטלעך פון פאַרשידענער גרויס. די לופט האָט געשמעקט, געריי֫צט און געצופּט די נאָזלעכער מיט גערוכן פון כּלערליי געווירצן, הערבן זאַנפטיקע און טערפּקע פון אינגבער, קאַמפער און אייקאַליפּטוס.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ שטול לעבן זיין ביוראָ־טיש.

— איך וועל אייך בעטן אויסצוטאָן אייער אויבערמאַנטל און די היילי־קייטן וואָס באַשיינען אייער מאָנאַכישן טראַכט, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און געהאָלפן דעם מאָנאַך אַרונטערנעמען דעם כאַלאַט פון זיין לייב. ערשט ווען דער מאָנאַך איז געבליבן אין דעם שוואַרצן טיזשעריק מיט דעם הויכן קאָלנער ביזן האַלדז אַ געעפנטער ביז אַריבער זיין ברוסט, האָט דאָקטאָר לאַראַ געזען, אַז דער מאָנאַך האָט פאַרלוירן אַ סך וואָג. דער געפאַלדעוועטער האַלדז אַן איינגעדאַרטער, דער גאַרגל־קנאָפּ שפּיציקער, די הויט הינטערן העמד געל און אויסגעטריקנט. ער האָט זיך צוגעבויגן צום מאָנאַכס לייב און מיט די פינגער אויסגעקלאַפּט איבער זיינע סקעלע־

טישע ריפּן, וואָס האָבן אַרויסגעשטייגט פון זיין קערפּער. ער האָט זיך מיט אַן אויער צוגעבויגן צו זיינע לונגען, צו זיין האַרץ און זיך לאַנג איינגעהערט צו זיין אָטעמען.

— פריִער פון אַלץ מוזט איר צונעמען וואָג. ווי איר האָט פריִער געזאָגט, טראַכט איר זיך נישט צו פייניקן, אָפּצושוואַכן אייער לייב, וואָס שטייט אין געפאַר. איר דאַרפט עסן וואָס מער פלייש, פעטס, חזיר־פלייש, מיט בלויז מיינע רפואות וועט איר זיך נישט אויסהיילן, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט.

— פלייש? חזיר־פלייש? אַ מאָל אין מיינע יִינגערע יאָרן איז דאָס געווען מיין בעסטער מאכל. היינט קען איך עס מער נישט פאַרדייען. איך האָב געזען אין דרויסן ווי אייער באַדינערין האָט אייך געבראַכט אַ זייטל חזיר־פלייש איז מיר גלייך נישט גוט געוואָרן, איך האָב דערפילט אַן איבל ביים האַרצגריבל, — האָט דער מאַנאַך געזאָגט, און זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט מיט אַ זויערע גרימאַסע.

— אוממם, עס זעט אויס, אַז איר ליידט אויך אויפן מאָגן און עס איז אייך שווער צו פאַרדייען דאָס עסן. נאָך גוט, וואָס איר זענט נישט קיין ניי־קריסט, מען וואָלט אייך פאַרדעכטיקט, אַז איר מיידט אויס צו עסן חזיר־פלייש ווייל איר... נו, אייך וועט מען נישט חושד זיין, — האָט דאָקטער לאַראַ געזאָגט אין אַ האַלב־שפּאַסיקן, האַלב ערנסטן טאָן.

— יאָ, מען קען טאָקע פאַרדעכטיקן די ניי־קריסטן אויך אין עפּעס ערגערס. מען האָט אַ מאָל באַשולדיקט אין שפּאַניע, אַז די יִידישע דאָקטוירים ברענגען אום זייערע קריסטלעכע פּאַציענטן, אַז זיי באַרימען זיך נאָך איינער פאַרן אַנדערן ווער עס האָט מער געשיקט קריסטן אויף יענער וועלט... — האָט דער מאַנאַך געזאָגט מיט אַן ערנסטער שטים.

— אָבער איר גלויבט דאָך נישט אין דעם? — האָט דאָקטאָר לאַראַ געפרעגט און געקוקט אויפן מאַנאַך מיט זיינע טרויעריק פאַרזאָרגטע אויגן.

— אַך, איך? איך ווייס בלויז, אַז מיר דאָמיניקאַנער האָבן מיט אַ פאָר הונדערט יאָר צוריק אויסגעפּועלט ביים פּויפּסט זיך אויף ס'ניי צו לאָזן באַדינען פון יִידישע דאָקטוירים. דאָס איז געקומען נאָך דעם ווי דער קעניג פון אַראַגאָן האָט געליטן פון אַ טאָפּלטן קאַטאַראַקט, האָט ער זיך אָנגענומען כּוח און זיך געלאָזט אָפּערירן פון אַ יִידישן דאָקטאָר, אַן אָקוליסט. שפּעטער

האָבן אונדזערע מאַנאַכן געבעטן אַ דערלויבעניש צו נוצן ייִדישע דאָקטוירים, ווייל קיין אַנדערע זענען אין שפּאַניע נישט געווען, — האָט דער מאַנאַך אויף ס׳ניי אַרויסגעוויזן זיינע קענטעניש.

— יאָ, איר קענט גוט די טרויעריקע געשיכטעס פון אונדזערע קאַטוי־לישע לענדער, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַ טרוקן קול נישט אַרויסצווייזן זיין ביטער געפיל, וואָס האָט אים מיט האַרץ־קלעמעניש געדריקט אין ברוסט.

— יאָ, עס איז זייער טרויעריק, וואָס די ניי־קריסטן, וואָס איר קענט זיי אפשר בעסער פון מיר ווילן נאָך אַזוי פיל הונדערטער יאָרן נאָך אַלץ נישט אויפגעבן זייער אַלטן, פאַרשטיינערטן גלויבן. מיר האָבן אויסגעראָטן די אַלביגענזער, די קאַטהאַריסטן און די אַנדערע אומגלויביקע סעקטעס, נאָר נישט דאָס איינגעעקשנטע היפּעלע ייִדן, די פאַלשע ניי־קריסטן, דאָס זעלבע דאָ ביי אונדז אין לאַנד, — האָט דער מאַנאַך געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

— עס איז זייער טרויעריק, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַ שעפּטשענדיק קול.

— איך קען מיר פאָרשטעלן ווי איר פילט. איך אַליין בין ערשט נעכטן געווען ביים פאַרהער אין דער אינקוויזיציע־קאַמער ווי מען האָט זיך געבעטן ביים אַרעסטירטן סוחר־אימפּאָרטירער פיליפּע ער זאָל אויסגעבן די אַלע פאַרדאַרבעס, די כּופרים פון אונדזער קירך. ער האָלט צוגעשלאָסן ס׳מויל, ער וויל בעסער שטאַרבן. איך האָב רחמנות אויף אים, אויב ער קען שוין זיין גוף נישט ראַטעווען, וואָלט ער כאָטש געקענט ראַטעווען זיין נשמה און נישט דאַרפן זיך אַרומוואַלגערן אין גיהנום אויף אַלע אייביקייטן.

דאָקטאָר לאַראַ האָט לייכט אויפגעציטערט. ער האָט אַוועקגעדרייט אין אַ זייט דאָס פּנים. ער האָט געפילט, אַז ער איז שטאַרק בלאַס געוואָרן. די הענט האָבן אים געציטערט פון אויפרעגונג. ער האָט געוווסט, אַז ער טאָר דאָס נישט אַרויסווייזן פאַר דעם מאַנאַך. עס האָט אים געגומען חידושן, צוליב וואָס דערלויבט זיך דער מאַנאַך אים צו דערציילן די פאַרבאָרגענע טוונגען פון דער אינקוויזיציע.

— וואָס קען איך טאָן? איך בין אַזוי אָפּגעפרעמדט און אָפּגעזונדערט פון זיי, — האָט דאָקטאָר לאַראַ צעגומען די הענט.

— אָ! איר קענט אַ סך טאָן, דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאַראָ. דער סוחר פּיליפּע האָט אַ שוואַך האַרץ. מיר ווילן אים אויפהאַלטן ביים לעבן וואָס לענגער, ער זאָל זיך באַזינען און אַרויסגעבן זיינע מיטהעלפערס, וואָס פאַר־שוועכן אונדזער גלויבן, אונדזער קירך. מיר האָבן אַן אויג אויף עטלעכע כּופרים, וואָס זענען רייך געוואָרן פון בלויז דעם טייוולס הילף. אויב ער זאָל זיי אַרויסגעבן קען ער נאָך ראַטעווען זיין נשמה, — האָט דער מאָנאַך געזאָגט און זיין אַסקעטיש, קראַנק פּנים האָט געפלאַמט פון אויפרעגונג. זיינע אָנגעצונדענע אויגן האָבן פיבערדיק געגליט מיט אַ הייליקן פייער.

— איך, איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר מיינט. אויב ער האָט אַ שוואַך האַרץ, טאָר מען אים נישט מאַטערן אין אַ קעלער־קאַמער. ער וועט אויסגיין אונטער די הענט פון די וואָס ווייסן נישט ווי לאַנג ער קען אויסהאַלטן, — האָט דאָקטאָר לאַראָ געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמט, טרוקן קול.

— טאָקע צוליב דעם מוזט איר גיין מיט מיר. איר דאַרפט וויסן, אַז פּייניקן דעם גוף איז גאָרנישט קעגן דעם, וואָס זיין נשמה וועט זיך פּייניקן אָן אַ לייזונג, אָן אַ רעטונג. מיר ווילן אים נישט פּייניקן אָבער ער צווינגט אונדז דאָס צו טאָן. מיינסטנס שרעקן מיר אים מיט אונדזערע שרעק־כּלים, מער ווי עפּעס טאָן צו אים. ער שרעקט זיך אָבער נישט. איך האָב דערפאַר פאָרגעשלאָגן אונדזער בישאָף און הויפּט־אינקוויזיטאָר אייך נאָך היינט צו ברענגען צו אים, איר זאָלט מיט אים רעדן, אים אונטערזוכן זיין האַרץ צי ער איז טאָקע אַזוי שוואַך. מיר ווילן איר זאָלט אים ראַטעווען, ער זאָל זיך מודה זיין און אַרויסגעבן זיינע פריינד.

— איך דאַנק אייך זייער פאַר האָבן אַזוי פיל צוטרוי צו מיר, אָבער איר האָט דאָך אייער אייגענעם דאָקטאָר, דעם מאָנאַך פּעדראָ סאַלאַזאַר, — האָט דאָקטאָר לאַראָ געזאָגט מיט אַן אומצופרידענער שטים, ווי אים וואָלט נישט ניחא געווען צו גיין מיט אים אין דעם מאָנאַכישן קלויסטער.

— איר וועט זיך באַקענען מיט אונדזער נייעם בישאָף און דעם אינקווי־זיטאָר ניקאָלאַס דע טאָנענעס. ער איז אַ גרויסער געלערנטער, אַ שטרענגער. ער פירט זיך לויט דעם באַרימטן מאָדעל־אינקוויזיטאָר ניקאָלאַס עמעריקוס פון שפּאַניע לויט זיין בוך: „דירעקטאָריום אינקוויזיטאָריום". אַלץ ווערט ביי אים געטאָן לויטן קאַנאָנישן געזעץ.

דאָקטאָר לאַראַ איז אַ לענגערע ווײַלע געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, אַ פאַרטראַכטער. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן. עס איז אים געווען שווער גלייך צו געבן אַן ענטפער. זיי ווילן ער זאָל ווערן אַ מיטהעלפער אין זייערע מעשׂים. ער האָט זיך משער געווען, אַז דער פּלאַן איז צו ברענגען אין דער אינקוויזיציע־תּפיסה צו פּיליפּען קומט נישט בלויז פון מאַנאַך אַליין, ער איז בלויז אַ שליח. זיי קענען זיך נישט פאַרגינען פּיליפּע זאָל אויסגיין פון זייערע פּייניקונגען, איידער ער גיט זיי נישט אויס עפּעס וועגן די פאַרבאָרגענע ייִדישע פּירונגען פון זיין שותּף דואַרטע דאַ סילוואַ. זיי דאַרפן אַז פּיליפּע זאָל ווערן אַ מלשין מיט אַ מסירה קעגן דואַרטע דאַ סילוואַ כּדי זיי זאָלן קענען לויט די קאַנאָנישע געזעצן צונעמען זיין גרויס פאַרמעגן, וואָס רייצט זייערע גיריקע אויגן, זיי זאָלן זיך קענען צעטיילן מיטן זאַק רויב ווי נאָך אַ געוווּנענער מלחמה און אים דואַרטען שיקן צום אויטאָדאַפע קיין ליסאַבאָן. רייצט זיי בלויז דאָס געלט פון דואַרטע אָדער עפּעס מער ? וועד וויל דאָס אַזוי שטאַרק אומברענגען דעם אימפּאָרטירער דואַרטע דאַ סילוואַ ?

— איר שווייגט ? איך זע, אַז אייך איז שווער צו באַשטימען צי גיין זען דעם זינדיקן מענטש, וואָס איז אייערס אַ פּאַציענט און איר קענט אים פון אייער אַמאָליקן אָפּשטאַם. איך קען דאָס גראָד פאַרשטיין, נישט בלויז איר, וואָס איז בלויז אַ פרומער קריסט, קענט דאָס נישט אַריבערטראָגן, נאָר אַפילו אונדזערס אַן אייגענער פון דאָמיניקאַנישן אָרדן, וואָס זעט דעם ביטערן סוף פון זיין משפחה קען דאָס נישט איבערטראָגן. די הייליקע אינקוויזיציע איז אָבער נאָבעלער, וויכטיקער פון אַלע משפּחה־פאַרבינדונגען, — האָט דער מאָנאַך פאַרענדיקט מיט אַ רעטאָרישער שטים ווי פון אַ פּולפּיט אַרונטער.

— גערעכט, די הייליקע אינקוויזיציע איז וויכטיקער פון אַלץ, — האָט דאָקטאָר לאַראַ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — איך פאַרשטיי אָבער נישט, אויב איך מעג פרעגן : וועמען מיינט איר ? — האָט דאָקטאָר לאַראַ אויפגעהויבן זיינע טרויעריקע, ברוינע אויגן און געקוקט אויפן מאָנאַך מיט אַן אומשול־דיקע נייגעריקייט.

— איך טאָר אייך דאָס נישט אויסזאָגן, אָבער, אַז איר גייט שוין מיט

מיר אין דעם אינקוויזיציע־הויז, וועט איר דאַרפן שווערן גאַרנישט קיינעם דערציילן, וואָס איר האָט געזען און געהערט דאָרטן.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ. ער האָט אויפסניי דערפילט אַ קלעמעניש ביים האַרץ־גריבל. ער האָט אפשר גאַרנישט גע־דאַרפט פרעגן וועמען ער מיינט. דערצו האָט ער אים נאָך נישט געזאָגט, אַז ער איז גרייט און וויליק צו גיין מיט אים צו דער אינקוויזיציע.

דער מאָנאַך האָט עס אַליין פאַר אים באַשטימט. עס זעט אויס, אַז אויב ער וועט נישט גיין מיט גוטן, פרייוויליק, וועט מען אים רופן מיט אַ באַפעל, דעמאָלט וועט שוין זיין ערגער. מען קען אים נעמען ווי אַן עדות און אים מיט צוואַנג פאַרשן, ער קען שוין גוט זייערע פירונגען, זייערע קאַנאָנישע געזעצן, וואָס זיי פאַרשאַרפן אויב זיי נייטיקן זיך אין דעם.

— יאָ, אַז איר בעט מיך צו גיין מיט אייך, איז עס מיין קריסטלעכער חוב אייך נישט אָפּצוזאָגן.

דעם מאָנאַכס בלייכע, אַסקעטישע פּנים און זיינע בלוי־גלאָזיקע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ באַגליקטער פרייד.

— אויך אונדזער ברודער־מאָנאַך אַנטאָניאָ קאָוטיניאָ, דער קוזין פון דאָנאַ לאַורענסיאַ פון דער דאַ סילוואַ־משפחה האָט זיך עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געראַנגלט, אַרומגעאַנגען אַ צעטראָגענער אין מאָנאַסטיר. ער האָט ביי דער פרימאָרגן־מעסע שטיל געקלאָגט ווייל ער ווייסט שוין דעם סוף פון זיין אומווערדיקער משפחה. אָבער איצט האָט זיין קריסטלעך האַרץ זיך באַרויִקט און ער איז גרייט צו העלפן דער אינקוויזיציע, — האָט דער מאָנאַך געזאָגט.

— אַזוי? די דאַ סילוואַ און די קאָוטיניאָ משפחות האָבן זיך אויך געלאָזט פאַרפירן פון שטן? דער אַדוואָקאַט זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ פאַר־פאַסט דאָך אַזעלכע זעלטענע הימנען צו אונדזערע הייליקע. ווי איז דאָס מעגלעך? — האָט דאָקטאָר לאַראַ געדרייט מיטן קאָפּ ווי עס וואָלט אים געווען שווער צו גלויבן, אַז דער אַדוואָקאַט האָט זיך געלאָזט פאַרפירן.

— איך מיין נישט דעם אַדוואָקאַט, ער איז אומשולדיק. ער איז אַן ערלעכער קריסט, נישטאָ קיין פלעק אויף אים, נאָר זיין ווייב און די גאַנצע משפחה זענען פאַרדאָרבענע, פאַרזינדיקטע. בלויז דער זיסער יעזוס קריסטוס קען זייערע נשמות באַשירעמען אויב זיי וועלן תשובה טאָן, — האָט דער

מאַנאַך געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגעטאָן דעם אויבער־כאַלאַט, אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז דעם צלם, זיך אַרומגעגאַרטלט ווי גרייט צו גיין.

איך וועל צוגרייטן די רפואות פאַר אייך און זיי צושיקן אין מאָנאַסטיר. איך וועל אייך אויך פאַרשרייבן, וואָס איר זאָלט עסן... — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און זיך אויך אויפגעשטעלט.

— איר ווייסט, דאָקטאָר לאַראַ, ווען איר דערמאָנט נישט די רפואות וואָלט איך שוין אין גאַנצן געהאַט פאַרגעסן נאָך וואָס איך בין אייגנטלעך געקומען צו אייך, — האָט דער מאָנאַך געשמייכלט.

— איר זענט געקומען מיך נעמען צו דער אינקוויזיציע, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַ טרוקן־פאַרקלעמטער שטים.

— אויב אַזוי, קומט שוין מיט מיר. מיר וועלן אַרונטערשפּאַצירן צום מאָנאַסטיר מיט דער עוואַנידאַ, דערוויל רעגנט נאָך נישט.

צו וואָס זיך לאָזן צו פוס אין אַזאַ רעגנדיקן דרויסן, איך וועל רופן מיין קוטשער, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און געכאַפּט אַ קוק צום פענצ־טער. זיין פרוי אַננאַ מאַריאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דרויסן אַן אומגע־דולדיקע און געקוקט אויפן גאָרטן. זי האָט זיך נישט געאײַלט אַריינצוגיין אין הויז ביז דער מאָנאַך וועט אַוועק, כדי זי זאָל קענען ליכט־בענטשן.

— בעסער רופט אים נישט. קיינער דאַרף נישט וויסן ווו איר גייט מיט מיר.

דאָקטאָר לאַראַ איז אַ ווײַלע געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטער, ער האָט געוואָלט, אַז זיין פרוי זאָל אויפכאַפּן זיינע רופנדיקע בליקן און וויסן, אַז זי דאַרף גלייך אַריינקומען. זי האָט זיך דאָרט שטייענדיק בײַם גאָרטן ראַפּטעם אויסגעדרייט צו אים. ער האָט באַמערקט אַז אויך זי איז זייער אומרויק. עס הויבט שוין אָן צו ווערן פינצטער און זי קען נישט אַריינקומען אין שטוב ליכט־בענטשן, ווייל דער מאָנאַך פאַרזאַמט זיך צו לאַנג.

ער האָט שוין דערהערט אירע טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צום אויפנעם־צימער. ער האָט געעפנט פאַר איר די טיר. זי איז געבליבן שטיין אויפן שוועל און אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרזאָרגט, פרעגנדיק פּנים.

— אַננאַ מאַריאַ, איך מוז גליַיך אַוועק צו אַ פּאַציענט מיט אונדזער פריַינד דעם מאָנאַך פּעדראָ מאַרטינעז. גיב מיר, זיי אַזוי גוט, די לאַמטערנע. איך וועל אַהיים קומען אפשר שפּעט, ווען עס וועט שוין זיין פינצטער, — האָט ער געזאָגט און גענומען זיין מעדיצין־רענצל, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש.

— קיין לאַמטערנע וועט איר נישט דאַרפן. מיינע נאַענטע יינגערע ברידער וועלן אייך באַגלייטן אַהיים, — האָט דער מאָנאַך געזאָגט מיט אַ באַרוּיקנדיקער שטים.

אַננאַ מאַריאַ האָט זיך אַ געבויגענע געגנייגט פאַר דעם מאָנאַך. ער האָט זי אין דער לופטן איבערגעצלמט און ביידע מענער זענען אַרויס פון הויז.

איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

עס האָט שוין גענומען ווערן טונקל. פון דעם נישט וויַיטלעכן ים־ברעג האָט זיך אַהערגעטראָגן דאָס האַסטיקע רוישן פון די ים־כוואַליעס, וואָס האָבן זיך געטראָגן מיט אַ שטורעמווינט צו דער גאַס. אַ העלער נעפּל האָט זיך געהויבן און פאַרהילט דעם אומענדלעכן ים און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם נידעריק פאַרוואָלקנטן הימל.

אין דער גאַס האָבן מענטשן געאיילט אַהיים, איידער עס וועט זיך אַרונטערלאָזן אַ גאַס רעגן. דאָ און דאָרט האָבן שקלאַפן געטראָגן אויף טראָגשטולן פאַרהילט מיט באַפּוצטע פאַרהאַנגען זייערע רייַכע באַלעבאַטים צו זייערע פּאַלאַצן און ווילעס. די באַגילדטע איבערדעקן האָבן געפלאַטערט און אָפּגעדעקט די טראָגשטולן מיט די שווער־לייביקע אייגנטימערס. די באָרוועסע שקלאַפן האָבן געהיפּערט איבער דער גריבלדיקער גאַס און, געבויגענע, זיך געראַנגלט מיטן שטורעמווינט.

פון צייט צו צייט האָט זיך פון נעפּל אַרויס געהערט דאָס גאַלאָפּירן פון אַ דורכפאָרנדיקער קאַרעטע. די פאַרנטיקע לאַמטערנס האָבן מיט פאַר־שאָטנטע ליכטזיילן אַרויסגעהעלט און באַלויכטן די גאַס. דאָ און דאָרט האָבן סאָלדאַטן אין הויכע הוטן, אָרנאַמענטירט מיט דעם קרוינעמבלעם, מיט נאָכהענגענדיקע שטילעטן אויף די לענדן, דורכגעשפּאַנט. טייל האָבן זיך

געוואַקלט בגילופנדיקע, באַזויפענע מיט ראַם און ווײַן און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אַנדערע האָבן דערזען דעם מאַנאַך מיטן דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאַראַ און זיך טיף פאַרנייגט.

דער מאַנאַך און דאָקטאָר לאַראַ זענען געגאַנגען שווייגנדיק, יעדער פאַרטאָן אין זיינע אייגענע געדאַנקען. דעם דאָקטאָר איז נאָך אַלץ נישט געווען קלאָר, וואָס עס איז דער צוועק אים צו פירן אין דער אינקוויזיציע־קאַמער כדי אויפצוהאַלטן דאָס לעבן פון דעם פאַרפייניקטן סוחר פיליפע. ווילן זיי אים אפשר אויך אַרייננכאַפּן אין אַ נעץ? זיי ווילן אפשר זען צי פיליפע וועט אַרויסווייזן סימנים אַז ער, דאָקטאָר לאַראַ, איז מער ווי אַ פריינד מיט אים? אַז ער איז אויך פאַרבונדן אין דעם געהיימען בונד, וואָס פירט אַ פאַרבאָרגן לעבן, וואָס די קירך וויל אויסראָטן? אָדער אפשר מיינט טאַקע דער מאַנאַך ערנסט, אַז ער, מיט זיין מעדיצינישער קענטעניש, קען זיי העלפן אויפצוהאַלטן דאָס לעבן פון דעם סוחר פיליפע, ביז ער וועט אַרויסגעבן זיינע פריינד? מעג ער זיי העלפן אויפהאַלטן פיליפּעס לעבן, וואָס זיי האָבן שוין חרוב געמאַכט? פיליפע קען נאָך, פון די גרויסע יסורים וואָס ער וועט מער נישט קענען אויסהאַלטן, זיך מודה זיין אין באַשולדיקונגען קעגן זיינע פריינד וואָס זענען נישט אמת, אָבער וואָס די פאַרפאַלגערס האָבן צוגעטראַכט מיט פאַלשע בילבולים.

דער עיקר וואָס אים איז נישט קלאָר, איז ווען איז איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז ער איז בכוח אויפצוהאַלטן דאָס לעבן פון פיליפען?... איז עס בלויז דער איינפאַל פון דעם קראַנקן און אומבאַדייטנדיקן מאַנאַך פעדראָ מאַרטינעז, וואָס פירט אים איצט צום אינקוויזיציע־הויז? ער איז טאַקע אַ געלערנטער מיט אַגוזן אין דעם דאָמיניקאַנישן אָרדן, אָבער ער האָט דאָרט אַ קליינע דעה. עס קען זיין, אַז מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דער מאַנאַך מאַרטינעז קומט אָפּט זיך אונטערזוכן ביי אים, האָבן זיי שוין אים געבעטן אים צו ברענגען אין דעם אינקוויזיציע־הויז, ווו עס געפינט זיך פאַרשפאַרט פיליפע. אָבער דער איינפאַל קומט נישט פון דעם מאַנאַך אַליין. איז ווי אַזוי קען ער דאָס אויסגעפינען און דערגיין וואָסערע אינטריגעס, וואָס פאַר אַ פּאַסטקע זיי גרייטן צו כדי צו רויִנירן און באַרויבן אַלע ניי־קריסטן, וואָס געפינען זיך אין שטאָט, איבערהויפּט די רייכע ניי־קריסטן.

— איך שטעל מיר פֿאָר, אַז דער אינקוויזיציע־קאָנסול איז אויך באַ־שטאַנען מיר אָנצוגעטרויען אַזאַ הייליקע אַרבעט, וואָס נאָר אויסדערוויילטע, ציווילע מענטשן און געשולטע מאַנאַכן טוען — האָט דאָקטאָר לאָראַ געזאָגט מיט אַ רויִקער גלייכגילטיקער שטים, ווי צו ווייזן, אַז ער פֿרעגט דאָס אָן שום ציל, נאָר בלויז פֿון אינטימער נייגעריקייט.

— מיר האָבן איצט צוגעקראָגן אַ נייעם ציווילן מיטגליד פֿון דעם אינקוויזיציע־קאָנסול, אייער אַ גוטן פֿריינד, וואָס האַלט זייער שטאַרק פֿון אייך אַזוי ווי איך — האָט דער מאַנאַך געזאָגט און געקוקט אויף אים מיט אַ פֿריינדלעך, גוטמוטיק פּנים.

— אָ, איך דאַנק אייך זייער פֿאַר אייער פֿריינדשאַפֿט. מיינע גוטע פֿריינד האָבן מיך אַלע מאָל אין זינען, אָבער ווער קען דאָס מיר אַרויסווייזן אַזוי פֿיל צוטרוי? — האָט דער דאָקטאָר זיך געוווּנדערט.

— בלויז אייך קען איך דאָס אויסזאָגן, ס'איז דערווייל נאָך אַ סוד. דער יונגער נייער מיטגליד איז פֿון דער בלאַנקאַ־משפּחה, דער פּלימעניק פֿון קאַסטעל בלאַנקאַ, אייער פֿריינד מאַרטעם בלאַנקאַ. ער האָט אויף זיך אַ קלוגן, שאַרפֿן קאָפּ. ער קען אַלעמען אין שטאָט און ווייס אַלע פֿאַרבאָרגע־נישן. ער וועט ברענגען דער אינקוויזיציע אַ סך נוצן. דער אינקוויזיטאָר ניקאָלאַס דע טאָנענעס האַלט פֿון אים אַ וועלט — האָט דער מאַנאַך דער־ציילט.

ער איז דאָס מאָל געווען זייער באַרעדעוודיק, אַזוי אַז ער האָט אַפֿילו נישט באַמערקט ווי דאָקטאָר לאָראַ איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטאַרק אויפֿ־געטרייסלט. עס האָט אים פֿאַרקלעמט ביי דער ברוסט און ער האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט צו כאַפּן דעם אָטעם.

ערשט נאָכן אָפּגיין אַ שטיקל וועג האָט זיך דער מאַנאַך אויסגעדרייט און דערזען, אַז זיין מיטגייער האָט זיך פּלוצעם אָפּגעשטעלט.

— אָ, וואָס איז געשען? איר פֿילט זיך עפּעס נישט גוט, איר זענט אַזוי בלאַס געוואָרן. עס זעט אויס, אַז אויך אַ דאָקטאָר קען ווערן קראַנק — האָט דער מאַנאַך געזאָגט אַ פֿאַרזאָרגטער.

דאָקטאָר לאָראַ האָט געזוכט עפּעס אַ תּירוץ פֿאַר וואָס ער איז פּלוצעם געבליבן הינטערשטעליק. ער האָט מיט אַ מאָל זיך גענומען איינהערן צו

אַ שטאַרקן געבילערײַ פון הינט, וואָס איז געקומען פון אַ נאָענטער באַרגיקער ווילע מיט אַ שטיינערנעם פּאַרקאַן מיט שפּיציק גלאָז פון אויבן, ווו עס האָבן זיך געזען אויף די ביימער רויטע רײַפע פּאָמעראַנצן, מאַנגאָס און די היימישע ספּאַדאַליאַ־פלוימען. אַ כאַפּטע שוואַרצע יִינגלעך האָבן זיך געהאַט אַרויפ־געכאַפּט אויפן פּאַרקאַן און געפּליקט די פּרוכטן. די שוואַרצע יִינגלעך מיט די קוטשעראַווע קעפּלעך מיט געקרייזלטע, שוואַרצע שעפּסנהאָר זענען פון דעם הינטישן געבילערײַ געשפּרונגען פון פּאַרקאַן, באַלאָדנטע מיט פּרוכט. זיי זענען מיט דערשראָקענע, דערשוויצטע פּנימער, מיט פּאַרבלוטיקטע פיס פון דעם פּאַרקאַנגלאָז, געלאָפן אַוועק צו די הינטער־זײַטיקע, שמאָלע געסלעך.

— אָ, איך זע אַז איר זענט באַזאָרגט פון די ווילדע הפקר־קינדער. אונדזערע לערערס פון דעם יעזויִטן־אָרדן דערלאָזן דאָס. ס'איז צײַט עפּעס צו טאָן וועגן דעם. מיט בלויז הינט קען מען די שדים נישט פאַרטרײַבן — האָט דער מאַנאַך געזאָגט מיט אַ באַדויערנדיקן קול.

דאָקטאָר לאָראַ איז נאָך אַלץ געווען פאַרטראַכט. ער האָט דערהערט דעם מאַנאַכס שטים און דערזען זײַן פאַרזאָרגט פּנים.

— אָ, די יִינגלעך, אפשר פעלט זיי אויס שפּײַז, אפשר עסן זיי נישט צו דער זאַט? קינדער זענען אַזעלכע שיינע פּרוכט, גאָטס געשאַנק.

— אָ, וועגן דעם זענט איר באַזאָרגט? אַ דאָקטאָר בלײַבט אַ דאָקטאָר. איר זאָרגט זיך נאָר וועגן זייער קערפּערלעכן געזונט — האָט דער מאַנאַך געזאָגט מיט אַ שטיפערישער שטים און זײַן פּנים איז געווען פרײַנדלעך צעשמייכלט.

זיי זענען געגאַנגען באַרג אַרויף צום משופּעדיקן פּלאַץ, ווו פון נעפּל אַרויס האָט זיך שוין אַרויסגעזען דער קלויסטער מיט אַ סך צעוואָרפענע געביידעס. דאָ האָט מען שוין שאַרפער דערשפּירט די רויִע, קילע לופט פון ים, פון וואַנען עס האָבן זיך געהויבן נעפּלדיקע רויכן. מען האָט נישט געזען דאָס וואַסער, נאָר בלויז געהערט דאָס רוישיקע פּליעסקען פון די אַנלויפנדיקע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך צעקלאַפּט ביי די ריזיקע ברעג־שטיינער.

פון די רײַכע גאַסן פון דער גרויסער עווענידאַ בראַנקאָ, ווו עס זענען

געוועזן די גרויסע ווילִיעס, האָבן שקלאַפן געטראָגן אין נאַכט־כּלים און אין פעסלעך דאָס אָפּפאַל, די אומריינקייטן און די צואות פון די הייזער אויסצו־ליידיקן ביים ים.

דער שאַרפער געשטאַנק פון די אומריינקייטן איז אָבער דאָ פּאַרווייעט געוואָרן פון די פּרוכטביימער, פון די בלומען־קוסטעס, וואָס האָבן ווי הענ־גענדיקע גערטנער אויף די באַרגיקע טעראַסעס אַרויסגעלויכטן און אָנגעפילט די לופט מיט אַ פּערפומירנדיקן גערוך.

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיקע באַרג־אַרויף צום דאָמיניקאַנישן קלויס־טער־פּאַרקאַן. וואָס נענטער, אַלץ שטילער און פּאַרטראַכטער זענען ביידע געוואָרן.

דאָקטאָר לאַראַ איז נאָך אַלץ נישט געווען באַרויִקט פון דעם נייעס, וואָס דער מאַנאַך האָט אים איבערגעגעבן, אַז דער לעביונג מאַרטעם בלאַנקאַ איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם אינקוויזיציע־קאָנסול. עס איז אים געווען שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? ער האָט דאָך געזאָלט פאָרן זיך באַזעצן אין „מינאַס־געריִאַס", צו זיין נאָענט ביי די גאָלדגרובנס ווו זיין פעטער קאַסטעל בלאַנקאַ איז דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון גאַנצן ראַיאָן. ווי אַזוי איז ער פּלוצעם געוואָרן אַ מחותן אין דעם אינקוויזיציע־ראַט ווי אַ ציווילער אַרויסהעלפער און דעה־זאָגער?

איצט איז ער, דאָקטאָר לאַראַ, שוין זיכער, אַז זייער ציל איז צו רויִנירן דעם אימפּאַרטירער דואַרטע דאַ סילוואַ. זיי האָבן זיך פאַרלייגט צו נעמען אים אין דער אינקוויזיציע, אים אויסצופאַרשן וועגן זיינע זינדיקע פּירונגען. זיי נייטיקן זיך אָבער אין אַ שטאַרקער אָנקלאָגע קעגן אים. דערפאַר ווילן זיי אויפהאַלטן ביים לעבן דעם סוחר פּיליפּע, וואָס איז געווען יאָרן לאַנג געשעפטלעך פאַרבונדן מיט דואַרטען. עס זעט אויס, אַז דער לעביונג מאַר־טעם בלאַנקאַ קען גאָרנישט פאַרגעסן, וואָס דואַרטע דאַ סילוואַ איז דאָ אין לאַנד נאָך רייכער געוואָרן און האָט גלייך ווי ער איז אַריבערגעקומען אין דער קאָלאָניע באַוויזן צו קריגן דאָנאַ גראַסיאַ פאַר אַ כּלה און אים, בלאַנקאָן, האָט די משפּחה דאַ סילוואַ נישט דערלאָזט זיך צו דערנענטערן צו איר.

דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט מיט אַן אויסרייד, אַז אים איז שוין שווער אַרויפצוקלעטערן אַזוי הויך אויפן באַרג. ער מוז דאָס אַלץ

פּריִער אויסגעפינען איידער ער גייט אַריין אין דער אינקוויזיציע־געביידע — האָט דאָקטאָר לאַראַ געטראַכט.

— ווי קומט דאָס צו אייך אין דעם אינקוויזיציע־ראַט דער יונגער מאַרטעם בלאַנקאַ? ער האָט דאָך געזאָלט זיך באַזעצן אין מינאַס־געריִאַס, ווו דאָס גאָלד געפינט זיך — האָט דאָקטאָר לאַראַ געפרעגט מיט אַ רויִקער גלייכגילטיקער שטים.

— אָ, דער יונגער בלאַנקאַ? דער פּעטער זיינער האָט זיך באַרעכנט אַז דער בלאַנקאַ זאָל זיך פריִער דערנענטערן צו אונדזערע נאָבעלע, הייליקע טווּנגען. ער זאָל ווערן אַ ביסל געלאַסענער און אָנהויבן טראַכטן ווי צו באַזאָרגן זיין גייסטיק, קריסטלעך לעבן און נישט בלויז אַרומהוליען. ביי אונדז וועט ער ווערן ערנסטער און געלאַסענער — האָט דער מאַנאַך געזאָגט מיט אַ פרומער ערנסטקייט.

— אָ, ער האָט מזל צו האָבן אַזאַ פאַרשטענדיקן פּעטער — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי עס וואָלט אים געפעלן געוואָרן דעם פּעטערס איינפאַל. ער האָט דערביי געטראַכט, אַז עס קען זיין, אַז מאַרטעם בלאַנקאָס קראַנקייט האָט זיך פאַרערגערט און דער פּעטער זיינער וויל אים נישט האָבן לעבן זיך ביז ער וועט געזינטער ווערן.

זיי זענען צוגעקומען צום טויער פון קלויסטער. דער מאַנאַך מאַרטינעז האָט אַ קלאַפּ געטאָן ביי דער זייטיקער קליינער טיר פון ריזיקן דעמבענעם טויער, ווו עס זענען געווען אויסגעשניצט צלמים מיט אויסגעפורעמטע הייליקע געשטאַלטן אין מאָנאַכישן טראַכט ווי אויך קאַנאָניזירטע פיגורן.

די טיר האָט זיך געעפנט. אַ יונגער מאַנאַך מיט אַן אויסגעמאַגערט פּנים, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן כאַלאַט, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ווייסן גאַרטל, איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג. ער האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַר דעם עלטערן מאַנאַך און זיין באַגלייטער.

זיי זענען אַריין אין מאַנאַסטיר־הויף און זיך געלאָזט פּאַזע דעם שטיי־נערנעם פּאַרקאַן, וואָס איז געווען מאָכיק־גרין באַוואַקסן און באַצויגן מיט זיך ציִענדיקע, בלעטערדיקע פלאַנצן. דאָ און דאָרט זענען ביים פּאַרקאַן געשטאַנען לאַנגע בענק אויף אָפּצורוען זיך.

אויפן גרויסן מאַנאַסטיר־הויף האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שיטערער

גאָרטן מיט פּאַלמעס, מיט פּרוכטביימער, באַלאַדנט מיט אַראָפּהענגענדיקע גאָלדיק־רויטע מאַראַנצן, מיט גרינלעכע מאַנגאָס, אויף די שיטער־גראָזיקע לאָנעס האָבן זיך אויסגעשפּרייט גרויסע רינגען מיט בלומען פון כּלערליי קאָלירן, רויטע און בלויע. צווישן זיי שטרויבלומען און די אומשטערבלעכע בלום וואָס מען באַנוצט צו פּאַרפּוצן די אורנעס פאַר די פאַרשטאָרבענע.

לעבן די בלומען־בייטן זענען געווען צעשטעלט גרין־פּאַרשימלטע סטאַ־טועס און בראָנדזענע פיגורן, מלאכימלעך מיט פליִענדיקע פליגל, שרעטעלעך און דראַגאָנען. פון זייערע מיילער האָט זיך געטראָגן אַ געשפּריצעריי, וואָס האָט באַוואָסערט די בלומען־קוסטעס.

אויף די ברייטע סטעזשקעס צו די צעוואָרפענע מאַנאַסטיר־געביידעס האָבן דאָ און דאָרט אַרומגעשלייכט איינזאַמע מאָנאַכן, פאַרטראַכטע און פאַר־טיפטע אין זייערע פאַרפרומטע רעיונות.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ ריזיקער, מאַסיווער געביידע אָן פענצטער, בלויז דאָ און דאָרט מיט פירעקיקע לעכער מיט דיקע אייזערנע קראַטעס. אויפן סאַמע שפּיץ פון דאַך האָט זיך געהויבן אַ ריזיקער צלם. דאָס הויז איז געשטאַנען ביים סאַמע ברעג לעבן אַן אַפּגרונט, וואָס איז געווען פאַרהילט און באַוואַקסן מיט געדיכטע ווילדע ביימער. פון אַפּגרונט האָט זיך געהויבן אַ געדיכטער רויכיקער נעפּל, וואָס האָט זיך געצויגן פון נאָענטן ים־ברעג. מען האָט בלויז געהערט דאָס רוישן פון די כוואַליעס און דעם זאַלציקן רויען גערוך פון די ים־וואַסערן.

ביי דאָקטאָר לאַראַ האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ האַסטיקער. ער האָט זיך משער געווען, אַז דאָס איז די אינקוויזיציע־געביידע. זיי האָבן זיך אָפּגע־שטעלט לעבן דעם פראָנטיקן אַריינגאַנג. די שווערע דעמבענע, טויערדיקע טיר אויסגערונדיקט פון אויבן איז געווען אַריינגעזעצט טיף אין דער דיקער וואַנט פון געטעסעטע שטיינער. גרויסע צלמים זענען געווען אויס־געשניצט אין די טירראַמען.

דער מאָנאַך מאַרטינעז האָט זיך איבערגעצלמט און זיך מיט איין קני אַרונטערגעלאָזט צו דער ערד. דאָס זעלבע האָט געטאָן דאָקטאָר לאַראַ און שטיל עפּעס אַ פּרעפּל געטאָן און ווי דער מאָנאַך אַ פאַרפרומטער צוגעשלאָסן די אויגן.

דער מאָנאַך האָט אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן אין טיר, וואָס האָט זיך גלייך געעפנט מיט אַ שווערן סקריפּ. דער נאַכטוועכטער, אַן עלטערער מאַנאַך, איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן כאַלאַט. דער שוואַר־צער קאַפּטור מיט אויגנלעכער איז אים נאָכגעהאָנגען פון הינטן אַרונטער דער פּלייצע. זיין גרויסער נאַקעטער קאָפּ, גרויס ווי אַ קיילעכדיקע דיניע, האָט געגלאַנצט מיט אַ נאַקעטן שאַרבן. אַרום דעם קאָפּ פון הינטן איז אים נאָכגעהאָנגען אַ געדיכטער אָנוווקס פון גרויע, קויטיקע האָר. דער מאָנאַך־וועכטער האָט זיי באַטראַכט מיט אַ שטרענגן, טריבן בליק. ער האָט זיך שאַרף איינגעקוקט אין דאָקטאָר לאַראַ, וואָס האָט זיך נאָכגעשלייכט אַ הכנעהדיק־געבויגענער הינטער דעם מאַנאַך.

— אונדזער ביסקופּ סאַן זשעראָנימאָ האָט מיר באַפוילן אייך צו לאָזן וויסן, אַז גלייך נאָך דער אָוונטמעסע זאָלט איר אַריינקומען מיט אייער גאַסט צו אים אין זיין ביוראָ־צימער.

זיי האָבן זיך געלאָזט טיפער אין דעם לאַנגן, טונקעלן קאָרידאָר מיט שווערע שטיינערנע ווענט פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ טוכלע, קעלערדיקע קילקייט. אין די טיפע נישעס, ווי אויסגעהוילטע לעכער אין די ווענט, האָבן געפלאַקערט קאַפּטשענדיקע קנויטפּאַקלען, וואָס האָבן צעוואָרפן אַ צאַפּלענדיקע, שאַטנדיקע ליכטיקייט.

פון דער נאָענטער קאַפּליצע מיט אָפענע טירן האָט צו זיי דערגרייכט אַ שטיל געפּרעפּלעריי פון אַ סך שטימען פון מאָנאַכן. זיי האָבן מיט אַ טרויעריקן געבעט גערופן צום פאָטער און זון יעזוס קריסטוס און צום הייליקן גייסט, אַז זיי זאָלן אָפּגעהיט ווערן נישט צו טאָן קיינעם קיין טובות צו העלפן די פאַרזינדיקטע, זיי זאָלן נישט קאָרומפּירט ווערן, נישט גע־שטרויכלט ווערן צו נעמען מתנות, אַז זייערע באַשלוסן זאָלן זיין אין גייסט פון דעם געטלעכן פאַרלאַנג און זיי זאָלן דערפאַר קריגן אַן אייביקע באַלוינונג פאַר דורכפירן זיין געטלעכן ווילן.

דער מאָנאַך האָט אים צוגעפירט צו דער קאַפּליצע. אינעווייניק ביים פּולפּיט האָבן געברענט אַ סך ליכט, וואָס האָבן געטריפט מיט אַ וואַקסענעם טשאַד און פאַרשפּרייט אַן איבלדיקן גערוך. די מאָנאַכן אין שוואַרצע כאַלאַטן מיט שפּיציקע קאַפּטיכער אויף די קעפּ זענען געשטאַנען מיט

געבויגענע פּלייצעס צו דער טיר, פאַרטיפט אין זייער פּרעפּלענדיק געבעט.

אויף דער וואַנט איבערן פּולפּיט איז געהאַנגען אַ ריזיקער צלם מיט דעם געקרייציקטן יעזוס. זיין אַראָפּהענגענדיקער קאָפּ מיט דעם אַנגסטיק־געפּייניקטן פּנים, מיט די פאַרגלייזטע אויגן צום הימל, איז געווען אַרומגע־רינגלט מיט אַ דערנערדיקן קראַנץ מיט שאַרפע שטעכיקע שפּיצן.

ביי די ווענט זענען געשטאַנען סטאַטועס פון פאַרהייליקטע פיגורן: דער באַגרינדער פון דאָמיניקאַנישן אָרדן סאַנט דאָמיניק און דער באַגרינדער פון די מאָנאַכן טהאָמאַס אַקווינעס, ווי אויך אַנדערע פיגורן מיט צלמים צוגע־דריקטע צו זייערע ברוסטן.

די מאָנאַכן האָבן זיך איינגעשטילט. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך גענומען אַרויסשאַרן פון דער קאַפּליצע און זיך נישט אומגעקוקט אויף קיינעם. זיי האָבן זיך געלאָזט צום קאָרידאָר און אַוועק צו אַ זייטיקן דורכגאַנג, וווּ עס האָבן זיך געזען טרעפּ צו אַ נידעריקן, קעלערדיקן אַראָפּגאַנג.

דאָקטאָר לאָרא האָט מיט דערשראָקענע, נייגעריקע בליקן נאָכגעקוקט די מאָנאַכן. לויט זייער טרויעריק געבעט אין דער קאַפּליצע האָט ער פאַר־שטאַנען, אַז זיי גייען דורכפירן אַ געהיימע שליחות, וואָס וועט זיך טרויעריק ענדיקן קעגן דער קליינער גרופּע ניי־קריסטן. פאַר וואָס האָט אים גאָט געשטראָפט, אַז ער זאָל דאַרפן צוזען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס וועט חרוב מאַכן די גרויסע דאַ סילוואַ־משפחה, און ווער ווייס וויפל נאָך אַנדערע פון זיינע פריינד און אפשר אים אַליין אויך?

ער האָט נאָכגעשפּאַנט דעם מאָנאַך מיט שלאָבעריקע, ווי אונטערגע־שלאָגענע פיס און איז געבליבן הינטערשטעליק. דער מאָנאַך האָט זיך אָפּ־געשטעלט, זיך אויסגעדרייט און אים באַטראַכט מיט אַ פרום, גוטמוטיק און ערנסט פּנים.

— נישט יעדער האָט דאָס גליק צו זען די גרויסע, הייליקע און נאָבעלע אַרבעט פון דער אינקוויזיציע. בלויז אויסדערוויילטע איז דאָס באַשערט צו זען — האָט דער מאָנאַך געזאָגט און אים אָנגענומען ביים אָרעם.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ טונקל־געאיילטער דעמבענער טיר טיף אַריינ־געדריקט אין דער דיקער וואַנט. עס איז געווען אַ נידעריקער אַריינגאַנג, וווּ מען האָט געדאַרפט איינבויגן דעם קאָפּ. דער מאָנאַך האָט מיט אַ ציטערנ־

דיקער האַנט לייכט אַ קלאַפּ געטאָן. עס האָט געגומען אַ לענגערע ווײַלע און די טיר האָט זיך ברייט געעפנט.

דער מאַנאַך איז אַריין און זיך טיף, אַ קני־ענדיקער, אַרונטערגעלאָזט צום שטיינערנעם דיל, לעבן אים האָט זיך אויך אַרונטערגעלאָזט דאָקטאָר לאַראַ און געהאַלטן געזונקען דעם קאָפּ, וועלכן ער האָט פון שרעק מורא געהאַט אויפצוהייבן.

— דאָקטאָר טהאָמאַס דע קאַסטראָ לאַראַ! מיר האָבן אַ סך געהערט פון אייך און אייער איבערגעגעבנקייט צו די נאָבעלע פּאַציענטן פון אונדזער קריסטלעכער שטאָט איז אויך צו אונדז דערגאַנגען. עס איז פאַר מיר אַ פרייד אייך צו האָבן ווי אַ גאַסט אין אונדזער הייליק הויז, דעם מאָנאַסטיר פון סאַנט־דאָמיניק.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אויפגעהויבן די אויגן צום טיש, וווּ עס זענען געשטאַנען צוויי הויכע גאָלדענע לייכטער מיט הויכע אָנגעצונדענע ליכט און אין מיטן טיש — אַ גאָלדענער צלם מיט דעם געקרייציקטן יעזוס. ביי די זייטן זענען געזעסן דער ביסקופּ סאַן זשעראָנימאָ און דער ניי־געקומענער אינקוויזיטאָר ניקאָלאַס דע טאָנענעס. דער ביסקופּ האָט געטראָגן אַ שוואַרצן כאַלאַט מיט אַ נאָכהענגענדיקן צלם הארט ביי דער ברוסט. אַ טיף ווייס קאַפּל איז געלעגן אויף זיין גרויען קאָפּ, וווּ עס האָט זיך אַרויסגעזען זיין נאַקעטער געראונצלטער שטערן טיף איבערן קאַפּשאַרבן. זיינע גלאָזיקע, פאַרנעפּלטע גרינע אויגן האָבן געקוקט אויף אים קאַלט, ווי געפרוירן. דער ביסקופּ האָט געעפנט אַ שוואַרץ בוך מיט אַ גאָלדענעם צלם פון אויבן און עס צוגערוקט צום ברעג פון טיש קעגן איבער דאָקטאָר לאַראַ.

— מיר האָבן אייך דאַ געבראַכט ווי אַ גוטן, ערלעכן ניי־קריסט, וואָס אונדזערע בעסטע איינוווינערס פון שטאָט האָבן אייך געריימט. אָבער פריער מוזט איר שווערן ביים הייליקן בוך, דער נייער טעסטאַמענט, אַז אַלץ וואָס איר הערט און זעט דאַ, בלייבט אַ סוד בלויז צווישן אונדז — האָט דער ביסקופּ געזאָגט און זיין מויל מיט די דינע ליפּן און שפּיציק־שאַרפער נאָז האָט זיך גרימאַסעדיק אויסגעקרימט.

— לייגט אַרויף אייער האַנט און שווערט: איך וועל קיינעם נישט אויס־זאָגן וואָס איך הער און זע, נישט מיין משפחה, קרובים און נישט פרעמדע, אָמן.

— איך וועל קיינעם נישט אויסזאָגן וואָס איך הער און זע, נישט מיין משפּחה, קרובים און נישט פרעמדע, אָמן, — האָט דאָקטאָר לאַראַ נאָכגעזאָגט דעם ביסקופּ.

אויף די ליפּן פון ביסקופּ האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל. ער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעקוקט זיין שכן, וואָס איז געזעסן ביי דער אַנדערער זייט פון טיש, ווי ער וואָלט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז איצט קען ער שוין פרעגן דעם פאַרבעטענעם גאַסט וואָס ער וויל.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אויך אויסגעדרייט דאָס פּנים צום מאָנאַך ביים טיש. ער האָט שוין פריִער געהאַט געזען דעם מאָנאַך־אינקוויזיטאָר ניקאָלאָס דע טאָגענעס, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגערוימט אַ סך ניי־קריסטן אין שטאָט, אָבער קיין מאָל האָט ער אים נישט געזען אַזוי נאָענט ווי איצט.

דער אינקוויזיטאָר ניקאָלאָס דע טאָגענעס איז געווען אַ ברייטער, דיק־לעכער מאַן מיט נאָכהענגענדיקע לויזע באַקן, וואָס זענען אַריבערגעהאַנגען איבער דעם קאָלנער פון זיין מאָנאַכישן כאַלאַט. ער האָט געהאַט גרויסע אַרויסשפּאַרנדיקע טונקעלע פלוימען־אויגן. ער האָט געטראָגן אַ טיף ברוין קאַפּל, וואָס האָט פאַרשטעלט האַלב פון זיינע אויערן. איין אויער איז געווען ביי אים אָפּגעהאַקט פון אַ שלאַכט מיט די שפּאַניער. ער איז פריִער געווען אַ סאָלדאַט און שפּעטער איז ער געוואָרן אַ מאָנאַך אין דעם דאָמיניקאַנישן אָרדן.

דער מאָנאַך־אינקוויזיטאָר האָט אַ לענגערע ווײַלע געקוקט אויף דאָקטאָר לאַראַ מיט זיינע אַרויסשפּאַרנדיקע דורכדרינגלעכע אויגן, וואָס האָבן אים ווי דורכגעשטאָכן, ווי עפּעס ערב אַ געפעכט מיט אים. דאָקטאָר לאַראַ האָט נישט געקענט אויסהאַלטן זיינע בליקן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געקוקט אויף דעם הייליקן בוך, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן אויפן טיש מיט דער שריפט צו אים.

— דאָקטאָר לאַראַ, מיר האָבן אייך געבראַכט דאָ אַהער צו העלפן אייערס אַ פּאַציענט, דעם סוחר פיליפּע. ער האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט אייער נאָמען איר זאָלט אים העלפן. מיר ווילן נישט ער זאָל דאָ אויסגיין, מיר ווילן אים שיקן קיין ליסאַבאָן. ער איז אָבער זייער איינגעשפּאַרט. ער וויל נישט אויסגעבן זיינע מיטזינדיקע, זיינע אַרויסהעלפערס — האָט דער מאָנאַך־

אינקוויזיטאָר געזאָגט און זיינע אַרויסגעשפּאַרטע אויגן זענען געוואָרן רויט פאַרגאָסן, אָנגעצונדן מיט אַ צאָרן, וואָס האָט געפלאַמט אין זיי.

דאָקטאָר לאַראַ האָט דערפילט אַ קלעמענדיקע טריקעניש אין זיין קול. ער האָט געפּרוווט עפּעס מויל איינצואָטעמען אַ ביסל לופט פון דער טוכלער קעלערדיקער שטיקעניש כדי צו קענען ענטפערן.

— מיט וואָס קען איך אייך העלפן? אַלץ איז אין די הענט פון זיין גנעדיקייט, אונדזער ליבן יעזוס קריסטוס. איך קען אייך בלויז זאָגן, אַז מיין פּאַציענט, דער סוחר פיליפּע האָט אַ שווערן אָטעם, פון טראָגן שווערע משׂאות אויפן פּאַרט און זיין האַרץ איז אָפּגעשוואַכט.

— איך זע, אַז איר זאָרגט זיך וועגן אים. איר האָט קענטיק נישט געוווסט וועגן זיין אויפפירונג. מיר האָבן געפונען אין זיין הויז, אין אַ פאַרבאָרגענער קאַמער, אַזאַ שאַל, וואָס זיי רופן „טלית", מיט אַ באַזילבערטער אויסשטיקונג אין איין זייט און מיט דינע טראָלדזן ביי די פיר ברעגן, וואָס זיי רופן „ציצית". ער האָט געהאַט געזאָגט זיין ווייב, אַז זיין פאָטער פון רעציפע האָט אים דאָס איבערגעלאָזט — האָט דער אינקוויזיטאָר געזאָגט און געקוקט דורכדרינגלעך אויף דאָקטאָר לאַראַ, צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע רייד האָבן אויף אים געמאַכט.

דאָקטאָר לאַראַ איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט פון שרעק. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דער אינקוויזיטאָר איז נישט בלויז אויסן ביים רופן אים דאַ אַהער ער זאָל אויפהאַלטן דאָס לעבן פון דעם אָנגעקלאָגטן פיליפּע, כדי פון אים עפּעס אַרויסצוקריגן אַ מסירה, ער זאָל נעמען „רעדן", נאָר ער איז אויך אים אין עפּעס חושד...

— געוויס בין איך באַזאָרגט וועגן אים. איך זאָרג זיך וועגן אַלע מיינע פּאַציענטן. זיי זענען אויך מיר געטריי און באַזאָרגן מיך מיט אויפהאַלטן מיין הויז און מיין פּראַפּעסיע — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און צענומען די הענט ווי צו ווייזן, אַז אַלץ וואָס ער ווייסט וועגן אים איז בלויז זיין געזונט־צושטאַנד.

— אויב איר זאָרגט זיך וועגן זיין געזונט, איז רעדט מיט אים. איר קענט ראַטעווען זיין נשמה ער זאָל נישט שטאַרבן אַ פאַרזינדיקטער אויף אַלע אייביקייטן און דאָ איבערלאָזן די זינדיקע ניי־קריסטן, וואָס פאַרמיאוסן

און פֿאַרשווּעכן אַלע אונדזערע הייליקייטן... — האָט דער מאַנאַך־אינקוויזי־טאָר געזאָגט, און זײַנע דיקע ליפּן און פעטע נאָז מיט ברייטע נאָזלעכער האָבן זיך אויסגעקרימט מיט אַ צאָרנדיקער אומצופרידנקייט.

— ער האָט מיך קיין מאָל נישט געפֿאָלגט. איך האָב אים געוואָרנט נישט צו טרינקען קיין אַלקאָהאָל, קיין ראָם, נישט צו עסן צו פיל און ער האָט געטאָן פּונקט דאָס פאַרקערטע. ער האָט אַפילו נישט גענומען מײַנע רפואות און שפּעטער געקומען זיך באַקלאָגן, אַז ער איז קראַנק. אַזאַ מענטש איז ער — האָט דאָקטאָר לאַראַ ווידער צענומען די הענט, ווי צו באַווײַזן אַז ער קען אים מיט גאָרנישט העלפן מער.

— אָ, דאָס מאָל וועט ער אײַך פֿאָלגן, מיר וועלן אײַך צוהעלפן... — האָט דער אינקוויזיטאָר געזאָגט און אַן אַפּלאַכעריש שמייכעלע האָט זיך אויסגעלייגט אַרום זײַן מויל.

— מיר וועלן אײַך נעמען צו אים אין קאַמער, איר וועט מיט אים רעדן און זען צו פאַרשטאַרקן זײַן געזונט. מיר האָבן אים געפּייניקט, ווייל מיר ווילן ראַטעווען זײַן נשמה. ער איז אָבער פאַרדאָרבן, ער לאָזט זיך נישט ראַטעווען. ער איז באַוועלטיקט פון טייוול — האָט דער מאַנאַך־אינקוויזיטאָר געזאָגט און זײַן פּנים איז געוואָרן באַזאָרגט, וואָס אים האָט זיך נישט אײַנ־געגעבן צו באַצווינגען דעם פאַרעקשנטן סוחר פיליפּע.

— ער וואָלט געקענט תשובה טאָן און אָפּקומען מיט עטלעכע יאָר שטראָף מיט טראָגן ביים אַטאָ־דאַ־פע אַ סאַמבאַניטאָ.* ער דאַרף בלויז אויס־זאָגן זײַנע מיטהעלפער. אויב נישט, וועט ער אַ לעבעדיקער פאַרברענט ווערן אויפן אויטאָדאַפע. — האָט דער אינקוויזיטאָר געזאָגט און זיך גענומען אונטערהויבן מיט זײַן שווערן קערפּער פון אָרט. נאָר האָט זיך צוריקגעהאַלטן און צוגעוואָרט ביז דער ביסקופּ וועט זיך פריִער אויפשטעלן.

זיי זענען אַרויס פון צימער און זיך געלאָזט דורכן קאָרידאָר צו די טרעפּ ווו עס זענען פריִער אַרונטער די מאַנאַכן אין די שוואַרצע כאַלאַטן מיט די פאַרדעקטע קאַפּטיכער איבער די קעפּ. דאָקטאָר לאַראַ איז געגאַנגען צווישן זיי. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז נישט בלויז האָט מען אים דאָ

* אַ בעל־תשובה־העמדל איבער די קליידער.

געבראַכט צו באַגעגענען דעם סוחר פּיליפּע, אים אויפצוהאַלטן ביים לעבן ער זאָל נאָך קענען באַוויזן זיך מודה זיין און צושטימען צו אַלץ וואָס זיי פאַרלאַנגען פון אים, נאָר ער אַליין איז שוין אויך אַ געפאַנגענער. ער וועט זיך שוין נישט קענען אַרויסרייסן פון דעם אינקוויזיטאָרס הענט.

זיי זענען אַרונטער מיט די שטיינערנע טרעפּ צו אַ נידעריקן קעלער. די טרעפּ זענען געווען באַלויכטן פון אַ שטורקאַץ, וואָס האָט אַרויסגעפּלאַ־קערט פון דער וואַגטטיפקייט. ביי דער אָפענער קעלערטיר זענען געשטאַנען צוויי מאַנאַכן און געהיט דעם אַריינגאַנג. די מאַנאַכן האָבן זיך אָפּגערוקט און זיי זענען אַריין אין אַ שמאָלן קאָרידאָר, ווו עס האָבן זיך געצויגן ווי אין אַ לאַבירינט קאַמערן מיט פאַרשלאָסענע טירן, מיט קליינע פאַרקראַטעוועטע לעכער. פון הינטער די פאַרהאַקטע טירן האָבן זיך דאַ און דאָרט געהערט שטילע קרעכצן פון פאַרפּייניקטע מענטשן.

פון ערגעץ נאָענט ווי פון אַ הייל אַרויס, האָט זיך דורך דעם זיגזאַגישן לאַבירינט־דורכגאַנג דערהערט אַ פאַרטויבנדיקער געהייל, ווי פון אַ פאַר־ווונדעט באַשעפעניש וואָס איז געפאַנגען געוואָרן אין אַ שטעכיקער פאַסטקע. באַלד האָבן זיך די מאוימדיקע געשרייען אָפּגעהאַקט און עס האָט זיך בלויז געהערט אַ שטומער געברום, וואָס האָט מיט אַ ווידערקול זיך געטראָגן פון דער קעלערדיקער טיפקייט ווי פון אַ הייל אַרויס.

זיי זענען געגאַנגען אַלץ טיפער אין דעם שמאָלן קאָרידאָר פון וואַנען דאָס געהאַלישע געשריי איז געקומען. זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט צו אַ ברייטן פאַרוואָרפענעם טייל קאָרידאָר, וואָס איז געווען העל באַלויכטן פון אַ סך פלאַקערנדיקע פאַקלען.

דאָקטאָר לאַראַ האָט געפילט אַ בלענדעניש פאַר די אויגן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס חלומט ער אַ שלעכטן חלום, אַז ער גייט דורך אַ פאַראַדנעם אַריינגאַנג צום גיהנום. ער האָט אויך באַמערקט אַז זיינע ביידע באַגלייטערס, דער מאַנאַך־אינקוויזיטאָר און דער ביסקופּ, האָבן געהאַט אַרויפגעצויגן איבער זייערע קעפּ און פנימער די שוואַרצע קאַפּטיכער מיט די לעכער ביי די אויגן און אַ שפּעלטל ביים מויל.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ ברייטער טויערדיקער טיר, וואָס איז געשטאַ־נען אָפן און זענען אַריין אין אַ גרויס צימער מיט נאַקעטע שטיינערנע ווענט.

דאָס צימער האָט נישט געהאַט קיין פענצטער, בלויז טיפע לעכער, וואָס זענען ערגעץ ווו אַרויס צום קלויסטערהויף, פון וואַנען עס האָט אַריינגעווייעט אַ זאַלציקע לופט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דער טוכלער, שטיקנדיקער קעלערלופט.

אויף דער בלינדער וואַנט איז געהאַנגען אַ ריזיקער קרוציפיקס צוגע־נאָגלט צו אַ ברעט. פון זיינע צלמדיקע הענט און פיס, איינער פאַרלייגט אויפן אַנדערן, האָבן געטריפט אָנגעפּאַרבטע בלוט־ריטשקעס. זיין אַראָפּ־הענגענדיקער קאָפּ, אַרומגענומען מיט אַ דערנערדיקן קראַנץ, האָט געקוקט מיט פאַרגלייזטע אויגן צום הימל אַרויף.

די צווי באַגלייטערס האָבן זיך געבוקט האַלב־קני׳ענדיק און זיך אַוועק־געזעצט לעבן אַ לענגלעכן טיש באַדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. לעבן זיי, ביי די טישזייטן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט צוויי מאַנאַכן, די פּראָטאָקאָל־שרייבערס.

דאָקטאָר לאָראַ איז געווען אַזוי איבערוועלטיקט פון שרעק, אַז ער האָט לאַנג געקניט קעגן איבער דער בלינדער צלם־וואַנט און נישט געהאַט דעם כּוח זיך אונטערצוהויבן פון אָרט. ער האָט געשפּירט ווי מען האָט זיך דערנענטערט צו אים. ער האָט דערפילט לעבן זיין אָרעם ווי אַ האַנט האָט אים אָנגערירט.

— דאָקטאָר לאָראַ! איר קענט זיך שוין אויפשטעלן, איר וועט באַלד דאַרפן רעדן מיט אייער פּאַציענט פיליפּע.

דאָקטאָר לאָראַ האָט אויפגעציטערט. ער האָט דערקענט די שטים פון זיין פריינד פּעדראָ מאַרטינעז. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. ערשט איצט האָט ער באַמערקט ווי נישט ווייט לעבן אים אין אַ ווינקל איז אויף אַ שטרוי־געלעגער געלעגן אַ מענטש וואָס האָט אויסגעזען ענלעך צום סוחר פיליפּע. זיין פּנים איז געווען באַוואַקסן מיט אַן אויסגעקראַכענער, צעקנייטשטער, געלבלעכער באָרד. די אויגן אַרויסגעפּראַלט; פון זיין מויל האָט זיך געצויגן אַ פאַרבלוטיקטער גאַווער, וואָס האָט אַריבערגערונען פון דער באָרד צו זיין נאַקעטער ברוסט; ער האָט געהאַלטן צעשפּרייט זיינע שלאַבעריקע, פאַר־וווּנדעטע הענט ווי אַ האַלבער צלם. די אָרעמס ביי דעם האָריקן אַנוווּקס זענען געווען איינגעריסן און פון די אָפענע ווונדן האָט געטריפט בלוט;

זיין קאָפּ איז אַרונטערגעהאַנגען צום שטיינערנעם דיל ווי דער געקרייציקטער אויפן וואַנט, נאָר אָן אַ דערנערקראַנץ...

דאָקטאָר לאַראַ האָט פון אויפרודערונג זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט צו פיליפּען, ווי ער וואָלט אים שוין געוואָלט מיט עפּעס וואָס העלפן. דער מאָנאַך מאַרטינעז, זיין באַגלייטער, האָט אים מיט אַ האַנטבאַריר איינגעהאַלטן. דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך מיט אָנגעשטרענגטע כּוחות אַליין געפּרוּווט באַרוּיקן. ער האָט ערשט איצט דערזען ווי פון געוועלבטן שטיינערנעם סופיט זענען אַרונטערגעהאַנגען שטריק מיט אַ דרייראָד צוגעפעסטיקט פון אויבן טיף אין די אויסגערונדיקטע שטיינער־געוועלבן אַרויפצוציִען דעם פאַרזינדיקטן. ער האָט זיך משער געווען, אַז דאָס געשריי וואָס ער האָט פריִער געהערט אין דעם לאַבירינט־קאָרידאָר איז מסתּמא געקומען פון פיליפּען, וואָס איז געפּייניקט געוואָרן ווי אַ צוגרייטונג אים אָפּצושוואַכן איידער ער, דאָקטאָר לאַראַ, וועט צוקומען צו אים. אויף פיליפּעס פיס זענען נאָך געווען צוגעבונדן שווערע געוויכטן, וואָס האָבן אים געהאַט אַרונטערגעציגן צום דיל בעת ער איז אַרויפגעדרייט געוואָרן מיט די שטריק צום סופיט, און די געוויכטן האָבן מיט זייער שווערער משׂא איינגעריסן זיינע אָרעמס.

עטלעכע מאָנאַכן האָבן אויפגעהויבן פיליפּען פון זיין שטרויענעם געלעגער און אים צוגעשלעפּט צום טיש, וווּ עס זענען געזעסן דער ביסקופּ, דער מאָנאַך־אינקוויזיטאָר און די שרייבערס מיט זייערע פּראָטאָקאָל־העפטן געעפנטע צו פאַרשרייבן יעדעס וואָרט פון דער ווידוי פון דעם באַשולדיקטן, דעם סוחר פיליפּע. זיי האָבן אים אַריינגעזעצט אין אַ שטול, אים צוגעהאַלטן, ער זאָל נישט אומפאַלן.

— פיליפּע, מיר ווילן דיך מער נישט פּייניקן. יעזוס קריסטוס איז אונדזער עדות, אַז מיר טוען דאָס בלויז צו ראַטעווען דיין נשמה, איידער דו פאַרלאָזסט די זינדיקע וועלט. טאָמער וועסטו שטאַרבן אָן אַ ווידוי, וועלן מיר דיין גוף פאַרברענען ווי אַ זינדיקן און דו וועסט קיין מאָל נישט אַרויס פון גיהנום. וועסטו בלייבן לעבן, וועלן מיר דיך שיקן פאַרברענט צו ווערן אויפן אויטאָדאַפע — האָט זיך געהערט די שטים פון ביסקופּ.

פיליפּע האָט אויפגעצאַפּלט און זיך אַ וואַקל געטאָן אין שטול. ער האָט געעפנט זיינע מיט בלוט פאַרגלייזטע אויגן.

— ער הערט! — האָט דער אינקוויזיטאָר אַ ברום געטאָן מיט זיין באַסאָווער שטים.

— פיליפע, דו ביסט געווען אַ גאַנץ לעבן אַן אימפּאָרטירער פון פאַר־שיידענע לענדער, אַ פאַרטרעטער פון דואַרטע דאַ סילוואַ, האָסט געבראַכט סחורות און געהאַנדלט מיט פאַררעטערישע ניי־קריסטן: איז דאַ סילוואַ געווען פאַרבונדן מיט די ייִדן פון האָלאַנד, פון אַמסטערדאַם? — האָט דער אינקווי־זיטאָר געפרעגט מיט אַ שטילער, מילדער שטים.

אויף פיליפעס מויל האָט זיך באַוויזן אַ בייז אָפּשפּעטנדיק שמייכעלע און ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן.

— פיליפע, דו ביסט געווען נאָענט מיט דואַרטען, דו האָסט זיכער געזען, אָדער געהערט פון זיינע ייִדישע פירונגען? געדענק! מיר וועלן דיך אַזוי לאַנג פייניקן ביז דו וועסט אַלץ אויסזאָגן — האָט דער אינקוויזיטאָר שוין גערעדט מיט אַ צאָרנדיקער שטים און זיך אַזש אונטערגעהויבן פון דער באַנק, אַן אויפגערעגטער.

— מיר האָבן דיר געבראַכט דיין פריינד דאָקטאָר לאָראַ דיר צו העלפן, און ווי אַ גוטער קריסט דיר צו ווייזן דעם ריכטיקן וועג פון די גאָטספאַרכ־טיקע, דו זאָלסט זיך נישט פאַרזינדיקן אויף אייביק, דיין נשמה זאָל זיך נישט דאַרפן רייניקן אין העלישן פייער פון גיהנום אויף אייביק און נישט קומען צו קיין פאַרגיטיקונג — האָט דער ביסקופ גערעדט מיט אַ מילד קול.

פיליפע האָט אַ צאַפּל געטאָן, זיך געפרוווט אונטערהויבן פון אָרט.

דער באַגלייטער פעדראָ מאַרטינעז האָט אַ נעם געטאָן דאָקטאָר לאָראַ ביים אָרעם און אים צוגעפירט צו פיליפען.

דאָקטאָר לאָראַ האָט זיך אונטערגעבויגן צו אים, אָנגענומען זיין שלאַ־בעריקע, ווי אַרויסגעריסענע האַנט און זי לייכט אָנגערירט מיט אַ צאַרטקייט, מיט ליבשאַפט ווי ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געפילט צו קיין שום מענטש. ביי פיליפען האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן, וואָס זענען אַרונטער־גערונען אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן. זיין גאַנצער קערפּער האָט גענומען קאָנוווּלסיוו ציטערן, אַזש די מאַנאַכן האָבן אים געמוזט צוהאַלטן ער זאָל נישט אומפאַלן.

— פיליפע, טייערער, איך בין דיינער אַ פריינד, זאָג זיי דעם גאַנצן אמת.

האָט דואַרטע נישט געפעלשעוועט? איז ער אַ גוטער קריסט? אויב אָבער נישט, ווייסטו טאַקע גאָרנישט וועגן אים? דו ביסט מיר אַ שאָד, דו זאָלסט שטאַרבן אַזוי יונג, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט הויך, אַז די שרייבערס ביים טיש זאָלן הערן און פאַרשרייבן וואָס ער זאָגט, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז אויב פיליפע זאָל אים פאַלגן איז ער אַליין אויך אין גרויס געפאַר...

עס האָט גענומען אַ לענגערע ווײַלע. פיליפע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן צוגעשלאָסן די אויגן. דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך דערשראָקן. ער האָט מער נישט געפילט דאָס שוואַכע קלאַפּן פון זיין דופק. ער האָט צוגעבויגן זיין קאָפּ מיט אַן אויער צו זיין האַרץ וואָס האָט זיך קוים, קוים באַוועגט, פאַמעלעך, מיט איבערגעריסענע, שוואַכע קלעפּ. פיליפעס פּנים איז געוואָרן בלייך, מיט עפּעס אַ דערוואָרגענער, גרויער בלייכקייט.

— פיליפע, אַז דו וועסט נישט זאָגן וואָס דו ווייסט וועגן דואַרטע דאַ סילוואַ, דיין שותּף, וועלן מיר דיך אַריינזעצן אין דער שטאַלענער שטול און דיר איינשניידן דאָס לייב פון קאָפּ ביז די פּיס ביז דו וועסט זיך מודה זיין — האָט דער אינקוויזיטאָר מיט אַ וואָרענענדיקן פינגער געשאָקלט צו אים.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אויפגעצאַפּלט. ער האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו זאָגן, אַז מען טאָר אים מער נישט פּייניקן. אַז ער וועט אויסגיין אונטער זייערע הענט. ער האָט זיך בלויז געווענדט צו פיליפען.

— עס איז דיר שווער צו רעדן? דיין האַרץ איז זייער אָפּגעשוואַכט, דו האָסט ווייניק צייט זיך צו ראַטעווען.

פיליפע האָט גענומען שעפּטשען מיט די ליפּן. עס זענען אָבער נישט דערגאַנגען פון אים קיין שום קלאַנגען.

דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך נענטער צוגעבויגן צו אים. אויך זיין באַגלייטער דער מאַנאַך מאַרטינעז האָט צוגעלייגט אַן אויער.

— איך האָב נישט צו וואָס צו לעבן. איך האָב געזינדיקט, איך האָב געלעבט מיט אַן אויסגעלאַסענער פרוי, וואָס האָט מיך רויִנירט. איך האָב מיט דואַרטען בלויז געהאַנדלט, ווייטער ווייס איך גאָרנישט — האָט פיליפע שטיל געשעפּטשעט, וואָס מען האָט קוים געקענט דערהערן וואָס ער זאָגט.

דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך אויסגעגלייכט. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין באַגלייטער פּעדראָ מאַרטינעז.

— מיין פריינד, דער גוטער מאַנאַך מאַרטינעז האָט אַלץ געהערט...

— וואָס האָט ער געהערט? — האָט דער אינקוויזיטאָר אויסגערופן מיט אַן אומגעדולדיקן כעס.

— ער זאָגט, אַז ער וויל מער נישט לעבן, ער האָט געזינדיקט און געלעבט מיט אַן אויסגעלאָסענער פרוי און ער ווייסט גאָרנישט וועגן דוּאַרטע דאַ סילוואַ, אויסער וואָס ער האָט געהאַנדלט מיט אים — האָט דער מאַנאַך געזאָגט מיט אַ פאַרזאָרגט קול, וואָס אים האָט זיך גאָרנישט איינגעגעבן: ער האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר לאָראַ עפּעס אַרויסצוקריגן פון דעם פאַרעקשנטן ייִד, דעם סוחר פיליפּע, און ער וויל נישט אויסזאָגן דעם אמת.

— אַזוי, ער וויל נישט לעבן מער? און ער ווייסט גאָרנישט וועגן דעם פאַרדאָרבענעם אימפּאָרטירער דוּאַרטע דאַ סילוואַ? מיר ווייסן אָבער, אַז יענער האָט אַ לאַנגן צעטל פון אויסגעלאָסענע אויפפירונגען. קיינער ווייסט נישט אַזוי פיל ווי פיליפּע וועגן דוּאַרטען. מיר וועלן אים צווינגען דאָס אונדז איבערצוגעבן. נעמט אים אויף דער אייזערנער שטול, ערשט דעמאָלט וועט ער וועלן לעבן — האָט דער אינקוויזיטאָר באַפוילן.

די מאַנאַכן, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער זייט, זענען האַסטיק צו צום אָנגעקלאָגטן פיליפּע, זיי האָבן אים אַ הויב געטאָן פון אָרט, ביי די פאַר־ווונדעטע אָרעמס. פיליפּע האָט אַרויסגעלאָזט אַ ברומענדיקן געהייל פון יסורים. זיי האָבן אים צוגעשלעפּט צו אַן אייזערנער שטול, וואָס איז געשטאַנען ביי דער שטיינערנער נאַקעטער וואַנט.

זיי האָבן אים אַריינגעזעצט אין דער פּייניקונג־שטול, אים איינגעשרויפּט מיט אייזערנע קלאַמערן די הענט און פיס. זיי האָבן אָנגעטאָן אַ סקאַלעטן העלמעט מיט שרויפן, איינצופּרעסן דעם קאָפּ מיט שטעכערס צו די אויערן, איינצודריקן די נאָז און קינבאַקן. זיי האָבן איינגעפּרעסט אַ קלאַמער אין מויל אויפצורייסן די מויל־עפענונג. אויף דעם קלעמהאַלץ זענען געווען אויס־געקריצט די ווערטער: „סאַנטאַ אַפּיציאַ קאַבאַלעראַ“.*

— מיר גיבן דיר די לעצטע מעגלעכקייט, איידער מיר שטעכן איין

* די נאָבעלע הייליקע ביוראָ.

דיין לייב. מיר ווילן בלויז זאָלסט אונדז אויסזאָגן וועגן די ייִדישע פּירונגען פון דואַרטע דאַ סילוואַ, דיין שותּף און אינטימער פריינד.

פּיליפּעס ליפּן האָבן זיך גענומען באַוועגן, געפּענטעטע, ווי ער וואָלט זיך געשטיקט פון דעם שטיק האַלץ אין זיין מויל־עפּענונג.

— שרייבט אויף דעם מוילקלאַמער, — האָט דער אינקוויזיטאָר באַפוילן, — ער וויל עפּעס זאָגן.

פּיליפּע האָט שווער און טיף אָפּגעדעכעט. פון זיינע צוגעשלאָסענע אויגן האָט אַרויסגעטריפט אַ טרערנדיקע פייכטקייט. דער אינקוויזיטאָר האָט האַסטיק צוגעשפּאַנט צו דער אייזערנער שטול און זיך איינגעבויגן צו פּיליפּען מיט אַן אויער צו זיין מויל. ער האָט געהערט דאָס שעפּטשען פון פרעמדע ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען ווי העברעיִש, ביבליש, וואָס ער האָט אַ ביסל געקענט און נישט געכאַפּט וואָס ער זאָגט.

— דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאַראַ, אפשר קענט איר פאַרשטיין וואָס ער זאָגט? — האָט דער אינקוויזיטאָר געפרעגט און זיך אויסגעגלייכט.

דאָקטאָר לאַראַ האָט זיך צוגעבויגן צו אים זייער נאָענט, ער האָט געהערט ווי פּיליפּע זאָגט ווידוי:

— אשמנו. בגדנו. גזלנו. דיברנו דפי: — טפלנו שקר.

זיינע ליפּן זענען מיט אַ מאָל פאַרגליווערט געוואָרן און זיך אויסגעקרימט מיט אַ ביטערער גרימאַסע. זיינע אויגן האָבן זיך אויפגעריסן מיט אַ פאַרגליווערטן בליק.

דאָקטאָר לאַראַ האָט אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט איינגעהאַלטן אַ זיפץ, וואָס האָט זיך געריסן פון זיין קעל. ער האָט זיך איינגעבויגן, צוגעלייגט אַן אויער צו פּיליפּעס ברוסט, זיין האַרץ האָט מער נישט געקלאַפּט.

— ער האָט געקראָגן אַ האַרצשלאַג, ער אָטעמט מער נישט — האָט דאָקטאָר לאַראַ שטיל געזאָגט, — איך האָב נישט געקענט דערהערן די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט געמורמלט.

— ער איז נישט געשטאָרבן ווי אַ קריסט. ער האָט געזאָגט די לעצטע ווערטער מיט דער ביבלישער שפּראַך. מיר וועלן אויפן באַפעל פון הויפּט־אינקוויזיטאָר אין ליסאַבאָן אים דאַרפן עפנטלעך פאַרברענען — האָט דער אינקוויזיטאָר ניקאָלאַס דע טאַנענעס געזאָגט מיט אַ דערדריקטער, אַנטויש־

טער שטים. ער האָט זיך אומגעקערט צום טיש ווו דער ביסקופּ סאַן זשעראַ־נימאָ איז געזעסן אַ דערשלאָגענער, וואָס זיי האָט זיך נישט איינגעגעבן אַרויס־צוקריגן אַ מסירה קעגן דעם אימפּאָרטירער דוּאַרטע דאַ סילוואַ.

דער ביסקופּ האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט פון טיש און בײדע זענען מיט איילנדיקע טריט, מיט אַ רוגזה גיך אַרויס פון דעם גרויליקן קעלער־צימער.

עטלעכע מאָנאַכן האָבן דערווייל אויפגעשרויפט די קלאַמערן פון דער אייזערנער שטול. דער בר־מינן פיליפּע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון דער לויז געוואָרענער שטול און איז געפאַלן אויפן שטיינערנעם דיל. די מאָנאַכן האָבן גיך געבראַכט אַ ברודיקן, לייוונטענעם זאַק, איבערגעדעקט דעם אויבערשטן טייל פון קערפּער און איבערגעלאָזט די פאַרקראַמפּטע פיס אַרויס־שטייגן אויף דעם נאַקעטן שטיין.

דאָקטאָר לאַראַ איז געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטער, פאַרגליווערט פון אַנגסטיקער שרעק. זיין מויל איז געווען פאַרשטשעמעט, זיינע הענט צוזאַמענ־געדריקט אין פויסטן. ער האָט איינגעהאַלטן זיין ווייטיק וואָס האָט זיך געריסן פון זיין אינגעווייד. ער האָט געפילט ווי זיינע אָדערן זענען אָנגעשוואָלן געוואָרן פון יסורים.

ער האָט זיך משער געווען, אַז מיטן פּלוצעמדיקן טויט פון פיליפּען האָט זיך זייער צאָרן נאָך נישט איינגעשטילט. דאָס האַסטיקע אַרויסלויפן פון דעם ביסקופּ מיטן אינקוויזיטאָר פון דער אויספאָרשונג־קאַמער האָט אים קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט.

די אַנדערע מאָנאַכן וואָס זענען געבליבן אין צימער האָבן אויך גענומען אַרויסשפּאַנען. דאָקטאָר לאַראַ איז געבליבן צעטומלט. ווילן זיי אים איבער־לאָזן אַליין מיט דעם טויטן פיליפּע? איז ער שוין אויך אַהער פאַרנאַרט געוואָרן, דאָ צו פאַרבלייבן, אויך אים אויסצופאָרשן און געפּייניקט ווערן?

ער האָט אָבער מיט אַ מאָל דערפילט לעבן זיך זיין פריינד, דעם מאָנאַך פּעדראָ מאַרטינעז.

— דאָקטאָר לאַראַ! שוין צייט אייך אַפּצופירן אַהיים. איר האָט ווי אַ גוטער קריסט געטאָן דאָס בעסטע וואָס איר האָט געקענט טאָן. דער זינדיקער

האט זיך נישט געלאזט ראטעווען — האט ער געזאגט מיט א טרויעריקער שטים.

זיי זענען ביידע ארויס פון קעלער־צימער און זיך געלאזט מיטן קארי־דאר צו די טרעפ, וואס האבן געפירט צום אויבערשטן ארויסגאנג.

אויבן זענען שוין געשטאנען עטלעכע יינגערע מאנאכן מיט אנגעצונדענע לאמטערנעס אין די הענט. צווישן די מאנאכן האט ער גלייך דערקענט דעם יונגן מאנאך אנטאניא קאוטיניהא, דעם קוזין פון לאורענסיא דא סילווא. דער מאנאך איז געשטאנען פארטראכט, א פארזונקענער אין זיינע געדאנקען, ווי ער וואלט געווען אין אן אנדערער וועלט. זיין הויכע געהויקערטע פלייצע איז געווען נאך מער געהויקערט, זיינע טונקעלע האר, וואס זענען ארויס־געהאנגען פון אונטער זיין קאפל, זענען געווען א סך גרויער, ווי ער האט אים געזען פריער מיט א צייט צוריק אין הויז פון מארטעם בלאנקא. זיין דיקלעך פארעלטערט פנים איז געווען איינגעפאלן און אויסגעבלייכט ווי עפעס אויסגעפייניקט פון שווערע איבערלעבונגען, אדער פון תעניתים.

— איך וועל אייך איבערגעבן אין די הענט פון מיין יינגערן פריינד, דעם גוטן מאנאך אנטאניא, ער זאל אייך באגלייטן אהיים. איך בין שוין אן אלטער מענטש און דערצו, ווי איר זאגט, טאקע קראנק, אז איך זאל שפעט ביי נאכט גיין אויף די הייליקע מיסיעס פאר דער אינקוויזיציע — האט דער מאנאך מארטינעז געזאגט מיט א שטילער סודותדיקער שטים.

דאקטאר לארא האט א לייכטן צאפל געטאן. ער האט ארונטערגעלאזט דעם קאפ דער מאנאך זאל נישט באמערקן זיין אויפרודערונג. ער האט זיך שוין משער געווען, אז דאס גייען זיי אוועקנעמען צו דער אינקוויזיציע די פארזינדיקטע פון די דא סילווא־משפחה און ווי אויף להכעיס דווקא האבן זיי אויסגעקליבן דעם מאנאך אנטאניא, לאורענסיאס קוזין, אז ער זאל זיין דער, וואס וועט עס טאן. עס האט אים געארט, וואס גראד איצט דארף ער גיין מיט זיי צו באגלייטן אים אהיים, ווי ער וואלט געווען א מיטבאטייליקטער. ער האט א ווילע געשוויגן און געטראכט ווי אזוי זיך וואס גיכער אפטיילן פון זיי, ער זאל נישט דארפן גיין מיט זיי אין דער גאס, אפילו ווען עס איז אין דרויסן פינצטער. קיין שאדן קען עס אים נישט ברענגען. פארקערט, דאס וועט אויסמיידן יעדן חשד אויף אים, אז ער איז אן אפנייגלער פון דער

קירך. אָבער וואָס וועלן טראַכטן זיינע פריינד, די נײַ־קריסטן, ווען אַזאַ שמועה וועט דערגיין צו זיי, אַז ער איז געגאַנגען מיט די מאַנאַכן פון אינקוויזיציע־הויז, וואָס האָבן נאָך דעם אָוועקגעפירט די דאָ סילוואַ־משפחה צום אינקוויזיטאָר?

— איר טוט מיר אָן צו פיל כּבוד. אייער הייליקע מיסיע איז וויכטיקער ווי מיך אָפּצופירן אַהיים. אַ דאָקטאָר קומט אַלע מאָל אויס צו גיין אַליין ביי נאַכט, דאַרפט איר וויסן.

— זיי וועלן זיין גליקלעך אייך צוצופירן צו אייער הויז אויפן וועג צו זייער מיסיע — האָט דער מאָנאַך מאַרטינעז אים באַרויִקט.

פון דעם געזעמל מאַנאַכן האָט זיך מיט אַ מאָל אַרויסגערוקט דער מאָנאַך אַנטאָניאָ און זיך גענומען דערנענטערן צו זיי. ער איז געגאַנגען מיט וואַקלענדיקע טריט און אַ ביסל אונטערגעהונקען אויף איין פוס. דאָקטאָר לאַראַ האָט גלייך באַמערקט, אַז דער מאָנאַך אַנטאָניאָ קען קוים שלעפּן די פיס. אַנטאָניאָ איז געווען פון קינדווייז אָן אַ שטיקל בעל־מום. זיינע פלאַכע פיס, וואָס דאָקטאָר לאַראַ האָט אים געהיילט ער זאָל זיך נישט צו פיל דאַרפן וואַקלען און אונטערהינקען ביים גייך, זענען אים געווען גוט באַקאַנט. עס זעט אויס, אַז עס איז אים געוואָרן ערגער. ער איז געוואָרן זייער אָפּגעלאָזן, ווי עס וואָלט אים מער גאָרנישט געאַרט.

— דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ, עס איז גוט אייך צו זען און האָבן מיט אייך אַ געלעגנהייט צו רעדן, טאָקע וועגן מיין געזונט. אַז איך זע אייך, דערמאָן איך זיך, אַז איך בין קראַנק. איך ווער אַלט, מיינע שוואַכע פיס קענען נישט טראָגן מיין שווערן קערפּער — האָט ער געזאָגט מיט אַ האַלב־שפּאַסיקן טאָן, אָבער זיין שטים האָט געקלונגען זייער טרויעריק.

— צו כאַפּן מיט אייך אַ שמועס איז אַלע מאָל אַ פאַרגעניגן, אָבער מיט רעדן וועגן געזונט וועט איר נישט געהיילט ווערן. פאַר וואָס קומט איר אַזוי זעלטן צו מיר אין ביוראָ? — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַ באַזאָרגטער שטים.

— איך האָב אַזוי ווינציק צייט און געדולד אָפּצוהיטן מיין לייב. מיר דאַרפן אַזוי פיל היילן אונדזער גייסטיק לעבן, וואָס איז אויך קראַנק פון כּופרים און אַנשיקענישן, וועלכע פאַרביטערן דאָס לעבן.

— יאָ, עס איז זייער טרויעריק — האָט דאָקטאָר לאַראַ געשאָקלט מיטן קאָפּ.

די מאָנאַכן וואָס זענען געשטאַנען אין געזעמל מיט די אָנגעצונדענע לאָמטערנעס אין די הענט זענען שוין געוואָרן אומרויִק און געקוקט אַהער צו זיי.

— מיר דאַרפן גיין, מיר האָבן נאָך אַ סך צו באַזאָרגן היינט ביי נאַכט, — האָט דער מאָנאַך אַנטאָניאָ געזאָגט און זיך געלאָזט צו די מאָנאַכן, וואָס האָבן זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. די טויערדיקע טיר האָט זיך געעפנט און זיי זענען אַרויס אין פינצטערן הויף פון מאָנאַסטיר.

די לאָמטערנעס האָבן באַלויכטן די סטעזשקע צווישן די געדיכטע ביימער. דער הימל איז נאָך אַלץ געווען פאַרוואָלקנט, דער אַרום איינגעהילט אין אַ נעפּל. די לופט איז געווען דושנע און שטיקנדיק.

— איר זענט דאָך מיינער אַ פריינד, איר קענט מיך נאָך פון מיינע יינגערע יאָרן, וויל איך אייך זאָגן, אַז היינט וועל איך דאַרפן דורכפירן די הייליקסטע מיסיע אין מיין לעבן. מיין משפּחה ווערט באַשולדיקט אין פאַלשעווען, פאַרלייקענען און פאַרשוועכן אונדזער גרויסע קירך. איך האָב מיט שווערע אָנגסטן אָנגענומען די מיסיע זיי צו באַרויִקן, זיי זאָלן חרטה האָבן אויף זייער זינד, זיך מודה זיין און אַרויסגעבן זייערע מיטבאַטייליקטע. וועלן זיי אָפּקומען מיט אַ קליינער שטראָף — האָט אַנטאָניאָ געזאָגט.

זיי זענען שוין איצט געגאַנגען באַרג־אַראָפּ פון מאָנאַסטיר צו דער ברייטער אַוועניִדאַ.

— טאַקע אַלע? די גאַנצע משפּחה איז שולדיק? אוי! עס איז מיר ביטער דאָס צו הערן — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט מיט אַ דערדריקט קול און טיף אָפּגעדעכעט.

— נישט אַלע, איך און מיינע פריינד מאַרטעם בלאַנקאָ און די אַנדערע איז געלונגען מען זאָל איבערלאָזן פריי זשואַן מענדעס און גראַסיאַ. זי איז אין גאַנצן אומשולדיק, אונדזער נאַיִווע גראַסיאַ, — האָט דער מאָנאַך אַנטאָניאָ געזאָגט מיט אַן אויפגעלעבטער שטים, ווי דאָס העלפן גראַסיאַ זי צו ראַטעווען וואָלט פאַר אים געווען די גרעסטע פרייד.

דאָקטאָר לאַראַ האָט געהאַלטן טיף געזונקען זיין קאָפּ און מיטגעגאַנגען

אַ שווייגנדיקער. זיי ווייסן נאָך דערוויי׳ל נישט, אַז גראַסיאַ איז מעוברת, אַז דאָס אַרעסטירן איר גאַנצע משפּחה, איר מאַן דאָרטע דאַ סילוואַ, קען זיך שווער אָפּרופן אויף איר געזונט און זי קען נאָך מפּלען. דערצו וועט זי פאַרשעמט ווערן פאַר דער גאַנצער שטאָט, אַז זי טראָגט אַ ממזר און זי וועט דאָס נישט קענען איבערטראָגן. אָבער דאָס וועט ער אים נישט אויסזאָגן. ער וועט דאָס שוין אַליין שפּעטער אויסגעפינען.

זיי זענען שוין נאָך דעם געגאַנגען שווייגנדיקע הינטערשטעליק פון דעם געזעמל מיט מאַנאַכן, וואָס זענען געגאַנגען פאָרויס.

לעבן דער זייטיקער גאַס מיט ווילי׳עס, צעוואָרפן אויף די בערגלדיקע הויכקייטן, וואָס זענען איצט געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעפּל, האָט זיך דאָקטאָר לאַראַ אָפּגעשטעלט.

— נו, איך בין שוין לעבן מיין היים. איך דאַנק אייך זייער פאַרן באַגלייטן מיך אין אַזאַ נעפּלדיקער נאַכט. איך ווינטש אייך דערפאָלג אין אייער הייליקער מיסיע, — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און געדריקט די האַנט פון יונגן מאַנאַך פּאַדרע אַנטאָניאָ — קומט צו מיר אין מיין ביוראָ, איך בין נאָך אַלץ אייער פריינד, — האָט ער ווייטער געזאָגט און געפילט, אַז דער מאַנאַך קען גאָרנישט אָפּרייסן זיין האַנטדרוק פון אים, ווי עס וואָלט אים שווער געווען זיך צו שיידן מיט אים.

— איך וועל קומען, און גאָר אין גיכן — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפצנדיקער שטים און זיך אָפּגעריסן פון אָרט.

דאָקטאָר לאַראַ איז געבליבן שטיין אַ לענגערע ווײַלע און נאָכגעקוקט די מאַנאַכן, וואָס זענען געגאַנגען אויף דער אויסגעליידיקטער אַווענידאַ צום הויז פון דער דאַ סילוואַ־משפּחה. דאָס פאַרנעפּלטע ליכט פון די לאַמטערנעס איז מיט די אַוועקגייענדיקע מאַנאַכן געוואָרן אַלץ קלענער, אויסגעלאָשענער ביז עס איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן.

צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דאָס הויז פון מענדעס דאַ סילוואַ איז נאָך עטלעכע וואָכן פון רווי־שיקן טומל פון איינפּאַקן די שטובזאַכן, די מלבושים, פון פאַרקויפן

דאָס הויז און דאָס מעבל, מיט אַ מאָל געוואָרן שטיל, אויסגעליידיקט פון מענטשן.

עס האָט זיך אויף ס׳ניי דערפילט דער טרויער ווי אין אַ הויז פון אַן אָבל, נאָך דעם ווי מען האָט אַרויסגעפירט דעם מת פון שטוב. געקומען איז עס נאָך דער וויסטער נאַכט, ווען מען האָט פון די בעטן אַרויס צוגענומען צו דער אינקוויזיציע די באַלעבאָסטע פון הויז, דאָנאַ לאָורענסיאַ, די אַלטע מרים און דואַרטע דאַ סילוואַ.

דאָנאַ גראַסיאַ, די איינציק געבליבענע אין הויז, איז געלעגן אויף איר בעט אַ פאַרשמאַכטע, אַ דערשראָקענע און געקוקט אויף דער פאַרמאַכטער טיר מיט אויפגעשפּיצטע אויערן. אפשר וועט פאָרט עמעצער אַריינקומען צו איר. עס האָט זיך אָבער נישט געהערט קיין שום שאָרך. איז טאַקע קיינער נישטאָ אין הויז? זי האָט געוווּסט, אַז היינט איז דער טאָג, ווען מען וועט אָוועקשיקן איר מאַן דואַרטע דאַ סילוואַ, איר מוטער מרים, דאָנאַ לאָורענסיאַ און די גאַנצע משפּחה, אַלע אירע מומעס און פעטערס, קיין ליסאַבאָן צו דער הויפּטקוואַרטיר פון דער אינקוויזיציע. בלויז זי, גראַסיאַ, און לאָורענסיאַס מאַן, זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ, האָבן אויסגעמיטן דעם צאָרן פון דער אינקוויזיציע.

זי האָט גענומען קוקן אויף די איינגעפּאַקטע קעסטלעך מיט די באַשלאָגענע מעשענע רייפן, מיט די אָנגעהאָנגענע פאַרהאַקטע שלעסער, ווו עס איז געלעגן איר גאַרדעראָב, אירע אָנגעזאַמלטע חפצים, צירונג, מתנות פון דואַרטען מיט וועלכע איר איז געווען שווער זיך צו שיידן. אַלץ איז שוין געשטאַנען גרייט אויפן דיל אָוועקצופירן צום פּאָרט אָנצולאָדענען אויפן שיף. מיט וועלכער זי האָט בדעה מיטצופאָרן.

וואָס איז אַזוי שטיל? איז מעגלעך אַז בעת זי האָט פריִער איינגעדרימלט אַ פאַרשלאָפטע, האָט זשואַן מענדעס אין דער שטיל אַרויסגעפירט זייער געפּעק צום פּאָרט און זי דאָ איבערגעלאָזט אויף הפקר, אַ מעוברתע, אַ קראַנקע?

פּאָר טאָג האָט זי זיך נישט געפילט גוט און זי האָט געשיקט איר שקלאַפין אַדערעס צום דאָקטאָר לאָראַ, ער זאָל קומען צו איר, ער זאָל אַלעמען באַווייזן, אַז זי איז נישט קראַנק, אַז עס איז נישט געפערלעך פאַר איר זיך

צו לאָזן אויף דער ווייטער נסיעה איבערן ים קיין ליסאַבאָן. זי איז זיכער אַז איר שלאַבעריקייט, איר מידקייט קומט בלויז פון איר זאָרג, פון איר האַרצווייטיק און אַז ווייטער איז זי געזונט. איז מעגלעך אַז איר שקלאַפין אַדערעס האָט נישט גערופן דאָקטאָר לאַראַ צו איר? אפשר האָט זי עמעצער אָפּגערעדט נישט צו ברענגען דעם דאָקטאָר צו איר.

זשואַן מענדעס און אַלע פון אירע ווינציק געבליבענע פריינד האָבן איר אָפּגערעדט פון פאָרן, ווייל פאַר אַ מעוברתדיקע פרוי איז שעדלעך זיך אַרויסצולאָזן אויף אַ זעגלשיף און זיך שלעפן עטלעכע וואָכן אויפן ים. זי קען אויף דער שיף מפּלען, אָדער שטאַרק קראַנק ווערן און אומברענגען זיך מיטן קינד.

זשואַן מענדעס האָט דאָ מער נישט געוואָלט בלייבן. ער האָט אַלץ אויס־פאַרקויפט און פיל זאַכן אַוועקגעשאָנקען זיינע הויז־באַדינערס און זיך באַדונגען מיטצופאָרן אויף דער שיף „מאַדרע דע דעיאוס", וואָס אויף איר וועט מען אַוועקפירן זיין פרוי לאָורענסיאַ און זייער גאַנצער משפּחה. ער האָפט אַז מיט זיין אַדוואָקאַטישער פעיִקייט וועט זיך אים איינגעבן צו ראַטעווען זיין פרוי. איז ווי קען זי, דאָנאַ גראַסיאַ, דאָ בלייבן? אפשר וועט זי אויך עפּעס קענען טאָן כּדי צו ראַטעווען איר מאַן, דואַרטע דאַ סילוואַ? איז מעגלעך, אַז זשואַן מענדעס האָט זי אָפּגענאַרט? ער האָט שוין געהאַט באַשטאַנען זי מיטצונעמען אויף דער נסיעה און זי געהאַט פאַרשריבן אין דעם קאָנטראַקט מיט דעם שיף־קאַפּיטאַן. טאָ ווי אַזוי האָט ער געקענט אָן איר אַוועק צום פּאָרט און זי דאָ איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט?

פון די אַלע טרויעריקע טראַכטענישן האָט איר אַרויסגעזעצט אַ קאַלטער שווייס אויפן לייב. פאַר וואָס קומט איר אַזאַ שטראָף? פאַר וואָס האָט מען זי אויך נישט צוגענומען אַ פאַרזינדיקטע צו דער אינקוויזיציע? ווער האָט אויסגעפועלט, אַז בלויז זי פון דער גאַנצער משפּחה זאָל מען דאָ איבערלאָזן אָן איינזאַמע און אַ פאַרשעמטע?...

דאָס באַשעפעניש אין אירע געדערעם האָט אויך גענומען אויפצאַפּלען און זיך נישט געקענט איינשטילן. עס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. פונקט היינט, ווען זי דאַרף פאָרן צום פּאָרט, קען זי גראָד מפּלען און קיינער איז נישטאָ אין הויז. זי וועט אַפילו נישט קענען זען ווי מען פירט אַוועק איר

מאַן, דעם פאָטער פון איר קינד, ווען זי וועט שוין אפשר קיין מאָל נישט זען אַ לעבעדיקן.

זי האָט זיך געפּרווּוט אונטערהויבן פון געלעגער און זיך שטעלן אויף די פיס. זי מוז וואָס גיכער אויסגעפינען צי מען איז אַוועק אָן איר. זי וועט אַ קראַנקע אַוועק צום האַפן אָן אירע זאַכן. זי קען דאָ מער נישט איבערבלייבן און זיין אויסגעשטעלט אויף דער הילף פון איר איינציקן קרוב, איר קוזין דעם מאַנאַך אַנטאָניאָ קאַוטיניאַ, וועמען זי האָט קיין מאָל נישט געקענט פאַרטראָגן. זי וואָלט גיכער געוואָלט אומקומען אויפן ים, איידער דאָ איבער־צובלייבן ער זאָל זיין איר באַשיצער.

מיט אַ מאָל האָבן זיך אירע געדאַנקען איבערגעריסן. עס האָבן זיך געהערט שטילע טריט אין קאָרידאָר, וואָס זענען געקומען אַלץ נענטער און נענטער צו איר צימער. ווער קען דאָס זיין? איז עס אפשר איינע פון די הויז־באַדינערס, וואָס האַלטן זיך שוין אָפּגעזונדערט, ווי זיי וואָלטן שוין מער נישט באַלאַנגט צו דער דאַ סילוואַ־משפּחה?

עס האָט זיך גענומען באַוועגן די קלאַמקע פון טיר. באַלד נאָך דעם האָט זיך געעפנט אַ שפּאַלט, אַ יינגלש אויסגעבלייכט פּנים מיט טונקל־ברוינלעכע, געקרייזלטע האָר אויפן קאָפּ האָט מיט אויפגעפּראַלטע אויגן אַריינגעקוקט. דאָנאַ גראַסיאַ האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן מיט באַנייטע כּוחות פון אָרט, זיך אויסגעווישט אירע פאַרטרערטע אויגן בעסער צו זען, באַלד האָט זי אַ דערפרייטע אויסגערופן:

— זשאָזע! האַרציקער!... טייערער, קום אַריין, איך האָב געמיינט, אַז אַלע זענען שוין אַוועק און מיך דאָ איבערגעלאָזט.

זי איז מיט איר אַרויסשפּאַרנדיקן בויך אים אַנטקעגן געגאַנגען און מיט אָפענע אָרעמס אים צוגעדריקט צו זיך.

זשאָזע האָט זיך לייכט און פאַרזיכטיק צוגעטוליעט צו איר זייט און מיט נייגעריקע אויגן אַרויפגעקוקט אויף איר געל־געפלעקט פּנים און באַלד זייטיק געכאַפּט אַ בליק אויף איר אַרויסשפּאַרנדיקן בויך. ער האָט שטיל און איינגעהאַלטן אָפּגעזיפצט, גראַסיאַ זאָל נישט באַמערקן זיין זאָרג וועגן איר.

— זשאָזע, איך קען מער נישט שטיין אויף די פיס. איך דאַרף האָבן

מער כּוח צו קענען זיך שלעפּן מיט דער שיף אויפן ים — האָט זי געזאָגט אַן אויפגעלייגטע מיט אַ פריילעכער שטים.

גראַסיאַ האָט אים אָנגענומען ביים האַנט און אים צוגעפירט צו איר געלעגער. זי האָט זיך אָוועקגעלייגט און געמאַכט פּלאַץ זשאָזע זאָל זיך אַוועקזעצן לעבן איר.

— דערצייל מיר וואָס עס טוט זיך אין הויז, וווּ איז דיין פאָטער?

זשאָזע האָט געשוויגן, עס איז אים געווען שווער צו דערציילן אַז זיין פאָטער, זשואַן מענדעס, האָט שוין אַוועקגעשיקט צום פּאָרט די איינגעפּאַקטע פּעק און די קאָסטנס מיט זייערע מלבושים און טייערע חפצים. ער האָט געהאַט געהערט פון זיין פאָטער, אַז מען דאַרף זיך נישט איילן מיט גראַסיאַס זאַכן. זי דאַרף זיך נאָך גוט באַטראַכטן און זיך אָפּהאַלטן פון לאָזן זיך אויף אַ לאַנגער נסיעה איבערן ים. אויב זי וועט זיך דווקא איינשפּאַרן, וועט מען דעם לעצטן טאָג אַוועקפירן אויך אירע זאַכן צום פּאָרט.

וואָס שווייגסטו, זשאָזע? דו ווילסט מיר נישט זאָגן דעם אמת. מען וויל מיך דאָ איבערלאָזן אַליין. קוק מיר גלייך אין די אויגן, זשאָזע! — האָט גראַסיאַ געזאָגט און אים אויפגעהויבן ביי דער גאָמבע דאָס פּנים מיט די אויפגעפּראַלטע אויגן.

— דער פּאַפּאַ האָט געזאָגט, אַז דואַרטעס משרתים וועלן קומען היינט און אַוועקפירן דיינע זאַכן צום האַפן — האָט זשאָזע גענומען שטאַמלען.

דאָנאַ גראַסיאַ האָט אַ צאַפּל געטאָן. איר געפלעקט פּנים איז געוואָרן בלייך. זשואַן מענדעס און איר קוזיך, דער מאַגנאַך, גלויבן נאָך אַלץ נישט, אַז זי האָט שוין לאַנג ביי זיך באַשטימט דאָ מער נישט צו בלייבן. זיין פאָטער, זשואַן מענדעס, האָט צוגעגרייט אַ פּאַסיקן תירוץ: דואַרטעס משרתים וועלן קומען צו איר. דואַרטעס פאַרמעגן איז שוין לאַנג פאַרהאַלטן געוואָרן. אויף די טירן פון זיין געשעפט אין פּאָרט הענגט שוין אַ שלאָס, וואָס די מלוכה־קרוין האָט פאַרזיגלט. די צוויי משרתים זענען שוין לאַנג אַוועק און אַרבעטן שוין ערגעץ אַנדערש ווו. זיי זענען געווען גענוג איבערגעשראָקן, וואָס די אינקוויזיציע טשעפּעט זיי דערווייל נישט. וועלן זיי פּלוצעם קומען איר אַרויסהעלפן?

— זשאָזע, איך וועל דאָ שטאַרבן, אויסגיין אַליין אָן אַ פריינד, איך בעט דיך, זשאָזע, ווען דיין פאָטער וועט קומען אַהיים, זאָג אים, ער זאָל צו

מיר גלייך אַריינקומען. זאָג אים, אויב ער וועט נישט הייסן צונעמען מיינע פּעק, וועל איך פאָרן אַן זיי — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַ ווייַנענדיקער שטים און אין אירע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ טרערנדיקע פייכטקייט.

זי האָט פון גרויס עלנטקייט זיך צוגעטוליעט צו זשאָזען, אים אַרומ־גענומען מיט אירע הענט ווי זי וואָלט אין אים געפונען דעם איינציקן פריינד אין גאַנצן הויז. אויך ביי זשאָזען האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. ער האָט נאָך מער ווי אין די פריִערדיקע טעג, ווען מען האָט צוגענומען זיין מוטער, איצט דערפילט די עלנטקייט, וואָס האָט אים געדריקט ביים האַרץ מיט אַ נאָגנדיקער בענקשאַפט.

— איז פאַר וואָס האָסטו זיך פאַר מיר באַהאַלטן און נישט אַריינגעקומען צו מיר? — האָט גראַסיאַ אים געפרעגט און מאַמעדיק אים געגלעט דעם קאָפּ און אויסגעגלייכט זיינע צעשויבערטע, געקרייזלטע האָר.

— ראַמאַליאַ האָט מיך גענומען אין קירך. זי האָט אָנגעצונדן ליכט און מיך געהייסן בעטן פאַר מיין מאַמען, אַז יעזוס זאָל זיך דערבאַרעמען איבער איר און פאַרגעבן אירע זינד... — האָט זשאָזע געזאָגט מיט אַ זיפצנדיקער שטים און געקוקט אויף איר מיט דערשראָקענע, צעטומלטע אויגן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען און זיך געהיט צו פרעגן וואָס פאַר אַ זינד זיין מוטער איז באַגאַנגען, פאַר וואָס איר קומט אַזאַ שטראָף זי צו האַלטן אין אַ קעלער־קאַמער און איצט זי שיקן קיין ליסאַבאָן.

— אַזוי, ראַמאַליאַ איז נאָך אַלץ אין הויז? — האָט גראַסיאַ שטיל גע־פרעגט מיט אַ פאַרזאָרגטער שטים.

— ראַמאַליאַ פאָרט אַוועק צו אירע קינדער קיין מינאַס־געריִאַס.

— אַזוי, אַלע פאָרן אַהין ווו עס געפינט זיך דאָס גאָלד. דאָרט וועט זי אויסער צינדן ליכט, זיך אויך קענען קויפן אַ גאָלדענע יעזוס־סטאַטוע — האָט גראַסיאַ געזאָגט און אויף איר מויל האָט זיך באַוויזן אַ ביטערע גריי־מאַסע.

עס האָבן זיך מיט אַ מאָל גענומען אַהער טראָגן פון קאָרידאָר שווערע וואַקלענדיקע טריט. ביידע האָבן אויפגעשפּיצט די אויערן. זשאָזע האָט פון געוווינהייט, זינט דאָרטע איז געקומען צו זיי אין הויז אַריין, זיך גיך אָפּגערוקט פון איר.

— גיי, זשאָזע, זע ווער דאָס איז? אויב עס איז דיין פֿאָטער, זאָג אים ער זאָל גלייך אַריינקומען צו מיר.

זשאָזע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי געעפֿנט פֿאַמעלעך, פֿאַר־זיכטיק, ווי ער וואָלט שוין פֿון פֿריִער געוווּסט, אַז דאָס איז נישט זיין פֿאָטער.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער מאַנאַך, זייער קוזין, אַנטאָניאָ קאָטיניהאָ.

— אָ, זשאָזע! דו היטסט אונדזער דאָנאַ גראַסיאַ? דאָס איז זייער שיין פֿון דיר. דו ביסט אַ ווויל ייִנגל — האָט דער מאַנאַך געזאָגט און אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

זשאָזע האָט נישט אויפֿגעהויבן דאָס פּנים צו אים.

— זשאָזע! גיי דערווייל אַריין אין דיין צימער. לייען דעם קאַטעכיזם, דיין געבעט־ביכל. איך וויל רעדן מיט דאָנאַ גראַסיאַ. איך האָב געהערט, אַז דו האָסט שוין אָנגעהויבן לייענען לאַטיין. פֿאַר אַ ייִנגעלע אין דיינע יאָרן איז דאָס זייער שיין, נו זשאָזע? — האָט ער אים געפֿרעגט און זיך געוווּנ־דערט, וואָס ער שטייט נאָך אַלץ אַ צעטומלטער און רירט זיך נישט פֿון אָרט.

זשאָזע האָט זיך באַלד ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין צערודערטקייט און איז גיך אַרויס פֿון צימער.

גראַסיאַ איז שוין ווידער געלעגן אויפֿן בעט ווי פֿאַרגליווערט, איר געפֿלעקט, געלבלעך פּנים איז פֿון אויפֿרעגונג געוואָרן בלייך און אויסגע־לאָשן. זי האָט אַוועקגעדרייט איר קאָפּ צו דער וואַנט און פֿאַרמאַכט די אויגן־לעפֿלעך.

— וואָס דרייסטו אַוועק פֿון מיר דיין קאָפּ, גראַסיאַ? פֿאַרגעס נישט, אַז דו ביסט מיין קוזינע. איך האָב, דוכט זיך, דיר קיין שלעכטס נישט געטאָן, אפֿשר פֿאַרקערט? — האָט ער געלאָזט הענגען אַ פֿראַגע, וואָס האָט געמיינט, אַז אַ דאַנק אים, זיין מי צווישן זיינע פֿריינד פֿון דער אינקוויזיציע, האָט זיך אים איינגעגעבן, אַז זי, גראַסיאַ, זאָל נישט האָבן די ביטערע מערכה, וואָס עס האָבן די אַנדערע מיטגלידער פֿון זייער משפּחה.

דאָנאַ גראַסיאַ האָט אים נישט געענטפֿערט. זי האָט טיפֿער איינגעגראָבן איר קאָפּ אין קישן, ווי צו ווייזן, אַז זי וואָלט גיכער געוואָלט איינשלאָפֿן איידער מיט אים צו רעדן.

— איך וועל דאָ בלייבן אין צימער, ביז דו וועסט מיך אויסהערן — האָט ער ווייטער געזאָגט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן איר בעט.

גראַסיאַ האָט טיף אָפּגעזיפצט און זיך פֿאַמעלעך אויסגעדרייט צו אים. אפשר האָט ער איר עפּעס איבערצוגעבן וועגן איר מאַן אָדער וועגן די אַנדערע קרובים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די קעלערן פֿון קלויסטער, ווו ער וווינט.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען צו מיר? דו ווילסט מיך אפשר אויך צונעמען און מיך הייסן פֿאַרשפּאַרן אין אַ פֿינצטערער קעלער־קאַמער? עס איז מיר אַלץ איינס, איך בין גרייט.

דער מאָנאַך האָט אַ צאַפּל געטאָן. זיין אונטערשטע, וואַסערדיקע, רויט־לעכע ליפּ, עפּעס ווי אָנגעשוואָלן, איז אַרונטערגעהאָנגען פֿון זיין מויל, וואָס האָט געוויזן זיין שווער, דערדריקט און שלאַבעריק געמיט.

— ששש, — דו טאָרסט אַזוי נישט רעדן. נישט איך פֿאַרשפּאַר די זינדיקע. דאָס טוט די הייליקע אינקוויזיציע, וואָס פֿאַרשט און באַשולדיקט קיינעם נישט אומזיסט — האָט דער מאָנאַך געזאָגט.

— איך בין אויך אַ זינדיקע, איך האָב געלעבט מיט אַ מאַן נאָך איידער מיר זענען געגאַנגען צום פּאַדרע אין קירך — האָט גראַסיאַ געזאָגט ווי זי וואָלט זיך מיט אים געררייצט.

— דאָס איז אַ זינד, וואָס דו דאַרפסט בעטן ביי דעם דערלייזער יעזוס קריסטוס, מען זאָל דיר פֿאַרגעבן דיינע זינד, וואָס דו האָסט געטאָן ווען דער זינדיקער דואַרטע האָט דיך פֿאַרפֿירט און דיך צוגערעדט צו זינדיקן, ווען דו האָסט אַרויסגעוויזן די שוואַכקייט פֿון דיין בלוט און פֿלייש — האָט דער מאָנאַך גערעדט מיט אַ פֿאַרפֿרומט קול.

— ער האָט מיך נישט פֿאַרפֿירט. איך בין אַליין געקומען צו אים, מיט מיין ליבשאַפֿט צו אים. ער איז געווען איידל און גוט צו מיר, וואָס דו וועסט נישט פֿאַרשטיין — האָט גראַסיאַ געזאָגט און איר שטים האָט זיך געבראָכן מיט אַ קלעמעניש אין איר קול, ווי זי וואָלט זיך געשטיקט מיט אַ ווייטיק, וואָס האָט זיך געריסן פֿון איר האַרץ. אירע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ ווייט אַוועק מיט אַן אויפֿגעקוואָלטער בענקשאַפֿט, וואָס דער געשפּרעך און דאָס דערמאָנען דואַרטען האָט ביי איר אַרויסגערופֿן.

— ווי, ווי, וואָס די זינדיקע לוסט פון מענטשנס זינדיקן לייב קען אַרויסרופן צו שעדיקן דעם מענטשנס גייסט — האָט דער מאָנאַך געביטערט מיט אַ פרומער שטים — סיידן דיין זינדיקע מוטער מאַריאַ האָט דיך פריִער צוגערעדט צו מאַכן אַ ייִדישע חתונה לויט די אַלטע ייִדישע פּירונגען, ווי ביי די ייִדן אַ מאָל אין רעציפע. אויף דיין מוטער איז אַלץ צו גלויבן — האָט דער מאָנאַך געגומען קוקן אויף איר מיט פאַרשנדיקע אויגן.

— איז פאַר וואָס גייסטו נישט אַוועק מיך מסרן? דו דאַרפסט נישט גיין ווייט צום אינקוויזיטאָר — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַ שטעכיקער, אויפ־געגרעגטער שטים.

— ווי, ווי, מאַך מיך נישט זינדיקן, איך קען דאָס נישט הערן. דו רייצסט זיך מיט מיר, עפּעס אַ טייוול שטעקט שוין אין דיר, וואָס דער זינדיקער דואַרטע האָט ווי אַ גיפטיקע פלאַנץ איינגעוואָרצלט אין דיר. דו ביסט אַ מאָל געווען אַזוי ריין און איידל, קיינער געדענקט דיך נישט אַזוי ווי איך — האָט דער מאָנאַך געזאָגט און אין זיין שטים האָט זיך געפילט זיין פאַרליבטע בענקשאַפט צו דער אַמאָליקער גראַסיאַ, וואָס ער האָט געקענט פון זייער פריסטער יוגנט אין זייער היים אין דער צוקער־פלאַנטאַציע.

גראַסיאַ האָט ווידער צוגעשלאָסן די אויגן מיט אַ שלעפעריקער מידקייט. אויף איר פּנים האָט זיך געזען אַ צעוויטיקטער טרויער. זי האָט שטיל געזאָגט:

— לאָז מיך אַ ביסל רוען. איך דאַרף נאָך היינט אַוועק צום פּאָרט, ווו איך וועל אַוועק פון דאַנען צוזאַמען מיט מיין משפחה און מיטפאָרן אויף דער שיף, ווו עס געפינט זיך דואַרטע.

— טאָקע וועגן דעם בין איך צו דיר געקומען, דיר זאָגן, וואָס דו פאַר־שטייסט נישט: די גאַנצע משפחה וועט אָפּקומען מיט אַ קליינער שטראָף אין ליסאַבאָן. זיי דאַרפן בלויז תשובה טאָן, חרטה האָבן אויף זייערע זינד און בלויז אַ ביסל פאַרשעמט ווערן מיט טראָגן דאָס שעמהעמדל מיט אַ גרין ליכט אין די הענט ביי דער אויטאָדאַפע. אָבער דואַרטען גרייט זיך אַ גרויסע שטראָף. ער האָט אַ סך געזינדיקט. איין גאָט ווייסט צי דו וועסט אים נאָך אַ מאָל זען — האָט דער מאָנאַך, איר קוזין, צו איר גערעדט מיט זיין זאָרג וועגן איר און מיט באַדויער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

גראַסיאַ האָט זיך אַ הויב געטאָן פון בעט מיט אַזאַ האַסטיקייט, מיט אַזאַ רוגזה, אַז דער מאָנאַך האָט זיך אַ דערשראָקענער אָפּגערוקט פון אָרט.

— וואָס שאָקלסטו דעם קאָפּ מיט אַזאַ באַדויער. איר אַלע זענט שולדיק אין מיין און אין דואַרטעס אומגליק. דו און דיינע פריינד, דער לעביונג מאַרטעם בלאַנקאַ, האָבן מיר נישט פאַרגונען מיין פרייען אויסוואַל צו האָבן דואַרטען פאַר אַ מאַן. גיי איצט אַוועק פון מיר. איך וועל נאָך מפלען און דאַ שטאַרבן — האָט גראַסיאַ גענומען קלאָגן און האָט באַדעקט דאָס פּנים מיט אירע הענט.

איר גאַנצער קערפּער האָט זיך גענומען קאָנוולסיוו צאַפּלען. דער מאָנאַך האָט זיך דערשראָקן. ער איז צו צו איר בעט און מיט ציטערנדיקע הענט זי לייכט גענומען גלעטן איבער אירע האָר פון קאָפּ. גראַסיאַ האָט זיך מיט אַ רוגזה אָפּגערוקט פון אים, ווי זי וואָלט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם באַריר פון זיינע שווייסיקע הענט.

— איך בין דיין פריינד, דיין קוזין. איך זע אַז דו קענסט נישט און דאַרפסט זיך נישט שלעפּן מיט אַ זעגלשיף קיין ליסאַבאָן. דו קענסט שוין קיינעם נישט העלפן. איך וועל אויף דיר אַכטונג געבן, דיך אַרויספירן אויף דער צוקער־פּלאַנטאַציע, וואָס באַלאַנגט איצט צו מיר. דאָרט וועסטו האָבן דיין קינד און נישט דאַרפן פאַרשעמט ווערן... דאָרטן וועסטו קענען אויפ־האָדעווען אַ געזונט, קריסטלעך קינד.

גראַסיאַ האָט אָפּגעדעקט איר פּנים, וואָס איז געווען פאַרנעצט פון טרערן. אירע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן מיט אַ טרערנדיקער צעפלאַמטער רויט־קייט.

— איך דאַרף נישט דיין גוטסקייט און איך וויל אויך אויסמיידן דיין שלעכטס.

— איך וויל דיך דערמאָנען, אַז דיין מוטער מאַריאַ האָט אַלע מאָל געזאָגט צו די, וועמען זי האָט נישט געוואָלט פאַר אַן איידעם, אַז דו שטרעבסט צו ווערן אַ נאָנע. אויב דו ביסט נאָך פרום, וועל איך דיר העלפן דאָס צו דערגרייכן.

— דו מאַכסט שוין חוזק פון מיר? עס פּאַסט נישט פאַר אַ דאָמיניקאַנישן מאָנאַך אַזוי צו רעדן.

— איך מאַך נישט קיין חוזק פון דיר. אַזוי זאָל דער זיסער יעזוס דיך ראַטעווען פון דײַנע זינד, ווי איך בין אויסן דיר צו העלפן — האָט דער מאַנאַך געזאָגט און זיך איבערגעצלמט אין דער לופטן.

גראַסיאַ האָט זיך אונטערגעהויבן פון בעט, אַרונטערגעלאָזט די פיס צום דיל, זיך אײַנגעבויגן צו דער טיר און הויך אויסגערופן:

— זשאָזע! דו קענסט שוין צוריק אַרײַנקומען, אונדזער קוזין אַנטאָניאָ האָט מיר שוין אַלץ איבערגעגעבן, ער גייט שוין אַוועק.

זשאָזע, וואָס איז געשטאַנען אין קאָרידאָר האָט דורכן טירשפּאַלט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ כּדי צו זײַן זיכער, אַז מען מיינט אים.

— איך וועל קומען צום האַפן, אפשר וועסטו זיך באַזינען און מיך פאָלגן — האָט דער מאַנאַך געזאָגט און זיך אַ דערשלאָגענער אַרויסגעשאַרט פון צימער.

גראַסיאַ האָט זיך אַן אויסגעשעפּטע, אַ מידע, צוריק אַוועקגעלייגט אויף איר בעט און צוגעמאַכט די אויגן. איר גאַנצער קערפּער האָט נאָך אַלץ פון אויפרעגונג זיך נישט געקענט באַרויִקן. דאָס נפשל אין איר אינגעווייד האָט זיך אויך אומרויִק באַוועגט אין איר און כּסדר עפּעס ווי דערשראָקן אונטערגעצאַפּלט. זי האָט צאַרט מיט די פינגער גענומען גלעטן אויף איר בויך דאָס אומגעזעענע באַשעפעניש אין איר לייב, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט אײַנשטילן, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון אירע געדערעם. זי האָט גענומען פילן לייכטע קראַמפּן. זאָלן דאָס שוין זײַן ווייען, וואָס קומען פאַר דער צייט? צו וואָס האָט דער מאַנאַך, איר קוזין, געדאַרפט קומען צו איר נאָך מער איר צו פאַרשאַפן יסורים? אפשר וויל ער טאַקע זי זאָל איצט מפּלען און נישט קענען קומען אין צייט צו דער שיף איידער זי פאָרט אַוועק? ער וויל זי זאָל דאָ איבערבלייבן און ער, דער אײנציקער קרוב אירער, זאָל קענען געוועלטיקן איבער איר. ער וויל זי אַוועקפירן אין דער וויסטער צוקער־פּלאַנטאַציע און זי פאַרקנעכטן. זי וועט דאָרטן אויסגיין פון אײַנזאַמקייט צווישן פרעמדע מענטשן.

עס האָט אַרויסגעזעצט אַ שוויס אויף איר שטערן. די שרעק וואָס זי האָט געפילט אַ גאַנצן טאָג האָט זי איצט נאָך מער גענומען באַוועלטיקן. זענען דאָס טאַקע ווייען, אַן אָנהויב איידער זי גייט מפּלען און פאַרלירן דאָס

קינד ? גאָרנישט וועט בלייבן פון איר קורצן, זיסן חלום פון דעם לעבן מיט דואַרטען, וואָס האָט איר געבראַכט אַזוי פיל פרייד און זי אויסגעלייזט פון איר איינזאַם עלנט לעבן. זי האָט שווער אָפּגעזיפצט.

— אָ, גאָט מיין איינציקער! העלף מיר! העלף מיר! — האָט זי גענומען שעפּטשען מיט אירע ציטערנדיקע ליפּן.

זי האָט מיט אַ מאָל גענומען הערן שטילע, גלעטנדיקע טריט נישט ווייט פון איר, ווי עמעץ וואָלט געוווען אַריינגעקומען אין צימער און זיך דער־נענטערט צו איר. זי האָט אויפגעריסן די אויגן און דערזען דאָס יינגל זשאָזע לעבן איר.

— אָ, זשאָזע! ליבער, טייערער, איך האָב אין מיינע ווייטיקן שוין גאָר געהאַט פאַרגעסן, אַז דו ביסט לעבן מיר. גיי גיכער, זע אפשר קען עמעצער גלייך ברענגען צו מיר דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ, ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט דאָ זיין — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַ פאַרקלעמטער שטים און אַנגעכאַפּט זשאָזעס האַנט און זי קראַמפּנדיק געדריקט מיט אַזאַ קראַפט, ווי אַ טרינקנ־דיקע וואָס כאַפּט זיך אָן אין עמעצן זיך צו ראַטעווען.

— דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ איז דאָ אונטן. ער איז אַריינגעקומען מיט עפּעס אַ מולאַטיש מיידל. דער קוזין פּאַדרע אַנטאָניאָ רעדט מיט אים — האָט זשאָזע געזאָגט.

— וואָס פאַרהאַלט ער אים? ער וויל איך זאָל דאָ שטאַרבן? זאָג מיר, זשאָזע: זיי רעדן וועגן מיר? דו ביסט דאָך מיין איינציקער פריינד, מיין נאָענטסטער — האָט זי געזאָגט מיט אַ וויינענדיקער, בעטנדיקער שטים, וואָס האָט אים אַ ריס געטאָן ביים האַרץ, אַז אויך ביי אים האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן.

זשאָזע האָט אַ ווײַלע געשוויגן. עס איז נישט געווען די געוווינהייט אין דעם הויז איבערצוגעבן, וואָס מען האָט באַרעדט עמעצן פון די שטובמענטשן. דאָס האָט נאָך זיין מוטער לאָורענסיאַ אַזוי איינגעפירט אין הויז און אים אויסגעלערנט דאָס שטרענג אָפּצוהיטן. עס האָט אים אָבער געקלעמט ביים האַרץ צו זען ווי די שטאָלצע גראַסיאַ איז אַזוי דערשלאָגן און דערדריקט.

— דער קוזין, פּאַדרע אַנטאָניאָ, האָט געזאָגט אַז דו ביסט זייער קראַנק און דו טאָרסט זיך נישט שלעפּן מיט אַ שיף וואָכן לאַנג קיין ליסאַבאָן. ער

בעט מען זאָל דיך אַפּרעדן דאָס צו טאָן — האָט זשאָזע געזאָגט און שעמעוודיק אַראָפּגעקוקט מיט די אויגן צום דיל.

— אַזוי, ער האָט רחמנות אויף מיר, דער מאַנאַך, דער אינקוויזיטאָר? און וואָס האָט אים דאָקטאָר לאַראַ געענטפערט?

— ער האָט געשוויגן. ער האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ — האָט זשאָזע שטיל געמורמלט.

גראַסיאַ האָט שווער אָפּגעדעכעט. איצט איז איר שוין געווען קלאָר, אַז דאָס אַרבעט מען שוין אויף דאָקטאָר לאַראַ, ער זאָל איר איינרעדן זי זאָל דאָ בלייבן און שוין קיין מאָל מער נישט זען דוּאַרטען. איז וואָס האָט שוין די ווערט איר פינצטער לעבן?

זי האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן און געבליבן ליגן אין אָנמאַכט אַן אויסגעשעפּטע ווי אַלע כּוחות וואָלטן אויסגערונען פון איר לייב. די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן צוגעגרייט פּלענער צו רויִנירן איר מאַן דוּאַרטע, ווילן אויך צעשטערן איר לעבן. וואָס קען זי אָבער טאָן? זי איז צוגעפּענטעט צום בעט מיט כּסדרדיקע שרעק נישט צו פאַרלירן איר קינד. אַלע, אַפילו דער הויפּט פון איר משפּחה, זשואַן מענדעס, וואָס דאַרף זי באַשיצן, איז קעגן איר. ער פאַרט מיט קיין ליסאַבאָן צו ראַטעווען זיין ווייב פון די אינקוויזיציע־הענט, אָבער ער האָט גאָרנישט קיין איינזעעניש מיט איר. זי ווייסט, אַז זשואַן מענדעס און קיינער פון דער משפּחה וועט שוין מער דאָ נישט צוריקקומען, בלויז זי וועט דאָ בלייבן אַליין אויף הפקר.

זי איז געבליבן אַזוי ליגן אַ לענגערע ווילע. זי האָט זיך געפּרוווט צו באַרויִקן, אפשר וועט זיך אַזוי אַרום איינשטילן דאָס קינד אין איר לייב און עס וועט נאָך זיין אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסצורייסן פון דאַנען און אַוועק אָן דעם געפּעק צו דער שיף.

אירע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן. אין קאָרידאָר האָבן זיך געהערט טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו איר צימער. זי האָט גיך גענומען אויסטריקענען מיט אַ טיכל די טרערנדיקע פייכטקייט פון אירע אויגן, אויסגלעטן אירע האָר און אויסגלייכן איר קלייד אויף זיך. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אין אַ זייט מיטן פּנים צום צימער ווי זי וואָלט נישט געלעגן אויפן בעט אַ שלאָפנדיקע, נאָר ווי זי וואָלט זיך בלויז אָפּגערוט.

די טיר האָט זיך לייכט געעפנט. זשאָזע האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און שטיל היגטערוויילעכץ אַ שעפּטשע געטאָן:

— זי שלאָפט נישט, דאָקטאָר טהאָמאַס לאַראַ.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער דאָקטאָר און הינטער אים אַ יונג מיידל מיט אַ טונקל טאַבאַק־ברוינלעך פּנים. זי האָט געקוקט אַ צעטומלטע, דערשראָקענע מיט אירע שוואַרצע גליִענדיקע אויגן. זי האָט געטראָגן אַ קליינעם בלוילעך־קאָלירטן טורבאַן אויפן קאָפּ, פון וואַנען עס האָבן אַרויס־געשטייגט פּעך־שוואַרצע, פלאַכע האָר. זי האָט געטראָגן אַ געפלאָכטן קיישל אין האַנט, אַנגעפילט מיט זאַכן, איבערגעדעקט מיט אַ שטיק לייוונט.

— דאָנאַ גראַסיאַ! מיין בעסטע פּאַציענטין, איך האָב אייך געבראַכט אַ באַדינערין אייך צו באַגלייטן אויפן שיף. איר נאָמען איז האַדאַר, אַ געפאַנ־גענע פולאַסהאַ פון אַביסיניע. דאָרטעו האָט זי פּאַר אייך געקויפט. איך האָב זי בלויז אָפּגעהיט ביי מיר פּאַר אייך — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און זיך דערנענטערט צו איר.

גראַסיאַ האָט זיך ראַפּטעם אונטערגעהויבן פון געלעגער, געקוקט און געקוקט אַ צעטומלטע מיט אויפגעפּראַלטע אויגן אויפן דאָקטאָר און אויפן מיידל ווי זי וואָלט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס וואָס זי הערט און זעט, איז נישט קיין חלום, קיין מיראַזש.

— זיי ווילן מיר איינרעדן, אַז דו ביסט קראַנק, איך זע אַז דו ביסט געזונט צו קענען וואָכן לאַנג איבערטראָגן אַ נסיעה אויף דער שיף און קומען אַ געזונטע קיין ליסאַבאָן — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ שטול לעבן איר בעט.

גראַסיאַ האָט אָפּגעדעכעט מיט אַ דערלייכטערונג און אַזש אונטער־געציטערט פון אַן אויפגעוואַכטער פרייד. אירע אויגן זענען איבערגעפולט געוואָרן מיט טרערן, וואָס האָבן געגומען אַרונטעררינען אויף אירע פיבער־דיקע באַקן.

— דאָקטאָר דע קאַסטראָ לאַראַ, איר זענט געקומען מיך ראַטעווען. הייליקער, געטלעכער חכם! — האָט גראַסיאַ אויסגערופן מיט אַ ציטערנ־דיקער שטים און איר פּנים האָט זיך ווי צעגליט מיט אַ ראָזעווער פלאַמע־דיקייט אויף אירע באַקן.

— באַרויִקט זיך, דאָנאַ גראַסיאַ, איך בין נישט קיין הייליקער און נישט קיין געטלעכער חכם. איך בין בלויז דער דאָקטאָר פון אייער גרויסער משפּחה און אַ פריינד פון דאָרטען, וואָס איך ווינטש אים, אַז גאָט זאָל אים באַשי־רעמען פון אַל דאָס שלעכטס — האָט ער געזאָגט.

ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי געהאַלטן אַ ווײַלע ביים דופק, דערנאָך האָט ער מיט די פינגער לײַכט באַרירט טיילן פון איר בויך, ווי דאָס נפשל האָט זיך איצט לײַכט באַוועגט אין איר אינגעווייד.

— מיט גאָטס הילף וועט איר בשלום איבערקומען, און דו, האַדאַר, זאָלסט נישט אָפּטרעטן פון איר דעם גאַנצן וועג — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט צום פּולאַסהאַ־מיידל.

האַדאַר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אויף אירע זאַפטיק־רויטלעכע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, וואָס האָט געעפנט איר מויל מיט אירע ווײַסע, שאַרפע ציין, ווי זי וואָלט הנאה געהאַט וואָס זי וועט באַגלייטן גראַסיאַן אויף אַ שיף, אַ באַפרייטע, און מער נישט דאַרפן פאַרקויפט ווערן.

— איצט קענט איר זיך שוין אָנטאָן און איך מוז שוין גיין צו אַנדערע פּאַציענטן — האָט דאָקטאָר לאַראַ געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט.

— איך דאַנק אײַך, דאָקטאָר לאַראַ, גאָט זאָל אײַך באַלוינען פאַר אייער גוטסקייט צו מיר און צו מיין געטרייען דאָרטען. ער האָט מיר געהאַט אַ סך דערציילט וועגן דעם שקלאַפן־מיידל, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אײַך, ווי איך וואָלט זי שוין פון פריִער געקענט. איך וועל זי באַהאַנדלען ווי מיינע אַ שוועסטער און נאָך מערער — האָט גראַסיאַ געזאָגט.

דאָקטאָר לאַראַ איז אַ צופרידענער אַרויס פון צימער. דאָס מיידל האַדאַר איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ שעמעוודיקע מיטן קײַשל אין האַנט, ווי זי וואָלט נישט געהאַט די דרייסטקייט צו מאַכן אַ ווייטערדיקן טריט. אויך זשאָזע איז געשטאַנען אין אַ זייט און מיט נײַגעריקייט באַטראַכט דאָס טונקעלע מיידל.

— באַקען זיך, האַדאַר, דאָס איז מיין קוזין זשאָזע דאַ סילוואַ, וואָס וועט מיך אויך באַגלייטן — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַן אויפגעלעבטער, פריי־לעכער שטים און איז אַ רירעוודיקע אַרונטער פון בעט.

— קום אַהער צו מיר, האַדאַר, און העלף מיר אָנטאָן מיינע וועגקליידער — האָט גראַסיאַ מיט אַ שמייכלענדיק פּנים זיך געווענדט צום מיידל. האַדאַר

האָט אָוועקגעשטעלט דאָס קישל אויפן דיל און אַ דרייסטערע צוגעקומען צו גראַסיאַן גרייט זי צו באַדינען.

פון דרויסן האָט זיך גענומען הערן אַ טומל. עס איז צוגעפאָרן אַ וואָגן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז. עס האָט זיך געהערט אַ הויך גערעדעריי פון עטלעכע מענטשן. צווישן די אַלע שטימען האָט גראַסיאַ דערקענט די געלאַסענע שטים פון זשואַן מענדעס. באַלד האָבן זיך געהערט שווערע טריט אויף די טרעפּ, וואָס האָבן זיך דערנענטערט דורכן קאָרידאָר צו איר צימער. מען האָט לייכט אָנגעקלאַפּט אין טיר, ווי זי נישט איבערצושרעקן.

זשואַן מענדעס איז פּאַמעלעך אַריין אין צימער. ער האָט לייכט אַ גלעט געטאָן זיין זון זשאָזע איבערן קאָפּ. אויף זיין אויסגעמאָגערט פּנים מיט איינגעפאַלענע באַקן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל. זיינע פאַרשפּיצטע וואָנצעס און די לענגלעכע באַקן־פּאות זענען שוין געווען פול מיט גרויע פּעדעמלעך, ווי ער וואָלט דורך דער צייט, וואָס מען האָט צוגענומען זיין ווייב לאָורענסיאַ, אַ סך עלטער געוואָרן.

— אָ! איך זע, גראַסיאַ, אַז דו האָסט נאָך אַן אַרויסהעלפערין. ווער איז זי? — האָט זשואַן מענדעס באַטראַכט דאָס טונקעלע מיידל, וואָס האָט געהאָלפן אָנטאָן גראַסיאַן.

— דאָס האָט מיר דאָקטאָר לאָראַ געבראַכט, דאָס מיידל וואָס דואַרטע האָט מיר געהאַט געקויפט אַ מתנה — האָט גראַסיאַ געזאָגט און אויף אירע פאַרטריקנטע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ ביטער־זיס שמייכעלע.

— אָ! אָרעמער דואַרטע, ווען אַלץ האָט ער געטראַכט צו באַזאָרגן — האָט זשואַן מענדעס שטיל אָפּגעדעכעט.

אויף דער שוועל האָבן זיך באַוויזן די צוויי משרתים, וואָס האָבן געהאַט געאַרבעט ביי דואַרטען אין זיין סחורה־לאַגער ביים פּאָרט. זיי האָבן נישט געהאַט די דרייסטקייט אַריינצוגיין אין צימער.

— נו, גיט זיך אַ ריר! ס׳ווערט שפּעט, מען דאַרף פאָרן צו דער שיף — האָט זשואַן מענדעס זיי באַפוילן מיט אַן אומגעדולדיקער שטים.

די צוויי משרתים האָבן זיך האַסטיק געלאָזט צו די איינגעפּאַקטע קעסט־לעך און וואַליזקעס און זיי גענומען אַרונטערטראָגן צום וואָגן, וואָס איז געשטאַנען לעבן הויז.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און דאָס צימער איז געוואָרן אויסגעליי־דיקט. איצט איז שוין גראַסיאַ געווען זיכער, אַז זי וועט דאָ נישט איבער־בלייבן. עס איז איר באַשערט געווען צו האָבן האַרצווייטיק און זי איז אָפּגע־קומען בלויז מיט שרעק. אויך דאָס נפשל אין איר לייב האָט זיך שוין געהאַט אין גאַנצן באַרויִקט, ווי עס וואָלט געהאַט איינגעדרימלט, זיך איינגעטוליעט נאָך די כּסדרדיקע אויפרודערונגען, וואָס זי האָט געהאַט אַ גאַנצן טאָג.

גראַסיאַ איז געווען אויסגעפּוצט אין אירע וועגקליידער. זי האָט געהאַט אָנגעטאָן אויף זיך אַ טונקעלן, ברייטן מאַנטל, מען זאָל נישט צו פיל אַרויס־זען איר אַרויסגעשפּאַרטן בויך און פאַרהילט איר פּנים מען זאָל נישט זען אויף אים די געלבלעכע פלעקן.

פון דרויסן האָט זיך געהערט דאָס אָפּפאָרן פון דעם שווערן לאַסטוואָגן. גראַסיאַ איז צו צום פענצטער און מיט נייגעריקער פרייד נאָכגעקוקט ווי דער אָנגעלאָדענער וואָגן מיט די איינגעשפּאַנטע פערד האָט זיך אַוועקגעלאָזט באַרג־אַראָפּ צו דער קירכע־גאַס, וואָס האָט געפירט פּאַזע דעם שטיינערנעם פאַרקאַן צום פּאָרט.

ביים פאָדערשטן אַריינגאַנג איז שוין געשטאַנען זשואַן מענדעסעס קוטשער לעבן דער קאַרעטע. ביים הויז איז אויך געשטאַנען אַ געזעמל מיט מענטשן, שכנים און די באַדינערס, די שקלאַפן פון הויז, וואָס טייל פון זיי האָט זשואַן מענדעס געהאַט באַפרייט און די אַנדערע פאַרקויפט צוזאַמען מיטן הויז צו נייע אייגנטימערס. טייל שכנים האָבן אַרויסגעקוקט פון די פענצטערס מיט בייז וווּנדער, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון די זינדיקע ניי־קריסטן, אַנדערע מיט באַדויער, וואָס זיי פאַרלירן שטילע, איידעלע שכנים.

גראַסיאַ האָט טיף אָפּגעדעכעט מיט גרויס דערלייכטערונג וואָס זי וועט דאָ נישט דאַרפן איבערבלייבן. איצט וועט זי זיין צוזאַמען מיט אירע קרובים, וואָס וועלן אפשר נאָך די אויספאָרשונגען אין דער אינקוויזיציע אין ליסאַבאָן אָפּקומען מיט אַ קליינער שטראָף, מיט תּשובה טאָן. אָבער באַלד ווערט איר האַרץ ווידער פאַרקלעמט. איר קוזין, דער מאַנאַך אַנטאָניאָ, האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָרטע וועט נישט אַזוי גרינג אָפּקומען מיט אַ קליינער שטראָף, אַפילו ער זאָל זיך מודה זיין אין זיינע זינד. איז אַנטאָניאָ

אויסן געווען זי אָפּצושרעקן, אָדער איז עס טאַקע אמת? איז וואָס קענען זיין דוואַרטעס זינד? האָבן די קרובים פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי עפּעס צוגעטראַכט אַ בילבול קעגן אים כּדי צו נעמען נקמה אין אים? אָדער האָבן זיינע שׂונאים צוגעשטעלט פאַלשע מוסרים, פאַלשע עדות קעגן אים, כּדי אים צו רויִנירן?

אירע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן זשואַן מענדעס און זיין זון זשאָזע. ביידע זענען שוין געווען אָנגעטאָן אין זייערע וועגאַויסשטאַטן — זשואַן מענדעס אין אַ ברייטן וואָלענעם מאַנטל מיט אַ קאַפּטור פון הינטן אָנגעהאַנגען ביי דער פּלייצע, מיט אַ ברייטן טוכע־נעם הוט אויפן קאָפּ, זשאָזע אין אַ וואָלענעם מאַנטל מיט אַ קאָלירטן שלייף פאַרבונדן ביי דעם קאָלנער פון זיין העמד.

— מיר זענען אַלע גרייט פאָרן צום פּאָרט — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט.

גראַסיאַ האָט זיך געשטעלט ביי דער וואַנט מיטן פּנים צום מזרח און שטיל גענומען פּרעפּלען אַ תּפילה, וואָס איר מוטער מרים האָט איר געהאַט אויסגעלערנט צו זאָגן פאַרן פאָרן אויף אַ ווייטער נסיעה. כאָטש זי פילט זיך שוין אַ סך געזינטער ווי אין דער פרי, שטייט איר דאָך פאָר אַ געפערלעכע נסיעה.

זשואַן מענדעס האָט זי נישט צוגעאיילט. ער אַליין האָט געהאַלטן אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ מיט צוגעשלאָסענע אויגן און געהאַלטן שטיף פאַר־שטשעמעט די ליפּן. זשאָזעס אויגן זענען געלאָפן מיט נייגעריקייט פון גראַסיאַן, וואָס איז געשטאַנען אַ געבויגענע, אויסגעדרייט צו דער וואַנט, און צו זיין פאָטער, וועמענס פּנים איז געווען פאַרכמורעט מיט אַ טרויעריקן אויסזען. ער האָט אים געוואָלט פרעגן וואָס פאַר אַ געבעט זאָגט איצט גראַסיאַ און זי צלמט זיך נישט ווי דאַמאַליאַ האָט דאָס אים געהייסן טאָן היינט אין דער קירך און פאַר וואָס זיין פאָטער שטייט ווי אַ פאַרגליווערטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ ווי ער וואָלט אַן ווערטער עפּעס אַ תּפילה געטאָן. ער האָט אָבער נישט געהאַט די דרייסטקייט דאָס צו פרעגן ביי זיין פאָטער. ער האָט זיך משער געווען, אַז עס איז זיי אַ שאָד צו פאַרלאָזן די היים און אַוועק אויף אַ שיף, אויף וועלכער מען פירט אַוועק זיין מוטער, אָפּגעזונדערט פון זיי, טיף אין דער שיף ווי אין אַ קעלער־קאַמער.

גראַסיאַ האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו זשואַן מענדעס, צוגערופן דאָס שקלאַפן־מיידל האַדאַר און איר אָנגעוויזן צו נעמען איר געפלאָכטן קיישל מיט אירע זאַכן. אַלע זענען שטיל, אָן אויסצורעדן אַ וואָרט, אַרויס פון צימער און אַרונטערגעגאַנגען פון די טרעפּ צום אַרויסגאַנג. אין דרויסן איז דער צונויפקום פון מענטשן שוין געווען גרעסער. די באַדינערינס פון הויז זענען געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט אונטער זייערע בוזעמס. זייערע פּנימער זענען געווען פאַרזאָרגט, פאַרטראַכט וועגן זייער גורל וואָס וואַרט זיי ביי די נייע אייגנטימערס. ביי אַ סך זענען די אויגן געווען פאַרטרערט.

דעם קוטשערס ווייב האָט צוגעטראָגן גראַסיאַן אַ קיישל מיט פרוכט, מאַנגאָס, אַוואָקאַדאָס, באַנאַנעס, באַדעקט מיט בלומען. גראַסיאַ האָט זיך צו איר צוגעבויגן און געדריקט אירע הענט.

— איך דאַנק אייך פאַר אייער גוטסקייט צו אונדז — האָט גראַסיאַ געזאָגט און געפילט ווי דעם קוטשערס ווייב האָט מיט אירע ליפּן פייכט געמאַכט איר האַנט.

זי איז פּאַמעלעך אַפּגעטראָטן און זיך געלאָזט, צוזאַמען מיטן שקלאַפן־מיידל, צו דער קאַרעטע, וווּ זשואַן מענדעס און זשאָזע האָבן אויף איר געוואַרט. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די ווייכע געזעסן און די קאַרעטע איז פּאַוואָליע אַפּגעפאָרן. זיי האָבן בלויז געזען דורך די אויפגעהויבענע קאַרעטע־פאַרהענגלעך ווי אַ סך פון די פאַרזאַמלטע מענטשן האָבן געפאָכעט מיט די הענט. אַנדערע פון די באַדינערינס האָבן זיך געווישט מיט די פאַרטעכער די טרערנדיקע אויגן.

גראַסיאַ האָט זיך אָנגעלענט אין ווענטל פון געזעס און צוגעמאַכט די אויגן. זי האָט געפילט לעבן זיך, פון איין זייט דאָס שקלאַפן־מיידל האַדאַר, און פון דער אַנדערער, דעם קליינעם זשאָזען. ער האָט אַ נישט דרייסטער לייכט אָנגענומען איר האַנט. זי האָט אים צוגעטוליעט מאַמעדיק צו איר זייט און אים אַרומגענומען מיט איר אָרעם.

די קאַרעטע איז שוין געפאָרן גיך איבער די גריבלדיקע גאַסן. איר קערפּער האָט זיך געוויגט און זי האָט געפילט, אַז אויך דאָס נפשל אין איר לייב האָט זיך גענומען באַוועגן, זיך טוליען צו די ווענטלעך פון איר אינגעווייד. זי האָט אָבער מער נישט געפילט קיין ווייטיק, נאָר גאָר הנאה

געהאַט פון זיין וואַכיקן אומרו. זי האָט צו זיך געשמייכלט און גערעדט ווי צו אים אַן ווערטער: „באַלד וועלן מיר זיין אויף דער שיף און מיר וועלן קענען אַ סך רוען".

זי האָט געעפנט די אויגן צו זען ווי ווייט זיי זענען פון פּאָרט. אין דער לופט האָט זיך שוין געשפּירט דער זאַלציקער גערוך פון ים־וואַסער, אויס־געמישט מיטן פוילנדיקן ריח פון די וואַסער־געוויקסן ביים ים־ברעג.

אויך זשואַן מענדעס האָט געעפנט זיינע צוגעשלאָסענע אויגן און אַרויס־געקוקט דורכן פענצטערל צום דרויסן.

— נו, מיר זענען שוין באַלד ביים האַפן.

זשאָזע איז שוין איצט נישט געזעסן צוגעדריקט צו גראַסיאַן און מיט גרויס נייגעריקייט אַרויסגעקוקט צום אָפענעם ים, וואָס האָט זיך אויסגע־שפּרייט פאַר זיינע אויגן. ריזיקע מעוועס זענען געפלויגן איבערן וואַסערפלאַך און זיך געוויגט אויף די שוימיקע כוואַליעס.

פון דער נאָענטער פראַסאַ ביים פּאָרט האָט זיך שוין אַהער געטראָגן אַ טומל פון אַ סך מענטשן. עס איז אויך געוואָרן אַ געדראַנג פון צופאָרנדיקע קאַרעטעס, לאַסט־וועגענער, טראַגשטולן און רייטערס, וואָס האָבן זיך גע־שפּאַרט צו דער פראַסאַ, צום פּאָרט כדי צו פאַרנעמען אַ באַקוועמען פּלאַץ.

די קאַרעטע איז צוגעפאָרן דורך דער שמידגאַס צו דער געביידע, וואָס האָט באַלאַנגט צו דואַרטע דאַ סילוואַ. דער פּלאַץ פאַרן אַריינגאַנג איז נאָך געווען ליידיק, ווי מענטשן וואָלטן זיך געשראָקן פאַר דעם פאַרשאָלטענעם הויז.

זיי זענען אַרויס פון דער קאַרעטע און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע לעבן די פאַרהאַמערטע און פאַרשלאָסענע טירן פון דואַרטעס סחורה־לאַגער. די שלעסער זענען געווען פאַרזיגלט מיט וויינרויטלעכע, טריוואַקסענע שטעמ־פּלען פון דער מלוכה־קרוין.

— איך קען דאָ נישט שטיין, לאָמיר וואָס גיכער גיין צו דער שיף — האָט גראַסיאַ געזאָגט.

— איך פאַרשטיי, מיר איז אויך דאָ שווער צו שטיין און זען ווי מען האָט באַרויבט אונדזער דואַרטען — האָט זשואַן מענדעס געזאָגט און זיך אומגע־קוקט צי עמעצער האָט נישט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט נענטער צום ים־ברעג.

אין האַפן איז שוין געשטאַנען די הויכע, מעכטיקע זעגלשיף. אויף דער פאָדערשטער שיפוואַנט איז געווען אָנגעפאַרבט מיט גרויסע ווייסע אותיות דער נאָמען פון דער שיף, „מאַדרע דע דעיאָוס״. דריי זעגלען זענען שוין געווען אַרויפגעצויגן אויף די מאַסטן און זיי האָבן געפלאַטערט פון דעם לייכטן ווינט, וואָס האָט געפאָכעט אויף זיי פון ים.

בײם האַפן זענען שוין איצט געשטאַנען אַ סך מענטשן, מייכסטנס סוח־רים — אימפּאָרטירערס, מלוכה־באַאַמטע, סאָלדאַטן, אָנגעטאָן אין זייערע קאָלירטע אוניפאָרמען מיט באַגילדטע קנעפּ און אין הויכע הוטן אויף די קעפּ, מיט אַרויסגעסטאַרטשעטע פעדער־בעזעמלעך איבער די קרוין־עמ־בלעמען.

ביי גראַסיאַן האָט אויף ס׳ניי געגומען קלאַפּן האַסטיקער דאָס האַרץ. עס האָט זיך איר געוואָלט עמעצן פרעגן צי זענען שוין די אַרעסטירטע אויף דער שיף, אָדער מען דאַרף זיי ערשט ברענגען. אויך זשואַן מענדעס איז געווען צעטומלט און געזוכט עמעצן, וואָס ער קען, אָבער ווי אויף להכעיס איז נישט געווען קיינער וואָס איז אים געווען באַקאַנט.

מיט אַ מאָל האָט ער דערזען פון דער ווייטנס אָנקומען זיין קוזין, דעם מאַנאַך אַנטאָניאָ. ער האָט איצט געהונקען אויף די פיס אַ סך ערגער ווי אַלע מאָל פריִער. לעבן זיי זענען מיטגעגאַנגען צוויי באַגלייטערס, זיינע פריינד, דער אַדלמאַן מאַרטעס בלאַנקאָ און דואַרטעס געוועזענער שוואָגער פערדינאַנד.

גראַסיאַ האָט זיי אויך שוין דערזען און אַ ציטער געטאָן. זי האָט געזוכט ערגעץ ווו זיך צו באַהאַלטן פון זיי, אָבער די פּראַסאַ איז געווען גרויס און די הייזער ווייטלעך אַוועק. זי האָט פון גרויס פאַרצווייפלונג אָנגעכאַפּט זשאָזעס הענטל און פּאַמעלעך געגומען אַוועקשפּאַנען צו דער שיף, ווו די שיף־אַרבעטער, האַלב־נאַקעטע, שוואַרצע מענער האָבן אַוועקגעלייגט אַ שמאָל שפּאַנבריקל פון פּאָרטברעג צו דער שיף. גראַסיאַ האָט אָבער געפילט הינטער זיך ווי איר קוזין מיט זיינע באַגלייטערס דערנענטערן זיך צו איר.

— דאָנאַ גראַסיאַ, איך בין געקומען זיך געזעגענען מיט דיר — האָט זי געהערט די שטים פון איר קוזין. זי האָט שוין נישט געהאַט קיין ברירה און זיך אָפּגעשטעלט.

ער איז צוגעקומען נענטער צו איר און זיינע באַגלייטערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ווייטער פון זיי און זיך געמאַכט קוקן אין אַ זייט.

— איך זע, אַז דו האָסט טאַקע באַשלאָסן אונדז צו פאַרלאָזן. איז ווער וועט דיר דאָרטן זיין בייהילפיק? זשואַן מענדעס איז אַליין אומבאַהאָלפן, זיינע אַדוואָקאַטישע קענטעניש וועלן אים ווייניק העלפן.

גראַסיאַ האָט פאַרשטייפט אירע הענט איינצוהאַלטן איר אויפרעגונג.

— מיר זענען אַלע פאַרלוירענע מענטשן, אָן אַ באָדן און אָן אַ היים, אויך דו, מיין קוזין, דו קענסט מיר מיט גאָרנישט העלפן — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַ ביטערניש אין איר שטים.

— איך קען דיר יאָ העלפן, די צוקער־פּלאַנטאַציע באַלאַנגט צו מיר און איך וועל זי דיר איבערגעבן.

— ניין, מיין טייערער קוזין. דו און דיין פאַרמעגן באַלאַנגען צו דער קירך. פאַרגעס נישט, דו האָסט געגעבן דיין שבועה צו דער קירך. דו קענסט מיר גאָרנישט געבן און איך וויל נישט נעמען וואָס ס׳באַלאַנגט צו דער קירך — האָט גראַסיאַ געזאָגט און אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ זיגעריש שמייכעלע.

דעם מאַנאַך אַנטאָניאָס פּנים איז געוואָרן טרויעריק, פאַרכמורעט, ווי אירע רייד וואָלטן אים אין גאַנצן דערדריקט. ער האָט גענומען שטאַמלען.

— איך וועל צורופן מיינע פריינד, אפשר וועלן זיי דיך באַווירקן דו זאָלסט כאָטש בלייבן מיט אונדז אין שטאָט, אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַ גרויסע צוקונפט פאַר דיר און דייך קינד, וואָס דו טראָגסט.

גראַסיאַ האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט געהאַט אויפגעהויבן איבער איר קאָפּ דעם וואַל, כדי בעסער צו זען. זי האָט אים גיך אַריבערגעצויגן איבער איר פּנים.

דער מאַנאַך האָט מיט אומגעלומפּערטע הינקענדיקע טריט געאײַלט צו זיינע פריינד און מיט זיי עפּעס גערעדט. זיי האָבן זיך נישט לאַנג געלאָזט בעטן און זענען גלייך צוגעקומען צו גראַסיאַן און זיך העפלעך פאַרנייגט.

— דאָנאַ גראַסיאַ, מיר זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אונדזער פריינד דואַרטעס באַשערטע. איך און מיין פריינד פערדינאַנז, דואַרטעס געוועזענער שוואָגער, זענען אייך גרייט מיט אַלץ צו העלפן. באַקענט זיך

מיט אים — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט און די רויטע פלעקן פון זיין פּנים זענען געוואָרן צעפלאַמט.

— איך דאַנק אייך זייער, סענהאָר בלאַנקאַ. דואַרטע וואָלט עס שטאַרק אָפּגעשאַצט. איך נייטיק זיך אָבער נישט אין קיין שום הילף. איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דואַרטע און איך האָבן אַזוי פיל פריינד — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַ סאַרקאַסטישער שטים.

— צום באַדויערן האָבן מיר נישט געקענט העלפן סענהאָר דואַרטע, אָבער אייך, צום גליק, קענען מיר יאָ העלפן — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט מיט אַ טאָן ווי איר צו לאָזן וויסן, אַז אַ דאַנק אים איז זי שוין געהאָלפן געוואָרן און זי איז פריי דאָ צו פאַרבלייבן.

— איך פאַר ווו דואַרטע ווערט געשיקט — האָט גראַסיאַ געזאָגט מיט אַ פעסטער, אַנטשלאָסענער שטים. זי האָט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ גענומען זוכן זשואַן מענדעס, ער זאָל אויך צוקומען און זי וועט האָבן אַ געלעגנהייט זיי איבערצוגעבן צו אים. זשואַן מענדעס איז געשטאַנען ווייט־לעך אַוועק, פאַרטאָן אין אַ שמועס מיט עטלעכע סוחרים ווי עפּעס ביי זיי אויסצוגעפינען. זי האָט אויך באַמערקט ווי איר באַגלייטערין דאָס שקלאַפן־מיידל באַהאַלט זיך הינטער זשואַן מענדעס, ווי זי וואָלט נישט געוואָלט, אַז מאַרטעם בלאַנקאַ, וואָס שטייט לעבן איר, זאָל זי באַמערקן. איר פּנים איז געווען פול מיט שרעק...

— אַ שאָד, וואָס איר פאַרלאָזט אונדז. אונדזער שטאָט וועט ווערן אָרע־מער — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט.

— סענהאָר בלאַנקאַ, וואָס דאַרפט איר מיך דאָ האָבן? איך בין אַ קראַנ־קע, שוואַנגערדיקע פרוי. איך וויל דאָ קיינעם נישט זיין צו לאַסט. איך פאָר מיט מיינע קרובים. איך וויל זיין מיט זיי.

— אָ! איר וועט נישט זיין קיין לאַסט. אונדזער מאָנאַך, אייער קוזין, וועט אייך העלפן, מיר וועלן אייך אַלע זיין בייהילפיק — האָט מאַרטעם בלאַנקאַ געזאָגט.

— זיכער, איך וועל איר העלפן. איך האָב דאָ קיינעם נישט פון מיינע קרובים, וואָס האָבן זיך אָפּגעקערט פון אונדזער דערלייזער. זי, דאָנאַ גראַסיאַ, איז די איינציקע געבליבענע. איך וויל אויפהאַלטן אַ ריינע קריסטלעכע

נשמה און אויפהאָדעווען איר קינד, ווי עס וואָלט געווען מיין קינד — האָט דער מאַנאַך גערעדט מיט אַ פייערלעכן טאָן, ווי ער וואָלט גערעדט פון אַ פולפּיט.

אויף מאַרטעס בלאַנקאַס פּנים, אַרום זיינע אויגן און מויל, האָט זיך באַוויזן אַן אַפּלאַכערישע גרימאַסע, וואָס האָט ביי גראַסיאַ אַרויסגערופן אַ ביטער געפיל. זי האָט זיך געוואָלט פון זיי אָפּשיידן און געזוכט אין איר געדאַנק אַ וואָרט ווי אַזוי דאָס צו טאָן אויף אַן איידעלן אופן.

אָבער מיט אַ מאָל איז פּלוצעם געוואָרן אַ געלויף אויף דער פּראַסאַ. די מענטשן זענען געלאָפן צום באַרגיקן מאַנאַסטיר, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס הויז פון דער אינקוויזיציע.

— איך בעט אייך, געפינט אויס, וואָס עס איז געשען. איך מוז זען סענהאָר זשואַן מענדעס דאַ סילוואַ. איך וויל אים נישט פאַרלירן אין געדראַנג — האָט גראַסיאַ געזאָגט און זיך געזעגנט מיט זיי.

זי האָט אָנגענומען די האַנט פון זשאָזען, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט נישט צו שטערן די מענער, וואָס האָבן גערעדט מיט איר. זיי זענען איילנדיק געגאַנגען אין דער ריכטונג, ווו זשואַן מענדעס איז געשטאַנען אַ פאַרטאָענער און גערעדט מיט עטלעכע סוחרים.

פון דער באַרגיקער קלויסטערגאַס האָט מען געפירט אַ גרויסע גרופּע נייַ־קריסטן אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער מיליטערישער וואַך.

— איך וויל זען מיין מאַמע, מיין מאַמע! — האָט זשאָזע אַ פאַרצווייפל־טער זיך גענומען בעטן. גראַסיאַ האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט אים איינגע־פּרעסט זיין אָרעם.

— דו וועסט זי זען אויף דער שיף, מיין טייערער. דו ביסט נאָך קליין. די מענטשן וועלן דיך צעקוועטשן. דו מוזסט מיך אויך אָפּהיטן, זשאָזע. מיר וועלן צוגיין נענטער צו דער שיף — האָט גראַסיאַ געזאָגט.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער שיף האַרט ביים האַפן, ווו עס זענען שוין געשטאַנען אַנדערע פּאַסאַזשירן.

דער אַנגעלאָף האָט זיך דערנענטערט צום ים־ברעג. די מיליטער־וואַך מיט אויסגעסטראָיעטע סאָלדאַטן, אָנגעטאָן אין אויסגעפּוצטע אוניפאָרמען מיט באַגילדטע עפּאָלעטן און הויכע באַקרוינטע הוטן מיט פעדער־בעזעמלעך,

זענען געגאַנגען פאַרויס. זיי האָבן געעפנט אַ וועג, אָפּגעטריבן די נאָכ־לויפנדיקע מענטשן און זיי גישט צוגעלאָזט צום האָפן.

איצט האָט שוין גראַסיאַ געקענט זען די צוגעפירטע אַרעסטאַנטן, מיינסטנס פון איר משפחה. דאָנאַ לאָורענסיאַ איז געגאַנגען פאַרויס, רויק, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ריין קלייד מיט אַ טונקעלן שאַל אויפן קאָפּ, פאַרבונדן מיט אַ שלייף ביים האַלדז. איר בלייך פּנים איז געווען אויסגעצערט. הינטער איר איז געגאַנגען גראַסיאַס מוטער, מרים, מיט אַן אָנגעהאָנגען שילדל אויף דער ברוסט מיט איר קריסטלעכן נאָמען: בראַנקאַ מאַריאַ. זי איז געגאַנגען איינגעהויקערט און שווער גע־שלעפּט אירע פיס. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אין איר מומען איזאַבעל קאַר־דאָזע, נאָך זיי איז נאָכגעגאַנגען די גאַנצע משפחה דאַ סילוואַ און די משפחה קאַרדאָזע, צווישן זיי דער יונגער דיעגאָ און זיין פאָטער מענואל קאַרדאָזע ווי אויך זשואַן מענדעסעס ברידער לואיס און בערנאַרדאָ דאַ סילוואַ.

צום סאַמע סוף האָט גראַסיאַ דערזען דואַרטען. ער איז געגאַנגען צווישן עטלעכע אומבאַקאַנטע מענטשן, מולאַטאָ־פרויען, קינדער פון געמישטע ניי־קריסטן, אַ מיטליאַריקן גלח, אַ כופר, און אַ פאַרזינדיקטן סאָלדאַט.

דואַרטע איז געווען אָנגעטאָן ריין אין אַ טוכענעם מאַנטל אַזוי ווי ער וואָלט נאָר וואָס געקומען פון זיין געשעפט. זיין פּנים איז אָבער געווען אויסגעצערט ווי ער וואָלט געהאַט פאַרלוירן אַ סך וואָג. אונטער די אויגן האָבן זיך געזען אונטערגעהאַקטע שוואַרצע רינגען. ער איז געווען צוגע־העקלט ביי דער האַנט מיט אַ קייט צום באַשולדיקטן פאַדרע.

זשאָזע האָט זיך ווידער געוואָלט אָפּרייסן פון גראַסיאַן און זיך געראַנגלט מיט אַ בעטנדיק געוויין: — מאַמע! מאַמע!

זשואַן מענדעס און דאָס שקלאַפן־מיידל האָבן זיך איילנדיק דערנענטערט צו זיי.

— אָט איז דיין פאָטער, גיי צו אים — האָט גראַסיאַ געזאָגט.

זשאָזע האָט זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן צו זיין פאָטער און איז אַריינ־געפאַלן אין זיינע אָרעמס. ער האָט זיך צוגעטוליעט צו אים און אַריינגעהע־שעט אין אים מיט אַ באַהאַלטן פּנים.

איצט האָט גראַסיאַ שווער אָפּגעזיפצט. זי האָט געפּרוווט אויפכאַפּן

דאָרטעס בלאַנדזשענדיקע בליקן, ווי ער וואָלט זיי געזוכט צווישן דעם אַנגעלאָף פון מענטשן, אפשר וועט ער זי דערזען און וועט וויסן, אַז זי וועט מיטפאָרן מיט אים אויף דעם לאַנגן, שווערן וועג קיין ליסאַבאָן. ער מוז עס וויסן, אַז זי באַגלייט אים, מיט דעם קינד אין איר, אַפילו ערגעץ ווו אין עק וועלט.

די צוגעפירטע אַרעסטאַנטן זענען אַרויף אויף דעם צוגעפּעסטיקטן שפּאַנבריקל צו דער שיף. טייל האָבן זיך אומגעקוקט הינטערווײַלעכץ צו זען עמעצן, אַ באַקאַנטן פריינד, נאָך אַ מאָל צו זען די שטאָט ווו זיי זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן. עס האָט זיך גראַסיאַן אויסגעדוכט, אַז דאָרטע האָט זי דערזען. עס האָט נישט לאַנג גענומען און די אַרעסטאַנטן זענען גיך נעלם געוואָרן ערגעץ ווו אין דער טיפעניש פון דער שיף.

ערשט נאָך זיי האָבן די פּאַסאַזשירן גענומען אַרויפגיין אויף דער שיף. זשואַן מענדעס איז געגאַנגען פּאָרויס און געפירט זיין זון זשאָזע ביי דער האַנט. הינטער זיי זענען נאָכגעגאַנגען גראַסיאַ און איר באַדינערין דאָס פולאָסהאַ שקלאַפן־מיידל האַדאָר.

זשואַן מענדעס איז גלייך געגאַנגען באַזאָרגן די קאַיוטעס פאַר זיי, ווו זיי וועלן זיך דאַרפן אָפּרוען צו קענען איבערטראָגן די לאַנגע נסיעה אויפן ים.

גראַסיאַ האָט ווידער אָנגענומען זשאָזען ביי דער האַנט און זיך אַוועקגעשטעלט אויפן דעק קוקן אויף דעם פאַרזאַמלטן המון, וואָס איז געקומען זען דעם בייזן וווּנדער, ווי מען שיקט אַוועק איר משפּחה צו דער אינקוויזיציע.

פאַר אירע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט די באַרגיקע שטאָט מיט אירע ווילעס, קירכעס און קלויסטערס, מיט אירע אָרעמע געסלעך. איבער אַלץ האָט געהויערט ביים ים־ברעג דער ריזיקער העל־גראַניט־באַרג, ווי אַ צוקער־קוכן און דער הויקערדיקער גיגאַנט, דער „קאַרקאַוואַדאָ״־באַרג. גראַסיאַס אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לאַנגער ריי מיט באַרג־הויכקייטן, ווו צווישן זיי האָט זיך אַרויסגעהויבן איינער פון די בערג, ווי עפּעס אַ פאַרפּויסטע, מעכטיקע האַנט מיט אַ ווייזפינגער צום הימל אַרויף. עס האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעשטרעקטער, וואָרענענדיקער פינגער, דער „פינגער פון גאָט״, ווי די מענטשן פון שטאָט האָבן אים גערופן.

עס האָט זיך גראַסיאַן אויסגעדוכט, אַז „דער פֿינגער פֿון גאָט" איז עפּעס ווי אַ וואָרענונג צו די מענטשן, וואָס זענען געקומען זיך פֿרייען מיט זייער אומגליק, אַז ערגעץ ווו איז דאָ גאָטס שטראָף פֿאַר דער זינד, וואָס מען באַגייט קעגן איר מאַן און איר משפּחה.

זי האָט דערפֿילט דעם פֿלאַטער פֿון ווינט אויף איר קאָפּ, וואָס איז געקומען פֿון דעם ווייטן, אומענדלעכן ים. די שיף האָט זיך גערירט פֿון אָרט און איז אַוועק פֿון ברעג. גראַסיאַ האָט אויפֿגעהויבן איר וואָאַל און געלאָזט פֿלאַטערן דעם ווינט, וואָס האָט געקילט איר צעפֿלאַמט, פֿיבערדיק פּנים.

די שטאָט און די בערג זענען, וואָס ווייטער פֿון ים־ברעג, איינגעהילט געוואָרן אין אַ בלויען נעפּל און די בלוי־נעפּלדיקע ווייטקייט פֿון הימל האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער בלויקייט פֿון די ריזיקע ים־כוואַליעס.

אינהאַלט

9 ערשטער קאַפּיטל
18 צווייטער קאַפּיטל
33 דריטער קאַפּיטל
46 פערטער קאַפּיטל
58 פינפטער קאַפּיטל
71 זעקסטער קאַפּיטל
89 זיבנטער קאַפּיטל
98 אַכטער קאַפּיטל
115 ניינטער קאַפּיטל
136 צענטער קאַפּיטל
157 עלפטער קאַפּיטל
168 צוועלפטער קאַפּיטל
184 דרייצנטער קאַפּיטל
210 פערצנטער קאַפּיטל
236 פופצנטער קאַפּיטל
255 זעכצנטער קאַפּיטל
278 זיבעצנטער קאַפּיטל
313 אַכצנטער קאַפּיטל
340 ניינצנטער קאַפּיטל
365 צוואַנציקסטער קאַפּיטל
380 איין און צוואַנציקסטער קאַפּיטל
404 צוויי און צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דערשינענע ביכער פון שמשון אַפּטער

צווישן שטעט, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 1936

דער בונט און אַנדערע דערציילונגען, ניו־יאָרק,

פאַרלאַג פאָלקס־ביבליאָטעק, 1942

אין דער רוימישער געטאָ, היסטאָרישער ראָמאַן,

אַרויסגעגעבן און פּרעמירט פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד, 1946

בגיטו רומא, עברית, איבערגעזעצט פון אמיר גלבוע, תל־אביב

פאַרלאַג ספרית פּועלים, 1948

אין אַ נייער וועלט, אַמעריקאַנער היסטאָרישער ראָמאַן

ציקאָ ביכער־פאַרלאַג 1956

די פּרייסינגערס, ראָמאַן,

י.ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב 1964

די פּרייסינגערס, אין ענגליש, איבערגעזעצט פון דזשאָזעף זינגער,

פאַרלאַג באַרנס און קאָמפּאַני, 1980

ווען די קונצנמאַכער וועלן קומען, דערציילונגען,

ציקאָ ביכער־פאַרלאַג 1973

באַקומען די יעקב גלאַטשטיין ליטעראַטור־פּרעמיע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס,

1978